STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04177

MEKSIKANER ZIGZAGN

Abraham Weisbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ווייסבוים

מעקסיקאַנער זיגזאַגן

געקליבענע פֿעליעטאָנען, מאָנאָלאָגן, הומאָרעסקעס און בילדער

פֿאַרלאַג „וויסן"

מעקסיקע, ד. פֿ.

1947

געווידמעט דעם אָנדענק

פֿון מיין אומפֿאַרגעסלעכן

חבר משה ראָזענבערג ע"ה

ABRAHAM WEISBAUM

MEXICANER ZIGZAGN

HUMORADAS, MONOLOGOS Y CUADROS ESCOGIDOS

EDITORIAL "SABER"

MEXICO, D. F.

1 9 4 7

געדרוקט און געבונדן אין דער דרוקעריי און איינבינדעריי „וויסן"
באַכיאָ 319 —— מעקסיקע, ד. פ.

Impreso y encuadernado en los Talleres Linotipográficos
"SABER" —— Bajío 319

MEXICO, D. F.

Copyrigth 1947, By Abraham Weisbaum
México, City.

Todos los derechos del Autor,
reservados conforme a la Ley
México, D. F.

אינהאַלט:

אריינפיר פון סאַלאָמאָן קאַהאַן	זייט	7
עטלעכע ווערטער פון מחבר	״	11
1. מעקסיקאַנער אידן		
מעקסיקאַנער אידן	״	13
אידישע פרנסות	״	17
גרינע	״	20
מעקסיקאַנער אידיש...	״	25
מיר פראָגרעסירן...	״	30
מעקסיקאַניזאַציע	״	34
סעזאָן אידן...	״	38
מעקסיקאַנער אידישקייט	״	42
אַ אידישע מלוכה	״	46
ויהי ערב ויהי פויקער...	״	50
באַנקראָטן...	״	55
מזל־טוב, אידן!	״	59
אַקציעס מיט ביישטייערער	״	62
דאָקטאָריי...	״	67
אַ ווייבערשע מלוכה...	״	72
נעמערס און געבערס	״	78
כ'האָב אַן אַקציע (מאָנאָלאָג)	״	82
פּאָקער און ברידזש	״	86
מאַניאַנאַ	״	91
אַ היסטערישער רעפּעראַט	״	96
קאָמיטעטן און קאָמיטעט אידן...	״	100
שווער צו זיין אַ קאָבראַדאָר! (מאָנאָלאָג)	״	105
מנחם מענדל אין מעקסיקע...	״	110
שווער צו זיין אַ שדכן... (מאָנאָלאָג)	״	114
קאַבצאַנסק אין מעקסיקע...	״	121
2. יום טוב אין דער וואָכן		
געבורטסטעג מיט מתנות	״	127
מעקסיקאַנער דאַטשעס...	״	132
ער און זי (דיאַלאָג)	״	138
אידן מיט קאַטשעס...	״	142
אידישע קאָנקורענטן...	״	147
אַן אידעאַלע דאַטשע...	״	151
אַ טאָג פאַרן טאַטן...	״	156
האָראָס קאָרידאָס...	״	160
פּיניאַטאַס, יאָלקעס און וואַקאַציעס	״	165
מ'לויפט צו די קאַררעראָס...	״	170
לוקסוס... (מאָנאָלאָג)	״	175
וואַקאַציע אין גן עדן...	״	185
קאָנצערטן מיט טאַלאַנטן	״	185
הוליעט אידן, הוליעט!	״	189
3. אונזער קולטור וועלטל		
אידישע קולטור און שאַבאַט שאַלאָם...	״	195
וואָס איז אידישקייט?	״	201

צען און צוואַנציק „ 206
וואָס איז אידישע קולטור? „ 211
פאַראייניגען און שרייבער... „ 215
אַ פאָלק אָן אַ לשון... „ 219
יאָ געשמדט, נישט געשמדט „ 223
אין חדר אַריין! „ 227
קוואַנטום און קוואַליטעט אידן „ 232
אַ ביכער אַקציע „ 236
אַנאַנסן מיט גראַטולאַציעס „ 241
אונזער אידיש לשון, נעבעך... „ 246
ביי אונז בליט און וואַקסט די אידישע קולטור... „ 251
וואוהין גייט די אידישע יוגנט „ 256
היט זיך אידן, די אַסימילאַציע גייט! „ 260

4. אונזערע יום טובים

אונזער יום־טוב פון פרייהייט „ 265
ווען אידן ציילן ספירה „ 270
מתן תורה „ 274
אַ טאָג פון געדענקען „ 278
געסט „ 282
לאָמיר שלאָגן כפרות!... „ 287
שמחת תורה „ 292
אַ פסחדיקע מלוכה מיט חמצדיקע קשיות „ 296
שוין ווידער אַ ניי־יאָר... „ 300

5. די פאַמיליע טיניפאַצקי

יענטע טיניפאַצקי (מאָנאָלאָג) „ 305
יאַנקל פייפער (מאָנאָלאָג) „ 312
סעניאָריטאַ טיניפאַצקי (מאָנאָלאָג) „ 320
סאַלוואַדאָר טיניפאַצקי (מאָנאָלאָג) „ 325
יאַנקל פייפער מאַכט דותונה... (מאָנאָלאָג) „ 330
יאַנקל פייפער ווערט אַן אַריסטאָקראַט (מאָנאָלאָג) „ 335

6. אַלערליי

פרילינג „ 341
טעריטאָריעס „ 347
אוי דער דאָלאַר! „ 351
באַנקעטן מיט רעדעס... „ 355
שטרייקן „ 359
וואַסער „ 364
פאַשיסטן „ 368
די מענער נעבעך „ 372
לאָמיר זיך איבערשיכטן „ 375
אומפאַרטייאיש „ 379
אוי די ראַדיאָס! „ 382
לאָמיר ווערן אַרבעטער „ 387
געפרווירן געלט „ 391
געזעצן „ 396
מיר זיינען אַ גליקלעך פאָלק! „ 400
פועבלאַ חלומט (בילדער) „ 405

אַרײַנפיר

פון

סאַלאָמאָן קאַהאַן

די אַנטוויקלונג פון דעם יונגן, קוים אַ פערטל יאָרהונדערט אַלטן, מעקסיקאַנער מזרח־אייראָפּעאישן, אידיש רעדנדיקן ישוב, איז צוליב אַ גאַנצער רייע סיבות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער מעקסיקאַנער עקאָנאָמיק און מיטן מעקסיקאַנער סאָציאַלן פּייזאזש, געגאַנגען אויף אַן אייגנאָרטיקן וועג.

דאָס אידיש לעבן דאָ האָט דערפאַר, זייענדיק פונדאַמענטאַל דאָס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר אין אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, אָנגענומען אַ געוויסע ספּעציפישע באַפאַרבונג, וואָס טיילט דעם מעקסיקאַנער אידן אויס פון זיינע דרום־אַמעריקאַנישע ברידער.

כאָטש דער מעקסיקאַנער איד אַלס טיפּ, האָט, צוליב דער יונגקייט פון אָט דעם ישוב, ווי אויך צוליב דער אַלץ נאָך באַשטייענדיקער פאַרוואָרצלטקייט פון דעם ערשטן דור אימיגראַנטן אין דעם גייסטיקן באָדן פון מזרח־אייראָפּע, פון וואַנען דער רוב מנין ובנין פון דעם מעקסיקאַנער אידנטום, איז אַהער געקומען, — זיך נאָך נישט אויסגעפורעמט, האָבן זיך אָבער שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן געוויסע דייטלעכע סימנים פון אַ צוקונפטיקער מעקסיקאַנער אידישער אייגנארטיקייט. און כאָטש דער פּראָצעס פון יוירן איז נאָך נישט פאַרענדיקט, וועט אָבער דאָך דאָס אויג פון אַ געניטן באַאָבאַכטער פון אידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע, לייכט דערקענען דאָס כאַראַקטעריסטישע און אייגנטימלעכע, וואָס מאַכט, פונדאַמענטאַל, דעם אידן פון מעקסיקע שוין איצט צום מ ע ק ס י ק אַ נ ע ר אידן.

אָט דעם פּראָצעס פון יוירן, אויף וויפל ער לאָזט איבער אין דעם גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג אַ שליים פון נעגאַטיווקייט און לעכערלעכקייט, האָט נאָכגעפאָלגט, באַוואָפנט מיט אַ שאַרפן זשורנאַליסטיש־פאָטאָגראַפישן אויג, וואָס קען אויפכאַפּן כאַראַקטעריסטישע שטריכן און לאָזט אויך נישט פאַרביי אינטערעסאַנ־

טע עפּיזאָדישע מאָמענטן, און מיט אַ חוש פֿאַר הומאָר און, ווען נויטיק, פֿאַר סאַטירע, — דער מעקסיקאַנער אידישער פּעליעטאָניסט אברהם ווייסבוים.

יעדער ישוב האָט זיך, אויסער זיינע אַלגעמיין־אידישע, אויך ספּעציפֿישע, אין די ראַמען פֿון אָט דעם געגעבענעם ישוב פֿאַרשטענדלעכע און ווירקנדיקע אינסטיטוציעס. זייער קערנדיקייט ווערט באשטימט דורך זייער לאָקאַלן כאַראַקטער. צו אָט דעם מין לאָקאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זייער וועזן ווערט באַשטימט דורך דער לאָקאַלער סביבה, געהערן אין מעקסיקע ווייסבוימס פּעליעטאָנען.

נישט יעדער פּעליעטאָניסט קען זיך באַרימען, אַז זיינע פּעליעטאָנען זיינען אין דער סביבה, אין וועלכער ער ווירקט, געוואָרן אַ שם דבר. דערצו פֿאָדערט זיך, אַז דאָס זשורנאַליסטישע טאָן פֿון דעם פּעליעטאָניסט זאָל האָבן געוואָרן אַן אויפֿטו. אַן אויפֿטו קען עס אָבער ווערן נאָר דאַן, ווען דער ישוב, אין וועלכן דער פּעליעטאָניסט לעבט און ווירקט, דערקענט זיך אַליין אין די פּעליעטאָנען, אַפֿילו ווען ער זעט זיך דאָרט אָפּגעשפּיגלט אין אַ קרומען שפּיגל.

ווען אָט דאָס פּאַסירט, דאַן קענען מיר, אין אַ געוויסן זין, באַטראַכטן דעם פּעליעטאָניסט ווי אַ קולטור־היסטאָריקער פֿון דעם געגעבענעם ישוב. זיינע פּעליעטאָנען קריגן דאַן אַ דאָפּלטע באַדייטונג: אויסער זייער ריין־ליטעראַרישן ווערט, ווי אַ קוואַל פֿון עסטעטישן גענוס, זיינען זיי גלויבנסווערטער מאַטעריאַל פֿאַרן געשיכטלער. דער היסטאָריקער פֿון דעם דאָזיקן ישוב וועט זיך אָן זיי שוין נישט קענען באַגיין.

אברהם ווייסבוימס פּעליעטאָנען קענען פֿאַרעכנט ווערן צו אָט דער קאַטעגאָריע. בלויז אויפֿן גרונט פֿון זיינע פּעליעטאָנען, וועט מען די געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דעם מזרח־אייראָפּעאישן אידישן ישוב איז מעקסיקע, נישט קענען שרייבן; אָבער דער געשיכטלער, וואָס וועט זיך ווידמען אָט דער אויפֿגאַבע, וועט נישט קענען זיך דערלויבן דעם לוקסוס גלייכגילטיק פֿאַרבייצוגיין ווייסבוימס פּעליעטאָנען. אָן זיי וואָלט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס פֿאַרלאָרן געגאַנגען פֿאַרן פֿאָרשער אַן ערשט־קלאַסיקער קוואַל פֿון קולטור־היסטאָרישער אינפֿאָרמאַציע, אַ מין פּראָזשעקטאָר, וואָס באַלייכט די אייגנאָרטיקייט פֿון געוויסע פּראָצעסן אין דער אַנט־

ווּיקלוּנג פוּן דעם מזרח־אייראָפּעאישן אימיגראַנטנטום אין מעקסיקע.

פוּן דער אַנדערער זייט, זיינען אָבער דאָ אין ווייסבוימס פעליעטאָנען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס מאַכן אָט די זשורנאַליסטישע שאַפוּנגען נישט נאָר ליטעראַריש־גילטיק, נאָר אויך, היסטאָריש־באַשרייבעריש, ריכטיק, פאַר אַ נ ד ע ר ע אידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע. דער פאַקט, וואָס זיינע פעליעטאָנען ווערן אַזוי אָפט און אַזוי הויפיק איבערגעדרוקט אין דרום־אַמעריקאַנישע אידישע אויסגאַבן, איז אַ באַווייז, אַז זיי זיינען אין אַ גרויסער מאָס אַקטועל אויך פאַר אַ נ ד ע ר ע ישובים פוּן איבעראַ־אַמעריקאַ.

ווייסבוימס שטאַרקייט ווי אַ פעליעטאָניסט נישט בלויז פוּן אַלגעמיינער זשורנאַליסטיש־ליטעראַרישער באַדייטונג, נאָר — און דאָס איז וויכטיקער — ווי אַ פעליעטאָניסט, וועמענס זשור־נאַליסטישע שאַפוּנגען זיינען דאָקומענטן פוּן קולטור־היסטאָרי־שער וויכטיקייט, ליגט אין זיינע פעליעטאָנען פוּן ש ט ר ע נ ג ל אָ ק אַ ל ן כאַראַקטער. אויפן געביט פוּן שילדערן פעליעטאָ־ניסטיש דאָס ספּעציפישע פוּן דעם לאָקאַלן פּייזאַזש פוּן דעם מזרח־אייראָפּעאישן, אידיש רעדנדיקן אידן אין מעקסיקע, קען ער אויפווייזן געוויסע שאַפוּנגען, וואָס זיינען באמת מייסטער־ווערק פוּן אָט דעם זשאַנר.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָב איך, רעדנדיק וועגן ווייס־בוימס פעליעטאָנען־סעריע „די פאַמיליע טיניפּאָצקי", אין וועל־כער ער האָט געשילדערט „די נייע ראַסע" פוּן מעקסיקאַנער אידישע מלחמה־גבירים, געשריבן:

„ווען אַ געוויסער נאָמען גענומען פוּן אַ פעליעטאָן, ביר־גערט זיך אַזוי שנעל איין אין דעם באַוואוסטזיין פוּן אַ קיבוץ, און עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז מענטשן הויבן אָן צו אידענ־טיפיצירן די אָדער יענע פוּן זייערע מיטמענטשן מיט אָט דעם נאָמען, איז עס דער בעסטער באַווייז, אַז ער פאַרקערפּערט אין זיך באַשטימטע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ גאַנצן געזעלשאַפטלעכן שיכט.

דאָס איז דער פאַל מיט די „טיניפּאָצקיס". זיי זיינען אַזוי שנעל געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פוּן אונזער פאָרשטעלונגס־קראַפט, טאָקע דערפאַר וואָס אין זיי דערקענען מיר די שאַרף

אַרויסגעבראַכטע קאַנטורן פון יענע אומצייליקע „פּאַרוועניוס“, וואָס, האָבנדיק — אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין — דערגרייכט, טאַקע צוליב דער ספּעציפישער היגער קאָניוקטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער איצטיקער וועלט־מלחמה, משוגע־נעם רייכטום און גרענעצלאָזן וואוילטאָג, — האָבן זיי אַרויסגע־וויזן זייער אמתן פּרצוף פון גאַטלאָזע, האַרצלאָזע, מיטליידלאָזע גראָב־הויטיקע פּאַרשוינען.“

אברהם וויסבוים האָט מיט זיין שאַרפן אויג אַריינגעקוקט ניט נאָר אין די נעסטן פון די „טיניפּאַצקיס“; זיינע פעליעטאָנען עפענען פאַר אונז די פּאַנאָראַמע פון אַ סך אַנדערע נעגאַטיווע דערשיינונגען אין דעם לעבן און אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אידיש־אידישן מעקסיקע.

זייער ווערט איז ראשית כל אַ ליטעראַרישער; אָן דעם וואָלטן זיי בכלל נישט געהאַט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אין בוך־פאָרם. אָבער נישט ווייניקער וויכטיק איז די געזעל־שאַפטלעך־פּראָפילאַקטישע באַדייטונג פון וויסבוימס פעליע־טאָנען פאַר דעם יונגן מעקסיקאַנער ישוב, און זייער געשיכטלע־כע באַדייטונג, ווי אָן עכטער און דערפאַר באַגלויבטער קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט.

עטלעכע ווערטער פון מחבר

פון איבער צוויי הונדערט פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס, מאָנאָלאָגן און בילדער, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין די יאָרן פון 1931 ביז 1947 אין דער היגער צייטונג „דער וועג"; אינם זשורנאַל „אונזער וואָרט", אין עטלעכע צייטונגען און זשורנאַלן פון דרום־אַמעריקאַנער לענדער, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און קובאַ, זיינען אין דעם בוך אַריין בלויז דריי און אַכציק.

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, זיינען אינם בוך אַריין די גרעסטע צאָל מעקסיקאַנער טעמעס, און בלויז אַ קליינע צאָל אַלגעמיינע טעמעס.

כ'וויל דאָ אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק דעם חשובן שריפט־שטעלער און פּראָפעסאָר שלמה (סאָל) ליפּצין, פון ניו יאָרקער אוניווערזיטעט. פאַר זיין דערמוטיקן מיך (דורך בריוו) אַרויס־צוגעבן דאָס בוך.

אַ גרויסן דאַנק די חשובע חברים: דעם באַקאַנטן שרייבער חיים לאַזדייסקי, פאַר העלפן מיר ביים אויסקלייבן די פעליע־טאָנען; דעם פּעדאַגאָג, שרייבער און געוועזענער דירעקטאָר פון דער היגער אידישער שול מאיר בערגער, פאַר געבן זיך די מי, אַז דאָס בוך זאָל אַרויס אויפן שענסטן און בעסטן אופן, אין זיין דרוקעריי „סאַבער".

אברהם ווייסבוים

I.

מעקסיקאַנער אידן

מעקסיקאַנער אידן . . .

אונזער אידישער ישוב האָט שוין זייער א גוטן שם אויף דער גאנצער וועלט.

דער נאָמען פון די מעקסיקאנער אידן, איז ווייט און ברייט פארשפרייט צווישן אַלע אידן אין אַלע לענדער, אין אַלע אידישע שטעט און שטעטלעך אויף דער גאנצער וועלט...

די אידישע שרייבער וואָס האָבן אונז באזוכט, האָבן אונז באשריבן, באַשיינט, באַזונגען פונקט ווי מען באַזינגט אַ שיינע גערעטענע כלה מיט אַ רייכן נדן...

די וועלט, די אידישע וועלט, ווייסט שוין פון דער גרויסער אנטדעקונג, אַז אין מעקסיקע געפינען זיך אידן, נישט קיין באַזונדערער, אויסטערלישער אידישער שבט וואָס וואוינט אין דער מעקסיקאַנער רעפובליק צוזאמען מיט די אנדערע שבטים, ווי ס'זיינען למשל: די מאַיאָס, יאַקיס אָדער אצטעקן, טאָלטעקן, טשיטשימעקן, טשאָלולטעקן, מיסקסטעקן, טלאַסקאַלטעקן,, טוקס־טעקן, קועסטלאסטעקן, סאפאָטעקן, הואַסטעקן, טאָטאָנאַקן און רויטע איב־דיאַנער־אידן...

נאָר אמתע אידן, אידן פון ווארשע, ווילנע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, פויליַ־שע, ליטווישע, רוסישע און גאַליציאַנער אידן.

אידן וואָס ריידן נישט קיין אַצטעקיש, אָדער יוקאטעקיש, נאָר פּראָסט מאַמע־לשון, אידיש...

די אידישע וועלט ווייסט שוין, אז מעקסיקע איז רייך מיט פעטראָלעאום,

מיט זילבער, מיט וואולקאַנען, מיט רעוואָלוציעס, מיט סאָציאַליסטישע ביל־דונג, מיט גאָלדענע העמדלאך און מיט גוטע גאַסטפריינטלעכע אידן...

אַלע ווייסן שוין, אַז אין מעקסיקע זיצט זיך יעדער איד תחת גפנו ותחת תאנתו... יעדער איד האָט א פאַבריק, א געשעפט מיט א באנק־ביכל... די מעקסיקאנער אידן פעלט נישט, קיין עין הרע, פון קיין פויגל מילך...

די דעלעגאטן ווייסן שוין און קענען שוין דעם כאַראַקטער פון די מעק־סיקאַנער אידן.

זיי ווייסן שוין, אַז דער מעקסיקאַנער איד האָט ליב זיך ברייט צו שטעלן. ער גיט און האָט ליב צו געבן געלט מיט א ברייטער אָפענער האַנט.

די מעקסיקאַנער אידן טראָגן א קעגן די דעלעגאטן זייערע ביישטייערונ־גען מיט א פריילעך פנים און מיט א שמייכל אויף די ליפּן... זיי פרייען זיך וואָס דאָס וועלט אידנטום האָט אין זיי נישט פארגעסן און מען קומט ביי זיי אויך נעמען עטלעכע פעזעס...

דער מעקסיקאנער אידישער ישוב האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע גרויסע מנדבים, בעלי צדקות און פילאַנטראָפּן.

מ'האלט אונז פאר גוטע, ברייטהארציקע אידן.

אומעטום שרייבט מען וועגן אונז, אומעטום לויבט מען אונז ביזן הימל אַריין:

טייערע אידן, וואוילע אידן, הארציקע אידן, גאָלדענע אידן, ברילינאַנטענע אידן...

די מעקסיקאנער אידן האָבן נאָך א גרויסע מעלה, זיי האָבן א סך צייט... זיי האָבן געגנוג צייט און האָבן נישט וואָס צו טאָן אין דער פרייער צייט...

אין מעקסיקע יאָגט מען זיך נישט. נישטאָ זיך וואָס צו יאָגן... מ'וועט גאָרנישט פארזאמען, מ'וועט גאָרנישט פאַרשפעטיקן. אין מעקסיקע גילט נאָך דאָס וואָרט „מאַניאַנאַ" מאָרגן. מאָרגן איז אויך א טאָג, נישטאָ זיך וואָס צו איילן...

די געשעפטן ווערן פאַרמאַכט איינס אַזייגער אויף מיטאָג און מאַכן זיך ערשט אויף האַלב פיר... עפענען זיך ניין אין דער פרי און פאַרמאַכן זיך זיבן אין אָוונט.

אידן האָבן געגנוג צייט, מאַכט מען חתונות, בריתן, בר־מצוות און מ'מאכט אַ קערטל: מ'שפילט אין פאָקער, מ'שפילט אויף דער לאָטעריע, מ'שפילט אין ליבע... מ'קריגט זיך, מ'האָט דין תורות און די מעקסיקאַנער אידן זיינען נישט צופרידן...

זיי ווילן מ'זאָל זיי עפּעס מכבד זיין מיט אַביסל אידישע קונסט און קול־טור... און נישט בלויז מיט דעלעגאטן, משולחים, דרשנים און מגידים...

ווידער דעלעגאטן און ווייטער דעלעגאטן. ווידער געלט און ווייטער געלט... בלויז גשמיות, וואָכעדיקע זאַכן.

— גיט אונז עפּעס אויך אַביסעלע רוחניות, ברענגט אונז אַביסעלע גייסטיקייט, אַ ביסעלע יום־טובדיקייט, אַ ביסעלע אידישע קולטור...

און די אידישע קולטור וועלט האָט דערהערט דעם ס.אָ.ס., דעם קולטור הילפס־רוף פון די מעקסיקאַנער אידן...

די אידישע טעלעגראַפן אַגענטור („איטא") האָט פאַנאַנדערגעשיקט אַ דרינגענדיקע טעלעגראַמע צו אַלע אידישע צייטונגען און קולטור־טוער:

— דערבאַרמט זיך אויף די מעקסיקאַנער אידן, שטעלט זיי צו אַ ביסל אידישע קולטור!!!

— די מעקסיקאַנער אידן לעכצן נאָך אַ אידיש וואָרט, זיי זיינען דורשטיק, גייען ממש אויס נאָך אַ ביסעלע אידישע קולטור און קונסט...

און ס'האָבן זיך טאַקע באַלד אַנגעהויבן באַוויזן די ערשטע אידישע קול־טור שוואַלבן — די אידישע אקטיאָרן. מ'שפּילט ביי אונז אידיש טעאַטער מיט סטאַרס און סטאַרכעס אזש פון אַמעריקע...

ס'האָבן אַנגעהויבן קומען צו אונז פּאַרטיי טוער, פּראָפּאַגאַנדיסטן, רעד־נער, לעקטאָרן און רעפערענטן, זה יוצא וזה בא... אַרויס און אַריין.

ס'האָבן אַנגעהויבן פליען בריוו, דעפּעשן, טעלעגראַמעס, קול קוראס, צו די גרויסע וואָרט קינסטלער, צו די באַרימטע אָראַטאָרס און וואונדער־לעכע רעפערענטן:

— ווען קומט איר? וואָס זיינען אייערע טעמעס? און מה יקר? וויפל דאַרף עס אונז קאָסטן?...

יעדע אָרגאַניזאַציע יאָגט זיך אַראָפּצובריינגען די בעסטע, גרעסטע רע־פערענטן, די גרעסטע אָראַטאָרס וואָס דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט...

איין אָרגאַניזאַציע וויל איבערשטייגן דער אַנדערער מיט אירע רעדנער און לעקטאָרן, מיט די גרעסטע דענקער און וואָרט קינסטלער...

די מעקסיקאַנער אידן ווייסן שוין, אז ווען זיי דערהאלטן פון פּאָטשט אן אַנגעפּילטן, בייכיקן קאָנווערט, איז דאָס זיכער אן איינלאַדונג אויף אַ רעפעראַט...

די אידישע פרויען האָבן זיך אויפגעהערט אינטערעסירן אין פּאָקער, אין נייע מאָדעס און אין דערציילן נישט געשטויגענע פּלאָטקעס... זיי האָבן אויך אויפגעהערט צו קאָכן וועטשערע און אַלע פרויען און מיידלעך יאָגן זיך, לויפן גיך אין זאַל פון דער אָרגאַניזאַציע, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן חס וחלילה דעם אָנהויב פון רעפעראַט...

אַלע גייען שלאָפן ערשט צוויי אַ זייגער פאַרטאָג נאָך די לעקציעס מיט די דיסקוסיעס...

ביי טאָג גייען אַלע אַרום פאַרשלאָפן מיט האלב פאַרמאַכטע אויגן, מיט פאַרחלומטע פּנימער פון די נעכטיקע רעפעראַטן.

אַז עטלעכע אידן טרעפן זיך אין דער אידישער באַנק, רעדט מען נישט מער וועגן „לעטראַס", וועגן וועקסלען וואָס מ'דאַרף צאָלן צום טערמין... נאָר צי ס'וועט זיין אַ גייע לעקציע און צי דער באַרימטער רעדנער קומט טאַקע אין מעקסיקע...

אַז אַ חתן שפּאַצירט מיט זיין כלה, ריידן זיי נישט מער פון דעם בלויען הימל, פון דער בלאַסער לבנה מיט די פינקלדיקע שטערן... אָדער פון אייביקער ליבע מיט א וואוינונג פון פינף צימערן אין דער קאָלאָניע „היפּאָדראָמאָ"...

נאָר פון לעקציעס און רעדנער, פון סימפּאַטישע רעפערענטן און גרויסע אָראַטאָרן...

אָט האָט איר אַ פּראָגראַם פון אַ וואָך אידישע קולטור אין מעקסיקע:

מאָנטיק אָוונט א לעקציע: די סכאָלאַסטיקער אין מיטלאַלטער...

דינסטיק: די נשמה פון אינדישן פאָלק...

מיטוואָך: ווי אַזוי לעבן אידן אין שושן הבירה...

דאָנערשטיק: וואָס זאָל מען ריידן אין ארץ־ישראל: טערקיש, טאַטעריש אָדער תרגום לשון?...

פרייטיק: צי מעגן אידן האָבן א טעריטאָריע אויפן נאָרד־פּאָל?...

שבת: אַ לעקציע פון באַוואוסטן מאַגיקער פו־מאַן־טשו, וועגן דער ווירקונג פון מאַגנעטיזם אויפן מענטשלעכן געדאַנק.

זונטיק: אַ דיסקוסיע־אָוונט איבער דער טעמע: ווער איז גערעכט, איר צי איך?...

ס'וואָלט באמת געווען א יושר, אז די מעקסיקאנער אידן זאָלן רופן א גרויסן מאַסן־מיטינג פון אַלע רעפערענטן, רעדנער, דעלעגאַטן כדי זיי זאָלן זיך איינטיילן מיט די דריי הונדערט און זעכציק טעג פון יאָר... ווער ס'זאָל ריידן פריער און ווער שפּעטער...

מ'דאַרף אריינברענגען עפּעס אַ ביסעלע אָרדנונג אין די דריי הונדערט און פינף און זעכציק רעפעראַטן דורכן יאָר...

נאָך עטלעכע יאָר פון אידישער קולטור און קונסט, פון לעקציעס, טעאַטער, „באַילעס", קאָנצערטן, לעבעדיקע צייטונגען, קעסטל־אָוונטן און דיסקוסיע־אָוונטן...

נאָך עטלעכע יאָר פון דעלעגאַטן, מאנדאטן, ציטאַטן, דעבאַטן און רעפעראַטן און די מעקסיקאנער אידן וועלן זיין די געבילדעטסטע אידן אויף דער גאָרער וועלט...

ס'וועט זיין א כבוד און אַ פּריווילעגיע צו זיין אַ מעקסיקאנער איד...

אידישע פרנסות

אַ סך אידיש־דענקנדע מוחות, זיינען איצט באַשעפטיקט מיטן פּראָבלעם פון „דעקלאַסירטע", פון די אידן וואָס ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע עקאָ־נאָמישע פּאָזיציעס און בלייבן אָן יעדן אויסזיכט אויף פּרנסה. דאָס פּראָ־בלעם פון „דעקלאַסירטע" איז ממש קאַטאַסטראָפאַל, די סאָוועטן רעגירונג לייזט דאָס אויף איר שטייגער... אין די שטאַטן ווערט עס מיט יעדן טאָג שאַרפער. און אַזוי אין אַלע לענדער וואו אידן לעבן.

ביי אונז אין מעקסיקע האָט זיך דאָס פּראָבלעם אָנגעהויבן מיטן אַראָפּ־טרייבן אונז פון די מערק, און נישט דערלויבן פאַר אויסלענדער דעם קליין־האַנדל אויף די גאסן. נאָר זעט איר רבותי, דוקא מיר, דער איינגעסטער אי־דישער ישוב אויפן אמעריקאנעם קאָנטינענט, מיר האָבן געלייזט די פראַגע איינס און צוויי, על צד היותר טוב. מיר האָבן דאָ נישט די גרויסע אידישע דענקער, די געלערנטע און עקאָנאָמיסטן. האָבן מיר זיך אַליין געגעבן אַן עצה. גאָר פשוט, מען לאָזט אונז נישט האַנדלען מיט קיין זאָקן און שטאָל־וואַרג, וועלן מיר האַנדלען מיט אַ ספּעציפיש אידישער אינדוסטריע — מיט אידיש געבעקס...

מיר וועלן אויסלערנען אונזערע שכנים עסן אידישע חלה, זאָלן זיי וויסן וואָס פאַר א טייער פאָלק מיר אידן זיינען.

נעמט אדרבא פאַרזוכט א שטיקל אידישן קוילעטש און ווייסט וואָס א טעם ס'האָט.

האָבן זיך עטלעכע „דעקלאַסירטע" גענומען און אויפגעמאַכט קליינע ברויט קרעמלאך. נו ווייסט איר דאָך — אַז ס'איז גוט פאַר ברוך'ן, איז עס אויך גוט פאַר זרח'ן... איז געוואָרן א געלאָף. א פרישע פּרנסה — ברויט! אין קאָרידאָרן און גלאָט ליידיקע פענסטער וואָס גייען אַרויס אויפן גאַס, האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן דער ברוין גלאַנציקער קאָליר פון אידיש געפלאָכטענע חלות, זיי שפּאַרן שוין אַזש אָן אין „קאָלאָניע ראָמאַ" אין „טאַקובאַיאַ"...

ווען א פרעמדער איד זאָל מאכן אַ שפּאַציר איבער די גאסן פון שטאָט, וואָלט ער זיכער ביי זיך אָפּגעמאַכט — א אידישע שטאָט מעקסיקע; אַזוי פיל פענסטער מיט אידיש געבעקס! — געפלאָכטענע פּורים־קוילישן מיט צימרינג און זאפראן, אויסגעבאַקענע געבייטלטע לאַנגע ברויטלעך, באַ־

שיט מיט קימל אויף דער גלאַנציק ברוינער זייט, און אונטן אויסגעבאַקן, צוגעברוינט מיט מעל, שוואַרצע ראַזאָווע ברויט וואָס עס גלוסט זיך באַ־שמירן מיט פוטער און טרינקען מיט א הייס גלאָז קאַווע מיט שמאַנט. פּלעצלעך מיט ציבעלעס, עפּל־שטרודל מיט ראָזשניקעס, מאַקאַראַנדלעך, צוקער־לעקאַך, האָניק־לעקאַך, אייער־קיכלעך, בייגל און בייגעלעך וואָס וועקט דעם אַפּעטיט און רייצט דעם אידישן גומען...

איז דאָך דאַכט זיך גוט, אידן האָבן א נייע פּרנסה, איז אָבער אונז נישט באַשערט צו האָבן א ביסעלע נחת.

ראשית, ווערט דאָס אידישע געבעקס, וואָס די מעקסיקאַנער עסן מיט גרויס אַפּעטיט, נישט אָנגערופן מיטן ריכטיקן נאָמען: אנשטאָט „פּאַן כור־דיאָ" ווי ס'דאַרף באמת הייסן, רופט מען עס גאָר „ פּאַן רוסאָ" אָדער „פּאַן אַלעמאַן"... אַז גימפּל שמייסער איז אַ קעשענע־גנב, אָדער זלמן האָצנפּלאָץ איז אַן „אַנזעצער" ווערן זיי אָנגערופן „כודיאָס" און מישא עלמאַן, צימ־באַליסט, די וועלט־באַרימטע פידל־ווירטואָזן, זיינען געניאַלע „רוסאָס" כאָטש זיי זיינען גאַנץ גוטע „כודיאָס"... — מילא, וואָלטן כאָטש די מעקסי־קאַנער אָנגערופן אונזער באַטעמטע חלה און שטרודל „פּאַן כודיאָ", איז אונז אוודאי נישט באַשערט כאָטש אַ קליין ביסעלע כבוד...

נישטאָ קיין מזל! נאָר אין דעם זיינען מיר אַליין שולדיק: אַזוי ווי מען גיט זיך אַ נאָמען אַזוי רופט מען!... והשנית: האָב איך מורא אַז די נייע פּר־נסה הייבט זיך אָן אַרויסצוגליטשן פון אונזערע הענט, ווייל די שפּאַנישע בעקערס וואָס האָבן דאָ כמעט א מאָנאָפּאָל אויף אַלע בעקעריען, האָבן אָנגעהויבן נאָכמאכן אונזער ברויט דעם „פּאַן רוסאָ". דערווייל זיינען זיי גרויסע פּאַרטאַטשעס אין דער מלאכה... אַ געפּלאַכטענער קוילעטש וואָס ליגט ביי זיי אין פענסטער, זעט אויס בלאָס מיט פלעקן ווי א שלעכט אָנ־געפּודערט מיידל... נישט גוט אויסגעבאַקן, אָבער זיי וועלן זיך פריער אָדער שפּעטער אויסלערנען די מלאכה. מיין עצה וואָלט געווען, אונזער נאַציאָ־נאַלע אינדוסטרי־מאכלים צו פּאַטענטירן, פּשוט אַרויסנעמען א פּאַטענט אויף יעדן מין געבעקס באַזונדער, למשל: אויף חלה אַזאַ נומער, אויף בייגל אַן אנדער נומער... נאָר כ'האָב מורא, אַז ס'איז שוין צו שפּעט! די שפּאַנישע בעקערס וועלן זיך אַן עצה געבן: אַנשטאָט צו פלעכטן א קוי־ליטש מיט אַ גראָבן בורזשואַזנעם בויך און מיט צוויי פּראָלעטאַרישע דיי־נע שפּיצן, וועלן זיי מאכן פּירקאַנטיקע קוילישן, און גיי טו זיי עפּעס.

נאָר נישט געזאָרגט אידן: לא אלמן ישראל! אויפן ערגסטן פאַל האָבן מיר נאָך א גרויסן „זאַפּאַס" אין אונזער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע וואָס מיר קענען אויסנוצן, ווי למשל: געפילטע פיש, (יאָ, ס'איז דאָ א אידישער רעסטאָראַן וואו מעקסיקאַנער קומען ספּעציעל עסן פּעסקאַדאָ רעיענאָ —

געפילטע פיש), מאַנדלען מיט יוך, טשאָלנט, געפילטע קישקע, אַ לאָקשן־קוגל, א געוואָרפּענעם קוגל, שטרודל.

אונזערע זויערע אַוגערקעס וועלן זיכער ארויסשטופן די געפּעפּערטע טשיליעס... קניידלעך, כרעמזלעך, חרוסות, כריין, (די מעקסיקאנער וואונדערן זיך טאקע צו וואָס מיר נוצן עס)... מייערן־צימעס. פלוימען צימעס וואָס מיט דעם קענען מיר מאכן א פארמעגן...

קאַשע מיט שמאַלץ, קרופּניק, גריוון, ציבעלע מיט שמאלץ, געהאקטע לעבער. מיט קרעפּלעך קענען מיר ממש שאַרן גאָלד אין די גאַסן... פאַרגליווערטע פיס וועט זיכער ווערן אַ נאַציאָנאַל מאכל אין מעקסיקע. פון אונעזרע זיס־און־זויערן און ראָסל פלייש וועט מען זיכער לעקן די פינגער. ווער שמועסט נאָך די געפילטע העלזלעך, רויטן באָרשטש, קרויט מיט ראָזשינקעס, פרעגט בעסער נישט! מ׳וועט אונז פשוט אָפּגילטן... ס׳בלייבט נאָך איבער די לאַטקעס פון צעריבענע קאַרטאָפל, מאָן־קיכלעך, המן־טאַשן, שטעפּנט, פלאָדן, איינגעמאכץ, טאָפּ־געבראַטנס, האָבער־גריץ, צוגעריישטע קארטאָפל, ראָזשינקע־וויין. נישקשה, מיר האָבן ברוך השם גענוג! נאָר איין זאַך וואָלט איך בעטן: דערבאַרימט זיך און רופט נישט די אַלע מאכלים מיט גויישע נעמען: מייערן־צימעס למשל, רופט נישט „מייערן־צימעס רוסאָ” נאָר „מייערן־צימעס כודיאָ” אָדער כאָטש לכל הפחות — מייערן־צימעס־איזראַעליטאָ. וואָס אַרט דאָס אייך? זאָלן מעקסיקאַנער וויסן וואָס אידן קענען. ווי איר זעט, האָבן מיר נישט וואָס צו זאָרגן, די מעקסיקאנער אידן דאַרפן נאָר בעטן אויף געזונט, מיט פּרנסות זיינען זיי שוין, געלויבט צו גאָט, פאַרזאָרגט...

גרינע...

ס'איז לעבעדיק און פריילעך אין שטעטל...

מיר האָבן צוגעקראָגן אין אונזער ישוב א נייע גרופּע אימיגראַנטן. מיר האָבן מיטאמאָל דערזען נייע, פרישע פּנימער; מיר האָבן ביי אונז איצט נייע, פרישע, צאַפּלדיקע „גרינע"...

אַדאַנק און אַ לויב דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף „מעקסיק" און אונזערע אידישע קעשענעס... האָבן מיר געהאַט די גרויסע זכיה, פאר צוויי וואָכן שבת, אראָפּצונעמען פון שיף אונזערע נייע „גרינע"...

אמת, מיר האָבן, ברוך השם, מיט יעדער שיף וואָס קומט פון אייראָפּע צו עטלעכע גרינע, אָבער מיט דער לעצטע שיף זיינען צו אונז געקומען אַזעלכע „גרינע", אַז צייט די גרינע בליען און גרינען, האָבן מיר נאָך אַזעלכע „גרינע" נישט געהאַט...

שייך צו זאָגן „גרינע". בסך הכל זיינען מיר נאָך אויך האלבע „גרינע"... אַ סך פון אונז זיינען שוין טאַקע געוואָרן אַביסל געל... און אַ סך פאַר־שווארצט. אָבער די מערסטע פון אונז האלטן זיך נאָך אַלץ פאר נישט אויסגעגרינטע...

איר ווייסט דאָך אוודאי, אַז קיין פּראָסטע ארבעטער קענען איצט לויטן געזעץ נישט אריינקומען אין מעקסיקע... זיינען טאקע אונזערע אימיגראנטן בלויז געקליבענע אינטעליגענטן, ספּעציאַליסטן, ווי דאָס געזעץ פאָדערט: אינזשיניערן, זעצערס, כלות צו חתנים, לערער, כעמיקער, פרומע עלטערן, פרויען צו מענער, רעדנער, רעפערענטן און רביצינס...

און די אַלע ספּעציאַליסטן וועלן מוזן לויטן געזעץ, אויסלערנען זייער ספּעציאַליטעט איין מעקסיקאנער...

אַ לערער, למשל, וועט מוזן אויסלערנען איין מעקסיקאנער ווי אזוי צו זיין א אידישער לערער... א כעמיקער וועט מוזן אויסלערנען איין מעקסי־קאַנער וואָס די רבנן זאָגן אין פּטום הקטורת... און ווי אַזוי צו מאַכן פון ראַזשינקע־וויין דעם בעסטן פּאַרפיום.

א רביצין וועט דאַרפן אויסלערנען איין מעקסיקאַנערין, די גרויסע מצוה פון ליכט בענטשן, פון חלה נעמען און פון מקווה...

אונזערע נייע „גרינע" זיינען פון בעסטן סאָרט, אמתע ספּעציאליסטן, סאַמע שמאַלץ, אמתער שמן זית זך, הוילע רוחניות, געקליבענע אתרוגים

פון די מובחרים אָן א שום פגימה חלילה. בלויז אינטעליגענטן, בלויז גייס־טיקע, קולטורעלע מענטשן...

דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט דערקלערט ביים אָנקומען אין וועראקרוז, אַז ער האָט געהאַט אויף זיין שיף אַ גאַנצן אוניווערזיטעט... פון בעסטן וואָס דאָס פאָלק ישראל פאַרמאָגט... און דערפאר טאקע, איז די שיף גע־שווימען אויפן ים פונקט ווי אויף אַ רואיקן, שטילן טייך. אָן ווינטן, אָן שטורם, פונקט ווי אויפן הייליקן ירדן...

צווישן די „גרינע" אינטעליגענטן איז אויך געווען אַ פרומער, גאָטס־פאַרכטיקער איד, אַן אמתער ירא שמים, א הדרת־פנים מיט א פאַטריאַר־כאַלער צעקעמטער גרויסער באָרד, (אויף אַן אויסשטעלונג פון בערד, וואָלט ער זיכער געקראָגן דעם ערשטן פרייז...) מיט גראָבע געקרייזלטע לאַנגע פיאות, מיט גרויסע ברעמען און אין שיך און זאָקן מיט א גלאַנצענדיקער אַטלעסענער קאַפּאָטע...

דער פרומער „גרינער„ האָט אויף אַלע געמאַכט א גרויסן רושם סיי אויף דער שיף און סיי ביים אַראָפּגיין פון שיף...

אויף דער שיף האָט דער פרומער איד מיט דער מאָדנער הלבשה, אָנ־געמאַכט א גרויסן רושם מיט ציבעלעס...

א גאַנצן וועג האָט ער נישט געוואָלט טועם זיין, פאַרזוכן פון דער שיפס טריפהנע מאכלים... דער פרומער איד האָט זיך נעבעך דערנערט בלויז מיט ציבעלעס...

ברויט מיט ציבעלע, קאַרטאָפל מיט ציבעלע, הערינג מיט ציבעלע און בלויזע ציבעלעס...

אַן אינטעליגענטער „גרינער" יונגערמאַן, וואָס איז געפאָרן מיטן ציי־בעלע־איד אין איין קאַיוטע, האָט זיך איינמאָל מוסר נפש געווען און איז אַרויף געלאָפן צום קאַפּיטאַן מיט אַן אולטימאַטום: דערבאַרעמט זיך! כ'קען שוין מער נישט פאַרטראָגן מיין שכן מיט די ציבעלעס... די ציבעלעס שלאָגן מיר שוין צום הארץ. אָדער וואַרפט מיך אַריין אין ים אָדער די ציבעלעס, אָדער גיט מיר אַן אנדערן שכן...

דער יונגערמאַן וואָס האָט ליב געהאַט שבת נאָך די פיש א טעלערל געהאַקטע ציבעלעס מיט לעבערלעך, מיט צעריבענע ארבעס, האָט א נדר געטאָן, אז מער עסט ער שוין נישט קיין ציבעלעס...

ביים אראָפּגיין פון שיף, האָט דער פרומער איד ווידער געמאַכט א גרויסן רושם אויף אַלע מעקסיקאַנער פּאָרט־באַאַמטע...

דער איד האָט זיך איינגעשפּאַרט און קאַטעגאָריש דערקלערט, אז ער גייט נישט אראָפּ פון שיף אום שבת... ער וועט בשום אופן נישט אונטער־שרייבן זיין נאָמען אום הייליקן שבת קודש. ניין און ניין! — האָט ער געזאָגט; יאָך גיי נישט! ער וועט נישט מחלל שבת זיין, ער וויל נישט פאַרלירן זיין

חלק עולם הבא... דער איד איז געבליבן נעכטיקן אויף דער שיף ביז זונ־טיק...

די פאַרט־באַאַמטע האָבן זיך דערשראָקן, זיי האָבן געמיינט, אז דער איד מוז אוודאי זיין א רבי, א רב, א רעליגיעזער מנהיג... און רבנים קענען נישט אריין קומען אין לאנד.

מ'האָט קוים מיט גרויס מי דערקלערט די באַאַמטע, אז דאָס איז א פשו־טער פרומער איד, וואָס וויל נישט פארשוועכן דעם הייליקן שבת...

די היגע פרומע אידן מעגן זיך פרייען מיטן „גרינעם" שומר־שבתניק. ביי אונז טרעפט זיך, אַז אַ פּרעזידענט, אָדער א גבאי פון אַ שול, זאָל שבת אינדערפרי אָפּזאָגן אין שול דעם ישמח משה מיט בײדע יקום פורקנס, און דערנאָך צוגיין אין פאבריק אָדער אין געשעפט זען ווי ס'האלט עפּעס מיטן שבתדיקן פדיון...

דער גרינער שומר־שבת־איד וועט צו אזא חילול שבת זיכער נישט דערלאָזן...

די ערשטע עצה האָט דער „גרינער" פרומער איד געגעבן די אידן פון „נדחי ישראל"־שול, ווי אַזוי צו מאכן א גאליציאנער שבתדיקן קוגל:

— דער קוגל דאַרף זיין שיין ווי רחל, ווײנען ווי לאה, גרויס ווי עשו און גוט ווי יעקב... (זאָלן אַלע אידישע פרויען אין מעקסיקע זיך פאַרשרייבן די נייע קוגל־פאָרמולע...).

די גאַנצע שטאָט קאָכט מיט די נייע אינטעליגענטע „גרינע". אַלע פרייען זיך מיט זיי ווי מיט ווייטע געפונענע קרובים, מ'טראָגט זיי אנט־קעגן א ברייטן שלום עליכם...

— וואָס מאַכט איר, ווי געפעלט אייך מעקסיקע?

מיינער אַ באַקאַנטער האָט אראָפּגעברענגט זיין ברודער פון פוילן. דער גרינער איז פשוט נבהל ונשתומם געוואָרן, ווען ער האָט דערזען וואו זיין ברודער וואוינט. ער איז געוואָרן שטארק איבערראשט פון דער אויפ־נאמע וואָס מ'האָט אים געמאַכט...

מ'האָט פארן „גרינעם" געמאכט א גרויסאַרטיקע וועטשערע. א טיש כיד המלך, פון בעסטן און פון שענסטן: געבראָטענער אינדיק, וויין, טאָרט, שאָקאָלאַד, ביר און קאָמפּאָט...

דער בלאָסער, איבערגעשראָקענער „גרינער", האָט מיט גרויסע אויגן און מיט אן אָפן מויל, זיך געוואונדערט: א טייער לאנד מעקסיקע! שמחת־תורה אין דער וואָכן...

מ'האָט דעם „גרינעם" גענומען איינלאדן פון איין באקאנטן צום אנדערן אויף געשמאקע יום־טובדיקע וועטשערעס...

מיר זיינען אַזוי זשעדנע אין גרינע. מיר וואַרטן אויף זיי, ווי פרומע אידן אויף משיחן...

א יונגערמאַן, וועלכער איז שוין אכט יאָר צעשיידט פון זיין פרוי און קינדער, ווען ער האָט דערזען די שיף מיט די גרינע דערנענטערט זיך צום פּאָרט, האָט ער אָנגעהויבן אונטערשפּרינגען און טאַנצן פאַר פרייד...

ווען ער האָט דערקענט אויפן דעק זיין פרוי, האָט ער אָנגעהויבן פּאָכן מיט די הענט, שרייען הויך אויפן קול: — בראַנדעלע! בראַנדעלע! קום שוין אַראָפּ! כ׳וואַרט שוין אויף דיר גאַנצע אַכט יאָר. און ווען די פרוי האָט אים פון ווייטנס קוים געענטפערט מיט א מאַך מיט דער האַנט, איז דער יונגערמאַן אין כעס געוואָרן, גענומען לויפן איבער דער גאַנצער לענג פון פּאָרט און הויך שרייען: — בראַנדל, גיי אַראָפּ פון שיף זאָג איך דיר! כ׳ווער אין כעס! וואָס שטייסטו אַזוי ווי אַ ליימענער גולם. קום אַראָפּ פון שיף זאָג איך דיר, בראַנדל!!!

אַזוי אויפנעמען „גרינע" קען מען נאָר ביי אונז אין מעקסיקע...

איינע פון די „גרינע" מיידלעך האָט מען פאַרגעשטעלט פאַר א שיין אויסגעפּוצטן בחור, האָט זי באַלד אָנגעהויבן מיט אים שמועסן אויפן אויסגעצויגענעם גאַליציאַנעם אידיש:

— וואוס טיט עטץ אין מעקסיקע?

— וואָס זאָל מען טאָן!

— עטץ האָט א פאַבריק?

— ניין!

— עטץ האָט א געשעפט?

— עטץ זענט אַוודאי אַ פּרעזידענט פון אַן אָרגאַניזאַציע?

— ניין!

— וואוס דען טיט עטץ אין מעקסיקע?

— כ׳אַרבעט ביי יענעם!

דאָס גאַליציאַנער מיידל האָט דעם בחור באַטראַכט פאַר א גרויסן שלים מזל און א דערשטוינטע אים געפרעגט: — ווער אַרבעט דען אין מעקסיקע ביי יענעם?

די „גרינע" מיידלעך האָבן פון די היגע אידישע בחורים גאָר א גע־הויבענע מיינונג...

א „גרינע" חנעוודיקע, שיינע מיידל פון ליטע, אַן אידעאַליסטקע מיט סכנות נפשות. מיט א פּנים פון א הייליקער מאַדאָנע... פאַרחלומטע אויגן ווי ביי א פרומער רביצין. די שוואַרצע האָר גלאַט פאַרקעמט אויף ביידע זייטן קאָפּ מיט צוויי לאַנגע צעפּ.

זי רעדט מיט א שטיל, צערטלעך, ווייך קול, וואָס לאַשטשעט און באַ־רואיקט פונקט ווי א באַרמהאַרציקע שוועסטער... זי גייט אָנגעטאָן אין קליידער, וואָס זיינען פאַרהעקלט, פאַרקנעפּלט פון אַלע זייטן... מיט לאַנ־

גע ארבל און מיט אַ פאַרדעקטן האַלדז, ווי אין פסוק שטייט: ויריחו סוגרת ומסוגרת...

רעדט עברית (איווריט) ווי א וואַסער, אָן אמתע צנועתדיקע שולמית...

ווען עטלעכע בחורים האָבן איר געגעבן א חברישע עצה: זי זאָל זיך אָפּשערן די צעפּ און מאכן זיך „פּערמאנענטע", זיך אויסצופּן די ברעמען ווי שמאָלע האלבע לבנות... פארבן זיך די ליפּן און מאכן זיך מאניקיור, און אויב זי וויל קומען אין „געזעלשאפט", מוז זי מאָדערניזירן אירע קליי־דער...

האָט די „גרינע" ליטוואַטשקע קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דאָס וועט מען ביי איר נישט אויספירן... זי איז אפילו גרייט צוריק צו פאָרן אין ליי־טע...

נאָר נישקשה, נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן. מיר וועלן די גרינע אינטע־ליגענטקע נישט לאָזן אוועקפאָרן פון אונז... זי מעג אפילו טראָגן אירע לאנגע שווארצע צעפּ און דברן לשון קודש.

מיר דארפן דאָ ביי אונז „גרינע" אינטעליגענטקעס...

נאָך עטלעכע זעצערס, מיט נאָך עטלעכע שומר־שבת־אידן מיט גרויסע בערד, נאָך עטלעכע זשורנאליסטן מיט מאָדערנע רביצינס, נאָך עטלעכע רעדאקטוירים מיט צניעותדיקע מיידלעך, נאָך עטלעכע אינשזינירן, כע־מיקער, רעדנער מיט רעפערענטן און אונזער ישוב איז געראטעוועט...

נאָך עטלעכע שיפן מיט אַזעלכע אויסדערווײלטע, אינטליגענטע „גרי־נע" און מעקסיקע וועט ווערן א נייער גייסטיקער צענטער פארן געפּלאָגטן און גערודפטן אידישן פאָלק...

מיר דארפן נאָך „גרינע"!

מעקסיקאַנער אידיש...

מיר אידן, אַקלימאַטיזירן זיך אין אַ ניי לאַנד האַסטיק, מיט אימפעט.

מיר אַסימילירן זיך מיט אַ מאָדערנעם טעמפּאָ, גיך גיך. מיר האָבן קיין צייט נישט.

די מעקסיקאַנער אַנטיסעמיטן האָבן באמת אויסגעטראכט א בלבול, אַז מיר אידן ווילן זיך נישט אַסימילירן.

אַדרבא, פונקט פאַרקערט. אידן אַסימילירן זיך אין נייעם לאַנד אַ סך גיכער, ווי אַנדערע אימיגראַנטן.

מיר האָבן נאָר אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויף דער נייער ערד, מיר האָבן נאָר־וואָס זיך אָנגעוואַרימט אונטער דער מעקסיקאַנער זון, האָבן מיר תיכף ומיד געביטן אונזערע נעמען...

פון פייוול איז געוואָרן פערנאַנדאָ. פון יאָסל — כאָסע אָדער פּעפּע, פון פּסח — פּעדראָ. פון מאיר — מאַריאָ, פון בערל — בעניטאָ, פון יאַנקל — כאַקאָבאָ, פון שמחה — סאַלוואַדאָר און פון מענדל — מיגעל.

אָט האָט איר א מעקסיקאַניזאַציע פון אונזערע אידישע נעמען...

מיר האָבן שוין אויך מעקסיקאַניזירט דעם אידישן מאָגן.

אונזערע קינדער (און טאַקע אַ סך אימיגראַנטן אויך) האָבן ליבער צו עסן אַ שטאַרק־געווירצטע „טשילע רעיענאָ", איידער די געפעפערטע, אי־דישע געפילטע פיש. די מעקסיקאנער אידישע קינדער האָבן א גרעסערע הנאה פון די איינגעוויקלטע „טאַקאָס", ווי פון אַ געפילט העלזל. אנשטאט דעם באַטעמטן, אידישן ראָסל־פלייש, ווילן זיי גלייכער עסן „פּאַוואָ קאָן מאָלע". זיי האָבן נעבעך אויסגעביטן אונזער אידישן, געשמאקן לאָקשן־קוגל — אויף געפעפערטע „ענטשילאַדאָס".

אָט האָט איר א טאָפּ און שיסל מעקסיקאניזאַציע.

מיר האָבן שוין אַפילו מעקסיקאַניזירט אונזער אידיש לשון...

אָט, הערט אומישנע אונזער טשיקאַוון מעקסיקאַנער אידיש.

טרעפן זיך צוויי אידן, זאָגט מען אַנשטאָט גוט מאָרגן — בוענאָס דיאַס. אנשטאט אַ גוטע נאַכט — בוענאַס נאָטשעס.

אנשטאט גוט, נוצן אַ סך אידן דאָס שפּאנישע וואָרט — ביען. עסטאַ ביען, נישקשה, הייסט עס.

דער אידישער יאָ, איז פאַרביטן געוואָרן אויפן שפּאנישן — סי.

— איר וועט קומען אויף דער פיעסטאַ?

— סי סעניאָר, קאָמאָ נאָ!

דאָס שפּאַנישע וואָרט אַדיאָס איז שוין אינגאַנצן געוואָרן פּאַראידישט און ס׳קלינגט ווי אַ אידישער — זיי געזונט.

— נו, כ׳גיי שוין, אַדיאָס!

— אַדיאָס, אַדיאָס! גייט געזונטערהייט.

ס׳איז שוין אויך פּאַראידישט געוואָרן דאָס וואָרט בוענאָ — גוט.

שרייט אַ איד אַריין אין טעלעפאָן־טרייבל:

— בוינע, בוינע! קיען האַבלאַ? סעניאָר העכט, בוינע! דאָ רעדט סעניאָר קאַרפּ, סי, סי! בוינע, קומט אַריבער צו מיר אין אָוונט, מיין ווייב מאַכט אַ סענאַ, וועלן מיר שפּילן אין פּאָקער. בוינע, בוינע! איר ווילט מיטנעמען דעם סעניאָר לעמעשקע? קאָן מוטשאָ גוסטאָ, יאָ סאַווע, פּאַרוואָס נישט? סי, סי, אדיאָס, אַדיאָס! ס׳טאָ ביען, אַדיאָס, אדיאָס!

אַנשטאָט כועז (ריכטער), זאָגן א סך אידן — כויז.

— כ׳בין היינט געווען אין כוזגאַדאָ, האָט מיך דער כויז געהייסן ברענגען א סאָליסיטוד פון אַ ליסענסיאַדאָ.

ווי געפעלט אייך עפּעס אַזאַ מין תרגום לשון?

טרעפן זיך צוויי אידן, פרעגן זיי שוין נישט — וואָס מאַכט אַ איד? נאָר:

— קע טאַל? וואָס הערט זיך ביי אייך אין טאַיער, מ׳האָט נאָך נישט געמאַכט קיין הועלגאַ?

און דער צווייטער איד ענטפערט:

— אַסי, אַסי! (דאָ גיט ער א דריי מיט דער האנט צוויי מאָל...) מ׳צאָלט ד׳ערווייל די לעטראַס, כ׳האָב מורא פאר אן אימבאַרגאָ.

דאָס וואָרט ראָג איז שוין לאַנג אַרויס פון אונזער מעקסיקאנער אידיש און איז פארביטן געוואָרן מיטן שפּאַנישן — עסקינאָ.

— כ׳וועל אויף אייך וואַרטן ביי דער עסקינאַ. (א סך זאָגן שוין סקינע...)

— גיב אַכטונג אויף דער סקינע, וואָרנט אַ מוטער איר קינד, — דו הערסט, מוטשאָ קידאַדאָ!

— נעם אַ קאַמיאָן טאַקובאַ־אַצקאַפּאָצאַלקאָ אויף דער עסקינע און קויף פּלאַניאַס ביים קאַברֹאַדאָר.

— גיי צו אין ד׳ער עסקינא און קויף אין דער טלאַפּאַלעריאַ עטלעכע קלאַוואָס מיט א ביסל פּינטוראַ.

פון וואָרט ליכט איז שוין באַלד קיין זכר נישט געבליבן, אַלע כמעט נוצן שוין דאָס וואָרט — לוז.

— צינד אָן די לוז, פאַרמאַך די לוז. ס׳איז א צו שטאַרקע לוז, ס׳איז אויסגעלאָשן געוואָרן די לוז. מ׳האָט מיר אָפּגעשניטן די לוז.

שרייט אַ מוטער אויף איר אינגל:

— כאָסע, מאַך די טאַרעאַ פון קאָלעכיאָ, וואו איז דיין לאַפּיס?

— זאָג דער קריאַדאַ, זי זאָל ברענגען פון דער קאָסינאַ עטלעכע פּלאַ־טאָס.

בייזערט זיך אַ מאַמע אויף איר קינד:

— געהרגעט זאָלסטו ווערן, דו סינווערגוענסאַ, קאַיאַטע לאַ באָקאַ! ביזט קראַנק דערוויל צו עסן אַ שטיקל פּאַן קאָן מאַנטעקיאַ?

— כ׳האָב דיר געזאָגט מיל וועסעס, דו זאָלסט מיר ברענגען די יאַ־וועס, כ׳דאַרף אַרויסנעמען די טראַכעס.

הערט אומישנע ווי אַ היגע אידישע מאַמע צערטלט איר קינד:

— פּעפּעסיטאָ, טע דועלע דאָס קעפּעלע נעבעך, ווײ איז מיר! נאָ טע יאַראַס טייבעלע מיינס. מאַניאַנאַ וועל איך דיר קויפן אַ רעגאַלאָ. טרינק אויס דאָס ביסעלע לעטשע, מי ווידאַ, וועל איך דיר קויפן אַ סך, אַ סך כוגעטעס. מיר זאָל זיין פאַר דיין קאַוועסאַ.

טענהן זיך אויס צווי פרויען אויפן מעקסיקאַנער אידיש:

—כ׳בין געווען היינט אין מערסעד, האָב איך געקויפט אַ פּאַיאַ איז זי בלויז שמאַלץ. נעכטן האָב איך געהאַט אַ גאַיאַ האָט איר באַדאַרפט זען, וואָס פאַר אַ קאַלדאָ ס׳איז געווען ,לויטער ווי אַסעיטע...

— און מיינע קינדער, איז כאָטש ווער צעזעצט, ווילן נאָר עסן פּרי־כאָלעס מיט טשיטשאַראָס און מיט טאָרטיאַס. אַז כ׳קאָך אָפּ אַביסל קאָמ־פּאָט פון מאַנסאַנאַס מיט פּעראַס, ווילן זיי דווקא גאַיעטאַס מיט פּאַן דול־סעס.

זאָגט אַ פרוי צו איר מאַן: כאַקאָבאָ לאָמיר מאַכן אַ וואָלטע אין דער נייער קאָטשע, נאָר מאַנעכיר קאָן קוידאַדאָ.

ביי אַ קאָמיטעט־זיצונג פון אַן אָרגאַניזאַציע קענט איר הערן אַזאַ מין אָץ קוצץ אידיש:

— די היינטיקע כונטאַ האָט גערופן די מעסאַ דירעקטיוואַ, וועגן דער אַסונטאָ פון דער קאַכאַ דע פּרעסטאַמאָס. דער קאַכעראָ מיטן טעסאָרעראָ זיי־נען נישטאָ׳ מ׳דאַרף זיי שיקן אַן אַוויסאָ דורך קאָרעאָ אָדער מיטן מאָסאָ.

אַז זיי וועלן קומען, דאַרף מען זיי מיט עפּעס קאַסטיגירן.

דאָס איז אַ קאָמיטעט־אידיש...

אַ היגער כלל־טוער האָט געהאַלטן אַזאַ מין רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער אידישער באַנק:

— סעניאָרעס!

די היינטיקע אַסאַמבלעאַ אויף טאַקובאַ קינסע, וועט זיכער זיין אַ פּראַ־קאַסאָ. כ׳בין אַן אַלטער מיעמבראָ פון באַנקאָ מערקאַנטיל און כ׳ווייס, אַז דער כערענטע איז אַ האָמברע דע קאָנפיאַנסאַ.

כ׳קען אייך געבן מיין פּאַלאַבראַ דע האָנאָר, אַז אין דער קאַכאַ איז דאָ באַסטאַנטע פּאַנדאַס פאַר אַלע פּרעסטאַדאָרעס.

מ׳דאַרף זיך האַלטן ביי די לעיעס פון דער סאָסיעדאַד און מער קיין קע־כאַס דאַרף מען נישט אָננעמען. אויב איר האָט עפּעס מיט וואָס זיך צו קע־כען, קומט צו גיין, קאָן מוטשאַ גוסטאַ, אין דער באַנק אַריין.

גראַסיאַס פאַר אייער אַטענסיאָן און בוענאַס נאָטשעס.

דאָס איז אַ באַנקירסקע, אידישע רעדע...

אויב די אידישע באנקירן פון אנדערע לענדער, וועלן פאַרשטיין אָט אַזאַ באַנק־רעדע, מיט אַזאַ מין לשון, וועט זיין א נס מן השמים...

מיינער אַ באַקאַנטער באַרימט זיך פאַר מיר, אַז זיין מוטשאַטשאַ רעדט אַ גוטן און געשמאַקן אידיש.

בין איך טשיקאַווע צו כאַפּן אַ שמועס מיטן אינגל און פרעג אים: — קענסט רעדן אידיש?

— סי סעניאָר׳ און פּאַקיטאַ.

— ווי אַלט ביסטו?

— כ׳גיי קומפּלירן דאָסע אַניאָס.

— קענסט עפּעס אידישע געשיכטע?

— סי. אבראַהאַם איז געווען א איסראַעליטאַ און מויסעס האָט געגעבן די אידן די דיעס מאַנדאַמיענטאָס...

אין „וועג" שיקט מען אריין אנאָנסן געשריבן אין אַזאַ מין אויסטער־לישן אידיש:

חשובער סעניאָר רעדאקטאָר. פּאַר פאַוואָר, שטעלט אַריין אין אייער צייטונג אַן אַוויסאָ פון מיין „ביזנע".

— איך פעליסיטיר מיין אַמיגאָ מיגעל גימפּלעוויטש צו זיין טשאַנעס, קאָמעדאָרעס, רעקאַמאַראַס און מועבלעס עז כענעראַל. כ׳שיק אויך פּעדידאַס און רעעמבאַלסאַ.

אָדער אַזאַ מין גראַטולאַציע:

— איך פעליסיטיר מיין אַמיגאָ מיגעל גימפּלעוויטש צו זיין ענלאַסע מיט סעניאָריטא קאָנטשאַ גאַרגלעוויטש.

אָדער אַזאַ מיש־מאַש אַנאָנס:

— כ׳אַנאָנסיר נישט קיין באַראַטאַס, און פאַרקויף נישט קיין מציאות. נאָר א גוטע טראַכע אַ לאַ מעדידאַ מאַך איך יאָ. ווייל איך אַליין בין דער כאַסטרע קאָרטאַדאָר.

אויב אין אויסלאַנד האָט מען נאָך אַזאַ מין לשון פון חצי אידיש און האלב שפּאַניש נישט געהערט; און אויב אין אויסלאַנד וועט אַזאַ מין

זשאַרגאָן, אַזאַ מין צעקאַלעטשעטן, צעקאַראַבאַטשעטן אידיש מיט אַ צעפּלאָכ־טענעם שפּאניש נישט פארשטיין, בין איך חלילה נישט שולדיק...

אָט דאָס איז דערווייל דער שפּאַנישער־אידיש אָדער דער אידישער שפּאניש.

אָט דאָס הייסט — מעקסיקאנער אידיש...

מ'יר פראַגרעסירן...

כ'וויל אייך פאַרשאַפן א ביסעלע נחת, כ'וועל אייך דאָ אָנזאָגן אַ גוטע בשורה:

מיר פראַגרעסירן!

דער אידישער ישוב אין מעקסיקע אנטוויקלט זיך, ווערט רייפער און פראַגרעסירט פון טאָג צו טאָג. דער היגער אידישער ישוב נעמט אָן די פאָרמען פון אַ זעלבסטשטענדיקן אידישן ישוב, פונקט ווי אין אנדערע לענדער.

מיר פארמאָגן שוין אַלע מעלות און חסרונות פון אנדערע אלט־געזעסענע אידישע ישובים, סיי פון דער אלטער היים און סיי פון די שטאַטן...

וואָס פעלט דען אונז?

גאָרנישט!

פרנסה האָבן מיר דאָך ברוך השם, דערווייל גאנץ נישקשהדיק, הלואי נישט ערגער, בעסער האָט דאָך קיין שיעור נישט...

און דאָס, וואָס מ'יר האָבן אייגענע אָרימעלייט, קראנקע וועלכע קלאַפּן אָפּ די טירן פון הילפס פאראיין נאָך שטיצע און קראנקע פרויען מיט קינדער, וועלכע מוזן אָנקומען נאָך הילף צום פרויען־פאראיין. דאָס, רבותי, איז אויך גאָרנישט... דאָס באווייזט, אַז מיר זיינען אַ נאָרמאלער אידישער ישוב מיט אַלע אידישע צרות און ליידן: מיט אָרימע און הילפלאָזע, קראנקע און דערשלאָגענע, פונקט ווי ס'פירט זיך ביי לייטן, כ'מיין, ווי ביי אַלע אידן...

טאָקע שוין אביסעלע צופיל!

מיר זיינען געבענטשט מיט א סך פאבריקאנטן, אינדוסטריעלער און סוחרים, וועלכע העלפן אנטוויקלען דאָס לאנד, דערפאַר אָבער, האָבן מ'יר אַביסל צו ווייניק אידישע ארבעטער, יגיע כפימניקעס, אמתע האָרעפּאַשניקעס...

מיר האָבן עפּעס, לא עליכם, נישט קיין הצלחה צו אונזערע אידישע ארבעטער...

עפּעס איז אויסגעגאָסן א קללה אויף אונזערע פראָלעטאריער, עפּעס איז אריין אן עין־הרע אין אונזערע ארבעטער, זיי האלטן זיך נישט ביי אונז רחמנא לצלן, זיי צעגייען זיך ווי זאַלץ אין וואַסער...

לצים זאָגן, אַז דער היגער קלימאַט איז נישט מסוגל, איז נישט צו־געפּאסט פאר אידישע ארבעטער...

מיר האָבן דאָ שוין אַביסעלע צופיל אָרגאַניזאַציעס, לאָקאַלן און להבדיל, שולן צום דאווענען...

דערפאר אָבער, פאַרמאָגן מיר נישט קיין אייגענע אידישע אינטעליגענץ און מיר האָבן זייער ווייניק קולטור־טוער און פירער...

מיר האָבן שוין צופיל קאָך־לעפל, קהלישע־קלאמקעס, דריי־קעפּ, טומל־מאַכער, באַנקראָטן און שיסערס... (אמתע שיסערס מיט פּיסטאָלעטן...) פון דעם מין ,האָבן מיר שוין א גרויסן עודף, ממש אן איבערפלוס...

מיר וואָלטן עטלעכע געקענט אוועקשענקען אן אנדערן יונגן אידישן ישוב.

יאָ, מיר פּראָגרעסירן!

איין זאך האָט אונז אָבער ביז אהער געפעלט — פּייפערס און קלאַ־פּערס...

ס'האָט שוין געהאלטן דערביי, אז מיר זאָלן זיי דארפן אויסשרייבן, אימפּאָרטירן פון אן עלטערן אידישן ישוב...

ווי אזוי קען זיך עפּעס א אידישער ישוב באַגיין אָן אייגענע פּייפערס און קלאַפּערס?...

ביי אונז איז ביז איצט געווען איינגעפירט, אַז אויף א פאַרזאמלונג אויף אַ לעקציע אָדער דעבאטע, האָט מען זיך באנוצט בלויז מיט א צווישן־רוף, אָדער מ'האָט פארמוטשעט דעם קעגנער מיט אַזעלכע פראַגן און קלאָץ־קשיות, אז דעם רעדנער אָדער דעם לעקטאָר האָט אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ, ער האָט שוין געהאלטן ביים חלשן און ס'איז אים מיט־אַמאָל אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון...

נאָר א פארעקשנטער קעגנער, האָט גענומען א וואָרט אין דער דיסקו־סיע און האָט אינגאנצן פאַרגעסן ווען אויפצוהערן רעדן...

ער האָט גערעדט א האלבע שעה, א שעה ביז — ביז ס'האָט זיך ביי אים אויסגעשעפּט די ניין מאָס רייד...

דער עולם איז געזעסן געדולדיק, רואיק און איז געווען טאָלעראנט. עס איז פשוט געווען א מחיה פאר א רעדנער אויסצולופטערן זיינע טשי־קאָווע טעאָריעס: גוט, שלעכט, אמת אָדער פאלש, אלטע אויסגעדראָשענע פראַזן אָדער ביליקע פּראָפּאגאנדע... דער עולם איז געזעסן רואיק, שטיל, ביז זיי האָבן מיט זייער רואיקייט מיד געמאַכט דעם שווערסטן, נודנעם רעדנער און ער האָט נעבעך געמוזט אַליין אויפהערן רעדן...

ס'איז געווען, שאַ, שטיל: רייד דיר געזונטערהייט וויפל דו ווילסט. וואָרים ווער מען אַרט עס וואָס איינער רעדט?

ביי אונז האָט מען ביז אַהער נישט געוואוסט פון קיין פייפערס און קלאַ־פערס...

ס'איז אונז פשוט געווען א בזיון פאר די עלטערע אידישע ישובים... איר האָט שוין אמאָל געהערט פון א אידישן ישוב אָן טומלמאכער, אָן פיי־פערס און קלאפערס?...

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט אין הימל, וואָס פארגעסט נישט אין זיין פאָלק ישראל, ער שיקט צו איטלעכן אידישן ישוב אַלץ וואָס ער דאַרף:

כלערליי פורעניותן, שלעק, משוגעים, פארשלעפטע־קרענק, צעדרייטע מוחות, טומלמאכער, פייפערס און קלאפערס...

יאָ, יאָ, רבותי, מיר האָבן שוין אייגענע פייפערס און קלאפערס!...

מיר פראָגרעסירן!

מיר פייפן און קלאַפּן איינער קעגן אַנדערן, אַ צוזאַמענשטויס פון אידייען און אידעאָלאָגיעס. היינט פייפט מען קעגן אייך, מאָרגן קלאַפּט מען קעגן אנדערע. ס'איז אַ לעבעדיקע וועלט!

פונקט ווי ביי שלום עליכמס קאָזאקן: דו וועסט שלאָגן מיין איר, וועל איך שלאָגן דיין איד...

קומט צופאָרן א סאָציאַליסטישער רעדנער פון די שטאַטן, איז ביי דער דיסקוסיע, ווידער געוואָרן א פייפעריי און קלאפעריי... דער פאָרזיצער האָט אָבער די קלאפערס און פייפערס אָפּגעטאָן אויף טערקיש: ער האָט אין גאנצן געשלאָסן די פארזאמלונג. דער רעדנער איז געבליבן ביים וואָרט — כוליגאַנעס... און די לינקע ביים פייפן און קלאַפּן...

אָרדנט מען איין אַ דיסקוסיע, וועגן דער האַרבער פראַגע פון אידישן פאָלק אינם איצטיקן מאָמענט: — וועגן אידיש און העברעאיש אין ארץ ישראל... ווערט ווייטער א פייפעריי און קלאפעריי, אז ס'איז פשוט געווען א רחמנות אויף די לעדערנע פאָדעשוועס פון די שיך און אויף די הילצערנע בענקלעך...

די פירער פון דער יוגנט־געזעלשאפט האָבן געסטראשעט מיטן ארויס־פירן פון זאַל די פייפערס און קלאַפּערס, אָבער זיי האָבן נעבעך זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דעם דראַסטישן מיטל... זיי וואָלטן באַדאַרפן ארויספירן דעם גאנצן עולם א חוץ דעם פאָרזיצער מיטן רעדנער...

מ'קלאפּט, מ'טופּעט מיט די פיס און מ'פייפט.

מיר פראָגרעסירן!

מיטן פייפן האָבן מיר נאָך דערווייל נישט שטארק פראָגרעסירט, וואָרן ווי קומט א איד צו קענען פייפן?

אַז א אידיש אינגל האָט אַמאָל געגעבן אין שטוב א פייף, האָט דער טאַטע זיך באַלד צעשריגן:

— שייגאַץ, הער אויף צו פייפן! פייפן פּאַסט פאַר א גוי, נישט פאַר קיין איד...

און די מאַמע האָט שטיל געבעטן: דערבאַרעם דיך, הער אויף צו פייפן! דו וועסט נאָך מיט דיין פייפן צוזאַמענרופן די שדים, די רוחות, די נישט־גוטע, נישט דאָ געדאַכט...

הער אויף צעפייפן!

א איד קען בלויז זאָגן: איך פייף אויף דיר! א איד קען אָנפייפן יענעם און זיך אַליין... אָבער נישט פייפן ווי א גוי, מיט אַן אויסגעצויגענעם שפּי־דיקן סווישטש, ס'זאָל אַזש פאַרגלושען די אויערן...

דערפאַר אָבער קענען מיר טומלען, פּאַטשן און קלאַפּן מיט די בענק־לעך א סך בעסער ווי די גויים...

א איד איז שטענדיק גרייט יענעם דערלאַנגען פּעטש, ווען מ'דאַרף און ווען מ'דאַרף נישט...

מעקסיקאניזאציע

איך בין זיך מודה, אז איך פאַרשטיי עפּעס נישט דעם באַגריף פון מעקסיקאַניזאַציע.

צי מיינט מען טאַקע דאָ דעם אַלטן, פאַרשימלטן באַגריף פונם אָפּגעבלאַקעווּעטן וואָרט — אַסימילאַציע?

דאַכט זיך נישט מער ווי איין און איינציק וואָרט — אַסימילאַציע. האָט דאָס אָבער אונז געבראַכט גענוג עגמת נפש, גענוג חרפות און בושות און גענוג צרות פאַרשאַפט...

די אַמאָליקע משכילים האָבן געפּרעדיקט אַ קולטורעלע אסימילאַציע: לערנט זיך אויס רעדן די לאַנד־שפּראַך, בילדעט זיך, נעמט אָן די קולטור פון פאָלק וואו איר לעבט, און ביי זיך אין דער היים קענט איר זיין אַ איד וויפל אייער הארץ גלוסט. איר קענט אפילו עסן קוגל מיט געפילטע פיש... אָבער אין גאַס זאָלט איר האַקן אויף רוסיש, שפּרעכן דייטש, ספּיקן ענגליש, מאַכן חנדלעך אויף פּויליש... אפשר וועט מען זיך פאַרט טועה זיין און מיינען אַז מיר זיינען גלייך מיט גויים.

די דייטשע אידן האָבן זיך צוגעאיילט און דאָס געמאַכט אַ ביסל אויסגעהאַלטענער, קאָנסעקווענטער: זיך אָנגעהויבן צוביסלעך אונטערשמדן און געפּטרט אַן עסק, אויס יודע! חתונה געהאַט מיט אַ בלאָנדער דייטשקע און מיט אַמאָל געוואָרן אַן אמתער, הונדערט פּראָצענטיקער „גערמאַנער"...

איז דאָך דאַכט זיך גאַנץ גוט. די דייטשע אידן האָבן זיך געבעך ממש מוסר נפש געווען מקיים צו זיין די אמתע אסימילאַציע: אויסמישן זיך, אַסימילירן זיך, אויפגעגעסן ווערן פון די אמתע אַרישע דייטשן. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז די גאַנצע אַסימילאַציע מיטן שמדן זיך טויג אויף אַ גוטע כפּרה... דער גערמאַנישער מאָגן קען נישט און וויל נישט פאַרדייען די „סעמיטישע" אידעלאַך.

— גייט זיך צוריק צו אייערע — ווילדעווען די היטלעריסטן — מיר ווילן נישט אייער קונסט, מיר דאַרפן נישט אייערע פּראָפעסאָרן, דערבאַרעמט זיך, אַסימילירט זיך נישט מיט אונז, בלייבט אידן!

אַ פאַרקערטע וועלט, רבותי.

איין רעגירונג, שרייט גוואַלד, בקול־רם אַז מיר זאָלן זיך חס־ושלום נישט דערוועגן צו אַסימילירן. קומט אַ צווייטע, די היגע רעגירונג און פאַר־

לאַנגט פון אונז אַז מיר זאָלן זיך דוקא יאָ אַסימילירן. היינט גיי זיי א חכם און ווייס וואָס פריער צו טאָן: — יאָ זיך אַסימילירן, צי נישט אסימילירן? די גויאישע וועלט, וועט אַלץ איינס מיט אונז נישט זיין צופרידן.

ס׳איז ווי מיט יענער שוויגער און שנור:

— גיי איך גיך, רייס איך שיך. גיי איך פּאַמעלעך זאָגט די שוויגער, אַז איך קריך...

דאָס מעקסיקאַנער בילדונגס מיניסטעריום, גייט אין קורצן אויפמאַכן אַסימילאַציע קורסן, וואו אַלע אויסלענדישע אימיגראַנטן זאָלן זיך וואָס גיכער קענען מעקסיקאַניזירן.

און אַז מ׳רעדט פון אויסלענדער, מיינט מען אוודאי נישט די כינעזער וואָס ווילן זיך נעבעך אַסימילירן און מ׳לאָזט זיי נישט... מען מיינט אויך נישט די דייטשן וואָס קוקן אויף אנדערע פעלקער מיט שאָוויניסטישער גדלות, פון אויבן אראָפּ... מען מיינט אויך נישט די שפּאַניער, וואָס זיינען אַ פּערטל פון אַלע היגע אויסלענדער, ווייל די מעקסיקאַנער האַלטן זיך אַליין פאַר האַלבע שפּאַניער. נאָר גאַנץ פּשוט: אויב אויסלענדער, מיינט מען אונז, אידן!

די וועלט האָט אונז אומעטום מיט געוואַלד געמאַכט פאַר אויסלענדער...

— די שול צו מעקסיקאַניזירן די אויסלענדער — מעלדעט דאָס בילדונגס מיניסטעריום — וועט זיין אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע אימיגראַנטן אין מעקסיקע, און דער צוועק איז צו אַסימילירן די אויסלענדער, ווירקן, אַז זיי זאָלן אָננעמען אונזערע מעקסיקאַנער זיטן, מנהגים, שפּראַך און קולטור. אין דער אַסימילאַציע שול וועט מען לערנען די שפּאַנישע שפּראַך (נישט אצטעקיש), היסטאָריע, געאָגראַפיע און פאָלקלאָר פון מעקסיקע.

מילא, נו. שולן, בילדונג, לערנען איז אוודאי א גאַנץ גוטע זאַך. נאָר א שאָד כ׳לעבן דער גאַנצער עסק! ס׳איז איבריק דער גאַנצער טאַראַראַם, אַן עבירה, די עטלעכע טויזנט פּעזעס וואָס די אַסימילאַציע קורסן וועלן אָפּקאָסטן דער רעגירונג. ס׳איז אויך אַן עבירה די אַרבעט פון פּראָפעסאָר פּאַלמאַ, דער איניציאַטאָר פון די מעקסיקאַניזאַציע שולן.

כ׳וועל אייך אויסזאָגן א סוד סעניאָר פּראָפעסאָר: מיר אידן לערנען שוין לאַנג אַליין די אַסימילאַציע תורה, און נאָכמער, מיר מעקסיקאַניזירן זיך אָן איין איינציקן סענטאַוואָ...

נעמט זייט מוחל, א זעקס יעריק אידיש אינגעלע פון כעסוס מאַריאַ גאַס, און פרעגט אים אויף טשיקאַוועס וואָס ער איז, וועט ער גיך אייך אָנווייזן מיטן רעכטן הענטל אויפן האַרץ, און ענטפערן שטאָלץ אויף שפּאַניש.

— יאָ סאָי מעכיקאַנאָ!

כ׳בין אַ מעקסיקאַנער. וואָרים אין דער אמתן זעט נישט דאָס קינד

דעם אונטערשייד צווישן זיין פּאַפּאַ און דעם פּאַפּאַ פון זיין מעקסיקאַנער חבר. א חוץ וואָס זיין פּאַפּאַ רעדט א שלעכטן צעבראָכענעם שפּאַניש און די מאַמע זיינע קויפט מצות אויף פּסח, פאַסט יום־כיפור און איילט זיך אין שול אריין אויף מזכיר נשמות...

די אידישע עלטערן פּוצן שוין לאַנג אויס זייערע קינדער אין די נאַ־ציאָנאַלע מעקסיקאַנישע קליידער, זיי זעען אויס ווי אמתע מעקסיקאַנישע „טשאַרראָס": אָנגעצויגענע, געפּאַסטע הויזן מיט זילבערנע קנעפּלעך און שנירלאַך ביי די זייטן. א קורץ רעקל אויסגעשניטן ביי דער טאַליע מיט א גרויסן אויסגעהאַפטענעם מעקסיקאַנער אָדלער אויף דער פּלייצע און אויף דעם קאָפּ א הויכער „סאָמבררעראָ" מיט ברייטע ראַנדן אויסגעהאַפטן מיט זייד און גאָלד. אַ לעדערנער פּאַס מיט אַ פּיסטאָלעט אַרום די זייטן... גיכער קען מען אַזאַ אינגל רופן פּאַנטשאָ אָדער פּאָרפיריאָ, איידער משהלע אָדער הערשעלע...

די היגע אידישע קינדער עסן מיט מער חשק די אויסגעטרוקנטע האַלב־רויע „טאָרטיאַס" פון מאַיס איידער די אידישע אויסגעברוינטע ווייסע חלה. זיי שלינגען די רויטע ברענענדיקע „טשילעס" ווי אמתע מעקסיקאַנער. די היגע אידישע קינדער וועלן אייך אָוועקגעבן די געשמאַקע אידישע גע־פילטע פיש צוזאַמען מיט אַלע אידישע מאכלים פאַר איין געוויקלטע „טאַ־קאָ" מיט „פריכאָלעס" און פאַר א ביסל „מאָלע" מיט אינדיק... די אידן אויף דער פּראָווינץ זופן „פולקע" גלייך מיט זייערע מעקסיקאַנער שכנים.

נעמט א אידיש קינד פון א היגער מיטל שולע און פרעגט אים אומיש־גע, ווער עס איז געווען צדקיהו המלך, וועט ער אויף אייך אויסשטעלן א פּאָר תמעוואַטע אויגן און נישט וויסן וואָס צו ענטפערן. ער ווייסט אָבער זייער גוט ווער ס'איז געווען נאַצאָואַלקאָיאָטל. פרעגט ווי אַזוי עס האָט גע־הייסן דער לעצטער אידישער קעניג, וועט ער אויף אייך קוקן ווי א חסר דעה. ער געדענקט אָבער גוט ווער ס'איז געווען קואַוטעמאָק, קואַיטלאַואַק און מאָקטעסומאַ. ער ווייסט זיכער ווער ס'איז געווען דער גלח הידאַלגאָ, וואָס האָט געפירט די רעוואָלוציע פאַר דער מעקסיקאַנער אומאָפּהענגי־קייט און פרעגט אים בחרם, ווער עס זיינען געווען די חשמונאים, אָדער בר־כוכבא... ער וועט אייך זאָגן ווער ס'איז געווען פראַנציסקאָ מאַדעראָ, און הויבט נישט אָן צו וויסן ווער ס'איז געווען הערצל אָדער טרומפּעל־דאָר. און וועלכער שילער ווייסט דען נישט אז מעקסיקע איז א רעפּוב־ליק פון 29 שטאָטן? און פון ארץ־ישראל, ווייסט ער אַזוי פיל וויפל אן אינ־דיאַנער פון פּאַטשוקאָ...

א אידיש קינד ווייסט פון „נאַווידאַד" „נאָטשע בוענאַ", ווען מען צע־ברעכט די „פּיניאַטעס" די טעפּ מיט צוקערקעס און פרוכט און הייבט נישט אָן צו וויסן וואָס עס מיינט חנוכה. אַזאַ קינד ווייסט גוט אַז דער טאַטע

דאַרף אים קויפן „כוגעטעס", שפּיל־צייג מתנות ווען ס'איז „לאָס רעיעס" און ווייסט אבסאָלוט גאָרנישט וועגן פּורים אָדער חמשה־עשר בשבט...

אָט האָט איר אייך אַסימילאַציע און מעקסיקאַניזאַציע, אָן אַסימילאַציע קורסן און טאַקע אינגאַנצן בחינם און אָן מעקסיקאַניזאַציע פּראָפּאַגאַנדע.

ס'וועט אויך קנאַפּ וואָס העלפן צו דער מעקסיקאניזאַציע ווען די אידישע יונגעלייט וועלן חתונה האָבן מיט מעקסיקאנער מיידלאך. די געמישטע חתונה אַסימילאציע ברענגט גאָר פאַרקערטע רעזולטאטן. די מעקסיקאַנער ווייבלעך זייערע ווערן בעסערע אידישקעס ווי די אמתע, עכטע אידישע פרויען: זיי בענטשן ליכט, לערנען זיך רעדן אידיש, עסן פּסח מצה און דערמאָנען די אידישע מענער זייערע ווען זיי האָבן יאָרצייט...

ווי גאָט איז אייך ליב, סעניאָר פּראָפעסאָר, אויב איר ווילט אין דער אמתן אז דאָס ביסל אידן אין מעקסיקע זאָלן זיך אַסימילירן, לאָזט זיי געמאַך, טשעפּעט זיי נישט. לאָזט גיין ווי ס'גייט, זאָגט גלייכער אָן די „פּאַיסאַנאָס" די לאַנדסלייט אייערע, די פאַרקויפטע היטלעריסטן און די פּראָפעסיאָנעלע אנטיסעמיטישע אידן־פרעסער, אז זיי זאָלן אויפהערן גיסן אַלע וואָך פרישע עמערס שמוץ מיט די אלטע אויסגעדראָשענע באָבע־מעשות, רכילות און בלבולים אויף די היגע אידן. גיט די אידן נאָך א ביסל צייט ביז ס'וועט זיך אויסוועפּן זייער ביסעלע אידישע קולטור, וואָס זיי פירן מיט זיך מיט אין זייער באַגאַזש, — לאָזט זיך זיי אָנזאַפּן מיט עכטן מעקסיקאנער גייסט און פרייהייט, מיט נאָך א ביסל ערד ציטערנישן, רעוואָלוציעס און מיט נאָך עטלעכע מאָל רעגיסטרירן זיך...

נעמט אָן א גוטע עצה פון אן אינטערנאַציאָנאלן קאָסמאָפּאָליט.

די אידן זיינען א זייער דאנקבאר פאָלק ווען מען לאָזט זיי אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווען מען לאָזט זיי לעבן און ארבעטן. די אידן זיינען אן אלט פאָלק וואָס לאָזן זיך גרינג אַסימילירן, ווען מ'דערלאנגט זיי א פּאָרציע אסימילאַציע מיט זיידענע הענטשקעס... ווען מ'רעדט צו זיי מיט א זיס לאקריץ שפּראַך.

לאָזט די אידן צורו נאָך עטלעכע יאָר און זיי וועלן זיך אַליין פרייוויליק אַסימילירן, אָן מעקסיקאַניזאַציע שולן און אָן אַסימילאַציע קורסן...

סעזאָן־אידן...

פאַראַן סעזאָן אידישקייט און סעזאָן־אידן.

פאַראַן אידן וואָס דעמאָנסטרירן זייער אידישקייט נאָר אין געוויסע, באַ־שטימטע סעזאָנען פון יאָר...

פאַראַן אידן וואָס איר זעט זיי קיינמאָל נישט אָן צווישן אידן, נאָר ווען עס קומט דער סעזאָן זייערער וואקסן זיי פלוצים אויס פאר אייך און איר וואונדערט זיך: פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען?

פאַראַן אידן וואָס איר קענט ביי זיי אין מיטן יאָר נישט ארויסקריגן קיין איין סענט פאר א צדקה זאַך, נאָר ווען עס קומט דער סעזאָן זייערער גיבן זיי אייך מיט א ברייטער, אָפענער האנט. מעג עס זיין פאר „ר׳ מאיר בעל הנס" פושקעס, פאר אן אָרעמער ישיבה, אָדער פאר א סאַנאַטאָריום פאַר קראַנקע אַרבעטער...

איר דאַרפט נאָר אָנטרעפן צו וועלכן סעזאָן זייער אידישקייט געהערט, דאן וועט איר שוין פון דעם סעזאָן איד נישט אוועקגיין מיט ליידיקע הענט...

פאַראַן צדקה תציל ממות אידן וואָס שרעקן זיך פאַרן מלאך המות, דעמאָלט איז די בעסטע צייט פון זיי ארויסצוקריגן א שיינע נדבה.

פאראַן פאַגראָם אידן, וואָס עפענען זייערע קעשענעס נאָר ווען ס׳טרעפט זיך אַ צרה אָדער, חס־וחלילה, אַ פאָגראָם ערגעץ וואו אויף אידן...

נישקשה, אידן זיינען א פרייגיביק, א גוטהארציק פאָלק.

אידן האָבן זיך שוין לאַנג פארדינט דאָס טיטול — רחמנים בני רחמ־נים. עפּעס אַ קלייניקייט. אידישער רחמנות!? אידן האָבן זיך שוין לאַנג קונה שם געווען מיט זייער רחמנות. ווער ווייסט דאָס נישט, אַז אידן האָבן בטבע ווייכע הערצער און קענען נישט צוזען ווי יענער ליידט. איר דארפט נאָר וויסן ווי אזוי צוצוגיין צום אידס קעשענע, ווי צו געפינען א וועג צום אידס הארץ׳ איר דארפט בלויז אויסגעפינען צו וועלכן סעזאָן דער איד געהערט, מיט וואָס מען קען בעסער ווירקן אויף דעם אידס געמיט, אויף זיינע סענ־טימענטן און געפילן, דאן וועט דער איד אייך אַוועקגעבן דאָס בלוט פון פינגער. דעם לעצטן גראָשן זיינעם.

געפינט נאָר אויס דעם סוד צו וועלכן סעזאָן אייער איד געהערט, וועלן

שוין זיינע קעשענעס זיין אָפן פאר אייך, דאן וועט אייך שוין קיין געלט נישט פעלן, ער וועט אייך געבן פאר וועלכן צוועק איר וועט נאָר בעטן...

פאראן אויך יאָרצייט אידן. אידן וואָס שרעקן זיך זייער פאר די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע עלטערן. באציען זיך מיט דעם גרעסטן דרך ארץ און מורא פארן טאָג פון יאָרצייט. אַזאַ איד וועט אייך איבערלאָזן די גרעס־טע געשעפטן און לויפן זאָגן קדיש נאָכן פארשטאָרבענעם טאַטן אָדער מאמען. ער וועט אייך אוועקגעבן די לעצטע פעזע אבי אָנצינדן אין שול אַ יאָרצייט ליכט אָדער א גלאָז שמן־זית פאר די נשמות פון זיינע עלטערן.

אַזאַ יאָרצייט־איד האָט מיט אידן און אידישקייט קנאַפּ וואָס צו טאָן, ער האָט מער דרך־ארץ און מורא פאר יענער וועלט און פאר די טויטע ווי פאר די לעבעדיקע אידן פון דער וועלט...

אָט למשל, ווייס איך פון אן אמתן פאקט, פון אַ יונגערמאן אן אבל וועל־כער איז געקומען אין שול אריין זאָגן קדיש און דער אייגענער יונגערמאן האלט אָפן זיין געשעפט אין ראש־השנה און יום כפור. טענהט מיט אים דער היגער רב: (וואָס וויל אודאי אריינכאפן א מציאהלע וואָס מען וועט עס נאָך קענען צושרייבן אויף זיין „קאָנטע" איידער מען פארחתמעט זיין קוויטל...) סטייטש! איר קומט אין שול זאָגן קדיש און איר האַלט אָפן איי־ער געשעפט אום ראש־השנה! זאָגט גלייכער נישט פינף חדשים קיין קדיש אבי האלט פארמאכט אייער געשעפט אום יום־כפור.

וואונדערט זיך דער יונגערמאן און קען נישט פארשטיין: ווי קומט עפּעס ראש־השנה און יום כפור צו קדיש זאָגן? דער יונגערמאן האָט מער מורא פארן טאַטנס נשמה ווי פאר גאָט אַליין...

פאַראַן אויך סעזאָן אידן ציוניסטן. אַזאַ סעזאָן איד ווערט א הייסער ציוניסט ווען די אנטיסעמיטישע העצעס ווערן שטארקער. און ווערט באלד אויס ציוניסט ווען די אנטיסעמיטן הערן אויף צו בילן... צו וואָס דארף אַזאַ סעזאָן איד ארץ ישראל? וואָס פעלט אים דען אין גלות... אזעלכע סעזאָן ציוניסטן זיינען אן אָנשיקעניש אויפן ציוניזם.

נאָר דער גרעסטער פּראָצענט סעזאָן־אידן געהערט צום ימים־נוראים סעזאָן. די ראש־השנה יום־כפורדיקע סעזאָן אידן.

אין ראש־השנה יום־כפור סעזאָן, לאָזן זיך די סעזאָן אידן קאָסטן געלט מיט א ברייטער האנט. זייערע קעשענעס און טשעק־ביכלעך זיינען דאַ־מאָלסט פאר אייך אָפן...

מען צאָלט דרייסיק פּעזעס פאַר אַ „שטאָט" צום דאַוונען. מען איז מנדר פאר אַלע אינסטיטוציעס מיט א ברייטער האנט. מען קויפט עליות, מען דינגט זיך איבער די פעטע עליות, מען טרייבט זיי אַרויף אין די שווערע הונדערטער. און די ליידיקע קאָסעס פון אַ סך אינסטיטוציעס ווערן טאקע נאָך די ימים נוראים א ביסעלע פולער...

א גו, פּרוּאווט אומישנע צו בעטן ביי א סעזאָן איד אינמיטן יאָר א צענערל פּאָר לאָזן אים אָפּדאַווענען אין א שול, וועט ער אייך אָנקוקן ווי אַ חסר דעה, ווי אַ נישטדאַאיקן: באַצאָלן גאָר פאַר לאָזן דאַווענען?

אָבער אויף ראש־השנה און יום־כפּור איז אַלץ רעכט. דעמאָלט פרעגט נישט דער סעזאָן איד קיין שום שאלות. ער וועט דאַווענען און באַצאָלן און טאָקע מיט א שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַ שטילן דאַנק...

נישקשה, ס'האַלט נאָך נישט אַזוי שלעכט מיטן סעזאָן אידישקייט.

אפשר ווייסט איר עפּעס אַ מיטל ווי אַזוי צו מאַכן אַט די אייגענע סעזאָן אידן זאָלן אויך זיין פרייגיביק, ברייטהאַרציק אין מיטן יאָר?

ווי אַזוי קען מען עפּעס אָנוואַרפן א פּחד, א שרעק אויף די זעלבע סע־זאָן־אידן אויף די ראש־השנהדיקע און יום־כפּורדיקע דאַוונער אַז זיי זאָלן עפּענען זייערע געלט בייטלען אויך אינמיטן יאָר ווען מען דאַרף געלט פאַר קהלישע הצטרכותן, פאַר געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס...

איי, ווען מען קאָן כאָטש מאַכן אַ פּאָר מאָל אין יאָר אַ טאָג, ווען מען פאַרגיט יעדן זיין ביסל זינד, אַ יום־כפּור־טאָג... ווי אויפגעריכט עס וואָלטן געוואָרן אַ סך אידישע נויטבאַדערפטיקע אינסטיטוציעס!

אין וואָס פאַר אַ שול האָט איר דעם ראש השנה און יום־כפּור געדאַוונט? (איך פרעג נאָר בלויז די סעזאָן דאַוונער, די ראש־השנה און יום־כפּורדי־קע אידן).

וועלכן חזן האָט איר געהערט? א חזן מיט א לירישן טענאָר אָדער מיט אַן ערנסטער באַריטאָן שטימע, אָדער אַ חזן מיט אַ ברוגזן באַס... וואו דאַוונט זיך גרינגער, מיט אַ כאָר אָדער אָן א כאָר? מיט אַ קאָמערטאָן אָדער מיט אַ סקאַרבאָוון ניגון, אָדער מיט א חסידישן מאַרש?....

מיינער א באַקאַנטער סעזאָן דאַוונער, האָט ליב ארומצוגייען מאַכן ווי־זיטן אין אַלע שולן. ער דאַוונט אין אַלע מנינים. ער דערקלערט מיר, אז ער טוט דאָס צוליב צוויי טעמים: ראשית, איז ער א פּרינציפּיעלער קעג־נער פון קויפן בילעטן צו גיין דאַוונען, ס'איז, זאָגט ער, אַ פאַרשוועכונג פון זיינע רעליגיעזע סעזאָן־געפילן... א איד וויל דאַוונען מהיכא־תיתי, דאַוון דיר וויפל דו ווילסט. אָבער באַצאָלן? לא מיט אן אלף! זאָלן אנדערע צאָלן...

נישקשה, ס'איז דאָ גענוג רייכע סעזאָן אידן אין מעקסיקע, גענוג בור־זשויען וואָס קענען אויסהאַלטן אַלע פּראָלעטאַרישע דאַוונער...

און צווייטנס, גייט ער אַרום דאַוונען אין אַלע שולן, ווייל ער איז זיכער, אַז אין מעקסיקע זיינען נאָך פאַראַן אַ ביסל אמתע גאָטספאַרכטיקע, פרו־מע אידן, און אַזוי ווי ער ווייסט נישט אין וועלכער שול זיי דאַוונען, גייט ער דעריבער אַרום אין אַלע שולן, אפשר וועט ער זיי ערגעץ טרעפן...

שטיי איך מיר אַזוי אין שול דעם לעצטן יום־כפּור און הער זיך צו צו די שיינע געזאַנגען פון חזן מיטן כאָר, פאַרגעס אז איך פאַסט, אַז די ליפּן

טרוקענען מיר, אַז דער הונגער שטייט מיר שוין אויפן שפּיץ נאָז און די קניען בויגן זיך פון שוואַכקייט, פּלוצים דערזע איך מיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס איך וואָלט מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט צו טרעפן אים אין אַ שול איינגעהילט אין אַ טלית און דאַוונען. איך קען אים אַלס אַ דריי־פּערטל־דיקן פריידענקער, פאַר אַ גאַנצן אַפּיקורס און אַ געכאַפּטער אין „בונדיזם״. כ׳שטיי און גלאָץ אויס מיינע אויגן אויף אים און פרעג אים אויף שטום לשון:

סטייטש, איר דאָ?

מיין באַקאַנטער סעזאָן־דאַוונער האָט זיך אוודאי אָנגעשטויסן וואָס איך מיין. — פאַרשטייט איר מיך — האָט ער מיך אוועקגענומען אָן אַ זייט און מיר שטיל דערקלערט — וואונדערט זיך נישט אַזוי: ערשטנס איז דאָ אַ סך רעליגיעזע סאָציאַליסטן. איינס קומט נישט צום צווייטן. מען קען זיין אַ סעזאָן איד, גיין דאַוונען און דאָך וועלן פּטור ווערן פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. מען קען זיין אַ בונדיסט אָדער אַ פּועלי ציון־ניק און דאָך זאָגן אַ שטילע „שמונה־עשרה״ מיט אַ הויכער קדושה...

צווייטנס, איז דער אמתער פריידענקער, אויך נאָך נישט אין גאַנצן זיכער אַז דאָס „אויבן״ אין הימל איז גאָרנישטאָ!...

כ׳וויס, אפשר? טאָמער יאָ! וואָס קען איך דאָ אָנווערן — אַ דאַוונען און עטלעכע פּעזעס? מילא, האָב איך אַ דאגה! אַבי נישט ארומגיין מיט אַ מורא אין דעם הארץ אַ גאַנץ יאָר... איך טו עס צוליב מיין אינגל. ער וואַקסט דאָך ביי מיר אויף אינגאַנצן אַ גוי! זאָל ער כאָטש עפּעס וויסן פון אידיש־קייט, פון עטיש־רעליגיעזער אידישקייט איין מאָל אין יאָר...

מילא, ס׳איז אפשר אַ שלעכטער תירוץ פון אַ סעזאָן אידישקייט. ס׳איז אָבער זיכער אַ גוטער ענטפער פאַר די ליידיקע קאַסעס פון אַ סך אידישע אינסטיטוציעס.

זאָל זיין אַ סעזאָן אידישקייט. זאָל זיין פון סעזאָן־אידן אַבי אַ פולע קאַסע. זאָלן זיין סעזאָן־אידן, אַבי אידן!

מעקסיקאַנער אידישקייט . . .

אידישקייט וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין.

אונזער היינטיק ביסל אידישקייט, איז עלאַסטיש פונקט ווי גומע, מ׳קען עס אויסציען ביז צו די תר״יג מצוות; אַז אַ איד דאַרף אָפּהיטן די גאַנצע סעריע פון דריי הונדערט מיט דרייצן מצוות....

און מ׳קען די איצטיקע אידישקייט, איבערהויפּט די מעקסיקאַנער אידישקייט, איינשרומפּן, אריינקוועטשן אין עטלעכע קליינע מצוועלעך און מנהגים און מ׳געהערט צום כלל־ישראל...

אידישקייט האָט דען אַ שיעור?

ווער קען דען אָפּשאַצן וואָס ביי איינעם הייסט אידישקייט?

ביי איינעם הייסט אידישקייט: קענען די אידישע היסטאָריע און ליטעראַטור און האָבן אַן אייגן לאַנד...

ביי אַ צווייטן הייסט אידישקייט: בלויז שפּרעכן מאַמע־לשון — אידיש...

און ביי אַ דריטן הייסט אידישקייט: עסן געפילטע פיש, שלאָגן כפּרות ערב יום־כפּור און זיך קריגן אין שול איבער אַ פּעטע עליה...

פאַראַן דיעטע־אידישקייט...

אַסימילאַטאָרן וואָס זיינען גאַנץ קנאַפּע אידן, וואָס האָבן מיט אידישקייט אַ קנאַפּן שייכות, נאָר זיי היטן אָפּ מיט דער גאַנצער האַרבקייט פון שולחן־ערוך אַלע דינים פון דיעטע־אידישקייט...

אַזאַ מין דיעטע־איד, אז ער קומט אין אַ פרעמדער שטאָט, הויבט ער באַלד אָן נישטערן און זוכן: נישט קיין שול צום דאַוונען, נישט קיין אידישע אינסטיטוציעס, נאָר וואו ס׳געפינט זיך ערגעץ — אַ כשרער רעסטאָראַן...

דעם דיעטע־איד אינטערעסירט נישט אויסצוגעפינען, ווי אזוי אידן לעבן אין דער פרעמדער שטאָט, ווי ס׳האַלט מיט אידישקייט. אים אינטערעסירט מער צו וויסן און אויסגעפינען, צי מ׳קען אין אידישן רעסטאָראַן קריגן געפילטע פיש, מאַנדלען מיט יוך מיט אַ געפילט העלזל...

זיין גאַנץ אידישקייט הויבט זיך אָן אין אידישן רעסטאָראַן און ענדיקט זיך אויפן אידישן בית־עולם...

דאָס דערמאָנט אָן דעם אנעקדאָט וועגן דייטשן יהודי מיט די געפילטע פיש:

אַן אַסימילירטער דייטשער איד, וועלכער איז שוין געווען זייער ווייט

פון אידן און אידשקייט, האָט געהאט יאָרצייט נאָך זיין פאָטער. דעם יהודי האָט זיך עפּעס געבאָמבלט אין קאָפּ וועגן אידישע געפילטע פיש...

איז ער איינם טאָג פון יאָרצייט אריינגעגאנגען אין א אידישן רעסטאָראן עסן געפילטע פיש, פארן טאַטנס נשמה...

אָפּגעגעסן די ערשטע פּאָרציע פיש, רופט ער צו דעם קעלנער און דערקלערט אים אין א פייערלעכן טאָן: — גיב מיר נאָך אַ פּאָרציע געפילטע פיש! מיין גאָטזעליקער פאָטער איז געווען א פרומער גאָטספאָרכטיקער איד, ער האָט זיך ביי מיר פארדינט, אַז כ'זאָל פאר זיין כבוד וועגן עסן צוויי פּאָרציעס געפילטע פיש!...

ביים דייטשן יהודי, איז דאָס גאנצע אידישקייט באשטאנען אין עסן איינמאָל אין יאָר געפילטע פיש...

מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט חתונה געהאט מיט א מעקסיקאנעריין, באַרימט זיך פאר מיר, אז זיין „קאָנטשיטאַ" ווייסט מער פון אידישקייט ווי אן אמתע אידישע פרוי...

זי ווייסט, אז זונטיק דאַרף מען קאָכן „פעסקאדאָ רעיענאָ" געפילטע פיש... און פסח מוז מען צום ברויט אויך צוקויפן, גרויסע פירקאַנטיקע „גאַיעטאָס", מצות הייסט עס...

פאַראַן א איד, וואָס זאָגט אַן זיין אינגל, ער זאָל למען השם זאָגן אין דער מעקסיקאַנער שול, אַז ער איז אן „אַלעמאַן" — אַ דייטש... און פאר די שכנים זיינע גיט ער זיך אָן פאַר א „רוסאָ". ער שעמט זיך נעבעך מודה צו זיין, אַז ער איז אַ „כודיאָ"...

פונדעסטוועגן שלאָגט ער כפּרות ערב יום־כפּור און וויל דווקא, אַז זיין „אַלעמאַן" דער זון זיינער, זאָל קענען זאָגן נאָך אים איבער הונדערט און צוואנציק יאָר קדיש...

ביי א סך היגע אידישע פרויען, הייסט אידישקייט: לויפן אין שול אריין צו מזכיר־נשמות און הייסן דער מעקסיקאנער דינסט אָנצינדן פאר איר די בענטש־ליכט פרייטיק פארנאכט...

פאַראַן אויך פּרעמיע־אידישקייט...

מיט עטלעכע חדשים צוריק, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַן אמעריקאנער איד, וואָס האָט ביי אונז געוואָלט איינפירן אַ ניי מין אידישקייט:

פּרעמיע - אידישקייט...

אידישקייט מיט פּרעמיעס, איז ביי אונז געווען א שפּאָגל־נייע דערפינדונג.

ביי אונז איז מען געוואוינט פאר אידישקייט צו באצאָלן גוטע געלט... נישט צו קריגן באַצאָלט פארן אָפּהיטן אַ ביסל אידישקייט...

ס'איז א סברה, אַז ביים פּרעמיע־איד איז עפּעס לויז געוואָרן א שרייפל אין מוח...

דער ערשטער קרבן צו קריגן די פּרעמיע פאר אידישקייט איז געווען אַ וואוילער, אַרבעטסזאַמער יונגערמאַן שלמה קצב, (אַ גאַליציאַנער נע־בעך...)

דער פּרעמיע־איד האָט אים געצאָלט 5 פּעזעס פאַרן שבתדיקן טאָג, ער זאָל נישט דארפן ארבעטן אום שבת און מער נישט מחלל שבת זיין בפרהסיא...

דער עקספּערימענט איז נעבעך געווען א גרויסער דורכפאל... דער פּרעמיע־איד האָט אים געמוזט היטן א גאנצן שבת ער זאָל חלילה נישט באַגיין קיין עבירהלע מיטן רויכערן א פּאַפּיראָס...

דער פּרעמיע־איד איז אויך אַוועק צו א היגן אידישן רעסטאראטאָר און אים פאָרגעלייגט א פּרעמיע פון גאנצע הונדערט פּעזעס א חודש, אַז ער זאָל מער נישט קאָכן אום שבת...

דעם רעדאקטאָר פון „וועג", האָט ער פאָרגעלייגט א פּלאן: ער זאָל זיך אָנהויבן ראַזירן מיט אַן עלעקטריש ראַזיר־מעסער, וועט ער אים געבן אַ פּרעמיע — עטלעכע נייע לעזער...

צו די היגע אידישע אקטיאָרן, איז דער פּרעמיע־איד געקומען מיט אַן אויסערגעוויינטלעך גוטן פּלאַן...

ביי די אקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן גלאנצן די אויגן פאר שמחה, הערנ־דיק אַז אַן אַמעריקאַנער איד האָט פאַרן אידישן טעאַטער אַ וויכטיקן פּלאַן.

ווען דער באַקאַנטער אַרטיסט מאָריס בראון האָט אים געפרעגט אין וואָס זיין טעאַטער־פּלאַן באַשטייט, האָט דער פּרעמיע־איד געלאָסן געענט־פערט:

ער וויל שענקען די אידישע אקטיאָרן עטלעכע הונדערט קאָפּלען פאר די אידישע טעאטער באַזוכער... יעדער מאַן וואָס וועט קויפן אַ בילעט, זאָל אויך קריגן אַ קאָפּל און ביים אַרויסגיין פון טעאַטער, זאָל ער די יארמולקע צוריקגעבן...

זאָלן אידן נישט זיצן אין בלויזן קאָפּ אין אידישן טעאַטער...

דער פּרעמיע־איד האָט געוואָלט ראַטעווען די היגע אידישקייט מיט אַ יאַרמולקע...

אויב נישט קיין שטריימל־אידישקייט, זאָל כאָטש זיין א קאָפּל־אידיש־קייט...

אָט האָט זיך אַ היגער פרומער איד צעקריגט מיט די פירער פון דער „נדחי ישראל" שול. נישט חס ושלום צוליב כשרות, צוליב דעם שוחטים־שטרייק אָדער צוליב חנוך, נאָר צוליב — אַן עליה...

נאָך דאָ ביי אונז וואוילע אידן, פרומע, פּשוטע פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען גרייט זיך איינצושטעלן פאַרן אמתן ביסל אידישקייט.

אַ באַקאַנטער איד, אַ כהן פון אהרן הכהנס משפּחה, האָט זיך באַליי־

דיקט פאַרוואָס מ'האָט ביי אים פשוט אוועקגעגזלט די ערשטע עליה, וואָס קומט אים אַלס כהן...

דער באַוווּלהטער, בייזער כהן, האָט אַוועקגעשיקט אין די ניו־יאָרקער אידישע צייטונגען אַ פראָטעסט־בריוו, קעגן דער פאַרשוועכונג פון דער כהונה פון דער היגער פּאָליטיק־אידישקייט...

— ס'טייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין א אידישער שול זאָל מען אויפרופן צו דער תורה א לוי במקום כהן, ווען אין שול געפינט זיך אַן אמתער הונדערט פּראָצענטיקער כהן!

ממה־נפשך, איז ער א כהן, טאָ קומט אים די ערשטע עליה און מען טאָר נישט פירן קיין פּאָליטיק מיט די הייליקע כהונה...

ער וואָלט געקענט אָנקלאָגן די שול־פאַרוואַלטונג אין געריכט פאר באַליידיקונג... נאָר ער האָט מורא ס'זאָל נישט ברענגען קיין שאָדן דעם היגן רב... פאָרט אַ אידישער גזלן...

און כ'שטעל זיך פאָר, אַז מ'גיט איבער דעם כהן־פּראָצעס אין מעקסיקאַנער געריכט...

דער ריכטער וועט הייסן די כהונה עקספּערטן אַרויסזאָגן זייער מיינונג, וועגן די אידישע כהן־געזעצן. — „קואַל אַליאַ (עליה) עס מעכאָר אי מאַס גראַנדע"?... וועלכע עליה איז די בעסטע און די גרעסטע... און צי קומט טאַקע דעם כהן די סמעטענע און אַלע אַנדערע די זויער־מילך...

דער מעקסיקאַנער „כועז" וועט דאַרפן פּסקענען צי מ'האָט טאַקע דעם כהן באַליידיקט... און וויפל שאָדנערזאַץ די שול־פאַרוואַלטונג דאַרף צאָלן דעם באַליידיקטן כהן..

די מעקסיקאנער פּרעסע, וועט באַלד אַרויס מיט גרויסע קאָמענטאַרן וועגן דעם כהן־פּראָצעס...

ווי פרום און הייליק דאָס אידישע פאָלק איז... און די קלוגסטע און פרומסטע פון אַלע, זיינען די מעקסיקאַנער אידן...

נישטאָ, רבותי, וואָס צו שרעקן זיך, אז אידישקייט גייט אונטער אין מעקסיקע...

אויב מ'קען אויסלערנען אַ מעקסיקאַנערין קאָכן געפילטע פיש... און א איד וויל געבן דעם גאנצן טעאַטער עולם אומזיסטע קאַפּלען... און אידן זיינען זיך גרייט צו קריגן איבער אַן עליה...

מעגן די מעקסיקאנער אידן רואיק שלאָפן...

אידישקייט גייט נאָך נישט אונטער אין מעקסיקע...

אַ אידישע מלוכה . . .

די אנטיסעמיטן שרעקן די וועלט מיטן „אינטערנאַציאָנאלן איד" סטראַשען מיט דער אידישער „אחדות"... עפּעס אַ קלייניקייט — די אידישע אחדות! אָבער קיינער ווייסט דאָך נישט אַזוי ווי מיר אַליין, אַז ס'איז אַ נעבעכטיקער טאָג! אז ס'איז ביי אונז קיין אחדות נישט פאַראַן, אַז מיר ליידן דורכדעם, וואָס עס פעלט אונז דאָס ביסעלע אחדות.

ווען ס'זאָל ביים אידישן פאָלק באמת זיין אחדות — נו־נו! מיר וואָלטן שוין לאנג ווייט געהאלטן, מיר וואָלטן שוין לאנג געפירט אַן אייגן מלוכה־לעבן, ווי אַלע נאָרמאלע פעלקער. נאָר דער אמת איז אז מיר ליידן פון מיסטרויען, פון אומצוטרוי צו זיך אַליין, פון האלטן אין איין זוכן פעלערן ביי זיך אַליין...

זאָל זיך אַ יחיד פאַרזינדיקן מיט עפּעס, אָדער זאָל אַן אָרגאַניזאַציע אָדער אַן אינסטיטוציע מאַכן דעם קלענסטן פעלער — איז הימל עפן זיך! ס'וועט זיך באַלד אויפהויבן אַ געוואַלד, אַ געשריי, מ'וועט אייך באַלד דערמאָנען דאָס פאָלקסווערטל: ס'איז גוט צו לעבן צווישן גויים און שטאַרבן צווישן אידן..." אָדער:

— אַהאַ! כ'האָב אייך פריער געזאָגט! וואָדען? אַ אידישע מלוכה....

די היגע אידישע שול האָט זיך דעם זמן אַ סך פאַרגרעסערט. זיינען די שול־טוער, די לערער זייער צופרידן, אדרבא, זאָלן וואָס מער אידישע קינדער קריגן אַ נאַציאָנאַל־וועלטלעכע דערציאונג. די גרויסע רייכע שכנים אונזערע, די אידן אין די שטאַטן, זיינען אונז פשוט מקנא, ווייזן אָן אויף אונז אַלס מוסטער, ווי אַזוי צו פירן אַ פאָלקס־שול. זיינען די מעקסיקאַנער אידן טאַקע שטאָלץ מיט זייער שול. זיינען די ערשטע צוויי חדשים פון דעם זמן געוועזן, ווי מען זאָגט, צו דערליידן. די עלטערן האָבן געצאָלט. די שול איז, ווי ס'איז, דורכגעקומען אָן אַ דעפיציט.

איז דאָך אונז אָבער נישט באַשערט צו האָבן אַביסעלע נחת — זיינען זיך מיישב אַ העלפט עלטערן און זאָגן: עד כאן! גענוג געצאָלט!

דער פאַרוואַלטער שרייבט בריוולאך צו די עלטערן, אָבער רעד צו דער וואַנט! די עלטערן מאַכן זיך נישט וויסן.

זעט איר, ווען די אייגענע עלטערן זאָלן דערהאַלטן אַן „אַוויסאָ" פון דער ענגלישער, אַמעריקאַנער אָדער פראַנצויזישער שול, וואָלט מען גיך

געכאַפּט און באַצאָלט. ס'איז דאָך אָבער א אידישע שול; ווייסיך וואָס, אייגענע מענטשן...

— און אַז מ'באַצאָלט נישט פּאָר אַ חודש? — פרעגט אַ קלאָץ־קשיה אַ פּאָטער פון אַ קינד — איז מה רעש? צווישן 250 קינדער, אַז איינער צאָלט נישט צו דער צייט, וועט דען די שול אונטערגיין?

איז אָבער אַ צרה וואָס אַ העלפט עלטערן טראַכטן דאָס אייגענע.

דאָס דערמאָנט מיך אָן דער כעלמער מעשהלע:

אין כעלם האָט אמאָל געטראָפן, אַז פונקט שמחת־תורה איז נישט געווען קיין בראָנפן און אָן אַ גלעזל בראָנפן איז נעבעך געווען אַ פאַרשטערטער שמחת־תורה, האָט קהל גערופן אן אסיפה און באַשלאָסן אריינצושטעלן אין פירהויז פון בית־מדרש א גרויסע פאס, און יעדער איד, וואָס וועט קומען אינדערפרי דאַווענען, זאָל מיטברענגען אַ גלעזל בראָנפן, כדי ביז איבעראיאַר שמחת־תורה זאָל זיך אָנזאמלען א פולע פאס מיט בראָנפן, וועט מען זיך קענען משמח זיין...

איז עס דאָך אָבער כעלם. — טראַכט זיך אַ כעלמער: בראָנפן וועל איך זיי ברענגען? נישקשה, אין אַזאַ גרויסער פאס בראָנפן אז איך וועל ברענגען איין גלעזל וואַסער, וועט אויך גאָרנישט שאַטן; מילא, וועט דער בראָנפן זיין אַביסעלע שוואכער. איז אָבער געווען די צרה וואָס אַלע כעלמער האָבן דאָס אייגענע געטראַכט און געטאָן און אויפן אנדערן שמחת תורה איז געווען א פולע פאָס מיט — וואַסער.

אַז 50 קינדער קענען איבגאַנצן נישט צאָלן קיין שכר־לימוד און א 100 עלטערן, וואָס קענען יאָ צאָלן ווילן אויך נישט צאָלן אין צייט — איז דאָך טאַקע די קשיה: פון וואַנען וועט זיין צו צאָלן די לערער און דירה געלט?

האָט טאקע דער קאָמיטעט מקיים געווען זיין „סטראַשונאַק" און אין א שיינעם פרימאָרגן געהייסן איינשפּאַנען דעם „קאַמיאָן" און אהיימגעשיקט א הונדערט קינדער. וואָס דערנאָך איז געווען? פרעגט בעסער נישט. ערשטנס, איז טאַקע געווען א רחמנות אויף די קינדערלאַך, וואָס דאַרפן ליידן צוליב די עלטערן נעבעך, און צווייטנס — צווייטנס איז טאַקע געווען אַ רחמנות אויף די לערער אויך. די פּאַרציע, וואָס די לערער האָבן אַריינגעכאַפּט דורכן טעלעפאָן, ווינטש איך נישט קיין שונא.

אָט הערט אומישנע אַ דיאַלאָג דורכן טעלעפאָן.

דער לערער לייגט צו דאָס טרייבל צום אויער:

— ווער רעדט?

— בוענאָ! די אידישע שול?

— יאָ, ווער רעדט דאָס?

— דער פאָטער פון... (דער פאָטער פון דעם קינד קאָן דווקא יאָ צאָלן; אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט).

— קאַק וואַס ניע סטידנאָ! ווי שעמט איר זיך נישט אהיימצושיקן מיין קינד צוליב עטלעכע פּעזעס? (ווער זאָל זיך שעמען, דער לערער צי דער פאָטער?) וויקלוטשאַיעט אים פון ספּיסאָק, שליסט אים אויס, הייסט עס, אינגאנצן פון דער שול!

דער טעלעפאָן קלינגט ווייטער.

— ווער רעדט? פון דער אידישער שול? עך וויל רעדן מיטן סעניאָר בערגער.

— דאָס רעדט דער לערער בערגער.

— זוגט נאָר, וואוס איז דוס, האַ? עטץ שיקט מיר אַהיים דוס קינד פאר גורנישט!

— גלויבט מיר, מאַדאַם, אַז איך בין נישט שולדיק, ס'געווענדט זיך נישט אָן די לערער. זייט אַזוי גוט און פרעגט בעסער דעם פּרעזידענט פון דער שול, ד"ר ש. פּאַסטליכט.

— וואוס? עטץ ווילט מיר פּאררעדן די צאַין?

— זייט אַזוי גוט און פרעגט דעם וויצע־פּרעזידענט ה' ראָזען.

— מ'ווייסט שוין, מ'ווייסט שוין! זאָטס נישט קאַזאַן גיטער. ס'איז אַלץ ענקער קאָפּ!

דער טעלעפאָן קלינגט:

— בוענאָ. די אידישע שול? זאָגט מיר נאָר, כ'בעט אייך, פאַרוואָס צאָל איך געלט?

— פאַר לערנען, מאַדאַם.

— טאָ פאַרוואָס האָט איר נעכטן געזאָגט מיין אינגל, ער זאָל קומען אין שול אַביסל ריינער און נישט אַזוי שמוציק?

— דאָס איז דער חוב פון די לערער, מאַדאַם.

— נישט אייער עסק! כ'צאָל געלט בלויז פאַרן לערנען; די רעשט לאָזט איבער צו מיר.

דער טעלעפאָן קלינגט ווייטער.

— יאָ, יאָ, דער לערער, ווער רעדט?

— איך זאָג אייך, אַז איר זאָלט... דאָ גייט אַ רוסישער דריי גאָרנדיקער מי־שברך, וואָס מ'קאָן נישט איבערגעבן אין דרוק...

נאָר ווייסט איר, רבותי, ווער ס'איז שולדיק אין דעם; נאָר די לערער! ווער הייסט זיי האָבן, אָט די 8 לערער, מאָגנס? א חוצפה אַביסל! לערער זאָלן אויך וועלן עסן! אַזאַ העזה!

מיין עצה וואָלט געווען, ליבע עלטערן, אויסצושרייבן פון די שטאַטן 8 אויטאָמאטישע „ראָבאָטס", אַזאַ מין עלעקטרישער גולם פון שטאָל, וואָס אז מ'טוט א קוועטש ביי אים אַ קנעפּל, טוט ער אַלץ וואָס מ'הייסט אים.

אַזעלכע גולמס בעטן נישט קיין עסן און אפילו נישט אויף דירה־געלט. נאָר ביז אַזאַ גולם וועט קאָנען זיין א מלמד, כ'מיין א לערער, וועט שוין דעמאָלט נישט עקזיסטירן קיין געלט אויף דער וועלט.

דערווייל, ליבע עלטערן, דאַרף מען נאָך צאָלן שכר לימוד. לאָמיר מאַכן אַ פראָסטן חשבון: דאַרפט איר צאָלן אַ גרויסן שכר לימוד אין א גויאישער שול, מ'זאָל מאַכן אייערע קינדער פאַר גרויסע גויאים, איז דאָך שוין גליי־כער צו צאָלן אַ קלענערן שכר לימוד אין דער אידישער שול, וואו מ'דער־ציט אייערע קינדער פאַר גוטע מענטשן און גוטע אידן...

און מ'דאַרף זיך טאַקע צוגעוואוינען צו פירן אַ אידישע מלוכה, ווייל אויב מיר וועלן דאָס נישט טאָן מיט גוטן, וועלן די גויאים אונז צווינגען דאָס צו טאָן מיט בייזן...

ויהי ערב ויהי פויקער . . .

ויהי ערב ויהי בקר.

ס'איז געווען אָוונט, ס'איז געווען אינדערפרי.

און מ'שפּילט אַלץ אין פויקער.

ס'איז אַן אַלטער כּלל, דאָרט וואו ס'שטייט ויהי איז א צרה. און דאָרט וואו ס'איז אַ צרה, מוז זי דוקא טרעפן אידן...

און די פּאָקער־צרות, זיינען דאָס אמתע בינטל צרות — צרות צרורות.

די פּאָקער־צרה איז א מכה אשר לא כתובה בתורה, א פורעניות, אַ משו־לחת, אַן אַנשיקעניש.

אין דער תוכחה, וואו ס'ווערן דערמאָנט אַלע קללות וחרמות, ווערט אָבער די מאָדערנע קללה — פּאָקער נישט דערמאָנט. ווייזט אויס, ווען די תורה איז געשריבן געוואָרן, האָט מען נאָך נישט געשפּילט אין פּאָקער...

היינט איז אָבער די פּאָקער־צרה אַן אמתע מכה, א בלאָטער, א געשוויר אויפן אידישן קערפּער, אויפן אידישן ישוב...

היינט איז די פּאָקער־צרה אַן אמתע קללה, אַ סך אַן ערגערע קללה, ווי אין דער תוכחה...

אויב איר ווילט עמיצן שילטן, איז די בעסטע קללה:

— איר זאָלט ווערן אַ פּאָקער שפּילער!

— עס זאָל אויף אייך קומען א פּאָקער!

אייגנטלעך, איז דאָס שפּילן אין קאָרטן נישט קיין נייס אונטער דער זון. און אפשר איז דאָס שפּילן אין קאָרטן טאַקע נישט אַזאַ גוואַלדיק גרויסע עבירה. מענטשן ווילן זיך פארשפּילן אַביסל די צייט, זיך נאַריש מאַכן מיט קאָרטן.

אָבער ווען דאָס שפּילן זיך, הערט אויף צו זיין שפּילעוודיק און ווערט אַ געלט־כאַפּעריי, אַן אַפנאַרעריי, אַן אַזאַרט־שפּיל, א בעגראַנדע־שפּיל, אָט דאָ טאַקע הויבט זיך אָן די פּאָקער־צרה, די פּאָקער מגפה, די פּאָקער־הלאת, די פּאָקער־מאַניע, דער פּאָקער־אומגליק.

אַמאָל האָבן אידן געשפּילט שפּילעוודיק אין קאָרטן. חנוכה איז גלאַט געווען אַ שטיקל מצווה צו מאכן א קערטל, ניטל האָט מען געמאַכט אַ קוויטל.

מ'האָט געשפּילט אין אַקע, אין קוויטלעך, אַ זעקס און זעכציק, א פינף

הונדערט איינס, אַ זאָלע, א קאָנטשעניע׳ טערטל־מערטל, א דערדע, א פּאַ־סיאַנס, שטאָס, איין און צוואַנציק, דעוויאַטע־וויאַל, קאַסינאָ און סאָליטאַ־ריאָ.

היינט איז דאָ אַן איינאַונאיינציקע שפּיל, וואָס פאַרטונקלט נעבעך אַלע אַנדערע אַלטמאָדישע קאָרטן־שפּילן:

— פּאָקער!

הימל און ערד און פּאָקער!

מענער און פרויען, טאַטעס און מאַמעס, שוויגערס און באָבעס, גרויס און קליין, קינד און קייט שפּילן שוין אין פּאָקער.

אַ מאַן וואָס קאָן חלילה נישט די גרויסע קונסט פון פּאָקער שפּילן, איז אַ בטלן, אַלטמאָדיש, צוריקגעשטאַנען און קאָן נישט קומען אין א לייטישער געזעלשאַפט...

אַמאָל איז געווען גענוג צו זיין אַ מאָדערנע פרוי, ווען זי האָט זיך געמאכט מאַניקיור, געטראָגן א קורץ קליידל, געפּארבט זיך די ליפּן, גע־רויכערט א ציגאַרעטל, קונציק פאַרלייגט אַ פיסל אויף אַ פיסל און גע־פלירטעוועט...

היינט זיינען די אַלע מאָדערנע פרויען חנדלעך, שוין אַריבער צו די באַלעבאַטישע מאַמעס, שוויגערס און באָבעס.

היינט הייסט זיין א מאָדערנע פרוי, ווען זי קאָן די שיינע און איידעלע קונסט פון — פּאָקער!

אַ פרוי, מעג זי זיין ווי געבלידעט, מעג זי קאָנען אַלע שבע חכמות, קוים פאַרשטייט זי נישט די גרויסע חכמה פון פּאָקער, איז זי ווי אַן אַרויסגעשטויסענע אין א געזעלשאַפט פון פרויען, ווי אַן איבעריקע אויף אַ היימישער שמחה. זי איז א פאַרצייטיקע, אַלטמאָדישע אידענע, וואָס ווייסט נעבעך נישט די דינים, די געזעצן און דעם קאָדעקס פון פּאָקער־שפּילן...

און וועלכע מאָדערנע פרוי, ווייסט איצט נישט, אז צוויי דזשעקס מאַכן אויף, און וואָס עס מיינט אַ סטרייט, אַ פול הויז, אַ פלאָש, א סטרייט־פלאָש, אַ ראָיאַל־סטרייט־פלאָש, א צענטער א קובאַנער, און אז מ׳קאָן קויפן בלויז דריי קאָרטן...

אמאָל, אז מ׳האָט גערעדט א מיידל א שידוך, האָט מען זיך נאָכגעפרעגט צי דער חתן־בחור איז נישט קיין לײדיקגייער אָדער א קאָרטן־שפּילער. א „קאָרטיאָזשניק" איז געווען אן אומגליק אין דער משפּחה, און מ׳האָט זיך מיט אים געשעמט, פּונקט ווי מיט א שווינדלער, א פּוסט און פּאַסטניק, אַ לײדיקגייער...

היינט איז א גוטער קאָרטן־שפּילער א גאַנצער מאַכער און קנאַקער, א גוטער פּאָקערניק גייט אַרום מיט א שטאָלצער מינע אויפן פּנים, ער ווערט

באַטראַכט ווי אַ גרויסער חכם און פּאַר אַ וואַזשנעם קאָפּ־מענטש, וואָס מען מעג אים אמאָל פרעגן אַן עצה...

פּאָקער איז שוין באַלד געוואָרן א אידיש־נאַציאָנאַלער קאָרטן־שפּיל.

געפּילטע פיש, טשאָלנט, טובה־וועקסלעך, בר־מצווה און — פּאָקער!

גויאים שפּילן אַמאָל אויך אין פּאָקער, אָבער זיי האָבן אַ חוץ פּאָקער אויך אנדערע פאַרוויילונגען: זיי שפּילן גיטאַרע׳ זינגען לידער, דעקלאַמירן.

אידן האָבן שוין געמאַכט פון פּאָקער זייער בעסטע, אַנגענעמסטע אינ־טערעסאַנטסטע און איינאונאיינציקע פאַרוויילונג...

אַ שמחה, אַ פאַמיליע־יום־טוב, וואו מען מאַכט נישט קיין פּאָקער, זעט דאָס אויס, ווי אַ חתונה אָן קלעזמאָרים...

אמאָל האָבן אידן זיך געוואַשן די הענט נאָכן עסן מיט מים אחרונים און געבענטשט מזומן, היינט נעמט מען באַלד נאָכן קאָמפּאָט די „תהילימ־לעך״ און מ׳זעצט זיך גיך שפּילן אין פּאָקער מזומן, און טאַקע מיט מזומן געלט...

אַז מ׳לאַדט איינעם איין אויף אַ שמחה, אויף אַ וועטשערע, אויף אַ גלעזל טיי, ווייסט ער שוין, אז ער דאַרף אויך מיטנעמען זיין טשעק־ביכל אָדער מזומן געלט, ווייל מען וועט זיכער פאַרבייסן מיט א פּאָקער...

פאַראַן אַלערליי פּאָקערס.

פאַראַן אַ ויהי ערב ויהי בוקר־פּאָקער, ס׳הייסט מ׳הייבט אָן שפּילן באַלד נאָך דער וועטשערע און מען פאַרענדיקט כאור, אינדערפרי. די פּאָ־קערניקעס זיינען נעבעך מיד, אויסגעמאַטערט מיט פאַרשלאָפענע אויגן, אין מויל איז זויער און די קעשענעס זיינען ליידיק...

פאַראַן אַ געמישטער פּאָקער פון מענער און פרויען, ס׳הייסט׳ שנים מקרא ואחד תרגום...

און ס׳איז אויך פאַראַן בלויז א ווייבערשער פּאָקער.

דער ווייבערשער פּאָקער הייבט זיך אָן באַלד נאָך מיטאָג. מ׳זאָגט אָן דער דינסט, זי זאָל געבן די קינדער עסן, זיי לייגן פרי שלאָפן, און אויב דער מאַן וויל קאָן ער אויך עסן; זי האָט געמוזט זייער בויטיק אַוועקגיין צו אַ פריינדין...

ביי אַ ווייבערישן פּאָקער טאָר זיך קיין מאַן נישט דערוועגן אריינצו־מישן, אָדער חלילה וחס בעטן א האַנט־קאָרטן... ער וועט צעביסן און צע־שטאָכן ווערן פון די ווייבערשע שטעכווערטלעך און אַנצוהערענישן, ווי פון בייזע דעצערנטע בינען...

די ווייבער זעצן זיך אויסביים טיש אַנגעלאָדענע, ערנסטע, ווי זייערע מאַמעס און באָבעס האָבן אמאָל זיך אויסגעזעצט אין דער ווייבערשער שול ביים דאַווענען...

אַ קיילעכיק, פעט ווייבל מיט א פּאָר גראָבע פיס, מיט א באַלעבאַטישן

אונטער־חלק, אין אַ קורץ ענג קליידל, זיצט פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס און רויכערט א ציגאַרעטל אין אָפּגעמאָלעוועטן רויטן מיילעכל.

זי גיט קאָרטן און דערמאָנט יעדן מ׳זאָל איינשטעלן. זי פירט נעבעך אַ שווערן קאַמף מיטן קורצן קליידל און מיט די גראָבע קני. דאָס קליידל פאַר־שאַרצט זיך אַרויף איבער די קני און זי שלעפּט דאָס צוריק אַראָפּ.

א יונג אויסגעפּוצט ווייבעלע, וואָס איז נאָר וואָס אַריין אין די פעדערן, זי האָט זיך ערשט נישט לאַנג אויסגעלערנט שפּילן אין פּאָקער, זיצט ווי אויף הייסע קוילן. זי איז נערוועז, קלאַפּט מיט די שפּיציקע אָפּגעפאַרבטע נעגל אויפן טיש, זי האָט נעבעך נישט קיין געדולד צו וואַרטן אויף אַ קאָרט:

— נו, מישט שוין אַביסל גיכער, איר וועט נאָך אָפּרייבן די מענטשע־לעך׳ לאָמיר שוין דערלעבן צו זען א קאָרט פאַר די אויגן!

דאָ הייבן זיך אָן די אמתע שטעכווערטלעך און קאָמפּלימענטן, דאָס ר׳עכטע־געדעכטע פּאָקער־לשון...

אַ ברייט־פּלייציקע הויכע פרוי רעדט אַרויס פּאַמעלעך מיט אַ מאַנסבילי־שער שטימע אַן אויסגעצויגענעם — פּאַאַאַססס!

— געגוג געפּאַסט, די פּעזע מיט נאָך צוויי! כ׳וויל זען וואָס איר האָט.

— וואָש האָט איר געטאָן שעניאָרא? איר ספּילט ווי א ווישטע קאַליקע ספּילט איר!

— קיקן זי מיר ניש אראַן אין די קוטן. יעך גאַי מער באַטן דוס אָרט, יעך קען ניש אויסנעמען קיין איין קוען, האַסטע געזען אַ ביסל!

— מיין מאַן האָט מיך היינט צופּיל ליב, דעריבער האלט איך אין איין פאַרשפּילן.

— נו, יאָ, ס׳מוז אייך נאָך ווער ליב האָבן, ס׳גייט אייך מיט די פּוטער אַראָפּ...

— סעניאָרא גאָרגעלעוויטש, איר דאַרפט איינשטעלן.

— כ׳האָב געשטעלט די געלע „פּיטשאָ״ און אַרויסגענומען אַ גרינע, שטעלט איר איין!

— איך האָב געשטעלט די רויטע „פּיטשאָ״ און אַ רעשט גענומען אַ געלע.

פּלוצים צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן, אַ מאַן רופט גיך אהיים זיין פרוי. אַ קינד איז קראַנק געוואָרן, עס האָט היץ.

אַלע בלייבן זיצן שטיל און קוקן מיט זשעדנע אויגן אויף די בערגלעך „פּיטשאָס״, וואָס ליגן ביי די אַנדערע פרויען, און די בוזעמס באַוועגן זיך שטאַרקער פון אויפרעגונג...

אַ סך פּאָקערניקעס שטעלן זיך נעבעך איין אויף קידוש השם צוליבן פּאָקער...

מ׳זיצט פאַרטיפט אין שפּילן און דאָ דערהערט מען פּלוצים אַ קלאַפּ

אין טיר און אַ פאַרדעכטיקן קלינגען מיטן גלעקל. אַלע דערשרעקן זיך, ווערן בלאַס און רויט...

די שוויגער לויפט אַרויס דערשראָקן, ברעכט זיך די הענט און שרייט אונטער דער נאָז: — פאַרבאַהאַלטס די קורטן פאַרבאַהאַלטס! א ווייטיק איז מיר! באַך ניש אויף די טיר. לאָבעך אַנטלויפן! אויף דער עלטער וועל איך נאָך גיין זיצן אין טורבע אַריין! ווי איז ביר!

און מ'האָט שוין טאַקע אויך אַ סך פאָקערניקעס פאַרבעטן אין „חד־גדיא" אַריין...

מ'האָט שוין זיך אויך דערלאַנגט עכט אידישע, פייערדיקע פעטש׳ פאַר נישט וועלן באַצאָלן דאָס פאַרשפּילטע פאָקער־געלט...

דער נאַציאָנאַלער, אידישער פאָקער, איז שוין מיט מזל אַפילו באַשריבן געוואָרן מיט פעטע קעפּלעך, אויף די ערשטע זייטן פון די מעקסיקאנער צייטונגען, און טאַקע מיט עכט־אידישע נעמען...

עפּעס האָט פּאַסירט אַ מעשה נורא מיט נײַנצן טויזנט פּעזעס... און מיט פאָקער־טשעקס, וואָס האָבן נעבעך ליימענע פיס, זיי גייען נישט!

ס'איז געוועזן לעבעדיק אין שטעטל!

די פאַפּירענע זיילן פון פאָקער, האָבן אַזש געגעבן א ציטער און זיינען שיער איינגעפאַלן, ווי קאַרטן־שטיבלעך.

די טויז פּיק מיט דער דאמע גרין, זיינען אַזש רויט געוואָרן פאַר בושה...

און גאַרנישט, מ'שפּילט ווייטער, מ'שפּילט!

אידן האָבן זיך צוגעכאַפּט צום פאָקער, ווי צו הייסע לאַקשן, מיט לייב און לעבן, מיטן עכט אידישן ברען.

מ'ברענט אַליין, מ'ברענט יענעם׳ מ'ברענט אַ וועלט ביים פאָקער־טיש!

ויהי ערב ויהי פויקער.

דאָס איז אונזער אידישער הויקער!...

באַנקראָטן...

שרעקט אייך נישט, כאַפּט זיך נישט צו די בוזעם־קעשענעס מיט די אויסגעשטעלטע „לעטראָס”, צו די נאָך נישט באַצאָלטע וועקסעלעך...

ס'איז נישט פאַרגעקומען, חס וחלילה, קיין נייע, פרישע באַנקראָטן. מיר האָבן דערוויל, ברוך השם, גענוג צרות מיט די אַלטע באַנקראָטן...

ווער דאַרף דען האָבן פרישע באַנקראָטן? סיידן די, וואָס ווילן און מוזן באַנקראָטירן...

כ'מיין דאָ דאָס יאָר אונזערס, דאָס פאַרגאַנגענע יאָר. דאָס נאַר־וואָס אַנטלאָפענע יאָר — איז באַנקראָט!

יאָ, יאָ, יאָרן פונקט ווי, להבדיל, מענטשן, קענען אמאָל זיין באַנקראָט...

יאָרן זיינען שטערבלעך פונקט ווי זינדיקע מענטשן און באַנקראָטירן פונקט ווי פייגע סוחרים און ערלעכע פאַבריקאַנטן.

אַזאַ באַנקראָטל ווי ס'האָט געמאַכט דאָס יאָר, האָט נאָך קיין בשר ודם נישט באַוויזן צו מאַכן.

שייך צו זאָגן באַנקראָט, דאָס איז שוין איינמאָל אַ באַנקראָט פון באַנקראָטן לאַנד!

דער יערלעכער באַנקראָט פילט זיך פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן עק, פונקט אַזוי ווי די היגע אידישע באַנקראָטן פילן זיך אינם גאַנצן אידישן ישוב...

דער יאָר־באַנקראָט זעט זיך זייער שטאַרק אָן ביי אַלע פעלקער, ביי אַלע פאַרטייען, פאַרטייעלעך און אָרגאַניזאַציעס.

לאָמיר זיך מודה זיין ביים אָנקומען פון נייעם יאָר, אַז מיר אַליין זיינען אויך אַביסעלע שולדיק אין די אַלע באַנקראָטן. פאַרוואָס טאַקע וואַרפן די גאַנצע שולד בלויז אויף יענעם, אויף די אָנזעצערס און אויפן באַנקראָטירטן יאָר?

אַ כלל זאָלט איר האָבן, אַז דער שלאָס מאַכט דעם גנב...

פאַר אָרנטלעכע מענטשן דאַרף מען דאָך נישט קיין שלעסער און פאַר גנבים העלפט דאָך נישט קיין שלעסער...

ס'איז אַ סברא, אַז דער טייערער סיסטעם אונזערער איז שולדיק אין דעם, וואָס מיר האָבן אַזוי פיל טורמעס, שלעסער־ברעכער, גנבים און אָנזעצערס...

מ׳נעמט אַ מענטש וואָס איז ווערט טויזנט פּעזעס און מ׳בעט זיך ביי אים, ער זאָל נעמען קרעדיט פאַר פופציק טויזנט...

אַט קומט מען צו לויפן העגדום־פּעגדום צו אַ קליין אומבאַהאָלפן סוחרל, אָדער צו אַ לא יוצלחדיקן פאַבריקאַנטל און מ׳בעט זיך ביי אים רחמים:

— נעמט זייט מוחל, נעמט סחורה אויף קרעדיט וויפיל איר ווילט נאָר אַליין. וואָס? יענער פאַרקויפט אייך פאַר צען פּעזעס אַ טוץ זאָקן, וועל איך ביי אייך לייזן ניין פּעזעס אַ טוץ, אַבי קויפט ביי מיר... וואָס? איר האָט גענוג סחורה? גייט שוין גייט! וואָס איז פאַראַן ביי אַ סוחר גענוג סחורה? נעמט סחורה בחצי חינם, וויפיל מ׳גיט אייך.

וואָס, געלט? ווער בעט ביי אייך געלט? שרייבט זייט מוחל בלויז אונטער די „לעטראַס" אויף ניינציק טעג...

מ׳נעמט, אוודאי נעמט מען! מען נעמט אַזוי לאַנג און מ׳פירט זיך אַזוי ברייט... ביז — ביז מ׳קען נישט צאָלן די לעטראַס און — מ׳איז באַנקראָט!

דער באַנקראָטירטער סוחר איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק. וואָס האָט איר צו דעם מענטש? וואָס האָט איר זיך אויף אים אָנגעזעצט? ווער הייסט אייך אים שטופּן אַזוי פיל קרעדיט?...

ווער הייסט אייך געטרויען איין זינדיקן מענטש (אוי וויי!) אַזוי פיל געלט!

און ווער הייסט אייך געטרויען דעם נייעם יאָר, אייערע גרעסטע האָפנונגען, אייערע שענסטע חלומות?...

מ׳נעמט אַ בידנע אָרעם יאָר, וואָס פאַרמאָגט נעבעך אינגאַנצן בסך הכל, אָרום און אָרום, אַ דריי הונדערט מיט פינף און זעכציק טעג, צוויי און פופציק וואָכן אָדער צוועלף חדשים... און מ׳געטרויעט אַזאַ יאָר אַזוי פיל מענטשלעכע האָפנונגען, אַזוי פיל מענטשלעכע אידעאַלן, די שענסטע און בעסטע מענטשלעכע פאַרלאַנגען און דערוואַרטונגען...

איז דען אַ וואונדער ווען עס טרעפט, אַז אַ יאָר הערט אויף צו צאָלן?...
אַז אַזאַ באַלאָדן יאָר נעבעך, מיט אַזוי פיל חובות — באַנקראָטירט!
פאַראַן גוטע מזלדיקע יאָרן און פאַראַן ביטערע שלימזלדיקע יאָרן...
איי, איז דאָס געווען אַ יאָרעלע!
אַ יאָר פון באַנקראָטן און אַנטוישונגען.
אַ יאָר פון נישט דערפילטע האָפנונגען און פאַרלאַנגען...
אַ סך היגע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן דורכן יאָר באַנקראָטירט.
עטלעכע זיינען נאָך געבליבן מיט אַ ביסל אַלטע פאַרלעגענע „סחורה" אויף די פאַרשטויבטע פּאָליצעס...
אַ סך אָרגאַניזאַציעס זיינען געבליבן בלויז ביי די אַלטע נעמען און אַ סך צאָלן נישט מער ווי אַ דריטל פון זייערע פּראָגראַמען און טעטיקייט...

פונקט להבדיל, ווי די היגע אידישע באַנקראָטירטע סוחרים, וועלכע צאָלן נישט מער ווי פינף און דרייסיק סענט פאַר אַ פעזע...

אַ סך מענטשן האָבן געהאַפּט, אַז אין דעם יאָר וועלן זיי זיכער געווינען די הויפּט פּרעמיע, די „פּרעמיאַ מאַיאָר" אויף דער נאַציאָנאַלער לאָטעריע... אָבער פון זייערע לאָטעריע־האָפנונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, זיי זיינען צופרידן מיטן אָפּגעווינען דאָס קרן (ביים קערן...)

אַ סך פרויען האָבן געהאַפּט, אַז אין דעם יאָר וועלן זיי קענען איבערבייטן דאָס פאַראַיאָריקע מעבל, זיי וועלן זיך קויפן אַ ניי פוטערן מאַנטל לויט דער לעצטער מאָדע... האָבן זיי טאַקע אויסגעלאָזט זייער כעס, זייער ביטער האַרץ צו די מענער זייערע (אָרעמע מענער נעבעך), און זיינען געבליבן ביי דעם אַלטן מעבל און ביי די אַלטע פוטערנע מאַנטלען...

מיין פריינטס פרוי, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גרויסע יפת תואר, פאַר אַ גוואַלדיק שיינע פרוי, איז צוריקגעקומען פון דער דאַטשע אַ פאַרביטערטע, אַן אַנטוישטע...

די מענער, זאָגט זי, זיינען נישט ווערט וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט...

אַלע אירע קאַוואַליערן וואָס האָבן נאָך איר „אוכאַזשעוועט" אין „קוּ־אַוטלאַ" פאַראַיאָרן, האָבן איר דאָס יאָר באַנקראָטירט... זיי פלירטעווען שוין מיט אַנדערע ווייבלעך און דוקא מיט גרויסע מיאוסקייטן... ניי גלויב די מענער!

איי, איז דאָס געווען אַ יאָרעלע!

נאָך אַזאַ יאָר און פון אונזער גאַנצער ציוויליזאַציע מ'שטיינס געזאָגט, וועט ווערן אַ באַרג אַש... און אינם אַש וועלן זיך וואַלגערן צעבראָכענע האַרמאַטן, ביקסן, טאַנקעס און פאַרברענטע, צעבראָכענע עראָפּלאַנען...

נאָך אַזאַ יאָר פון פאַרטיי־רייסערייען און מחלוקות, און יעדע אידישע פאַרטיי וועט האָבן איר אייגענעם אָרגאַן — אַ טעגלעכע צייטונג... יעדע אָרגאַניזאַציע — איר אייגן וואָכן־בלאַט און יעדער מיטגליד וועט נעמען שרייבן אַ טאָג־בוך...

נאָך אַזאַ יאָר פון באַנקראָטן, וועט מען אָנשטאָט דער אידישע האַנדלס־קאַמער, גלייכער דאַרפן שאַפן אַ — באַנקראָטן־קאַמער...

די נייע אינסטיטוציע — די באַנקראָטן קאַמער, וועט דאַרפן באַשטימען ווען דער סוחר מעג באַנקראָטירן... וויפיל קרעדיט ער דאַרף קריגן כדי צו קענען באַנקראָטירן און וויפיל סענט מ'דאַרף צאָלן פאַר דער אָנגעזעצטער פעזע...

נאָך אַזאַ יאָר און מיר וועלן מורא האָבן צו געטרויען איינער דעם אַנדערן — אַ שמעק טאַבאַק...

נאָך אַזאַ באַנקראָטירט יאָר, און מיר וועלן מורא האָבן צו געטרויען דעם נייעם יאָר אונזערע וואונטשן פאַרלאַנגען און האָפנונגען...

נאָר איין שטיקל מורייסט איז נאָך געבליבן.

מענטשן האָבן בטבֿע אַ קורצן זכרון, זיי פֿאַרגעסן באַלד...

טאָ לאָמיר פֿאַרגעסן די אַלע קריוודעס און עוולות וואָס מיר האָבן צום אַלטן באַנקראָטירטן יאָר.

לאָמיר ווידער אויסשטעלן אונזערע וועקסלען, אונזערע חלומות און האָפענונגען אויפֿן נייעם יאָר. אפשר וועט דאָס נייע יאָר אונז אָפּצאָלן אַלע חובות פֿונם אַלטן יאָר.

כאַפּט זיך אַלע אַרויף אויפֿן „צייט־וואָגן" (זי לויפֿט גיך די צייט...) חבֿ־רים, פֿריינט, באַקאַנטע, קעגנער און גלאַט אַנטוישטע מענטשן...

לאָמיר מיטנעמען אונזערע חלומות, אידעאַלן, פֿאַרלאַנגען און האָפֿנונ־גען און לאָמיר אַריינפֿאָרן אינעם נייעם יאָר אַריין...

אפשר וועט דאָס נייע יאָר זיין מער מזלדיק און אונז מער נישט באַנקראָטירן.

מזל־טוב, אידן!

(א בילד)

שטייען זיך צוויי אידן אויף דער יעזוס־מאַריאַ־גאַס, אָנגעשפּאַרט ביים וואַנט לעבן אַ כשרער יאַטקע און כאַפּן אַ שמועס, די אידן, דערשלאָגענע, מרה־שחורהדיקע, שמועסן. נו, וועגן וואָס קענען אידן איצט ריידן? פון קריזיס, ס'איז אַ ביטערע צייט פאַר אידן אומעטום. אין איין לאַנד פעלט פרנסה און אין אַ צווייט לאַנד איז מען נישט זיכער מיטן לעבן... הכלל, שלעכט! שייך צו זאָגן שלעכט — ס'איז ביטער און פינצטער: העצעס, בלבולים; עס פעלט נישט, ברוך השם, קיין צרות.

פונדערווייטנס דערנענטערט זיך צו זיי אַ איד, אַ הויכער, מיט אַ שוואַרץ־גרוילעך, צוגעשאָרן בערדל, מיט אַ שטעקן אין האַנט, וואָס שלאָגט אָן אויפן הארטן טראָטואַר, מיט יעדן טראָט וואָס דער איד מאַכט.

— מזל־טוב, אידן! — באַגריסט ער די צוויי אידן מיט אַ שמייכל וואָס ווערט פאַרפאַלן אונטער די צוגעשוירענע וואָנסעס.

— מיט מזל זאָלט איר לעבן — ענטפערן ביידע מיטאַמאָל און זייערע אויגן ווערן ביי זיי אויפגעלויכטן פאַר פרייד. — וואָס איז די שמחה מיט אייך, האַ? געוואונען דאָס גרויסע געווינס, די זעכציק טויזנט?

— וואָס, איר ווייסט גאָרנישט? איר זייט היגע אָדער כעלמער?

— איר זייט אַליין אַ נאַר!

— וואָס־זשע, איר ווייסט באמת גאָרנישט פון דער גאנצער מעשה?

— נו, דערציילט שוין אמאָל, ציט נישט אַרויס די נשמה. וואָס איז מיט אייך די גדולה? פאַרוואָס קומט אונז עפּעס אַ מזל־טוב?

— אידן, מיר זיינען, זאָג איך אייך, געהאָלפן. מיר האָבן דאָס, אויף וואָס מיר וואַרטן שוין דאָ, אין מעקסיקע, אַ 6—7 יאָר. ס'איז משיחס צייטן, זאָג איך אייך.

— געוואַלד, ר' איד, רעדט! דערציילט! זאָגט! מיט וואָס זיינען מיר דאָס אַזוי געהאָלפן געוואָרן אינמיטן דרינען?

— מיר האָבן!

— וואָס האָבן מיר?

— מיר האָבן שוין, געלויבט צו גאָט, אַ אידישן קאָנגרעס אין מעקסיקע.

— טאָ וואָס זשע איז אַזוי די שמחה מיט אייך?

— געוואַלד געשריען, אידן! סטייטש, וואָס רעדט איר? איר ווייסט דען וואָס דאָס מיינט? דאָס איז דאָך פּשוט א פאַראייניקונג צווישן אַלע אידן אין מעקסיקע. שטעלט אייך נאָר פאָר, אז די דעלעגאַטן פון דער בורזשואַזער „יוגנט־געזעלשאַפט" זיצן צוזאַמען ביי איין טיש, מיט די דעלעגאַטן פון פּראָלעטאַרישן „קולטור־צענטער", לעבן די דעלעגאַטן פון „נדחי־ישראל"־שול און „אגודת־אחים", פון הילפס־פּאַראיין, פון דער אידישער שולע און פון האַנדלס־קאַמער... נו, זאָגט אַליין, איז דאָס נישט משיחס צייטן?

— איי, איי, איי, ס'איז דאָך טאַקע אַ גרויסע זאַך. אן איינפאַל אַביסל — דאָס הייסט דאָך פּראָסט פּשוט אחדות! ווי זאָגט דער הייליקער תהילים: מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד. עפּעס אַ קליינינקייט — אויס מחלוקת!

— וואָדען? כ'האָב אייך פריער געזאָגט: אייניקייט, אחדות — א אידישער קאָנגרעס!

— נו, איז וואָס זשע איז געוואָרן פון קאָנגרעס? אדרבה, דערציילט.

— וואַרט אַ ווײַלע, לאָזט אייך דינען. ס'טוט זיך נישט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך... פון קאָנגרעס איז געוואָרן, פאַרשטייט איר מיך, א קאָנפערענץ.

— אַ וואָס איז געוואָרן?

— א קאָנפערענץ, פאַרשטייט איר מיך, איז אַזאַ — נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אַזאַ מין באַראַטונג, ס'הייסט אן אסיפה.

— אן אַסיפה? איי, גוט! דאָס איז דאָך טאַקע אַ גוואַלדאָוונע זאַך! איז וואָס זשע האָט די אסיפה, ס'הייסט די קאָנפערענץ, געטאָן?

— די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו רופן אַ צוזאַמענפאָר.

— א צוזאַמענפאָר, פאַרשטייט איר מיך, איז דעמאָקראַטיש. עס קומען צופאָרן דעלעגאַטן פון אַלע פּראָווינץ־שטעט, שטעטלאך און פאַרשטעט.

— איי, איי, דאָס הייסט דאָך פּשוט אַ פּאַרלאַמענט! נו, זיינען געקומען עפּעס אַ סך דעלעגאַטן?

— פאַרשטייט איר מיך, זיי האָבן מורא געהאַט, די דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ, צו פאַרלאָזן זייערע שטעט, — טאָמער וועט אן אנדער איד דערווייל ביי זיי אויסכאַפּן די קונדן... נו, איז קיינער נישט געפאָרן.

— טאָ וואָס זשע, זאָלט איר מיר געזונט און שטאַרק זיין, איז דאָס פאַר אַ צוזאַמענפאָר?

— וואָס הייסט? די דעלעגאַטן וואוינען דען אַלע אין מעקסיקע? איינער וואוינט אין טאַקובאַיאַ, אַ צווייטער אין מיקסקואַק, פּאָרטאַלעס, קאָיאָאַקאַן, סאַן אַנכעל, טאַקובאַ, אַצקאַפּאָצאַלקאָ אָדער אין קאָלאָניע ראָמאַ.

— טאַקע בנאמנות, אן אמתער צוזאַמענפאָר... איז וואָס האָט דער צוזאַמענפאָר געטאָן?

— דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן... שאַט, כ'האָב שיעור, פאַרגעסן

וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן. יאָ, ס'איז דאָ, כ'האָב עס! דער צו־זאַמענפאָר האָט באַשלאָסן אויסצואוויילן א פעדעראציע, איר פאַרשטייט? פון אַלע אָרגאַניזאַציעס איין פעדעראַציע... ס'הייסט איינִיקייט, אחדות און שלום.

— איז וואָס זשע טוט זי אָבער די פעדעראציע?

— אָ! די פעדעראַציע, מיינט איר?... איי, איי, זיך פאַררעדט מיט אייך... נו נו, שפעט, מ'דאַרף שוין גיין מנחה דאַוונען. קומט, זייט מוחל, אַריין קעגנאיבער, אין דער „בּדחי ישראל־"שול, וועלן מיר האָבן א מנין.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, עך דאַוון שטענדיק אין „אגודת־אחים". האָך מער א גיטן!

— עך דאַוון אין דער נייער שול „תפארת ישראל". זאָך מער געזינט! די דריי אידן זייגען גיך אַוועק, יעדער אין אַ באַזונדער ריכטונג.

אַקציעס מיטביישטייערע

פאַראַן פאַרשידענע אַקציעס מיט פאַרשידענע סאָרטן ביישטייערער.

פאַראַן אַלערליי געלט־זאַמלונגען און אַלערליי טיפּן געלט־געבער.

פאַראַן אַקציעס וואָס מ'טרומייטערט וועגן זיי נאָך מיט עטלעכע וואָכן פריער, מ'פּויקט אויף דער גרויסער קעסל־פּויק, וועגן דער וויכטיקייט, נויטווענדיקייט, הייליקייט און פּאַטריאָטישקייט פון דער אַקציע.

און ס'איז פאַראַן שטילע, באַשיידענע, לייכטע, קליינינקע לאָקאַלע אַק־ציעס.

פאַראַן גוטע, אײדעלע, האַרציקע ביישטייערער, וואָס גיבן מיטן גאַנצן האַרץ און מיט אַ ברייטער, אָפענער, פולער האַנט...

קומען די „גייערס", „נעמערס", אַריין אין אַ געשעפט פון אַזאַ סאָרט ביישטייערער, לאָזט ער איבער זיין גאַנצן מסחר, און נעמט אויף די „נע־מערס" מיט אַ ברייטן צופרידענעם שמייכל:

— אָ, שלום עליכם, וואָס מאַכט אַ איד? אַ גאַסט, אַ גאַסט! כ'וויס, כ'וויס צו וואָס איר זענט געקומען. וואָס זענט איר געקומען צו מיר אַזוי שפּעט? פוילע גייערס! גייערס זענט איר? קריכערס! מיט אַזאַ מין גיין, וועט איר פאַרענדיקן די אַקציע, אם ירצה השם, איבער אַ יאָר מיטוואָך...

די נעמערס בלייבן שטיין אַביסל געפּלעפט פון אַזאַ מין ברוך־הבא, זיין קוקן זיך איבער מיט שטומע בליקן, אָבער דער ביישטייערער לאָזט זיי נישט קומען צום פּסוק:

— נו, וואָס באַלעמוטשעט איר? וואָס שטייט איר ליידיק, נעמט זיך צו דער אַרבעט! וויפל כּדומה־למשל, ווילט איר פון אַזאַ איד, ווי איך בין? וואָס, הונדערט פּעזעס? איי, איי איי; וואָזשנע נעמערס, קיין עין־הרע, קיין גרעסערע השגה האָט איר נישט? און הונדערט פופציק וועט איר נישט נעמען? נו, נו, שרייבט שוין אויס אַ „רעסיווע" אויף צוויי הונדערט פּעזעס, און גייט אייך געזונטערהייט.

פאַראַן אויך אַ ביישטייערער, דוקא נישט קיין פאַרמעגלעכער, אָבער מיט אַ ווייך אידיש האַרץ, וואָס איז נאָך נישט פאַרוואַקסן געוואָרן מיט שמאַלץ, ווי פון אַ סך מעקסיקאַנער אידישע גבירים... אַז די גייערס קו־מען אַריין צו אים, פאַרשעמט ער זיך אַביסל, רויטלט זיך, און מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן באַקלאָגט ער זיך פאַר די נעמערס:

— איר פאַרשטייט, ס'איז מיר איצט אַביסל ענג אין געלט, דאָס לייַ־זעכץ איז געהרגעט, מ'זעט נישט קיין מזומענע פּעזע, גלויבט מיר, אז איך ווייס, ווי וויכטיק ס'איז די אַקציע, איך בין אַליין אַ גרויסער סימפּאַטיקער פון דער אַקציע, אָבער... נעמט ביי מיר אַ פינף און צוואנציקער, איך וועל דאָס צווייטע מאָל פארבעסערן, איר פאַרשטייט, מען דאַרף צאָלן „לעטראַס"...

ס'איז אויך פאַראַן אַ באַשיידענער ביישטייערער, וואָס קאָן נעבעך נישט געבן מער ווי אַ פינפערל אָדער אַ צענערל. אַזאַ ביישטייערער וואַרט נישט מען זאָל קומען צו אים זיך ברעכן די פיס, נאָר אַז ער טרעפט ערגעץ די נעמערס, בייזערט ער זיך שטילערהייט:

— וואָס איז, מיין געלט איז קיין געלט נישט? איך קאָן טאַקע נישט געבן קיין סך, ווי אונזערע גרויסע גבירים דאַרפן געבן און גיבן נישט... נאָט אייך מיין צענערל, איך וויל אז מיין ביישטייערונג זאָל נישט פעלן פאַר דער אַקציע. איי, ווען איך קאָן זיך בייטן, מיט עטלעכע גרויסע גבירים, וואָס ביי זיי איז אַ טויזנטער, ווי ביי מיר אַ פּעזע... וואָלט איך זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן:

וואָס, איר ווילט אַ טויזנטער? נאָט אייך צוויי! ווי זאָגט מען עפּעס: אַן אָרימאַן האָט אַ גוט הארץ... נו, מילא גיט מיר אַ רעסיווע און מאַכט בעַ־כערע געשעפטן.

פאַראַן ביישטייערער, וואָס פרעגן נישט קיין שאלות. פּונקט ווי די אידן ביי מתן תורה, זאָגן זיי נעשה ונשמע, נאָך איידער זיי קוקן אריין, וואָס זיי שרייבן פריער אויס אַ טשעק, און נאָכדעם פרעגן זיי, פאַר וועמען גייט איצט די אַקציע...

ס'מעג זיין אן אקציע פאַר ציוניסטן, פאַר בונדיסטן, פאַר דער אידישער שולע, פאַר אַ שול צום דאַווענען, פאַר אַ ישיבה, פאַר אַ נייער מקווה. עס מעג זיין פאַר אן אקציע, אָפּצוקויפן דעם באַרג סיני... פאַר אַ אידישער טעריטאָ־ריע אויפן נאָרד־פּאָל, אָדער פאַר אַ יענע־וועלט קאָנגרעס אקציע.

ס'איז אָבער אויך דאָ קאַרגע, שווערע, שלעכטע און קמצנדיקע ביי־שטייערער, וואָס קומט זיי נעבעך אָן זייער שווער, אויפצומאַכן דעם טייס־טער, דעם געלט־בייטל אָדער נעמען די פעדער און אויסשרייבן אַ לייַ־טישן טשעק, ווי עס פּאַסט פאַר אזעלכע גרויסע דעה־זאָגער, כלל־טוער און גאנצע קנאקערס. זיי פאַרגינען נישט זיך און נישט יענעם, עס קומט זיי אָפּ אַ שטיק געזונט נעבעך, ווען זיי דאַרפן זיך שיידן מיט עטלעכע צענט־ליך פּעזעס, פאַר אַ ביישטייערונג.

צו אַזאַ סאָרט ביישטייערער, אַז ס'קומען אַריין צו אים אין געשעפט די „גייערס" נאָך אַ ביישטייערונג, מעג דאָס זיין מי יודע ווער: אַ שליח פון אויסלאַנד, אַ רב, אַ שרייבער, אַ באַרימטער רעדנער, אַ גדול בישראל, אַ גרויסער אינטעלעקטואַל, אַ וויסנשאַפטסמאַן, אַ מר בר רב אשי. מאַכט ער

זיך כלא־ידע, ווי ער וואָלט קיינעם נישט געקענט, קיינעם נישט געזען. ער זיצט זיך ווייטער ביים שרייב־טיש, אָדער ער רעדט מיט א קונה.

און אַז די גייערס ווערן שוין מיד ווארטנדיק, און פארלירן דעם געדולד צו שטיין כעני־בפתח, ווי איבעריקע, פארגעסענע, גייען זיי צו צום וואזש־נעם פריץ, דערקלערן אים דעם צוועק פון דער אַקציע, און פארלאנגען פון אים כך־וכך, ווי עס פּאַסט פאר אַזאַ גביר און כל־ולך, עפּעס א קלייניקייט — יאַנקל פייפער!

— ווילט איר, הייסט עס, נאָר פינף הונדערט פּעזעס — ענטפערט רו־איק דער ביישטייערער און קוקט בשעת מעשה אריין אין אַ בריוו — און ווייניקער וועט איר נישט נעמען? עס קאָסט אייך טייערער? איר ביט זיך גאָר אויס ביי מיר! אַקציעס, אַקציעס מיט אַקציעס! די טיר מאַכט זיך דאָך נישט צו ביי מיר פון די אַקציעס. הכלל, נאַט אייך א הונדערטער. איך גיב נישט מער קיין סענט!

דאָ העלפט שוין נישט קיין דינגעניש, קיין איינרעדן, קיין שמע קולנו. עס העלפט אַפילו נישט ווען מ'זאָגט אים, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַזאַ אָנגעשטאָפּטן גביר, צו געבן א הונדערטער, די שטאָט וועט פון אים לאַכן און טייטלען אויף אים מיט די פינגער — א גביר א חזיר! ער וועט נישט געבן יעקבן, וועט ער געבן עשון. עס העלפט ווי אַ טויטן באנקעס, כאַטש האַק און בראָק, ער גיט נישט. די נעמערס לאָזן נעבעך איבער דעם הונ־דערטער אַ פאַרשעמטן אויפן טיש און גייען שטיל אַרויס.

ס'איז אויך דאָ בייזע, ווערמדיקע, בארעדעוודיקע ביישטייערער, וואָס רעדן מער, ווי זיי גיבן..

אַז מ'קוקמט אַריין צו אַזאַ איינעם נאָך א ביישטייערונג, נעמט ער אויף די גייערס מיט א חוזק־שמייכעלע, מיט איראָניע אין זיין קוויטשיק קולכל:

— אָ, גוט מאָרגן, גוט מאָרגן! ס'קאָצל קומט! שוין ווידער דאָ? וואָדען, מ'לאָזט דען אָפּדעכן א מינוט, ווידער אַן אַקציע און ווייטער אַן אקציע! אַריין און אַרויס! נאַט אייך אַ פינפערל און אדיאָס!

די נעמערס הויבן זיך מיט אים אָן דינגען, מען נעמט אים פוצן דעם הויקער... מ'רעכנט אויס זיין יחוס. ווער זיין טאַטע איז געווען וואָס פארא אינטעליגענטער מענטש ער איז, וואָס פאַראַ גאָלדן האַרץ ער האָט, און אַז זיי וועלן ביי אים נישט נעמען ווייניקער, ווי א הונדערטער, און ער זאָל דאָס מאכן אַביסל גיכער.

דאָ ווערט ער שוין אין כעס און הייבט אָן באַראַבאַנעווען, ווי אַ פּייקלער אויפן פּייקל מיט דראָבנע גיכע קלעפּעלעך און שפריצן מיט פייער:

— וואָס פאַראַ גראַטשקע איז אויף אייך? און אַז איר שטייט שוין ביי מיר א שעה צייט און טרענט מיר די אָדערן, ציט און ציט מיר אויס די נשמה! וואָס זשע ווילט איר, כ'זאָל אייך אוועקגעבן דאָס גאנצע געשעפט פאר

דער אַקציע? ס'וואָלט אָסור מיר געשאַדט, ווען איר מאַכט פאַר מיר אַליין אַ שטיקל אַקציע...

פאַראַן אויך אַזעלכע אידן, וואָס זוכן זיך אַרויסצעדרייען פון אַ ביי־שטייערונג מיט אַ פוילן תירוץ:

— אָ, פאַר דער אַקציע! מהכא־תיתי, אוודאי, דאַרף מען זיך ביישטייערן. נאָר מיין שוואָגער האָט שוין געגעבן פאַר מיר אויך.

— אָ, איר זענט געקומען נאָך אַ ביישטייערונג? אַ שאָד, אַ שאָד, אייער טירחה, מיין איידעם גיט שוין פאַר מיר.

— וואָס פאַר פּאַלעסטינע? כ'בין נישט קיין ציוניסט!

— וואָס, פאַרן אַרבעטער קאָמיטעט? איך בין נישט קיין בונדיסט!

— וואָס, פאַר רוסלאַנד? פאַר די בילאַנסן? (אַמבולאַנסן), ערשט איצט זיינען זיי געפאַלן אויפן שכל, אַז מען דאַרף טרייבערן און שניידן שטיקער פון די נאַציס. אוודאי דערלאַנגען די רוסישע סאָלדאַטן די נאַציס אין די זייטן אַריין. נאָר איך האָב געלאָזט גענוג געלט אין רוסלאַנד. ווער ווייסט צי מיין פאַמיליע לעבט נאָך דאָרט. פאַר די בילאַנסן גיב איך נישט, בי־לאַנסן גאָר!

אַ סך ערגער איז פאַר די אַקציע־גייערס, ווען זיי טרעפן נישט דעם מאַן אין געשעפט, נאָר זיין פרוי.

און די פרוי איז פונקט אײנע, פון יענע אשת חילס, וואָס זיינען גוואַל־דיק גרויסע איינבערענגערינס, און ציטערן, אַז זייער „קניפּל" זאָל חלילה נישט מאָגערער ווערן...

אַזאַ אשת חילדיקע פרוי, גיט באַלד אַ פרעג די נעמערס, מיט אַן אויס־געצויגן, זינגענדיק ווייך שטימעלע:

— וואָס וועט עטץ זוגן גיטס?

— מיר זיינען געקומען נאָך אַ ביישטייערונג פאַר דער אַקציע.

— פאַרוועמען גאַיט עטץ אַצינד?

— פאַרן „איוואָ".

— פאַר וועמען?

— פאַרן „איוואָ", פאַרן אידיש וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

— אָ, פאַרן אינסטיטוט? זאַיער גיט. מיסטומע לערנט מען דאָרט נאַי־טיקע זאַכן. נאָר כעבאַך זוגן די ראַיבנע וואורעט, אַז יעך געב נישט. מאַינער געט שויך פאַר אַלע אַקציעס. נאָר יעך וויל ענק אנבערענגען אַ וועיג, נאַין אַך פינעף פעזעס, און גאַיץ געזינטערהאַיט.

און אַז די נעמערס זאָגן איר, אַז זיי ווילן כאָטש אַ הונדערטער פאַר דער אַקציע, גיט די פרוי אויף זיי אַ גלאָץ אויס אַ פאַר אויגן, און הייבט אָן דרייען מיטן קאָפּ, ווי אַ קאַטשקע ביים אַרויסגיין פון וואַסער.

— נאַין, נאַין! הינדערטערס גוער? וואַי איז מיער! יעך געב נישט קאַ

הונדערטערס! סאַ ביטערע צאַט, מען דאַרף חתונה מאַכן דאָס שטיקל מאידל, דאָס יונגל לערנט זיך אין די שטאָטן, מ׳דאַרף קאָנטשען דוס נאַיע האָז, מ׳דאַרף באַטן דוס מעיבל, צי דעים דאַרף מען הובן געלט. סאַ ביטערע צאַט! עטץ ווילט ניש נעמען? נעמץ ניש! איז ניש געטאנצט מיטן בעיער! יעך וואַרף מעך גישט מיט קאַ הינדערטערס.

נאָר ווער קאָן אָפּשאַצן א אידישע נשמה? אידן זיינען פאָרט רחמנים בני רחמנים, מ׳העלפט, מען גיט.

נאָר וואָדען, פאַראַן ביישטייערער, וואָס דערקוטשען די נעמערס מיט שטעכווערטלעך. באשמעלצן זייער ביישטייערונג מיט אביסל זויערן עסיג, און באַפּוצן די עטלעכע פּעזעס מיט ביטערע קרייטעכצער...

פאַראַן אַלערליי אַקציעס, און ס׳איז אויך דאָ פאַרשידענע טיפּן, כאַראַק־טערס, קאַפּריזן און אויסטערלישע ביישטייערער...

דאַקטאָרוי...

אויב איר ווילט, רבותי, געוואויר ווערן אינטערעסאַנטע נייעס, אויב איר ווילט עפּעס לערנען, זיך דערוויסן וואָס נישט אַלע ווייסן, איז עצתי, מיין עצה, גייט אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען...

כ'בין זיך מודה, אַז כ'האָב נישט קיין חרטה, וואָס כ'בין געווען אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון הילפּס פאַראיין.

כ'האָב זיך דאָרט אָנגעהערט אַ סך טשיקאַווע, אויסטערלישע זאַכן און זאַכעלעך... מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט, וועלכע קענען זיך טרעפן נאָר ביים פאָלק ישראל און נאָר ביי די מעקסיקאַנער אידן...

חברים שרייבער האָבן מיר געגעבן אַ חברשע עצה, נישט צו שרייבן וועגן דעם, וואָס די פאַרוואַלטונג פון הילפּס פאַראיין האָט גערעדט בקול רם פאַר דער גאַנצער פאַרזאַמלונג...

— ס'איז גלייכער און טאַקע אַ סך געזונטער נישט צו טשעפּען די דאָקטוירים — האָט מען מיר אין רעדאַקציע געגעבן אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש — דאָקטוירים, שרייבער און — שיינע מיידלעך איז גלייכער נישט צו טשעפּען... שיינע מיידלעך, שרייבער און דאָקטוירים האָבן תמיד ליב צו הערן בלויז לאַקריץ־זיסע קאָמפּלימענטן... און נישט קיין איין האַרעלע קריטיק.

בין איך אָבער בטבע נישט קיין פּחדן, נישט קיין שרעקעוודיקער.

פאַר צוויי זאַכן האָב איך קנאַפּ וואָס מורא: פאַרן דאָקטאָר און פאַרן מלאך המות...

אַז דער מלאך המות וועט קומען ביי מיר צונעמען מיין זינדיקע נשמה, וועל איך זיך מיט אים נישט אַמפּערן, נישט דינגען זיך מיט אים קיין סך:

— ווילסט ברודערקע די נשמה מיינע? נעם זי דיר געזונטערהייט! וואָס מ'שטיינס געזאָגט האָב איך דאָ צו פאַרלירן אויף אונזער טייער וועלטעלע? ס'שיטערע ביסל קרופּניק מיטן דאַרן שטיקל ברויט, מיטן גאַנצן נאַרישן ביסל עולם הזה... ווייסיך וואָס! דו ווילסט מיין נשמה, נעם זי דיר און אַ סוף, אַראָפּ פון מאַרק!...

און פאַר אַ דאָקטאָר האָב איך אויך נישט קיין מורא ביזן היינטיקן טאָג.

פאַר צוויי זאַכן האָב איך געציטערט בלויז קליינערהייט: פאַר ריצנאייל און פאַר אַ דאָקטאָר.

אַז כ'האָב דערזען ביי אונז אין שטוב דעם שטעטלשן פעלדשער ר' חיים רופא, אַ הויכער דאַרער איד מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, מיט אַ צוגעשוירן בערדל און מיט אַ לעדערן רענצל, מיט אַ בייסיקן קאַרבאָל ריח, האָב איך אָנגעהויבן צאַפּלען מיט דער נשמה. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז עס שמעקט מיט ריצנאייל, מיט באַנקעס און נאָך מיט אַזאַ מין הימישע רפואה...

היינט טרינק איך ריצנאייל פונקט ווי ראָזשינקע וויין... און אַז די שעה זאָל נישט זיין, אַז כ'דאַרף פאַרט אָנקומען צו אַ רופא חולים, צו אַ דאָקטאָר, זאָג איך אים באַלד: פאַניע דאָקטאָר, אויב איר פאַרשטייט אַ קרענק, ס'הייסט, מיין קרענק, איז גוט, טאָמער נישט, זייט אַזוי גוט און רעקאָמענדירט מיר עפּעס אַ דאָקטאָר אַ ספּעציאַליסט פאַר מיין חולאת.

צו וואָס, כ'בעט אייך, פאַניע דאָקטאָר זאָלט איר טאַפּן אין דער פינסטער?...

און אַז דער דאָקטאָר איז אויסער אַ קאַריעריסט, אַ געלט מאַכער, אויך אַ הומאַניטאַריער, אַ מענטשן־פריינט מיט אַ מעדיצינישער עטיק... וועט ער אייך אַליין ראָטן צו גיין צו אַ דאָקטאָר אַ ספּעציאַליסט.

פאַרוואָס דאַרף מען עפּעס מורא האָבן פאַר אַ דאָקטאָר?

אדרבא, אַ דאָקטאָר איז אונזער בעסטער פריינט, אַ דאָקטאָר פאַרגרינגערט אונזערע ליידן, א דאָקטאָר העלפט אונז, ווען מיר מאַכן נאָר וואָס אויף די אויגן און דערזעען די ליכטיקע וועלט... און ער פאַרגרינגערט אונז אין דער לעצטער שעה, ער העלפט אונז פאַרמאַכן די אויגן אויף אייביק...

די דאָקטוירים פאַרלענגערן דאָס מענטשלעכע לעבן, צי מיר זיינען יאָ צופרידן פונם לעבן אָדער נישט...

דעם דאָקטאָרס עובדה איז צו היילן די קראַנקע און נישט לאָזן קראַנק ווערן די געזונטע...

דאָקטאָריי איז אַן איידעלע מלאכה, אַ מלאכת הקודש. ווי זאָגט מען עפּעס: פריער גאָט און דערנאָך דער דאָקטאָר!

אַ דאָקטאָר האָט אַ מיסיע אינם לעבן, אויסער צו טאָן אַ גוטן שידוך און צו האָבן אַ רייכן קאַבינעט מיט אַן אייגענער קאַטשע...

מ'קאָן בשום אופן נישט פאַרגלייכן אַן אינזשיניער, אַ כעמיקער אָדער אַן אַדוואָקאַט צו אַ מעדיקער.

אַ דאָקטאָר מוז אייך היילן, ראַטעווען כאָטש איר זענט אים דער גרעס־טער שונא... כאָטש איר זענט אַ ציוניסט און ער אַן אַנדערער מין איסט... ער מוז אייך היילן כאָטש איר האָט נישט קיין סענט צו באַצאָלן פאַרן וויזיט. (ס'רעדט זיך נאָר אַזוי...) אַזוי פאָדערט די מעדיצינישע עטיק.

טאָ וואָס, רבותי, איז דאָ מורא צו האָבן פאַר אַ דאָקטאָר?

ביי לייטן האָט מען פון די אידישע דאָקטוירים, א חוץ מעדיצינישע הילף אויך אַ געזעלשאַפטלעכע הילף.

אַ דאָקטאָר, אַן אינטעליגענט, אַ בעל פרייע פּראָפעסיע גיט זיך אויך אָפּ מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

מיר דאָ אין מעקסיקע האָבן עפּעס נישט קיין מזל צו אונזערע אידישע דאָקטוירים.

עפּעס גייט אונז שלים־מזל מיט אונזערע דאָקטוירים, בפרט מיט די כירורגן אונזערע, מיט די אָפּעראַציע מאַכער...

אמת, אונזערע אידישע כירורגן זיינען וואוילע, גאָלדענע און „טייע־רע"... דאָקטוירים, אויסגעצייכנטע שניידער, וואָס שניידן מיטן לאַנצעט און ברענגען אַ רפואה שלמה דעם חולה. נאָר מיר האָבן עפּעס ניט קיין הצלחה צו זייער גוט האַרציקייט און געזעלשאַפטלעכקייט...

אונזערע אידישע כירורגן זיינען, זאָלן זיי מיר מוחל זיין, בייזע מענטשן... אפשר האָט דאָס צו טאָן מיטן פאַך, מיטן שניידן?

זיינען זיי דוקאביים שניידן גאַנץ רואיקע, אויסגערעכנטע מענטשן, נאָר זיי בייזערן זיך נאָכן שניידן און פאַרן שניידן...

פריער האָבן מיר געהאַט אַ בייזן דאָקטאָר, אַ איד מיט אַ בערדל וואָס האָט נאָר געשפּראָכן דייטש... און איידער ער האָט נאָך געמאַכט די ברכה איבערן קראַנקן, איז ער געבליבן שטיין מיטן מעסער אין האַנט מיט דער גומענער הענטשקע און מודיע געווען: — אויב איר צאָלט נישט וויפיל איך וויל, שנייד איך נישט...

און אַז ער האָט זיך שטאַרק צעבייזערט האָט ער געגעבן אַ געשריי — שמוציקע אידן!...

דאָס זעט איר איז שוין אַ ליגן.

דער דאָקטאָר מעג טאַקע קענען שניידן אַ פּאַס פון זיינע חולאים פאַר די אָפּעראַציעס, אָבער ער איז אַ קנאַפּער ידען אין אידישקייט...

אַ איד (מעג זיין אַן אָרימער) טאָר נישט זיין שמוציק און קען נישט זיין שמוציק...

אַ איד האַלט זיך אַ גאַנצן טאָג אין איין וואַשן:

ער גיסט אָפּ נעגל וואַסער ביים אויפשטיין, דערנאָך וואַשט ער זיך. אַ איד וואַשט זיך די הענט ביי אשר יצר... פאַרן עסן וואַשט ער זיך צו שאו ידיכם. נאָכן עסן גוצט ער מים אחרונים... און אַזוי ווי אַ איד עסט לכל הפּחות דריי מאָל אין טאָג, וואַשט ער זיך אַ צען מאָל אין טאָג די הענט...

און וועלכער איד גייט דאָס נישט ערב שבת אין אַ הייסער מקוה?...

אידן זיינען דאָס ריינסטע פאָלק אויף דער וועלט!...

נאָר גייט רעדט, איבערצייגט אַ בייזן דאָקטאָר.

פאַראַן דאָקטוירים וועלכע גייען אַרום ווי אַנגעבלאָזענע אינדיקעס, מיט אַ פאַרריסענער נאָז און מיט אַ פּוסטער גאוה...

ער האָט גליקלעך געמאַכט דאָס פאָלק ישראל, (אַ גדולה אויף דער באַ־בען!) ער איז מיט מזל געוואָרן אַ דאָקטאָר און נישט קיין סטאָליאַר...

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון הילפס פאַראיין, האָט מען ווי־דער דערציילט פון אַ בזיון און דוקא אַ גוטער דאָקטאָר אַ כירורג, מיט אַ סך אַמביציע...

דער חשובער דאָקטאָר האָט געוואָלט פּראַקטיצירן אין הילפס פאַראיין; איז דאָס טאַקע אַ גאַנץ גלייכער שידוך... אַ אידישער הילפס פאַראיין מיט אידישע דאָקטוירים.

האָט אָבער די פאַרוואַלטונג נישט געקענט נאָכגעבן די פאָדערונגען פונם דאָקטאָר. צעבייזערט זיך דער דאָקטאָר און פאַלט אַריין אָן שום טענה ומענה אין אַ שרעקלעכן גרימצאָרן.

ווען אַ פּראָסטער בשר ודם צעבייזערט זיך, פאַרגעסט ער אויך וואו ער איז... און ווען אַ דאָקטאָר, אַ כירורג, צעבייזערט זיך און צעהיצט זיך, איז נאָך ערגער ווי יופּיטער וואָלט זיך צעבייזערט, ס'דונערט און ס'בליצט!

כעס, זאָגן אונזערע חכמים איז עבודה זרה...

און אַז מ'ווערט אין כעס מאַכט מען אַ רוסישן „מי שברך" מיט — כ'וועל פאַרמאַכן אייער קרעמל! (אויף רוסיש קלינגט דאָס בעסער...)

און מיר ווייסן דאָך וואָס דער הייליקער פּרק זאָגט — עבירה גוררת עבירה... כאַפּט זיך דער בייזער דאָקטאָר געבעך אַרויס מיט:

— ס'איז גענוג, אַז כ'וויל היילן די לייזיקע אידן!...

דאָס זעט איר, איז שוין פּשוט אַ בלבול אויף די אָרימע בויטליידנדע אידן.

נישקשה, אַפילו אָר־מע אידן ווייסן שוין די גרויסע דאָקטאָרשע חכמה פון באַנוצן וואָרעם וואַסער מיט זייף...

נישטאָ פאַרוואָס זיך צו בייזערן פאַניע דאָקטאָר, און באַשולדיקן אומ־זיסט און אומנישט אָרימע מענטשן אין — פּרעה'ס דריטער מכה...

ווי זאָגט מען: אַלעקסאַנדער מוקדון איז טאַקע געווען אַ גרויסער קריגס־פירער, נאָר קיין בענקלעך דאַרף מען נישט ברעכן...

ווען אַ פּראָסטער בשר ודם ווערט אין כעס, קאָן ער נאָך, חלילה, אָנ־הייבן רעדן נאַרישקייטן, און ווען אַ רופא חולים ווערט אין כעס, פאַרגעסט ער נעבעך, אַז אַ חוץ דאָקטאָרשע עטיק, איז אויך דאָ אַ פּראָסט פּשוטע מענטשלעכע עטיק...

און אַ דאָקטאָר, מעג ער זיין דער בעסטער, מעג אויך אָפּהיטן דאָס אי־דישע לשון, און ווען ער וויל מאַכן אַ דריי גאַרנדיקן „מי שברך", דאַרף ער דאָס נישט טאָן אין אַ פרעמדער שפּראַך, דוקא אין רוסיש, נישקשה, מען קאָן מאַכן אַ גאַנץ באַלעבאַטישן „מי שברך" אויף מאַמע־לשון...

די אידישע שפראַך איז זייער רייך מיט וואונדערלעך, שיינע, פאָלקס־טימלעכע קללות...

און אַ דאָקטאָר, אויב נאָר נישט קיין האָרץ און נשמה דאָקטאָר, מעג דאָס וויסן. ס'וועט אים, חלילה, גאָרנישט שאַדטן צו זיין הייליקע פּראַפעסיע.

אויב מאַכן אַ „מי שברך", זאָל דאָס כאָטש זיין אַ נאַציאָנאַלער מי שברך... אויב שעלטן, שעלט כאָטש אויף אידיש...

ניין, אונזער אידיש לשון האָט נישט קיין מזל, ביי אונזערע אידישע דאָקטוירים!

אַ ווייבערשע מלוכה . . .

ניין, מיר האָבן נישט קיין מזל צו אונזערע אידישע אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאציעס און פאַראיינען.

ביי אונז קעמפט מען נישט צוליב פרינציפּן, נאָר ס'טומלט זיך צוליב פּאָליטיק. מען שרייט נישט צוליב אידייען, נאָר מ'אמפּערט זיך, מען שפּארט זיך צוליב פּערזאָנען...

מעג אַ פירער פון אַן אָרגאַניזאַציע זיין דער בעסטער, פּעאיקסטער מענטש, איז טאָמער, חס וחלילה, האָט ער פארלוירן דעם חן ביי עטלעכע „קנאַקערס", טויג שוין די גאַנצע אָרגאַניזאַציע אויף תשעה ניינציק כפּרות... און פאַרקערט, מעג דער פּרעזידענט פון אַן אינסטיטוציע זיין דער אומ־פעאיקסטער, וואָס ברענגט בלויז שאָדן, קוים האָט ער עטלעכע גוטע שריי־ערס, וועט ער שוין בלייבן פּרעזידענט ביז — ביז די אָרגאַניזאַציע וועט האַלטן ביי נעילה.

און אַזוי ווי ס'פירט זיך ביי די שטאַרקע, בייזע מענער, אזוי פירט זיך אויך ביי די שוואַכע, צערטלעכע פרויען.

אַזוי ווי אין דער מענער מלוכה, אַזוי אין דער ווייבערשער מלוכה...

דאַכט זיך, וואָס פעלט די אידישע פרויען ביים אידישן פאָלק?

גאָרנישט!

אונזערע פרויען האָבן דאָך ביי אונז די בעסטע מערכה. זיי פעלט דאָך נישט ביי אונז פון קיין פויגל מילך...

ביי וועלכער אומה ולשון ווערט אזוי גוט באַהאַנדלט אַ פרוי ווי ביי אונז אידן? די ברכה שלא עשני אשה, איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי...

ביי אונז אידן, איז די פרוי אַ גלייכבארעכטיקטע פונקט ווי די מענער. ביי אונז, דארפן נישט זיין קיין „סופראדזשעטס" ווי ביי די ענגלענדער, צו קעמפן פאר פרויען שטים־רעכט צום פּאַרלאַמענט. אונזערע אידישע פרויען זיינען געוואָרן עמאַנציפּירט, האָבן געקראָגן גלייכע רעכט מיט די מענער, נאָך אין משה רבינוס צייטן...

און אין די לעצטע צייטן, זיינען מיר, אידישע מענער צופרידן, ווען אונזערע פרויען גיבן אונז כאָטש אַ ביסעלע רעכט...

נאָך איידער די בראווע ריטער האָבן אָנגעהויבן באשיצן די שוואַכע, איידעלע פרוי, מיט זייער העלדישקייט, מיט שפּיז און פאנצער, האָבן מיר

אידן, שוין געהאַט געזעצן וואָס באַשיצן און היטן אָפּ די צערטלעכע שוואַכע באַשעפענישן...

אייד'ער די אַמעריקאַנער דזשענטל־לייט, האָבן פאַרפאַסט זייערע הומאַנע געזעצן צו באַשיצן די הילפלאָזע פרויען קעגן די ברוטאַלע מענער, מיט „אַלימאָני", מיט מזונות, הייסט עס, וואָס די פרוי קען שטענדיק פאָדערן פון איר צווייטע העלפט, ווען איר פאַרגלוסט זיך אָדער ווען זי וואַרפט מיטאַמאָל אַן אומחן אויף איר פּרנסה געבער... האָבן מיר אידן, שוין געהאַט געזעצן מיט וועלכע די מאָדערנע פרוי מעג שטאָלצירן.

נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן, האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ מרים הנביאה, די ערשטע אידישע באַלעט טענצערין אין דער וויסטער מדבר...

די אידן האָבן באַזונגען די פרוי יעל, וואָס האָט מכבד געווען דעם אַנטלאָפענעם פעלד־מאַרשאַל פון די אידישע שונאים, סיסרא, מיט פרישע מילך און אים דערנאָך צעפּלעט דעם קאָפּ זיינעם מיט האַמער און טשוואָק, און די אידן האָבן געוואונען די מלחמה...

דבורה הנביאה איז געווען ביי די אידן כמעט אַ פּרעזידענטין און אַ גאַנצע מלחמה פירערין... זי איז אויך געווען אַ גרויסע פּאָעטעסע, וואָס האָט אַליין פאַרפאַסט אַ שיר צום נצחון פון די אידן איבער זייערע שונאים, און טאַקע אַליין געזונגען די מלחמה פּאָעמע אין אַ דועט מיטן אידישן, העלדישן פעלד מאַרשאַל ברק בן אבינעם, ווי אין פּסוק שטייט: ותשר דבורה וברק בן אבינעם — —

אונזער אידישע „זשאַן ד'אַרק", די העלדין יהודית, האָט פאַרן אידישן פאָלק געוואונען אַ גרויסע, שווערע מלחמה און דערביי איינגעשטעלט איר אייגן לעבן ביים שונא אין לאַגער...

אין ישעיה הנביאס צייטן, זיינען שוין די אידישע פרויען געגאַנגען אין שיך מיט הויכע קנאַפּל און זיך געפאַרבט די ליפּן מיט די נעגל...

נאָך איידער די פּאָעטן האָבן אָנגעהויבן באַזינגען דעם שיינעם געשלעכט, די צאַרטע, איידעלע געטין... און מאַכן איר חנדלעך פאַר אירע שיינע אויגן, מאַכן איר קאָמפּלימענטן פאַר אירע געטאָקטע פיס און גראַציעזע פיגור... האָט שוין אונזער קלוגער שלמה המלך אין זיין שיר השירים, אָפּגעטאָן דאָס פּאָעטישע שטיקל אַרבעט, נאָך מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק, און אפשר טאַקע אביסעלע בעסער און שענער ווי די היינטיקע פּאָעטישע באַזינגער פון פרויען שיינקייט...

אונזערע אידישע פרויען זיינען געוואָרן גלייכבאַרעכטיקט נאָך פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. נאָך איידער די שטאַרקע, קריגערישע מענער, די גבורים, האָבן זיך איינגעטיילט מיטן ביסעלע מענטשן־רעכט, אומשטיינס־געזאָגט... און ביזן היינטיקן טאָג האָבן נאָך די פראַנצויזישע פרויען נישט קיין וואַל־רעכט גלייך מיט זייערע מענער...

די פרייע פראנצויזן מיט זייערע רעוואָלוציאָנערע טראדיציעס, דאָס פראנצויזישע פאָלק, וואָס איז ממש דורכגעווייקט מיט רעוואָלוציעס, גילאָטינעס און שאַמפּאַניער וויין, האָבן מורא פאר די שוואכע פרויען זיי צו געבן שטים־רעכט...

דער פראנצויז וואָס איז בטבע א גאַלאַנטער קאַוואַליער, וואָס געזעגנט זיך נישט מיט קיין דאַמע אָן א קוש אין האַנט, וואָס איז שטענדיק גרייט זיך איינצושטעלן פאר דער שוצלאָזער, באליידיקטער פרוי, וויל מיט איר נישט זיצן אין פאַרלאַמענט און מאַכן פּאָליטיק...

און אונזער ועד לאומי, דער נאציאָנאַל־ראַט אין ארץ־ישראל האָט באַלד געגעבן גלייכע וואַל־רעכט צו די אידישע פרויען ביים אסיפת הנבחרים, ביים אויסקלויבן די דעפּוטאטן...

די אידישע פרוי, איז געווען ביי אונז די גאנצע עקרת הבית. די פרנסה געבערן, די קראַם־זיצערקע. מפרנס געווען דעם מאַן אירן דעם למדן, דעם באַנק־קוועטשער... זי איז געווען די פיר־זאָגערין אין דער ווייבערשער שול, די פרומע גבאיטע, וואָס האָט גענומען אלע ערב שבת די רויטע פאַטשיילע און אַוועק געלאָזט זיך איבערן שטאָט שאפן פאר אָרעמע אויף שבת... זי איז געווען די דעה־זאָגערין, די מלומדת, די כלל־טוערין.

די „לודמירער מויד", איז געווען אן אמתער „רבי": געדאַוונט אין א טלית, געפירט א „טיש" און געזאָגט תורה פאר די חסידים...

האָבן מיר טאַקע אומעטום אידישע פרויען אָרגאַניזאציעס, הילפס פאַראיינען, בילדונגס חברות.

נאָר מיר, אין מעקסיקע, האָבן עפּעס נישט קיין מזל מיט אונזערע פרויען.

ביי אונז איז אַ אידישע פרוי א מבינטע אויף פרישע פיש, אויף א לעבעדיקן קאַרפּ, אויף א פעטע הון וויפל שמאַלץ מיט גריוון ס'וועט זיין פון איר... זי פאַרשטייט זיך גוט אויף א נייע מאָדנע קלייד, אויף אַ קיילעכדיק ניי היטעלע, וואָס זיצט אויפן שפּיץ קאָפּ לויט דער לעצטער מאָדע. אויף א גוטן פוטערנעם מאנטל און אויף א גוטע „האַנט" קאָרטן אין פּאָקער...

מיר האָבן זייער ווייניק כלל־טוערינס, מיר פאַרמאָגן נישט קיין פאַרטיי־פירערינס און אידעאַליסטקעס...

האָבן זיך דאָ צוזאמענגענומען עטלעכע נשים צדקניות און געשאפן א פרויען פאַראיין, אַן אמתע ווייבערשע מלוכה וואו קיין מאַן האָט נישט קיין דריסת הרגל... די עטלעכע גוטהארציקע, אידישע פרויען, די נשים רחמניות האָבן פשוט געראַטעוועט דעם פרעסטיזש פון גאַנצן מעקסיקאַנער ווייבערטום...

איז דאָך דאַכט זיך גוט.

זאָלן די נשים רחמניות העלפן אונזערע קראנקע פרויען און קינדער.

אפשר וועלן זיי זיך שפּעטער אויך אינטערעסירן מיט אַנדערע פראַגן פון אידישן לעבן. איז אונז אוודאי נישט באַשערט צו האָבן כאָטש אַ ביסעלע נחת פון פרויען פאַראיין.

די אייגענע מחלוקות, די אייגענע רייסערייען מיט פּלאַטקעס און רכי־לות פּונקט ווי ביי אונז מענער: דער האָט געזאָגט, יענער האָט גערעדט, די האָט געהערט און יענע האָט געמיינט.

צוליב אַ ווייבערשער פּליאַטקע, אַז אונזער „מרים" איז טראָגן געוואָרן פון הייליקן גייסט... קענען מיר זיך נישט אויסצאָלן ביזן היינטיקן טאָג...

איבער קמצא ובר קמצא איז חרוב געוואָרן ירושלים, איבער א הון און א האָן איז חרוב געוואָרן טור־מלכא, איבער אן אקס פון א וואָגן איז חרוב געוואָרן ביתר... און איבער ווייבערשע פּליאַטקעס איז שיעור, שיעור חרוב געוואָרן דער פרויען־פאַראיין...

ווי אַזוי, חשובע דאַמען, קענט איר פאָדערן גלייכע רעכט מיט די מע־נער, אז איר קענט אפילו נישט פירן דעם בידנעם פרויען־פאַראיין?

ווי אַזוי ווילט איר מ'זאָל אייך מאכן פאר דעפּוטאטן, גובערנאטאָרן און מיניסטאָרן, אַז איר קענט נישט אָדער ווילט נישט פירן אייער פאַרוואַל־טונג צוליב א מחלוקה אָדער א פּליאַטקע...

איך, למשל, האַלט שטאַרק פון פרויען רעכט, פון פרויען עמאַנציפּאַציע.

די פרויען דאַרפן זיין גלייכבאַרעכטיקט מיט אונז מענער, די פרויען דאַרפן האָבן די זעלבע רעכט ווי די מענער, אַפילו צו פירן אָרגאַניזאַציעס...

איך סימפּאַטיזיר שטאַרק מיט די פרויען, וועלכע ווילן האָבן גלייכע רעכט מיט די מענער:

זיי ווילן רויבערן ווי די מענער, ווילן מאכן א לחיים איבער אַ גלעזל משקה ווי די מענער, און מאַכן אַ פּאַקער גלייך מיט די מענער...

איך האַלט, אַז די שוואַכע, פאַרצערטלטע, אידעלע פרויען זיינען אַ סך פעאיקער ווי די שטאַרקע, קלוגע מענער. אויב נישט, וואָלטן די מע־נער זיי נישט געמאַכט פאר די מאַמעס פון זייערע קינדער... און זיי נישט אָוועקגעגעבן זייערע פאַרדינסטן...

ווען מ'זאָל די פרויען לאָזן פירן אונזער וועלטל, וואָלט זי זיכער געהאַט א שענער פּנים...

אמת, די וועלט וואָלט געווען אביסל א צוגעפּאַרבטע, א צוגעשמינקטע... מיט מאַניקירטע נעגל, אויסגעפּליקטע, שמאָלע ברעמען, א בלאַסע נאָז מיט רויטע באַקן... דערפאַר אָבער אָן מלחמות!

וועלכע גוטע, געטרייע מאַמע וועט שיקן איר זון, איר אייגן בלוט און פלייש אין א מלחמה אַריין?

אַלע מלחמות, הריגות, בלוט־פאַרגיסונגען, זיינען אויסגעטראַכט געוואָרן פון די בייזע, שטאַרקע מענער...

גיט איבער די פרויען די מאכט אין זייערע הענט, און אויף אונזער קריי־געריש וועלטל וועט הערשן אן אייביקער שלום... און אין אַלע היימען וועט זיין אן אידעאַלער שלום־בית...

ווען מ׳זאָל די פרויען איבערגעבן די מאַכט, וואָלטן זיי דאָס ערשטע אָפּגעשאפט די פאַרעלטערטע, אַלט־מאָדישע — נדן־אינסטיטוציע מיט די שדכנים...

ס׳וואָלטן מער נישט געווען קיין פאַרזעסענע מיידלעך מיט אנטוישטע ליבעס...

ווען מ׳זאָל די פרויען געבן די מאכט — — —

אויף דער אלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון פרויען פאַראיין, זע איך ווי אַלע פרויען זיצן שטיל, געמיטלעך אין גרויסן באלויכטענעם זאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, שמועסן זיך רואיק וועגן; וויפל וואָכן יעדע פרוי האָט פארברענגט אין „קואָטלאַ", וויפל מאָל אין טאָג זיך געבאָדן, אין וועלכן רעסטאָראַן מ׳קען קריגן א גוט שטיקל הערינג און א באזונדער צימער, וויפל חתונות ס׳וועלן זיין דעם זונטיק...

אָט טראַכט איך, דאָס איז אַ שטילע רואיקע פרויען פאַרזאַמלונג, נישט ווי ביי אונז מענער, וואָס קאָכן זיך, רוישן, טומלען צוליב א נייעם קאָמי־טעט...

די פאַרזאַמלונג עפנט זיך, די גאַנצע פאַרוואַלטונג זיצט פייערלעך אויסגעזעצט אויף דער בינע, די פּרעזידענטין דערקלערט ווי שווער ס׳איז געווען די אַרבעט דורכן יאָר: 9 טויזנט פעזעס געשאַפן פאַר די אָרעמע, קראַנקע פרויען און קינדער. דער קאָמיטעט איז נישט גענוג טעטיק. מ׳רופט פינף פרויען צו גיין זונטיק קלייבן געלט אויף חתונות, אויף בריתן, אויף תנאימס, ענטפערט איינע, (דורכן טעלעפאָן) אז זי האָט היינט געסט, די צווייטע, אז זי האָט היינט א „הערבאטניק"... (אויפן גאַליציאַנער לשון, הייסט עס, געסט אויף אַ גלעזל טיי...) א דריטע, אז מ׳שפילט היינט ביי איר אן אינטערעסאנטע פּאָקער־גיים צו פופציק סענט לימיט...

מוז נעבעך די ליטווישע פרעזידענטין מיט דער גאַליציאַנער סעקרע־טאַרין, גיין אַליין אומעטום זאמלען געלט פאַרן פרויען פאַראיין און אַליין נעבעך דאָס צעטיילן... אַלץ אַליין!

— אן עולה, כ׳לעבן, אן עולה! מורמלען שטיל עטלעכע פרויען.

באַלד שרייען אויס עטלעכע פרויען מיט אַמאָל:

— איר פירט נישט גוט!

— איר זענט דיקטאַטאָריש!

א פרוי מיט א פּאָר ברענענדיקע אויגן גיט זיך פלוצלונג א כאַפּ אויף פון שטול, מיט א ניגון פון פאר שופר בלאָזן אין דער ווייבערשער שול...

— איך בין געווען די קאַסירערין און די פּרעזידענטין האָט געהאלטן

2 טעג דאָס געלט ביי זיך!... ניין! כ׳וועל דאָס נישט דערלאָזן! מ׳טוט וואָס מע וויל!

ס׳ווערט באַלד אַ געשריי, אַ טומל, די אָפּאָזיציע וואָס זיצט אויף דער לינקער זייט הייבט אָן שטורמען, מען רוקט די שטולן, מ׳שטעלט זיך אויף און מ׳וויל אַוועקגיין.

— מען פאַרכאַפּט די בענקלעך און מ׳לאָזט קיינעם נישט צו! — שרייט אַ פּרוי מיט א ניגון פון ונתנה תוקף.

— איר פארטיילט שלעכט דאָס געלט! איר גיט צופיל שטיצע פאר מע־נער... די פרוי דערציילט אין א רעדע פון אַ האַלבער שעה, ווי אַזוי זי האָט גערעדט מיט דער סעקרעטארין וועגן געבן איינעם הילף, האָט זיך דער טעלעפאָן איבערגעריסן און — ס׳הערן זיך צווישנרופן:

— איר האָט א מויל אויף שרויפן:

— איר האָט א געשליפן צינגל!

איין פרוי פאָכעט אין דער הויך מיט אַ צייטונג אין האַנט, אַ צווייטע רוקט פון אויפרעגונג די הילצערנע שטולן נעבעך... די געוועזענע קאסירע־רין זעצט זיך אַוועק אויף א שטול מיט די פּלייצעס צו דער ביגע און מיטן פּנים צו די פארזאמלטע... אַלס פּראָטעסט קעגן דער פּרעזידענטין.

א יונגערמאַן בעט זיך נעבעך רחמים, ער וויל א וואָרט, ער וויל מאכן עפּעס א דערקלערונג, ענטפערט אים די סעקרעטארין קורץ און שארף: ביי אונז קריגן נישט די מענער קיין וואָרט!

דער טומל ווערט גרעסער, אלע רעדן אין איינעם. די לופט איז אָנגע־גליט, מ׳היצט זיך, מ׳טענהט זיך אויס ווי אויף א היימישער שמחה... די פּרעזידענטין בעט זיך: רואיק! איר האָט נישט דאָס וואָרט! לאָזט אויסרעדן! מ׳קלאפּט מיט די פיס, די אָפּאָזיציע שטורעמט!...

די מענער וועלכע זיינען געקומען אהיימנעמען זייערע פרויען בלייבן זיצן געפּלעפט: אָט אַזוי פירן די צארטע, שטילע פרויען א פאַרזאמלונג, אָט דאָס איז די ווייבערשע מלוכה.. זיינען דאָך מיר, מענער, טאקע אמתע מלאכים!... און ס׳האָט טאקע שוין געהאלטן, אז די גאנצע ווייבערשע מלו־כה זאָל זיך צעפאלן... ביז — כ׳וועל אייך אויסזאָגן א סוד — ביז אן אונ־זעריקער, א מאן, הייסט עס, האָט געמאכט א שטיקל אָרדנונג, איינגעשטילט די היציקע געמיטער.

די ווייבערשע מלוכה האָט אויסגעקליבן א נייעם מיניסטאָרן קאבינעט און די ווייבערשע מלוכה איז אָפּגעראטעוועט געוואָרן אויף אַ גאנץ יאָר.

ניין, מיר האָבן נישט קיין מזל צו אונזערע אידישע אינסטיטוציעס, אַפילו נישט צו קיין ווייבערשער מלוכה...

נעמערס און געבערס...

אייגנטלעך, וואָלט אינגאנצן נישט באדארפט זיין קיין נעמערס און געבערס...

אונזער וועלטל איז גאָרנישט אזוי שלעכט, אדרבא, ס'איז דאָ פון כל־טוב פאר יעז'ן איינעם, די והותר.

די זון שיינט, לייכט און וואַרימט פאר אַלע גלייך, פאר נעמערס און געבערס, פאר אָרעם און רייך.

די בלומען שמעקן פאַר אַלע, וואָס ווילן נאָר אייננאָטעמען זייערע געשמאקע בשמים־ריחות, און ווער עס האָט נאָר אן אויג, קען זיך אָנזעטיקן מיט זייער פארבנרייכקייט.

די בוימער זייגען באלאָדן מיט צייטיקע פירות, פולע פעלדער מיט ווייץ און קאָרן. א שפע פון אַלץ, ווי אין פסוק שטייט: וירא אלהים כי טוב, און גאָט האָט געזען אַז דער באַשאף איז גוט, די וועלט איז געבענטשט מיט אלדאָס־גוטס.

נאָר די צרה איז, וואָס עס פעלט א ביסעלע אָרדנונג אויף אונזער זינדיק וועלטל, אביסעלע מער אָרדנונג אין אונזער באלעבאטישקייט...

דער וואָס האָט איינגעטיילט דאָס ביסל עשירות, איז אוודאי געווען א קנאָפּער בעל חשבון, אַ שלעכטער מאַטעמאַטיקער.

מאַרקס האָט שוין באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז די וועלט, די זאָטע וועלט פון רייכקייט, לעבט אין א גרויסן טעות.

די פירער פון אונזער ביסל באַלעבאַטישקייט, מ'שטיינס געזאָגט, מאכן נעבעך א טעות אין חשבון:

די רייכע זיינען גאָרנישט אַזעלכע וואַשנע גבירים און די אָרעמע לייט זיינען גאָרנישט אַזעלכע גרויסע קבצנים...

די גאַנצע צרה מיט אונזער געבענטשטער, טייערער אָרדנונג איז, וואָס דאָס מעבל איז שלעכט אַוועקגעשטעלט, אין א גרויסער אומאָרדנונג.

ווען מ'וועט, אים ירצה השם, איבערשטעלן דאָס מעבל אויף אונזער זינדיק וועלטל, וועט נישט זיין קיין אָרעם און רייך.

וועט נישט זיין קיין נעמערס און געבערס...

און כל זמן ס'זיינען דאָ נעמערס, מוזן אויך זיין געבערס, אז נישט וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאט...

און אפשר איז גאָרנישט אַזאַ בושה צו זיין א נעמער?

אונזערע תלמודיסטן האָבן שוין לאנג געזאָגט: — יאה עניותא לישראל, אָרעמקייט איז שיין פאר אידן. (אַזאַ צירונג אויף פאָרדן, מאָרגאַן, דאָקע־פעלער און ראָטשילדן געזאָגט...)

די כלל־טוער אין די אידישע שטעטלעך, וואָס האָבן געקליבן פאר פסח אויף מעות־חטים, האָבן געהאט א פרינציפּ:

— גיב אָדער נעם!

ווען אַ קאַרגער האָט זיך געוואָלט ארויסדרייען פון ביישטייערן זיך, האָט מען אים געשטעלט אַ באַדינג: קענסט נישט געבן, טאָ נעם זשע מעות חטים!

גיב אָדער נעם!

אמאָל זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע „נעמערס" — בעטלער און שנאָ־רערס, און אויך פּראָפעסיאָנעלע געבערס — פילאַנטראָפּן.

צדקה איז געווען בלויז א מצווה און א הפקר זאך, ווער ס'האָט גע־קענט, דער האָט געגומען...

מ'האָט אמאָל געפרעגט א פּראָפעסיאָנעלן נעמער פון אן אויסגעטראכ־טער סומך־נופלים אינסטיטוציע, אויף וויפל פּראָצענט ער ארבעט... האָט ער געענטפערט מיט א שמייכל, אַז ער ארבעט נעבעך — אויף צען פּראָ־צענט.

ס'הייסט, וויפל געלט ער מאַכט, גיט ער אַוועק דער אינסטיטוציע בלויז צען פּראָצענט...

היינט איז אויס רויטע פּאַטשיילע, אויס מתן־בסתר..

אַנשטאָט דער רויטער פּאַטשיילע, איז היינט דאָ א קבלה־ביכל מיט אַ שטעמפּל.

אַנשטאָט מתן־בסתר, ווערן די נעמען פון די געבערס אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען..

אויף דער גאָרער וועלט זיינען היינט דאָ מער נעמערס ווי געבערס. נעמען איז געוואָרן רחמנא לצלן, א מכת־מדינה...

אין רייכן דאָלאַר־לאַנד זיינען דאָ מיליאָנען נעמערס.

מוזן זיין געבערס.

צווישן די אייראָפּעאישע אידן זיינען איצט דאָ ביי זיבעציק פּראָצענט, וואָס זיינען געצוואונגען צו זיין נעמערס... און בלויז דרייסיק פּראָצענט וואָס מוזן זיין געבערט.

מיר, דאָ אין מעקסיקע, זיינען דערוויל, ברוך השם, באַזאָרגט מיט פּרנסה. הלוואי נישט ערגער, בעסער האָט דאָך קיין שיעור נישט...

ליידן מיר אָבער פון אן אנדערער מחלה, פון אן אויסטערלישער קרענק: מיר האָבן נישט קיין נעמערס...

הערט און שטוינט!

די מעקסיקאנער אידן האָבן נישט קיין נעמערס!

ס'הייסט, ווער ס'זאָל נעמען האָבן מיר דווקא יאָ. איר האָט שוין גע־זען א אידישן ישוב וואו ס'זאָלן נישט זיין קיין אָרעמע און קראנקע?

נאָר ווער ס'זאָל נעמען דאָס געלט ביי די געבערס און דאָס געבן צו די וואָס דאַרפן נעמען, דאָס האָבן מיר נישט.

ניין, מיר האָבן דאָ לחלוטין נישט קיין פעאיקע, גוטע נעמערס.

זאָל די גאנצע וועלט וויסן, אז דער מעקסיקאנער אידישער ישוב האָט נישט קיין גוטע, פעאיקע נעמערס!

ס'זאָל זיי צו קיין גנאי נישט זיין, די היגע אידישע כלל־טוער. זיי זיינען גוטע געבער, אָבער זייער שלעכטע נעמער...

ס'איז אפשר נישט שיין צו דערציילן פאַר דער וועלט אַזאַ מין בזיון, נעבעך, אָבער ס'איז אמת!

די מעקסיקאנער אידן זיינען טייערע, גוטע, גאָלדענע, הארציקע אידן, גוטע געבערס, שייך צו זאָגן געבערס, די בעסטע געבערס אין דער וועלט...

נאָר צו די נעמערס, צו די אמתע, גוטע, פעאיקע נעמערס, האָבן מיר נישט קיין הצלחה.

ס'גייט אונז עפּעס שלים שלי־מזל מיט אונזערע נעמערס.

די היגע אידן האלטן תמיד גרייט זייערעביישטייערונגען פאַר אַלע אידישע צוועקן, פאַר אַקציעס מכל המינים...

נאָר מיר האָבן, לא עליכם, נישט קיין נעמערס!

בסך הכל האָבן מיר דאָ אינגאנצן דריי אָרגאניזאציעס, וואָס נויטיקן זיך מ'זאָל פאַר זיי נעמען געלט — ביי די געבערס:

די אידישע שול, דער הילפס־פאַראיין און דער פרויען־פאַראיין.

נו, מיינט איר דאָך אוודאי, אַז די גוט־הארציקע מעקסיקאנער אידן איז שווער אויסצוהאַלטן די דריי וויכטיקע אינסטיטוציעס? חס וחלילה! אדרבא ואדרבא.

די מעקסקיאנער אידן זיינען מוכן ומזומן אויסצוהאלטן די דריי אינ־סטיטוציעס בכבוד גדול.

זיי האלטן אויסגעשטרעקט זייערע הענט מיט אונטערגעשריבענע טשעקן...

איז דאָך ווי מ'זאָגט: א כשרער טאָפּ מיט א כשרן לעפל.

האָבן מיר אָבער נישט קיין גוטע ספעציאליסטן, קיין פעאיקע נע־מערס.

מיר ליידן דאָ פון א מכה אשר לא כתובה בתורה. מיר ליידן פון א מאנגל אין גוטע נעמערס.

וואו נעמט מען נעמערס, וואו?

מאַכט די היגע אידישע שול אן אקציע פון פערציק טויזנט פעזעס, צו פאַרגרעסערן דעם בנין פאר דער מיטל־שול, זיינען נישטאָ גענוג נע־מערס.

ס'הייסט, עטלעכע זיינען יאָ דאָ, נאָר זאָלן זיי מיר מוחל זיין די נעמערס, זיי זיינען בעסערע געבערס ווי נעמערס.

צווישן אַלע נעמערס, זיינען זיי די בעסטע — געבערס...

די היגע אַקציע־מאַכערס און נעמערס, זיינען עפּעס שלאבעריקע, שוואַכע, לא עליכמדיקע נעמערס.

קומען אַריין אַזעלכע שוואַכע נעמערס און פאַרלאַנגען אַ פינף־און־צוואנציקער ביי אַ איד וואָס קען געבן א הונדערטער, טראַכט זיך דער גע־בער:

איי, שוואַכע, שלימזלדיקע נעמערס. כ'האָב פשוט געכאפּט א מציאה.

ס'וואָלט כ'לעבן, געווען א יושר, אַז די נעמערס וועלכע קומען צו אונז פון אנדערע לענדער, זאָלן געבן עטלעכע לעקציעס אונזער לאָקאַלע נעמערס אין הלכות—נעמען... זיי אויסלערנען די מלאכת הקודש, די הייליקע, וויכטיקע און נוצלעכע אַרבעט — פון נעמען.

די נעמערס פון אנדערע לענדער, זיינען עפּעס בעסערע, פעאיקערע און שטאַרקערע נעמערס.

אויב די היגע שול וויל האָבן דערפאָלג אין איר אקציע, דאַרף זי למען השם, אויסשרייבן א פראַקטישן, פעאיקן נעמער.

אויב דער הילפס פאראיין וויל מאַכן אַן אַקציע צו דעקן דעם דעפיציט, דאַרף מען אימפּאָרטירן אַ גוטן נעמער אַזש פון ניו־יאָרק.

די היגע געבערס גיבן עפּעס מיט מער חשק און טאקע מער געלט — די אויסלענדישע נעמערס...

גענוג אָרגאַניזאַציעס (שוין אַביסל צו פיל), גענוג געבערס, גענוג שונאים, גענוג אַנטיסעמיטן און גענוג באַנקראָטן...

נאָר איין זאַך פעלט אונז:

גוואלד, וואו נעמט מען — נעמערס!

גענוג גוטע, פעאיקע נעמערס!

כ'האָב אַן אַקציע!...

(מאָנאָלאָג)

— מיר איז גוט, כ'האָב אַן אקציע!

מיר איז וואויל, כ'בין אַן אקציאָנער אין דער אידישער באנק!

אין דער היים ביי אונז אין שטעטל בין איך געווען א גאָרנישט מיט גאָר־נישט, אַ פּראָסטער חי וקים, אַ פּשוטער בעל־מלאכה, אַן „עמך"... געוואָרן אויסגעריסן, נישט געקענט קריגן צו לייען קיין פּופּציק זלאָטעס. כ'האָב געדאנקט גאָט, אַז כ'האָב ווי ס'איז אַדורכגעשטופּט די וואָך מיטן ביסל פּרנסה...

דער גאַנצער דעה־זאָגער איז געווען דער דאָזער, דער נגיד, דער גביר, דער שיינער איד, דער שטאָט באַלעבאָס און דער תקיף ביי קהל...

היינט לעב איך אין א דעמאָקראַטיש לאַנד, אין דער פרייער מעקסיקע.

דאָ זיינען אַלע גלייך, אויס יחסנים!

דאָ האָב איך אַזאַ דעה פּונקט ווי דער גרעסטער יחסן אָדער גביר....

דאָ זיינען די אקציאָנערן די רעדל־פירער, די דעה־זאָגער...

מיין אקציע האָט פּונקט די זעלבע רעכט ווי דעם גרעסטן גבירס אַקציע...

אין דערהיים האָט מען מיך גערופן בערל שרה פייגלס מיט נאָך א צו־נאָמען... דאָ הייס איך בערל קלאָפּער.

בערל קלאָפּער מיט אַן אקציע!

מיט מיין אַקציע האָב איך געהאָלפן אויפבויען די אידישע באַנק. מיין אַקציע האָט געהאָלפן שאַפן אַלע ליי־קאַסעס, אַלע גמילת חסדים קאַסעס...

אַלץ מיין אַקציע!

מיין אַקציע העלפט געבן די סוחרים קרעדיט, מיין אַקציע העלפט געבן קליינע הלוואות, מיין אַקציע העלפט חתונה מאַכן קינדער און זיי געבן אַ גרויסן נדן... מיין אַקציע העלפט אויסלערנען אַ סך אידישע פּרויען שפּילן אין פּאָקער (און דוקא אַן אָפּענעם...) מיין אקציע העלפט אַפילו אַמאָל די גרויסע גבירים כאַפּן אַ גרויסע הלוואה...

אַלץ מיין אקציע!

מיר איז גוט, כ'האָב אַן אַקציע!

מיר איז וואויל, כ'בין אן אקציאַנער!

מיין אַקציע האָט א גוואַלדיקן כוח, ס'הייסט נישט מיין אַקציע אַליין, נאָר אַלע אַקציעס צוזאַמען זיינען שטאַרקער ווי דער גרעסטער באָקס־טשעמפּיאָן, שטארקער ווי די גרעסטע אַרמײ...

מיין אַקציע קען אַראָפּזעצן א פאַרוואַלטונג ווען זי פאָלגט נישט מיין אַקציע, ס'הייסט, אונזערע אַקציעס...

מיין אַקציע קען מאַכן די גרעסטע רעוואָלוציעס (אין דער פּארוואַל־טונג...) און אַן אַ טראָפּן בלוט... פאַר מיין אַקציע ציטערן די גרעסטע קאַרפּן־קעפּ: דער פּרעזידענט, דער בוכהאַלטער און דער קאַסירער...

אַלץ פאַר בערל קלאַפּערס אַקציע!

דאַכט זיך נישט מער ווי א שטיקל פּאַפּיר, נאָר קוים ווערט אויפן שטיקל פּאַפּיר אָפּגעדרוקט אן אַקציע, ווערט דאָס פּאַפּיר שטאַרקער ווי שטאָל און שאַרפער ווי אַ שווערד...

מיר איז גוט כ'האָב אַן אַקציע!

פאַר מיין אַקציע שטעלט זיך איין דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל... און דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל (דער פערטער אינטערנאַציאָנאַל האָט נאָך נישט קיין אקציעס...)

פאר מיין אַקציע שטעלן זיך איין די לינקע און די אויסגעלינקטע, די ר'עכטע און עכטע...

מיין אַקציע פאַרטיידיקן די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן, קעמפער און פּראַזן שיסער... זיי שטעלן איין זייער לעבן, זיי זיינען ממש גרייט צו גיין אויף קידוש השם אבי מיין אַקציע זאָל זיין געזיכערט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט... אַז פון מיין אַקציע זאָל חלילה נישט פעלן קיין איין סענט!

מיר איז גוט, כ'האָב אן אקציע!

צוליב די פּראָפיטן פון די גרויסע אקציע געזעלשאפטן, מאַכט מען מלחמות, הריגות און אויפשטאַנדן און צוליב מיין אַקציע רופט מען פאַר־זאַמלונגען, צוליב מיין אַקציע שאַפט מען אונטערזוכונגס קאָמיסיעס...

צוליב מיין אַקציע קאַכט מען זיך, מ'היצט זיך, מ'זידלט זיך, מ'שעלט זיך ווי אויפן מארק... מ'איז גרייט זיך דורסן, שלאָגן, קעמפן, אַלץ צוליב מיין אַקציע...

מיר איז גוט, כ'האָב אן אקציע!

מיר איז וואויל׳ כ'בין אן אקציאָנער!

אָבער מאַכט נישט קיין טעות, חברים, מיינט נישט חלילה, אַז איך בין אן אקציאָנער ערשט פון די נאָדל אַרויס, נייך, כ'בין נישט קיין פריי־שער, גרינער, אַקציאָנער וואָס האָט נאָר וואָס געקויפט אן אקציע...

כ'בין פון די אלטע אקציאָנערן, נאָך פון פארן מבול...

כ׳בין, פאַרשטייט איר מיך, פון די ערשטע אקציאָנערן וואָס האָבן געקויפט אַקציעס נאָך מיט זיבן יאָר צוריק. בערל קלאַפּער איז אַלע מאָל פון די ערשטע!

כ׳האָב אַ גאָלדענע אַקציע!

יאָ, יאָ, אַ גאָלדענע אקציע! איך האָב פאר מיין אקציע באַצאָלט 50 גאָלדענע פּעזעס...

מיין אַקציע איז אַן אמתע כשרע, פּראָלעטאַרישע, דעמאָקראַטישע אַקציע...

ווען כ׳בין מיט מזל געוואָרן אן אקציאָנער, איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין בורזשואַזנע, אידישע באנק.

מיין אַקציע האָב איך געקויפט פאר א דעמאָקראטישע ליי־קאַסע׳ פאר אַ סאָציאַל ראדיקאַלע פאָלקס אינסטיטוציע...

וואָס בין איך שולדיק, אַז פון דער ראדיקאַלער ליי־קאסע איז שפּעטער געוואָרן א בורזשואַזנע באַנק?...

זאָל זיין, האָב איך מיר געטראַכט, א אידישע באנק. כל־זמן בערל קלאַפּער האָט אן אקציע ,וועט ער שוין זען ס׳זאָל זיין א שטיקל אָרדנונג... ביי בערל קלאַפּער מוז אַלץ זיין דעמאָקראטיש, אַ דעמאָקראטישע באַנק...

נאָך אַלעמען איז אַ דעמאָקראטישע באנק נישט קיין שלעכטער עסק...

און די באַנק האָט טאָקע אן אינטערנאציאָנאלן נאָמען... אמת, די גויים וויסן שוין אַז די „באַנקאָ מערקאַנטיל" איז אַ אידישע באנק... נאָר דאָס איז גאָרנישט, אבי דעמאָקראַטיש...

די באַנק זעט טאָקע אויס ווי אן אמתע בורזשואזנע באַנק: מיט מעשענע, בלאַנקע, אָפּגעפּוצטע שטאכעטן, מיט מאַטע, פּאַרפּרוירענע פענסטערלעך מיט אויפשריפטן: דאָ נעמט מען צו געלט, דאָ צאָלט מען געלט. מיט טשעק ביכלעך, מיט אייזערנע טירן, מיט שטאָלענע קאָסעס און מיט אַ גויאישן שווייצאַר ביי דער טיר מיט אַן אויסגעהאַפטענעם געלן אויפשריפט אויפן היטל: באנקאָ מערקאנטיל.

אָבער ס׳איז פאָרט אַ אידישע באַנק, דעמאָקראַטיש...

מ׳האָט מורא פאר מיין אקציע! מ׳ווייסט, אַז בערל קלאַפּער איז אַן אַקציאָנער.

אז א דעלעגאַט קומט אין מעקסיקע ווייסט ער שוין, אז ער קען טרעפן אַלע אידישע כלל־טוער אין דער אידישער באנק... אַז אַ סוחר וויל טרעפן אַ באַקאַנטן׳ זוכט ער אים אין דער אידישער באַנק...

איר קענט דאָרט שטענדיק טרעפן רעדלעך אידן כאַפּן אַ שמועס פּונקט להבדיל, ווי אין בית מדרש צווישן מנחה־מעריב... ס׳דרייען זיך דאָרט אַרום די שטענדיקע עשרה בטלנים...

ס׳איז אן אמתע אידישע פאָלקס־באנק!

און דאָס אַלץ א דאנק מיין אקציע!

בערל קלאפּער האָט ליב דעמאָקראַטיש...

אויף אן אקציאָנערן פאַרזאַמלונג, ווען מ'לאָזט נישט אַריין קיין זיי־טיקע מענטשן, גיי איך זיך ברייטלעך צו צו דער טיר און גיב א זאָג אזוי הויך אויפן קול: — מאַכט אַ וואַרע! לאָזט אריין! דאָס בין איך בערל קלאַ־פּער מיט אַן אַקציע!

מיר איז גוט, כ'האָב אן אקציע, פון די ערשטע גאָלדענע ראדיקאַלע אַקציעס...

מיין אַקציע שטייט תמיד אויף דער וואך פון אלע אַקציאָנערן... אויף אן אקציאָנערן פאַרזאַמלונג בין איך, בערל קלאַפּער, דער ערשטער צו נע־מען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע.

און אַז מ'דאַרף שרייען, נישט לאָזן ריידן א קעגנער בין איך דאָ — בערל קלאַפּער.

און אַז מ'דארף ווערמען שעלטן אין טאָטן אַריין, מאַכן אַ רוסישן מי שברך בין איך דאָ — בערל קלאַפּער מיט אַן אקציע.

מיין אַקציע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ גאַנצן כלל־טוער, פאַר אַ גע־זעלשאַפטלעכן מענטש...

מיין ווייב האָט פאַר מיר דרך־ארץ, מיין שוויגער ציטערט פאַר מיר און פאַר מיין אקציע.

— וואו גייסטו עפּעס מיין טייערער מאַן — פרעגט מיך מיין ווייב מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די ליפּן.

— אויף אַן אַקציאָנערן פאַרזאַמלונג, מיין טייער ווייבעלע, כ'בין אַן אקציאָנער!

— וואָס ביזטו עפּעס געקומען אהיים דריי אַזייגער פארטאָג — פרעגט מיך בייז מיין שוויגער.

— כ'בין געוועז אויף אן אקציאָנערן־פאַרזאמלונג מיין ליבע שוויגער... כ'בין אן אקציאָנער!

מיין ווייב מיט מיין שוויגער זיינען שטאָלץ מיט מיר און מיט מיין אַקציע.

וואָס פעלט מיר?

כ'האָב אן אייגן ווייב, אן אייגענע שוויגער, אן אייגן הויז, אן אייגענע קאַטשע, אן אייגענע פאבריק מיט אייגענע ארבעטער· מיט אַן אייגענע — אַקציע!

מיר איז וואויל, כ'בין אן אקציאָנער!

מיר איז גוט, כ'האָב אן אקציע!

פּאָקער און ברידזש

כ׳גיי אָנזאָגן א גוטע בשורה אונזערע מעקסיקאַנער אידישע פרויען...

זאָלן אונזערע פרויען און מיידלעך אויך האָבן א ביסעלע נחת און פרייד...

די בשורה טובה איז זייער א פריילעכע, אן איבערראַשנדע און זייער אַ וויכטיקע:

די מעקסיקאַנער אידישע פרויען שפּילן שוין מיט מזל אין ברידזש!

די מעקסיקאַנער אידישע פרויען זיינען שוין אַריין אין די פעדערן...

ד היגע אידישע פרויען זיינען אין א שיינעם העלן דאָנערשטיק נאָכמיטאָג אַריין אין די הויכע פענצטער... צו די סאַמע סמעטענע, צו די אויסדער־ויילטע פיר הונדערט...

די אידישע פרויען שפּילן שוין אין ברידזש!

די היגע אידישע פרויען זיינען מיטאמאָל אריין אין דער משפחה פון די אַריסטאָקראַטישע דאַמען, פירן זיך שוין ווי די אמתע אָלרייטניצעס אין די שטאַטן.

יעס, ווי פלעי ברידזש!...

די היגע אידישע דאַמען, סעניאָראַס, דאָניאַס, ליידיס, שפּילן שוין, ברוך השם, אין ברידזש.

ביז איצט האָבן די אידישע פרויען געשפּילט בלויז אין פּאָקער, איצט שפּילן זיי שוין אין ברידזש...

איר שפּילט זיך מיט ברידזש?

ברידזש, רבותי, איז נישט עפּעס אבי וואָס א שפּיל. ברידזש איז די סאַמע ראַפינירטע, איידלסטע אריסטאָקראַטישסטע קאָרטן שפּיל...

אמת, ס׳איז טאַקע א קאָרטן שפּיל פונקט להבדיל, ווי א זעקס און זעכ־ציק, א פינפהונדערט איינס, א פינאָקל אָדער פרעפעראַנץ. טאָקע די אייגענע קאָרטן מיט די זעלבע פיגורן, מיטן אייגענעם געלט פאַרשפּילן און געווי־נען...

ס׳איז אָבער פאָרט עפּעס א העכערער מין קאָרטן שפּילן...

ברידזש שטאַמט פון די גאָר הויכע מקומות, אַזש פון די ענגלישע אַריסטאָקראַטן... ברידזש שפּילן די סאַמע העכסטע, עלעגאַנטע דאַמען, די אמתע בלוי־בלוטיקע אַריסטאָקראַטן...

דער אידישער ישוב איז מיטאמאָל דערהויבן געוואָרן. מיר האָבן שוין דערגרייכט דאָט העכסטע אויפן געזעלשאַפטלעכן לייטער...

מיר שפּילן שוין ברידזש!

זאָלן די אַמעריקאַנער אידישע פרויען זיך נישט גרויסן מיט זייערע ברידזש פּאַרטיס, מיט זייערע "אָקזילערי סאָסייעטיס" וואָס העלפן אויס־האַלטן מיט זייער קאָרטן שפּיל תלמוד תורות און שולן...

מיר שפּילן שוין אויך ברידזש!

און דעם גרעסטן דאנק, דעם ברייטסטן יישר כוח פאַרן וואונדערבאַרן איינפאַל, פאַרן גרויסאַרטיקן געדאנק איינצופירן ביי אונזערע פרויען ברידזש, קומט דעם היגן חשובן דאמען־קאָמיטעט צו בויען א אידיש שפּי־טאָל..

די איזראַעליטישע דאמען האָבן דעם גרויסן פאַרדינסט צו זיין די ערש־טע צו שפּילן עפנטלעך אין ברידזש.

זיי קומט דער גרויסער קרעדיט פאַר זייער איניציאַטיוו צו ווייזן אונ־זערע פרויען, ווי אַזוי ס'פירט זיך ביי לייטן, ווי אַזוי אידישע פרויען דאַרפן פאַרברענגען, ווי אַזוי מ'שפּילט אין ברידזש...

דאָס גרויסע געשעעניש, וואָס וועט זיכער פאַרשריבן ווערן מיט גאָל־דענע אותיות אין דער געשיכטע פון מעקסיקאַנער אידישן ישוב... איז פאָרגעקומען אויף א פייערלעכן אופן מיט עטלעכע וואָכן צוריק אין קלוב „אוניאָן אי פּראָגרעסאָ".

אַ סך אָנגעזעענע דאַמען און כלל טוערינס האָבן געקויפט בילעטן צו צוויי פּעזאָס אויף דער ברידזש־פּאַרטיי.

א סך פרויען האָבן געמיינט, אַז דאָס רופט מען זיי אויף א גלעזל טיי און דערנאָך וועט מען זיי אָפּגעבן א באַריכט וועגן אידישן שפּיטאָל...

זיי זיינען אָבער געוואָרן דערשטוינט, ווען זיי האָבן דערזען ווי מ'שטעלט אויס טישלעך מיט שטולן און מ'נעמט זיך געשמאַק צו די תהילימלעך...

גאָר פּשוט, די איזראַעליטישע דאַמען פון שפּיטאָל־קאָמיטעט האָבן פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צו די פּעקלעך קאָרטן...

א סך פרויען האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן דערזען ווי מ'שפּילט אין ברידזש...

עפּעס א מאָדנע שפּיל. מ'ספּיקט ענגליש און מ'האַלט אין איין רעדן פון „פּאָינטס"... פּאָינטס אהער פּאָינטס אַהין. דאָס זיינען אַזעלכע „אויגן", נישט די „אויגן" וואָס אונזערע באָבעס און מאַמעס האָבן געכאַפּט אָדער פאַרלוירן אויף די דינע שטאָלענע, גלאַנציקע שפּיזעלעך, ווען זיי האָבן געשטריקט אַ זאָק... נאָר אויגן „פּאָינטס" אין די טויזנטער.

איינע האָט פאַרשפּילט זעקס טויזנט פּאָינטס, אַ צווייטע האָט געוואו־נען צען טויזנט „פּאָינטס" און א פּאָינט איז ווערט א פערטל סענט...

די מערסטע פרויען זיינען געווען אומצופרידן: היתכן, ס'טייטש, ווי זעצט מען זיך אַוועק אין מיטן דרינען און מ'שפּילט אין קאָרטן, אין ברידזש! פע, פע, נישט שיין פאַר די נשים רחמניות צו מאַכן אַ קאָרטן יום־טוב פאַרן אידישן שפּיטאָל...

א סך האָבן געהאַט אַ גערעכטע טענה: מילא, איר ווילט שפּילן אין קאָרטן, טאָ שפּילט כאָטש אַ אידישע קאָרטן שפּיל... ווי למשל פּאָקער, איין און צוואנציק, א באַנטשאָק, דעוויאַטי וואָל, שטאָס אָדער א טערטל מערטל...

וואָס מיר ברידזש, ווער מיר ברידזש מיט „פּאָינטס" מיט ענגליש!

אָבער די איזראַעליטישע דאַמען פון שפּיטאָל־קאָמיטעט ספיקן ענגליש און קענען שפּילן ברידזש.

יעס ליידיס, ווי פּלֶעי ברידזש!

אַמאָל האָט מען געשפּילט אין קוויטלעך, געמאַכט אַן אָקע גדולה מיט שעל, רויט, גרין, אייכל. א שראַגע אָדער אַ קווענץ פון אונטער, אייבער, מלכה, מלך, טויז...

אַ יונגערמאַן האָט געקענט פטרן דעם נדן זיינעם ביי דער דאַמע שעל אָדער מלכה רויט... א סוחר איז געפאָרן אויפן יאַריד און פארלוירן זיין פאַרמעגן אויף דער טויז גרין און צוריק געקומען אַהיים מיטן בייטשל אין האַנט.

היינט זיינען מיר געוואָרן מאָדערנע מענטשן און שפּילן בלויז אין פּאָ־קער...

איינער, וואָס איז נעבעך א געשטראָפטער און קען נישט נעמען קיין האַנט קאָרטן אין פּאָקער און פארשטייט נישט די גאַנצע פּאָקער־תורה, איז ביי אונז פארדעכנט פאר אַן אָפּגעשטאַנענעם מענטש, פאר נישט גענוג מאָדערנע...

און ווער שפּילט דען נישט ביי אונז אין פּאָקער?

פרויען, מיידלעך, מענער, כלות, חתנים און אַפילו די גאָר יונגע ווייסן שוין אויך, וואָס ס'איז אַ סטרייט, פולהאוז, פלאָש, ראָיאַל סטרייט פלאָש, אַז פיר צווייערלעך שלאָגן אַ פלאָש און אַז דאָס קלענסטע סטרייטל איז שטאַרקער ווי דריי טייז, ווי די בערן...

פּאָקער איז ביי אונז געוואָרן א מכת מדינה, א מין אונטערגאַנג רחמנא־לצלן, ווי ס'שטייט געשריבן אין חומש:

— כי אין בית אשר אין שם פּאָקער...

אויף אַלע שמחות, אויף אַלע צוזאַמענקונפטן, ווערט באַלד נאָכן אָפּעסן דעם קאָמפּאָט אראָפּגערוימט פון די טישן און ס'באַווייזן זיך די תהילים־לעך און מ'נעמט מקיים זיין די מצוות פּאָקער...

א סך מענטשן ווייסן שוין, אז ווען מ׳לאדט זיי ערגעץ איין בעמען זיי באַלד מיט קליין געלט...

מ׳האָט מיך ערשט נישט לאנג צוריק איינגעלאַדן אויף א גלעזל טיי, האָט מען מיך אינאיינוועגס אויך מכבד געווען מיט פאָקער מיט טיי... כ׳בין אַרויס בשן ועין, נקי, ריין אָן אַ סענט...

פון דעמאָלט אָן, אז מ׳לאדט מיך איין אויף אַ וועטשערע אָדער אויף א גלעזל טיי, פרעג איך באַלד: אַ וועטשערע מיט פאָקער אָדער אָן פאָקער...

צוליבן פאָקער איז שיעור נישט צעשטערט געוואָרן דער שלום־בית ביי א יונג פאָר פאָלק...

ווען דאָס יונגע באַלאַבעסל איז ערגעץ געקומען צו גאַסט, האָט ער זיך באַלד אויסגעטאָן דעם ראָק, אים אויפגעהאָנגען אויפן אָנלען פון שטול און זיך גענומען שפּילן פאָקער. דאָס יונגע ווייבעלע האָט זיך גע־בעך געלאַנגווייליקט, געגעסן שאָקאָלאַד, געפּלירטעוועט, געגעניצט ביז, ביז זי האָט זיך צעבייזערט אויפן מאַן:

— אָדער דו הערסט אויף צו שפּילן פאָקער אָדער מירן גיין צום רב זיך גטן...

דער יונגערמאַן, א חכם, איז געפאַלן אויף א גוטן פּלאַן: ער האָט אויס־געלערנט זיין יונג ווייבל די חכמה פון פאָקער... דאָס ווייבל איז איצט א פאַרברענטע פאָקער שפּילערין...

פאַראַן פרויען, וואָס קענען נישט לעבן אָן פאָקער פונקט ווי אַ פיש קען נישט לעבן אָן וואַסער... ווי אַ מענטש אָן לופט, ווי אַ צייטונג אָן סענסאַ־ציעס...

פאַראַן פרויען, וואָס עסן אָפּ מיטאָג און נעמען זיך צום פאָקער, עסן אָפּ וועטשערע און כאַפּן זיך צו צום פאָקער...

דערפאַר בייזערט זיך דער נביא עמוס אויף די פרות הבשן...

— ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג נאָך, וועט איר שפּילן אין פאָקער? עס טאָגט שוין אין דרויסן!...

איצט אָבער וועלן אונזערע פרויען אויפהערן צו שפּילן פאָקער און אָנ־הויבן שפּילן ברידזש...

ווי קומען עפּעס צאַרטע, איידעלע פרויען צו שפּילן פאָקער, זיצן אין רויך, אין טומל און זיך אויפרעגן צוליב דריי „אינגלעך" אָדער דריי מל־כים... פאַש, בלינד, די פּעזע מיט נאָך צוויי, בלאָפער!...

ברידזש איז פונקט צוגעפּאַסט פאַר די איידעלע שיינע פרויען...

מ׳זיצט שטיל, רואיק צו פיר ביי א טישל, מ׳רעדט ענגליש מיט אַ צירלעך מאַנירלעך שמייכעלע אויף די ליפּן, מיט אַ געהויבענע מינע פון א געבוירענע אַריסטאָקראַטקע...

יו נאָ איט איז ברידזש!

די אידישע פרויען ווען זיך איצט נעמען לערנען ריידן ענגליש...
שפילן ברידזש אויף רוסיש, שפאניש אָדער אויף ווילקאָמירער „אידיס"...
האָט אַזאַ טעם פונקט ווי פלייש אָן זאַלץ, ווי אַ אידישע פארזאמלונג אָן מחלוקות, ווי אַ צייטונג אָן לייענער... אָדער ווי אַ מיאוסע מיידל אָן אַן אָפּגעפארבט פנים...
און ס׳איז פשוט א בזיון פאר די ענגלישע אַריסטאָקראַטישע ליידיס צו שפילן ברידזש נישט צו ספיקן קיין ענגליש...
פרייט אייך, אידן. די מעקסיקאַנער אידישע פרויען הערן שוין אויף צו שפילן פאָקער און גייען זיך נעמען צו ברידזש...
קיין אידיש שפּיטאָל האָבן מיר נאָך דערווייל נישט, דערפאר אָבער מאַכט שוין דער שפּיטאָל־קאָמיטעט ברידזש־פּאַרטיס...
אָ יעס, ווי פלעי, ברידזש!
מיר שפּילן שוין ברידזש!...

מאַניאַנאַ

ס'איז שלעכט אידן, מיט אונזערע מעקסיקאַנער אידן איז זייער שלעכט.

ס'איז זייער אַ וויכטיקע און ערנסטע פראַגע פאַרן גאַנצן מעקסיקאַנער אידישן ישוב.

ס'האַנדלט זיך וועגן אַ ניי־פאַרשפרייטער קרענק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן היגן אידישן ישוב.

די קראַנקהייט איז אַן אַנשטעקנדע, אַ קלעפּיקע, רחמנא־לצלן... מ'קען זיך פון איר נישט אַרויסדרייען, מ'קען זיך בשום אופן פון איר נישט אויסהיטן.

די קראַנקהייט איז כמעט פאַרשפּרייט בלויז אין די וואַרעמע זיד־אַמעריקאַנישע לענדער.

די קרענק איז באַקאַנט אין דער מעדיצינישער וועלט מיטן נאָמען „מאַניאַניטיס"... ביי אונז אויף שפּאַניש ווערט דאָס אָנגערופן — „מאַניאַנאַ", מאָרגן הייסט עס, נישט מער ווי איינאונאיינציק וואָרט — מאַניאַנאַ!

די גרויסע מעדיצינישע קאָנגרעסן, וואָס פאַרזאַמלען זיך אַלע יאָר און געפינען אויס אַלץ מער הייל־מיטלען, רפואות פאַר אַלע חולאתן, וואָס פּייניקן דער מענטשהייט, קענען אָבער נישט געפינען קיין רפואה, קיין שום תרופה קעגן דעם מאַניאַניטיס־מיקראָב...

די גרעסטע מעדיקער, די באַרימטסטע דאָקטוירים, זיינען אָנמעכטיק קעגן דער זיד־אַמעריקאַנישער חלאת — מאַניאַניטיס, פון וועלכער ס'ליידן מיליאָנען מענטשן, גאַנצע רעגירונגען, און כמעט אַלע פעלקער פון די זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן...

די וואַרעמע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, זיינען אַלע באַקאַנט מיט זייער אָפּגעשטאַנענקייט, מיט זייער פוילקייט, מיט זייער אַפּאַטיע צו דער גאַנצער מאָדערנער, טעכנישער ציוויליזאַציע, אומשטיינס געזאָגט...

זיי האָבן זיך פיינט צו יאָגן, די פעלקער פון די וואַרימע דרומדיקע רעפּובליקן, אַלץ (אַחוץ מאַכן רעוואָלוציעס), לייגן זיי אָפּ אויף מאָרגן, אויף מאַניאַנאַ.

דאָס פאַרשפּרייטסטע, פּאָפּולערסטע וואָרט איז — מאַניאַנאַ. דער בעסטער תירוץ פון נישט האַלטן קיין וואָרט איז — מאַניאַנאַ! מאָרגן וועל איך אַלץ מאַכן, זיכער מאָרגן!

דער בעסטער ענטפער פאַר נישט מאַכן אַן אַרבעט צוליב פוילקייט,

איז איין ווארט — מאַניאַנאַ! מאָרגן וועט אַלץ זיין פאַרטיק, מאַניאַנאַ סעניאָרעס!

מיטן וואָרט מאַניאַנאַ, פטרט מען אַוועק טעג און וואָכן, חדשים און יאָרן. דאָס לעבן ציט זיך ווי קלעפּיקער פעך, אומעטיק, מאָנאָטאָן און זאַמעלעך.

און אפשר זיינען זיי גערעכט? אין דער אמתן, וואָס איז דאָס איילעניש? צו וואָס דאָס יאָגן זיך און דערוויילן ווערן צעבראָכן, נערוועז און אַלט פאַר דער צייט. נישקשה, מ'וועט די מאַשין־ציוויליזאַציע איינפירן אַביסל שפּע־טער, מאַניאַנאַ. ס'וועט אוודאי זיין אַ סך געזונטער.

צו וואָס, כ'בעט אייך, סעניאָרעס, דאָס אַרומלויפן, אַרומהאָוועון אין די קאַבאַרעטן, נאַכט־קלובן ביז פאַרטאָג, צו וואָס דאָס אַרומשפּאַצירן אין די פּאַרקן, אַלייען מיט די שיינע, שלאַנקע און רייצנדע סעניאָריטאַס ביז האַלבע נאַכט? ס'איז אַ סך געזונטער און פרומער, ווען מ'פאַרמאַכט און פאַרקלאַפּט די טויערן צען אַזייגער אין אָוונט און מ'גייט בעסער שלאָפן...

וואָרן אין דער אמתן, וואָס האָט דער אַמעריקאַנער יענקי, דער גרוי־סער שכן אונזערער, פון זיין יאָגן זיך, פון זיין האַרי־אַפּ, פון זיין ביזי? גאָר־נישט מיט גאָרנישט! יאָגט פון זיך אַרויס די נשמה און בלייבט אויף דער עלטער אַ צעבראָכענער שאַרבן...

ווייסיך וואָס, נישטאָ וואָס צו יאָגן זיך, נישטאָ וואָס זיך צו איילן, עס ברענט נישט! מיר קענען גיין פּאַמעלעך, די ציוויליזאַציע וועט נישט אַנט־לויפן, זי קען וואַרטן ביז — מאַניאַנאַ!

מיר אידן, זיינען אַ פאָלק מיט אַ סך מעלות, און די גרעסטע מעלה אונזערע איז, וואָס מיר קענען זיך צופּאַסן צו יעדן קלימאַט, צו די מנהגים און געוואוינהייטן פון יעדן פאָלק.

מיר דאָ, אין מעקסיקע, האָבן זיך גיך אַקלימאַטיזירט און געוואָרן אמתע, געטריַיע איינוואוינער פון לאַנד. מיר האָבן אויך גיך אָנגעהויבן צו ליידן פון דער ספּעציפיש־פאַרשפּרייטער קרענק — מאַניאַניטיס, פון דער מאַניאַנאַ־חלאת...

שלעכט אידן, זייער שלעכט. אַ חוץ אַ סך מאַניאַניטיס אָנגעגריפענע יחידים, האָט זיך אויך די מאַניאַניטיס־קרענק אַריינגעכאַפּט אין כמעט אַלע היגע אידישע אָרגאַניזאַציעס. די מאַניאַנאַ־חלאת האַלט זיך אין איין פאַר־שפּרייטן אַלץ מער און מער, עס נעמט פשוט אָן אַ מאַסן־כאַראַקטער...

אַ היגער אידישער שרייבער האָט געהאַלטן אין שרייבן אַ דערציילונג, האָט אים אין מיטן שרייבן פּלוצים אָנגעכאַפּט די מאַניאַנאַ־חלאת, איז כאָטש האַק און בראַק, נישט פון אָרט! ס'שרייבט זיך נישט מער!

איז די דערציילונג געבליבן נישט פאַרענדיקט און דער שרייבער מוז נעבעך לייענען פאַר יעדן אַ האַלבע מעשה.

מיינער אַ באַקאַנטער, אַ איד מיט אַ צוגעשוירן שוואַרץ ראַבינער־בערדל, אַ בלאַס אויסגעווייקט פּנים, מיט אַ שוואַרצן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, ער פאַרנעמט זיך מיט שדכנות, האָט ער מיר דערציילט פון אַ מאַניאַנאַ־שידוך.

ער האָט גערעדט אַ שידוך אַ היגן בחור, דעם בחור איז דאָס מיידל דווקא יאָ געפעלן, נאָר דער בחור האָט נעבעך געליטן, נישט פאַר אייך געדאַכט, פון מאַניאַניטיס. ווען דער שדכן האָט אים געפרעגט: נו, ווען? — כ׳ווייס, וואָס איז דאָס איילעניש, האָט אים דער בחור געענטפערט: — חתונה האָבן און שטאַרבן פאַרשפּעטיקט מען קיינמאָל נישט... קומט, מאָרגן וועלן מיר זען, מאַניאַנאַ!

דאָס כלה־מיידל האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט און האָט שוין אַ קינד, און דער חתן־בחור איז נעבעך געבליבן ביים — מאַניאַנאַ.

אין אַ סך קליינע קרעמלעך, איז קעגנאיבער דער טיר אויפגעהאָנגען אַ קליין שילדל מיט אַן אויפשריפט: „האָי נאָ סע פיאַ, מאַניאַנאַ סי״: ס׳הייסט, היינט באָרגט מען נישט, מאָרגן יאָ... אָט האָט איר אַ מאַניאַנאַ־רעקלאַמע.

דער „קאָבראַדאָר״ פון הילפס־פאַראיין קומט צו אַ מיטגליד נאָכן חודש־אָפּצאָל.

— אָ, פאַרן הילפס־פאַראיין! מהיכא תיתי, ס׳איז דאָך עפּעס די נוי־טיקסטע אינסטיטוציע, שייך צו זאָגן, מיר זיינען דאָך עפּעס אידן רחמנים בני רחמנים! דער מיטגליד שטעקט גיך אַריין די האַנט אין קעשענע און וויל באַצאָלן, נאָר עפּעס מיטאַמאָל באַפאַלט אים די מאַניאַנאַ־חולאת:

מילא, נו, קומט מאָרגן, מאַניאַנאַ! און דער אינקאַסענט גייט נעבעך אַוועק מיט ליידיקע הענט...

דאַרפן עלטערן באַצאָלן שכר לימוד פאַר זייערע קינדער אין דער אידישער שולע, באַפאַלט פּלוצים אַ סך עלטערן די מאַניאַנאַ־חלאת:

— וואָס, פאַר דער אידישער שולע? „קאָלעכיאָ איזראַעליטאַ״, אָ, מיטן גרעסטן כבוד! מיר וועלן דאָס לעצטע אַוועקגעבן פאַר דער דערציאונג פון אונזערע קינדער!

נאָר דאָ מישט זיך באַלד אַריין די מאַנאַניטיס־קרענק, און אַ סך, זייער אַ סך עלטערן ענטפערן קאַלטבלוטיק, אַפּאַטיש: — מאַניאַנאַ, מיר צאָלען, וואָדען! נאָר מיט עטלעכע טעג שפּעטער, נישטאָ זיך וואָס צו איילן, מאַניאַנאַ!

די היגע שרייבער און קולטור־טרעגער קלייבן זיך שוין עטלעכע יאָר אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל. מיינט איר, חס וחלילה, אַז עס איז עפּעס אַן אָפּהאַלט צוליב געלט? — אַ נעכטיקער טאָג, ס׳הויבט זיך גאָרנישט אָן! געלט איז ביי זיי בלאָטע...

אָדער, איז אפשר ביי זיי, חלילה, אַ מאַנגל אין שרייבער? חס ושלום!

אדרבא, פּאַרקערט. ביי זיי איז תמיד דאָ אַן איבערפלוס פון שרייבער מיט רעדאַקטאָרן...

נאָר פאַרוואָס זשע זיינען אַזוי גרויס די חבלי לידה פון זייער זשור־נאַל? איז דער תירוץ — מאַניאַניטיס!

אונזערע קולטור־טרעגער זיינען נעבעך אויך געכאַפּט אין דער מעשה — מאַניאַנאַ! מאָרגן! ס'איז די אייגענע קרענק — מאַניאַנאַ!

באָרגט איינער ביי אַ פריינט אַ גמילת־חסד, און אַז ער דאַרף צוריק אָפּגעבן דאָס געלט, ענטפערט ער קורץ און שאַרף — מאַניאַנאַ!...

בעט זיך אַ ווייבל ביים טייערן מאַן: יאָסל־דוד, ווען וועסטו מיר קויפן צוויי זילבער־פוקסן? כ'שעם זיך דאָך צו ווייזן פאַר מענטשן!

ענטפערט איר דער טייערער מאַן אויף שפּאַניש: — מאַניאַנאַ, נשמה מיינע, מאַניאַנאַ!

בעט זיך אַ שיין ווייבל, אַ בלאָנדינקע (אַן אמתע, נישט קיין געמאַכ־טע...), ביים קאַרגן מאַן: — פעדראָ, ווען וועסטו מיך שיקן אין ניו יאָרק אויף דער וועלט־אויסשטעלונג? האָ, פעדראָ, ווען?

איז דער מאַן אירער יוצא מיט אַ קורצן ענטפער: מאַניאַנאַ, קראַסאַ־וויצע מיינע, מאַניאַנאַ!

אַמאָל האָט מען געמאַכט אַ קערטל, אַזוי זיך, צו פאַרטרייבן די צייט. היינט, אַז מ'זעצט זיך אַוועק מאַכן אַ פּאָקער שפּילט מען ביז — מאַניאַנאַ!...

רופט מען אויף אַ פאַרזאַמלונג אין אַ סך אָרגאַניזאַציעס, קומט אַ מנין מענטשן, מוז מען די פאַרזאַמלונג אָפּלייגן אויף — מאַניאַנאַ...

אַמאָל האָט כאָטש געהאָלפן דאָס שרייען גוואַלט:

— גוואַלט, אידן, אידישע דערציאונג! אונזערע קינדער ווערן גויים.

— גוואַלט, אידן, ארץ ישראל! מען דאַרף העלפן בויען ארץ ישראל!

— גוואַלט, אידן, קולטור! מיר מוזן האָבן אידישע קולטור.

— גוואַלט, אידן, אַנטיסעמיטיזם! שאַפט אַ צענטראַל־קאָמיטעט.

— גוואַלט, אידן! — — — —

נאָר די מאַניאַנאַ־חלאת איז שוין אַזוי אַריין אין אונזערע ביינער, אין אונזער בלוט, אַז ס'העלפט שוין נישט דאָס שרייען און רופן. שריי פון היינט ביז מאָרגן. ס'העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס. דער עולם איז געוואָרן אָפּגעלאָזן, אַפּאַטיש:

— מאַניאַנאַ!

ס'זיינען איבערגעבליבן בלויז עטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען נאָך נישט אָנגעשטעקט מיט די מאַניאַניטיס־באַצילן...

לאָמיר זיך ראַטעווען באַצייטנס פון מאַניאַנאַ־חלאת, ס'איז אַ גרויסע סכנה, אַז דער גאַנצער היגער אידישער ישוב, זאָל גאָר אין קורצן באַהערשט ווערן פון איין גרויסן געגעץ:

— מאַ—ניאַ—אַ—אַ—נאַ—אַ!

אַ היסטערישער רעפעראַט . . .

כ'בין זיך מודה, אַז כ'ווייס פשוט נישט ווי אַזוי מ'רופט אָן דעם טומ־טום־רעפעראַט, וואָס איך האָב געהאַט די גרויסע זכיה צו הערן דאָנער־שטיק אָוונט, פונט חשובן דאָקטאָר, ראַביי מאַרשאַל טעקסי.

דער אָפיציעלער נאָמען פונם מאַסן־מיטינג־רעפעראַט, איז געווען: מיר אידן אין די שטאַטן און אין מעקסיקע.

דאַכט זיך אַ נישקשהדיקע טעמע, וואָס אינטערעסירט איצט די היגע אידן.

האָט אָבער דער באַרג געבוירן אַ מויז...

ס'איז אַרויסגעקומען, לא עלינו, עפּעס אַ פאַרזעעניש פון אַ רעפעראַט. אַ מ'שטיינס געזאָגט רעפעראַט, אַ מוסר־רעפעראַט, אַ כאַאָטישער רעפע־ראַט, אַ שמענדריק־רעפעראַט, אַ שמחה־פלאַכטע דרשה...

פון אַ היסטאָרישן רעפעראַט איז געוואָרן אַ—היסטערישער רעפעראַט.

עפּעס האָבן מיר נישט קיין מזל צו די אַמעריקאַנער ראַבינער דאָק־טוירים, אָדער דאָקטאָרישע ראַביים...

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן מיר נעבעך געמוזט אויסהערן אַ רעפעראַט פון אַן אַמעריקאַנער רעפאָרם־ראַביי, אויך אַ ד"ר, ד"ר ראַביי פיליפּס.

דער רבנישער דאָקטאָר האָט אויף אַ צעבראָכענעם אידיש, געלויבט ביזן הימל אַריין די רעפאָרם־אידן: די שבתדיקע גויים און זונטיקדיקע אידן...

ער האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז נאָר די רעפאָרם־אידן קענען אויפהאַלטן די אידישע רעליגיע. מ'קען דאַווענען אין בלויזן קאָפּ און בלאָנ־דע שיקסעס קענען זינגען „השכיבנו" אין שול־כאָר.

ס'איז נעבעך געווען גאָטס רחמנות אויפן געגאָלטן ראַבינער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אויסגעפּאַשעטער קאַטוילישער גלח. ער האָט גע־רעדט צו טויבע אויערן און קוים, קוים פאַרענדיקט זיין „לעקטשור" מיט פאַרלייגטע הענט אויפן בויך, און מיט אַ ברכה פון דאַווענען, אמן סלה.

דער נייער ד"ר רעפערענט, וואָס דער היגער בני־ברית האָט אונז מכבד געווען, איז ווידער געווען אַ ד"ר ראַבינער. (אַן אָנשיקעניש פון דאָק־

טערישע ראַביים, רחמנא לצלן...) וואָס קען אַזוי פיל אידיש, ווי אַ רעפאָרם־ראַביי, און אפשר נאָך וויניקער.

דער ד"ר טאַקסי האָט דערלאַנגט אַ אידיש, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, אײדער אַזאַ אידיש, איז שוין גלײכער — אַ גוטער אידיש...

דאָס איז שוין געווען אײנמאָל אַ שפּראַך! עפּעס אַ מין באַרבאַרישער זשאַרגאָן וואָס גרילצט אין די אויערן.

איר האָט דאָרט געהאַט פון כל־טוב: עטלעכע צעבראָכענע, צעקאַליע־טשעטע אידישע ווערטער, צונויפגעמישט מיט רוסישע אויסדרוקן, און באַזאַלצן, באַפעפערט, באַטעמט מיט אַ ביסל ענגליש.

דער עולם האָט געהאַט אַ געשמאַקע, אויסטערלישע פּאַטראַווע: אידי־שע געפילטע פיש, אַן עכט רוסישן באָרשטש און אַ צוגעפּראַוועטן רעפאָרם־ראַבייאישן, ענגלישן פודינג...

מ'האָט זיך געפילט היימיש און פריי, ווי אויף אַן אָרעמער חתונה. דער זאַל איז געווען געפּאַקט, ווי שמחת תורה ביינאַכט צו הקפות.

דער גאַסט־רעדנער, איז געבעך אַרומגעלאָפן אויף דער בינע ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר גרויס שמחה, זיך געריבן די הענט פאַר נחת, אַ גדולה האָט אים געטראָפן! ער וועט קענען ווייזן די שטאַטן, אַז ער האָט געהאַלטן אַ „ספּיטש" פאַר אַזאַ גרויסן עולם.

ס'האָט זיך אין אים דערוועקט דאָס רעפאָרם־רעבעלע: ער האָט גע־פּאַטשט מיט די הענט און געמאַכט רבנישע שטיק, געקוויטשעט אויף אַ הויך נערוועז קולכל:

— קאָם אָן, קאָם אָן! מיר וועלן זיך פאָטאָגראַפירן. כ'וועל ווייזן ביי אונז אין די שטאַטן, ווי כ'שטיי אויף אַ „פּיקטשע" מיט די אינטעליגענטע מעקסיקאַנער אידן.

דער חשובער ד"ר כלל־טוער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע פון אַ האָליוואודער אַקטיאָר און זיך געמאַכט גאַנצע דריי „פּיקטשעס" אין דריי פּאָזעס...

דער ד"ר רעפערענט האָט זיך נעבעך צעפּאַרעט ווי אַ יום־טובדיקער מייערן־צימעס, געגומען אַרומטאַנצן ווי אַ פּאָקוסניק. (אַ שאָד כ'לעבן, עס ווערט אינגם ד"ר כלל־טוער פאַרפאַלן אַן ערשטקלאַסיקער בוף־קאָמיקער). ער האָט אָנגעהויבן ריידן האַפערדיק, יום־טובדיק, אין אַ טאָן פון אַ באַנ־קעט־רעדע:

— וועל, אידן פון מעקסיקאָ! ווער פון אייך איז פון קיעוו, זאָל אויפ־הויבן די האַנט! וועל, ווער איז פון בערדיטשעוו? קאָם אָן!

ווער פון אייך האָט געהערט פון קאָלאָמבוסן? ווער איז געווען וואָ־

שינגטאָן? כ׳בין „שוער״ איר האָט געהערט, אַז קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע!

וועל, פריינדע! כ׳קען ספיקן רוסיש און האָב ליב אַ רוסיש גלעזל טיי. יו נאָו, כ׳בין שוין געווען אויף דער גאַנצער וועלט, יעס!

(אין זאַל ווערט אַ טומל, מ׳הערט אַ צווישנרוף: דרך־ארץ פאַר אַן עולם מענטשן!)

דער ד״ר רעדנער צעשפרייט די הענט אין דער הויך און שרייט אויס:

— פליז, פליז, זאָל זיין שטיל! קוויעט פליז! ווער ס׳וויל נישט הערן, זאָל זאָגן גוד בייט!

קאָם אָן בענטער, סיט דאַון. איך בין יו נאָו אַ דעמאָקראַטישער מענטש. איך באַלאָנג צו דער ד׳עמאָקראַטישער פּאַרטיי.

יעדער קען זיך גלויבן אין זיין גלויבן און איך קען ריידן וואָס איך וויל. די לייטע וואָס ווילן נישט הערן, פליז, קענען גיין אַהיים.

אין 1848 האָט זיך פון יוראָפּ געלאָזט אַן עמיגראַציע פון דייטשע איי־דען, פון רוסישע אידן, פון אונגאַרישע און פון בהמהשע (בעמישע) אידן.

(אין זאַל ווערט אַ געלעכטער און אַ צווישנרוף: אַראָפּ פון דער בינע!)

— פליז, פליז, שטיל פריינדע. כ׳האָב שוין געזאָגט, אַז מיר צווינגען קיינעם נישט צו הערן מיין לעקטשור.

(אַ צווישנרוף פון עולם: מיר צווינגען איך אָבער צו שוייגן).

דער רעדנער צעהיצט זיך און שרייט אויס: — גייט אייך אַהיים, די טירן זיינען אָפן, איף יו דאָנט לייק איט! מיר זיינען דעמאָקראַטן. נישטאָ ביי אונז קיין אַריסטאָקראַטן! יעדער מיט זיין גלויבן. אָל־רייט, אָל־רייט!

דאָס ערשטע דאַרפן די מעקסיקאַנער אידן זיין אָרנטלעכע מענטשן. איר דאַרפט מאַכן אַ צענטראַלע קהלה, און די צענטראַלע קהלה וועט באַ־שאַפן אַ נייעם דור פון איינשטיינס, משהס, הערצלס און רעפאָרם־ראַביים.

אַז איר וועט זיין אינטעליגענטע, אָרנטלעכע מענטשן, דאַרפט איר נישט קיין מורא האָבן פאַר די אַנטיסעמיטישע זקנים פון ציון (זקני־ציון).

איר דאַרפט זיין שטאָלצע אידן און אָרנטלעכע מענטשן, וועט איר נישט קיין מורא האָבן פאַר די אַנטיסעמיטן, פאַר די קינס פון דער מענטשהייט.

(אַ צווישנרוף: קין האָט דערהרגעט זיין ברודער הבל און איר האָט דער־הרגעט אַ רעפעראַט...)

איר דאַרפט פּריבליזיטעלנאָ האָבן אַ געמיינדע מיט קולטורנע מענטשן.

איר שטאַמט פון ישעיה הנביא. איר ווייסט ווער ס׳איז געווען משה? און הערצל? הערצל, פריינדע, האָט געוואָלט שאַפן אַ צענטראַלע אין פּאַלעסטינע.

אונזער גמרא דערציילט אַ שיין מעשהלע וועגן דעם משיח, וואָס זיצט

אין ראָם, ווי זאָגט מען דאָס אין אידיש, יעס, רוים. אין רוסיש — רים, אין ספּאַניש — ראָמאַ, יעס, ראָמאַ!

יעדע געמיינדע האָט אַ משיח: אַ פּאָליטישן, אַ כלל־טוער, אַ רעפאָרם־ראַביי...

פריינדע, דער בני־ברית, איז שוין ניינציק פיר און אַ האַלב יאָר אַלט, דאָס איז אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזיישן און האָט אַ שטאַרקן אינפלוענס (איינפלוס).

די מעקסיקאַנער אידן זיינען נישט אַליין. יעס, הינטער אייך פריינדע, שטייען צוועלף מיליאָן אידן, הינטער זיי, די פיר מיליאָן אַמעריקאַנער אי־דען, נאָר איר דאַרפט זיין אָרנטלעכע מענטשן, דעטס אָל!

דזשאַסט עי מינוט! איך קום צום גלאַוונעם פּונקט. אויב ביי אייך וועט זיין אַנטיסעמיטיזם, קען דאָס אויך אַריבער אין די שטאַטן...

פריינדע, די מעקסיקאַנער אידן איז באַשערט אַראָפּצוגיין אויף די סטראַניצעס פון דער היסטאָריע. דורך אייך וועלן זיין די קאָמוניקאַציעס איבער גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע.

איר דאַרפט נאָר זיין אָרנטלעכע, אינטעליגענטע מענטשן!

דאָ האָט זיך דער ד"ר רעפּערענט שטאַרק פאַרפּלאָנטערט, פאַרקראָכן מיט זיין היסטערישן רעפּעראַט אַזש קיין בויבעריק, און האָט געבעטן נישט געקענט ענדיקן.

אָבער אַ יונגערמאַן אַ חכם־עתיק, אַ ד"ר, אַ ראַביי, אַ כלל־טוער, אַ רעדנער טוט זיך אַן עצה.

ער האָט פּלוצים אָנגעהויבן מאַכן אַן שום טענה־ומענה אַ שהחינו איבערן גאַנצן עולם.

— ברוך אתה י"י אלהינו מלך העולם.

דאָ האָט אים עמיצער פון עולם איבערגעשלאָגן אין מיטן דער ברכה און אים געזאָגט, אַז אין בלויזן קאָפּ מאַכט מען נישט קיין ברכות.

דער ראַביי האָט זיך גיך פאַרדעקט דעם קאָפּ מיט דער לינקער האַנט, און פאַרענדיקט די ברכה: — שהחינו וקימנו והגיענו, לזמן הזה!

דער היסטערישער רעפּעראַט האָט זיך געענדיקט אָן צעבראָכענע בענקלעך, און דער היסטערישער רעפּערענט האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון זאַל מיט גאַנצעביינער...

זאָלן אַלע וויסן, אַז די מעקסיקאַנער אידן זיינען די טאָלעראַנטסטע מענטשן אויף דער גאָרער וועלט...

קאַמיטעטן און קאַמיטעט־אידן . . .

דער מעקסיקאַנער אידישער ישוב האָט שוין מיט אַ סך, מיט גאָר אַ סך זאַכן דעריאָגט און טאַקע שוין איבערגעיאָגט די גרעסערע אידישע ישובים אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

מיר האָבן שוין אפילו דעריאָגט די גרעסערע אידישע ישובים, מיט אונזערע קאַמיטעטן און קאַמיטעט־אידן.

ס׳איז ביי אונז, קיין עין הרע, אַ געראַטעניש אויף קאַמיטעטן...

די קאַמיטעטן וואַקסן ביי אונז, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

פאַראַן ביי אונז יערלעכע קאַמיטעטן, חודשלעכע קאַמיטעטן, וועכנטלעכע קאַמיטעטן, קבלת־פּנים קאַמיטעטן, געזעגענונגס־קאַמיטעטן, יאָרצייט־קאַמיטעטן, סעזאָן קאַמיטעטן, אַקציע־קאַמיטעטן, מעות־חיטים קאַמיטעטן, קיקיון־דיונה־קאַמיטעטן, שפּיטאָל ־ קאַמיטעטן און חזנים־קאַמיטעטן.

ס׳איז שוין דאָ ביי אונז מער קאַמיטעטן, ווי אָרגאַניזאַציעס, און טאַקע קאַמיטעטן אינגאַנצן אָן אָרגאַניזאַציעס. עס איז פאַראַן קאַמיטעטן, וואָס זיינען אַ סך גרעסער, ווי די גאַנצע אָרגאַניזאַציע אַליין.

ס׳איז דאָ ביי אונז אַ פּאַרטיי, וואָס ציילט קוים אַ טוץ מיטגלידער און דער פּאַרטיי־קאַמיטעט באַשטייט פון גאַנצע ניין...

ביי אונז ווערט מניה וביה געשאַפן אַ קאַמיטעט. אונזערע קאַמיטעט־אידן זאָגן נעשה ונשמע, ווי די אידן ביים באַרג סיני, נאָך איידער זיי הערן אויף וואָס פאַר אַ צוועק דער קאַמיטעט איז געשאַפן געוואָרן...

און ווי אַזוי קאָן מען זיך עפּעס אָפּזאָגן אַריינצוגיין אין אַ קאַמיטעט, ווען אַ גוטער ברודער, אַ פריינט אָדער אַ חבר בעט אַזוי שטאַרק?

אונזערע קאַמיטעט־אידן האָבן אויך אַ שם אויפן גאַנצן קאָנטינענט.

מיר האָבן די בעסטע, די טייערסטע, די פּעאיקסטע קאַמיטעט־אידן אין אונזערע קאַמיטעטן.

פאַראַן אידן, וואָס זיינען באַלד באַשאַפן געוואָרן משֵשת ימי בראשית, צו זיין קאַמיטעט־אידן. געבוירענע, מבטן אמם קאַמיטעט־אידן.

ס׳זיינען דאָ אידן, וואָס זיינען אין פּריוואַטן לעבן גאַנץ קנאַפּע אויפטוערס, נאָר אין אַ קאַמיטעט זיינען זיי די בעסטע עצה־געבערס, די גרעסטע אָרגאַניזאַטאָרן און די קלוגסטע אַקציע־מאַכערס...

אויף אַ קאַמיטעט־זיצונג שווימען זיי, ווי אַ פיש אין וואַסער, נעמען

אַ וואָרט און טאַקע נאָכאַמאָל אַ וואָרט, און ווידער אַ וואָרט, אַ פראַגע, אַ באַמערקונג. זיי מאַכן די בעסטע, קלוגסטע און געניאַלסטע פאָרשלאָגן...

אייגנטלעך, איז אַ קאָמיטעט נישט קיין גאַנץ נייע זאַך ביי אידן.

אַמאָל, אַמאָל אין דער אַלטער היים, האָט מען באַלד נאָך שמחת־תורה, ווען אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ דראָבנער האַרבסטיקער רעגן, גערופן אין בית מדרש אַ גרויסע אסיפה, און מען האָט אויסגעקליבן אַ גבאי ראשון מיט עטלעכע גבאים אויף אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

היינט, הייסט דער גבאי ראשון — פרעזידענט, און די גבאים — קאָמיטעט־מיטגלידער.

אַמאָל האָט מען זיך דערלאַנגט פייערדיקע פעטש אויף אַ גבאים אסיפה, צוליב גבאות, היינט נעמט יעדער אויף אַ קאָמיטעט־זיצונג אַ וואָרט און שטעכט דעם אַנדערן מיט שטעכווערטער...

אונזערע קאָמיטעט־אידן ברענגען אַריין אין יעדער אָרגאַניזאַציע אַ ביסל לעבן, מונטערקייט, היציקייט און קאָמפּלוסטיקייט.

אָן די שפּרודלדיקע, היציקע קאָמיטעט־אידן, ווערט אַן אָרגאַניזאַציע אַנטשלאָפן. די מיטגלידער גענעצן פון לאַנגווייליקייט, און דער קאָמיטעט דרימלט אין די ווייכע, אויסגעבעטע קאָמיטעט־שטולן צופרידענע, זאַטע מיטן ביסל כבוד און קוקן כסדר אויפן האַנט־זייגערל...

אָן די לעבעדיקע, באַרעדעוודיקע, קוועקזילבערדיקע קאָמיטעט־אידן, איז יעדע אָרגאַניזאַציע, ווי אַ שטילער, רואיקער מושב־זקנים, ווי אַ סאַנאַטאָריום פאַר האַרץ־קראַנקע, וואו עס איז פאַרבאָטן צו רעדן אַן איבעריק וואָרט...

פאַראַן אַריסטאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס מיט סנאָבישע, פּריציש־אָנגעבלאָזענע קאָמיטעטן, וואו אַ פאַרזאַמלונג זעט אויס, ווי מען וואָלט געקומען וועמען מנחם־אָבל זיין...

דער פאָרזיצער (מיט אַ טיטל) גיט אַ לייכט, קאַפּריזנע הוסטל, מאַכט זיך גלייך די ברילן, גיט אַ קלאַפּ פּאַמעלעך מיטן הילצערנעם האַמער און דער מיטינג איז געעפנט.

דער סעקרעטאר לייענט געלאַסן מיט אַ צירלעך־מאַנירלעך שטימעלע דעם פּראָטאָקאָל, ווי מ׳לייענט אַ צוואה פון אַ געשטאָרבענעם, אָדער ווי מען זאָגט „ברכי נפשי״ אין אַ ווינטערדיקן, קאַלטן שבת בייטאָג נאָכן שלאָף..

די פאַרזאַמלטע זיצן רואיק, סטאַטעטשנע, געמיטלעך, אָנגעצויגן מיט אַ וואַזשנע מינע, ווי זיי וואָלטן געהערט מי יודע וואָס פאַראַ ערנסטן, פּילאָזאָפישן רעפעראַט...

מ׳היט זיך צו געבן אַ האַרציקן לאַך, אָדער אַרויסרעדן אַ הויך וואָרט, קריטיקירן, חלילה, מיט עפּעס דעם קאָמיטעט.

מ׳דריקט אויס צוטרוי דעם קאָמיטעט מיט אַ קאַלטן דיפּלאָמאַטישן דאַנק, און אַלע צעגייען זיך מיט אַ געמאַכטן, געקינצלטן שמייכל אויף די ליפּן, ווי דזשענטלייט:

בוענאס נאָטשעס סעניאָרעס! אַדיאָס, אַדיאָס! גודבאַי!

דאָס איז קאַלטע לאָקשן, נישט קיין פאַרזאַמלונג מיט אונזערע היי־מישע, לעבעדיקע קאָמיטעט־אידן.

די וויכטיקסטע, נויטיקסטע זאַך אין אַן אָרגאַניזאַציע, זיינען אונזערע קאָמיטעטן־אידן.

אָן די קאָמיטעט־אידן קאָן בשום אופן נישט עקזיסטירן קיין שום אידישע אָרגאַניזאַציע:

די קאָמיטעט־אידן זיינען דאָס זויער־טייג, די ראָשטשינע וואָס מאַכט יערן, וואַקסן און אויפגיין דאָס טייגעכץ פון יעדער אָרגאַניזאַציע.

זיי זיינען דאָס שמאַלץ און זאַלץ, פעפער, געווירצן און קרייטעכצער, וואָס גיבן צו אַ טעם, אַ ריח, אַ געשמאַק אין די מאכלים, פּאַטראָוועס, וואָס יעדער אָרגאַניזאַציע גרייט צו אין קאָמיטעט־קיך פאַר אירע מיטגלידער...

אין דעם קאָמיטעט קאָן מען דערקאָנען די אָרגאַניזאַציע.

זאָגט מיר ווער עס איז דער קאָמיטעט, וועל איך אייך זאָגן, ווער די אָרגאַניזאַציע איז...

אַן אָרגאַניזאַציע, אָן אַ גוטן, לעבעדיקן, רירעוודיקן קאָמיטעט, איז פּונקט ווי אַן אַרמיי אָן גענעראַלן, ווי אַ וואָגן אָן רעדער, ווי אַן אָרקעסטער אָן אַ דיריזשאָר. אמת, דער אָרקעסטער שפּילט טאָקע, נאָר איינער פאָרט קיין בויבעריק, און דער צווייטער קיין האָצעפּלאָץ...

ס׳פידלט נישט!

אדרבא, פּונקט פאַרקערט. אַ קאָמיטעט קאָן זיך אַמאָל באַגיין אָן אַן אָרגאַניזאַציע... אָבער אַן אָרגאַניזאַציע אָן אַ קאָמיטעט — לא מיט אַן אַלעף!

עס איז דאָ קאָמיטעט־אידן, וואָס דערהאַלטן ביים לעבן, גיבן צו אַ ביסל זויער שטאָף און לאָזן נישט „אָפּדאָווונען" אַ גוסטדיקע אָרגאַניזאַציע...

ס׳איז פאַראַן קאָמיטעט־אידן, וואָס זיצן אין עטלעכע קאָמיטעטן ביי גאַנץ פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס.

אַזאַ אינטער קאָמיטעט־איד, איז פאַרנומען גאַנצע פינף נעכט אין דער וואָך אויף קאָמיטעט זיצונגען, און אַמאָל אויך אויף אַן עקסטרע זיצונג...

זיין פרוי, ווייסט שוין, אַז איר פּרנסה געבער איז אַ קאָמיטעט־מאַן... זי גיט אים גיך אָפּעסן וועטשערע און זאָגט אים מיט אַן איראָניש, ביטער שמייכעלע:

— גרויסער צעלייגער מיינער, פאַרזייך נישט דאָרט ביזן גרויען טאָג אַריין, פאַרגעס נישט, דאַרפסט מאָרגן אויפמאַכן דאָס געשעפט...

עס איז שוין ביי אונז אויך געוואָרן אַ מאָדע פון גרויסע, ריזיקע, גוואַלדאָוונע קאָמיטעטן.

מיר האָבן שוין אויך אַ קאָמיטעט, קיין עין הרע, פון גאַנצע זעקס און פערציק מיטגלידער...

דאָס האָט אונזער אידישע שול אַרויפגעשרויפט צו אַזאַ וואָלקן־קראַצער קאָמיטעט. דאָס איז דער גרעסטער קאָמיטעט פון אַלע קאָמיטעטן.

בייזערט זיך טאַקע אַ היגער באַקאַנטער כלל־טוער, ער וועקט, רעגט, שרייט, רופט און מאָנט. ער בייזערט זיך אויף זיין ווייך, אויסגעצויגענעם, זאַפטיקן אידיש:

יעך וועל ענק זוגן די ראַיִנע וואָוערט. צי וואוס דאַרף מען אַזאַ גרויסן קאָמיטעט מיט אַזוי פיל נעימין. אַ סך זמירות מיט וואַיניק לאָקשן...

עטק געט מיער גלאַכער מענטשן וואוס זאָלן גאַין מיט מיער, אין נישט קימין עלעווע אַזאַיגער אָף אַ זיצינג.

אָף מאַן סטאַלבן קאָן זאָן אַ קלאַינער קאָמיטעט, נאָר טיערס. געץ מער טיערס, נישט קאַ קאָמיטעט אידן, נישט קאַ נעימין!

אידן געבן, אוודאי געט מען, נאָר מ׳דאַרף קאָנען נעמין, נישט קאַליע מאַכן...

גאַיערס געץ מער, גאַיערס!

אין אַ סך אַקציע־קאָמיטעטן פרעגט מען שוין גאָרנישט, צי מ׳וויל אַריין אינם קאָמיטעט; נאָר מ׳שטעלט שוין אַליין אַריין אַלע באַקאַנטע און פריינט.

דאָס איז אַזאַ מין עם כל הנערים קאָמיטעט...

די קאָמיטעט־אידן זיינען שוין דאָ כמעט אין אַלע אידישע פאַמיליעס.

ס׳איז נישטאָ קיין אידיש הויז, וואו עס זאָל זיך נישט געפינען כאָטש איין קאָמיטעט־איד.

אין אַ סך אידישע פאַמיליעס, איז דער טאַטע, די מאַמע און די קינדער קאָמיטעט־מיטגלידער אין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס.

די קאָמיטעט־אידן זיינען אַריין אין דער מאָדע.

באַרימט זיך איין פרוי פאַר דער צווייטער:

— איר ווייסט? מיין מאַן איז דאָך שוין אויך אין אַ קאָמיטעט.

ענטפערט איר די צווייטע פרוי מיט אַן איראָניש שמייכעלע:

— אַזוי, טאַקע? נו, אַ וואָזשנע מציאה! אַ קאָמיטעט! מיין מאַן איז שוין, ברוך השם, אַריין אין גאַנצע דריי קאָמיטעטן!

אין פאַקער־קאָמיטעט, אין אידישן משוגעים־הויז קאָמיטעט און אין שפּיטאָל־קאָמיטעט...

אויב ס׳וועט ווײַטער אַזוי אָנגיין דער געלאף נאָך גרויסע, עוג מלך הבשן קאָמיטעטן, איז דאָ אַ גרויסע סכנה, אַז ערנסטער געפאַר, אַז די אָרגאַניזאַציעס וועלן בלייבן, חלילה, אינגאַנצן אָן מיטגלידער.

ס׳וועלן זיין ביי אונז בלויז קאָמיטעטן און קאָמיטעט־אידן...

שווער צו זיין אַ קאַבראַדאָר!

(מאָנאָלאָג)

— גוט, זייער גוט וואָס כ'האָב אייך געטראָפֿן, כ'זוך אייך שוין לאַנג אַרום, כ'דאַרף מיט אייך עפּעס ריידן א נויטיקע זאַך, זייער נויטיק.

נעמט אַ ציגאַרעט, איר רויכערט נישט? איז בעסער, ס'איז אַ סך בעסער נישט צו רויכערן!

יאָ, הערט זיך איין, כ'האָב צו אייך אַ בקשה, כ'וויל אייך בעטן א טובה.

אייער צייטונג שרייבט וועגן אַלץ אין דער וועלט, איז פאַר וואָס זשע זאָלט איר, הערט זיך איין, טאַקע נישט שרייבן עפּעס וועגן אונז אויך? וועגן אונז „קאַבראַדאָרן", וועגן די פאַרשקלאַפטע, פאַרהאָרעוועטע אידישע קאַבראַדאָרן.

ווי זאָגט מען עפּעס: שווער צו זיין א איד!

ס'איז אָבער, הערט זיך איין, נאָך שווערער צו זיין אַ קאַבראַדאָר ביי אידן...

יאָ, יאָ, איר מעגט זיך איינהערן, ס'איז א שיינע מעשה נאָר אַ קורצע.

ס'איז, זאָג איך אייך, די ערגסטע און שווערסטע פּרנסה צו זיין א אינקאַסענט, אַ קאָלעקטאָר, אַ קאַבראַדאָר ביי אידן!

דאַכט זיך אַ גאַנץ בכבודיקע אַרבעט און טאַקע א נוצלעכע אַרבעט אויך. פונדעסטוועגן ליגט דער קאַבראַדאָר גיין איילן אין דער ערד...

אַ קאַבראַדאָר איז דער נוצלעכסטער מענטש אין יעדער אָרגאַניזאַציע, און אפשר טאַקע דער נוצלעכסטע מענטש אינם גאַנצן קאָמיטעט...

אַ קאַבראַדאָר, הערט זיך איין, איז טאַקע נויטיקער אין אַן אָרגאַניזאַציע ווי דער פּרעזידענט אַליין.

אָן א פּרעזידענט קען מען זיך ווי ס'איז באַגיין. ס'איז דאָ א וויצע־פּרעזידענט, אַ סעקרעטאַר. אָבער אָן א קאַבראַדאָר, לאָ מיט אַן אלף! אָן אַ קאַבראַדאָר, איז די אָרגאַניזאַציע קיין אָרגאַניזאַציע נישט...

די גאַנצע אָרגאַניזאַציע, הערט זיך איין, האַלט זיך אויפן קאַבראַדאָר.

אַן אָרגאַניזאַציע אָן אַ קאַבראַדאָר, איז פּונקט ווי א חתונה אָן קלעזמאָרים, ווי א שוחט אָן אַ חלף, ווי א וואָגן אָן א פערד — ס'פאַרט נישט!

און דאָך, און דאָך, הערט זיך איין, איז דער קאַבראַדאָר, ווי אַ שטיף־קינד ביי אַ שלעכטער שטיף־מאַמע — אַן איבעריקער פרעסער!

כ׳ווייס וואָס כ׳רעד. כ׳רעד פון צרות רעד איך. אַ קאַבראַדאָר איז די שווערסטע פרנסה ביי אידן.

וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? וואָס כ׳גיי אין א לייטישן אנצוג, א שיינעם קאַפעליוש, א געפרעסטן קראַוואַט מיט אָפּגעפּוצטע שיך?

דאָס פאַרשטייט איר מיך, מוז מען האָבן צו דער ביטערער פרנסה. מען דאַרף זיך קענען ווייזן פאַר מענטשן, מ׳דאַרף גיין אָנגעטאָן ווי א מענטש, כדי צו קאַבּרירן די עטלעכע פעזעס.

ווי זאָגט מען: קנייפּ די באַקן, אבי די פאַרב זאָל בלייבן...

כ׳בין שוין, הערט זיך איין, געווען אויפן פערד און אונטערן פערד. געהאַט געלט, געבּרענט אַ וועלט און טאַקע פאַרלוירן געלט. שוין געטאָן כלערליי ארבעט, עבודת־פּרך, נאָר די שווערסטע, נודנע, אומדאנקבארע אַרבעט, איז צו זיין א קאַבראַדאָר ביי אידן...

וואָס הויבט איר די פּלייצעס, וואָס? — אויך מיר אן ארבעט, א קאַבראַדאָר! — קלערט איר אוודאי, נעמען ביי יענעם געלט און אים דערפאַר געבן א שטיקל פּאַפּיר — אַ „רעסיוווע״, א קוויטל, א קבלה, אז דו האָסט דערהאַלטן די פּעזע. אַ וואַזשנע ארבעט, מ׳קען קריגן מאַזאָליעס אויף די פינגער פון ציילן די פּעזעס...

אויב איר קלערט אַזוי, האָט איר, הערט זיך איין, במחילה, אַ גרויסן טעות!

כ׳זאָג אייך דאָ אויס א סעקרעט פון דער פּראָפעסיע, כ׳בין אייך דאָ מגלה א סוד פון אונזער קאַבראַדאָרן פאַך:

ס׳איז אַ ביטער שטיקל ברויט! זאָג איך אייך, ס׳איז א מיאוסע אַרבעט, ס׳איז א וויסטע און פינסטערע פרנסה! ס׳איז אן אָפּקומעניש אויף דער וועלט.

א קאַבראַדאָר ביי אידן, וועט שוין נישט ליידן קיין חיבוט הקבר...

הערט זיך איין, אויב איר ווילט וויסן דעם כאַראַקטער פון א סוחר, פון אַ פאַבריקאַנט, פון אַ כלל־טוער, זאָלט איר פרעגן ביים קאַבראַדאָר.

פרעגט נישט דעם רופא, נאָר דעם חולה!

אונזערע חכמים זאָגן: א מענטש דערקענט מען אין דריי זאַכן: בכעסו, בכיסו, בכוסו.

ווען אַ מענטש ווערט אין כעס, אין דער קעשענע, און ביים מאַכן אַ שנעפּסל.

און איך, הערט זיך איין, זאָג אייך, אז א מעקסיקאַנער איד דערקענט מען נאָר אין איין זאַך — בכיסו, אין טייסטער, אין קעשענע, אין געלט־בייטל...

פרעגט אַ קאָבראַדאָר, וועט ער אייך זאָגן. זיי ווייסן אַ.סך די קאָבראַ־דאָרן.

אַ קאָבראַדאָר ווייסט למשל, ווער ס'איז צופרידן, ווען מ'קומט ביי אים קאָברירן די בידנע פּעזע פאַר דער אָרגאַניזאַציע, פאַרן הילפס־פאַראיין, פאַר דער אידישער שול.

א קאָבראַדאָר ווייסט און פילט, ווער ס'טראָגט אַקעגן דעם מיטגליד־אַפּצאָל גוטמוטיק, האַרציק, מיט אַ פריילעך פּנים.

אַ קאָבראַדאָר, הערט זיך אייך, ווייסט אויך, ווער ס'איז קאַרג, ווער כ'ליגט אויף דער פּעזע. ווען עס איז א שאָד נעבעך צעשיידן זיך מיט דער זילבערנער פּעזע, און ווער עס הייסט קומען נאָך דער זינדיקער פּעזע א דריי, פיר, פינף זעקס מאָל...

פאַראַן אידן, הערט איר, וואָס האָבן פּשוט הנאה, ווען זיי קענען פאַר־מוטשען, פאַרמאַטערן און מיד מאַכן דעם קאָבראַדאָר מיט זייער פּעזע...

אָט לויף איך זיך אָן אַ גאַנצן טאָג העגדוס־פּעגדוס. פון איין טראַמוויי ארויס אין צווייטן אַריין.

לויף ארויף די טרעפּ אויפן פערטן שטאָק, אראָפּ און אַרויף, ארויף און אראָפּ. דאָס האַרץ קלאַפּט, די פיס ברעכן, די פּיאַטעס ברענען, דער קאָפּ שווינדלט.

און אַז כ'קום שוין מיט מזל אַרויף. טרעף איך די פרוי, זאָגט זי מיר: דער באַלעבאָס איז נישטאָ. טרעף איך דעם מאַן, זאָגט ער, אז די פרוי איז נישטאָ.

און אַז כ'טרעף זיי ביידע, הייסט מען מיך אָן צערעמאָניעס קומען נאָך דער אָרימער פּעזע — די צווייטע וואָך...

פאַראַן, הערט זיך אייך, אַ כלל־טוער אַ גאַנצער מאַכער אין דער אָרגאַ־ני־זאַציע, אַ גאַנצער קנאַקער און שרייער אויף די פאַרזאַמלונגען, אַ פאַר־ברענטער סאָציאַליסט, ווען ער דערזעט מיך ביי זיך מיטן פּאָרטפעל אין האַנט, איז ער מיך באַלד מכבד מיט א ברייטן שלום־עליכם:

— ברוך הבא! שוין ווידער דאָ! ערשט יענע וואָך האָט איר גענומען ביי מיר מיטגליד־אָפּצאָל, שוין ווידער!

ענטפער איך אים מיט אַ געמאַכטן שמייכל אויף די פאַרטרוקנטע ליפּן: געווען בין איך ביי אייך נישט יענע וואָך, נאָך דעם לעצטן חודש, ווען איך זאָל צו אייך נישט לויפן נאָך מיטגליד־אָפּצאָל, וואָלט אייער אָר־גאַניזאַציע נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן דירה געלט פאַרן לאָקאַל...

קום איך אַריין צו אַ איד, וואָס האָט נישט פיינט יענע מעשה, ס'הייסט וואָס האָט ליב צו מאַכן יענעם פּאָקער, אַזוי, מיטן קנאַק! דעם אמתן פּאָ־קער און די פּעזעס לויפן ביי אים ווי אַ וואַסער...

נאָר אַז ער דערזעט מיך ביי אים אין געשעפט, ווערט ער מיטאמאָל

אַזאַ אויסגערעכנטער, אַזאַ קאַרגער, און ער גיט מיך אַ פרעג קאַלט, פרעמד, ווי ער וואָלט מיך געזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן:

— וואָס ווילט איר עפּעס זאָגן גוטס סעניאָר?

— כ׳בין געקומען קאָברירן ביי אייך מיטגליד־אָפּצאָל פאַרן חודש דע־צעמבער, ענטפער איך און נעם זיך אויסשרייבן א קבלה.

—ווידער קאָברירן — גיט ער עפּעס א בורטשע אונטער דער נאָז און גייט דערוויל צו צו א קונה.

נו, מילא, שטעל איך זיך ווארטן מיט דער „רעסיווע״ אין האנט כעני בפתח ביז דער קונה גייט אַוועק.

נעמט ער ביי מיר די רעסיווע, באַטראַכט זי גוט פון אַלע זייטן און גיט זי מיר צוריק מיט א געבייזער:

— איצט נישט! קומט אַ צווייט מאָל.

קום איך אריין צו אַ פאַבריקאַנט, ער איז אַמאָל אַליין געווען אויף געהאַקטע צרות... שיקט ער מיך אָפּ נאָך דער פּעזע צום ווייב — מיין ווייב צאָלט!

גיב איך שוין די רעסיווע מיט גרויס הכנעה דעם ווייב, א אידענע א ברייטע, א פעטע מיט א פארנעם, פון די אמתע פּרות הבשן...

נעמט זי די רעסיווע אין איר קליין אַנגעבלאָזן הענטל מיט די רויט־אָפּגעפאַרבעטע נעגל, זי מאַכט א בייזע מינע מיט די פארצויגענע אָפּגע־פאַרבטע ליפּן, גלייך ווי זי וואָלט מיר, חס־וחלילה, געשאָנקען א נדבה...

— שוין ווידער געלט? מ׳האלט אין איין נעמען געלט, וויי איז מיר! איך צאָל נישט, גייט צום בוכהאַלטער.

שטיי איך ביים בוכהאַלטער אַ האלבע שעה, ביז ער גיט מיר די פעזע. ער האָט נעבעך נישט קיין צייט דער בוכהאַלטער...

איר זאָלט דאָס, הערט זיך איין, למען־השם אריינשרייבן אין צייטונג: אויב מ׳ווערט אָפּשאַפן דאָס געלט, ווערט דאָס נאָר זיין צוליב די שלעכטע מיטגליד־צאָלער... און כדי צו פארגרינגערן די ארבעט, די פארמוטשעטע, פאַרמאַטערטע קאָבראַדאָרן!

הערט אן עצה פון א גוטן פריינט:

זאָל אייך אמאָל נישט איינפאַלן צו ווערן א קאָבראַדאָר! איר זאָלט זיך אויסהיטן פון קאָברירן, פונקט ווי מ׳היט זיך אויס פון א מגפה, פון אן עין־הרע, פון אַ כאָלערע, פון פּאָקן, פון אַ שיין ווייבל, פון אַ שלעכטע שווי־גער און פון שרייבן טובה־וועקסלעך...

היט זיך און ווערט נישט קיין קאָבראַדאָר!

נעמט זיך גלייכער צום באַנקראָטירן, איידער צום קאָברירן!

ס׳איז א גרינגערע און שענערע פרנסה...

מאַכט זיך אַ פאַבריק פון חרוסת.

האָנדלט מיט אתרוגים.
גיט געלט אויף פּראָצענט.
ווערט א סעקרעטאר פון נייעם בית־עולם.
נאָר דערבארמט זיך, גאָט זאָל אייך שומר ומציל זיין, ווערט בישט קיין קאָבראַדאָר!
שווער, זייער שווער צו זיין א קאָבראַדאָר!

מנחם מענדל אין מעקסיקע...

ידידי מנחם מענדל!

קודם כל, א שיינעם און ברייטן ברוך הבא!

כ'האָב געוואוסט, אז פריער אָדער שפעטער, וועט איר, פאַניע מנחם מענדל, זיך ארויפכאַפּן אין אונזער פרייער מדינה — מעקסיקע.

כ'האָב געהערט, אז אין סאָוועט־רוסלאנד, אין אדעס אָדער אין יעהופּעץ האָט איר מער נישט וואָס צו טאָן...

די וואגאָנען תבואה, וואגאָנען שוועבעלעך און די פּריצישע וועלדער, געפינען זיך שוין אין זיכערע הענט... אין רוסלאנד דארף מען שוין נישט מער קיין מעקלער און שטעקל־דרייער.

אין פּוילן האָבן די אידן געהאַט זייערע אייגענע מנחם מענדלס דיי־והותר, איבערגענוג...

איר האָט זיך אַריבערגעכאַפּט קיין ארץ ישראל און אָנגעהויבן צו שווימען ווי א פיש אין וואַסער. איר האָט באוויזן אייער גאונות. איר האָט אָנגעהויבן צו האנדלען און וואנדלען מיט אַווירא דארץ־ישראל, מיט ארץ־ישראל לופט, אויפן אלטן היימישן שטייגער, ווי אויף דער אדעסער ביר־זשע...

צום סוף האָט איר געמוזט עוקר־זיין, אנטלויפן פונם הייליקן לאנד, ווייל ס'האָט אייך נעבעך געפעלט א דריידעל אויף שבת...

און כ'מוז אייך זאָגן דעם אמת, פאַניע מנחם מענדל, אז איר האָט זייער און זייער גוט געטאָן, וואָס איר האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אונזערע מקומות.

דער מעקסיקאנער אידישע ישוב, איז שוין באקאנט בכל תפוצות ישראל, אויף דער גאַרער וועלט, אַז מיר האָבן דאָ ברוך השם, פון די בעסטע, שענסטע און פיינסטע אידן, און איצט האָבן מיר דעם גאַר גרויסן און וואזשנעם כבוד, אַז איר פאַניע מנחם מענדל, בכבודו ובעצמו, אַליין, האַלט זיך געפינען צווישן די מעקסיקאנער אידן.

איצט זיינען מיר שוין געוואָרן אן אמתער אידישער ישוב מיט לייטן גלייך...

פאַניע מנחם!

אז כ׳האב נאר איבערגעלייענט אייער מנחם מענדלשן אנאנס אין „וועג", מיט א גרויסן פעטן קאפ:

אויסערגעוויינטלעכע געלעגנהייט פאר א פעאיקן ביזנעס מענטש מיט אונטערנעמונגס־גייסט.

האב איך זיך באלד געגעבן א פאטש אין שטערן אריין און אויסגע־שריען הויך אויפן קול:

ר׳איז דא! ר׳ איז דא! מנחם מענדל איז דא אין מעקסיקע!

כ׳האב באלד פארשטאנען, אז איר וועט ביי אונז אין לאנד פון די אצטעקן, אין לאנד פון אומבאגרענעצטע מעגלעכקייטן, נעמען ברענען א וועלט. איר וועט מאכן פון בלאטע — געלט, איר וועט זיך שוין נעמען צום אמתן גוטן געשעפט, איר וועט תיכף־ומיד ווערן א מיליאנער...

איר האט געגומען דרייען מיט אייער מנחם מענדלשן שטעקל אזוי גיך, אז ס׳איז געווארן מניה־וביה א גרויסער שטורם־ווינט אין א סך אי־דישע קעפ...

מ׳מוז אייך זאגן דעם אמת, פאניע מנחם מענדל, אז איר פארשטייט אן עסק.

איר האט זיך נישט געגומען, ווי די ערשטע אידישע אימיגראנטן, צו האנדלען מיט זאקן און שטאלווארג, אדער ווערן א פרעזידענט פון אן אר־גאניזאציע; אדער א רעדאקטאר פון א אידישער צייטונג.

נאר איר האט באלד דערשמעקט מיט אייער מנחם מענדלשן חוש, אז די בעסטע און רייכסטע געשעפטן ליגן אין מעקסיקע אין דער ערד...

איר האט זיך באלד געכאפט צו די מינעס פון גאלד, זילבער מעש, קופער, צעמענט און פארבן.

און איצט קום איך צו צום סאמע עיקר פון מיין ידידי־בריוול צו אייך.

אזוי ווי איר שרייבט אין אייער אנאנס, אז איר זוכט א פאסיקן שותף, בין איך אייך מודיע, אז כ׳בין גרייט צו ווערן אייער געזעצלעכער שותף אין אייערע מינעס פון גאלד און זילבער, קאלך און צעמענט, און אין דער מינע פון פארבן פון 20 פארשידענע קאלירן...

כ׳בין באמת דער פאסיקסטער שותף אין אייער ריזיקער מנחם מענדל־שער אונטערנעמונג, ווייל כ׳בין אליין אויך א גאנץ נישקשהדיקער מנחם מענדל. (אין יעדן פון אונז זיצט א שטיקעלע מנחם מענדל...).

ראשית, בין איך אין גאנצן מסכים מיט אלע אייערע באדינגונגען. איר שרייבט אין אייער אנאנס ווארט ביי ווארט:

1) „ס׳איז דא א מינע פון קאלך און צעמענט פון בעסטן קוואליטעט אין דער וועלט, וועלכע מ׳דארף אנהייבן עקספלאטירן, אויב מ׳זאל בלויז ארויספירן פון איר טעגלעך 100 טאן, לאזט עס ריינעם ריווח 2,500 פע־

זעס יעדן טאָג, חוץ קאַלך און צעמענט, אויך אַ מינע פון פאַרב מיט 20 פאַרשידענע קאָלירן״.

מילא, מיטן ריווח פון די 2,500 פּעזעס יעדן טאָג, בין איך אויך מס־כים. נאָר דעם קאַלך מיטן צעמענט, וועלן מיר אים ירצה השם, אוועקשענ־קען דער אידישער שולע, ווייל זי קלייבט זיך בויען א צווייטן שטאָק, וועלן מיר דערביי פאַרדינען א שטיקל מצוה אויך.

און פון אונזער מינע מיט פארבן פון 20 פארשיידענע קאָלירן, וואָלט געווען כ׳לעבן א שטיקל יושר, מיר זאָלן איינלאדן די היגע אידישע כע־נ׳יע־סטודענטן, זיי זאָלן אכטונג געבן אויף דער מינע פון פארבן מיט די 20 פארשיידענע קאָלירן, עס זאָלן זיך חלילה נישט צעמישן די קאָלירן...

איצט וועגן דעם צווייטן פונקט:

2) „אַ פלאַץ פון 30 אַקער, וואו ס׳וועט אויפגעשטעלט ווערן די צע־מענט־פאַבריק. דער פלאַץ געפינט זיך לעבן דער באַן־סטאַציע און לעבן ים און 5 קילאָמעטער פון איינער פון די גרעסטע שטעט פון דער רעפּוב־ליק״.

האָב איך גענוי באטראכט די מאַפּע און איך מיין אַז דער פלאַץ איז נישט קיין שלעכטער פלאַץ...

און מכוח דעם דריטן פונקט:

3) „צוויי מינעס פון גאָלד און זילבער, אן אונטערנעמונג וואָס דאַרף לאָזן עטלעכע טויזנט פּעזעס טעגלעך״.

האָב איך, פאַניע מנחם מענדל, געחשבונט און געחשבונט, קאַלקולירט און לאנג גערעכנט, און כ׳בין מיט אייך אינגאנצן מסכים, אז די מינעס וועלן אונז איבערלאָזן עטלעכע טויזנט פּעזעס טעגלעך....

און דאָס וואָס איר שרייבט אז ס׳איז דאָ:

4) „אַ לאַגער פון מאַשינען און רערן אין ווערט פון הונדערטער טויזנ־טער פּעזעס״.

איז מיין עצה, אז מ׳זאָל די מאשינען אָפּהיטן און זיי נישט לאָזן פאַרזשאַווערט ווערן, כדי מ׳זאָל זיי נישט דאַרפן פטרן אויף קוואָטעמאַצין ביי די אידישע אייזן־סוחרים...

איצט קומען מיר צו די סאַמע לעצטע צוויי קליינע נישט וויכטיקע פונקטן.

איר שרייבט, אַז דער שותף דאַרף האָבן א גוטן נאָמען.

בין איך טאַקע דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן אָרט.

פרעגט זיך אדרבא נאָך אויף מיר אין דער גאנצער שטאָט, וועט איר הערן וואָס פאַר אַ גוטן נאָמען איך האָב.

איר קענט זיך אָנפרעגן וועגן מיין אונטערנעמונגס־גייסט, טאַקע ביים

רעדאַקטאָר אַליין. ער וועט אייך שוין זאָגן, וואָס פּאַרא וואַזשנער אונטער־נעמער איך בין, אויף דעם געביט האָב איך שוין ממש באַוויזן וואונדער...

נאָר זעט איר פּאַניע מנחם, דאָס וואָס דער שותף דאַרף אַריינטראָגן אין געשעפט 20 טויזנט פּעזעס, דאַרף מען וועגן דעם עניין געבן אַביסל אַ טראַכט.

וואו נעמט מען די עטלעכע פּעזעס?

שאַט, ס'איז דאָ! כ'האָב אַן אויסגעצייכנטן פּלאַן!

איר, פּאַניע מנחם מענדל, נעמט מיך קודם כל צו פאַר אייער שותף. און אַזוי ווי אויף מיין חלק וועט אויסקומען אַ 2־3 טויזנט פּעזעס טעגלעך פון דער קאַלך און צעמענט מינע, עטלעכע טויזנט פּעזעס פון דער גאָלד און זילבער מינע, אַ חוץ פון דער מינע מיט פאַרבן פון 20 פאַרשידענע קאָלירן.

בין איך מסכים די ערשטע 10 טעג נישט אַרויסצונעמען קיין איין סענט פון אונזערע מינעס.

כ'בין זיכער, אַז איר וועט אָננעמען מיין פּראַקטישן פאָרשלאַג, און מיר וועלן פאַרבלייבן די בעסטע, ערלעכסטע און געטרייסטע שותפים. מיר וועלן חלילה נישט דאַרפן גיין צו קיין דין־תורה אין דער אידישער האַנדלס קאַמער...

כ'בין אַ מסתפק־במועט, פאַר מיר וועט זיין גענוג עטלעכע טויזנט פּעזעס אַ טאָג. כ'בין נישט קיין גרויסער בעל־הוצאה... און קיין בעסערן שותף וועט איר זיכער נישט קריגן.

עיקר שכחתי: שיקט מיר למען השם תיכף אַ תשובה — אַהין אָדער אַהער, אָדער קלאַפּט מיר אַ דעפּעשע יאָ צי ניין. ווייל כ'האָב באַשלאָסן מהיום והלאה, זיך צו נעמען בלויז צו ראַיעלע און זיכערע געשעפטן.

כ'רעכן אָפּצוקויפן אַלע אַקציעס פון דער היגער אידישער באַנק בחצי־הינם, און ווערן אַ באַנקיר. מ'קען פון אַ באַנק אויך מאַכן אַ שיינע מנה־יפה, עטלעכע טויזנט פּעזעס טעגלעך.

אָדער ווערן אַ דירעקטאָר פונם היגן אידישן טעאַטער, אָדער גאָר ווערן אַ רעדאַקטאָר פון אַ נייער אידישער צייטונג — „דער אידישער טרו־מייטער".

ביי מיר איז אַ קליינע נפקא מינה, ביי וואָס כ'וועל פאַרדינען מיינע עטלעכע טויזנט פּעזעס טעגלעך...

נאָר די בעסטע און די גלייכסטע זאַך פאַר אונז ביידע, איז צו ווערן אייער געזעצלכער שותף צו די מינעס פון גאָלד און זילבער, קאַלך און צעמענט, און צו דער מינע מיט פאַרבן פון 20 פאַרשידענע קאָלירן...

מיט דרך ארץ, אייער צוקונפטיקער שותף.

אברהם ווייסבוים

שווער צו זיין אַ שדכן...

מאָנאָלאָג

— שווער צו זיין היינטיקע צייטן אַ שדכן, נאָך דערצו — אַ מעקסי־קאָנער שדכן!

אַ שווער שטיקל ברויט!

אמת, מ׳לייגט נישט צו צום געשעפט. אַז גאָט העלפט, ס׳גייט פיין און גלאַטיק, ס׳מישט זיך קיינער נישט אַריין אין דער מיט, די מחותנתטעס צעקריגן זיך נישט און מ׳פירט אויס דעם שידוך, בלייבן אין קעשענע עט־לעכע הונדערט פעזעס, און אַמאָל מער.

די גאַנצע צרה איז נאָר, וואָס צו דער גאַנץ בכבודיקער פרנסה, האָבן זיך געגומען מענטשן, וועלכע האָבן אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה אין דעם איי־דעלן, אַריסטאָקראַטישן פאַך — שדכנות.

דער שדכן האָט צופיל קאָנקורענטן!

ווער רעדט עס דען היינט נישט קיין שידוך?

ווער איז דען היינט נישט קיין שטיקל שדכן?

אַ פריינט, אַ באַקאַנטער, אַ חבר, אַן אייגענע שוועסטער, אַ ברודער.

שאַט, וואָס דאַרפט איר בעסער? אַפילו אייגענע טאַטע מאַמע רעדן אַליין זייערע קינדער שידוכים.

דאָס זעט איר איז שוין אַן עוולה, גאָר אַ גרויסע עוולה!

און לאָמיך אייך דאָ זאָגן גאַנץ אָפן: ס׳פאַרדריסט אַביסל. וואָס שייך אַביסל? טאַקע אַ סך, ס׳פאַרדריסט שוין גאָר אַ סך!

מ׳נעמט דאָך אַרויס דעם אמתן, געבוירענעם שדכן, דאָס שטיקל ברויט פון מויל!

פאַרוואָס מישט איר זיך אין פרעמדע געשעפטן? איך מיש זיך עפּעס אַריין אין אייערע געשעפטן, האַ?

אייגנטלעך, האָט מען שוין געוואָלט אינגאַנצן אָפּשאַפן די שדכנים אינסטיטוציע. מ׳האָט שוין דעם שדכן מבטל געווען, אויסגעלאַכט, אָפּגע־חוזקט. עפּעס אַן אַלט מאָדישע מעשה. ווער דאַרף עס היינט אַ שדכן?

היינט הערשט און געוועלטיקט בלויז די ליבע!

מ׳איז גוואַלדיק שטאַרק ראָמאַנטיש, צוגעלאָזן, חבריש, אָפנהאַרציק.

דאָס יונגוואַרג פאַרברענגט צוזאַמען, מ'טאַנצט, מ'פאַרט אין קאַטשעס, מען נעמט אַ „קאַפּאַ", מ'סודעט זיך, מען שושקעט זיך. מען האַלזט זיך און מען קושט זיך.

אמת, אמת, זייער ריכטיק.

אָבער, פאַרשטייט איר מיך, ווען עס קומט צום פסוק, צום רעכטן גע־דיכטן, עס הייסט, צו אַ שטיקל תכלית, צו אַ שידוך, ווערט ביי זיי מיט־אַמאָל אָפּגענומען דאָס לשון... רחמנא לצלן. מען שווייגט,ביידע שווייגן!

ווי אַזוי, איך בעט אייך, קאָן אַ פאַרליבט, ראָמאַנטיש בחורל זאָגן צו זיין טייער, ליב מיידל, אַזעלכע פּראָזאַישע, וואָכעדיקע ווערטער, מיט אַ ציטערדיקער שטימע:

— ליב, זיס מיידל מיינס. האַרץ מיינס, נשמה מיינע. דו ווייסט דאָך, ווי ליב איך האָב דיך. איך קאָן אָן דיר ניִשט לעבן! איך בין גרייט פאַר דיר צו — — — אָבער זאָג טייערע כאַסעפּינאַ דעם טאַטן דיינעם, אַז איך וויל דרייסיק טויזנט פּעזעס נדן... און, און אויב ניִשט, וועל איך מוזן חתונה האָ־בען מיט אַליסיאַן. דער טאַטע אירער וויל מיר געבן פופציק טויזנט, מיט מעבל און מיט אַ נייע קאַטשע...

זעט איר, איך, אַ שדכן, קאָן! ניִשט איך קאָן, נאָר איך מוז, איך מעג, איך דאַרף רעדן אָפענע דיבורים. איך גיי אַרויס מיט לשון, גיי איך אַרויס!

אַזוי און אַזוי, ס'קאָסט אַזויפיל און אַזוי פיל. צען טויזנט אַראָפּ, צען טויזנט אַרויף! אַהין אָדער אַהער, דינגט זיך ניִשט. גלויבט מיר מחותן, אַז איר כאַפּט אַ ווילדע מציאה, קלאַפּט צו און זאָל זיין מיט מזל!

אָט אַזוי פירט מען אויס אַ שידוך.

זיי ווייסן די בחורים מיט די סעניאָריטאַס, אַז זיי דאַרפן אָנקומען צו מיר...

איך בין אַ מעקסיקאַנער שדכן!

ליבע? יאָ! וואָדען, אָן ליבע? איך רעד אויך וועגן ליבע, אָבער ווייסט איר ווען? ערשט שפּעטער, שפּעטער, ווען דער פּעטער נדן איז שוין צו־געזאָגט.

דער מחותן איז שוין באַרואיקט, די מחותנתטע הערט שוין אויף צו בורטשען שטילערהייט. מען רעדט שוין פון תנאים און דאָס גוטע פלעשל קאָניאַק שטייט שוין אויפן טיש, מיטן פיינעם צובייסן.

גיס איך מיר אָן אַ גלעזל: נו, לחיים! עס זאָל זיין מיט מזל! די קינדער האָבן זיך ליב. לחיים! זיי גייען ממש אויס איינער נאָכן אַנדערן. לחיים! עס איז אַ צוגעפּאַסט פּאָרל. לחיים, לחיים! עס איז אַ זיווג מן השמים, עס איז אַ באַשערטע זאַך, אַ גליק־שידוך!

מען טרינקט נאָך אַ גלעזל און נאָך אַ גלעזל. עס ווערט עפּעס אַזוי וואַרים, אַזוי גוט אויפן האַרץ, איי, וועל איך דאָ אָפּלעקן אַביינדל!

אין קאָפּ דרייט זיך שוין עפּעס אַ חשבון. יאָ, לאָמיך נאָר גוט באַרע־כענען, וויפל הייסט עס קאָן איך דאָ אַריינכאַפּן שדכנות געלט, אַרום און אַרום?

מיינט איר דאָך מאַקע, אַז שוין! אַז עס טוט זיך אַזוי גיך, ווי עס רעדט זיך? אַז עס איז גרינג אויסצופירן אַ שידוך? האָט איר, זאָלט איר מיר מוחל זייך, אַ גרויסן טעות!

עס איז שווער, זייער שווער איידער מען דערלעבט שוין אויסצופירן אַ שטיקל שידוך, און שולדיק איז נישט קיינער, נאָר — דער נדן!

מען האָט נאָר ביי אַ שידוך אין זינען איין וואָרט, נישט מער, ווי איין און איינציק וואָרט — נדן!

אָבער וואָס פאַראַ נדן? רבונו של עולם, וואָס פאַראַ נדן!

וועלכער בחור האָט דאָס אַמאָל געהאַט אַזאַ השגה, אַזאַ חלום, אַזאַ רייכע פאַנטאַזיע פון אַזעלכע גרויסע, פעטע נדנס?

מען האָט אַמאָל געגומען טויזנט רובל נדן, טויזנט זלאָטעס אָדער צוויי הונדערט דאָלאַר מיט אַ וואוינונג...

אַ חתן בחור האָט זיך בעסער אויסגעפרעגט וועגן דער כלה. פון וואָס פאַראַ פאַמיליע זי איז, פון וואָס פאַראַ יחוס זי קומט אַרויס. צי זי איז אַן אמתע בלאָנדינקע, אָדער אַ געמאַכטע...

מען האָט געבראָכן טעלער און פּטור אַן עסק! חתונה געהאַט און אַ סוף!

דאָ, ביי אונז אין מעקסיקע, איז דאָך פּשוט אַן אומגליק, ווען ס'קומט צו אַ שידוך.

מען רעדט נאָר און מען וויל נאָר איין זאַך — נדן!

אָט הערט אומישנע פון אַ טשיקאַוון שידוך מיט נדן און צוליב נדן.

איך האָב אַנומלט גערעדט אַ שידוך אַ בחור שוין נאָך די שלושים. אַריבער די דרייסיקער, הייסט עס. ער פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ פאַבריקל, וואָס איז ווערט אַ קימאַ־לן פון אַ זעקס טויזנט פּעזעס. דאָס חתן־בחורל אַליין זאָגט, אַז זיין פאַבריקל איז ווערט צוואַנציק טויזנט. אָבער אַ שדכן טאָר מען נישט זאָגן קיין ליגן. אַ שדכן ווייסט שוין אַליין, ווען און וואו, און ווי אַזוי צו זאָגן אַ ליגן...

גיב איך אים אַ פרעג: מה יקר? וויפל אַ שטייגער הייסט איר זיך געבן נדן? וויפל, הייסט עס, דאַרף איך די גליקלעכע כלה צוזאָלן צום עסק?

קלערט ער נישט לאַנג און זאָגט מיר גאַנץ פאַמעלעך: דרייסיק טויזנט, און נישט קיין מיאוסע כלה! (מיתה קלה...)

פרעג איך אים, וואו איז יושר? וואו איז לאָגיק? שכל? ווער וועט אייך אקעגנטראָגן אַזאַ מנה־יפה, אַזאַ גרויסע אפּותיקא מיט געלט? וואָס איז ביי אייך אַזאַ יקרות? איר זענט איין זכר אין מעקסיקע?

ענטפערט ער מיר, אַז ער איז ווערט און אַז ער קאָן וואַרטן...

מילא, נו, וואָס טוט נישט א שדכן צוליב אַ שידוך. בין איך געלאָפן, געזוכט, גענישטערט וואָכן און חדשים. עס איז געווען אַ כלה מיט צען טויזענט, אַ כלה מיט צוואַנציק טויזנט — און גאָרנישט!

עס נעמט אים נישט קיין קויל. ער וויל נישט ווייניקער ווי דרייסיק טויזנט. אַן איינגעשפּאַרטער, אַן עקשן נעבעך.

איך האָב ביי דעם שידוך צעריסן אוודאי דריי פּאָר שיך. בין איך שוין געוואָרן בייז און אים געוואונטשן, אַז ער זאָל זיך עלטערן אין עושר און אין כבוד, און בלייבן אַ בחור ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, און אַדיאָס! אויס שידוך!

זעט איר, ביים יונגוואַרג קאָן מען שוין גיכער כאַפּן אַ פּאַרדינסטל ביי אַ שידוך.

אַז איך זע אַ יונג שיין מיידל, מיט זיידענע זאָקן, מיט אַ לאַנג קלייד און מיט געפּאַרבטע ליפּעלעך, פּאַרשטיי איך באַלד, אַז זי האָט שוין מיט מזל געפּראַוועט דעם „קומפּלעאַניאָס" מיטן פּאַסטעל, מיט די „רעגאַלאָס". און אַז זי איז שוין אַריבער די 15... נעם איך זיך טאַקע באַלד צו דער אַרבעט. איך פרעג זיך נאָך, אַ טאַפּ אַהין, אַ טאַפּ אַהער. ביז איך האָב שוין גוט חוקר ודורש געווען, וויפל איר טאַטע פּאַרמאָגט, צי ער האָט אַ גרויסע פּאַבריק, אַ לייטיש געשעפט, און דער עיקר — וויפיל נדן מען וויל געבן.

קום איך אַריין צו דער מאַמען אירער מיט אַן אויסרייד, וואָס זי מאַכט, וואָס מאַכט איר מאַן? און וואָס מאַכן די קינדער? מען בעט מיך באַלד זיצן און מען איז מיך מכבד מיטן גוטן, געשמאַקן גלעזל טיי, קיכלעך, אַ פרוכט, אַ שאָקאָלאַדקעלע.

טרינק איך אַזוי פּאַמעלעך די טיי און גיב זיך אַ זאָג, אַזוי אין אַ זייט: אייער מיידל איז קיין עין הרע אויסגעוואַקסן, שיין, קלוג און געבילדעט, אַ געראָטן קינד. איר וואָלט שוין געמעגט קלערן וועגן אַ תכלית...

ענטפערט זי מיר קאַלטבלוטיק: אָ, דאָס מיידל מיינס? ווייסיך וואָס! זי איז נאָך אַ פּיצלס, אַ קינד. ערשט פּאַראַיאָרן געוואָרן 15 יאָר, איך האַלט נישט דערביי.

זאָג איך איר: סעניאָרא, אייער מיידל איז פּאַראַיאָרן געוואָרן 15, איבער אַ יאָר וועט זי ווערן 17, איז שוין צייט צו קלערן וועגן אַ שידוך, זי איז שוין ראוי לחופה... איר ווייסט דאָך סעניאָרא, די היגע בחורים האָבן נישט ליב קיין איבערגעיורן טייג, קיין פּאַרלעגענע סחורה... גיט זיי יונגע מיידעלעך!

פרעגט זי מיך שוין נייגעריק: ווער האָט אייך געשיקט? זאָג איך איר, אַז געשיקט האָט מיך קיינער נישט, נאָר איך האָב אַ גוטן שידוך און איך וויל וויסן, וויפיל נדן עס איז דאָ.

צעלאַכט זי זיך מיט אַ דראָבנע געלעכטערל: כאַ, כאַ, כאַ, כי, כי, כי, איך נדן? כ׳גיב נישט קיין איין סענט. מ׳וועט מיר נאָך צוצאָלן! מיין קינד קאָן קאָכן, באַקן, נייען. זי שטריקט זיך אַליין אויס אַ סוועטער, איז דאָ אויף וואָס צו קוקן, גאָלדענע הענט! מיין טאָכטער איז דאָך אַן אוצר!

זאָג איך איר, אַז עס איז טאַקע אמת, ווי זאָגט מען: אַ שיין מיידל איז אַ האַלבער נדן. אָבער דאָ איז מעקסיקע, דאַרף מען צום אוצר נאָך אַן אוצר — נדן!

ווערט זי שוין אַביסעלע בייז און זאָגט מיר שטרענג: סעניאָר שדכן, איך גיב נישט קיין נדן! נישט קשה, די חתנים וועלן מיך נאָך בעטן. מיין מיידל דאַרף נישט קיין נדן!

איצט זוך איך אַ חתן, וואָס וויל נעמען אַן „אוצר" אָן נדן...

נו, מילא, זע איך דאָך, אַז עס גייט נישט, אַז פון דעם מעל, וועט קיין ברויט נישט זיין... ענטפער איך איר געלאַסן: סעניאָראַ, איר ווייסט ווי מען זאָגט: אַז עס איז נישטאָ קיין מזומנים, איז אויס מחותנים... אַדיאָס!

אָבער דעם ערגסטן פסק, די גרעסטע פּאַרציע האָב איך געכאַפּט, דווקא פון אַן אויסגעפירטן שידוך און אַלץ צוליבן נדן.

הערט אומישנע אַ שיינע מעשה נאָר אַ קורצע.

אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג, קום איך אַריין צו אַ באַקאַנטער פאַמיליע מיטן ברייטן „בוענאס טאַרדעס", זעץ מיך אַוועק אויף אַ ווייכער שטול און נעם זיך גלייך צו דער אַרבעט: סעניאָראַ, זאָג איך צו איר געלאַסן און זיכער, אַזוי ווי אייער זון איז שוין אַ געענדיקטער, אַ כעמיקער, האָב איך פאַר אים אַ שידוך. די כלה איז אויך אַ געענדיקטע, אַ געבילדעטע און מען גיט אויך נדן, עטלעכע טויזנט פּעזעס נדן!

ענטפערט זי מיר שטיל אונטער דער נאָז: אַ גליק האָט מיך געטראָפן מיט אייערע שידוכים! דעם עלטערן זון מיינעם, האָט איר זייער גוט פאַרשלייערט מיט צוויי יאָר צוריק. דאָס מזל אויף די מחותנים!

זע איך, אַז די פרוי איז אַביסל אָנגעדרודלט. פרעג איך איר, פאַרוואָס זי איז אַזוי בייז אויף די מחותנים. זאָגט זי שוין מיט כעס: מען האָט מיין זון צוגעזאָגט 15 טויזנט פּעזעס נדן, און ער האָט קוים קוים אַרויסגעקריגן צען טויזנט. ווען ער איז איצטער אַ בחור, וואָלט ער זיכער געקאָנט נעמען 50 טויזנט און אפשר טאַקע די גאַנצע הונדערט טויזנט!

ענטפער איך מיט אַ שמייכל: נדן, אַ כלה און אַ לאָטעריע צעטל זיינען אַ מזל זאַך... מען דאַרף האָבן מזל! אָבער איצט האָב איך אַ — — — — —

לאָזט זי מיך אָבער נישט ענדיקן און גיט מיר אַ פאַר אַריין אין דער מעשה מיט אַ געבייזער: סעניאָר, נעמט זיך גוט אין זינען אריין. איך וועל שוין מיין צווייטן זון נישט לאָזן אָפּנאַרן! עס קאָסט 50 טויזנט! איר הערט

50 טויזנט פּעזאָס נדן! ער איז אַ געענדיקטער, אַ כעמיקער, אַ כעמישער אינזשעניער.

פּרוּווּ איך איר רואיק דערקלערן, אַז אַ דאָקטאָר קאָן מען היינט קריגן פאַר 50 טויזנט, און פאַר דרייסיק טויזנט קאָן מען קריגן אַן אַדוואָ־קאַט, אַן אינזשיניער, און אַ דענטיסט, אַן עלעקטראָ טעכניק, אַ סוחר, אַ בוכהאַלטער קריגט מען פאַר בלויז 10 טויזנט...

הייבט זי פּלוצים אָן צו שרייען מיט אַ נערוועז, שטעכיק שטימעלע: וואָס האָט איר געזאָגט? אַ כעמיקער איז נישט ווערט קיין 50 טויזנט? גייט, גייט זיך געזונטערהייט מיט אייערע שידוכים!

גיט דאָס מיך ראַפּטום אַ הויב פון בענקל, כאַפּ מיין שטעקן מיטן קאַ־פּעליוש, גיי גיך צו צו דער טיר און זאָג שוין אַביסל העכער, מיט כעס: וואָס שרייט איר אַזוי? איר ווילט נישט דעם שידוך? איז נישט געטאַנצט מיטן בער! איז אויס כלה, צוריק מוידן! וואָס שרייט איר וואָס?

ענטפערט זי מיר שוין אויף די גאָר הויכע טענער: ווער שרייט? איך שריי? איר שרייט!

זאָג איך איר: סעניאָראַ, איך שריי? איר שרייט! איר האָט אַ כעמיקער, אַ געענדיקטן, איר ווילט 50 טויזנט? אָבער שרייען דאַרפט איר נישט! מען גייט אייך נישט פון קהל!

גייט זי צו צו מיר נענטער, ווי אַן אָנגעבלאָזענער אינדיק, זאָגט מיר גלייך אַריין אין פּנים אַריין און ווייזט מיטן פינגער הין און צוריק: סעניאָר שדכן, מיין זון איז אַ געענדיקטער, אַ כעמיקער, אַ כעמישער אינזשיניער. איר זאָלט מיין שוועל נישט איבערטרעטן מיט אַ שידוך, ווייניקער ווי 50 טויזנט! איר הערט, איר הערט?

זע איך דאָך, אַז די פרוי איז מלא רציחה. זי ברענט, זידט, פלאַקערט, אש להבה, פייער פלאַם. מאַך איך פּאַמעלעך אויף די טיר און זאָג איר געלאַסן:

סעניאָראַ, קאַכט זיך נישט, שרייט נישט. איר ווילט 50 טויזנט? זאָל זיין 50 טויזנט! איר ווילט טייער מעבל? זאָל זיין מעבל! איר ווילט אַ נייע קאַטשע? זאָלן זיין אַ קאַטשע! האַלט זיך געזונטערהייט מיט אייער כעמיקער. אַדיאָס, אַדיאָס!

ווען איך בין שוין געשטאַנען אויף דער גאַס, האָב איך גענומען טראַכ־טען, ווי שווער עס איז היינט אויסצופירן אַ שידוך. וואָס מען ווינטשט דעם שדכן דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה, זאָל מיר מקוים ווערן, און וואָס מען ווינטשט דעם שדכן עטלעכע יאָר שפּעטער, זאָל דאָס פאַלן אויף אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער...

אוי, רבונו של עולם, וואָס איז געוואָרן פון דער אַמאָליקער ליבע. אַמאָל זיינען פאַרליבטע גרייט געווען צו עסן אַ שטיקל טרוקן ברויט

מיט זאַלץ, אַבי זיין צוזאַמען. און היינט? אוי, ווי איז מיר, און היינט?

פון דער גאַנצער פּאָעטיש ראָמאַנטישער ליבע, מיט דער בלאַסער לבנה, בלויער הימל און פינקלדיקע שטערן, איז נעבעך ביי אונז געוואָרן א פּראָזאַאישע געלט טראַנזאַקציע מיט אַ פעטן נדן! און צום נדן גיט מען אויך אַ כלה...

גוואַלט! טייערע, אידישע בחורים, גאָלדענע חתנים. האָט כאָטש אַבי־סלע רחמנות אויפן שדכן! איך בין שוין איבער אייך געוואָרן אַ צעבראָכע־נער שאַרבן. מען קאָן דאָך שוין באַלד קיין לייטישן שידוך נישט אויספירן.

וואָס זאָלן נעבעך טאָן די טאַטע־מאַמע, וואָס קאָנען נישט געבן זייע־רע פיינע, גוטע און אידעלע מיידלעך, קיין גרויסע נדנס?

דערבאַרמט אייך, הערט אויף צו רייסן אַ פּאַס!
לאָזט אַביסל אַראָפּ פון נדן!
לאָזט מיך אויספירן אַ שידוך!

קאבצאנסק אין מעקסיקע . . .

ביי מענדעלע מוכר ספרים, ביים זיידן אונזערן, איז דאָ זייער אַ שיינע, טשיקאַווע דערציילונג פון אַמאָליקן אידישן לעבן: „איבער אַ שטאָט".

אין קאבצאַנסק האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקה, אַ קריגעריי, אַן אמתע הייליקע מלחמה צוליב — „אַ שטאָט" אין מזרח וואַנט...

קאַבצאַנסק האָט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים. אַ העלפט קאַבצאַנסק האָט געהאַלטן שטאָל און אייזן, אַז די „שטאָט" אין שול אויף דער מזרח־וואַנט קומט דעם געלערנטן, שיינעם איד ר' כייקל חיים. און דער אַנדערער צד האָט זיך איינגעשפאַרט, אַז די „שטאָט" געהערט דווקא דעם אויפגעקומענעם גביר און גרויסן עם־הארץ ר' שמעלקע.

איז טאַקע ר' שמעלקע, דער נגיד, דער תקיף, דער דעה־זאָגער, דער גאַנצער כל־ולך אַוועק צום פּריץ פון שטעטל, און אַביסל אונטערגעמסרט... מלשין געווען אויף ר' כייקל חיימס צד. דער פּריץ (אַ גוי), איז באַלד אַריין אין גרויס גרימצאָרן, ער האָט געהאַלטן די „שטאָט" אין שול פאַר אַ חוב, און ער האָט אָנגעטאָן די קאַבצאַנסקער אידן גרויסע צרות.

האָט מכלכל היימס צד געזאַמלט געלט, אָנגעשטעלט גרויסע אַדוואָקאַטן און איז אַוועק אין דער גובערניע אַריין זיך פאַרטיידיקן. האָט דאָך אָבער ר' שמעלקעס צד נאָך מער געלט, האָבן זיי אָנגעשטעלט נאָך גרעסערע אַדוואָקאַטן.

איז אין קאַבצאַנסק געוואָרן ליהודים, לעבעדיק, פריילעך. ביידע צדדים האָבן זיך אַרומגעריסן, אַרומגעקריגט, געבערענט, געפייערט און געשאָסן מיט פעטש, ליגן, מסירות און בלבולים.

אויסגעלאָזט האָט זיך די גאַנצע מחלוקה זייער שלעכט פאַר קאַבצאַנסק, און אַלץ צוליב אַ „שטאָט" אין מזרח־וואַנט...

דער מעקסיקאַנער אידישער ישוב, וואָס האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, בכל תפוצות ישראל, מיט אונזער געזעלשאַפטלעכקייט, מיט אונזער אָרגאַניזירטקייט, מיט אונזער גרויסע חכמה צו שאַפן און בויען, איז נאָך, ווייזט אויס, ווייט נישט אַוועק פון קאַבצאַנסק, מיט אירע מנהגים, געוואוינהייטן און מחלוקת...

אָט לעבן אידן, קיין עין הרע נישט, אויפן גאַנץ מאָדערנעם שטייגער,

מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג. מיט נייע קאַטשעס, מיט שיינע הייזער, מיט, מיט וואָס דען נישט? און דאָך לעבט מען נאָך אַלץ מיט קאַבצאַנסקער באַגריפן, מיט קליינשטעטלדיקע השגות און מיט קאַבצאַנסקער מחלוקת, איבער אַ „שטאָט" און מזרח־וואַנט...

אין קאַבצאַנסק־מעקסיקע איז געשען אַ מעשה נורא.

די אידישע שול־פּאַרוואַלטונג האָט אָפּגעזאָגט אַ אידישן לערער, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט אַ קורצע צייט. נו, איז מה רעש? ווייניק לערער ווערן אָפּגעזאָגט פון שולן. באַצאָלט מען דעם לערער כן־וכך לויטן געזעץ, און פּטור אַן עסק.

איז דאָס דאָך אָבער קאַבצאַנסק, שאַפט זיך באַלד צדדים. אַ ר' שמעלקעס צד און אַ ר' כייקל־היימס צד, און ס'איז געוואָרן לעבעדיק אין שטעטל.

ר' שמעלקעס צד האָט גערופן אַסיפות, געטומלט, גערודערט, געפּילדערט און געשריגן, מרעיש עולם געווען, געמאַכט סקאַנדאַלן. אַז ר' כייקל היימס צד זאָגט ניין! זאָגט דווקא ר' שמעלקעס צד יאָ! איר שפּילט זיך מיט ר' שמעלקען!

ר' שמעלקע האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז זיינס אויספירן. ר' שמעלקע האָט אַמביציע, ער באַרימט זיך, אַז גאַנץ קאַבצאַנסק איז מיט אים... ר' שמעלקע איז אַ שטיקל תקיף, אַ גאַנצער מאַכער ביים פּריץ און ווייסט וואו איין און וואו אויס...

מ'האָט זיך אַזוי לאַנג געקריגט, געאַמפּערט, געשפּאַרט מיט עצה־געבערס און מיט אַדוואָקאַטן, ביז, ביז מ'האָט דעם וואַזשנעם, לעבנס־געפערלעכן ענין איבערגעגעבן אין אַרביטראַזש־געריכט... און שפּעטער טאָקע אינם העכסטן געריכט פון לאַנד, אין „סופּרעמאַ קאָרטע"...

וואָס קאַבצאַנסק קאָן איינפאַלן!

קאַבצאַנסק האָט אַ רייכע פאַנטאַזיע!

אַפילו די געטרייע קאַבצאַנסקער פרויען פון ר' שמעלקעס צד, ברענגען אַ וועלט. סטייטש, און סטייטש! פאַרוואָס זאָל ר' שמעלקעס צד נישט קאָנען טאָן מיט דער שול, ווי ס'טוט וואויל געפעלן אין זייערע אויגן. פאַרוואָס זאָל די שול נישט נאָכטאַנצן ר' שמעלקעס פייפל...

קומען זיך צוזאַמען עטלעכע פרויען אויף אַ שמחה, אָדער אויף אַ ווייבערשן פּאָקער, ווערט באַלד אַ שטיקל דיסקוסיע, מיט אַ שפּאַרעניש און אַ דינגעניש וועגן דער שול.

קאָכט זיך אַ פרוי מיט אַ קוויטשיק קולעכל:

— יעך זוג ענק, אַז מיר דאַרפן פאַר אינזערע קינדער נאָר טאַרביס! (תרבות).

ענטפערט איר אַ צווייטע פרוי מיט אַן איראָניש שמייכעלע:

— מ׳זאָגט ניט טאַרביש, נאָר טאַרבוש!

מישט זיך אַריין אַ פרוי וואָס קאָן העברעאיש, אַ מלומדת, און דער־קלערט מיט אַ זיס צעפרידן שמייכעלע:

—מ׳זאָגט נישט טאַרביס און נישט טאַרבוש, נאָר טאַרבוט!

דאָ מישט זיך שוין אַריין אַ פרוי פון ר׳ כייקל חיימס צד און זאָגט גאַנץ הויך:

— וואָס איז אייך עפּעס אַריין אין מיטנדרינען אַ נייער שמע קולנו אין קאָפּ אַריין? וואָס פאַראַ טאַרבוט ווילט איר? אין דער אידישער שול איז דען נישטאָ קיין טאַרבוט?

אין דער אידישער שול לערנט מען דען נישט קיין העברעאיש? אין דער אידישער שולע איז געווען טאַרבוט, ס׳איז דאָ טאַרבוט און ס׳וועט זיין טאַרבוט! (תרבות).

איר ווילט זיך מאַכן אַ ציוניסטישע שולע מאַכט זיך געזונטערהייט!

דאָ ווערט צווישן די פרויען אַ שטיקל טומל. מ׳אַמפּערט זיך, מען היצט זיך, מ׳צעווערטלט זיך און מען ווערט ברוגז.

קאַבצאַנסק האָט פיינט פאַרשוויגן, קאַבצאַנסק איז פאַרעקשנט!

קאַבצאַנסק, וואוהין ביסטו פאַרקראָכן, אַזש אין סופּרעמאַ קאָרטע?

און מ׳קאָן זיך פאַרשטעלן, ווי אַזוי די מעקסיקאַנער ריכטער קוקן אויף די קאַבצאַנסקער אידן. ווי אַזוי זיי שפּאַרן זיך מיט עפּעס אַ סכסוך צוליב אַ לערער, אין אַרביטראַזש־געריכט. און לויפן דערנאָך מיטן זעלבן עסק, אַזש אין „סופּרעמאַ קאָרטע".

קאַבצאַנסק, וואוהין לויפסטו?

דאַכט זיך, אַזוי פון אויסזען, איז מען גאַנץ מאָדערנע, גאַנצע אייראָ־פּייער. מ׳גייט אין אַ געפּרעסטן אַנצוג, געגאָלט די באָרד, מען עסט „כאַ־מאָן", מען מאַכט אַ קערטל, און פאָרט, און דאָך, די זעלבע קאַבצאַנסקער אידן פון אַמאָל... די אייגענע קאַבצאַנסקער פּאָליטיק. עס זאָל דאָס פעלן אַ האָר!

אַ חוץ עסן גוט, פאָרן אויף דאַטשע, האָט קאַבצאַנסק אויך ליב דאָס אידישע וואָרט, אַ אידישע צייטונג.

איז טאַקע אַ גאַטס רחמנות אויפן רעדאַקטאָר פון אַ אידישער צייטונג, קאַבצאַנסק וויל אים אַ דעה זאָגן, וואָס ער זאָל דרוקן און וואָס נישט... ער שטייט צווישן צוויי פייערן.

קומט ר׳ שמעלקעס צד מיט אַ גוואַלד. סטייטש, פאַרוואָס לאָזט ער זיי קריטיקירן אין צייטונג.

בייזערט זיך ר׳ כייקל חיימס צד, פאַרוואָס ער נעמט זיך פאַר זיי נישט אָן געננוג... און מ׳סטראַשעט באַלד, אַז, אַז, איר ווייסט דאָך מיט וואָס מ׳קאָן סטראַשען אַ צייטונג...

טענהט דער אדון הרעדאַקטאָר, אַז די צייטונג דינט די אינטערעסן פון גאַנצן ישוב און נישט פון קיין צדדים. אָבער קאַבצאַנסק בלייבט פאַר־עקשנט. קאַבצאַנסק פייערט, שיסט מיט אַרטיקלען, מ׳סודעט זיך, מען מאַכט פלענער, מען מאַכט רעדלעך אין דער אידישער באַנק...

קאַבצאַנסק האָט אויך ליב אַריינצושטעקן די נאָז אין פרעמדע געשעפטן. קאַבצאַנסק ווייסט, וואָס עס טוט זיך ביי יענעם אין קעשענע, ווער ס׳האָט נעכטן פאַרשפּילט דעם לעצטן הונדערטער אין פּאָקער, ווער עס גרייט זיך צו מאַכן די „קונץ״... (אַ באַנקראָטל), און ווער עס ווערט אַ מיליאָנער.

קאַבצאַנסק האָט אויך אַ טבע צו שמעקן און זען וואָס קאָכט זיך ביי יענעם אין טעפּל.

ווער ס׳קריגט זיך מיטן ווייב, ווער ס׳האַלט זיך ביים גטן, און ווער עס קויפט טייערע „רעגאַלאָס״ פאַר געבאָרגט געלט...

מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז קאַבצאַנסק געגאַנגען אויף רעדלעך, ס׳האָט זיך אין שטאָט געטאָן חושך, אויף טיש און אויף בענק, צוליב עפּעס נישט קיין גאָר שיינע מעשה... קאַבצאַנסק האָט ליב אַביסל איבערצעטרייבן, פאַרטאָפּלען, פאַרגרעסערן יעדע געשעעניש צען מאָל אַזוי פיל.

עפּעס האָט מען געכאַפּט אַן אויסגעפּוצט ווייבעלע, ערגעץ וואו מען טרעפט זיך... זי האָט נעבעך פאַרבלאָנדזשעט, אַראָפּ פון גלייכן וועג.

נו, נו, האָט זיך קאַבצאַנסק געגעבן אַ נעם צום דברן, צו רעדן, צום ביסל רכילות און לשון הרע. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו סודן, צו שושקען און צו מורמלען שטילערהייט:

— איר האָט געהערט? אַ ווייטיק איז מיר! מ׳זאָגט דאָך, אַז מ׳האָט „דאָרט״ געכאַפּט. אַזאַ סקאַנדאַל!

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די פּלאָטקעס, מען מאַכט פון אַ וואָרט — אַ קוואָרט. מ׳רעדט אויס איינע אויף דער אַנדערער אסור לדבר, וואָס אין דער קאָרט; מיט שטעכווערטלעך, מיט אָנצוהערענישן, מיט איינרוימען עפּעס שטיל אין אויער און פאַרענדיקן מיט אַ בייסיק געלעכטערל...

— כי, כי, כי! אָט די גאָר?

— יאָ, די אוידך!

— רבונו של עולם, אַזאַ בראָך! — גייט שוין גייט, ס׳איז אַ ליגן, אַ ליגן!

— פאַרוואָס אַ ליגן? אַז מ׳לעבט אין וואוילטאָג, מ׳האַלט עטלעכע דינסטן, מ׳וואוינט אין אַ פּאַלאַץ, מען טוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, מ׳העלפט נישט דעם מאַן אין געשעפט, מ׳דרייט זיך אַרום פּוסט און פּאַס און מען לעבט אין לוקסוס, ווי אַ גרעפין...

—נו?

— נו, נו! זוכט מען זיך געליבטע...

— טאַקע?

— טאַקע, טאַקע!

— טפו, טפו! צו מיינע שונאימס קעפּ! האָסטו געהערט אַ מעשה, גע־ליבטע גאָר?

אַזוינע און אַזעלכע — — —!

קאַבצאַנסק האָט ליב צו זוכן חטאים אויף יענעם... באַרעדן יענעם אונ־טער די אויגן און אונטערשטעלן אַ פיסל...

קאַבצאַנסק האָט זיך ליב צו קהלן, שפּילן אַ ראָלע, און איז שטאַרק קאַפּריזנע.

אַ סך קאַבצאַנסקער כלל־טוער האָבן ליב צו שאַלטן און וואַלטן אין אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען און געזעלשאַפטן, פּונקט ווי ביי זיך אין געשעפט...

און צוליב אַ קליינע, נישטיקע מחלוקה, איבער אַ „שטאָט" אין מזרח־וואַנט — אין דער אידישער שול... לויפט קאַבצאַנסק זיך משפטן אַזש אין „סופּרעמאַ קאָרטע"...

קאַבצאַנסק, פאַרוואָס האָסטו פאַרבלאָנדזשעט אַזש קיין מעקסיקע?!

II

יום טוב אין דער וואָכן

געבורטסטעג מיט מתנות

מיר לעבן אין אַ לאַנד פון פרייהייט, אין אַ שיין, רייך לאַנד, וואו די זון שיינט גאַנצע דריי הונדערט מיט פינף און זעכציק טעג אין יאָר.

מעקסיקע איז אָבער אויך דאָס קלאַסישע לאַנד פון ימים־טובים, וואו אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק איז עפּעס אַ שטיקל „פיעסטאַ"... דאָס לאַנד פון רעוואָלוציעס, פון „מאַניאַניטאַס", „סאַנטאָס", געבורטסטאַג און „רעגאַלאָס"...

אין קיין שום לאַנד, מאַכט מען נישט אַזאַ גרויסן צימעס, אַזאַ טאַראַראַם פון געבורטסטעג, ווי אין מעקסיקע.

אפילו די נישט פאַרמעגלעכע קלאַסן, שפּאָרן אָפּ אַביסל געלט כדי צו פייערן מיט גרויס פּאָמפּע זייערע געבורטסטעג, זייערע „קומפּלעאַניאָס" מיט אַ פּאַסטעל מיט ליכטלעך, מיט מוזיק, און דער עיקר מיט „רעגאַלאָס", מיט מתנות...

ס'קויפן „רעגאַלאָס" די וואָס קאָנען קויפן און די וואָס קאָנען נעבעך נישט...

וואָס הייסט עפּעס, קומען אויף אַ פיעסטאַ, אויף אַ געבורטסטאָג אָן אַ מתנה?

פאַראַן צענדליקער געשעפטן, וואָס פאַרקויפן בלויז רעגאַלאָס. מתנות אויף חתונות, כלה־מתנות, געבורטסטאָג־מתנות און גלאַט מתנות.

די היגע אידישע קינדער, (און טאַקע די גרויסע אויך...), האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די „קומפּלעאַניאָס", צו די אימענינעס, צו די געבורטסטעג, ווי צו הייסע לאָקשן, מיטן גאַנצן לייב און לעבן, מיטן גאַנצן אידישן ברען...

די אידישע קינדער, וואָס פּראַווען אַזוי גרויסאַרטיק, מיט אַזאַ שמחה זייער געבורטסטאָג, מיינען נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך... נישט אַזוי דעם פּאַסטעל מיט די ליכטלעך, נאָר די רעגאַלאָס, די מתנות!

אַמאָל האָט מען פאַרשריבן דעם געבוירנטאָג פון אַ קינד, אויף די טאַוולען פון אַ חומש, פון אַן אַלטן משניות, אָדער פון אַ מחזור.

אַז אַ קינד האָט אַמאָל געפרעגט דער מוטער, ווי אַלט דאָס איז, האָט זי אַביסל געטראַכט און אָפּגעשיקט איר קינד פרעגן דעם טאַטן. און אַז דער פאָטער איז געווען אביסל פויל און נישט געוואָלט זיך מטריח זיין, צוליב אַזאַ נאַרישקייט גיין נישטערן אין די ספרים, האָט ער פשוט געענט־פערט זיין קינד, אַז ער געדענקט נישט אַקוראַט, און געזאָגט מיט אַ צוויי־דריי יאָר מער, אָדער ווינציקער, איז אויך נישט געווען קיין גרויסער אומגליק...

און אַז אַ מוטער האָט זיך באַקלאָגט פאַר איר שכנה, אַז פאַר איר מיי־דעל, איז שוין צייט צו טראַכטן מכוח אַ שידוך, האָט איר די שכנה געענט־פערט מיט אַ פּאַטש אין בײדע הענט: — ווי איז מיר! וואָס רעדט איר קריי־נע לעבן? ס'מיידל אייערס, איז דאָך נאָך אַ פיצלס, אַ קינד! זי דאַרף אינ־גאַנצן אַלט זיין אַ יאָר 12־13. כ'געדענק דאָך ווען איר זענט מיט איר גע־לעגן אין קימפּעט. ס'איז געווען אַקוראַט, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די גרויסע שרפה, און מיר האָבן פונקט געדעקט אַ נייעם דאַך אויף אונזער הויז...

אַ אינגל האָט שוין דווקא געמוזט געדענקען זיין געבורטסטאָג, בלויז צוליב זיין בר־מצוה. אָבער דאָס האָט אים שוין דער טאַטע דערמאָנט זוכענ־דיק אין די ספרים.

היינט, ווייסן שוין גוט די קינדער אַליין, דעם טאָג פון זייערע „קומ־פּלעאַניאָס".

אַ סך קינדער דערמאָנען שוין אַליין זייערע עלטערן, מיט עטלעכע חדשים פריער, ווען עס וועט זיין זייער געבורטסטאָג. מ'ציילט די וואָכן, די טעג, ווען עס וועט שוין קומען דער פריילעכער, דער גליקלעכער טאָג — דער „קומפּלעאַניאָס".

און דער גאַנצער געפּילדער, דער גאַנצער טאַראַראַם מיטן גאַנצן קלאַ־פּערגעצייג, מיטן פּאַסטעל מיט די ליכטלעך, איז נאָר צוליב די מתנות...

מתנות פון די עלטערן, פון די פעטערס, פון די קאַזינעס, פון דער גאַנ־צער משפּחה און פון אַלע געסט.

און מ'ברענגט טאַקע רעגאַלאָס, מתנות, פּרעזענטן מיט דער פולער האַנט. מ'זשאַלעוועט נישט ביי אונז אין מעקסיקע די פּעזע...

אַלע מתנות־נעמער און מתנות־געבער ווייסן שוין גוט, אַז דאָס איז אַן אָפּגעגעבענע זאַך: היינט גיב איך. מאָרגן, וועט איר מיר געבן...

אַ גאַסט וואָס קומט אויף אַ געבורטסטאָג, אויף אַ בר־מצוה, אָדער אויף אַ חתונה אָן אַ מתנה, אָן אַ פּרעזענט, קוקט מען אויף אים אַביסל קרום, אַזוי פון דער זייט, מיט איין אויג, ווי אויף אָן אומזיסטן עסער...

אַמאָל האָבן זיך בלויז די רייכע, די גרינגע־קעפּ, באַשעפטיקט מיט דער איידעלער מלאכה, פון מאַכן אימענינעס. ווער האָט דאָס געהאַט צייט און געדולד צו פּראַווען געבורטסטעג?

עפּעס אַ קלייניקייט? משיח, יאָקל בן פלעקל, איז געבוירן געוואָרן! עפּעס אַ קלייניקייט? מאַשע בת באַשע, איז דעם טאָג געבוירן געוואָרן! אַ שמחה, אַ גדולה אויף דער באָבען!

און נישט נאָר דאָס קליינוואַרג, גייען אַרום תמיד פּאַרנומען מיט גע־בורטסטעג און רעגאַלאָס. נאָר אפילו די גרויסע (איבערהויפּט פרויען), מאַכן אַ גאַנצן יום־טוב, אַ יומא דפגרא, פון זייערע אימענינעס, פון זייערע געבורטסטעג.

אַ פרוי פון דערוואַקסענע קינדער, פּיעשטשעט זיך פּאַר איר מאַן, מאַכט אים דערווייל צורעכט זיין קראַוואַט, און רעדט צו אים ווייך און צערטלעך:

— יאָסל דוד, האָסט אוודאי פאַרגעסן, אַז דעם דריטן איז מיין גע־בורטסטאָג? כ'ווער דאָך שוין אַלט זעקס און דרייסיק יאָר. איך וועל זען וואָס פאַר אַ פּרעזענט דו וועסט מיר קויפן, מיין טייערער, ליבער מאַן!

ענטפערט איר דער מאַן גאַנץ קאַלט:

— ערשטנס, מיין טייער יענטעלע, האָסטו געבעד אַ קורצן זכרון, די פּראַוועסט שוין, ברוך השם, צום דריטן מאָל דיין זעקס און דרייסיקסטן געבורטסטאָג. ס'איז דאָך פּשוט אַ בזיון פאַר מענטשן! גיב זיך שוין יענטע אַ רוק מיט אַ יאָר פאַראויס!...

און צווייטנס, וואָס דאַרפסטו ווידער מתנות? האָסט ווייניק צאַצקעס, שמאַכטעס, בלעכלעך מיט גלעזלעך?

אייגנטלעך, איז דער מנהג צו געבן מתנות זייער אַן אַלטער.

יעקב אבינו, האָט קוים קוים איינגערעדט זיין ברודער עשו, אַז ער זאָל אים טאָן די גרויסע טובה, און נעמען ביי אים אַ „רעגאַלאָ"...

און ס'איז אַ סברה, אַז טאָקע צוליב דער נישקשהדיקער מנחה (מתנה), האָט זיך אונזער פאָטער יעקב, געראַטעוועט פון עשוס ידים...

און זינט יעקבס היסטאָרישער רעגאַלאָ, סטאַרן זיך אַלע צו געבן וואָס גרעסערע מתנות...

פאַראַן געבורטסטאָג מאַכער, וואָס קריגן אַזוי פיל מתנות, אַז זיי ווייסן פּשוט נישט וואָס צו טאָן מיט זיי. כאַטש נעם און מאַך זיך אויף אַ קרעמל פון רעגאַלאָס...

אָט האָט איר אומישנע עטלעכע טשיקאַווע מתנות־ציפערן.

אַ קינד האָט געקראָגן צום ברית אַזויפיל מתנות, אַז די מוטער וואָלט זיי געקאָנט פאַרנוצן פאַר נאָך אַ צוויי טוץ קינדערלעך...

צען זילבערנע קעמעלעך מיט בערשטלעך צו די האָר. אַכט זילבערנע לעפעלעך, גאָפּלען, טעלערלעך מיט טעפּעלעך, פיר קינדער־וועגעלעך, אַ חוץ היטעלעך, קליידעלעך, סוועטערלעך, מלבושימלעך, צאַצקעס און שפּילעכלעך...

אַ מיידל האָט געקראָגן צו אירע „קומפּלעאַניאָס": אַכצן פאַסטעלן, דרייסיק קעסטלעך שאָקאָלאַד, צוואַנציק בוקעטן בלומען, אַ חוץ אַנדערע מתנות...

די עלטערן האָבן נעבעך נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אַזויפיל מתנות. מילא די בלומען, קאָן מען זיי אויפן צווייטן טאָג אַרויסוואַרפן אָדער אַוועקשענקען דער „פּאַרטעראַ". די קעסטלעך שאָקאָלאַד, וועלן צונוץ קומען צו געבן מתנות אויף אַנדערע געבורטסטעג...

אָבער ווי אַזוי מאַכט מען צערעכט אַזוי פיל פאַסטעלן?

אַ אינגל האָט געקראָגן צו זיין בר־מצוה: פיר גאָלדענע פינגערלעך, דריי ביציקלעטן, צען האַנט־זייגערלעך, אַכט טיש־לאָמפּן, אַ חוץ ביכער מיט שאָקאָלאַד און זיבן פיל־פעדערס.

אינם טאָג פון לערער, האָט איין לערער געקראָגן מתנות פון זיינע תלמידים: צען קעסטלעך שקאַרפּעטקעס, צוויי טוץ קראַוואַטן און אַכט קעסטלעך נאָז־טיכלעך.

חתן־כלה האָבן געקראָגן צו זייער חתונה אַזוי פיל פּרעזענטן, אַז זיי האָבן געמוזט אַ סך מתנות אַריינשטעלן צו זייערע עלטערן, ווייל זייערע צימערן זיינען געווען אָנגעשטעלט און איבערגעפּאַקט מיט מתנות.

ווער האָט דאָס אַמאָל געגעבן אַזוי פיל בלומען אויף אַ חתונה, מיט אַזויפיל דרשה־געשאַנק?

נאָך דער שלאַכט, ס'הייסט, נאָך די באַנקעטן פון די געבורטסטעג, מיט די בר־מצוות, נאָכן גאַנצן טומל און געפילדער, ווען די געסט גייען שוין אַוועק, נעמט מען זיך ערשט באַקוקן און אָפּשאַצן די רעגאַלאָס...

— אויך מיר אַ מתנה — פאַרקרימט די מאַמע מיט דער נאָז, — דאָס לעמפּל קאָסט אוודאי 6 פּעזעס.

— אַ וואָזשנע מתנה — זאָגט איראָניש דער טאַטע — דאָס קעסטל שאָקאָלאַד קאָסט גאַנצע דריי פּעזעס.

— און דאָס זייגערל — שאָקלט צו מיטן קאָפּ די באָבע — האָט ביי מיר אַ גרויסע זנאַטשעניע. אַ ציבעלע פאַר פיר פּעזעס, שיינע רעגאַלאָס!

אַ סך מתנות וואָלגערן זיך אַרום, ווי אָפּגעשלאָגענע הושענות, מ'האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, ווער עס האָט זיי געשאָנקען.

אין אַ סך הייזער שטייען אָנגעשטעלט מתנות אויף די טישן, אין די

שענקלעך, איבעריקע און פאַרגעסענע. און עס איז טאקע באמת אַ גרויסע סכנה, אַז ווען איינער וועט דינגען אַ דירה, וועט ער אויך מוזן דינגען אַ ספּעציעל מתנות־צימער...

וואָס מער מען גיט און מען נעמט רעגאַלאָס, אַלץ שאַרפער און גרע־סער, ווערט דער מתנות־פּראָבלעם...

ס'וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, אַז די היגע אידישע אָרגאַניזאַציעס, זאָלן רופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ, צו באַטראַכטן דעם וויכטיקן און דרינ־גענדן מתנות־פּראָבלעם, ווי אַזוי צו לייזן די מתנות־פראַגע.

טאָמער חלילה נישט, איז דאָ אַ גרויס געפאַר, אַז אין אַלע אידישע הייזער, זאָל קומען אַ מתנות־פאַרפלייצונג, אַ רעגאַלאָס־אָנשיקעניש, און אַ פּרעזענטן־אינוואַזיע...

גוואַלד, אידן! וואָס האָט איר זיך צוגעכאַפּט מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ חשק צו די געבורטסטעג?

גוואַלד, אידן! אידענעס! און אידישע קינדער! האָט רחמנות אויף זיך און אויף יענעם.

הערט אויף צו געבן און צו נעמען אַזוי פיל מתנות!

מעקסיקאַנער דאַטשעס...

כ'האָב באַשלאָסן אויסצונוצן מיין וואַקאַציע און פאָרן אויף דאַטשע. מיינע גוטע פריינט האָבן מיך נישט געלאָזט צורו: ס'טייטש און ס'טייטש ווי פאַרט דאָס עפּעס א מענטש קיינמאָל נישט אויף אַ דאַטשע...

פאַרוואָס זאָל איך זיך נישט אָנטאָן א ביסעלע פאַרגעניגן, פאַרוואָס זאָל איך נישט פאַרזוכן דעם טעם, דעם אמתן פאַרגעניגן פון דער דאַטשע אין „קואַוטלאַ"...

פאַרוואָס זאָל איך זיך נישט באָדן אין דעם היילנדן שוועבל און סול־פור־וואַסער אינם געבענטשטן „קואַוטלאַ".

דאָס היילנדע מינעראל וואסער אין קואַוטלאַ באַווייזט דאָך ממש וואונדער, אמתע ניסים. ס'איז פשוט מחיה נפשות. דאָס וואַסער איז דאָך גוט צו אַלע קרענק, צו אַלע חולאתן, צו אַלע מחלות און אָנשיקענישן אויפן מענטשלעכן, זינדיקן גוף...

איז איינער צו פעט (נישט פון על חטא...), קען נעבעך נישט דערטראָגן דעם גראָבן בויך, דאָס שמאַלץ וואקסט ארום הארץ ווי אויף הייון, דאַרף ער נאָר פאָרן קיין קואַוטלא אויף דאַטשע ,זיך טובל זיין עטלעכע טעג אין וואַסער און ער פארלירט אין 3 טעג זעקס קילאָ פעטס, ווערט שלאַנק ווי אַ האָליוואודער אקטיאָר, ווי אן אמתער „אַפּאָלאָ"...

איז איינער נעבעך מאָגער, אויסגעדארט ווי א שטעקן, אויסגעטרוקנט ווי אַ לולב, הויט און ביין, האָט נישט קיין אַפּעטיט צום עסן —

דאַרף ער, למען השם, באַלד אַוועקפאָרן אויף דאַטשע אין קואַוטלאַ און זיך באָדן אין די שוועבל בעדער און אין א וואָך צייט נעמט ער אויף זיך צען קילאָ פלייש, ער ווערט אויסגעפּאַשעט, קיילעכיק ווי א קאַטוילישער גלח, ווי אַן עלטערע פּרימאַדאָנע אין דער אָפּערע...

דאָס וואַסער אין קואַוטלאַ הרגעט אַוועק דאָס גאַנצע ביסל דאָקטאָריי. אויס דאָקטוירים, אויס מעדיצין, אויס ביטערע פילן מיט שמירעכצן...

דיקע פעטע מענטשן ווערן דאר און מאָגער. דארע, מאָגערע ווערן דיק און פעט...

אַלע קרענק, אַלע חולאתן: רומאַטיזם, א שטעכעניש אין די זייטן, א ווייטיק אין די קריזשעס, אַ ציאונג אין אַ פוס, אַ ברעכעניש אין אַ האַנט ווערן אוועקגענומען ווי מיט ניסים... א קראנקן מאָגן, נירן, לעבער, אפילו גאַל שטיינער ווערן פארשוואונדן ווי דורך אַ כישוף...

קואוטלא איז אפילו א סגולה צו א שידוך... נישט איין שידוך איז שוין געשלאָסן געוואָרן דורך אַ באַקאַנטשאפט זיך באָדנדיק אין היילנדן וואסער...

קואוטלא איז אַ דאַטשע מיט א קור־אָרט אינאיינעם...

אמאָל זיינען אידן געפאָרן אויף זומער וואוינונג אויף דאטשע אין גע־דיכטע טרוקענע סאָסנע וועלדער. קראנקע קריגן אַ רפואה שלימה אין קור־אָרט, אין די וואַרעם בעדער: אין קארלסבאד, אין מאַרינבאד. ביי אונז אין מעקסיקע גייט אַלץ אינאיינעם...

ביי אונז פאָרן אַלע זיך באָדן אין קואוטלא, קראנקע און געזונטע. די קראַנקע קריגן אַ רפואה שלימה, און די געזונטע ווערן נאָך שטאַרקער און געזונטער... און וועלכער איד איז דאָס אַ געזונטער? און וועלכע אידי־שע פרוי וויל נישט פאָרן אויף דאַטשע?...

נו, דער יצר הרע ציט און מאַניעט: פאָר, פאָר אויף דאַטשע, כאַפּ אַריין אַ ביסעלע עולם־הזה...

געקומען בין איך אין קואוטלא מיט א קליינע וואַליזקע, מיט א באָד קאָסטיום און מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון מיין פריינט, וועלכער איז אַ שטענדיקער שטאם־גאַסט אין האָטעל בריסטאָל.

דער באַלעבאָס פון האָטעל, אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרסאָפּעטער איד אין אַ קאָלירט העמד מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל מיט אַן אָפענעם האַלז, האָט זיך אויסגעגלייכט די האָר מיט בײדע הענט, אַרויפגעצויגן אַ ביסל די צעקראָכענע פיגורן. די דינע שלאַנקע מיידלאך, ווי גלעזערנע ליאַלקעס וואָס דויזן, צוגענומען ביי מיר מיין וואַליזקע און אונטערגעטאַנצט, זיך גע־פרייט מיט מיר ווי מיט אַ טייערן, אַנגעלייגטן גאַסט:

—שלום עליכם א איד! גוט, פיין, סי סעניאָר, כ'האָב פאר אייך דעם בעסטן צימער מיט צוויי פענסטער. קומט זייט מוחל, איר זאָלט זיך פילן ווי ביי זיך אינדערהיים, מ'איז דאָך אייגענע מענטשן...

דער קליינער האָטעל מיט אַ גרויס עס צימער האָט אויסגעזען ווי א טערקישער האַרעם... בלויז פרויען און קינדער. די מענער זיינען נעבעך אין דער גרויסער שטאָט איינגעשפאַנט אין יאָך פון פרנסה. זיי קומען צו פאָרן בלויז שבת פארנאכט און פאָרן צוריק מאָנטיק אינדערפרי...

די ברוינע אָפּגעברענטע פרויען און מיידלעך שפּאַצירן אַרום ווי אין גן־עדן, אָדער ווי ביי זיך אין שלאָף־צימער...

אלע גייען אין ברייטע לויזע פּידזשאמעס, אין קאָלירטע גרויסע הויזן מיט פאַסן און אַלערליי בלומען. די באַלייבטע פעטע פרויען זעען אויס אין די ברייטע הויזן ווי פארשטעלטע. ס'מאַכט נאָך מיאוסער זייערע דיקע גייען מיט דראָבנע טריטעלעך: אָט, אָט צעברעכן זיי זיך... פאַרלירן זיך

אין די ברייטע הויזן, זעען אויס ווי נישט דערוואקסענע קינדער אין די ברייטע גערוימע פּידזשאַמעס.

אין גאָרטן מיט די צעוואקסענע געדיכטע קאשטאנען בוימער, רוען זיך אויס נאָכן מיטאָג די דאטשניקעס אויף לייוונטענע שטולן און הענג־בעטלאַך.

לעבן פלויט אויף אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם שטריק טרוקענען זיך אויף דער זון די וואָלענע באָד־קאָסטיומען, וועלכע זעען אויס ווי נאַסע, איינגעשרומפּענע גראָבע זעק.

אין דרויסן איז אַ טרוקענע היץ, ס'שמעקט מיט אַ זיסן איבלדיקן ריח פון באַמיסטיקטע פעלדער. די לופט אינם עס צימער שמעקט מיט א דומפּיקן שוועבל ריח פון די נאָר־וואָס אויסגעבאָדענע לייבער.

כ'האָב זיך אויסגעצויגן אויפן בעט זיך געוואָלט אַ ביסל אויסרוען פון וועג, זיך אויסגלייכן די ביינער נאָך א דריי שעה פאָרן אינם געפּאקטן „קאָמיאָן". כ'האָב דערפילט אַ זיסע מידקייט אין אַלע גלידער און זיך געטראכט: ווי גוט עס איז צו זיין ווייט פון דער טומלדיקער שטאָט. פון הו־האַ. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאנצן עול, אויס זאָרג, אויס פּאָליטיק, אויס קאָפּדרייעניש.

ווי גוט ס'איז צו לעבן אויפן שויס פון דער פרייער נאטור... כ'האָב איינגעדרימלט מיט אַ לייכטן, זיסן נאָכמיטאָג דרימל — — — און פלוצים הער איך ווי דער באַלעבאָס וועקט מיך.

כ'האָב מיך ראַפּטום אויפגעזעצט אויפן בעט און דערזען ווי אין צימער שטייט אַ פרוי מיט דריי קינדער, אויף דער פּאָדלאָגע זיינען אָנגעשטעלט וואַליזקעס מיט קוישלעך.

— סי סעניאָר — האָט דער באַלעבאָס געגומען שמייכלען צו מיר — די פרוי מיט די קינדער זיינען נאָר וואָס געקומען פון מעקסיקע. צו וואָס, איך בעט אייך, דארפט איר אזא גרויס צימער. איר זענט דאָך איינער אליין. כ'וועל אייך געבן אַ צימער אונטן מיט א פענסטער אין גאָרטן אַריין. איר זענט דאָך אן אייגענער מענטש...

אין אַ האַלבע שעה ארום האָב איך שוין געוואוינט אין אַ קליין צימערל מיט אַ פענסטער אין גאָרטן אַריין, לעבן עטלעכע שטייגן מיט הינער און קאַטשקעס...

נו, מילא, מ'איז דאָך אויף דאַטשע, זאָל זיין אַ קלענער צימער אַבי אין קוואַטלאַ...

שבת אינדערפרי בין איך זיך געגאנגען באָדן. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי. באָדן זיך דאַרף מען פאָרן עטלעכע קילאָמעטער הינטערן קליינעם פאַרשטויבטן שטעטל.

פונם אַרומגעצוימטן צעמענטענעם טאַנק מיטן לויפנדיקן טונקל גרי־

נעם וואַסער, הויבט זיך אין דער לופט אַ געריוש, אַ געשריי, אַ געפּילדער, עס הילכט אָפּ פון ווייטנס, ווי פון אַ סטאַדע צעלאָפּענע גענז.

דאָס שרייען און טומלען די פרויען מיט די קינדער. אַלע פילן זיך פריי, אומגעצוימט. אראָפּגעוואָרפן פון זיך די גרויס שטאָטישע מאַניערן און עטיקעט. אידן האָבן זיך דערפילט פריי, שרייט מען און מען ליאַרעמט, ווי קליינע צעלאָזענע קינדער...

מ׳פּאַטשט מיט די הענט איבערן וואַסער, מ׳שפּריצט, מ׳טונקט זיך אונטער, מ׳שווימט. אַ שווער לייביקע פרוי פון אַ הונדערט קילאָ לערנט זיך שווימען אויף אַ גומענע רייף. זי קלאַפּט מיט די פיס און הויבט אויף אַ וואַסער שטויב פון עטלעכע מעטער. אַלע צעלויפן זיך. מען האָט מורא צו קריגן אַ שטויס פון אַ שטאַרקן, גראָבן פוס...

אַ קינד האָט זיך אַריינגעגליטשט אין וואַסער, ווערט אַ בהלה. ביי אַ דיקע אויסגעפּאַשעטע פרוי האָט געפּלאַצט דער באָד קאָסטיום ביים אַרויס־גיין פון וואַסער. אַ יונגער פעסטער בחור איז אַריינגעשפרונגען אין וואַ־סער און איז אַרויפגעפאַלן אויף אַן עלטערע פרוי.

די זון רוקט זיך העכער, סמאַליעט די צאַרטע הויט, די היץ פּאַרעט די ערד, די נאַסע שטיינער, ס׳איז אַ שטיקנדע חמימה.

די זון באַקט, שרפהט, בריט דעם בלויזן קאָפּ, די נאַקעטע אַקסלען, פאַרברענט דאָס פּנים, טריקנט דאָס נאַסע לייב.

די לופט שמעקט מיט אַ געזאַלצענעם שוועבל ריח, מיט אַ שאַרפן גע־רוך, קרעלט אין דער נאָז. מאַכט שטייף דאָס לייב און בייסט די הויט. אין וואַסער איז אַן ענגשאַפט. מען שטופּט זיך, מ׳שטויסט זיך פונקט ווי פריי־טיק פאַרנאַכט אין אַ מקווה...

אַלע זיינען פריילעך, שטיפעריש, מ׳איז דאָך אויף דאַטשע!

די דאַטשניקעס האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן נאָכן באָדן ווי נאָך אַ שווערן תענית. מ׳האָט פאַרכאַפּט די טישלאַך אינם עס צימער און געגנו־מען אַרבעטן מיט גאָפּל מעסער, עסן אויף ביידע באַקן... דער באַלעבאָס פון האָטעל מוז אוודאי זיין אַ טאָלעראַנטער מענטש זעענדיק דעם אַפּעטיט פון זיינע אויסגעהונגערטע געסט...

ס׳איז אַ גרויסע מצווה צו עסן אַ גרעסער שטיקל עוף. אַ ביסל לעבער מיט שמאַלץ, אַ שטיק געפילטע פיש, נאָך אַ שטיקל הערינג און נאָך אַזעלכע „גרינע" מאכלים וואָס אידן עסן אויף דאַטשע, אויף דער פרייער נאַטור...

שבת פאַרנאַכט האָט זיך אין האָטעל אויפגעהויבן אַ טומל.

ס׳זיינען אָנגעקומען אַ סך געסט פון מעקסיקע. מענער צו זייערע פרוי־ען, יונגעלייט, עלטערן מיט קינדער. דער עס צימער איז געוואָרן פאַרלייגט מיט וואַליזקעס און פעקלאַך. ס׳האָט אויסגעזען ווי אָנגעפאַרענע מחותנים אויף אַ חתונה...

דער באַלעבאָס האָט זיך שטיל אריינגעשארט צו מיר אין צימער, הינטער אים א הויכער, דאַרער יונגערמאַן מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן, וואָס זיצן נישט אויף קיין אָרט, לויפן הין און צוריק. ער האָט גערעדט צו מיר אין אַ ווייך חניפהדיק קול: — סי סעניאָר. דער יונגערמאַן דארף דאָ שטיין אַ גאַנצע וואָך. כ'האָב אים פשוט נישט וואו צו לייגן. ס'איז דאָך וואקאציע סעניאָר, וועט ער וואוינען מיט אייך אין צימער, כ'וועל אריינשטעלן נאָך אַ בעטל...

נאָר גיי רייד, טענה, אַז ס'איז וואַקאַציע און מ'איז אויף דאַטשע...

דער יונגערמאַן האָט מיר אָפּגעגעבן א קאָנצערט אַ גאַנצע נאַכט. גע־פּאָכעט מיט די נאָז־לעכער, ווי מיט אַ בלאָזאַק. ער איז געווען זייער מוזי־קאַליש, געכראָפּעט מיט אן אָפן מויל מיט טאַקט: כררא, כרראָ, כרראָ, כרראָאָאָ!!!

זונטיק ביינאַכט פארן שלאָפן גיין, האָט זיך ווידער באַוויזן דער באַ־לעבאָס מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די פארטרוקנטע ליפּן — כ'וויל פון אייך א קליינע טובה סעניאָרעס, עס זיינען ביי מיר געבליבן נעכטיקן עמ־לעכע פרויען, די האָטעלן זיינען געפּאַקט, איבערפולט, סי סעניאָרעס. כ'ווייס איר זענט גוט דערצויגענע מענטשן, וועט איר אַזוי גוט זיין אָפּלאָזן דאָס צימער פאַר די דאַמען.

מ'האָט אונז אויסגעבעט אין גאָרטן אויף שמאָלע לייוונטענע בעט־לאָך. די לייכטע, הילצערנע בעטלאָך האָבן געקרעכצט, געסקריפּעט אונ־טער דער שווערער משא פונם קערפּער.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, א שטילע, א פארטראַכטע מיט אַ טיף בלויען אויסגעשטערנטן הימל. די קאַשטאַנען בוימער אינם גאָרטן האָבן געדיכטער געמאַכט די פינסטערניש. אַרום האָט געהערשט אַ דאָרפי־שע שטילקייט.

כ'האָב דערפילט, אַז כ'בין אויף דאַטשע. כ'האָב מקיים געווען די מצווה דאַטשע, ווי אן אמתער גוטער דאַטשניק: געשלאָפן אינדרויסן אויף דער פרישער פרייער נאַטור...

ס'האָט זיך באַלד אָנגעהויבן א פארצווייפלטער קאַמף צווישן מיר מיט די מאָסקיטאָס...

די מאָסקיטאָס זיינען מיך באַפאַלן מיט א ירגזון, מיט א זינגעריי: זזז זז און זזז! זיך געשטעלט אויפן פּנים, אויף די נאַקעטע הענט. כ'האָב גע־פּאָכעט מיט די הענט, זיי אראָפּגעטריבן. די מאָסקיטאָס פירן אָבער זייער מלחמה מיטן קלוגן מענטשן אויסגערעכנט, סטראַטעגיש... א פלי צו צום אויער, א זינג אַריין זיז, זיז. זיך דערוויסן צי איר שלאָפט שוין... אין עטלעכע מינוט אַרום ווי'דער זיז. זיזזז!

כ'בין מיד געוואָרן פון טרייבן די מאָסקיטאָס. כ'האָב איבערגעלאָזט

מיין זינדיקן גוף אויף גאָטס באַראָט. זאָלן זיי, די בלוט צאַפּערס זויגן מיין בלוט און אריינגעפאלן אין א טיפן שלאָף.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי א צעביסענער, א צעשטאָכענער, דאָס פּנים מיט די הענט מיט אויפגעלאָפענע קליינע בערגעלעך...

כ׳האָב דערפילט א ווייטיק, א מידקייט אין אַלע גלידער.

כ׳האָב באַשלאָסן צו אנטלויפן לעבעדיקערהייט פון דער דאַטשע. איך האָב גיך באַצאָלט פארן האָטעל, געכאַפּט מיין וואַליזקע און מיטן ערשטן „קאַמיאָן" צוריק געפאָרן אין מעקסיקע...

כ׳גיי שוין אַרום עטלעכע טעג א קראַנקער, א צעבראָכענער, א צע־ביסענער מיט פארברענטע פּלייצעס און הענט. דאָס פּנים איז רויט ווי ביי אַן אָפּגעבראָטענעם ראַק. די הויט אויפן שטערן שיילט זיך, ווי פון אַ גע־באַקענער קארטאָפל. די פּלייצעס טוען וויי, לאָזן זיך נישט אָנרירן, ווי אַן אָנגעצויגענער בלאָטער...

אָט דאָס הייסט געהאַט א וואַקאַציע מיט בעדער און מיט אַ דאַטשע.

אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן די דאַטשעס!

ער און זי...

דיאַלאָג

(ער זיצט ביים טיש נאָך דער וועטשערע, איז פאַרטיפט ביים לייענען אַ צייטונג.

זי זיצט ביי דער צווייטער זייט טיש, קעגנאיבער דעם מאַן, איז שטאַרק אויפגערעגט. רעדט נערוועז, אָפּגעהאַקט, נישט קוקנדיק אויפן מאַן).

זי: האָט זיך אָנגעפרעסן ווי אַ גוטער גוי און זיך גענומען צו דער צייטונג, (מיט כעס). כ'וועל נישט בלייבן א גאַנצן אָוונט אין דער היים! דו הערסט? כ'וועל נישט בלייבן!

ער: (קוקט זייטיק אַרויס פון צייטונג). ששש, שריי נישט אזוי, פּילדער נישט. די קינדער דאַרפן שלאָפן, דאַרפן גיין אינדערפרי אין שול. ששש!

זי: (שטעלט זיך ראַפּטום אויף). כ'וועל נישט אָפּפינסטערן מיינע טעג און נעכט, ווי אין אַ תפיסה. דו הערסט!

ער: אַ ביסל שטילער, אַ ביסל שטילער.

זי: דו גייסט דיר אַוועק אַלע נעכט אויף פאַרזאַמלונגען, זיצונגען און איך בלייב אין שטוב פונקט ווי אַ דינסט. ניין, כ'בלייב נישט! כ'טו זיך באַלד אָן און גיי אַריבער צו די האַצמאַכס!

ער: (מיט איראָניע). טע, טע, טע, האַלט איין דעם כעס, בייזער זיך נישט אַזוי, פּריצטע מיינע! עפּעס אַ קלייניקייט! ביי דיר אין קליינעם, פּינצטערן שטעטל, ביסטו אויך געגאַנגען יעדע נאכט צו גאַסט? ביי דיין טאַטן אין וויינגאָרטן האָסטו אויך געשפּילט יעדע נאכט אין קאָרטן?

זי: און ווער פרעגט ביי דיר, ווען כ'זאָל גיין?

ער: נישקשה, נישקשה, פּרינצעסין מיינע. מעגסט אַן אָוונט בלייבן אין דער היים.

זי: און דו, צעלייגער מיינער, ביסט דאָרט ביי דיר אין בלאָטיקן שטעטל, יעדע נאַכט געגאַנגען אויף קאָמיטעט־זיצונגען? פּרנסה־גרעבער מיינער! האָסט דאָך נישט געקענט אַ קאָץ דעם עק פאַרבינדן. דאָ אין מעקסיקע ביסטו געוואָרן אַ סוחר, אַ פאַבריקאַנט, אַ גאַנצער קנאַקער. איך קען דאָך דיך, גרויסער אויפטועד!

ער: (לייגט האַסטיק אַוועק די צייטונג). זאָג נאָר דו, דו צעלאָז נאָר ניט דיין פּיסקעלע! הער אויף צו ליאַרעמען מיט דיין מענה־לשון, יאַכנע דוואָשע!

זי: (ווערט אָנגעצונדן, גייט צו נאָענט צום מאַן, לענט אַן ביידע הענט

אויף דער טאַליע). ווער איז אַ יאַכנע, האַ? ווער איז אַ יאַכנע פרעג איך דיך? גראָבער יונג, האַלט ס׳מויל, דו איידעלער פּריץ מיינער. האָסט דאָך דאָרט אין דער היים נישט געקענט קיין רעכטן אַדרעס אָנשרייבן!

ער: (איראָניש). און דאַ, געבילדעטע יאַכנע מיינע, און דאָ אין מעק־סיקע שרייב איך טשעקן..

זי: און מער ווי טשעקן קענסטו טאַקע נישט שרייבן, גרויסער איג־טעליגענט מיינער!

ער: און דו יחסנטע מיינע, קענסט אפילו אין קיין אידישע צייטונג נישט אַריינקוקן!

זי: (איראָניש) האָסט אפשר חרטה אויפן שידוך? פּלאַקן שיסער!

ער: נו, יאָ, קיין גרויסע „קראַסאַוויצע" ביסטו קיינמאָל נישט געווען. ס׳האָט זיך דיר שטענדיק נאָכגעשלעפּט דער שלימפּער. זעסטו חרטה האָ־בען איז נישט מעשה סוחר. אַריינגעפאַלן, איז פאַרפאַלן!

זי: (גיך מיט כעס). קענסט צוריק אַרויספאַלן פאַרשוין מיינער! קענסט דיר אויסזוכן אַ שענערע! אוודאי בין איך נישט קיין שיינע, פונדעסטוועגן האָב איך געגנוג „אוכאַזשאָרן". דיינע אייגענע פריינט נעמען איין פאַר מיר אַ מיתה־משונה. זיי לויפן מיר נאָך ווי די הינט, גרויסער פאַרשוין מיינער!

ער: כאַ, כאַ, כאַ! נו יאָ, ס׳איז דאָ ווערמען נאָכצולויפן. זיי מיינען נישט דיך, יפת־תואר מיינע, נאָר דיינע הונדערטער פּעזעס, וואָס דו פאַרלירסט אין פּאָקער, נישט מער!

זי: נישט מער? צעלייגער מיינער. וואַרט, וואַרט. כ׳וועל דיר שוין ווייזן! כ׳וועל דיר שוין ווייזן!

ער: וואָס וועסטו מיר טאָן, וואָס?

זי: איך וועל ליגן אין קיך גלייך מיט דער דינסט, ווערן פאַרשוואַרצט, גרוי און אַלט ווערן פאַר דער צייט, כדי דו זאָלסט דיר קענען פּאַשן דעם גראָבן בויך דיינעם! וואַרט, יאַנקל פייפער, וואַרט!

ער: פּססס, אַ קלייניקייט. דיינע טייערע מאכלים וואָס דו קאָכסט!

זי: וועסט צעזעצט און צעשפּרונגען ווערן ביי מיר. אויס קעכין! אויס קעכין, פּריץ מיינער, אויס!

ער: בלייב איך ווייטער אָן אַ זיידן. מ׳קריגט, פאַר געלט קריגט מען עסן. ס׳איז נאָר אַ שאָד די קינדער.

זי: די קינדער! ס׳איז אים אַ שאָד די קינדער. קוקסט זיי דען אָן? גיסט זיך מיט זיי אָפּ, ווי אַ ליטישער טאַטע? נעמסט זיי ערגעץ? האָסט דאָך נאָר אין זינען זיך צו פוצן מיט נייע אנצוגער און צו שמייכלען צו די שיקסעס...

ער: און אַז יאָ, מיינסטו כ׳האָב פאַר דיר מורא? כ׳ווייס, כ׳ווייס, אַז דו ביסט אייפערזיכטיק. נאָר כ׳האָב דיך אין דר׳ערד, יאַכנע!

זי: זאָלסט ליגן איינגעלייגט, מוזשיק, דו הערסט! זאָלסט מיך אויפ־

הערן צו שעלטן! דו זשוליק, רוצח, וואַלד־גזלן! כ׳בין אַ מאַמע פון קליינע קינדער, דו הערסט!

ער: כ׳הער, כ׳הער, קוויטשע נישט אַזוי. דו לאָזט נישט שלאָפן די קינדער. פאַרמאַך דאָס מויל, וועסט ביי מיר באַלד אויסגעריסן ווערן.

זי: (ווערט צעקאָכט, פון די אויגן שפּריצן פונקען פייער, שרייט הויך). ווען שעלסטו, האַ? אַ בראַך זאָל דיך טרעפן! אַ כאָלערע זאָל קומען אויף דיר! אַ נכפה זאָל דיך כאַפּן! שעלטן גאָר? מיך שעלטן? נאַ!!! (זי כאַפּט פּלוצים אַ טעלער און וואַרפט דעם מאַן אין קאָפּ אַריין. ער כאַפּט פליגק אַוועק דעם קאָפּ, דער טעלער טרעפט אין וואַנט אַריין און ווערט צעבראָכן אויף שטיקלעך).

ער: (בלייבט זיצן בלאַס, דערשראָקן, רעדט שטיל). מגע, שיין, שיין, שיין דערלעבט זיך. נישטאָ וואָס צו רעדן. וואָדען, וואָדען, אַז מ׳האָט אַזאַ וואוילטאָג, אַזאַ גוטס. ווי ווערן דאָך משוגע די ווייבער. זיי ווייסן דאָך שוין אַליין נישט וואָס צו טאָן, פון וואוילטאָג, פון לײדיק גײן!

זי: (זעצט זיך ביים טיש מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האַלט אַ שיין געהאָפטן טיכל ביי די אויגן און העשעט אין דער שטיל). יאָ, גוטס, וואויל־טאָג, ווי צו מיינע יונגע יאָרן! (ווייגט שטאַרקער). אַ וואוילטאָג האָב איך ביי אים! כ׳טראָג נאָך דעם אַלטן הוט, פון דריי חדשים צוריק.

ער: (ווערט אומרואיק, קען נישט הערן קיין פרוי וויינען. הויבט זיך אויף פון שטול וויל צוגיין צו איר. זעצט זיך צוריק).

זי: (הויבט אָן כליפּען שטאַרקער). אַלע פרויען האָבן צו צוויי פוקסן דאָטשע אין אַקאָפּולקאָ און איך מוז פאָרן אין קוואָוטלאָ...

ער: (הויבט זיך פּאַמעלעך אויף פון שטול, זיין ווייבס טרערן נעמען אים דורך. גייט צו פּאַמעלעך, נישט זיכער צום ווייב). נו, שאַ, שאַ, וויין נישט. ס׳איז דאָך אַ חרפּה און אַ שאַנד פאַר די שכנים. הער אויף, הער שוין אויף צו וויינען. נו זאָל שוין זיין שטיל, בערטאָ!

זי: (וויינענדיק). אַוועק פון מיר!
און איך מוז זיך שוואַרצן דאָס פּנים מיט איין פוקס... אַלע פאָרן שוין אויף

ער: (ווערט צערטלעך צו איר). נו שאַ, וויין נישט בערטיטשקאָ, וויין נישט בערטאָ־לעבן. (נעמט זי אַרום).

זי: אַוועק פון מיר! דו מלאך־המות מיינער. דו פאַרקירצסט מיר מיינע יאָרן. אַוועק!

ער: (זעצט זיך לעבן איר אויף אַ שטול). נו שאַ, שאַ, מיין לעבן, מיין נשמה. דו ווייסט דאָך בערטיטשקאָ, אַז כ׳האָב דיך ליב. נו שאַ מיין טייערע. (זעצט זי פּאַמעלעך אַרויף אויף זיין שויס).

זי: (ווערט ווייכער אַביסל). ביסט אַ שלעכטער, אַ האַרצלאָזער מענטש!

ער: (צערטלעך), וועסט זען בערטאַ, וועסט זען וואָס כ׳וועל טאָן פאַר דיר, וועסט זען!

זי: (אין אַ שטילן צערטלעכן טאָן). וועסט מיר כאַקאָבאָ, מאָרגן קויפן נאָך אַ זילבער־פוקס?

ער: (נעמט זי שטאַרקער אַרום, דריקט זי צו פעסט צו זיך). זיכער, טייערע מיינע, זיכער וועל איך דיר קויפן, זיכער בערטאַ־לעבן!

זי: כ׳וועל פאָרן אויף די וואַקאַציעס מיט די קינדער אין אַקאַפּולקאָ, יאָ, כאַקאָבאָ?

ער: יאָ, מיין טייערע, יאָ. וועסט פאָרן, וועסט פאָרן!

זי: און כ׳וועל גיין מאָרגן אָוונט צו די האָצמאַכס שפּילן אין פּאָקער. יאָ, כאַקאָבאָ טייערער?

ער: יאָ, יאָ, וועסט גיין שפּילן. פאַרוואָס נישט! אוודאי וועסטו גיין שפּילן, מיין ליבע בערטיטשקאַ. וועסט שפּילן, מיין טייער, זיס ווייבעלע, וועסט שפּילן, וועסט שפּילן! (ביידע צעקושן זיך).

אידן מיט קאַטשעס...

מאָנאָלאָג

— ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך נישט קיין זיבעלע... כ׳בין אַ איד וואָס האָט נישט קיין מורא צו דערלאַנגען קלעפּ ווען מ׳דאַרף, און צוצונע־מען אַ קלאַפּ ווען מ׳גיט... כ׳בין נישט קיין פּחדן, קיין מוראדיקער, קיין איבערגעשראָקענער האָז...

איר זעט אַ פּאָר ידים? זייט מוחל גיט אַ קוק! דער וואָס כאַפּט אַ פּאַטש פון מיין הענטעלע, קען שוין מער נישט הערן קיין שופר בלאָזן... דער וואָס קריגט פון מיר אַ מתנת־יד, קען שוין מער נישט שטיין קיין שמונה־עשרה...

נאָר פאַר איין זאַך, זעט איר, האָב איך מורא, פאַר איין זאַך שרעק איך זיך — פאַר אַ קאַטשע! יאָ, יאָ, וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? איך מיין עס אין דער אמתן. כ׳האָב מורא פאַר אַ קאַטשע אימת מות, כ׳ציטער פאַר אַן אויטאָמאָביל, ווי אַ דאָרער שמש פאַר אַ בייזן פעטן גבאי, ווי אַ יונגער איידעם פאַר אַ שלעכטער, בייזער שוויגער, ווי אַ אידישער סוחר פאַר אַ פּראָטעסטירטן וועקסל...

אָבער וואַרט אַ ביסעלע, מאַכט נישט קיין טעות, כע, כע, כע, מיינט נישט חלילה, אַז כ׳האָב מורא צו פאָרן אין אַ קאַטשע, ניין, דאָס דווקא נישט, כ׳האָב נאָר מורא פאַר אַן אייגענער קאַטשע, איר פאַרשטייט צי ניין! אַן אייגענע קאַטשע איז פשוט אַן אומגליק, אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען, אַ שטראָף פון גאָט...

אַן אייגענע קאַטשע און אַ מכה, איז גוט, אַז יענער האָט זיי... פון אַ מכה קען מען נאָך פּטור ווערן און פון אַן אייגענער קאַטשע איז שווערער פּטור צו ווערן, ווי פון אַ שלעכטן משא ומתן, ס׳קלעפּט זיך צו אייך. האָט איר נאָר פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אייגענער קאַטשע, זענט איר, במחילה, אַ פאַרפאַלענער מענטש... ס׳ציט און ס׳שלעפּט, ס׳שלעפּט און ס׳ציט, ווי דער הייליקער פּרק זאָגט: עבירה גוררת עבירה. ווידער אויסגאַבן, וויי־טער הוצאות מיט „גאַסטעס״...

היינט אַ ניי שריפעל, מאָרגן אַ נייע „יאַנטע״, אָט האָט זיך אויסגע־ריבן די „וויעלאָס״, דער קאַרבוראַדאָר, אַ קאָראָנאַ, אַ פּיניאָן, די פליעטשעס, באַלעראָס.

אַן אייגענע קאַטשע איז פּונקט, כ'בעט איבער אייער כבוד, להבדיל, ווי אַ פאַרצערטלטע קאַפּריזנע כלה... אַלע מאַנטיק און דאַנערשטיק דאַרף מען איר קויפן נייע כלה־מתנות...

זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואָס איז עס פאַר אַ מין גליק צו האָבן אַן אייגענע קאַטשע? האָסטו געהערט אַ מעשה, עפּעס אַ קלייניקייט, אַן אייגענע קאַטשע!!!

שאַט, דער גראַף פאַרט! דער פריץ זיצט מיטביידע הענט ביים רעדל מיט אַ וואַזשנע מינע ווי ער וואָלט געטאָן אַ הייליקע מלאכה... מאַכט אַ וואָרע, דער גובערנאַטאָר פאָרט!

ביי אונז אין שטעטל האָט מען איינגעשפּאַנט אין דער ברישקע אַ פּאָר ברענענדיקע סוסים און גאַלאָפּ איבערן גלאַטיקן שאָסיי, אַז דער רוח האָט עס גענומען... אָדער מ'האָט זיך געזעצט רייטן אויף אַ לאַנגן פייער־דיקן אָגער מיט אַ שטאָלצן אויפגעהויבענעם קאָפּ אין דער הויך, די גריי־ווע פאַרוואָרפן אויף אַ זייט. דאָס פערדל שפרינגט אונטער, ציילט די טריט מיט די פאָדערשטע פיס: איינס, צוויי, איינס, צוויי, פּונקט להבדיל ווי אַ שיינע באַלערינע...

אָט דאָס איז אַ מחיה, אַן אמתער תענוג!

וואָס מ'שטיינס געזאָגט פאַר אַ פאַרגעניגן קען מען האָבן, ווען מען זעצט זיך אַריין אין אַ פאַרמאַכטן בלעכענעם קאַסטן אויף פיר רעדער... מ'פייפט און ס'טרובעט פון פאָרנט און לאָזט אַרויס אַ שמעקנדיקן גאַזאָ־לין־ריח פון הינטן...

אַ מלאך המוות אויף פיר רעדער, נישט מער!...

אַן אייגענע קאַטשע, זאָג איך אייך אידן, איז ערגער ווי אַן אייגן ווייב. מיט אַ ווייב קען מען זיך כאָטש אַמאָל אויסטענהן... און אַ קאַטשע שווייגט. גיי טענה זיך אויס מיט אַ שטומער זאַך, מיט אַן אייזערנעם גולם.

אָט הערט אומישנע אַ שיינע מעשה פון אַ קאַטשע, טאַקע מיט מיין אייגענער קאַטשע.

אין אַ שיינעם העלן טאָג קומט צו מיר צו מיין זון פּעדראָ און זאָגט מיר שטילערהייט: — טאַטע, כ'וויל דיך בעטן אַ טובה, — אדרבה, זאָג איך צו אים, לאָמיך הערן קדיש מיינער, וואָס פאַרלאַנגסטו פון טאַטן דיינעם?

— אַ קאַטשע! כ'וויל טאַקע אַן אייגענע קאַטשע; אַלע יונגעלייט טרייבן אייגענע קאַטשעס. אַ קאַטשע טאַטע, איז גוט צום קרעדיט... אַן אייגענע קאַטשע איז בעסער ווי אַן אייגן הויז. אַן אייגן הויז וועט קיינער נישט קו־מען אָנקוקן, אָבער אַן אייגענע קאַטשע זעט די גאַנצע שטאָט...

מ'פאָרט אין טעאַטער, אין אידישן קלוב, אויף אַ פאַרזאַמלונג, מ'פירט אַהיים אַ באַקאַנטע מיידל.

ס'זיינען דאָ ציוניסטישע קאַטשעס, בונדיסטישע קאַטשעס, קאָמוניס־מישע קאַטשעס און גלאַט אידישע קאַטשעס...

כ'האָב אים, דעם זון מיינעם, געוואָלט אָפּריידן, אַז אַן אייגענע קאַ־טשע איז אַ צרה, אַן אַנשיקעניש, אַן אומגליק. אַן אייגענע קאַטשע איז נאָך ערגער ווי אַן אייגענער שותף... נאָר וואָס טויג דאָס רעדן, מעשיות, גע־שעפטן, אַהין אַהער, דאָס און יענץ, אַז מיין פעדראָן פאַלט איין אַ שמע קולנו אין קאָפּ איז פאַרפאַלן. כ'האָב געקויפט אַ קאַטשע, געקויפט!

אָבער אַ קאַטשע אַן אַנטיק, אַ צאַצקע, אַזוינס און אַזעלכעס — אַ שיברי לב, אַ שעוורואָלעט הייסט עס, פון 35־טן יאָר. מיט פינף רעדער, צוויי גלאַנציקע ניקלנע לאַמטערן פון פאָרנט, ניקלנע קלאַמקעס ביי די טי־רען און מיט אַ פייפער וואָס פייפט מיט אַ האַלבער אָקטאַווע, מיט אַ שטיקל ניגון: טרו־טרע־טרי־טרו! טרו־טרע־טרי־טרו־ו־ו!

כ'האָב די קאַטשע געקויפט בחצי חינם, אַן אמתע מציאה: פאַר צוויי טויזנט פעזעס אַ שעוורואָלעט מיט אַ קאָליר פון קאַווע מיט מילך און מיט זעקס צילענדערס...

אין אַ וואָך אַרום האָט דער קדיש מיינער געבר̇ענגט אַ כתב, אַ הכשר, אַ ליסענסיע הייסט עס, אַז ער יכול'ט, ער קען שוין און מעג שוין פאָרן...

כ'האָב זיך מיט מיין אידענע אַריינגעזעצט אין דער קאַטשע און גע־בעטן דעם זון מיינעם ער זאָל, למען השם, ביים אַדורכפאָרן אַ גאַס פייפן... פייף, זאָג איך אים, פייף פעדראָ, פייף! ס'וועט זיין אַ סך געזונטער פאַר אונזער קאַטשע און פאַר אַנדערע קאַטשעס... איי, ווען פעדראָ זאָל אַזוי קענען פאָרן ווי פייפן, וואָלט ער אוודאי געווען דער בעסטער שאָפער אין מעקסיקע...

מיר פאָרן אָפּ עטלעכע גאַסן און סטאָפּ! די קאַטשע גייט נישט, רירט זיך נישט פון אָרט. מען דרייט אַהין, אַ קוועטש אַהער, אַ נעכטיקער טאָג! — טאַטע — זאָגט ער צו מיר — זיי מוחל גיי אַרויס און העלף געבן אַ שטופּ... מיר שטופּן אונטער און די קאַטש רירט זיך מיט מזל. אָפּגעפאָרן אַביסל און ווידער די אייגענע מעשה, זי פאָרט נישט. מיר שטופּן אונטער און מיר זיינען קוים דערפאָרן אַהיים.

פאָרן מיר איינמאָל אויף אַ שמחה, הויבט די קאַטשע מיטאַמאָל אָן צו קרעכצן, להבדיל, ווי אַ מענטש, זי איז געוואָרן הייזעריק, נעבעך, געקראָגן אַן אַסטמע: כיררר כיררר! און לאָזט אַרויס פון הינטן אַ געדיכטן העלן רויך פון גאַזאָלין. די מאַשין גייט נישט און אַ סוף!

מ'האָט די קאַטשע געמוזט אַוועקשלעפּן אין אַ גאַראַזש, ס'האָט מיך געקאָסט דרייסיק פעזעס דאָס פאַרריכטן.

פאָרן מיר זונטיק אין טשאַפּולטעפּעק שפּאַצירן, הערט זיך פּלוצים אַ שאָס ווי פון אַ ביקס... עס האָט געפּלאַצט אַ „יאַנטע". די קאַטשע האָט

זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ זייט מיט אַ פּיססססס, אַרויס די לופט פון ראָד און אויס קאָטשע!

אַהיים זײַנען מיר שוין געפאָרן אין אַ געדונגענער קאָטשע. מײַן פּעדראָ איז געבליבן איבערבײַטן דאָס ראָד.

ווילן מיר בײַנאַכט פאָרן אין אידישן טעאַטער, זע איך עפּעס ווי מײַן קדיש פּאָרקעט זיך ביי דער קאָטשע מיט אַ ליכט אין דער האַנט, ס'איז עפּעס קאַליע געוואָרן... מ'איז שוין געפאָרן אין טעאַטער אין אַ געדונגענער קאָטשע...

פאָרט מען פון אידישן קלוב, פאַרגעסט פּעדראָ אַרויסצושטעקן די האַנט און ס'פאָרט אָן מיטן גאַנצן אימפּעט אַ גרויסער קאַמיאָן און די קאָטשע איז אַרײַן אין סאַמע בויך פון קאַמיאָן... מ'איז קוים אָפּגעקומען מיט צען פּעזעס שטראָף!

דער זון מײַנער, פּעדראָ, האָט געהאַלטן ביי זיך קעשענעס מיט פּעזעס... געטיילט שלח־מנות די טראַפיק־פּאָליציאַנטן פאַר שטראָף: אַריבער אַ רויטן סיגנאַל, צוויי פּעזעס שטראָף... געשטאַנען צו לאַנג, צוויי פּעזעס. נישט געפאָרן וואו מ'דאַרף, צוויי פּעזעס. שפּעטער אַביסל האָט ער שוין אָנגעהויבן טיילן בלויז פּעזעס און האַלבע פּעזעס...

די קאָטשע האָט אָנגעהויבן טרינקען גאַזאָלין ווי אַן אמתע זויפעריך. ווידער צען ליטער און ווײַטער צען ליטער... ס'האָט מיך אָפּגעקאָסט בלויז גאַזאָלין אַ שלל מיט געלט, צו זעקס פּעזעס אַ טאָג... מ'האָט זי געפירט פאַרריכטן און מ'האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז עפּעס אַזאַ אַריסטאָקראַטישע מאַשין, וואָס האָט ליב צו טרינקען אַ סך גאַזאָלין...

מײַן פּעדראָ האָט שוין אין דער צײַט איבערגעפאָרן אויף טויט אַ הונט... דער כלב האָט נעבעך געגעבן אַ שרעקלעכן קוויטש, וואָס האָט דורכגעשניטן די לופט, אויסגעהויכט די הינטישע נשמה זײַנע און איז אַנטשוויגן געוואָרן. א רחמנות נעבעך, אַ צער בעלי־חיים...

ער האָט אויך שיעור איבערגעפאָרן אַן עלטערן מענטש. ער האָט אים בלויז צעקלאַפּט דעם פוס... איך בין קוים אָפּגעקומען מיט אַ פופציקער...

פאָרט מען איינמאָל אויף בוקאַרעלי גאַס, ווייל ער באַווייזן, אַז ער קען איבעריאָגן אַ קאָטשע און פאָרט אַרײַן מיט אַ ראָזמאַך אין אַ פרעמדער קאָטשע און רײַסט ביי איר אָפּ דעם רעכטן פליגל און צעמזיקט אַ האַלבע מאַשין... טענה איך צום בעל דבר פון דער צעקנאַקטער קאָטשע: פריץ לעבן, נאַ דיר אַוועק מײַן קאָטשע און לאָמיר זײַן קוויט... וויל ער נישט. כ'האָב געמוזט פאָרן פאַרריכטן באַצאָלן הונדערט מיט פופציק פּעזעס...

בין איך געוואָרן בייז און געגעבן מיט כעס אַ געשריי: פּעדראָ, גענוג געזאָגט יעלה ויבא! אויס יום־טוב! שפּאַן איין דײַן קאָטשע און פיר זי

אַוועק אויף קוּאַטעמאַטסין און פאַרקויף זי אויף אַלט אייזן... אויס רייט־וואָגן! דיין קאַטשע מאַכט מיך בדיל הדל, אויס קאַטשע!

בעט ער זיך דער תכשיט מיינער, כ׳זאָל אים לאָזן פאָרן כאָטש נאָך אַ וואָך, ער וועט זיך אויסלערנען...

אין אַ שיינעם זונטיק אין דער פרי, פאָרן מיר זיך באָדן אין קוּאַוטלאַ. איר ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן ס׳איז צו פאָרן אין אַן אייגענער קאַטשע זיך באָדן אין קוּאַוטלאַ... דאָס איז דאָך דאָס העכסטע גליק צו וואָס אַ מעקסיקאַנער איד קען דערגרייכן...

אַ צוואַנציק קילאָמעטער פאַר קוּאַוטלאַ, לויפט ראַפּטום אַן אַ קאַמיאָן, ווי אַ בייזער רוח און הויבט אויף אַ וואָלקן מיט שטויב. פעדראָ האָט זיך דערשראָקן, אַ דריי געטאָן דאָס רעדל אויף רעכטס און די קאַטשע האָט זיך איבערגעקערט אויף אַ זייט...

מ׳האָט קוים אויפגעמאַכט די טיר אַרויף צום הימל צו, אַזוי ווי נחס תיבה... און צעקלאַפּטע, איבערגעשראָקענע אַרויסגעקראָכן...

אַ דאַנק גאָט, זאָג איך, מ׳לעבט! פאַלט מיין אידענע אויף מיר אָן מיט אַ רוגזה: אַז פאַרברענט זאָל זי ווערן די קאַטשע דיינע! אַז פאַרברענט זאָלן ווערן אַלע קאַטשעס!

קיין קוּאַוטלאַ איז מען שוין דערפאָרן אין אַ קאַמיאָן...

מ׳האָט געברענגט די קאַטשע אין מעקסיקע אַ צעקלאַפּטע, אַ פאַר־באַנדאַזשירטע מיט ברעטלעך, מיט העלצער... כ׳האָב געהייסן דעם קדיש מיינעם אַנטאָן דעם שבתדיקן אנצוג. לאַמיר, זאָג איך, מאַכן אונזער קאַטשע אַ שיינע לויה...

מ׳האָט זי אַוועקגעפירט אויף דער מינאַ־גאַס אין אַ הויף אַריין, וואָס זעט אויס ווי אַ בית־עולם פון צעבראָכענע, צענומענע קאַטשעס. קאַטשעס אָן רעדער, אָן פיס, אָן קעפּ, אָן מאַשינען, אָן געדערים...

די קאַטשע מיינע האָט מיך געקאָסט צוויי טויזנט פעזעס. גאַזאָלין, אייל, פאַרריכטן, שטראָף, האָט מיך געקאָסט נאָך אַ טויזנט פעזעס... און אָפּגענומען האָב איך פאַר איר גאַנצע הונדערט מיט פופציק פעזעס...

מיין פעדראָ איז אַרויסגעגאַנגען פון הויף טרויעריק, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ ווי אַן אבל... און איך האָב שטילערהייט געמאַכט די ברכה, ברוך שפטרנו... פטור געוואָרן פון אַ צרה, אויס קאַטשע!

ווי איר זעט בין איך אַ געשטראָפטער, וואָרן איך אייך: דערבאַרעמט זיך אידן! האָט רחמנות אויף אייערע קעשענעס, אויף אייער געזונט. פאָרט נישט אין קיין אייגענע קאַטשעס!

גייט צו־פוס, פאָרט אין טראַמוויי, אין קאַמיאָן, אין אַ געדונגענער קאַטשע. איר מעגט אפילו פאָרן אין אייערע פריינטס קאַטשעס, אבי נישט אין קיין אייגענער קאַטשע...

אוי די קאַטשעס, די אייגענע קאַטשעס!

אידישע קאָנקורענטן . . .

פאַראַן אַלערליי קאָנקורענטן.

פאַראַן קאָנקורענטן, וועלכע זיינען פשוט אַ ברכה פאַר דער קונסט און ליטעראַטור.

אַזעלכע מינים קאָנקורענטן, זיינען פּאָעטן, שרייבער, מוזיקער, מאָלער און בכלל קינסטלער.

אָט דאָס מיינט טאַקע דער פּסוק: קנאת סופרים תרבה חכמה. שרייבער, קינסטלער רייסן זיך, בייסן זיך און שטעכן זיך (מיט ווערטער). מ'שאַצט אונטער (יענעם), מ'שאַצט איבער (זיך אַליין). מ'קאָנקורירט, מ'וויל זיך אויסצייכענען, מ'וויל האָבן לייענער, פאַרערער.

אַ קינסטלער־קאָנקורענץ!

און דערוויל געניסט דער עולם פון בעסערע ליטעראַטור, פון בעסערע און שענערע קונסט־ווערק.

פאַראַן אויך קאָנקורענטן (להבדיל) אין מסחר, אין האַנדל־וואַנדל, וואָס ברענגט אויך אַ גרויסן נוצן דער גאַנצער געזעלשאַפט.

אָט למשל, מאַכט זיך איינער אויף אַ יאַטקע פון בשר־כשר, פון כשר־פלייש. וואָלט דאָך באמת געווען אַ גרויסע סכנה, אַז דער קצב זאָל זיך הייסן געבן פרייזן, ווי אין אַן אַפּטייק.

איז זיך מיישב נאָך אַ קצב און מאַכט טאַקע באַלד אויף דערלעבן נאָך אַ יאַטקע פון בשר־כשר. זאָל יענער קצב נישט מיינען, אַז ער איז איין זכר אין מאָסקווע... און שינדן די הויט (נישט פון די בהמות) פון די קונים.

די קצבים נעמען טרייבערן די זייטן און שניידן די פרייזן און דער עולם האָט דערוויל ביליקער פלייש.

אָט האָט איר, בשר־כשר קאָנקורענטן.

אָדער למשל, ווען ס'קומט דער מצה־סעזאָן פאַר פסח.

ווען ס'וואָלט חס־וחלילה געווען בלויז איין מצה־פאַבריק, וואָלט דער מצה־פאַבריקאַנט געקאָנט רייך ווערן ווי קרח מיט איין קלאַפּ, ער וואָלט געקאָנט אַרויפשרויפן די פרייזן מי יודע ווי הויך, ס'זאָל אַזש אָנהייבן שווינדלען אין די אויגן. און אידן וואָלטן געמוזט קרעכצן און צאַלן, גיי מאַך פסח אָן מצות.

זיינען אָבער פאַראַן קאָנקורענטן. מאַכט זיך באַלד אויף נאָך אַ מצה־פאַבריק — און אויס יחסן!

די מצה־פרייזן הייבן באַלד אָן פאַלן ווי אַקציעס אויף אַ בערזע.
און טאָקע וועגן דער זייער, זייער וויכטיקער, געזעלשאַפטלעכער פראַגע — שידוכים.

וועלכער טאַטע, וויל דאָס נישט פאַר זיין געראָטענער, שיינער טאָכ־טער אַ חתן — אַ דאָקטאָר אָן אינזשיניער, אַן אַדוואָקאַט אָדער כאָטש אַ דענ־טיסט. וועלכעס מיידל, וויל דאָס נישט אַ חתן מיט אַ טיטל?

איז מען טאָקע אַמאָל געוואָרן אויסגעריסן, צו קריגן אַ דאָקטאָר, איז געווען שווערער, ווי קריעת־ים־סוף. אַ חתן מיט אַ טיטל, איז געווען אַ יקר־המציאות. מ׳האָט געמוזט געבן אַ פעטן נדן, כאָטש אַ פופציק טויזנט און טאָקע מזומנים...

היינט זיינען אָבער פאַראַן אויפן שידוכים־מאַרק אַ סך קאָנקורענטן.
היינט זיינען דאָקטוירים, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן און דענטיסטן ביליקער ווי באָרשטש...

אין די שטאָטן פאַרדינען פשוטע מעכאַניקער, מער ווי געענדיקטע דאָק־טוירים. אָן איינפאַכער שאָפער פאַרדינט מער, ווי אַ געלערנטער אַדוואָקאַט.
היינט קאָן אַ מיידל פון אַ גאַנץ יאָר און נישט קיין וואזשנע „קראַסאַ־וויצע", זיך אויסקלויבן פאַר אירע עטלעכע טויזנט פעזעס, וואָס איר מיידל־שע האַרץ פאַרגלוסט זיך: אַ דאָקטאָר, אַן אינזשיניער, אַ כעמיקער, אַ דענ־טיסט, אָדער אַזוי אַ חתן מיט אַ טיטל.

ס׳הערשט אַ גוואַלדיק־גרויסע קאָנקורענץ אויפן טיטל־מאַרק...
דאָ, ביי אונז אין מעקסיקע, קאָן זיך אַ מיידל מיט אַ ביסל קליין־געלט, אויסקלויבן אַ באַשערטן אַפילו — אַ פראָפעסאָר!

מיר האָבן דאָ אַן איבערפלוס פון פראָפעסאָרן־טיטלען...

אַמאָל האָבן פרויען צווישן זיך קאָנקורירט, ווער ס׳קאָן זיין אַ בעסערע באַלעבאָסטע, ווער ס׳קאָן בעסער אָפּקאָכן אַ לעפל געקעכץ, שטריקן, נייען, פאַרצערוועןדעם מאָנס שקאַרפעטקעס, אָדער ביי וועמען ס׳זיינען בעסער געראָטן די שבתדיקע חלות.

פרויען האָבן צווישן זיך קאָנקורירט, ווער ס׳קאָן בעסער תחינות זאָגן, אָדער ווער ס׳קאָן זיין אין דער ווייבערשער שול אַ פאַרזאָגערין.

די רייכע פרויען האָבן אַמאָל צווישן זיך קאָנקורירט מיט זייער צירונג מיט די לאַנגע געפלאָכטענע גילדענע קייטן אויפן האַלז, מיט די גרויסע, ברילינאַנטענע קאָליעס און לאַנגע אוירינגלעך, שנירעלעך קרעלן און פערל, זיי האָבן זיך אויסגעפוצט אין אַלערליי שפילקעס, צירונג און אַנדערע מינים שמאָכטעס.

אַ סך ווייבלעך האָבן זיך שטאַרק געגרויסט, ווען זיי האָבן זיך אָנגעטאָן פינגערלעך כאָטש אויף אַכט פינגער פון ביידע הענט. (אַ שאָד נעבעך, וואָס אויפן גראָבן פינגער טראָגט מען נישט קיין פינגערל).

די אויסגעפּוצטע ווייבער, האָבן גערעדט מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל, זיי האָבן זיך געוואָלט באַווייזן מיט זייערע פינגער, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַן אויסשטעלונג פון בריליאַנטן, סאַפירן, פּערל, טאָפּאַזן און רובינען.

הייַנט, אַז אַ פרוי טראָגט אויף די פינגער צופיל בריליאַנטן, באַטראַכט מען זי ווי איינע פון „יענע" ווייבלעך...

הייַנט, איז טראָגן אַ סך צירונג אַרויס פון דער מאָדע און וואולגאַר. אַ שנור פּערל קריגט מען פאַר אַ גאַנצע פּעזע און די נאָכגעמאַכטע שטיינדלעך זעען אויס אַ סך שענער ווי די עכטע.

דערפאַר אָבער קאָנקורירן די הייַנטיקע מאָדערנע פרויען, מיט „אוכאַזשאָרן", מיט פוטערוואַרג און מיט פּאָקער שפּילן...

באַרימט זיך אַ פרוי פאַר אירע באַקאַנטע: — איך שפּיל אין פּאָקער מיט אַ „לימיט" פון 25 פּעזעס, איר פאַרשטייט, כ'קאָן נישט נעמען קיין האַנטקאָרטן אין אַ ביליקן פּאָקער, די פּופּציק סענטיקע פּאָקערס מאַכן מיך נערוועאיש.

אַ ווייבל, וועמענס מאַן פאַרדינט קוים קוים אויף אַ לעבן, מוז דוקא מאַכן אַ לוסט־רייזע אין די שטאַטן, זי וויל קאָנקורירן מיט אירע באַקאַנטע און זיי ווייזן, אַז זי קאָן זיך אויך פאַרגינען אַזאַ רייזע. זאָלן אירע שונאים צעזעצט און צעפּיקעט ווערן פון קנאה...

ס'איז אויך אַ סברה, אַז ס'וועט שוין באַלד אויספעלן לעבעדיקע פוקסען, פאַר אַלע היגע אידישע פרויען.

יעדע פרוי מוז כאָטש האָבן צו צוויי זילבער־פוקסן מיט צוויי באַלעבאַטישע עקן, אָדער אַ פוטערן מאַנטל, אַ פּאַלערינע און אַ קאָלנער.

צוליב די פוטערוואַרג קאָנקורענטקעס, וועט נאָך ווערן אַ יקרות אויף פוקסן.

אַמאָל האָבן די מענער קאָנקורירט צווישן זיך אין שול ביי די עליות. מען האָט זיך אַריינגעטריבן אין די שווערע געלטער, אַבי יענעם אויסצוקאָנקורירן אַ פעטע עליה.

הייַנט, קאָנקורירט מען, ווער עס האָט אַ שענערע קאָטשע און ווער עס קאָן געבן אַ גרעסערע ביישטייערונג.

פאַראַן מענטשן, וואָס גיבן אַ גרויסע ביישטייערונג, נאָר כדי מ'זאָל זאָגן, אַז זיי זיינען רייך, ס'איז אַ סגולה צום קרעדיט...

מ'קויפט זיך אַ נייע קאָטשע פון לעצטן יאָר, כדי מ'זאָל זאָגן: איר זעט די צאַצקע? דאָס איז יאַנקל פייפערס קאָטשע. ער קאָן זיך פאַרגינען, וואָדען?

איצט האָבן מיר דאָ אַ שפּאָגל נייעם מין קאָנקורענטן:

חתונה, בר־מצוה און געבורטסטאָג קאָנקורענטן.

אידן האָבן גענומען צווישן זיך קאָנקורירן, ווער ס'וועט מאַכן אַ שענערן

געבורטס־טאָג פֿאַר זייערע קינדער. ווער ס'האָט אַ גרעסערן און שענערן „פֿאַסטעל" (טאָרט) מיט אַרומגעשטעקטע קליינע ליכטלעך, און דאָס קינד געבעך (פֿון 14־15 יאָר), מוז באַווייזן די גרויסע קונץ און אויסלעשן אַלע ליכטלעך מיט איין בלאָז... און די געסט פּאַטשן בראַוואָ און די מוזיק שפּילט אַ פֿריילעכס.

מען מאַכט בר־מצוה באַנקעטן כיד המלך, מיט מוזיק און טענץ.

מ'דינגט אויף חתונות די שענסטע קלובן, די רייכסטע סאַלאָנען, די גרעסטע אָרקעסטערס.

יעדער מחותן, וויל זיך באַרימען, אַז ביי אים איז געווען די בעסטע, די גרעסטע, די שענסטע און די רייכסטע חתונה.

מ'צעהוליעט זיך אויף וואָס די וועלט שטייט, מ'טרייבט אַריין אין די שווערע טויזנטער, ס'טוט זיך אויף טיש און אויף בענק. זאָל די שטאָט וויסן און האָבן פֿון וואָס צו ריידן...

זאָלן אונזערע שכנים, די גויים, זעען ווי אידעלעך קאָנען זיך לאָזן וואויל־גיין, ווי די אַמאַליקע, אָרימע אידישע אימיגראַנטן פּייפֿן אויף געלט...

מ'קאָנקורירט צווישן זיך, ווער עס קאָן פֿאַרתכלעווען, צעטרענצלען און פּטרן מער געלט...

— אָ, נו, לאָמיר זעען, ווער עס האָט געמאַכט אַ רייכערע חתונה?

— לאָמיר אומישנע זעען: ווער עס איז אַ גרעסערער קנאַקער, מיט אַ גרעסערן טרעלבויך?

מיט עטלעכע חדשים צוריק, האָט אַ היגער, אויפֿגעקומענער גביר חתונה געמאַכט אַ טאָכטער. האָט מען געדונגען דעם שענסטן און רייכסטן גויאישן קלוב, מיט די טייערסטע וויינען און בעסטע מאכלים.

ביי דער חופּה־וועטשערע, האָט מען אויבן אָן, לעבן די מחותנים, אַוועקגעשטעלט אויף אַ גרויסן טעלער אַ יונג־געבראָטן חזירל, מיט אַ שטיקל טאָלאָט אין מויל און אַרומגעפּוצט מיט שאר־ירקות...

דער מסדר־קידושין האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ געבראָטענער אינדיק. נאָר ווען ער האָט אָנגעטאָן די ברילן און זיך גוט איינגעקוקט, האָט ער דער־זען, אַז דאָס איז גאָר — בשר־קוויטש... אָן אמדיק חזירל מיט אַ חזירשער מאָרדע. האָט ער זיך געבעך פֿאַרשעמט.

ווי אַזוי זיצט מען עפּעס ביי אַזאַ אַריסטאָקראַטישן טיש מיט אַ געבראָ־טען יונג חזירל, אין אַ שוואַרצן קאַפּעליוש מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ...

פֿון דעמאָלט אָן ,פֿרעגט שוין פֿריער דער מסדר־קידושין די מחותנים:

— ס'איז ביי אייך אַ כשרע חתונה, אָדער אַ טרפֿהנע...

מיר האָבן איצט אַ נייעם מין קאָנקורענטן: אויפֿגעקומענע גבירים, פּאָ־קער־שפּילערינס מיט מאַניקירטע נעגל! און אַ פּוסטע, פּריש־געבאַקענע אַריסטאָקראַטיע...

אַן אידעאַלע דאַטשע . . .

ס׳איז אַ בלויער זוניקער פרימאָרגן, די לופט — לויטער און פריש. דער דרויסן זעט אויס ווי סוף זומער אין איראָפּע, ס׳איז אָבער ערב ניי־יאָר פון 1937.

ס׳איז דער לעצטער טאָג פונם אַלטן יאָר און כ׳האָב זיך געאײַלט, גיך צו פאָרן אויף עטלעכע טעג אין „קוּאַוטלאַ״, אויסרוען זיך אויף דאַ־טשע, זיך געיאָגט טובל צו זיין אין שוועבל־וואַסער, נאָך איידער דאָס נייע יאָר קומט אָן.

דער „קאַמיאָן״ גליטשט זיך אויפן גלאַנציקן אַספאַלט וועג, אויפן האָרץ איז פריילעך, יום טובדיק, ס׳וועקט זיך צוריק אויף דער וואַנדער־לוסט צו פאָרן און פאָרן... צו פאַרלאָזן די גרויסע טומלדיקע שטאָט מיטן הו־האַ, מיטן געקלאַפּעריי און געפּילדער, מיט די באַנקעטן און פאַרזאַמ־לונגען...

ס׳ווילט זיך וואָס גיכער זיין אויפן שויס פון דער נאַטור און געניסן פון די גרינע, פרישע נאַטור שפּייזן, פון די „קוּאַוטלער״ נאַציאָנאַלע, אי־דישע, וועגעטעריאַנישע מאכלים: געהאַקטע לעבער, הערינג, לאָקשן מיט יוך, אַ שטיקל עוף, קעלבערנע קאָטלעטן, קאָמפּאָט מיט אַ הייסע גלאָז טיי...

אין קאַמיאָן זיצן אַלע שטיל, פאַרטראַכט, יעדער קוקט אַרויס אויף דער שיינער לאַנדשאַפט, אויף די ברייטע רחבותדיקע טאָלן און געפלדיקע בערג. פון וויטנס זעט מען שוין דעם „פּאָפּאָ״־באַרג מיט דער ווייסער שניי באַדעקטער יאַרמולקע.

דער קאַמיאָן גיט זיך אַ דריי אויף לינקס און מיר פאָרן אַרויף אויף אַ וועג באַדעקט מיט צעוואָרפענע שטיינדלעך און זאַמד. דער קאַמיאָן הויבט זיך אָן טרייסלען, די רעדער טאַנצן אונטער און ס׳הויבט זיך אויף אַ וואָלקן מיט שטויב...

דער שטויב עסט זיך איין אין די אויגן, קריכט אַריין אין נאָז, אין מויל, טרוקנט די ליפּן, דעם האַלז, פאַרדעקט די קליידער, די שיך. מען פאַרמאַכט די פענסטער אָבער עס העלפט נישט, דער שטויב הויבט זיך אין דער הויך, דרינגט אַריין דורך די שפּאַרעס, דורכן מאָטאָר, דורך דער פּאָדלאָגע.

כ׳הויב אָן צו גלויבן, אַז די וויסנשאַפטלייט זיינען גערעכט: די וועלט.

די גאַנצע מאַטעריע און סובסטאַנץ באַשטייט פון עלעקטראָנען, מאָלעקולן און שטויב־אַטאָמען...

דער זינדיקער מענטש איז אויך נישט מער ווי — עפר ואפר, שטויב און דרויב...

דערפאַר אָבער, אַז כ׳בין נאָך דריי שעה פאָרן, אַ פאַרשטויבטער, אַ צעטרייסלטער אָנגעקומען אין „קואוטלא", האָב איך באַשלאָסן צו נעמען דעם שטילסטן אידישן האָטעל מיטן שטילסטן נאָמען: — האָטעל „לאַ פּאַס". דער האָטעל פון שלום און צופרידן...

לאָמיך כאָטש די עטלעכע טעג האָבן אַביסל רו און מנוחה.

דער האָטעל „לאַ פּאַס" האָט נאָך פון ווייטנס צוגעזאָגט געמיטלעכקייט און רו, אַן אידעאַלער פּלאַץ וואו צו שעפּן פרישע כוחות און געזונט.

קעגנאיבער דעם האָטעל שטייט פאַרטראַכט דער קליינער שטאָט־גאָרטן „אַלאַמעדאַ" מיט זיינע אַלטע בוימער, וועלכע רינגלען אים אַרום ווי אַ ראָד. די געדיכטע צווייגן מיט גרינע בלעטער צוזאַמענגעפלאָכטן אין דער הויך ביי די קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך איינגערוימט אַ שטילן סוד...

פון פאָרנט שטייט דער האָטעל מיט אַן אָפענער לאַנגער וועראַנדע, געמויערט אין אַלטן שפּאַנישן סטיל, מיט גרויסע קיילעכדיקע געוועלבטע בויגנס.

אויף איין העלפט וועראַנדע זיצן די פרויען, מיידלעך און קינדער ביי טישלעך און אַרבעטן מיט גאָפּל־מעסער, זיי זיינען שטאַרק פאַרטיפט אין אָנבייסן.. דער ברוינער מעקסיקאַנער קעלנער גייט אַרום פאַרכמורעט, מיט אַן אויסגעשטעלטער טאַץ אויף די פינגער פון דער לינקער האַנט, מיט אַ מינע פון אַ באַליידיקטן פּראָפעסאָר...

דער גוטמוטיקער סעניאָר דאַוויד איז אַ בלוי העמד אָפן ביים האַלז מיט געקעסטלטע שלייקעס, האָוועט אַרום צווישן די געסט: — אפשר אַ שטיקעלע הערינג מיט הייסע קאַרטאָפל? נאָך אַ גלאָז מילך, אַ הייסע גלאָז טיי?

אַן אָפּגעברענטע פרוי מיט בלויע לאַכנדיקע אויגן, האָט מיך באַלד ביים עסן אַ פרעג געטאָן:

— וואָס הערט זיך אין מעקסיקע, ס׳איז נאָך קאַלט?

— ניין, ס׳איז שוין וואַרימער.

— זאָגט מיר, כ׳בעט איך, פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה?

כ׳האָב איר געענטפערט מיט אַ שטומען שמייכל... פּאַמעלעך אַוועק אויף דער אַנדערער העלפט וועראַנדע וואו ס׳שטייען אויסגעשטעלט די וויג־שטולן און זיך אַריינגעזעצט אין אַ וויג־שטול.

די לופט איז מילד, מחיהדיק, עפּעס אָטעמט זיך אַזוי לייכט, גרינג.

כ'האָב זיך לייכט געוויגט הין און צוריק, זאַרגלאָז אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, ביז כ'האָב איינגעדרימלט און — — —

ס'האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן אַ געשריי מיט אַ ליאַרם פון קינדער־שע קולות. דאָס האָבן די קינדער זיך צעקריגט און צעשלאָגן איבער אַ דאָמינאָ...

כ'האָב איבערגעלאָזט די שיינע, אידעאַלע ווערענדע און אַרויף צו זיך אין צימער, זיך געלייגט אויפן בעט און כ'האָב דערהערט עפּעס אַ סיקן: ס־ס־ס־ס! אַ קלינגעריי פון אַ גלאָק: גלין־גלאָן! גלין־גלאָן! אַ סאָפּען און אַ הודזשען מיט אַן אָפּגעהאַקט פייפן פון אַ לאָקאָמאָטיוו...

כ'בין צו צום פענסטער און דערזען אַ וואונדער־שיינע פּאַנאָראַמע...

מיין צימער געפינט זיך פונקט קעגנאיבער דער באַן סטאַנציע, מען זעט ווי דער צוג גייט אָפּ אויף די גלאַנציקע רעלסן. עטלעכע לאָקאָמאָטיוון מאַנעווורירן מיט די פראכט־וואַגאָנען, פירן זיי איבער אויף אַנדערע שינעס און לאָזן אַרויס אַ קורצן פייף מיט אַ געדיכטן רויך פון קוימען.

כ'האָב גיך געכאַפּט אַ בוך און אַראָפּ אין „אַלאַמעדאַ", זיך געזעצט אויף אַ צעמענטענער באַנק און זיך פאַרטיפט אינם בוך.

— אַ טייער ווערטער!

כ'האָב זיך אומגעקוקט. אַן עלטערער איד זיצט לעבן מיר און וויל פירן מיט מיר אַ שמועס. ער וואַרט נישט אויף קיין ענטפער און פרעגט מיך ווייטער:

— דאָס וואַסער העלפט אייך? מיר האָט דאָס אַוועקגענומען מיין רעוו־מאַטיזם, ווי מיט דער האַנט.

— ס'וועט זיין אַ מלחמה?

— ווער ווייסט?

— טראָצקי קומט טאַקע קיין מעקסיקע?

כ'האָב דעם נייגעריקן איד געזאָגט „אַדיאָס" און געכאַפּט אַ קאַמיאָן פאָרן צום וואַסער זיך באָדן.

ס'איז שוין געווען צוויי אַזייגער פאַרטאָג, ווען ס'האָט מיך פּלוצים אויפגעוועקט אַ געזאַנג, געמישט מיט אַ הילכיק געלעכטער:

אַיאַ ען על ראַנטשאָ גראַנדע

אַ דאַנדע יאַ וויוויאַ־אַ־אַ!

דאָס זיינען די פרויען און מיידלעך צוריקגעקומען פון אַ ניי־יאָר־טאַנץ אין מוניציפאַל־פּאַלאַץ.

דאָס געזאַנג האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן קאָרידאָר, זיך אַריינגע־ריסן דורך די שפּאַלטן פון די אויסגעטרוקנטע הילצערנע טירן פון האָטעל און דערמאָנט אַלע געסט, אַז ס'איז ניי־יאָר אויף דער וועלט...

ווען כ'בין צוריקגעקומען ניי־יאָר אינדערפרי פון באָדן, האָב איך שוין

געטראָפן אַלע פרויען אויסגעפּוצט יום־טובדיק אין די בעסטע קליידער, אין די שענסטע קאָליר־טע פּידזשאַמעס. די פרויען זיינען געזעסן נאָנט לעבן זייערע נאָר־וואָס געקומענע מענער, זיי אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט וואַרימער שמחה און דערוואַרטונג...

נאָר צוויי ווייבלעך זיינען געבליבן נישט צופרידן... איינע אַ סימפּאַטישע, אַ לעבעדיקע, אַ רירעוודיקע מיט אַ פּאָר קיילעכדיקע אומרואיקע אויגן, וועלכע נעמען אייך דורך און דורך.

זי האָט געהאַלטן איר צוויי יאָריק מיידעלע אויף דער האַנט און מיט דער צווייטער האַנט געפּירט איר פיר יאָריק אינגעלע פּעפּע. זי איז געווען אין כעס אויף אַלע מענער צוליב איר מאַן, וואָס האָט איר אַנטוישט און איז נישט געקומען אויף ניי־יאָר... און צוליב וואָס? צוליב אַ „פּעדידאַ”. צוליב אַן עקסטרע באַשטעלונג אויף סחורה. אוי די פּעדידאָס!

דאָס צווייטע בייזע ווייבל, אַ דיקע, אַ קיילעכדיקע, אָנגעטאָן אין אַ־געצויגענע פּידזשאַמעס, פון וועלכע ס'זעט זיך בולט אַרויס דער פעטער בויך מיט אַן אַרויסגעשטאַרטשעטן אונטער־חלק, וואָס באַוועגט זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, זי גייט אַרום הין און צוריק איבער דער וועראַנדע און שיט פייערדיקע פונקען פון קנאה אויף די גליקלעכע ווייבלעך מיט זייערע מענער...

כ'האָב זיך געפילט ווי אַן איבעריקער אויף דער פאַמיליע־אידיליע, ווי אַ פרעמדער, וואָס קוקט מיט זשעדנע בליקן אויף יענעמס אינטימע פרייד... כ'בין אין איילעניש אַוועק שפּאַצירן צווישן די גערטנער הינטערן שטעטל.

שפּעט ביינאַכט איז געוואָרן אַ שטיקל בהלה אין האָטעל.

אַ דיקע פרוי וואָס האָט אַ לעבער, ס'הייסט, אַ קראַנקע לעבער, האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס ביים עסן וועטשערע... זי שרייט פון ווייטיק און בעט מ'זאָל זי ראַטעווען.

מ'האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר.

אַלע געסט האָבן געהאַט אַן אומרואיקע נאַכט. מ'האָט דערפילט, אַז מ'האָט אַ לעבער מיט אַ מאָגן וואָס מ'טאָר נישט איבערפּאַקן...

כ'בין געלעגן מיט אָפענע אויגן אין דער פינסטער און נישט געקענט איינשלאָפן.

געדאַנקען האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן מוח, בילדער זיינען געוואָרן העלער, לעבעדיקער. כ'זע און פיל דעם גאַנצן טראַגישן גורל פון אַלע געסט פון האָטעל, פון די אומצופרידענע פרויען, פון די פאַרהאָרעוועטע, פאַריאָגטע מענער, וואָס יאָגן זיך נאָך אַ ביסעלע גליק און פאַרגעניגן...

אין די דריי טעג בין איך שוין באַקאַנט מיט אַלע פּליאָטקעס און סו־

דות פון די געסט... כ'ווייס שוין פאַרוואָס די מאַמע היט אַזוי שטאַרק אירע יונגע שיינע טעכטער.

ס'איז אַ הייסער טראָפּישער קלימאַט, די בוימער שטייען צעוואַקסן אין פולן פּראַכט. די בלומען דופטן און פילן אַן די לופט מיט זיסע שמעקענדיקע ריחות און ביי מיידלעך פאַרדרייט זיך לייכט דער קאָפּ...

שווער צו געפינען אַן אידעאַל אָרט, אַ קליין ווינקעלע וואו זיך אָפּצורוען, פאַרגעסן אויף אַ וויל די קליינע מענטשלעכע זאָרגן און — כ'בין שווער איינגעשלאָפן...

זונטיק אינדערפרי איז אין האָטעל געוואָרן אַן איבערקערעניש.

ס'האָבן אָנגעהויבן שטראָמען געסט פון אַלע זייטן, ווי איינגעלאַדענע אויף אַ היימישער שמחה... אַראַבישע אידן מיט כאָרכלדיקע קולות, אַ הויכער דייטש מיט אַ קליין היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, ווי אַן אויסגעצויגענער זשיראַף. מעקסיקאַנער מיט פּעקלעך אין די הענט. אַלע האָבן געפרעגט אויף ליידיקע צימערן.

ס'האָבן זיך אין מיר דערוועקט די אַלטרואיסטישע געפילן.. און איך האָב באַשלאָסן צו דערפילן מיין מענטשלעכן חוב צו מיינע מיטמענטשן...

כ'האָב זיך געזעגנט מיטן "קוואוטלער היילנדן וואַסער, מיטן שטויב, מיטן דער ברענענדיקער זון, מיט די געהאַקטע לעבער און מיט דער סמעטענע מיט רויטע יאגדעס, מיט די שלאַנקע פאַרברוינטע סעניאָריטאַס און געמאַכט אַ ויברח צוריק אין מעקסיקע.

זאָלן אַנדערע אויך פאַרזוכן דעם טעם פון אַן אידעאַלער דאַטשע...

אַ שאָד, אַזאַ טייערע, אידעאַלע דאַטשע!..

אַ טאָג פאַרן טאַטן . . .

צו אַלץ דאַרף מען האָבן מזל, אַפילו צו אַ „טאָג" אויך...

אַט האַלטן מיר אין איין פייערן „טעג", כמעט אַלע טאָג מאַכן מיר אַ יום טוב אין דערוואַכן.

נאָר פאַרן אָרימען, בידנעם און פאַרהאָרעוועטן טאַטן, אינטערעסירן זיך נישט די טייערע קינדער זאָלן לעבן, צו פראַוועןאַ שטיקל יום־טוב, אַ „טאָג" לכבוד דעם טאַטן זייערן.

היינט גיי לייג איין אַ וועלט און ווער אַ טאַטע!

גיי ווער פאַרשוואַרצט, יאָג זיך ארויס די נשמה נאָכן שטיקל פרנסה, בּרענג אַריין אין שטוב פון כל־טוב. אַרבעט, ברען אַ וועלט, לויף און ברעך זיך דעם מוח וואָס מער צו פאַרדינען, אַבי צופרידן צו שטעלן די קינדער.

זאָלן זיי זען, די טייערע בנים אונזערע, ווי דער טאַטע לייגט זיך אין דער לענג און אין דער בּרייט, צו באַזאָרגן זיי מיט אלדאָס גוטס.

און צום סוף, פילן זיי אַפילו נישט דעם מינדסטן פאַרלאַנג, די טייערע קינדער אונזערע, צו מאַכן דעם פאַרמוטשעטן טאַטן אַ שטיקל יום־טוב — אַ טאָג פאַרן טאַטן.

נו, לוינט זיך צו ווערן אַ טאַטע? צו וואָס, פאַר וועמען?

און וואָס טוט מען טאָקע מיטן — כרחם אָב על בנים, האַ? האָט שוין דער טאַטע נישט קיין שום פּריווילעגיע ביי זיינע קינדער?

סטייטש, וואו איז יושר!

איי, ווען די קינדער זאָלן אין דער אמתן וויסן, וויפל ליגנס און דיפ־לאָמאַטישע חכמה זייערע טאַטעס האָבן באַנוצט, ביז זיי האָבן קוים קוים געפּועלט ביי זייערע מאַמעס, זיי זאָלן ארויסזאָגן דאָס איינאונאיינציקע וואָרט — יאָ, ס'הייסט, זיי וועלן אונז טאָן די גרויסע טובה און מיט אונז חתונה האָבן...

וואָלטן זיי, די קינדער אונזערע, אונז געמאַכט, נישט איין טאָג פאַרן טאַטן, נאָר גאַנצע צען טעג וואָלטן מיר געפייערט פאַרן דיפלאָמאַטישן טאַטן, וואָס האָט זיי געגעבן אַ מאַמען...

נאָר גיי זוך יושר אין איצטיקע צייטן אפילו ביי אייגענע קינדער, ביי אייגן בלוט און פליש.

נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט!

כ׳מאַך דעריבער אַ פאַרשלאַג צו אַלע טאַטעס, (אמתע און זיכערע...), אַז מיר זאָלן ארויסטראָגן אן ענערגישן פּראָטעסט צו אונזערע קינדער, פאַרן מחלל זיין, פאַרן פאַרשוועכן דעם גרויסן כבוד פון זייערע טאַטעס, פון דעם קאָפּ פון דער פאַמיליע, פון דעם פּרנסה־געבער, פון דעם — והוא ימשל בה...

און לאָמיר דאָס, געקריוודעטע טאַטעס, מאַכן באַצייטנס, לאָמיר זיך מישב זיין ווי צום גיכסטן, איידער ס׳ווערט צו שפּעט.

ס׳קען נאָך, חס וחלילה, אויספּעלן אַ טאָג...

יאָ, ס׳קען נאָך אויספעלן א טאָג אין יאָר, ווען צו פייערן דעם טאַטנס „טאָג".

אויב אונזערע פּראָטעסטן וועלן האָבן א שטיקל ווירקונג אויף אונזערע קינדער, זיי וועלן איינזען די גרויסע שרעקלעכע עוולה, וואָס זיי באַגייען קעגן זייערע אייגענע, געזעצלעכע טאַטעס, און זיי וועלן אונז שוין וועלן מאַכן אַ „טאָג", האָב איך שטאַרק מורא, אז עס וועט שוין נישט זיין ווען...

ס׳וועלן אויספּעלן טעג!

נישטאָ מער קיין טאָג אין גאַנצן יאָר פאַרן בידנעם, פאַרהאָרעוועטן טאַטן, נעבעך.

אַלע טעג וועלן שוין זיין פאַרנומען.

לאָמיר אומישנע מאַכן אַ שטיקל שניידערשן חשבון.

אין אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר, האָבן מיר א קימא־לן פון א וואָסערע דריי הונדערט און פינף און זעכציק טעג.

האָבן מיר אין יעדן חודש באַזונדער געפייערט עטלעכע „טעג", דאָס הייסט, אַז כמעט אַלע טאָג האָבן מיר געהאט א יום־טובדיקן טאָג...

אָט האָט איר אַ שטיקל טעג־סך־הכל:

אַ טאָג פון דער ראַסע.
אַ טאָג פון דער פּאַן.
אַ פּאַן־אַמעריקאַנער טאָג.
אַ טאָג פון דער רעוואָלוציע.
אַ טאָג פון בוים.
אַ טאָג פון סאָלדאַט.
אַ בלימל־טאָג פאַרן רויטן קרייץ.
אַ בלימל־טאָג פאַרן גרינעם קרייץ.
אַ בלימל־טאָג פאַרן בלויען קרייץ.
אַ בלימל טאָג אָן אַ קרייץ...

איצט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אמתער טאָג־יאַריד:

אַ טאָג פאַר די ציגל־לייגער (מויערער),
אַ טאָג קעגן שיכרות.

אַ טאָג קעגן מלחמה.
אַ טאָג פון אַרבעט, (דער ערשטער מאַי).
אַ טאָג פאַרן קינד.
און איצט דאַרפן מיר רעכענען דעם אמת־אמתן טאָג, דער טאָג פון אַלע טעג.
דער מוטערס טאָג!
די לעצטע וואָך האָבן מיר געיומטובט נאָך עטלעכע טעג.
מאָנטיק: דעם טאָג פאַרן לערער .
דינסטיק: אַ טאָג פאַרן אַקטיאָר.
מיטוואָך: גלאַט אַ פוילער־טאָג.
דאָנערשטיק: א רעגנדיקער־טאָג.
מ׳גרייט זיך אויך צו פייערן, אַ סטודענטן־טאָג, און די וואַקאַציע־טעג.
היינט רעכנט אַראָפּ די זונטיק־טעג, די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע טעג. בלייבן איבער קוים קוים עטלעכע פרייע טעג אין גאַנצן יאָר.
ס׳איז אַ סברה, אַז מיר לעבן שוין אין משיחס צייטן. ס׳וועט שוין באַלד מקוים ווערן דער — יום שכולו טוב, בלויז יום־טובדיקע טעג. פון אַלע טעג, וועט ווערן — אַ נעכטיקער טאָג.
און אויב ס׳זיינען נאָך געבליבן עטלעכע פרייע טעג אינם יאָר, זיינען דאָ אויף זיי אַ סך בעלנים, אַ סך קאַנדידאַטן.
אָט למשל, שאַפט זיך איצט א גרויסע באַוועגונג צו פייערן אַ טאָג לכבוד דער שוויגער.
און ס׳איז זייער א יושרדיקער פלאַן.
זאָלן אונזערע שוויגערס אויך האָבן אַ „טאָג״ אין יאָר, ווען מ׳דער־מאָנט זיי צום גוטן...
ווייניק וויצן און שטעכווערטלעך, מוזן נעבעך די בייזע, פאַרצאָרנטע שוויגערס אויסהערן, פון זייערע טייערע איידעמס און שנורן אַ גאַנץ יאָר?
זאָל מען זיי כאָטש איין טאָג אין יאָר אָפּגעבן אַ ביסל כבוד, מיט אַ שוויגערס־טאָג.
ווען נישט די שוויגערס, וואָלטן מיר דאָך נישט געהאַט קיין ווייבער...
ס׳איז אויך דאָ א פּלאַן איינצופירן אַ ציבעלע־טאָג...
מ׳זאָל טאַקע יום־טובן אַ טאָג לכבוד דער באַטעמטער און אַפּעטיט־מאַכנדער ציבעלע.
פאַרוואָס, כ׳בעט אייך, זאָלן מיר פייערן בלויז דעם טאָג פון בוים? פאַרוואָס טאַקע נישט אַ ציבעלע־טאָג אויך?
מיט וואָס איז די אָרימע ציבעלע, וואָס וואַקסט מיטן קאָפּ אין דר׳ערד ערגער פונם בוים?

אמת, דער בוים באַשיצט אונז מיט זיין שאָטן פון דער ברענענדיקער שרפהדיקער זון, דער בוים גיט אונז פּירות און רייניקט די לופט.

אָבער די ציבעלע, די האַרבע שטאַרקע ציבעלע גיט אונז אויך אַ סך, זייער אַ סך.

ווען נישט די ציבעלע, וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין געפילטע פיש. גייט זייט מוחל און מאַכט געפילטע פיש אָן ציבעלעס, אוממעגלעכן!

און ווי אַזוי וואָלטן אידן געגעסן שבת נאָכן דאַווענען, ציבעלעס מיט שמאַלץ — אָן ציבעלעס?

אָט די האַרבע, וויינענדיקע ציבעלע, וואָס צאַפּט אויס אַזוי פיל טרערן פון די שיינע אידישע פרויען־אויגן גיט צו טעם און געשמאַק אין אונזערע מאכלים.

ס'איז באמת אַ יושר איינצופירן אַ ציבעלע־טאָג!

און פאַר וואָס טאַקע נישט פייערן אַ טאָג פון די שיינע, שמעקנדיקע בלומען?

מ'רעכנט אויך איינצופירן אַ נודיסטן־טאָג, אַ זשורנאַליסטן־טאָג, און אַ טאָג פון נישט צאָלן קיין „לעטראַס"...

אַ טאָג פאַר די אלמנות און אַ טאָג פאַר דער געליבטער...

ווי איר זעט חשובע, אומגליקלעכע טאַטעס, וועט שוין באַלד נישט סטייען קיין איין טאָג אין יאָר. ס'וועט שוין באַלד נישט קלעקן קיין איין ליידיקער טאָג פאַרן טאַטן.

לאָמיר זיך, דעריבער, פאַרשקלאַפּטע טאַטעס, אַביסל צוויילן.

לאָמיר געקריוודעטע טאַטעס, נעמען קעמפן פאַר אונזער מענטשלע־כער רעכט, איידער ס'ווערט שפּעט.

לאָמיר פאַר אונז אויסקעמפן איין טאָג אין יאָר — אַ פאַטער טאָג, ווען אונזערע קינדער זאָלן זיך דערמאָנען, אַז אויסער אַ מאַמען — האָבן זיי אויך אַ טאַטן...

און אַזוי ווי איך זאָג אַלע טאָגביים דאַווענען די ברכה — שלא עשני אשה און געהער צו דעם מענער־מין, איז מיין הייליקער מאַנסביל־שער חוב, זיך אָנצונעמען די קריוודע פון די פאַרפאַלגטע און פאַרמוטשע־טע טאַטעס.

פאַטערס! שליסט זיך גלייך אָן אין דער יושרדיקער באַוועגונג, איינ־צופירן — אַ טאָג פאַרן טאַטן.

טאַטעס פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!

האַראַס קאַרידאַס . . .

שווער, זייער שווער צופרידן צו שטעלן אַ גאַנצע וועלט.

ס'איז פאַלג מיך אַ גאַנג! גייט זייט מוחל און שטעלט אַלעמען צופרידן.

דאָס קאָן נישט זיין און ס'דארף אפשר נישט זיין. שיין וואָלט אויסגעזען אונזער וועלטל, ווען אַלע וואָלטן געווען צופרידן. מ'וואָלט קיין איין שפּאַן, קיין איין טריט פאַראויס נישט געמאַכט...

פאַראַן זאַכן, וואָס זיינען א ברכה, א גליק פאר א טייל מענטשן און אַן אומגליק, א צרה פאר אנדערע.

אַט האָט מען ביי אונז אין שטאָט געהאַרעוועט, געאַרבעט עבודת פּרך, שווער און ביטער, ווי אין פּסוק שטייט: בזעת אפיך תאכל לחם, מיטן שווייס אויף דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט... מ'האָט געאַרבעט פון 9 ביז איינס און נעבעך בלויז צוויי מיט אַ האלבע שעה מיטאָג, און פון דריי מיט א האלב ביז זיבן מיט אַ האַלב אין אָוונט.

און אַז מ'קומט אַהיים 8 אַזייגער פון געשעפט אָדער פאבריק און איידער מ'ציילט איבער דעם פּדיון, דאָס לייזעכץ, איידער מ'עסט אָפּ וועטשערע און מ'רעדט זיך דורך מיטן ווייב, איז שוין ניין אַזייגער.

איז מען טאַקע געווען פאַריאָגט, פאַרשוואַרצט, נישט געווען קיין צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, צו לייענען א צייטונג, אַריינקוקן אין אַ בוך. איז מען געקומען אויף אַ רעפעראַט, אויף אַ מיטינג צען אַזייגער און אַהיים געקומען איז מען איינס נאָך האַלבער נאַכט. נו, גייט פּטרט אַ זיסע, רואיקע נאַכט שלאָפן צוליב אַ אידישן רעפעראַט אָדער פאַרזאַמלונג.

איצט איז אויף אונז געקומען אַ ישועה, אַן אויסלייזונג, א גליק, א גרויס גליק האָט אונז געטראָפן:

„האַראַס קאַרריאַס", לויפנדע שעהן.

גענוג געהאַרעוועט אין געשעפט ביז אַכט אָוונט, גענוג געפּראַצעוועט אין פאַבריק ביז שפּעט אין אָוונט!

איצט זיינען מיר פרייע מענטשן. די האַראַס קאַררידאַס האָבן געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין אונזער טאָג-טעגלעכן לעבן, אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין קיך און אין עס-צימער. פינף אַזייגער זיינען מיר פריי.

מיר קאָנען זיך רואיק, געלאַסן עסן מיטאָג, אויסציען זיך אויף דער

סאָפע מיט א צייטונג און כאַפּן א דרימל, און דערנאָך גיין מיטן אויסגעפּוצ־טען ווייב אין סינע, אין טעאַטער אָדער אויף אַ רעפּעראַט.

ס'איז א מחיה צו לעבן אויף דער וועלט

איצט האָבן מיר גענוג צייט. מיר וועלן אַלע ווערן גרויסע קולטור־מענטשן. מיר וועלן אָנהייבן צו בענקען נאָך אַ אידיש וואָרט, מיר וועלן לעכצן נאָך א אידישן רעפּעראט, מיר וועלן פּשוט אויסגיין נאָך אַ אידי־שער טעאַטער פאָרשטעלונג...

מיר וועלן איצט נעמען שיקן אין די שטאָטן ביטעס, פאָדערונגען און בעטן מיט תחנונים: ליבע אידן פון אַמעריקע, דערבאַרעמט זיך אויף די אידן פון מעקסיקע, שיקט אונז אַהער נישט בלויז אקציע־מאכערס, נאָר אויך עטלעכע רעפערענטן, לעקטאָרס, אידישע שרייבער און א אידישע טעאַטער טרופּע...

צייט האָבן מיר איצט גענוג. די והותר, מיר זיינען מיט אַמאָל באַגליקט געוואָרן מיט אַ טייערער מתנה: האָראַס קאָרידאָס. 5 אַזייגער זיינען מיר פריי, וואָס טוט מען מיט אַזוי פיל לײדיקע צייט?

איר האָט דאָך קיין עין הרע אזוי פיל אידישע רעפערענטן און אַק־טיאָרן, זייט אונז אויך מזכה מיט אַביסל אידישע קולטור. אין געלט גייט דאָס נישט, וויפל איר ווילט, וועלן מיר אייך אַקעגנטראָגן. איר קאָנט דאָך די מעקסיקאנער אידן...

נו, איז דאָך דאַכט זיך גוט, וואויל און פיין, מיר וועלן איצט אויף אַלץ האָבן צייט. זיינען אָבער דאָ אַ סך אומצופרידענע מיט די האָראַס קאָררידאָס.

באַקלאָגט זיך אַ איד, וואָס האָט ליב אָפּצועסן אַ מיטאָג רחבותדיק, ברייטלעך, נישט יאָגן זיך ביים עסן. אָנהייבן ביי די געהאקטע לעבער מיט שמאַלץ און ענדיקן מיט אַ הייסער גלאָז טיי מיט ציטרין:

— וואָס טויג מיר די האָראַס קאָררידאָס, וואָס האָב איך פון דעם? בויך ווייטיק, נישט מער!

איינס אַזייגער לויף איך גיך כאַפּן אַ לונטש, אַ סענדוויטש, אַ טאַקאָ אָדער אַ טאָרטאַ. שלינג אַלץ אַראָפּ שנעל, איילנדיק און צוריק אין געשעפט. נו, קריג איך שפּעטער אַ שטעכעניש, אַ גרימעניש אין בויך.

קום איך אַהיים, שטייט שוין גרייט א געשמאקער, היימישער מיטאָג. אָבער גיי עס 5 אַזייגער מיטאָג, אַז אין מויל פּילט זיך נאָך דער זויערער טעם פון לונטש... מוז מען דאָך אָבער עפּעס עסן, איז דאָס נישט קיין מיטאָג און נישט קיין וועטשערע. דאָס הייסט, אַ האַלבער מיטאָג און אַ חצי וועטשערע...

ווער קאָן דאָס עסן וועטשערע, אַז מ'ענדיקט עסן מיטאָג 6 אַזייגער.

ווערט מען טאַקע הונגעריק 12 בייינאַכט נאָך חצות, ווען מ׳גייט שוין שלאָפן...

און אַז כ׳עס אָפּ דעם האַראַס קאָרידאָס מיטאָג, זעצט זיך אַוועק מיין ווייב און קוקט מיך אָן, גלייך ווי זי זעט מיך דאָס ערשטע מאָל... און פרעגט מיך מיט אַ זיס שמייכעלע: נו, וואו וועלן מיר גיין היינט פאַרברענגען?

דער וואָס האָט אויסגעטראַכט די האַראַס קאָרידאָס איז אוודאי נישט געווען פאַרהייראַט...

איבערהויפּט זיינען אַ סך פרויען נישט צופרידן מיט די האַראַס קאָרידאָס. פאַר אַ סך פרויען זיינען די האַראַס קאָרידאָס אַן אמתע אַנשיקעניש אין שטוב, מיט זייער צוזאַמענגעשטעלטן, ווייבערשן פּראָגראַם.

אינדערפרי, ווען די דינסט האָט געקאָכט דאָס מיטאָג, איז מען דערווייל געגאַנגען אין צענטער כאַפּן מציאות אין די גרויסע געשעפטן. באַקוקן אַ ניי אַמעריקאַנער קלייד, אַ מאַנטל, אַ נייעם פאַסאָן קאַפּעליוש אָדער קויפן רעגאַלאָס...

און אַז דער מאַן האָט אָפּגעגעסן מיטאָג, איז מען געווען אַ פרייער פויגל. האָט מען זיך טאַקע אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, און אַוועק צו אַ פריינדין מאַכן דעם אמתן ווייבערשן פּאָקער, ווי לאַנג מ׳האָט נאָר געוואָלט און ביז וואַנען ס׳איז געווען געלט אין בייטל...

די דינסט האָט שוין געגעבן די קינדער וועטשערע עסן, און דער מאַן קאָן זיך אַליין נעמען, אויב ער איז הונגעריק.

ס׳איז געווען אַ מחיה צו לעבן אויף דער וועלט.

די אַריסטאָקראַטקעס האָבן נאָך מיטאָג געקאָנט גיין טרינקען אַ „פייף אָ קלאָק" טיי אין „סאַנבאָרנס", פאַרלייגן אַ פוס אויף אַ פוס און רויכערן אַ לאָקי סטרייק.

איצט איז אַלץ פאַרשטערט געוואָרן, אויס פרייהייט, אויס ווייבערשער גן־עדן, אויס נאָכמיטאָג פּאָקער, אויס „סאַנבאָרנס" און אַלץ צוליב די האַראַס קאָרידאָס.

אין אָנהויב, ווען מ׳האָט נאָר וואָס איינגעפירט די האַראַס קאָרידאָס, איז נעבעך געוואָרן אַ גרויסע בהלה, אַ צעטומלעניש און אַ קלינגעניש אויפן טעלעפאָן פון איין פריינדין צו דער צווייטער:

— צאַט שוין געהערט? אַזאַ מעשה גאַר! האַראַס קאָרידאָס האָט זיך זיי פאַרגלוסט, אַ נייער שמע קולנו אויף זייערע קעפּ. ס׳וועט דאָך שוין נישט זיין קיין צייט, ווען צו מאַכן אַ נאָכמיטאָג פּאָקער.

— נו, וואָדען, געהערט, שוין געהערט די גוטע בשורה, האַראַס קאָרידאָס האָבן זיי אויסגעקלערט. די האַראַס קאָרידאָס האָבן אונז צעדרייט די גאַנצע שפּיל, אויס שפּילן, אַדיאָס פּאָקער!

ס׳איז טאַקע נעבעך אַ גאָטס רחמנות אויף די פאַרהאָרעוועטע פרויען,

די דאָרפן צעפּטרן דעם גאנצן טאָג און וואַרטן אויפן מאַן מיטן מיטאָג ביז 5 אַזייגער.

וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ מאַן זאָל אַהיים קומען פון דער אַרבעט 5 אַזייגער? דרויסן איז נאָך העלער טאָג, אַהאַ, סקאָצל קומט! ברוך הבא, דער מאַן איז דאָ!

דער גאנצער טאָג איז שוין אַ צעדרייטער, און אַז מ׳עסט אָפּ מיטאָג וויל זיך דער מאַן שוין נעמען צו דער צייטונג, דאָ הייבט שוין די פרוי אָן צו פּראָטעסטירן: זאָג נאָר גרויסער אויפטוער מיינער, דו וועסט לייענען דיין צייטונג און איך וועל זיצן און קוקן אויף דיר! נישקשה, אַז מיר האָבן שוין יאָ האָראָס קאָרידאָס, קום זשע ערגעץ פאַרברענגען, וואַמענאָס!

אָבער ס׳איז נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט די האָראָס קאָרידאָס, גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה... און אַז מ׳זוכט געפינט מען אַן עצה.

האָבן טאַקע עטלעכע קלוגע, אינטעליגענטע פרויען אויסגעקלערט אַ פּלאַן, אַן אמת געניאַלער איינפאַל, ווי אַזוי מ׳זאָל חלילה וחס נישט פאַר־געסן די אידעלע, ווייבערשע קונסט פון אַ נאָכמיטאָג פּאָקער.

דער פּלאַן איז אַן אויסגעצייכנטער און זייער אַ פּראַקטישער:

אַנשטאָט אַ נאָך מיטאָג פּאָקער, וועט מען איצטער איינפירן אַ „מאַ־טינע" פּאָקער פון עלף ביז פיר... מאַטינע־פּאָקער וועלן שפּילן בלויז די אַריסטאָקראַטישע פּאָקערניצעס, וואָס קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף זייערע דינסטן, אַז זיי וועלן שוין אין הויז אַלץ צערעכט מאַכן...

פאַר די פּראָלעטאַרישע פּאָקערניצעס, וועט מען איינפירן פּאָקער „טאַנדאַס"...

ס׳וועט זיין דריי טאַנדאַס: פון עלף ביז איינס, פון איינס ביז דריי און פון דריי ביז פינף.

די פרוי וואָס האָט אַ בייזן מאַן, אַ כעסן, וועט שפּילן אין דער ערשטער טאַנדאַ און לויפן אַהיים.

די פרוי וואָס האָט אַ פאַנטאָפל־מאַן, אַ לעמעשקע, וועט שפּילן צוויי טאַנדאַס, און די פרוי וואָס פייפט אויפן מאַן, וועט קאָנען שפּילן אַלע דריי טאַנדאַס און אהיימקומען 5 אַזייגער פונקט צום מיטאָג.

אייגנטלעך, זיינען די האָראָס קאָרידאָס, די לויפנדע שעהן, גאָר קיין נייעס נישט. אונזער גאַנץ לעבן באַשטייט פון לויפנדיקע שעהן, איי, לויפן זיי די שעהן!

די ערד דרייט זיך, די פּלאַנעטן באַוועגן זיך, ס׳פליען די מינוטן, עס לויפן די שעהן, ס׳קריכן די טעג און די יאָרן גייען...

נייק, נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאר די האָראס קאָרידאס. אדרבה, כאַרקערט, זיי וועלן אונז ברענגען גרויס נוצן.

ס׳וועט געראטעוועט ווערן די אידישע פרעסע, דאָס אידישע בוך, דאָס אידישע טעאַטער, און ס׳איז שיין אויך געראַטעוועט געוואָרן דער טראַדיציאָנעלער, ווייבערישער נאָך מיטאָג־פאָקער...

לאָמיר אַלע באַגריסן די האָראַס קאָרידאַס!

פּיניאַטאַס, יאַלקעס און וואַקאַציעס

ביים סוף שול־יאָר, נאָך די עקזאמענס, טרעפן זיך צוזאַמען דריי וויכ־טיקע זאַכן, וואָס האָבן זייער א גרויסע ווירקונג אויף דער אידישער דער־ציאונג אין מעקסיקע:

„פּיניאַטאַס", יאַלקעס און וואַקאַציעס.

אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר, אינטערעסירן זיך אַ סך אידישע עלטערן זייער ווייניק, מיט זייערע קינדערס דערציאונג. מ'פאַרלאָזט זיך אינגאנצן אויף די שולן, אויף די לערער. עס קאָסט דאָך עפּעס געלט!...

אַ גאַנץ יאָר שיקן אַ סך עלטערן זייערע קינדער אין גויאישע שולן. צוליבן ביסל ענגליש... די מאַמעס באַרימען זיך, אַז זייערע קינדער רעדן שוין ענגליש, ווי עכטע אַמעריקאַנער, ווי אמתע ענגלענדער: יעס, יעס, אָל רייט! פּליס, גוד ביי!

אַ סך עלטערן האָבן נעבעך נישט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט זייערע קינדערס אידישער דערציאונג, זיי זיינען שטאַרק פאַרנומען...

אַ סך מאַמעס זיינען פאַרנומען אין דער חברה „קליין־שאַס" (ש"ס)... אַ סך פרויען מישן די „שאַסלעך" ביז חצות... און אַ טייל נשים צדקניות זיינען עוסק אין טאַלירן די „תהילימלעך", ביזן מאָרגנשטערן...

די גויאישע דינסטן גיבן שוין זייערע קינדער אַן אמת אידישע דער־ציאונג, מיט אַן עכט קאַטוילישן מודה אני...

די טאַטעס זיינען נעבעך פאַרנומען מיט דאגות פּרנסה, זיי האָבן נישט קיין צייט צו פאַרהערן זייערע קינדער אין די אידישע לימודים.

אינדערפרי גייען די קינדער אַוועק אין שול, ביינאַכט לייגן זיי זיך פרי שלאָפן. זונטיק גייט דער טאַטע אין אַ שוויץ באָד. נאָכמיטאָג פאָרט מען אַביסל שפּאַצירן אין דער קאַטשע, ביינאַכט גייט מען אין סינע... נו, וואָס נאָך קאָן מען פאַרלאַנגען פון די פאַרהאָרעוועטע אידישע טאַטעס?...

דערפאַר אָבער, ווען עס קומען אָן די געבענטשטע צוויי חדשים וואַ־קאַציעס, דעמאָלט נעמען זיך די עלטערן צו זייערע קינדערס אידישער דערציאונג...

קודם כל, ווערט אין א סך אידישע הייזער אַ גאַנצער טומל, אַ גערו־דער מיט די „פּיניאַטאַס".

אין זייער אַ סך אידישע היימען, העלפן די מאַמעס זייערע קינדער

אין דעם עכט קאַטוילישן מנהג, מיט די „פיניאַטאַס", מיטן צעברעכן די באַפּוצטע ערדענע טעפּ מיט פּרוכטן און צוקערקעס.

קיין חנוכה־געלט, ווען אַזאַ מאָדערנע מאַמע נישט געבן אירע קינדער. חנוכה געלט? פע! פאַנאַטיזם... אָבער אַ קריסטלעכע „פיניאַטאַ" מעג מען!

קום איך אַריין אין אַ באַקאַנטער אידישער שטוב. זע איך, אַז די קינדער זיינען שטאַרק פאַרנומען, עס איז אַ געפּילדער אַ גאַנצער טאַראַראַם. באַלד לויפט צו מיר צו אַ אינגל און לאָדט מיך איין אויפן הויף זעען, ווי מ'צעברעכט אַ פיניאַטאַ"...

דער פאָטער, אַ נאַציאָנאַלער איד ,פאַרשעמט זיך אַביסל. נאָר די מוטער שמעלצט זיך פון נחת: די קינדער, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין, צעברעכן שוין די דריטע „פיניאַטאַ"...

די מעקסיקאַנער אידישע קינדער צעברעכן די „פיניאַטאַס" מיט אַזאַ ברען און התלהבות, פונקט ווי די חדר־אינגלעך האָבן אַמאָל געשפּילט חנוכה אין דריידל...

פאַראַן אויך אידישע „סנאָבס", אַסימילירטע שמענדריקעס, וואָס גיבן זייערע קינדער אַ אידישע דערציאונג — מיט אַ יאָלקע... וואָס ווערט דען אַ אידישע מאַמע נישט טאָן צוליב אירע קינדערס דערציאונג...

אַז עס קומט דער הייליקער „נאַווידאַד", יעזוס געבורטס־נאַכט, קאָן נעבעך די אַריסטאָקראַטישע „יענטע" נישט אָפּזאָגן אירע קינדער, און פראַוועט דעם קריסטלעכן יום טוב מיט אַ יאָלקע און געפּילטע פיש...

שטייען זיך אין ע'ס־צימער אויף אַ גלעזערן שענקל, אַ פּאָר אלטמאָדישע, גרויסע, זילבערנע בענטש־לייכטער. אַ ירושה פון אַ פרומער מאַמען, אָדער פון אַ צניעותדיקער באָבע. די אידישע לייכטער קוקן טרויעריק און פאַרשעמט אַריין אין ד'ער רייכער סאַלע. דאָרט שטייען אַרום דער אויסגעפּוצטער יאָלקע מיט צאַצקעס און ליכטלעך, די אידישע קינדער. זיי פרייען זיך און שיינען פון גרויס שמחה...

די אלטע אידישע לייכטער טראַכטן עפּעס אין דער פינסטער מיט זייערע ליידיקע זילבערנע קעפּלעך:

אמאָל, אמאָל האָבן מיר ארייגעברענגט אין דער אידישער היים ליכט און פרייד. אין אונז זיינען געשטאַנען די שבת־ליכט, איבער וועלכע אַ פרומע אידישע מאַמע האָט געבענטשט מיט אַ זיידן שבת־טיכל אויפן קאָפּ. איצט שטייען מיר אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, ווי אַן איבעריקער אָרנאַמענט... קיינער נוצט אונז נישט, קיינער בענטשט נישט אין אונז קיין ליכט.

מ'פרייט זיך גלייכער מיטן ליכטיקן, פאַרפּוצטן נאָדל־ביימל, לכבוד דעם „דערלייזער", וואָס אין זיין הייליקן נאָמען, זיינען שוין פאַרגאָסן געוואָרן טייכן אידיש בלוט...

אידישע מאַמעס האָבן אויפגעהערט אָנצוצינדן שבת־ליכט, צינדן שוין איצטער אָן זייערע קינדער געצנדינערישע ליכטלעך אויף דער יאָלקע, לכבוד יעזוסן...

אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך? פע! פאַנאַטיזם! אָבער אַ יאָלקע מיט ליכט־לעך — יאָ! דאָס איז נישט, חס וחלילה, קיין פאַנאַטיזם...

אָבער די בעסטע אידישע דערציאונג ,גיבן די עלטערן זייערע קינ־דער אויפן גרויסן יאַריד: „רעגאַלאָס דע סאַנטאָס רעיעס".

מיינער אַ באַקאַנטער, אַ וועלטלעכער איד, אַ פריידענקער. ער האָט געקויפט זיין זיבן־יעריק מיידעלע א גרויסע ליאַלקע, מיט צאַצקעס און שמאַכטעס, און זי אַוועקגעלייגט אויף איר בעטל, לויטן קאַטוילישן מנהג...

אינדערפרי, ווען דאָס מיידעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט דער טאַטע, דער גוואַלדיקער פריידענקער, איינגערעדט זיין קינד, אַז די „רעגאַלאָס" האָבן איר געבערענגט די „סאַנטאָס רעיעס", די הייליקע מלכים.

פורים שיקן שלח מנות, איז פאַנאַטיזם, אָבער „רעגאַלאָס דע רעיעס", איז אַ פרייע, וועלטלעכע ,אידישע דערציאונג...

דערפאַר אָבער, גיבן שוין אַכטונג די אידישע מאַמעס אויף זייערע קינדער, ווען זיי פאָרן מיט זיי אין קואַוטלאַ, אויף וואַקאַציע.

די גאַנצע וואַקאַציע איז נאָר צוליב די קינדער. נאָר מען איז דאָך א לעבעדיקער מענטש, כאַפּט מען אויך דערוויילי אַריין אַביסל דאַטשע מיט אַ קליין פּאָקערל...

די מאַמעס שפּאַצירן זיך אַרום אין האָטעל פראַנק און פריי, ווי ביי זיך אין שלאָפצימער. זיי גייען אָנגעטאָן, כ'מיין אויסגעטאָן אין אַ „באַטאַ" אין די הויזן אָדער אין אַ שלאַפראָק...

דריי מאָל אין טאָג, קומט פאָר אינם עס־צימער אן אמתע באַטאַליע, אַ גאָפּל־מעסער שלאַכט... יעדער זוכט צו פאַרכאַפּן אַ בעסערע פּאָזיציע —ביים טיש...

צום ערשט גיט מען עסן די קינדער. די מאַמעס שפּייזן און פּאַקן דאָס קליינוואַרג, בייזערן זיך און שרייען אויף זיי:

— עס בענעלע עס! רעדט נישט, עס! פרעס, זאָג איך דיר, עס!

— עס די זופּ אַניטאַ, טאַמער נישט, פאָר איך באַלד צוריק אין מעקסיקע. עס, נאָך אַ לעפל זופּ, נאָך דעם איינעם לעפל, אָט אַזוי!

— עס דאָס שטיקעלע פּאַיאַ, מי ווידאַ, שלינג אראָפּ, האַלט נישט אַזוי לאַנג אין מויל, קייע נישט אַזוי לאַנג, שלינג אראָפּ! דעם טויט מאַכט ער מיר מיטן עסן.

און אין דעם זכות פון די אידישע קינדער, דערכאַפּן זיך אויך אבי־כעלע דאָס האַרץ די אידישע מאַמעס, מיט אן אויבערשט פערטל עוף — „פּעטשוגאַ"...

ביים וואַסער איז אַ לעבעדיקע וועלט, מ׳שרייט, מען ליאַרעמט. אַלע רעדן הויך אויפן קול, גלייך ווי מען רעדט צו טויבע...

אַ פרוי מיט אַ פּאָר גראָבע, אויסגעבויגענע פיס, מיט אַ באַלעבאַטישן הויכן בוזעם, לויפט נאָך איר איינגעלע און וויל אים כאַפּן, זי שרייט הויך מיט אַ קוויטשיק שטימעלע:

— וועז אַקאַ, כאַקאַביטאַ! וועז, וועז אַקאַ!

דער לויזער בוזעם מאַכט דערוויל גימנאַסטיק, אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף... און די גאַנצע קואוטלאַ־„מיקווע״ (מקוה) קוקט איר נאָך.

א צווייטע פרוי, אַ דיקע, אַ באַלייבטע, די דאַטשניקעס רופן איר: די אידענע מיטן זאָטל... צעלייגט זיך אויפן גראָז ביים וואַסער, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. זי ליגט מיטן פּנים אַראָפּ און מיט די פּלייצעס צו דער זון, און דער באָד־אַנצוג שפּאַרט אַרויס דאָס איבעריקע לייב... און אָט אָט פּלאַצט ער. יעדער כאַפּט אַ קוק אויפן גערעטעניש... און אַריין אין וואַ־סער.

אַ קליינער דיקער איד מיט א פּליך ביזן קאַרק, קורצע פּיסלעך און אַ ברוסטקאַסטן באַוואַקסן געדיכט מיט האָר, ווי אַ בער. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ צעפּלאָכטענעם באָד אנצוג, ווי א קורץ ווייבעריש קליידל, און שפּאַ־צירט אַרום ביים וואַסער, די הענט פאַרלייגט פון הינטן און דעם פעטן שפּיציקן בויך, ווי ביי אַ טראָגעדיקער אידענע אין ניינטן חודש... שטופּט ער פּאָראויס. ער שמייכלט צו יעדן אַ צופרידענער מיט זיין שיינער פּי־גור...

די קינדערלעך שפּריצן, פּליוסקען זיך אין וואַסער, באַווייזן קונצן אין שווימען און שרייען מען זאָל אויף זיי קוקן.

ס׳איז זייער שמחה, זייער וואַקאַציע.

די מענער כאַפּן אויך אַריין אַ ברעקל וואַקאַציע, צוליב זייערע קינ־דער, און נאָכמער, צוליב זייערע ווייבלעך.

זיי קומען צופאָרן הענדום־פּענדום שבת פאַרנאַכט, און אַנטלויפן צו־ריק זונטיק נאָכמיטאָג.

די פרויען פּוצן זיך אויס, טוען איבער די קינדער, מאַכן אַ פריילעך פּנים, כאָטש נעכטן האָבן זיי פאַרשפּילט אין פּאָקער...

די מענער כאַפּן זיך צו הונגעריקע צו דער וועטשערע, שלינגען די קליינע זעמעלעך, גרויס ווי די הינערשע אייער, „פּילן״, רופט מען די זע־מעלעך... זעקס הענט ציען זיך אויס צו אַ טעלער פּילן און — די קעלנערקע מוז שוין ברענגען א פרישן טעלער פּילן... עס זעט אויס, ווי א געיעג,

וועט פריער מיד ווערן: די וואָס עסן די פילן, אָדער די קעלנערקע, וואָס ברענגט די זעמעלעך...

די באַלעבאָסטע שטייט און גאַפט:קיין עין הרע! ווי נעמט זיך צו מענטשן אַזאַ אַפעטיט? אַזוי ווי נאָך אַ תענית, ווי הונגעריקע הענער, גיך־גיך.

זונטיק פאַרנאַכט, ווערן ביסלעכווייז די מענער פאַרשוואונדן, און די ווייבער מיט די קינדער הערשן ווידער אין די קואָטלער האָטעלן...

אין די אידישע האָטעלן (אין די גויאישע אוודאי נישט), האָבן די וואַקאַציע מאַמעס מורא אויסצורעדן א אידיש וואָרט מיט זייערע קינדער... ס'פּאַסט נישט!

אין דער היים, האָט מען נישט קיין צייט (נעבעך), צו פרעגן אָדער רעדן מיט די קינדער וועגן אידישקייט...

ווייסן טאַקע אַ סך אידישע קינדער בלויז פון:

— פּיניאַטאַס, יאַלקעס און וואַקאַציעס!

מ'לויפט צו די קאַרעראַס . . .

אידן לויפן זען, ווי ס'לויפן די פערד.

מ'יאָגט זיך צום „היפּאָדראָמאָ" קוקן ווי ס'יאָגן זיך די סוסים. מען וויל זען מיט אייגענע אויגן, ווי איין פערד יאָגט דאָס אַנדערע, מען איז נייגעריק צו וויסן וועלכעס פערדל וועט איבעריאָגן, דעריאָגן און דער־לויפן פריער פון די אַנדערע אַכט פערד.

מען לויפט זיך וועטן, וועלכער פערדל וועט פריער קומען צו לויפן צו דער מעטע.

אידן פון אַלע לענדער וויסן שוין, וואָס עס מיינט וועט־לויפן פון פערד:

— סקאַטשקי, ווישטשיגעס, רעיסיס.

און איצט איז געקומען אַ נייער באָמען פאַרן פערד־געיעג:

— קאַררעראַס.

הימל און ערד און — קאַררעראַס!

אידן זיינען געוואָרן גרויסע ספּאָרטלייט. אידן האָבן ליב ספּאָרט פונקט, ווי אַ געפילט העלזל, ווי געהאַקטע לעבער מיט ציבעלעס. אידן האָבן ליב פוט־באָל בעסער ווי קניידלעך מיט גריוון, בעסער ווי געפילטע פיש מיט כריין.

אידן האָבן ליב „באָקס" פונקט ווי אַ הייסן ,געשמאַקן באָרשטש. אי־דען האָבן ליב „לוטשאַ ליברע", מער ווי אַן אייבערשט פּערטל עוף (פּעטשוגאַ).

אייגנטלעך, איז דאָס לויפן אַן אַלטער, אידישער ספּאָרט...

אידן גייען נישט, אידן לויפן!

אידן לויפן פון פּאָגראָמען, אידן לויפן זוכן פרנסה. מען לויפט נאָך מצה־וואַסער, מען לויפט כאַפּן אַ ברכו, אַ קדושה, מען לויפט אַמאָל אַוועק פון ווייב...

אַז איינער טרעפט אַ באַקאַנטן, פרעגט ער אים: וואו לויפט איר? ענטפערט ער: איך לויף אויפמאַכן דאָס געשעפט.

אַז אַ מאַן פרעגט זיין פרוי וואו זי גייט, ענטפערט זי: איך לויף אַריין אויף אַ מינוט צו דער שכנה, און קומט טאַקע צוריק אין צוויי שעה אַרום...

אידן דאַרפן קריגן די פּרעמיע פון דער וועלט־אָלימפּיאַדע פאַר וועט־

לויפן... אַנדערע וועט־לויפער, לויפן 500 מעטער, אידן לויפן פון איין לאַנד אינם צווייטן ,פון איין קאָנטינענט צום אַנדערן...

דאָ אין מעקסיקע האָבן אידן אויך ליב צו לויפן, אָבער לויפן!

אידן לויפן פון כעסוס־מאַריאַ ביז היפּאָדראָמאָ, פון היפּאָדראָמאָ ביז באָלאַנקאָ, און פון פּאָלאַנקאָ ביז לאָמאַס... און אין „לאָמאַס" מוז מען אָפּשטעלן כאַפּן דעם אָטעם...

און איצט לויפן אידן אַזש ביזן היפּאָדראָמאָ דע לאַס אַמעריקאַס, צו די קאַרעראַס.

טרעפט איינער אַ באַקאַנטן, איז די ערשטע פראַגע: איר זענט שוין געווען אויף די קאַרעראַס?

איין פרוי פרעגט דער צווייטער: איר זענט שוין געווען אין היפּאָ־דראָמאָ אויף די קאַרעראַס?

ענטפערט איר די צווייטע פרוי: איך וואוין טאַקע אין דער קאָלאָניע היפּאָדראָמאָ, נאָר אין היפּאָדראָמאָ וואו עס לויפן די פערד, בין איך נישט געווען.

וואָס אַרט דאָס מיך אַז פערד לויפן ,זאָלן זיי לויפן! אַ גרויסע מציאה, פערד! איך דאַרף גלייכער לויפן אין מאַרק אַריין, זוכן עפּעס צו קויפן אין קיך אַריין... דער יקרות ברענט. פיש זיינען מיט גאָלד צוגלייך ,פאַר אַ מאָ־גער אויסגעדאַרט הינדל, הויט און ביין, הייסט מען זיך געבן אַכט פּעזאָס...

פערד! קאַרעראַס! מען האָט נישט וואָס צו זאָרגן, פערד־לויפעניש! איך האָב גענוג לויפעניש און יאָגעניש אָן די פערד, פערד גאָר!

דערפאַר זיינען דאָ אַ סך אידישע ספּאָרט־דאַמען, וואָס זיינען פאַר־קאָכט אין די „קאַרעראַס" מער ווי אין פּאָקער.

אַזאַ ספּאָרט־ליידי שטייט ביים שפּיגל אַ האַלבע שעה ,קוקט אויפן הוט, אויפן ענג געפּאַסטן קלייד, צי עס פּאַסט אַזוי צו גיין אויף די קאַרע־ראַס. מאָרגן וועלן דאָך זיין אין אַלע צייטונגען די פאָטאָגראַפיעס פון אַלע שיין געקליידעטע ספּאָרט־דאַמען אויף די קאַרעראַס...

זי יאָגט אונטער דעם מאַן, ער זאָל זיך ניט אַ ביסל גיכער, מען קאָן נאָך חלילה פאַרשפּעטיקן איין קאַרעראַ...

וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט, הערט מען רעדן פון די קאַרעראַס מיט קאַוואַיאָס.

אויף אַ קאָמיטעט זיצונג פון אַן אָרגאַניזאַציע ,האָבן זיך די קאָמי־טעט־מיטגלידער גענומען שפּאַרן און אַמפּערן וועגן די פערדלעך און די קאַרעראַס .

האָט דער פאָרזיצער גענומען קלינגען מיטן קאָמיטעט־גלעקל און ביין אויסגעשריגן: חשובער קאָמיטעט, עס איז שוין האַלב עלף און איר

רעדט נאָך אַלץ פון די קאַרעראַס. מיר זיינען אַהער געקומען רעדן פון פערד, אָדער פון אונזער קאָמיטעט?

אין רעסטאָראַן ביים עסן האָבן זיך צעקריגט עטלעכע פריינט צוליב די פערד, און עס האָט שוין געהאַלטן ביי פעטש...

אַ הויכער, בלאַסער יונגערמאַן האָט זיך רואיק געגעסן די הייסע זופּ און זיך אַריינגעמישט אינם שמועס מכח די סוסים: ערשטנס, אינטערעסירט אים נישט דער פערדישער ספּאָרט, און צווייטנס, וויל ער מען זאָל אים דערקלערן וואָס עס מיינט דערבי און אַ האַנדיקאַפּ.

האָט אים אַן אויסגעפּאַשעטער איד מיט אַ רויט פּנים געענטפערט, קייענדיק אַ פול מויל מיט פלייש: אַז דער בלאַסער יונגערמאַן איז אַ גרויסער בטלן, און פילט נישט און פאַרשטייט נישט, וואָס פערד־געיעג איז, און אַז מען זאָגט נישט האנדי־קאַפּ, נאָר הענדי־קעפּ, דאָס איז אַן ענגליש וואָרט, וואָס מיינט, אַז דאָס פערד האָט אַ הענדי־קעפּ, אַ שווועריקייט, אַן אָפּהאַלט ביז דאָס געווינט די גרויסע פּרעמיע.

האָט אַ דריטער עסער אים געזאָגט, אַז מסתמא איז ער געווען אַ בעל־עגלה... און אַז ער פאַרדרייט אַלע די קעפּ מיט זיין הענדי־קעפּ.

איז דער אויסגעפּאַשעטער פערד־מבין אויפגעשפּרונגען און געגעבן אַ זעץ אין טיש און זיך צעבייזערט:

— ווער איז אַ בעל־עגלה, איך? איך אַ פורמאַן, אַן איזוואָשטשיק? איך בין אַ געוועזענער קאַוואַלעריסט! איך קען גוט די פערדישע פּסיכאָלאָגיע. אַ פערד דאַרף מען געבן אַ שטיקל צוקער אין מויל אַריין און אַ שמיץ מיט דער בייטש, און אייך וועל איך באַלד געבן אַ בריקע מיט די הענט און אַ דריגע מיט די פיס, און אַן אַ שטיקל צוקער! איך בין אַ בעל־עגלה? אַ רוח אין אייער טאַ — — —

דער רעסטאָראַטאָר איז גיך צוגעלאָפן און זיי קוים באַרואיקט און איינגעשטילט די היציקע, פערדישע דיסקוסיע...

דאָנערשטיק און שבת לויפן צו די קאַרעראַס בלויז די, וואָס האָבן אַ־בעריקע צייט, די אויסדערוויילטע אַריסטאָקראַטן, די אמתע ספּאָרט־לייט.

זונטיק לויפן שוין אַלע צו די קאַרעראַס. דאָרט קאָן מען טרעפן „עמך", פּראָסטע חי־וקימס, וואָס זיינען גרייט צו פאַרשפּילן עטלעכע פּעזעס, אָדער געווינען און צוריק פאַרשפּילן...

ערשטנס, איז דאָס וועטן אויף פערדלעך אַ סך גרינגער, ווי שפּילן אין פּאָקער... ביים פּאָקער זיצט מען אין שטוב פאַרמאַכט, מיט „פּיטשאָס", משעקעס, מישן די מאַליעס קאָרטן.

אָבער דאָ אין „היפּאָדראָמאָ" איז פּשוט אַ מחיה: פרישע לופט, בילעטן, מען קאָן זיך וועטן אויף וואָס פאַר אַ פערד איר ווילט, וואָס אייער האַרץ

גלוסט: דאָבלע סעלעקסיאָן, קינעליא. איר קאָנט שטעלן אויף אַ „פּאַוואָריי־טאָ” אָדער אויף אַ שלאַבעריקע קליאַטשע.

איר קאָנט פאַר אייער געלט זיך אויסקלויבן פון שענסטן און פון בעס־טען: טעקסי־באַי, טאַנגאַסאָ, יו־יו, שאַלמאַנאַסער, נעוואָוזעראַדן, טרו־טרו, טיטוס און לעסו־סאָסי.

דער עולם זיצט ערנסט, אָנגעצויגן, אומגעדולדיק. אַלע וואַרטן אויף עפּעס אַ גרויס געשעעניש... יעדער געדענקט גוט דעם נומער פון די פערד־לעך, ווי אַ פרומער איד „אשרי”.

די פערד האָבן אויך נישט קיין געדולד, קאָנען נישט איינשטיין, זיי ווילן שוין לויפן. מיטאַמאָל גיט מען אַ סיגנאַל און אַכט פערד גיבן זיך אַ ריס פונעם אָרט און גאַלאָפּ גיך, גיך, אַזוי ווי געפלויגן, רירן קוים אָן די ערד מיט די פלינקע פיס.

די זשאָקעיס, איינגעבויגענע איבער די פערד, האַלטן זיך אין דער לופט, לייכט, גרינג, אַבי דאָס פערדל זאָל שנעלער לויפן.

דער גאַנצער עולם גיט זיך ראַפּטום אַ שטעל אויף קוקן נאָך די סוסים מיט שפּאַקטיוון, לאָרגנעטן, שרייען מיט נערוועזע שטימען און פאָכן מיט די הענט:

— ראַפּידאָ, טעקסי־באַי, ראַפּידאָ!

— אַפּריסאַ, שאַלמאַנאַסער, אַפּריסאַ! לויף מתושלח, לויף!

אַ הויכע, ברייטפלייציקע מאַדאַם שרייט מיט אַ הייזעריק שטימעלע און אויסגעשטרעקטע הענט:

— אַפּוראַטע יו־יו, אַפּוראַטע! קאָרע יו־יו, קאָרע!

אַ דיקער איד מיט אַ באַסאָווער שטימע קאָן נישט איינשטיין אויף אָן אָרט, דרייט מיטן קאָפּ, הייבט די ברעמען. ער האַקט אָפּ די זייטן זיינע שכנים מיט די עלנבויגנס, שעלט און שרייט:

— גיכער נעוואָוזעראַדן, גיכער, לויף טאַנגאַסאָ! אַ בראָך זאָל דיך טרעפן, לויף! קריכסט ווי אַ בלייענער פויגל, שטעל פיס! רייב אַוועק! אָט־אָט, ער איז אין דער ערד מיט די ביינער! שוין, שוין, אָט גיט דאָס ערשטע פערד אַ צי אויס די מאָרדע און פאַרטיק, געקומען! איין סעקונדע פריער און געוואונען. אַ פגירה זאָל אויף אייך קומען! פערדישע קעפּ!

צווישן איין קאַרעראַ און דער אַנדערער שטייען רעדלעך אידן, קאָכן זיך און זאָגן אַ מבינות אויף די נייע פערד און גיבן עצות:

— פאָלגט מיך, שטעלט אויף נומער פיר און זיבן.

— ווייסיך וואָס, אויך מיר אַ מבין! שטעלט גלייכער אויף דריי פערד, איינער וועט זיכער קומען.

דאָ מישט זיך אַריין אַ ליטווישער יונגערמאַן און רעדט שטיל, ווי אַ סוד:

סטעלט אויפן ברוינעם פערד מיטן ווייסן פּאַש אויפן סטערן, איי, אַ שוש, אַ לייב! סוין איינמאָל אַ שוש!

ענטפערט אים זיין גאַליציאַנער פריינט:

— יעך פאַרשטאַי זעך אַלאַין אויף אַ סיס, יעך שטעל אויפן קאַשטאַן, אַ ראַין־ראַסיק פערד מיט אַ שיינער גריווע, קיקט אָן פיס, ווי ביי אַ הירש. דער ברוינער וועט נישט קומען, ר׳איז צי שווער און מ׳זאָגט נישט שוש, נאָר סיס.

ווערט שוין דער ליטוואַק בייז און ענטפערט אים קורץ:

— פון וואַנען זענט איר געוואָרן אַזאַ גרויסער מבין אויף שושים? (סוסים). אין גאַליציע גייען די פערד געפּענטעט די פיש (פיס).

ענטפערט אים באַליידיקט דער גאַליציאַנער:

— באַ ענק אין ליטע איז דאָ בלויז איין פערד, וואָס שטאַיט אויף די הינטערשטע פיס, ווען דאָס פערד זאָל חלילה אַראָפּלאָזן די פאָדערשטע פיס, וואָלטן זאַי זעך געשטעלט אויף דער רוסישער אָדער פּוילישער טעריטאָריע...

מיטאַמאָל דערהערט מען טרומייטערן, דעם סיגנאַל פון דער קאַרעראַ און אַלע צעלויפן זיך.

ביי דער לעצטער קאַרעראַ ווערט אַ געלאַף צו די פענסטערלעך, די וואָס האָבן געוואונען זוכן גליק אויף די לעצטע פערד, און די וואָס האָבן פריער פאַרשפּילט, ווילן ביי דער לעצטער קאַרעראַ צוריק אָפּגעווינען און — פאַרשפּילן...

נאָך די קאַרעראַס גייען אַ סך אַהיים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז, אומצופרידענע און קלערן וועגן מער מזלדיקע פערד אויפן קומענדיקן זונטיק...

הימל און ערד און — פערד!

דעם פּאָקער, נעבעך, האָט מען דערווייל אָפּגערוקט אויפן צווייטן פּלאַץ.

איצט פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ — די פערד!

לוקסוס...

מאָנאָלאָג

— וואָס ווילן זיי די אידישע שרייבער, וואָס זאָבן זיי זיך מיטאַמאָל גענומען צו די אידישע גבירים? וואָס האָבן זיי זיך אויף אונז אָנגעזעצט? פאַרוואָס דערגייען זיי אונז די יאָרן מיט זייער שרייבן, קריטיקירן און קלאַפּן טרעוואָגע: — לוקסוס! לוקסוס!

וואָס זייַנען זיי אַזוי מרעיש עולם, וואָס לייגן זיי אַזוי איין די וועלט מיט אונזער גבירישן לוקסוס!

לוקסוס! לוקסוס!

ווער מיר לוקסוס, וואָס מיר לוקסוס, און ווען מיר לוקסוס!

וואָס בין איך, למשל, שולדיק, אַז דער רבונו של עולם האָט מיך גע־שטראָפט מיט אַביסעלע מער געלט ווי איר האָט? אָסור מיר, אויב כ׳האָב געוואָלט ווערן אַ גביר! ווער דאַרף דאָס? צו וואָס, צו ווען? איר מיינט, אַז כ׳דאַרף אַזוי פיל געלט? ס׳הייבט זיך נישט אָן!

צו וואָס זאָלט איר מיר געזונט זיין, דאַרף איך אַזוי פיל געלט? כ׳קאָן דען אויפעסן צוויי מיטאָקן מיט אַמאָל, כ׳קאָן דען אַליין אויפעסן אַ גאַנצן געבראָטענעם אינדיק? ניין, ניין! כ׳עס נישט מער פון אייך און טרינק נישט מער פון אייך.

הייַנט, צו וואָס זשע טשעפּעט איר זיך צו די גבירים, האַ?

כ׳וועל אייך דאָ אויסזאָגן אַ סוד: כ׳קאָן גאָר קיין סך נישט עסן, כ׳טאָר גאָר קיין סך נישט עסן!

כ׳לייד, נישט פאַר אייך געדאַכט, פון עפּעס אַ מאָגן־קראַנקהייט, פון אַ נערוועאישן מאָגן. איר האָט שוין אַמאָל געהערט פון אַ נערוועזן מאָגן? אָט רעד איך דאָ מיט אייך און כ׳פיל שוין עפּעס אַ שנייַדונג אין באָעד. אָט אַזאַ מין נודנע ווייטיק, אַ ווייטיק אָן אַ נאָמען. אוי, דער באָעד, דער באָעד!

נו, לוינט צו זיין אַ גביר, לוינט צו הערן שרייַען לוקסוס, לוקסוס!

כ׳בין שוין געוועזן דריי מאָל אין ראָטשעסטער, ביי די גרעסטע דאָק־טוירים, און ס׳העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס! כאַטש נעם און שטעל דיר אַ־ריין אַ נייעם מאָגן, אַ גאָלדענעם מאָגן, אַזוי פון בעסטן, ריינסטן גאָלד, אַ 24 קאַראַטענעם מאָגן... גלויבט מיר, כ׳וואָלט אייך אַוועקגעגעבן פאַר אַ געזונטן מאָגן, מיין גאַנץ עשירות מיטן לוקסוס.

כ׳שטיי און קוק, ווי איז מיר, אויף די אַלע גוטע, געשמאַקע, באַטעמ־

טע מאכלים און גאַרנישט! ס׳עסט זיך נישט! צו וואָסזשע טויג מיר מיין עשירות. וואָס זשע זענט איר מיך אַזוי מקנא? כ׳וועל זיך מיטנעמען דאָס געלט מיטן לוקסוס אין קבר אַריין?

וואָס בין איך שולדיק, אַז עס גייט מיר, קיין עין הרע, פון טיר און טויער. נאָך פופציק טויזנט, נאָך הונדערט טויזנט און נאָך הונדערט טויזנט! נאָך מאַשינען, נאָך געשעפטן. ס׳באַנק־ביכל וואַקסט, ווערט פולער, דיקער, גרעבער, די ציפערן וואַקסן, מערן זיך, ווערן גרעסער, גרעסער!

און וואָס זאָל איך טאָן מיטן געלט, האַ?

איין ביסעלע פאַרגעניגן איז מיר געבליבן אין לעבן — לוקסוס! יאָ, לוקסוס, אַזוי הייסט דאָס ביי זיי, ביי די אידישע שרייבער און קריטיקער. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ לוקסוס איך דאַרף, אַז, אַז דער באָעך, דער באָעך! איר פאַרשטייט, כ׳טאָר זיך נישט אויפרעגן.

כ׳קום אַהיים אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער, גיי איך מיר אַריין אין מיין אויסגעפוצטער סאַלע, אין זיידענעם שלאָפראָק מיט די ווייכע שטעקשיך. צי זיך אויס אַביסל אויף דער ווייכער פּליושענער סאָפע. אויף דער פּאָדלאָגע ליגט זיך אויסגעלייגט דער טייערער פערסישער טעפּיך. אויף דער וואַנט הענגט זיך דער טייערער געשליפענער שפּיגל, אַרום די ווענט זיינען אויסגעשטעלט קליינע מירמלנע סטאַטועטקעס, מיט צאַצקעס, מיט פאַרשידענע שמאָכטעס.

אין די ווינקלען שטייען לאָמפּן, הויכע לאָמפּן, נידעריקע לאָמפּן מיט גרינע, רויטע און בלויע אַבאַזשורן. און אויפן סופיט הענגט זיך אַראָפּ אַ גרויסער, בייכיקער, קריסטאַלענער זשיראַנדעל באַהאָנגען מיט אַ סך גלעזערנע שנירלעך און קייטלעך, און אַז מ׳גיט אַ צינד אָן דעם זשיראַנדעל, ווערט מיר עפּעס אַזוי ליכטיק אין די אויגן, עפּעס אַזאַ מחיה אויף דער נשמה.

דער גלעזערנער זשיראַנדל בלישטשעט עפּעס אַזוי שיין, ווי אין אַ סאַלאָן ביי אַ גראַף אין פּאַלאַץ, ווי ביי אַ מאַגנאַט, ווי ביי דעם רייכן שרה ביי אונז אין שטעטל, עס זעט אויס אַזוי פּריציש...

נו, דאָס איז דאָך מיין גאַנצער פאַרגעניגן אין לעבן!

וואָס אַרט דאָס די שרייבער, פּאָעטן און קריטיקער, אַז אַ איד האָט אַ קאָפּעטשקע פאַרגעניגן! אָט דאָס הייסט ביי זיי לוקסוס! לוקסוס! איך בין דאָך אַ קראַנקער מענטש מיט אַ נערוועאישן מאָגן, דער באָעך! דער באָעך!

איר האָט מיך באַדאַרפט אָנקוקן דאָרט, אין דער אַלטער היים, אין שטעטל מיינעם, וואָס פאַר אַ יונג מיט ביינער איך בין געווען, שטאַרק ווי אייזן. און דווקא נישט געגעסן קיין געבראָטענע הינער, פאַסטעלן מיט שאָקאָלאַד, נאָר שוואַרץ ברויט מיט באָרשטש מיט אַ שטיקל רינדערן־פליישׁ... און ניט געהאַט קיין לוקסוס.

איך מיינט, אַז כ׳וואָלט נישט קיין הנאה געהאַט פון אַביסל „מאָלע״ מיט טשילע און טאַקע אַ שטיקל אידישן הערינג מיט ציבעלע, מיט אַ שטי־קעל רעטעך, אָדער אַ שטיקל היימישן קלאָפּס מיט קנאָבל. גלייבט מיר, כ׳וואָלט איך פאַר דעם אַוועקגעגעבן מיין גאַנצן לוקסוס!

נאָר גיי עס, אַז מ׳טאָר נישט עסן! כ׳האָב דאָך אַ נערוועאישן מאָגן מיט קאָליטעס, מיט אַ לעבער, מיט צוקער, מיט רומאַטיזם, מיט, מיט ווייסט זיי דער גוטער יאָר אַלע דאָקטוירים.

נו, מעג מען מיר פאַרגינען מיין ביסל לוקסוס, האָ?

איך מיינט אפשר, אַז כ׳בין אַ קאַרגער, אַן איינבראַענגער, כ׳וויל אַלץ אַריינכאַפּן פאַר זיך? חלילה, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אדרבא, פונקט פאַרקערט. אויף מיר קאָן מען נישט זאָגן, אַז כ׳בין אַ גביר אַ חזיר...

איךביישטייער זיך אויף רעכטס און אויף לינקס, און טאַקע מיט אַ ברייטער האַנט. וואָס וועל איך גיין היטן דאָס געלט? ווי זאָגט מען עפּעס: אידישע עשירות איז פונקט ווי פורימדיקער שניי — עס צעגייט...

איך מיינט, אַז ס׳טוט מיר נישט וויי דאָס האַרץ, הערנדיק די שרעק־לעכע בשורות פון אונזערע אומגליקלעכע, פאַרפייניקטע אידן אין די נאַצי־לענדער? אַ סך מאָל גיט מיר עפּעס אַ צי דאָס האַרץ מיינס און איך פיל זיך אַביסל פאַרשעמט. איך לעב אין וואויל־טאָג, אין לוקסוס און זיי דאָרט גייען אויס פאַר אַ שטיקל טרוקן ברויט. דאָס אידישע האַרץ פון רחמנות גיט אַ ציטער אויף, און איך וויל מיטאַמאָל ביישטייערן זיך מיט אַ גרויסע מטבע, אַזוי, אַ צען, צוואַנציק טויזנט פּעזעס. וואָס איז, כ׳האָב ווייניק? נישקשה, ס׳וועט סטייען!

זאָג איך צו מיין אידענע: גאָלדעלע, מ׳דאַרף געבן עפּעס אַ גרויסע ביישטייערונג, מ׳קאָן זיך פאַרגינען גאָלדעלע, מ׳קאָן!

צעשרייט זיך מיין גאָלדע אויף די הויכע טענער:

— יאַנקל פּייפּער, צעטרענצל נישט די עטלעכע קערבלעך!

נעם איך אויך אַ הויכן טאָן און שריי איר גלייך אין פּנים אַריין:

— גאָלדע, גאָלדע, זינדיק נישט, דו האָסט געגנוג! דו לעבסט זיך ווי אַ פּריצטע, ווי אַ קייסערינע, דו באָדסט זיך אין מילך און אין האָניק. מיט ווי־פיל געלט ביסטו געקומען אין מעקסיקע, האָ?

צעשרייט זיך מיין ווייב נאָך העכער:

— יאַנקל פּייפּער, גיסט געגנוג! לאָז עפּעס איבער, דו האָסט דערוואַק־סענע קינדער, וואַרף זיך נישט מיט קיין טויזנטער!

נעם איך טענהן מיט גוטן, אַז די קינדער אונזערע, וועלן מיר נאָכן טויט נישט שטעלן קיין גאָלדענע מצבה.. נאָר איר פאַרשטייט דאָך, שלום בית, גיי הייב זיך אָן מיט אַן אייגן ווייב! כ׳טאָר דאָך זיך נישט אויפרעגן, כ׳איז באַלד דער באָעך, דער באָעך!

איר מיינט, אַז ס'איז טאַקע גוט אויפצורייסן אַ וועלט די אויגן מיט מיין לוקסוס? ס'הייבט זיך נישט אָן, מען פאַרגינט דאָך מיר נישט דאָס העמד אויפן לייב...

אַט קומט אַריין צו מיר מיין שכן מיטן ווייב, הייבן זיי מיך אָן צו פאַר־מוטשען מיט פראַגעס:

— עטץ האָץ זעך טאַקע געקויפט אַ נאַיע קאַטשע, אַן איין־און־פערצי־קער, אַ קאַדעלאַק? צוועלף טויזנט פעזעס! צ־צ־צ פססס! דוס איז טאַקע אַ פערסישער טעפּיך? אַי, שאַין, אַ צאַצקע, אַי, שאַין, זוגץ נאַר, כ'בעט ענק, פאַני פייפער, עטץ גאַיט זעך טאַקע באַען אַ נאַי האַז אין דער קאָלאָניע פאַ־לאַנקע? נו, פאַרוואָס נישט, אַז גאָט העלפט!

און דעם שכנס ווייב נעמט זיך צו מיין אידענע:

— זוגן זי נאַר, סעניאָראַ פייפער. צאָץ זעך טאַקע געקויפט אַ נאַיע ברילאַנטענע בראַשקע? און די פינגערלעך זענען טאַקע אמתע ברילאַנטן, וואַי איז מיער! אַזוי גרויס ווי די אַרבעס. זוגן זי נאַר, דוס זענען אַלץ אַמע־ריקאַנער קליידער מיט פיטערנע מאַנטלען? וואַי איז מיער, זי קאָנען זעך שוין באַלד מאַכן אַ קליידער געשעפט. ני, פאַרוואוס נישט, אַז גאָט העלפט! זי האָבן טאַקע געקויפט אַ נאַיע פיאַנע, אַ בעכשטאַין? איי, ווי שאַין, ס'פאַ־ראַסט דאָך די אויגן! ני, פאַרוואוס נישט, אַז גאָט העלפט!

גלויבט מיר, אַז פון גאַנצן טאַראַראַם, מיטן גאַנצן לוקסוס מיינעם, איז מיין בעסטער פאַרגעניגן, ווען כ'בלייב אַליין עטלעכע שעה.

די טאָכטער פאָרט אַוועק מיט איר נייע קאַטשע אין קוואָטלאַ, דער זון מיינער פאָרט זיך אַוועק אויף זיין קאַטשע אין קורנאַוואַקאַ, און דאָס ווייב מיינס פוצט זיך די נעגל ביי זיך אין צימער.

דעמאָלט פאַרקלייב איך זיך פאַמעלעך אין דער סאַלע אַריין, פאַרמאַך שטיל די טיר, לען זיך אָן אויף אַ ווייכן פאָטעל און שטעל מיר אָן מיין „וויק־טראָלאַ", מיט אַ אידישער פלאַסטינקע פון אַ ימים נוראימדיק שטיקעלע. ד'ער חזן זינגט אַזוי שיין ,אַזוי האַרציק, עס ציט ביי דער נשמה, עס צעגייט אין יעדן אבר. אָדער, ווען יאָסעלע ראָזענבלאַט צעזינגט זיך אויף זיין זי־סער, האַרציקער שטימע: — הבט משמים וראה, אוי, הבט, הבט, אוי, משמים, משמים וראה, כי היינו לעג וקלס בגויים, אוי ,הבט, הבט — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גזלנים, רוצחים! וואָס האָט איר זיך געַנומען צו די גבירים וואָס? וואָס האָבן זיך ראַפּטום געַנומען די אידישע שרייבער און קריטיקער צו אונזער גבירישן לוקסוס?

און מאַכן אַ בר־מצוה אין גרעסטן גויאישן רעסטאָראַן מיט ראַדיאָ־זינגערינס, איז נישט קיין לוקסוס?

און מאַכן אַ כשרע חתונה אין אַ רייכן טריפהנעם רעסטאָראַן איז נישט קיין לוקסוס?

און צעפּאַרשפּילן די לעצטע עטלעכע הונדערט פּעזעס אין פּאָקער און נישט קאָנען מאָרגן צאָלן די לעטראַס, איז נישט קיין לוקסוס?

נעמט זיך גלייכער צו די קבצנים, זיי יאָגן זיך נאָך לוקסוס, מער ווי די גבירים.

קבצן וואו קריכסטו?

הערט אויף צו טשעפּען מיט די גבירים, זיי האָבן גענוג צרות נעבעך, מיטן לוקסוס, אוי, דער באָעך, דער באָעך!

לאָזט געמאַך די גבירים! פאַרגינט זיי זייער לוקסוס!

וואַקאַציע אין גן עדן . . .

מיינט נישט, חס וחלילה, אַז איך מיין די וואַקאַציעס, וואָס יעדער איי־נער פון אונז מוז אַמאָל נעמען, צי ער וויל אָדער נישט. די אייביקע וואַ־קאַציעס איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אויפן בית עולם... וואָס איז אַן אמתע אויסשטעלונג פון שטיינערנע מאָנומענטן און מצבות באַוואַקסן מיט גרין, ווילד גראָז, בוימער און בלומען, וואָס שמעקן מיט בית־הקברות ריחות...

און אַז דער מידער פאַרהאָרעוועטער, פאַרדאגהטער בשר ודם, האָט זיך נישט געקענט פאַרגינען אַביסל וואַקאַציע אויפן עולם השקר, גייט ער פון בית עולם גלייך אַוועק אין הימלישן גן עדן אַריין, אויף אַ לאַנגן, לאַנגן אָפּרו, אויף אַן אייביקער וואַקאַציע...

דאָרט, אין הימלישן גן עדן דאַרף מען נישט צאָלן קיין געזאַלצענע פּרייזן פאַר אַ צימער וואו מ׳שלאָפט דריי מענטשן צוזאַמען, עסן וואָס מען גיט: פאַרשטונקענע אייער, רויע זעמל, וואַסערדיקע מילך און נעכטיקע טעג... מ׳דאַרף זיך נישט באָדן אין אַ באָד־אַנצוג אינם פאַרשטונקענעם שוועבל־וואַסער, וואו אַלע פליעסקען זיך און שרייען מיט באַנומענע קולות פון גרויס תענוג.

אין הימלישן גן עדן, האָט זיך יעדער זיין טייכל פון ריינעם, לויטערן בוימל, אָדער אַ טייכל פון בעסטן, שמעקנדיקן פאַריזער פאַרפום...

ניין, כ׳מיין נישט דעם הימלישן גן עדן, נאָר דעם גן עדן אויף אונזער זינדיקער וועלט אין קאַטלאַ, וואו איך בין דאָס מאָל געפאָרן אויף וואַ־קאַציע.

דער האָטעל „גן עדן", „על פאַראַיסאָ", שטייט אַן אויסגעפּוצטער מיט רויטע ציגל ביים סאַמע שאָסיי, מיט אַן אַרומגעצוימטן גאָרטן, וואָס זעט אויס ווי אַ גן עדן, אָדער ווי אַ טערקישער גן עדן... וואו עס שפּאַצירן אַרום פרויען און מיידלעך.

אויפן גן עדן הויף גייען די פרויען און מיידלעך אויסגעפּוצט, ווי ביי זיך אין שלאָף־צימער... אנשטאט די אַמאָליקע וויבערשע, ברייטע פּידזשאַ־מעס, גייען די פרויען און מיידלעך אין „סלאַקס", לאַנגע מענערשע הויזן מיט אַ קורץ געפּאַסט רעקל.

אַ קליינע, דיקע, באַלייבטע אידענע אין „סלאַקס" רויכעט איין ציגאַ־

רעטל נאָכן אַנדערן, האַלט אַ פּעשל קאָרטן אין האַנט און פֿרעגט יעדן איינעם, צי מ'וויל מיט איר מאַכן אַ רעמי. זי לאָזט נישט אַרויס דעם ציגאַרעט פֿון מויל, מאַכט חנדלעך און דרייט זיך אָפּן קאָרעק. זי וויל אַז אַלע זאָלן זען איר שיינע, פּרעכטיקע פֿיגור...

אַ דאַר אָפּגעברענט ווייבעלע אין „סלאַקס", וואָס זעט אויס, ווי אַן אָפּגעפּליקטע הון, צעקריגט זיך מיט איר נאָר וואָס אָנגעקומענעם וואַקאַציע־מאַן. פֿון אָפּענעם גן עדן פֿענסטער הערט מען, ווי זיי ווערטלען זיך אַדורך אַביסל:

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר נישט געבראַנגט די גרינע „שלאַקס", האַ? קאַצענער קאָפּ!

— שאַ שריי נישט אַזוי, דו גייסט דאָך אין „שלאַקס", קראַסאַוויצע מיינע, ביסט אַזוי אויך אַ צרה, אַ שלאַק, אין די אַלטע „סלאַקס".

די קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, פֿליען אַרום ווי די בינען, שרייען, טומלען, ס'איז זייער אַ גן עדן.

ביי אַ טישל זיצן פֿיר מענער און מאַכן אַ דאָמינאָ. יעדער גאַנג קומט אַרויס מיט אַ זעץ מיטן שטיין אויפֿן טישל. די שפּילערס זיינען פֿאַרקאָכט, הערן גאָרנישט און ענטפֿערן גאָרנישט. מ'הערט נאָר דאָס קלאַפּן פֿון די שטיינער און — גיט אַ שטיין, קאַליקע! וואָס האַלט איר דעם טאָפּל זעקס? פֿאַרוואָס זענט איר נישט אַרויס מיטן טאָפּל בלאַנק? קאַראַמבאַס! פֿאַרמאַכט, קאַליקע, פֿאַרמאַכט!

אין גרויסן טונקל באַלויכטענעם עס־צימער, שטייט אויבן אַן אַ גלעזערנער בופֿעט מיט כל־טוב: כאַמאַן, שווייצער קעז, קאָניאַק, סאַרדינען, געוויכערטע הערינג און פֿאַרשידענע קעסטלעך מיט קיכעלעך.

כ'האָב זיך דערפֿרייט, דער עס־יצר־הרע האָט גענומען אַרבעטן מעשים; אַזעלכע געשמאַקע זאַכן, אַן אמתער גן עדן!

לאָזט זיך אויס, אַז אין גן עדן זיינען דאָ אַלע גוטע זאַכן, נאָר מ'גיט נישט!

די אַלע גוטע זאַכן קאָסטן עקסטראַ... איר ווילט קיכלעך צו דער טיי? אָ, יאָ, ביטע, ביטע! נאָר עס קאָסט עקסטראַ! איר ווילט אַ שטיקל קעז? אָ, ביטע, ביטע, אָבער דאָס קאָסט עקסטראַ!

אין עס־צימער זיצט אַ איד איינער אַליין ביי אַ טישל, זען זעט ער אויס דער איד, פּונקט ווי אַ לעבעדיקע קאָפּיע פֿון — גהאַנדי... אין אַ ווייס דאַרפֿיש רעקל, פֿאַרטראַכט, קוקט מיט אומצוטרוי אויף אַלע און רעדט נישט מיט קיינעם.

„גהאַנדי" עסט בלויז גרינוואַרג און טרינקט נאָר מילך — ער האָט נעבעך אַ קראַנקן מאָגן. אַז מ'פֿרעגט אים עפּעס, ענטפֿערט ער מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ בליאַסק מיט די אויגן איבער די ברילן און אַ צי אַרויף

דעם גלאַנציקן, גרויסן שטערן, וואָס פֿאַרענדיקט זיך אויפֿן אַנדערן האַלבן קאָפּ...

אין גן עדן ווערט מיטאַמאָל אַ טומל. אַלע לויפֿן צום אַריינגאַנג פֿון האָטעל. וואָס איז געשען? מענדל איז געקומען, מענדל!

ס׳עפֿנט זיך פּאַמעלעך דאָס טירל און מענדל, אַ קליינער, אַ דיקער, אין אַ „טשאַמאַראַ", שפּאַצירט זיך געמיטלעך אַריין אין גן עדן, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, פֿאַרזשמורעטע אויגן, פּאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט, ווי אַן אַרטיסט וואָס איז געקומען אויף גאַסטראָלן.

אַהאַ, מענדל איז דאָ! ס׳וועט שוין זיין טיי, הינערשע לעבערלעך און עס וועט שוין דער אמתער באַלעבאַטישער פּאָקער...

דער בעל הבית פֿון האָטעל רוט נישט, שטייט נישט איין אויף קיין אָרט. מיט פֿאַרשאַרצטע אַרבל און מיט פֿאַרשנירלטע, דינע ליפּן ענטפֿערט ער יעדן צוויי ווערטער און לויפֿט ווייטער. נאָר ביים עסן שטייט ער אויף אַן אָרט אין עס־צימער, מיט אַ ביכעלע אין האַנט און פֿאַרשרייבט, וואָס די גן־עדן געסט נעמען „עקסטראַ..."

ערב ניי־יאָר ביינאַכט, נאָך דער וואָכעדיקער וועטשערע, איז דער עולם געזעסן אין גן־עדן ביים פּאָקער און ביי דער דאָמינאָ, און געשמאַק גע־אַרבעט.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ פּייפֿן און אַ קלינגערייַ פֿון גלעקער. אַ יונגערמאַן, וואָס זעט אויס ווי אַ היימישער דאָרפֿסגייער אָדער ווי אַן אויפֿ־געקומענער בעל עגלה מיט גראָבע פֿליישיקע ליפּן, גיט מיט אַמאָל אַ פֿאַל אַרויף אויף אַן אויסגעפּוצטער, אָנגעשמינקטער, פּעטע דאַמע, גיט איר אַ שטאַרקן „אַבראַסאָ" און ווינטשט איר מיט אַ באַסאָווער, גראָבע שטימע: פֿעליז אַניאָ נועוואָ!... די דאַמע האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ בלאַסע און שטיל, אַ דערשראָקענע געענטפֿערט:

איגואַלמענטע, סעניאָר!

אַ צווייטער איד האָט געוואונטשן גהאַנדין אַ גליקלעך יאָר, איז גהאַנדי געוואָרן מלא רציחה און זיך צעבייזערט: וואָס פֿאַר אַ גליקלעך יאָר איז אויף אייך? זעט נאָר ווי זיי האָבן זיך דאָס דערפֿרייט מיטן גויאישן פֿע־ליז אַניאָ! אַ גליק האָט אייך געטראָפֿן, לשנה טובה אידן!

נאָכן מיטאָג כאַפּט מענדל אַ דרימל אויף צוויי שעה.

דער איינציקער פֿאַרגעניגן, וואָס קאָסט נישט קיין עקסטראַ — איז שלאָפֿן... איר קאָנט שלאָפֿן אין גן־עדן בייטאָג וויפֿל איר ווילט. דער באַ־לעבאָס רעכנט נישט פֿאַרן שלאָפֿן בייטאָג — עקסטראַ...

ווען מענדל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער זיך אויסגעצויגן איבער דער גאַנצער לענג פֿון בעט, און אַ צופֿרידענער, אַן אויסגערוטער פֿון נעכ־

טיקן פּאַקער, האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן זינגען הלל מיט אַ יום־טוב־דיקן ניגון, בענטשן גשם און אַנדערע חזנישע שטיקעלעך.

דער הילצערנער סופיט פון טרוקענע ברעטלעך, האָט אַרויסגענומען די יום־טובדיקע טענער אויבן אין צווייטן צימער אַריין, האָט מען באַלד געענטפערט מיט אַן אויסגעצויגענעם אָ־אָ־מ־מיין!

אויפן הויף האָבן זיך צעטראָגן די חזנישע שטיקלעך, און פון אַ סך אָפענע פענסטער האָט מען צוגעהאָלפן, און ווייטער געצויגן ד׳עם אויפגע־כאַפּטן ניגון...

שפּעטער אַביסל, האָט „גהאַנדי" געפרעגט מענדלען, וואָס איז מיט אים די גדולה, וואָס ער האָט זיך אַזוי צעזונגען, וואָס איז מיט אים די שמחה? זאָגט גלייכער אַ קאַפּיטל תהילים.

האָט אים מענדל געענטפערט מיט שמייכלדיקע אויגן און אויפגע־שטעלטע אָקסלען: — ס׳איז גוט! מ׳שלאָגט די נאַציס. איי, שלאָגט מען! די העלדישע רויטע אַרמיי שניידט פּאַסן פון די נאַצי־מערדער פון איין זייט, די אַליאירטע פון דער אַנדערער זייט. מ׳נעמט נקמה פאַר אונזער פאַרגאָסן אידיש בלוט. מ׳דאַרף זאָגן הלל ר׳ איד! און תהילים וועט מען זאָגן ביינאכט מיט נייע פּעשלעך תהילימלעך. קומט טרינקען אַ גלעזל טיי.

אויפן הויף דרייט זיך אַרום אַ הונגעריקער, אַן אומצופרידענער דער „אייביקער פאַרשפּילער"... ס׳איז פאַראַן אַן אייביקער שלימזל, אַן אייבי־קער חתן, אַן אייביקער סטודענט און אין גן־עדן איז דאָ אַן אייביקער פאַרשפּילער.

דער אייביקער פאַרשפּילער עסט קיינמאָל נישט צו דער זאַט. ער וויל נאָך אַ טעלער זופּ, נאָך אַ שטיקל הערינג און פריש שוואַרץ ברויט, נאָר מ׳גיט נישט!

האָט זיך איינמאָל געטראָפן אַ נס. און אין גן־עדן איז געוואָרן אַ סענ־סאַציע. דער אייביקער פאַרשפּילער האָט געוואונען, מזל טוב, הוראַ! נו, נו, אויפן צווייטן טאָג האָט ער געלייגט אַן איי... און צוריק געקראָגן זיין פאַרדינטן טיטל... ער האָט פאַרשפּילט דריי מאָל אַזוי פיל, ווי ער האָט געוואונען. ער איז נישט שולדיק, אַז מ׳שפּילט צוויי הונדערט פּעזעס אַ „לאָטע"...

נאָר די בעסטע זאַך פון דער גאַנצער וואַקאַציע — איז דאָס אַהיים פאָרן... צוריק שלאָפן אין אייגענם בעט, אויסגלייכן זיך די ביינער און עסן וואָס מ׳וויל.

די קאַטשע גליטשט זיך אויפן גלאַטן אַספאַלטירטן וועג, וואָס איז באַגאָסן מיט דער מילדער יאַנואַר זון. פון ווייטנס בלאַסקעט אַקעגן מיט ווייסער גדלות, דער מיט שניי באַדעקטער „פּאָפּאָ".

איר האָט שוין געזען, אַז אַ פּראָלעטאַריער, אַ האָרעפּאַשניק זאָל הנאה האָבן פון זיינע וואַקאַציעס?

געלט האָט מיך געקאָסט גלייך מיט אַ בורזשוי, נאָר געשלאָפן בין איך צו צוויי אין אַ בעט און פיר אין אַ צימער... געגעסן אַלט ברויט מיט דזיע זעמל און געטרונקען טיי אָן אַ שטיקל קוכן. א גן עדן גאָר!

אַ גן עדן האָט זיך מיר פאַרגלוסט, „על פּאַראַיסאָ", כ'פאָר אַהיים מיט א גרימעניש אין בויך פון די שלעכטע, וואַסערדיקע מילך, און פון באַלע־באָס זייערער מינע אויפן פּנים...

די בעסטע וואַקאַציע איז פאַרן מאַן, ווען זיין פרוי פאָרט אויף וואַ־קאַציע... און די בעסטע וואַקאַציע פאַר אונזערס אַ מענטש, אַ נאַש־בראַט, איז אין אמתן גן־עדן — אין דער היים! אַ גן עדן, וואו קיין שום זאַך קאָסט נישט עקסטראַ...

אַן אמתער וואַקאַציע גן־עדן אויף אונזער טייער וועלטל, איז נאָך דערווייל נישטאָ!

קאָנצערטן מיט טאַלאַנטן

מיר, די מעקסיקאַנער אידן, ווייסן גאָרנישט ווי גליקלעך מיר זיינען, ווי שטאָלץ מיר דאַרפן זיין מיטן גוטן נאָמען אונזערן אויף אַלע פינף קאָנ־טינענטן, אין אַלע לענדער אויף דער גאָרער וועלט, בכל תפוצות ישראל.

ווי זאָגט עפּעס דער גרעסטער חכם פון אַלע חכמים — שלמה המלך אין הייליקן קהלת: — טוב שם משמן טוב. אַ גוטער נאָמען איז בעסער ווי גוטער בוימל...

מיר האָבן זיך כשר פאַרדינט אונזער גוטן נאָמען ביי אַלע דעלעגאַטן, משולחים, משולחתן... און ביי אַלע אַקציע־מאַכערס.

די מעקסיקאַנער אידן האָבן אַ שם פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן, פאַר גוטע, טייערע, ווייכהאַרציקע אידן מיט ברייטע הענט און אָפענע קעשענעס...

דערפאַר אָבער פאַרזעט מען אינגאַנצן אין אויסלאַנד, אונזערע גרויסע פעאיקייטן, אונזערע טאַלאַנטן און אונזערע וואונדער־קינדער...

דאָס איז באמת אַן עוולה, גאָר אַ גרויסע עוולה!

ס'איז שוין צייט, אַז די אידן אין אַנדערע לענדער זאָלן וויסן, אַז אויסער פעטע טשעקלעך, גרויסע ביישטייערונגען פאַר אַקציעס מכל מאמינים שהוא... האָבן מיר אויך פעאיקע כלל־טוער, ערשטקלאַסיקע פרעזידענטן פון אָרגאַניזאַציעס, שולן, קלובן און חברות. דיפּלאָמאַטישע וויצע־פּרעזי־דענטן, געטרייע סעקרעטאַרן, געניאַלע בוכהאַלטערס, טאַלאַנטפולע פּאָ־עטן און שרייבער, מיט ספּעציאַליסטן וועקסל־שרייבער וואָס שרייבן פאַר זיך און פאַר יענעם... גרויסע רעדנער, געוואַלדיקע אָראַטאָרן וואָס שטעקן אַריין אין גאַרטל אַ סך „ס פּ ע צ י ע ל ע" רעדנער, וואָס מ'שיקט אונז צו פון אויסלאַנד...

מיר פאַרמאָגן אויך גרויסע, גאָר גרויסע פּאָקער־שפּילער, ביי וועלכע די אמתע אַמעריקאַנער פּאָקערניקעס מעגן גיין ביי זיי אין חדר...

און איצט וועל איך די אויסלענדישע אידן מגלה זיין אַ סוד, כ'וועל זיי אַנטפּלעקן דעם גרויסן סוד, אַז אַחוץ די אַלע גרויסע מעלות אונזערע פאַר־מאָגן מיר אַ זוינס און אַזעלכעס, וואָס איז נישט בנמצא אין אַ סך גרעסערע און עלטערע אידישע ישובים:

מיר פאַרמאָגן די גרעסטע צאָל טאַלאַנטן און וואונדער־קינדער!

מיר האָבן אַ גרויסן איבערפלוס אין קינסטלער, פידל־שפּילער, פּיאַ־ניסטן, זינגער און טענצערינס.

די טאלאנטן וואַקסן ביי אונז, קיין עין הרע, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. ס'איז ביי אונז אַ גערעטעניש מיט וואונדער־קינדער.

אין יעדער אידישער היים וואַקסט אַ גרויסער קינסטלער, אַ פידל־שפילער, אַ פיאַניסט, אַ זינגערין אָדער אַ טענצערין.

כמעט אין יעדן אידישן הויז הערט מען שפילן אויף אַ פּיאַנע אָדער פידל.

די מעקסיקאַנער מוזיק־לערער האָבן זיך מיטאַמאָל ארומגעזען, אַז די „כודיאָס" זיינען אין דער אמתן אַ מוזיקאַליש פאָלק...

מ'רייסט זיך איבער די מוזיק־לערער, ווי איבער אַ גרויסע זעלטענע מציאה. מ'צאָלט די גרעסטע פרייזן פאַרן לערנען. מ'שיקט די קליינע קינסט־לער אין די מוזיק־אַקאַדעמיעס.

מ'בעט זיך פשוט רחמים ביי די לערער: דערבאַרמט אייך קומט צו מיר אין הויז אַריין לערנען. זעט אדרבה, ווי ס'וואַקסט ביי מיר אַ גרויסער קינסטלער, אַ וואונדער־קינד, אַ טאַלאַנט! מ'דאַרף אים נאָר לערנען, נישט מער...

דער לערער שאָקלט צו מיטן קאָפּ, אַ ברירה האָט ער, ס'איז דאָך נע־בעך זיין פרנסה...

אָט שטייט אַ לערער אין אַ רייך אויסגעפּוצטער סאַלע און מוטשעט זיך מיט זיין אידישן תלמיד, אַ צעוואַקסענער בחור פון אַ יאָר צוועלף, ער לערנט דעם גרויסן טאַלאַנט שפילן פידל... דער לערער שטעלט אים אָן די פידל און דער „טאַלאַנט" מיט אַ פּאָר פאַרשטאָפּטע אויערן רייבט מיטן בויגן איבער די סטרונעס. דער לערער ציטערט אויף פון די פאַלשע טענער און פאַרשטעלט זיך די אויערן...

ס'איז נעבעך גאָטס רחמנות אויף ביידע. דער „טאַלאַנט" האָט נעבעך נישט קיין חשק צום שפּילן. איידער אַ פידל מיט אַ סמיק, דאַרף מען אים גלייכער געבן אין די הענט אַריין אַ בייטש מיט לייצעס און מיט אַ פּאָר ברענענדיקע פערד.

דער טאַלאַנט וואָלט זיכער געווען אַן ערשט־קלאַסיקער בעל עגלה...

אָבער זיין מאַמע האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז איר כאָסע מוז זיין אַ פידל־שפּילער. זי שעמט זיך פאַר אירע באַקאַנטע. ביי יעדן וואַקסט אַ טאַלאַנט, פאַרוואָס זשע זאָל איר קינד אויך נישט זיין אַ שטיקל טאַלאַנט.

דער טאַלאַנט גרימפּלט און גריצלט אָפּ אַ צען מינוט און לייגט אַוועק די פידל. ער צעוויינט זיך און וויל מער נישט שפּילן, ער קאָן נעבעך נישט מער, ער וויל גלייכער אַרויסגיין שפּילן מיט די אינגלעך פוט־באָל.

קומט אָבער שטיל אַריין זיין מאַמע און דערלאַנגט דעם טאַלאַנט אירן עטלעכע פעטש:

שפּיל זאָג איך דיר! כאָסע נעם די פידל און שפּיל, דו הערסט? דער־

הרגענען ווען איך דיך און שפּילן וועסטו ביי מיר, כ'וועל דיר די הענט אויסדרייען און שפּילן וועסטו, דו הערסט, נעם די פידל זאָג איך דיר און שפּיל. וואַרט, דו וועסט נאָך ביי מיר שפּילן פּיאַנע אויך!

אַמאָל האָבן זיך אידישע עלטערן באַרימט מיט זייערע קינדער אויפן אַלטן שטייגער:

— מיין יאנקעלע לערנט שוין חומש מיט רש"י.

— מיין משהלע לערנט שוין אַ בלאַט גמרא מיט תוספות.

— און מיין הערשעלע וואַקסט אַ גרויסער למדן, אַן עלוי, אַ פּייערדי־קער קאָפּ!

ביי אונז אין מעקסיקע, ווען עס קומען זיך צוזאַמען עטלעכע אידישע מאַמעס, קאָנט איר הערן אַזאַ מין טשיקאַוון שמועס:

— מיין מיגעל וואַקסט ביי מיר אַ גרויסער קינסטלער, איר זאָלט אים נאָר הערן געבן אַ שפּיל אויף זיין פידעלע „אַ בריוועלע דער מאַמען", איך זאָג אייך ער צעברעכט דאָס האַרץ מיט זיין שפּילן, איר מעגט מיר גלויבן, אַז ער וואַקסט אַ צווייטער חפץ...

— און מיין כאָסע גיט אַ נעם זיין פידל, פאַרלייגט אַביסל דעם קאָפּ צו דער פידל און גיט אַ שפּיל אָפּ דעם „אלי אלי", מעגט איר שוין הערן אַ מין שפּילן, די נשמה נעמט ער אייך אַרויס מיט זיין שפּילן. אַ געזונט אים אין די ביינער אַריין, ער איז אַ וואונדער־קינד!

— פידל שמידל — רופט זיך אָן אַ מאַמע אַביסל ברוגזלעך — איר וואָלט כ'לעבן בעסער געמעגט הערן, ווי מיין אַדאָלפאָ גיט זיך אַ זעץ אַוועק ביי דער פּיאַנע און גיט אַ שפּיל אויף די „טיקווע"... (התקוה), אָדער: „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל" — — —, כ'זאָג אייך, ס'איז נאָר בילעטן צו נעמען! דער לערער זאָגט, אַז ער איז אַ טאַלאַנט, אַ צווייטער רובינשטיין...

— הערט זשע וואָס איך וועל אייך זאָגן — רופט אויס אַ מוטער מיט אַ שטאָלצער מינע אויפן פּנים, — איר וואָלט גלייכער געמעגט הערן ווי מיין טערעסאַ שפּילט אויף דער פּיאַנע: „ביי מיר ביסטו שיין" — — — אָדער, אָטשי טשאָרניע, איז דאָס אַן אמתער קאָנצערט, זי צעהאַקט שיער די פּיאַנע אויף שטיקלעך מיט איר טעכניק...

— און מיין כאַקאָביטאָ זאָל געזונט זיין — פאַררויטלט זיך אַ יונגע מאַמע מיט אַ פאַרחלומט קול, — ער איז אינגאַנצן אַלט אַ יאָר דריי, נאָר ווען ער הערט שפּילן די ראַדיאָ, שטעלט ער זיך אַוועק און מאַכט צו מיט די הענטלעך צום טאַקט פון דער מוזיק. ער וואַקסט דאָך אַ קאַפּעל־מייס־טער, אַ גרויסער דיריזשאָר, אַ צווייטער טאָסקאַניני...

— מיין סעליאַ איז ערשט אַלט עלף יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק, און ס'איז אַ ברען־אַ־מויד — באַרימט זיך אַ מאַמע מיט אַ מאַנסבילישער שטימע, — זי זינגט און טאַנצט ווי אַן אמתע אַרטיסטן. איי, זינגט זי שיין

מיט איר זיס שטימעלע: — אַיאַ ען על ראַנטשאָ גראַנדע — — —, איר מעגט איר זען טאַנצן אַ קאַזאַטשאָק. איי, הייבט זי די פיסלעך! איי, איז דאָס אַ פאַרגעניגן צו זען!

צום סוף שול יאָר, ווערט אַ געלאף אויף די קאָנצערטן פון די טאַ־לאַנטן. אַלע מוזיק־זאַלן זיינען פאַרנומען מיט קאָנצערטן.

עס שפּילן צו צען און צוואַנציק טאַלאַנטן אויף איין קאָנצערט. איין מאַמע לאַדט איין דער צווייטער אויף אירע קינדערס קאָנצערט. היינט ביי מיר, מאָרגן ביי אייך... מ׳דרוקט פּראָגראַמען מיט די בילדער פון די טאַ־לאַנטן. ס׳איז יום־טוב אין דער וואָכן!

די עלטערן זיצן אויפן קאָנצערט און שמעלצן זיך פאַר נחת: זעט נאָר זעט, ווי מיין קלאַראַ זיצט ביי דער פּיאַנע, זי האָט דאָך גאָרנישט קיין מו־רא. זעט נאָר זעט, ווי זי נייגט זיך פאַרן עולם, זעט אדרבה, ווי מען פּאַטשט איר בראַוואָ!

מ׳שענקט די יונגע קאָנצערטיסטן בלומען און מתנות.

ס׳איז דעמאָלט דער אמתער קאָנצערט־יאַריד פון די וואונדער־קינ־דער און טאַלאַנטן.

די אידן אין אַנדערע לענדער מעגן אויך וויסן, אַז אין מעקסיקע וואַקסט אויף אַ גליקלעכע, אַ גאָלדענע אידישע יוגנט, נישט חס־וחלילה קיין פּראָסטע בעל־מלאכות, שניידערס, שוסטערס אָדער סטאָליאַרס, אַ ניין!

אונזער יוגנט באַשטייט פון בלויז בוכהאַלטערס, דענטיסטן, כעמיקער, אינזשיניערן און דאָקטוירים...

און ועל כולם, מער פון אַלץ — קינסטלער, וואונדער־קינדער און טאַלאַנטן.

די מעקסיקאַנער אידישע טאַלאַנטן, וועלן אין קורצן פאַרפלייצן מיט זייערע קאָנצערטן, אַלע קאָנצערט־זאַלן און אָפּערע־הייזער אויף דער גאַנ־צער וועלט.

כ׳בין מכריז ומודיע אַלע אידן אין אויסלאַנד. אויב זיי וועלן אונז שיקן דעלעגאַטן, משולחים און אַקציע־מאַכער, וועלן מיר זיי מוזן אָנהייבן צו שיקן אונזערע קאָנצערטיסטן, וואונדער־קינדער און טאַלאַנטן...

הוליעט אידן, הוליעט!

הוליעט, הוליעט, מעקסיקאַנער אידן,
אַך, ווי וואויל און פיין!
דאָרט גיסט זיך אידיש בלוט,
דאָ טרינקט מען גלעזער וויין...

אויף די מעקסיקאַנער אידן איז, נעבעך, אַ גאָטס רחמנות, זיי גייען אַרום פאַרדאגהט, פאַרזאָרגט.

ס'האָט זיך מיטאמאָל אַנגעדרוקט אויפן היגן אידישן ישוב א גרויסער פּראָבלעם:

גוואַלד! וואו נעמט מען גרויסע סאַלאָנען, רייכע רעסטאָראַנען, קנאקנדיקע אָרקעסטערס פאר זייערע „קומפּלעאַניאָס", בר־מצוות, תנאים, חתונות, זילבערנע חתונות און גלאַט „באַילעס" מיט הוליאַנקעס.

לאָכט נישט, ס'איז זייער אן ערנסטע פראַגע. די רייכע רעסטאָראַנען, נאַכט־קלובן, קאַבאַרעטן און טאַנץ־זאַלן זיינען שוין צו קליין, צו אָרעם און נישט גענוג עלעגאַנט...

יאַנקל פייפער האָט שוין נישט וואו צו לויפן, וואו צו יאָגן און איבעריאָגן, וואו צו מאַכן זיינע „פיעסטאַס".

אמאָל ,האָבן די פרויען נאָך געלאָזט אַ טרער ביים פּאַקער ווען ס'איז אָנגעקומען די פינסטערע בשורה פון אייראָפּע.

אַמאָל, האָט מען ביים געדעקטן טיש מיט געבראָטענע אינדיקעס, געריכערטע צונגען, געפילטע קישקע מיט אָפענע פלעשער וויין, אויך געגעבן א קרעכץ, ווען מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז די נאַצי־מערדער שעכטן אויס אונזערע פאַמיליעס און קרובים. מ'איז אויף אַ רגע געבליבן זיצן טרויעריק מיטן מעסער־גאָפל אין האַנט, מיט אַ פול מויל פלייש און זיך פאַרטראַכט...

און איצט טראכט מען: וואו איז דאָ עפּעס א שיינער סאַלאָן מיט א גרויסן אָרקעסטער פאַר אַ „באַילע" אָדער „פיעסטאַ".

טרעפן זיך צוויי אידישע פרויען, נעמען זיי באַלד רעדן וועגן די אַנגעווייטיקטע אידישע פּראָבלעמען...

— צאָט שוין אַ סאַלאָן פאַר אייער טאָכטערס קומפּלעאַניאָס? ס׳מאַידל אַיערס ווערט דאָך שוין מיט מזל 15 יוער. ווי מאַכט עטץ די פיעסטאַ?

ענטפערט איר די צווייטע פרוי:

— פּיעסטאַ אַהין פּיעסטאַ אַהער! ס׳איז מיר נישט אַזוי פריילעך אויפן האַרץ, ס׳פיעסטעוועט זיך נישט! ווער ווייסט צי די נאַציס האָבן נישט דערהרגעט מיינע אלטע טאַטע־מאַמע און מיינע קרובים. מיין טאָכטערס געבורטס־טאָג וועל איך פּיעסטעווען אין דער היים מיט אירע פריינט און געזנוג.

צעקאָכט זיך די ערשטע פרוי:

— וואוּ? וואוס זוגט עטץ, אינדערהיים? נאַין, נאַין! ניש באַ מיער! יעך וועל דינגען דעם גרויסן קלוב „פּראַנס" מיט צוואַי, אָרקעסטערס, יעך בין ניש קאַ שנאָרער, יעך קען זעך פאַרגינען.

זאָגט איר געלאַסן די צווייטע פרוי:

— סעניאָרא, צו וואָס זאָלט איר איצט אויפרייסן די אויגן מיט די גרויסע פּיעסטאַס אין אַ גויאישן קלוב? ס׳איז דאָך א חרפּה און א שאנד. דאָרט גיסט זיך אידיש בלוט, מ׳קוילעט אויס די אידישע יוגנט, און דאָ, ווי איז מיר, צעהוליעט זיך די יוגנט מיט פריילעכע פּיעסטאַס. זייט נישט קיין טיניפאָצקי!

דאָ איז שוין די ערשטע פרוי אַריין אין גרימצאָרן:

— ווער איז אַ טיניפאָצקי, יעך? ווער קען מיער זוגן אַ דאַיע (דעה)? יעך קען נישט לעיבן ווי אַ שלעפּערקע, יעך בין געוואוינט צו לעיבן בראַיט. צאָט געהערט אַ מאַנסע (מעשה)! יעך זאָל זעך שעימען! גאַיץ געזינטערהייט און ברענגץ ענקער מאַידל אויף דער פּיעסטאַ.

טרעפן זיך עטלעכע באַקאַנטע ווערט באַלד אַ שמועס וועגן — באַנקעטן, שמחות און באַילעס:

— איר זענט געווען אויף דער חתונה?

— אויף וועלכער חתונה?

— וואָס הייסט אויף וועלכער? אויף דער חתונה, פון וועלכער די גאַנצע שטאָט רעדט נאָך אַלץ. ס׳איז שוין געווען איינמאָל אַ חתונה! אַנשטאָט אַ בדחן, איז דאָרט געווען ער.

— ווער?

— ער, דער באַרימטער, עכטער „פּאַטשוקאָ" אַליין — טים־טאַם! (טין־טאַן) איי, האָט ער געזאָגט וויצן, זיך געדרייט אויפן קאָרעק און געגעבן אַ קוויטשל... אַז די יונגע מיידלעך זיינען אַזש רויט געוואָרן...

— אַזוי, אַ וואַזשנע מציאה טים־טאַם! איך בין געווען אויף אַ אידישע חתונה, איז דאָרט געווען דער גרויסער קאָמיקער „קאַנטינפלאַס" אַליין. א סך געסט זיינען געבליבן אַנטוישט, ווייל מ׳האָט געמיינט, אַז קאַנטינפלאַס

ווען זיכער קומען אנגעטאן ווי אין טעאטער, מיט די אראפגעלאזטע הויזן ביז צו די קני...

— און איך בין געווען אויף א חתונה, איז אויף אלע אידישע קינדער געזאגט: געפילטע פיש, מארינאט, געפרוירענע פיס, געפילטע קישקע און דרייערליי פליישן, ווין און קאניאק האט זיך געגאסן ווי וואסער און עס איז איבערגעבליבן עסן, אפשר נאך פאר צוויי הונדערט מענטשן.

איין פרוי האט זיך אזוי אנגעגעסן מיט צוויי פערטל עוף, געבראטן קעלבערנס און זי האט נאך געכאפט אן איבעריקע פארציע קישקע, איז זי שיעור צוזעצט געווארן און מ'האט איר קוים אפגעראטעוועט מיט א גלאז ריצנאייל...

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז געווען א אידישע חתונה מיט א צערעמאניע־מייסטער...

און ווייסט איר, ווער ס'איז געווען דער צערעמאניע־מייסטער? אזש פון „פאטיא"... ער איז דער אמתער צערעמאניע־מייסטער, דער ראש וראשון, דער עלטסטער פון די קעלנער אין אריסטאקראטישן קאבארעט „פאטיא". ער פארשטייט די גרויסע קונסט ,ווי אזוי אויסצושטעלן די טעלער, אויסלייגן די מעסער־גאפל מיט די סערוועטלעך אויף אן אריסטאקראטישן אופן. און דאס קאסט געלט און ס'איז ווערט!

ווייל נאך דער חופה־ ווטשערע נעמט דער צערעמאניע־מייסטער צוזאמען אלע קעלנער און נעמט אפלאכן, מאכן חוזק און נאכמאכן די מינעס און זשעסטן פון די אידישע פרויען ביים עסן... און ווי אזוי די מחותנים רעדן שפאניש.

איין אידענע האלט מיט איין האנט דאס פערטל „פאיא" און מיט דער אנדערער האנט שניידט זי מיטן מעסער ווי מיט א זעג...

א צווייטע פרוי שרייט נאך דעם קעלנער איבערן גאנצן זאל: סעניארררר יא קיעררע אטרא פעדאסא פאיא, פעררררא פעטשוגא סעניאררר, פארר פאווארררר...

דער צערעמאניע מייסטער מיט די קעלנער האלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער, ווי אזוי די אידישע געסט כאפן פון די טאצן, פון די טעלער און מ'רייבט די סעודה אויף ביידע באקן.

אבער ס'לוינט, ס'איז אן אריסטאקראטישע חתונה מיט א מייסטער פון צערעמאניעס און א מייסטער אפצולאכן און אפחוזקן פון די אידישע געסט...

מיט עטלעכע וואכן צוריק, איז געווען א אידישע תנאים, א קאמפראמיסא אין רייכסטן, שענסטן גויאישן רעסטאראן.

די יוגנט האט זיך געוויילט, געטאנצט אונטער די קלאנגען פונם

גרויסן אָרקעסטער מיט אַ זיסער זאַרגלאָזיקייט. זיי ווייסן, אַז זייערע „פּאָ־דרעס" האָבן זיי שוין פאַרזאָרגט...

און די געסט האָבן געגאָסן דעם שאַמפּאַניער אין די געשליפענע באָ־קאַלן, ווי געבוירענע אַריסטאָקראַטן פון שניפּישאָק און שטינקאָליינו...

וויפל ס'האָט געקאָסט די כשרע תנאים אין דעם טרפהנעם רעסטאָ־ראַן, וואָלט מען געקענט חתונה מאַכן פינף אידישע טעכטער, אָדער אויס־האַלטן הונדערט יתומות אַ גאַנצן חודש...

וואונדערן זיך טאַקע די איינגעלאַדענע גויאישע געסט: מעקסיקאנער, שפּאַניער און פראַנצויזן, זיי קוקן פאַרגאַפט און פרעגן:

— וואָס פרייען זיך אַזוי די כודיאָס? וואָס פאַר אַ גליק איז געקומען אויף די איזראַעליטאס? וואָס פאַראַ גדולה האָט געטראָפן דעם פאָלק ישראל... איצט, אין דער פינסטערער, בלוטיקער צייט האָבן זיך די כודיאָס אַזוי צעהוליעט!...

יאָ, וואודען? אידן זיינען אַן עם חכם ונבון, אַ קלוג פאָלק, זייער קלוג! זיי ווייסן ווען צו פרייען זיך? ווען צו הוליען און ווען איינצולאַדן גויאישע געסט...

יאָ, מיר האָבן אַ סך קלוגע אידן, גרויסע חכמים מיט קופערנע שטערנס, בלייענע קעפּ, אייזערנע הערצער, זילבערנע חתונות און אַ גאָלדענע יוגנט, מיט פּאַפּירענע טשעקן...

און איינער אַ קלוגער איד, אַן אויפגעקומענער גביר, וואָס איז אַמאָל געווען געכאַפּט אין דער מעשה... און סימפּאַטיזירט מיטן פּראָלעטאַריאַט, האָט אַ גאַנצע פּרעטענזיע צום צענטראַל־קאָמיטעט, צו די פאַרשטייער פון די געזעלשאַפטן און צו די אידישע שרייבער:

— ס'טייטש, וואָס האָט מען זיך גענומען טשעפּען צו די גבירים, וואָס דערגייט מען די יאָרן די רייכע מיט זייער לוקסוס און פאַרשווענדערישע הוליאַנקעס.

ס'איז מעקסיקע! אַ פרייע מדינה. פון אַ פרומען אידן ווערט דאָ אַ פריי־ער גאָרנישט, פון אַ גוטן סאָציאַליסט — אַ שלעכטער בורזשוי און פון אַן אָרעמען שאַכער — אַ פייפער מיט לוקסוס.

דער פּראָלעטאַרישער גביר מיט די כיטרע בלישטשענדיקע אויגן, צו־רעדט זיך איראָניש מיט אַ ציניש שמייכעלע:

— וואָס ווילן פון אונז די מוסר־זאָגער, די מאָראַל־פּרעדיקער? מ'פאַר־גינט אונז נישט אונזער עשירות, ניין!

וואָס דערמאָנען אונז די אידישע שרייבער אָן די אמאָליקע אידישע נביאים? ס'איז דאָך מעקסיקע!

ווען דער נביא עמוס וואָלט געלעבט אין מעקסיקע, וואָלט ער געגאַנ־גען אין אַ סמאָקינג און געפאָרן אין אַ „פּאַקאַרד". ער וואָלט געשריבן זיי־

נע אַרטיקלען אין אַ אידישער צייטונג און זיך צוגעפּאַסט צום רעדאַקטאָרס געשמאַק. ער וואָלט געוואָרן אַ פירער פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און געוואוינט אין אַ פּאַלאַץ אין פּאָלאַנקאָ....

ישעיה הנביא וואָלט זיכער דיקטירט זיינע פייערדיקע רעדעס צו אַ שיינע סטענאָגראַפיסטקע מיט זיידענע זאָקן „העטשאָס ען מעכיקאָ”, און וואָלט געווען אַ דעלעגאַט צו דער שלום־קאָנפערענץ...

יונה הנביא וואָלט אונז געקומען זאָגן מוסר, נישט אין בויך פון א גרויסן וואַל־פיש, נאָר אין אַ סובמאַרין...

און אונזערע היגע, מאָדערנע נביאים?

קוקט זיי נאָר אָן אונזערע מוסר־זאָגער, מאָראַל־פּרעדיקער און כלל־טוער. זיי קומען דאָך אַליין אויף אונזערע רייכע שמחות און לוקסוס־הו־ליאַנקעס. טאַנצן מיט די אויסברענגער, פאַרשווענדער, עסן, טרינקען דעם גוטן ווייין און נאָכן בענטשן מזומן נעמען זיי אונז זידלען און קריטיקירן...

דאַכט זיך, אַז דער באַליידיקטער, צינישער גביר איז אַביסל גערעכט. נאָר די צעהוליעטע גבירים האָבן פאַרגעסן ווען און וואו, וואו און ווען מען דאַרף נאָכגעבן דעם צולאָזטן, גבירישן יצר־הרע...

אַ סך אידן האָבן געלט, אָבער נישט קיין בושה. האָבן ברילאַנטן — אָבער נישט קיין חרפה. האָבן הייזער מיט קאָטשעס, אָבער נישט קיין טאַקט...

דערווייל ווילן זיך אידן צעפירן די הענט און אַ הוליע טאָן.

און שפּעטער? יאָ, און שפּעטער?

ווייסיך וואָס, אידן האָבן פיינט צו קלערן און טראַכטן פון שפּעטער...

דערווייל, הוליעט אידן, הוליעט!

III

אונזער קולטור וועלט

אידישע קולטור און שאַבאַט שאַלאָם . . .

אַז איינעם הייבט אָן גיין באַרג־אַראָפּ, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, גייט עס אים שוין שלימזלדיק פון אַלע זייטן, וואו ער קערט זיך און וואו ער ווענדט זיך...

אַזוי איז דאָס מיט אַ יחיד און נאָך ערגער איז עס מיט אַ גאַנץ פאָלק.

די אידן אין די נאַצי־לענדער גייען אויס פון דחקות און נויט, ווערן גערודפט, געפייניקט פון די נאַצי־מערדער.

איין שטיקל טרייסט איז אונז געבליבן, וואָס גייסטיק לעבן זיי ווייטער ווי קולטורעלע אידן. זיי גיבן זיך נישט אונטער דעם שונא און האָפן...

איצט איז, נעבעך, אויף אונזער פאָלק אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון קלאָרן הימל, אַ שפּאָגל־ניי אומגליק, אַ גרויסע צרה, אַן אומגעריכטער בראָך — אויף אונזער אידישער קולטור, אויף אונזער אידיש לשון, אויף אונזער גייסט.

מען וויל נישט אנערקענען אונזער מאַמע־לשון, אונזער קולטור און ליטעראטור.

אדרבה, הערט אומישנע וואָס אַ איד פאַרגינט זיך צו שרייבן:

— מ׳רעדט פון אידישער ליטעראטור, אידישער קולטור און אידי־שער שפּראַך. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וועגן וועלכער ליטעראטור, קול־טור און אידישער שפּראַך איר האָט גערעדט. אויב איר מיינט מיט דעם די שפּראַך פון די אשכנזים, איז דאָס נישט קיין אידישע ליטעראטור... איך דערקלער, אַז איך וואַרף אָפּ און אקצעפּטיר נישט די שפּראַך...

אַזוי האָט בפירוש דערקלערט און געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, נישט אבי ווער, עפּעס אַן אַמאָליקער אַסימילירטער פּוילישער איד פון משהס גלויבן... עפּעס אַ פּויליש־אידישער שמענדריק, וואָס שעמט זיך מיט דער אידישער שפּראַך און קולטור. און אויך נישט קיין אַסימילירטער רוסישער איד, וואָס וויל בשום אופן נישט רעדן קיין אידיש וואָרט, נאָר האַקט כסדר רוסיש.

אָט דער גוואַלדיק היסטאָרישער קלאַפּ, איז נעבעך געפאַלן אויף אונז נישט פון קיין אשכנזישן איד. ניין! נאָר דווקא פון אַ נאָבלמאַן, פון אַ שטאָל־צען ספרדי, וואָס ציט זיין וואַזשנעם, אַריסטאָקראַטישן יחוס, דעם שלשלת היוחסין אַזש פון דער שפּאַניש־אידישער „נאָבלעסאַ", גראַנדן, פּאָעטן און גרויסע געלערנטע.

דאָס האָט בפרהסיא געשריבן אין דעם שפּאַניש־אידישן וואָכנבלאַט „מזרח", וואָס דערשיינט אין מעקסיקע אַלע ערב שבת, לכבוד שאַבאַט שאַ־לאָם (שבת שלום). דער וויכטיקסטער פירער פון די ספרדישע, טערקישע אידן, די גרעסטע אידישע פּערזענלעכקייט, וואָס רופט זיך מיט זיין עכט העברעאישן נאָמען:

דאָן מיגעל מאַמאַני.

און דאָס איז נישט קיין קלייניקייט!

סעניאָר מאַמאַני איז, חלילה, נישט קיין עם הארץ, קיין בור מדאורייתא, נישט קיין בור און נישט קיין „בורראַ" (אייזל).

אַליין איז ער אַ גרויסער העברעער, רעדט, לייענט און שרייבט אַ גלענצנדן העברעאיש מיט אַ ספרדישן אַקצענט..

דאָן מיגעל איז אַ גדול בישראל. אַ גרויסער למדן, אַ בקי אין ש"ס ופוסקים, קאָן גאַנץ תנ"ך כמעט אויסנווייניק. אין דער העברעאישער לי־טעראַטור איז ער קלאָר ,ווי אַ איד אין אשרי... ער ציטירט פון אויסנוויי־ניק די גרעסטע העברעאישע פּאָעטן פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַ־ניע, יהודה הלוי, אבן גבירול. אין רמבמס ווערק שווימט ער ווי אַ פיש אין וואַסער...

סעניאָר מאַמאַני איז בכלל אַ גרויסער אויטאָריטעט אין שפּראַכן און אין דער וועלט־ליטעראַטור.

און ער טאַקע בכבודו ובעצמו, האָט די היסטאָרישע ווערטער אַרויס־געזאָגט מיט זיינע ספרדישע לעפצן, אויף דער באַלטימאָר אינטעראַמעריקאַ־נער, אידישער קאָנפערענץ. און טאַקע שפּעטער געלאָזט אָפּדרוקן זיינע הויכע, טיפע, גאָלדענע געדאַנקען אינם שפּאַנישן „מזרח".

ווען מיר (און די 20 מיליאָן מעקסיקאַנער) האָבן איבערגעלייענט די פּערלדיקע ווערטער, איז אונז געוואָרן „ליכטיק" אין די אויגן...

סעניאָר מאַמאַניס אורטייל, אַז ער אנערקענט נישט די שפּראַך, לי־

טעראַטור און קולטור פון די מיליאָנען אשכנזים, האָט אונז געטראָפן ווי אַ שוואַרצע כמאַרע אין מיטן העלן טאָג, ווײ איז מיר!

אַ גרויסער פחד, אן אימה, אַ שטילע מורא האָט אַרומגעכאַפּט די מעק־סיקאַנער אידן.

וואָס וועט איצט זאָגן די מעקסיקאַנער אינטעליגענץ? וואָס פאַרא מיי־נונג וועט מען האָבן פון אונז, ווען מ׳וועט לייענען די קלוגע רייד פון אַ ספרדי, אַז די אשכנזים האָבן גאָרנישט געשאַפן און פאַרמאָגן גאָרנישט, נישט קיין שפּראַך, נישט קיין קולטור און נישט קיין ליטעראַטור.

אַז מיר, די מיליאָנען אשכנזים לעבן נאָר אינם זכות פון דעם האַלבן מיליאָן געלערנטע, קולטורעלע ספרדים...

די גרויסע תלמידי חכמים, די רבנים, גאונים, שרייבער און קינסט־לער פון די אשכנזים, לעבן נאָר אונטער די גייסטיקע פליגלען פון די ספּר־דישע „קאַרגאַדאָרעס" (טרעגערס) פון סאַלאָניקי, און פון די ספרדישע קרעמער אין סטאַמבול...

די זיילן פון דער אידישער קולטור האָבן אזש געגעבן אַ ציטער, די ווענט פון דער אידישער ליטעראַטור האָבן זיך אָנגעהויבן שאָקלען, און די אידישע שפּראַך האָט זיך נעבעך געמוזט באַהאַלטן בחדרי חדרים, פאַר חרפה און בזיון...

די אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַר גרויס בושה און שרעק, באַלד גערופן אַ גרויסע אסיפה און באַשלאָסן, אַז עס זאָל תיכף ומיד אַוועקגיין אַ דעלעגאַציע צום אדון הגדול, צום גרויסן כאַ־כאַם (חכם), צום ספרדישן פּריץ סעניאָר מאַמאַני און אים בעטן ער זאָל זיך דערבאַרעמען און ראַטע־ווען דעם כבוד, דעם פּרעסטיזש פון די מעקסיקאַנער אידן און אַרויסגעבן אַ הכשר אויפן אידישן לשון און אויף דער אידישער קולטור.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז צום ערשט איז אַוועק צום גרויסן פילאָלאָג און שפּראַכן־קענער, אַ דעלעגאַציע פון די אידישע שרייבער מיט אַ טענה:

— ס׳טייטש, היתכן! וואָס איז דאָס פאַראַ מעשה, פאַניע מאַמאַני? איר פאַרשוואַרצט דאָך אונזער פּנים פאַר אַלע מעקסיקאַנער און פאַר אַלע לאַ־טיין־אַמעריקאַנער.

איר זענט דאָך עפּעס אַ געלערנטער, אַ געבילדעטער מענטש, דאַרפט איר דאָך וויסן, אַז מיט דער אידישער ליטעראַטור קאָכט שוין די וועלט, אפילו די גויאישע וועלט.

שלום אַש ווערק ווערן דאָך צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער, און ווערן אויך איבערגעזעצט אפילו אין שפּאַניש. יוסף אָפּאַטאָשוס ווערק ווערן דאָך ממש פאַרצוקערט.

די אידישע ליטעראַטור האָט דאָך שוין אַרויסגעגעבן גרויסע קלאַסי־קער, טאַלאַנטירטע מייסטער: מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פּרץ, שלום

עליכם. דוד פרישמאַן, ביאַליק און נחום סאָקאָלאָוו האָבן גערעדט און גע־שריבן אין אַ שיינעם, פּראַכטפולן אידיש.

די אידישע ליטעראַטור איז זיך, קיין עין הרע, צעוואַקסן מיט אַ סך ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן, מיט מיליאָנען לייענער, אידיש טעאַטער, פאָלקלאָר. און איר ווילט מיט איין קריץ מיט די פעדער, מאַכן פון אונז אש און רויך, רחמנא לצלן.

וואו איז יושר, פּאָני מאַמאַני?

האָט גאָט אין האַרץ דאָן מיגעל! ציט צוריק אייער שרעקלעכן באַשלוס, און גיט אַרויס אַ הכשר אויף דער אידישער ליטעראַטור.

אָבער סעניאָר מאַמאַני איז געבליבן קאַלט ווי אַ ספרדישער גביר, ווען מ׳קומט נעמען ביי אים אַ ביישטייערונג פאַר אַן אַקציע... ער האָט שטייף אויסגעצויגן זיין אַסקעטיש פּנים און אויסגעשריגן אויף אַ קוויטשיק קול:

נאָ סעניאָרעס! איך אנערקען נישט די אידישע ליטעראַטור! אידישע קולטור האָבן מיר, די ספרדים.

איך לייען דעם „אוניווערסאַל", דעם „גראַפּיקאַ", דעם „מזרח". איך לייען די ביבל אין שפּאַניש, עס נישט קיין געפילטע פיש און זאָג נישט קיין גוט שאַבעס (שבת) ווי די אשכנזים, נאָר אַ ספרדישן שאַבאַט שאַלאָם! אי באַסטאַ קאָן לאַ קולטוראַ!

ס׳איז אויך געקומען צום קולטורעלן ספרדי אַ דעלעגאַציע פון דער אידישער שולע און אים דערקלערט, אַז די שולע איז דער שטאָלץ פון גאַנ־צען ישוב.

די אַכט הונדערט קינדער ווערן דערצויגן אינם אידיש־נאַציאָנאַלן גייסט. מען לערנט אידישע געשיכטע, ליטעראַטור, מען זינגט אידישע לי־דער. מען לערנט אידיש און העברעאיש, ווייל ביידע שפּראַכן זיינען ביי אונז ליב און טייער. זיי זיינען ווי אַ צונויפגעוואַקסענער צווילינג, שניידט מען חלילה אָפּ איינע, קאָן די צווייטע אויך לאַנג נישט לעבן...

זיי בעטן אים, ער זאָל נישט זיין קיין עקשן און געבן זיין הסכמה אויף דער אידישער שפּראַך און דערציאונג.

אָבער סעניאָר מאַמאַני האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז נייך, ער גיט נישט. די אמתע אידישע דערציאונג גיבן זייערע קינדער די ספרדים: טע־פילאַ (תפילה), בעראַכאָט (ברכות), און שאַבאַט שאַלאָם!

אַ דעלעגאַציע פון פרומע, רעליגיעזע אידן האָבן געפּאַדערט, אַז סעניאָר מאַמאַני זאָל האָבן אַביסל מער דרך ארץ פאַרן אידישן לשון:

דער בעל־שם־טוב האָט גערעדט צו די פאָלקס־מאַסן געטלעכע רייד

אויף אידיש. די גרעסטע צדיקים, רביים זאָגן תורה פאַר טויזנטער חסידים אויף אידיש און זינגען אידיש־רעליגיעזע לידער.

אין די גרעסטע ישיבות לערנען טויזנטער תלמידים אַ בלאַט גמרא מיט תוספות און פאַרטייטשן אין אידיש. טויזנטער קינדער לערנען אין די תלמוד־תורות אַ פרשה חומש מיט רש״י אויף אידיש. אידן לערנען אַ פרק משניות, עין־יעקב אויף אַ זאַפטיקן, האַרציקן אידיש.

וואָסזשע האָט ער זיך אין מיטנדריגען גענומען טשעפען צום אידישן לשון?

דאַן מיגעל איז פלוצים אַריין אין גרימצאָרן און גענומען שרייען:

איך בין אַ פרומער איד, איך דאַוון ראש־השנה און יום כיפור ביים מנין פון די טערקישע אידן אין עוואַנגעלישן טעמפל... טאָראַ (תורה), מויסעס! לאַס דיעס מאַנדאַמיענטאָס! אַבראַהאַם! על רעי דאַווידן! איך אנער־קען נישט קיין אידישן שאַבאַט שאַלאָם!

עס זיינען אויך געקומען צום פרומען ספרדי עטלעכע פרומע פרויען מיט אַ קרבן־מנחה סידור, אַ טייטש־חומש (אַ צאינה וראינה), תחינות אויף מאַמע־לשון, און אים דערקלערט, אַז זיי בעטן דעם רבונו של עולם אין אידיש, וויינען אויס זייער ביטער האַרץ אין זייער טייער אידיש לשון, און ער זאָל נישט לעסטערן די שפּראַך פון זייערע הייליקע תחינות.

אָבער דאַן מיגעל האָט זיי געענטפערט, אַז פאַר די ספרדישע פרויען איז גענוג אָנצינדן אַ גלאַז בוימל און זאָגן שאַבאַט שאַלאָם!

די ציוניסטישע דעלעגאַציע איז געקומען צו אים מיט אַ גאַנצע פּרעטענזיע:

ס'טייטש, חבר מאַמאַני! איר רעדט אויף אַלע ציוניסטישע מאַס־מיטינגען, וואו מיר אַלע רעדן אידיש. מיר הערן אויס אייערע שיינע, קלוגע שפּאַנישע רעדעס... מיר פאַטשן אייך בראַוואָ, און איר גיט אַ פאַטש אין פּנים אַלע אידיש־רעדנדיקע ציוניסטן...

אָבער סעניאָר מאַמאַני איז אַריין אין גרויס ירגזון און זיך היסטעריש צעשריגן:

קאַמפּאַניעראָס! ירושלים! על כאַ־כאַם הערצל! האַטיקוואַ! שאַבאַט שאַלאָם!

דער אידישער וועלט קאָנגרעס האָט אים שוין צוגעזאָגט צו רופן אַ צווייטע קאָנפערענץ כדי ער זאָל ווידער ווערן אַ דעלעגאַט, אָבער עס העלפט נישט! דאַן מיגעל וויל בשום אופן נישט אַנערקענען די אידישע שפּראַך און קולטור.

דערווייל איז שלעכט, זייער שלעכט. ס'האָלט שוין ביי אונז, אַז מיר זאָלן אויפהערן צו רעדן אידיש, אויפהערן צו לייענען אידישע ביכער און צו פאַרמאַכן אַלע אידישע צייטונגען...

און די גאַנצע צרה האָט אָנגעמאַכט נישט חלילה וחס, קיין אשכנזי־שער איד, נאָר אַ טערקישער איד. אַן עכטער בלו־בלוטיקער ספרדי, וואָס זיין גאַנצע ספרדישע קולטור באַשטייט: אין מאַכן אַ ברכה איבער אַ דונער... און זאָגן אויף העברעאיש שאַבאַט שאַלאָם.

אָט דאָס הייסט אָפּגעטאָן אויף טערקיש!

וואָס איז אידישקייט?

— וואָס איז אידישקייט?

אַ שיינע שאלה, כ׳לעבן, וואָס פאַר אַ האַרבע קשיא, וואָס פאַר אַ שווע־רע פראַגע?

ווייסיך וואָס, אויך מיר אַ פראַגע! ווער ווייסט דאָס נישט, וואָס אידיש־קייט איז? קינדער אין די וויגן (איבערהויפּט אינגלעך), ווייסן שוין וואָס אי־דישקייט איז...

די שווערע דעפיניציע, די האַרבע שאלה — וואָס איז אידישקייט קאָן פאַרענטפערט ווערן איינס און צוויי, על רגל אחת:

— אידישקייט — איז אידישקייט!

יאָ, וואויל און פיין, אידישקייט איז אידישקייט. אָבער וועלכע אידיש־קייט איז די אמתדיקע, די ריכטיקסטע, די בעסטע?

אָ, דאָס מיינט איר, אַזוי גאָר!

ס׳איז, פאָלג מיך אַ גאַנג! דערקלערט, כ׳בעט אייך, אויף איין פוס, כאַפּ־לאַפּ, הענדום־פּענדום, די שווערע, פאַרפּלאָנטערטע, פאַרדרייטע און איבערגעדרייטע פראַגע פון אונזער היינטיק אידישקייט, פון אונזער מאָ־דערנער, וועלטלעך־אידישקייט, וואָס האָט זיך צעפלאָסן און צעגאָסן אין רינעס, קאַנאַלן, קאַנאַלעכלעך, שטראָמען טייכלעך און טייכן...

כ׳מיין נישט די אַלטע, אָרטאָדאָקסישע אידישקייט, וואָס ווערט ווי אַלטער ווייַן אָפּגעהיטן, אויפגעהאַלטן און קאָנסערווירט אין די אַלטע כלים און פאָרמען פון שולחן ערוך.

ניין, נישט די אידישקייט מיין איך. כ׳מיין אויך נישט דאָס ביסל רע־ליגיעזע אידישקייט, וואָס איז געבליבן ביי גאָר אַ סך אידן: בר מצוות, קדיש, יאָרצייט, יזכור און גיין אין שול אַריין דאַוונען צוויי מאָל אין יאָר: ראש השנה און יום כיפּור.

כ׳מיין דאָ, די ניי־געשאַפענע סינטעטישע אידישקייט: עס איז דאָ סינ־טעטישע, געקינצלטע גומע, סינטעטישע גאַזאָלין, סינטעטישע שפּייז, און, להבדיל, סינטעטישע אידישקייט... אַן ערזאַץ, אַ במקום אידישקייט.

יעדע אידישע פּאַרטיי האָט זיך איר אידישקייט. — פּאַרטייאידישקייט, יעדע אָרגאַניזאַציע האָט זיך איר אידישקייט, יעדע אידישע גרופּע האָט זיך איר אידישקייט.

יעדער מנהיג, פירער (אָדער פאָרפירער), טייטשט איין, טייטשט אויס, טייטשט איבער און פאַרטייטשט אידישקייט אויף זיין שטייגער, אויף זיין אופן, ווי ס'טוט וואויל געפעלן זיין פּאַרטיי און זיין אָרגאַניזאַציע.

ס'איז פאַראַן אַ ספּעציעלע ציוניסטישע אידישקייט.

ס'איז דאָ ציוניסטן, וואָס אַ חוץ העלפן אויפבויען דאָס אַלטע אידישע לאַנד, האַלטן זיי זיך אויך ביים אַלטן, רעליגיעזן אידישקייט.

ס'איז אָבער אויך דאָ גאָר אַ גרויסע צאָל ציוניסטן, וואָס זיינען אייך מוחל דעם גאַנצן קלאָפּערגעצייג: העברעאיש, אידיש, קולטור, רעליגיע, אַבי גיט זיי נאָר אַן אייגענע מדינה מיט לייטן גלייך. אַן אייגענע מלוכה, מיט אַמבאַסאַדאָרן, קאָנסולן און גרעניצן. דאָרט, אין אייגענעם לאַנד קאָן אפילו אַ איד אַנעמען אַן אַנדער רעליגיע און בלייבן אַ איד... אַבי ער געהערט צו דער אידישער מלוכה.

דאָס איז אַ מלוכה־אידישקייט.

אַזעלכע ציוניסטן גיבן טאַקע גרויסע ביישטייערונגען פאַר ארץ יש־ראל, אָבער זיי גיבן נישט זייערע קינדער קיין אידישע דערציאונג.

זיי רעדן נישט מיט זייער קינדער קיין אידיש, נישט קיין העברעאיש. נאָר ענגליש אָדער שפּאַניש. זיי לייענען נישט קיין העברעאישע אָדער אי־דישע צייטונגען, פייערן ניט קיין אידישע יום טובים.

אידיש־גייסטיק — קולטורעלע משומדים... וואָס זיינען בלויז יוצא מיט אַ מלוכה־אידישקייט.

עס איז אויך דאָ אַ רעפאָרם־אידישקייט.

די פאַרגליווערטע שטייפע, טעמפּל־אידן, האָבן אינגאַנצן אויסגעמעקט פון זייערע מאָגערע תפילות דאָס וואָרט ציון און ירושלים. זיי שרעקן זיך און ציטערן פאַרן וואָרט ארץ־ישראל, אייגן לאַנד, אידישע מלוכה, פּונקט ווי אַ שד פאַר ווייִרעך...

זיי זעען אויס אין זייער קאַלטן, גלאַנצנדיקן טעמפּל, ווי שבתדיקע גויים און זונטיקדיקע אידן.

זייער גאַנץ טעמפּל־אידישקייט, איז פּונקט ווי אַ באַלזאַמירטע מומיע, וואָס צעפּאַלט זיך אויף פּיץ־פּיצלעך ביים מינדסטן ריר פון לעבעדיק אי־דישן לעבן...

זייער גאַנץ אידישקייט האַלט זיך, אויף די אויסגעדראָשענע דרשות אין די זונטיק טעמפּלען אויף ענגליש און שפּאַניש...

נו, וואָס הערט זיך מכוח דעם בונדס אידישקייט?

קורץ און שאַרף: נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, אומעטום וואו אידן וואוינען.

די בונד־אידישקייט נויטיקט זיך נישט אין קיין אייגן לאַנד, נישט אין

אַן אייגענער טעריטאָריע, נישט אין קיין אייגענע אידישע ימים טובים, נאָר אידישע שפּראַך, קולטור, ליטעראַטור און — דיינו!

פאַר די בונדיסטן עקזיסטירט נישט אינגאַנצן דאָס וואָרט — גלות...

די בונדיסטן זיינען אמתע קעמפער פאַר זייער בונדישער אידישקייט.

אָבער דערווייל מוזן זיי קעמפן פאַר דער נאַציאָנאַלער, קולטורעלער אויטאָנאָמיע נישט מיט קיין מלוכה, נאָר אין זייער אייגענער „מלוכה" — ביי זיך אין הויז, אין דער היים... זיי קעמפן מיט זייער קינדער, אַז דאָס אידישע לשון זאָל כאָטש זיין גלייכבאַרעכטיקט מיט דער שפּאַנישער שפּראַך, זייערע קינדער זאָלן כאָטש רעדן אַ ביסל אידיש צוזאַמען מיט זייער שפּאַניש, נעמען אַ אידיש בוך אין האַנט.

די בונדיסטן זענען שטאָלץ מיט זייער אידישקייט.

עס איז אויך פאַראַן אַן עס און פרעס־אידישקייט.

עס־אידן, וואָס האַלטן בלויז פון מצוות עשה (מיצוואָס עסע)... זייער גאַנץ ביסל אידישקייט האַלט זיך בלויז אויף דער אידישער אכילה.

אַזאַ מין פרעס־איד, איז אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון יעדן אידישן אינהאַלט. ער דאַרף נישט קיין אידישע רעליגיע, נישט קיין אידיש לשון, נישט קיין אידישע קולטור, ער האַלט בלויז פון דער אידישער עס־טראַדיציע. ער האָט שטאַרק הנאה פון טאָפּ און שיסל־אידישקייט...

ער האָט ליב געפילטע פיש, אַ שטיקל שמאַלץ־הערינג, געהאַקטע לעבער מיט ציבעלעס, אַ געפילט העלזל, קניידלעך, כרעמזלעך, שטרודל, קעזקוכן, געפלאָכטענע ברויטע חלה, קרופּניק מיט אַ קוגעלע, געגזענע גריוון, פלוימען און מיירן צימעס, אַ זונטיקדיקן טשאָלנט און געגנוג.

דער פרעס־איד איז שטאָלץ, איז זיך פשוט מחיה, ער פּאָסמאַקעוועט זיך מיטן פינטעלע איד, כ'מיין מיטן פינטעלע פרעס...

דאָס איז דער גאַנצער סך הכל, דער אינהאַלט (אַ נישקשהדיקער אינהאַלט...) פון עס־אידישקייט.

און וואָס איז מיטן סאָוועט־אידישקייט?

יאָ, די סאָוועט־אידישקייט, וואָלט אוודאי געקאָנט ווערן אַ נאָרמאַלע, געזונטע אידישקייט, וואָס ווערט געשטיצט פון אַ ריזיק, גרויסער מלוכה. אַ פאַרטיקע קולטורעלע אויטאָנאָמיע: אידישע שפּראַך, אידישע ליטעראַטור, אידישע קולטור און אפילו אייגענע אידישע ראַיאָנען, מיט אַן אייגענער אידישער רעפּובליק. די סאָוועטישע אידן קאָנען אפילו עסן כשר און דאַווענען וויפל זיי ווילן...

איז אָבער דאָס סאָוועט־אידישקייט פּונקט ווי יעקב אבינוס לייטער: עולים ויורדים — אַרויף און אַראָפּ און ווידער אַרויף...

די סאָוועט־אידישקייט ליידט, רחמנא ליצלן, פון אַ טשיקאַווער מחלה. ביישטאָ קיין אַפּעטיט צום אידישן לשון, צו דער אידישער קולטור, און

כ׳איז נישטאָ קיין ווילן, קיין פאַרלאַנג צו לעבן באַזונדער — אַלס אידן... און אָן אַ ווילן, אָן אַפּעטיט, ווערט אַזאַ מין אידישקייט אַנעמיש, בלוט־אָרים און פאַרלירט די גייסטיקע כוחות.

און צו אַ געמיש־אידישקייט קאָן אפילו די סאָוועט־רעגירונג גאָרנישט העלפן.

דער סאָוועט־אידישקייט פעלט עטלעכע וויטאַמינען. די וויטאַמינען א, ה, און זיך צוריק משדך זיין מיטן וועלט־אידנטום.

די סאָוועט־אידישקייט, איז דערווייל אַ ספינקס־אידישקייט...

מיר האָבן אויך אַ גאָלאָמב־אידישקייט.

דער באַוואוסטער פעדאַגאָג, דערציער און שרייבער א. גאָלאָמב, האָט שוין כמעט פעסטגעשטעלט אַ נייע נאַציאָנאַלע, וועלטלעכע, עטישע אידיש־קייט, וואָס איז שוין באַקאַנט אין דער לענג און אין דער ברייט, בכל תפוצות ישראל:

אידיש לשון, העברעאיש, אידישע און העברעאישע ליטעראַטור, טראַ־דיציע, לעבנס־שטייגער מנהגים, צונויפגיסן דעם אַלטן קוואַל מיטן נייעם און המשך.

דאַכט זיך אַ גאַנץ לייטישע אידישקייט.

זאָגט אָבער גאָלאָמבס אידישקייט נישט צו קיין שום שכר, קיין שום באַלוינונג, אויף יענער וועלט, פאַר די וואָס וועלן מקיים זיין די מצוות פון זיין אידישקייט...

אויב איר האָט אַ מזוזה ביי אייער טיר, איז דאָס נישט צוליב אַ מצווה, נאָר כדי מ׳זאָל וויסן, אַז דאָ וואוינט אַ איד...

גאָלאָמבס פרייטיק צונאַכטסן, הייבן זיך אָן מיט אָנגעצונדענע ליכט, געזאַנג, ליטעראַטור און מוזיק. אָבער זיי ענדיקן זיך ביים אַרויסגיין פון זאַל...

אין דער היים צינדן די פרייטיק־צונאַכטס געסט נישט אָן קיין שבת־ליכט, אפילו אָן אַ ברכה.

די אידישע היים איז געבליבן וואָכעדיק, חושך, נישטאָ די נשמה יתרה. דאָס קינד גייט שבת אין שול, דער טאַטע אין געשעפט און די מאַמע גייט אין „סאַלאָן דע בעיעסאַ" זיך אויספוצן לכבוד זונטיק, זי קאָכט טאַקע געפילטע פיש, נאָר לכבוד — זונטיק...

און פאַר נישט אָפּהיטן גאָלאָמבס פרייטיק צונאַכטסן, עטישן עונג שבת און טראַדיציאָנעלע ימים טובים, איז נישט קיין גרויסע, האַרבע עברה, פאַר וועלכער מ׳וועט שמייסן, ברענען און בראָטן אין גהינום, און אויף דער וועלט, קומט נישט דערפאַר קיין כרת...

גאָלאָמבס אידישקייט, זאָגט נישט צו קיין עולם הבא, נישט קיין

שטיקל שור חבר און לויתן, נישט קיין טראָפּן פון יין המשומר ווען משיח וועט קומען...

עס איז אַ שכלדיקע, עולם הזהדיקע אידישקייט. וועלטלעכקייט ותורה במקום אחד.

נו, ווי אַזוי היט מען טאָקע אָפּ גאַלאָמבס אידישקייט?

אָט, האָט איר דאָ אַ גאַנץ פּעקל, אַ סעריע אידישקייטן. נו, וואָס פאַראַ אידישקייט, איז אין דער אמתן די אמתדיקע אידישקייט?

דער וואָס וועט קאָנען צוזאַמענשטעלן אַ נייעם שולחן ערוך, פון אונ־זערע, מאָדערנע, וועלטלעכע אידישקייטן, וועט זיכער זיין אַ גרעסערער חכם פון שלמה המלך... און דער וואָס וועט שאַפן אַ סינטעז פון אָט די אַלע אידישקייטן, וועט זיין דער גרעסטער זשעניע פון היינטיקן יאָרהונדערט.

מען וועט אַזאַ גרויסן, גרעסטן איד, זיכער שטעלן אַ מאָנומענט נאָך ביים לעבן... מ׳וועט אים אַריינגעמען פאַר אַ מיטגליד אינם אידישן שריי־בער פאַראיין, און מ׳וועט אים מאַכן אַ גרויסן כשרן מאָסן־באַנקעט אין גרעסטן גויאישן רעסטאָראַן...

נו, אדרבא, וואָס איז אידישקייט?

צען און צוואַנציק

געדרוקט אין יובילײ־אויסגאַבע פון „וועג" 1940.

ס'איז באמת אַ קלוגער אײנפּאַל געװוען, אַ גרויסאַרטיקער אױפטו, אַ געניאַלע אידײ פון אַדון הרעדאַקטאָר, צוצונעמען אַ שותּף צום צען־יאָ־ריקן יובילײ פון „װעג".

דער שותּף איז נישט אַבי־װער, עפּעס גלאַט אַזױ זיך, ס'איז שױן אײנ־מאָל אַ שותּף, ס'איז אַ שותּף מיט באַק־צײנער, מיט ברײטע פּלײצעס.

שױן גאָר אַ װאַזשנער שותּף, פון שותּפים־לאַנד:

— צװאַנציק יאָר אידישע אימיגראַציע אין מעקסיקע!

שײך צו זאָגן — אידישע אימיגראַציע, ס'רעדט זיך נאָר אַזױ.

אידישע אימיגראַציע אינם לאַנד פון אַצטעקן, איז שױן געװוען מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק.

רעדט, זײט מוחל, מיט די רױטע אידעלעך, ס'הײסט מיט די אמתע, עכטע מעקסיקאַנער אידן, מיט די בראַנזענע אידן מיט די אינדיאַנער־אידן, װעלן זײ אײך זאָגן אָן שום טענה־ומענה, אַז זײ זײנען די עכטע, די אמתע און רײנע מעקסיקאַנער „כודיאָס".

זײ זײנען די אור־אײניקלעך פון די שפּאַניש־אידישע גראַנדן, פון די אַמאָליקע אנוסים, פון די באַהאַלטענע אידן, װאָס זײנען אַהער געקומען צוזאַמען מיט די שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן.

זײ זײנען די אײנגעבױרענע אידן, די „כודיאָס נאַטיװאָס".

אמת, זײ טרינקען „פּולקע" אנשטאט ראַזשינקע־װײן, גײען אין „סאַ־ראַפּעס" אנשטאט אַ טלית־קטן... און דער רבי זײערער, אונזער „אַמיגאָ" ר' בנימין ראַמירעז, װאָס זעט אױס װי אױסגעהאַקט פון אַ שטיק בראָנז, אָן אַ־תער הדרת־פּנים פון אַן אױסגעאײדלטן אידישן רב, אַ תלמיד־חכם... ער קאָן שױן, ברוך־השם, צען אידישע װערטער און דוכנט אַלע שבת אױף שפּאַניש בײ זײ אין שולכל.

אָבער דער רבי ראַמירעז שרײט גװאַלד, אַז זײ די „כודיאָס־נאַטיװאָס" זײנען די אמתע מעקסיקאַנער אידן, װאָס טראָגן דעם חותם פון אברהם אבינו... און אַז ס'איז אַ פּאַטריאָטיש־אידישער חוב פון די װײס־הױטיקע,

בלאַנדע אידישע מיידלעך, זיך אויסצומישן און חתונה האָבן מיט די בראָנ־זענע, עכטע מעקסיקאַנער „כודיאָס"...

און ס'איז טאַקע אַ סברה, אַז זיי זיינען די ערשטע אידן אין מעקסיקע און נישט מיר, די צוואַנציק־יאָריקע יובילייאידן...

איז אָבער די קשיה, ווי אַזוי באַהעפט מען, ווי אַזוי איז מען מצרף די אמתע מעקסיקאַנער „כודיאָס" מיטן צען־יאָריקן יובילייַ, פון אַ אידי־שער צייטונג?

אַז קיין געפילטע פיש עסן זיי נאָך נישט, קיין כשר פלייש אויך נישט, קיין אידיש קאָנען זיי נישט לייענען (קיין העברעאיש אויך נישט), קיין בר־מצוות פראַוועז זיי נישט, קיין גראַטולאַציעס און נעקראָלאָגן גיבן זיי נישט, און פאַר אַבאָנענטן אין „וועג" קאָן מען זיי אויך נישט מאַכן...

טאָ לאָמיר שוין גלייכער מאַכן אַן אייגענע שמחה, אַן אייגענעם יו־בילייַ פון אונזערע היימישע אידן.

מיר קאָנען אויך נישט מצרף זיין צו יובילייַ פון אַ אידישער צייטונג, נישט די אַראַבישע אידן, וואָס זיינען בלויז שמע ישראל און בית־עולם־אידן... און אויך נישט די פאַרבאַלזאַמירטע מומיע־אידן: די טערקישע אידן און נישט די דייטשע יאַהודים פון מאָזעס גלויבן... און נישט די סתם־אידן און אויך־מיר־אידן, און נישט די שמענדריק־אידן, וואָס שעמען זיך צו רעדן אידיש, און אויך נישט די בעל כרחו־אידן און די פחדנים־אידן, וואָס באַהאַלטן זיך מיט זייער אידישקייט, ווי מיט גנבהשע סחורה...

מיר מוזן זיך משמח־זיין, זיך פרייען בלויז מיט אונזערע אידישע אידן, וואָס קוויקן זיך און האָבן נחת פון אַ אידיש בוך, פון דער אידישער פרעסע, פון אַ קולטור־שמחה, פון אַ צען־יאָריקן יובילייַ פון אַ אידישער צייטונג אין מעקסיקע.

צען און צוואַנציק!

צוואַנציק יאָר אידישע אימיגראַציע.

אייגנטלעך, איז דער יחוס־בריוו פון די צוואַנציק יאָר אידישע אי־מיגראַציע אויך נישט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן.

אויב מ'זאָל טאַקע מאַכן אַ חשבון־צדק, אַן אמת שניידערשן חשבון, איז די אידישע אימיגראַציע אַלט אַרום און אַרום, בסך־הכל אַ 10 — 12 יאָר.

אַ סך, שוין גאָר אַ סך אידישע אימיגראַנטן, האָבן בחרפּתנו, זיך נישט אויסגעגעבן פאַר אידן, נאָר פאַר „אַלעמאַנעס", „רוסאָס" און „פּאַלאַקאָס"...

זיי האָבן נעבעך מורא געהאַט, זיך געשראָקן פאַר די מעקסיקאַנער, וואָס מיינען, אַז אַ „כודיאָ" איז אַ טייוול מיט צוויי הערנער אויפן קאָפּ, און דאָס קאָן נאָך חלילה שאַדן צום פּדיון...

אוודאי, איז געווען אַ סך באַקוועמער און גרינגער צו פּאַרקויפן זיידע־נע זאַקן, געטער יויזלעך און „מאַריאַס" צו די „מאַרטשאַנטאַס" און פרומע קאַטוילישע סעניאָריטאַס — אַלס אַלעמאַנעס, ווי אַלס כודיאָס...

און אַז אַ קליין אינגל איז צוגעלאָפן צו זיין מאַמען מיט אַ וויינענדיק קול:

— מאַמע, די מעקסיקאַנער אינגלעך רופן מיך כודיאָ! ווערדאַד (אמת), מאַמע, אַז כ'בין נישט קיין כודיאָ?

— ווערדאַד, קינד מיינס, ווערדאַד — האָט אים באַרואיקט די מוטער — מיר זיינען אַלעמאַנעס, כ'מיין רוסאָס...

נו, קאָן מען צורעכענען אַלעמאַנעס, רוסאָס און פּאַלאַקאָס צום יום־טוב פון צוואנציק יאָר אידישע אימיגראַציע?

ערשט העט העט שפּעטער, מיט אַ צען יאָר צוריק, ווען מ'האָט אָנגע־הויבן טרייבן די „פּרעמדע" פון די מערק, פאַרמאַכן זיי די „פּויסטאָס", איז מיטאַמאָל געוואָרן פון די אַלעמאַנעס, רוסאָס און פּאַלאַקאָס — כודיאָס, אידן!

און טאַקע דעמאָלט, האָט מען דערזען אמתע אידן אין מעקסיקע. אי־דישע געשעפטן, וואַרשטאַטן און פאַבריקן. אַ אידישע באַנק מיט פעטע באַנק־ביכלעך, מאָגערע טשעקן מיט פיס... און אויסגעטרוקנטע טובה־וועקסעלעך. דריי און צוואנציק אידישע אָרגאַניזאַציעס, מיט פּרעזידענטן און וויץ־פּרעזידענטן. קהלשע קלאַמקעס און מחלוקות, מיט אַ הוהאַ, אַ טומל און אַ קאָכעניש, און מיט אַ — אידישער צייטונג!

אָט דאָ קומען זיך צוזאַמען די צוואנציק מיט צען...

ממה־נפשך, אויב דער רעדאַקטאָר מאַכט שוין יאָ אַ שותפות־יובילייַ, טאָ זאָל מען שוין יובלען אויפן גאַנצן פּראָנט פון צען און צוואנציק. ווי זאָגט מען: אַז אייך איז ליב, איז מיר ניחא...

און אַז מיר פייערן שוין אַזעלכע צוויי וויכטיקע יובילעאומס, וואָלט טאַקע אויך געווען אַ יושר, אַז די אַמאָליקע אָרימע אידישע־אימיגראַנטן, זאָלן פייערן נאָך עטלעכע קליינע יובילייאומלעך:

אַ יובילייַ, פון די ערשטע טייערע טעפּיכער, וואָס ליגן זיך ברייטלעך צעלייגט אויף די פּאָדלאָגעס, אין די אויסגעפּוצטע סאַלעס פון די אַמאָליקע אידישע אימיגראַנטן...

אַ יובילייַ, פון די ערשטע גלאַנציקע פּיאַנעס מיט די גרויסע גלעזער־נע שענק, אָנגעשטעלט מיט געשליפענע באָקאַלן, גלעזער, גלעזלעך און גלעזעלעך, פּונקט ווי אויף אַ גלאַזוואַרג־אויסשטעלונג...

אַ יובילייַ פון די ערשטע פוטערנע מאַנטלען, פוקסן, מאַניקירטע נעגל, אייגענע הייזער און אייגענע קאַטשעס מיט פּרעמדע ווייבער...

און טאַקע אַ ספּעציעלן יובילייַ, פאַר די ערשטע פעקלעך קאָרטן, וואָס

האבן באַרימט געמאַכט אין אַ סך קאָמיסאַריאַס, די נאַציאָנאַל־אידישע פאַרוויילונג — פאָקער!

מיר דאַרפן אויך פייערן דעם יובילײ פון די ערשטע היגע, אידישע זשורנאַליסטן, פאָעטן, שרייבער וואָס מעקן, קלעקן, וועקן און אַנטדעקן נייע טאַלאַנטן פאַר דער אידישער פרעסע. מיטן ביסל קנאה־שנאה — קנאת־סופרים, וואָס האָבן זיך דערבאַרמט און געהאָלפן דעם רעדאַקטאָר, ער זאָל נעבעך אַליין נישט דאַרפן אויספילן די גאַנצע צייטונג...

מיר דאַרפן אויך פראַוועון אַ יובילײ, פאַר די עטלעכע אידישע, אמתע האַרעפּאַשניקעס, די איין און איינציקע עכטע אידישע יגיע־כפּימניקעס, די הונדערט־פּראָצענטיקע אידישע פּראָלעטאַריער אין גאַנץ מעקסיקע, וואָס מעגן זיך לכל־הדעות, אַנשליסן אין צווייטן אָדער אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל, און פירן אַ קלאַסן־קאַמף לויט מאַרקס שולחן־ערוך...

דאָס מיינט מען דאָ, די פינף אידישע זעצערס פון „וועג", וואָס זיינען נאָכנישט קיין סוחרים און פאַבריקאַנטן, און קאָנען דערוויי נישט מאַכן קיין לעבן אָן־זעצן...

ווען נישט די אידישע זעצערס, וואָלטן מיר נישט געקאָנט פייערן דעם צען־יאָריקן יובילײ פון „וועג", און די אידישע פּאָעטן און שרייבער וואָלטן נעבעך פאַרמוטשעט זייערע פאַרערער, מיטן פאַרלייענען זייערע געשרי־בענע כתבים...

און אחרון אחרון חביב!

מאַכט אַ וואַרע פאַר די קוראים נכבדים, פאַר די געערטע און חשובע לייענער און לייענערינס! פאַר די לייענער פון „וועג" דאַרף מען מאַכן דעם אמתן יום־טובדיקן יובילײ.

אַ, אַלמעכטיקע, געאַכפּערטע און געטרייע לייענער און לייענערינס!

ווען נישט איר, וואָס טוט באַוויליקן מיט אייער גרויסן חסד צו לייע־נען, וואָס מיר שרייבן, וואָלט דער רעדאַקטאָר נישט געהאַט וואָס צו רע־דאַקטירן, די שרייבער וואָלטן נישט געהאַט וואו זיך צו קריגן און זידלען, און די פּאַפּיר־פאַבריקאַנטן וואָלטן חלילה געבליבן אָן פּרנסה...

לאָמיר, אידישע שרייבער, פּאָעטן און זשורנאַליסטן, אויפהייבן הויך הויך אונזערע שטאָלענע פּענעס, געגאָסענע פעדערס און אידישע שרייב־מאַשינען, לכבוד די לייענער פון אַ מעקסיקאַנער אידישער צייטונג.

אָבער מאַכט נישט קיין טעות, כ'מיין נישט די שלעפּ־לייענער, די וואָס שלעפּן אַ אידישע צייטונג פון אַ פרעמדער־קעשענע... אָדער לקחנען אַ צייטונג פון אידישן קולטור־קלוב. כ'מיין אויך נישט די כאַפּ־אַ־קוק לייע־נער, וואָס כאַפּן נאָר אַ קוק אין יענעמס צייטונג, אָדער די ליי־לייענער, די וואָס לייען און באָרגן ביים שכן אַ אידישע צייטונג.

פון די אַלע סאָרטן לייענער, וואָלט זיך אַ אידישע צייטונג נישט אויס־געהאַלטן אפילו איין טאָג.

כ'מיין דאָ, די גרויסע צאָל - צאָלנדיקע לייענער...

פאַר אָט די לייענענדיקע־לייענער, זיינען די אידישע שרייבער גרייט צו פאַרגיסן גאַנצע טייכן טינט פון זייערע ווײנענדיקע פעדערס, טינטלען און פינטלען אויפן ווייסן אומבאַפלעקטן פאַפיר, און פייערן צוזאַמען מיט אַ גלאָז רויטן־באָרשטש, דעם צען יאָריקן יובילײ פון „וועג".

צען און צוואַנציק — ישׂשכר און זבולון: איינער שרייבט פּעטע טשעקן און מאַכט פאַבריקן, און דער צווייטער שרייבט לידער, שיינע מעשיות און מאַכט צייטונגען...

די צוואַנציק יאָר אידישע אימיגראַציע, מיטן גאַנצן ביסל האָב און גוטס, און האַק־און־פּאַק, מיט דער צען־יאָריקער אידישער צייטונג, האַלטן זיך ביידע אויף היינערשע פיסלעך...

איין שטאַרקער בלאָז פון אַ בייזן ווינט, איז — אַדיאָס צען און צוואַנציק!

צען און צוואַנציק, גייען ביידע אויף אַ פאַפירענע בריק: פאַפירענע טשעקן, פאַפירענע וועקסלען, פאַפירענע פאַקער־קאָרטן און אַ פאַפירענע צייטונג...

זיי מעגן באמת פייערן אַ שותּפותדיקן יובילײ — צען און צוואַנציק!

וואָס איז אידישע קולטור?

ניין, כ'בין בשום אופן נישט מסכים מיט אונזער חשובן גאַסט ד"ר יעקב שאַצקי, מיט זיין דעפיניציע וועגן דער אידישער קולטור.

דער חשובער רעפערענט האָט באַוויזן באַשיינפערלעך, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר און טאַקע אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, אין זיין וויסנשאַפט־לעכן רעפעראַט — „וואָס איז אידישע קולטור?"

אַז אַ פאָלק מיט אַן אייגענער קולטור, דאַרף קודם כל האָבן אַן אייגענע שפּראַך, ליטעראטור, טעאטער, לעבנס־שטייגער, פאָלקלאָר און טראַדיציע.

אַ שיינע מעשה כ'לעבן. גיי פאָלג מיך אַ גאַנג און רעד אידיש, לייען אידישע ליטעראטור, זינג אידישע פאָלקסלידער, וואָרן טאָמער נישט, איז מען, חס־וחלילה, נישט קיין קולטורעלער איד...

און אויב אַ אידישער בחור ווייסט נישט צי אברהם אָבינו איז געווען אַ „ראַנטשעראָ" אין כנען, אָדער אַ בר־מצוה לערער אין מעקסיקע, איז ער שוין נישט קיין קולטורעלער איד?

אויב אַ אידישע פרוי ווייסט נישט צי דבורה הנביאה איז געווען אַ בונדיסטקע אָדער א ציוניסטקע, איז זי שוין נישט קיין קולטורעלע אידענע?

ווייזט אויס, אַז אַ סך מעקסיקאַנער אידן, האָבן נעבעך געמיינט, אַז די אידישע קולטור באַשטייט פון בלויז דריי זאַכן: פאַבריקן, געשעפטן און טשעק־ביכלעך, קדיש, קידוש און בר־מצוה באַנקעטן, עסן געפילטע פיש, „פּאַוואָ קאָן מאָלע" און מאַכן אַ קולטורעלן פּאָקער...

איז טאַקע שווער, זייער שווער מסכים צו זיין מיט דר. שאצקיס באַ־גרינדונג וועגן דער אידישער קולטור, עס איז פשוט אוממעגלעך איינצו־שטימען מיט זיינע פרינציפּן, אויסטייטשונגען און דעפיניציע — וואָס איז אידישע קולטור?

וואָס זשע איז פאָרט אידישע קולטור, ווי אַזוי איז מען טאַקע אַן אמת קולטורעלער איד? ווי אַזוי איז מען יוצא פאַר דער אידישער קולטור?

וועל איך דאָ טאַקע דערקלערן, אויסטייטשן און פעסטשטעלן, וואָס ס'איז אין דער אמתן אידישע קולטור און ווי אַזוי מ'קען זיין אַ גוטער, אַ געטרייער און אמתער קולטורעלער איד...

כ'בין מער ווי זיכר, אַז אַ סך, גאָר אַ סך מעקסיקאַנער אידן וועלן פּס־

כים זיין מיט מיין אויסטערלישער, טשיקאַווער דעפיניציע — וואָס איז אי־דישע קולטור?

ראשית, זענט איר נישט מחויב צו רעדן קיין העברעאיש אָדער אידיש מיט — אידן (מיט גויים אוודאי נישט).

וואָס מיר לשון, ווער מיר שפּראַך!

דאָס האָבן אויסגעטראַכט די וויסנשאַפטס־לייט, אַז אַ פאָלק דאַרף האָבען אַן אייגענע שפּראַך...

אידיש דאַרפט איר רעדן מיט אייער אייגן ווייב, איר מעגט אפילו שעלטען אייער שוויגער אויף אידיש.

העברעאיש דאַרפט איר דברן אויף אַ ציוניסטישע שמחה, אָדער ווען ס׳קומט אַ ציוניסטישער גאַסט פון אויסלאַנד.

מיט אייערע קינדער זאָלט איר, למען השם, רעדן בלויז שפּאַניש, ווע־לען זיי מיינען, אַז דער טאַטע זייערער איז אַ גרויסער אינטעליגענט און אַ וואַזשנער קולטורעלער איד...

אויב איר זיצט דאָס ערשטע מאָל אין אַ אידיש „אינטעליגענטער" גע־זעלשאַפט און מ׳פרעגט אייך, צי איר רעדט אידיש, דערבאַרמט אייך, ווי גאָט איז אייך ליב, זאָגט נישט אויס, אַז איר קענט; ס׳קען אייך נאָך שאַדן צו אייער קולטורעלן פּרעסטיזש...

ענטפערט רואיק, קאַלטבלוטיק און אויסגעצאַיגן: — איך נישט רעד אידיש, אָדער ענטפערט אויף שפּאַניש: יאָ האַבלאָ פּאָקיטאָ, פּאָקיטאָ אידיש...

אויב איר זענט אַ כלל־טוער, אַ גאַנצער קנאַקער אין אַן אָרגאַניזאַציע, און איר ווילט האָבן ד׳ערפאָלג, הערט אויף צו רעדן אידיש, וועט מען אייך זיכער באַטראַכטן פאַר אַ גרויסן קולטור־מענטש און פאַר אַ פאָרשטייער פון דער אידישער קולטור...

און אַז איר זיצט ביים טיש אויף אַ חתונה, אויף אַ באַנקעט, מעגט איר זיך פאַרגינען צו כאַפּן אַ שמועס מיט אייער פריינט אויף רוסיש. אייער שכן מעג רעדן צו זיין פריינט פּויליש. קעגנאיבער אייך מעג מען רעדן ענגליש, אונגאַריש, רומעניש, פראַנצויזיש, טערקיש און שפּאַניש.

ס׳מעג הערשן אויף אַ אידישע שמחה אַ בבל, אַ צעמישעניש פון שפּראַכען ווי אין דור־הפלגה, אָדער ווי אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער פעלקער־ליג...

דאָס הייסט אידישע אַטמאָספערע מיט אידישער קולטור!

אויב איר זענט נאָך אַ בחור, און איר רעדט אַ גוטן, אַ פליסיקן און אַ מחיהדיקן אידיש, זאָלט איר זיך היטן, ווי מ׳היט זיך פון פייער, צו רעדן מיט אַ אידיש מיידל — אידיש.

ס׳קען אייך נאָך חלילה שאַדן צום שידוך...

ווען ס׳קומט צו אייך אַריין אַ אידישער שרייבער פאַרקויפן אַ בוך לי־

דער, זאלט איר זאגן, אז איר לייענט נישט קיין פאעזיע, איר זענט נישט קיין סענטימענטאלער מענטש, און אז ס'איז אייך זייער שווער אויסצולערנען די מעלאדיעס פון א גאנץ בוך לידער...

אויב דאס בוך איז אין פראזע, זאגט דעם שרייבער, אז איר בויט זיך איצט אן אייגן הויז, זענט איר פארענגט אין געלט.

און אויב מ'פאדערט פון אייך, איר זאלט דוקא קויפן א אידיש בוך, אינעם נאמען פון דער אידישער קולטור, זאלט איר גיך אפזאגן דעם פסוק:

— כ'קען נישט לייענען קיין אידיש!

נישקשה, איר וועט נאך אלץ בלייבן א גרויסער אינטעליגענט און א קולטורעלער איד...

אויב איר זענט א מיטגליד אין אידישן קולטורעלן יוגנט־צענטער י. ל. פרץ, זאלט איר חלילה נישט דערוועגן צו רעדן קיין אידיש ווארט, אין אייער קולטורעלן קלוב...

פארגעסט נישט ,אז אין קלוב אויפן וואנט הענגט א גרויס בילד פון פרצן, קען ער נאך חס־וחלילה דערהערן, אז איר רעדט אידיש, וועט ער מיטאמאל אויפבליצן זיינע פייערדיקע אויגן און זיך צעבייזערן: — איר רעדט גאר אידיש? אידן גאר! אידישע יוגנט! און איך האב געמיינט, אז כ'האב פארבלאנדזשעט צווישן שפאניער, אדער אין דער אכטער אפטיילונג פון גהינום...

און איצט, וועגן דעם זייער וויכטיקן פונקט פון דער אידישער קולטור — פאלקס־לידער.

אז איר קומט אויף א אידישער שמחה, מעגט איר, לכל הדעות, זינגען די בארימטע אידישע פאלקס־לידער, וואס ווערן געזונגען כמעט אויף אלע אידישע שמחות.

איר מעגט זינגען די אידישע פאלקס־לידער, ווי למשל: סטיענקא רא־זין, אדער: איידא אוכנעם.

און אז איר זענט שוין א ביסעלע בגלופינדיק, מעגט איר זיך אויפ־שטעלן, צעשפרייטן די הענט, פארדרייסן דעם קאפ אין דער הויך און זינגען מיט א לירישע שטימע און חסידיש'ן ברען, אלץ שטארקער און שטארקער, דאס בארימטע חסידישע ליד:

— אטשי טשארניא, אטשי סטראסטניא, אטשי זשגוטשיא אי פרעקראסניא...

און נאך דער סעודה, אז איר האט זיך שוין גוט אונטערגעלענט דאס הארץ, און איר געפינט זיך אין א געהויבענער שטימונג, מעגט איר זיך אלע אויסזעצן אין סאלע, און מיט אידישע פארחלומטע אויגן, מעגט איר אנהויבן זינגען אין כאר אלע צוזאמען, אז מ'זאל הערן אויף דער צענטער גאס...

זינגט דאס באוואוסטע, עכטע און אמתע נאציאנאלע פאלקס־ליד:

— וואָלגאַ, וואָלגאַ, מאַט ראָדנאַיאַ!!!

אַט דאָס הייסט פֿאַרברענגען אין אַן אמתער אידישער סביבה, אַט דאָס איז עכטע אין אמתע אידישע קולטור...

נו, ווי געפֿעלט אייך עפּעס מיין דעפֿיניציע — וואָס איז אידישע קולטור?...

פֿאַראײנען און שרײבער . . .

אונזער שטאָט מעקסיקע װערט אַן אמתע עיר ואם בישראל... אַ שטאָט מיט אַלע קליפּערלעך מיט אַלע סימנים פֿון אַ קאָמפּאַקטן אידישן ישוב...

זי קאָן זיך שױן באַלד, באַלד פֿאַרגלײכן מיט אַ ניו־יאָרק, װאַרשע, װילנע אָדער בוענאָס אײרעס...

מיר האָבן שולן צום דאַװנען, רבנים, דיינים, אַ תלמוד תורה, אַ מקװה. חברות מיט פּרעזידענטן, גבאים, גבאיטעס װאָס קלײבן נדבות מיט אַ רױטער פּאַטשײלע פֿאַר מתן בסתר... אַ אידישע באַנק מיט בענקעלעך, מיט ליי קאַסעס. אַן אײגענע פֿאָלקס שול, אַן אײגן אידיש טעאַטער, אַן אײגענע אידישע פּרעסע מיט אײגענע פּאָעטן און שרײבער...

אמת, דער גאַנצער אידישער ישוב אין מעקסיקע קען זיך פֿאַרגלײכן מיט אַ קלײן אידיש שטעטל אין פּױלן אָדער אין ליטע אָדער מיט עטלעכע אידישע הױפֿן אין אַ ניו יאָרקער גאַס...

אָבער אין אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און פֿאַרײנען האָבן מיר אַ כך גרױסע אידישע שטעט שױן לאַנג איבערגעיאָגט...

מיר האַלטן שױן העט־העט אַ סך װײטער װי די גרױסע אַלטע אידישע ישובים...

מיר האָבן דאָ בײ אונז, קײן עין־הרע, אַ קימאַ־לן פֿון דרײ און צװאַנציק אָרגאַניזאַציעס און פֿאַראײנען אפילו מיט אַ שפּיטאָל קאָמיטעט...

אמת, די אַכט הונדערט מיטגלידער װאָס דער הילפֿס פֿאַראײן פֿאַרמאָגט, זענען אױך מיטגלידער אין כמעט אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס... און אַלע אָרגאַניזאַציעס מיט די זעלבע מיטגלידער האָבן אַ פּנים װי אַ מין צדקה גדולה פּושקע...

ס'װאָלט טאַקע אפֿשר געװען אַ יושר, אַז די אַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן האַלטן אײן „קאָבראַדאָר", אײן אײנקאַסענט אײנצומאָנען דעם מיטגליד־אָפּצאָל בײ די זעלביקע מיטגלידער װאָס צאָלן אין אַלע אָרגאַניזאַציעס... כ'װאָלט זיכער אײנגעבערענגט געלט און צײט...

בײ אײנעם אַ באַקאַנטן האָב איך אַמאָל געטראָפֿן פֿינף „קאָבראַדאָרן" מיט אײנמאָל... יעדער אינקאַסענט האָט אין האַנט געהאַלטן אַ לעדערנעם פּאָרטפֿעל און אין דער צװײטער האַנט אַ „רעסיװע", אַ קבלה פֿאַר מיטגליד אָפּצאָל.

די פינף פעזעס פאַר די פינף אָרגאַניזאַציעס וואָלט אויך איין „קאַב־ראַדאַר" געקענט אַוועקטראָגן...

פאַראַן אידן וואָס העלפן אויסהאַלטן אָרגאַניזאַציעס, קויפן בילעטן פאַר זייערע אונטערנעמונגען און וויסן אפילו נישט, וואָס ס'זיינען די אויפ־גאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע...

ווי קענען עפּעס אידן, רחמנים בני רחמנים, לאָזן אונטערגיין אַ אידישע אָרגאַניזאַציע צוליב עטלעכע פעזעס...

צו די דריי און צוואַנציק אָרגאַניזאַציעס האָט אָבער געפעלט די סאַמע וויכטיקסטע נוצלעכסטע אָרגאַניזאַציע. דער בעסטער און שענסטער פאַר־איין, אַ פאַראיין וואָס זאָל צוגעבן כבוד און רום די אַלע דריי און צוואַנציק אָרגאַניזאַציעס, ס'האָט געפעלט אַ שרייבער פאַראיין!...

איצט האָבן מיר שוין, ברוך השם, אויך אַ שרייבער פאַראיין מיט אַ פּרעזידענט און אַ וויצע פּרעזידענט, אַ סעקרעטאַר מיט אַ פינאַנץ סעקרע־טאַר... (דער לעצטער אמת איז ביי אַ שרייבער פאַראיין גאָר אַן איבריקער...)

דער ערשטער גרונט קאַפּיטאַל פון דעם פאַראיין איז אַן אמת שריי־בערישער... זיבעצן פעזעס אין דער נייער שרייבערישער קאַסע, כמנין „טוב" זיבעצן... אָבער כּסף ממש קעש געלט! אַן וועקסלען און אַן צוזאָגן...

אָבער געלט איז ביי אידישע שרייבער גאָרנישט מיט גאָרנישט... אַ מענטש ווערט נישט געבוירן מיט קיין געלט און שטאַרבט נישט מיטן געלט און אַ אידישער שרייבער לעבט נישט מיט קיין געלט...

אידן באַזאָרגן זייערע פּאָעטן, שרייבער, דענקער, קינסטלער מיט אַלץ וואָס איר ווילט נאָר נישט מיט קיין געלט...

דער נייער שרייבער פאַראיין האָט פאַרענדיקט די געביידע פון היגן אידישן ישוב.

דער שרייבער פאַראיין האָט אַוועקגעלייגט דעם שטעמפּל אויפן מעק־סיקאַנער אידישן ישוב און אים גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלע אַלטע אידישע ישובים...

איצט האָבן מיר שוין אַלץ וואָס אַ געזונטער, נאָרמאַלער אידישער ישוב דאַרף האָבן: פון אַ בית עולם ביז אַ שרייבער פאַראיין...

די אידישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיך נישט שרעקן און מורא האָבן טאָמער וועט דער נייער שרייבער פאַראיין, חלילה, צונעמען ביי זיי עטלעכע מיטגלידער...

פאַרקערט, דאָס איז דער ערשטער אידישער פאַראיין אין מעקסיקע, וואָס וויל נישט האָבן קיין סך מיטגלידער און קען נישט האָבן קיין סך מיטגלידער...

דער גאַנצער כוח פון דעם נייעם שרייבער פאַראיין באַשטייט אין זיין קליינער צאָל מיטגלידער...

אַנדערע פאַראיינען מאַכן אויפרופן, רייסן ביי די פּאַלעס מ'זאָל ביי זיי ווערן מיטגלידער. מאַכן ווערבירונגס אַקציעס, זאָגן צו דאָס טעלערל פון הימל זייערע נייע מיטגלידער...

דער שרייבער פאַראיין איז דער ערשטער היגער אידישער פאַראיין, וואָס בעט זיך רחמים: — דערבאַרעמט זיך אידן, ווערט נישט ביי אונז קיין מיטגלידער!!!

דער שרייבער פאַראיין האָט נעבעך געציטערט און געפלאַטערט ס'זאָל, חלילה, נישט ווערן קיין געלאַף, קיין אינוואַזיע פון אַלע אַכט הונדערט מיט־גלידער פון די דריי און צוואַנציק אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען...

וואָס פאַר אַ גרויסער יחסן איז עפּעס דער שרייבער פאַראיין, צו האָבן אַ קליינע צאָל אויסדערוויילטע, געקליבענע מיטגלידער?...

עפּעס אַ קלייניקייט אידישע שרייבער!

וועלכער איד איז דאָס נישט קיין שרייבער? וועלכער מענטש האָט דען נישט אין זיין לעבן געשריבן קיין סענטימענטאַלע ליבע בריוו צו זיין כלה, צו זיין ווייבל אָדער צו אַ פרעמדער ווייבל?

אין יעדן מענטש זיצט אַ פערטל פּאָעט און אַ האַלבער שרייבער...

דער דערפינדער פונם ערשטן קיילעכדיקן ראָד, האָט געטריבן די מענטשהייט צו דער איצטיקער טעכנישער ציוויליזאַציע. גוטענבערג מיט זיין דערפינדונג פון דער ערשטער דרוקעריי, האָט פאַרשפּרייט דאָס בוך און די צייטונג צווישן די פאָלקס מאַסן, און די שטאָלענע שרייב־מאַשינקע האָט אינגאַנצן דערהרגעט די שיינע האַנט־שריפט... און אַלע געמאַכט פאַר שרייבער!

אויס קאַליגראַפישע האַנט שריפט! ס'שפּילט שוין מער ניט קיין ראָלע דער שיין־שרייבער, אַ כתבא־רבא, אַ גאָלדענע האַנט, אַ פלינקע פעדער מיט אויסגעציקלטע פערעלאַך...

היינט קען מען האָבן די ערגסטע האַנט שריפט, שרייבן קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס, פינטעלעך מיט פּאַסיקלעך, ווי פאַרצייטיקע הערלאַגליפן. דער בחור הזעצער וועט דאָס שוין אויסגלייכן, אויספרעסן אויפן לינאָטיפּ, פּונקט, להבדיל, ווי אַ שניידער פרעסט אויס און גלייכט אויס אַ צעקנייטשטן אנצוג...

אַמאָל האָט מען געהאַט דרך ארץ פאַרן געדרוקטן וואָרט, באַטראַכט אַ שרייבער, אַ ליטעראַט, אַ פּאָעט, אַ מייסטער פון וואָרט, אַ טאַלאַנט, ווי אַן אויסדערוויילטן פון גאָטס חסד...

אָפּצודרוקן אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג אָדער זשורנאַל, איז געווען שווע־רער ווי קריעת ים־סוף...

היינט שרייבן אַלע: כולנו חכמים כולנו נבונים כולנו יודעים את התורה פון שרייבן...

ווער איז דען ביי אונז נישט קיין שרייבער, ווער איז דען ביי אונז נישט קיין טינטלער?...

צווישן הונדערט אידישע פרויען זיינען דאָ ניין־און־ניינציק שיינע און איינע נישט קיין מיאוסע...

און צווישן הונדערט אידן זענען דאָ: פינף נעווראסטעניקער, פופצן מאָגן קראַנקע, איין חזן, איין רעדנער, איין אַקטיאָר, איין פּאָעט, איין רע־דאַקטאָר און פינף און זיבעציק שרייבער...

יעדע היגע אידישע אָרגאַניזאַציע, האָט אירע אייגענע פּאַטענטירטע שרייבער. יעדער וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַ גלאָטן באַריכט אָדער אַ בריוו אין רעדאַקציע, האַלט זיך פאַר אַ שרייבער...

אין יעדער אָרגאַניזאַציע געפינען זיך אַ צען־פופצן שרייבער מיט רעדאַקטאָרן...

אין אַ היגער אָרגאַניזאַציע האָט מען זיך געגרייט אַרויסצוגעבן אַ חודש זשורנאַל, האָבן זיך געיאווועט גאַנצע זעקס רעדאַקטאָרן... און מען האָט געמוזט וואַרפן גורל און דער זכה בגורל איז מיט מזל געוואָרן רעדאַקטאָר...

ס'איז נאָך אַ שטיקל גליק בנאמנות, וואָס ס'איז גרינגער אַריינצוטרעטן אין ענגלישן לאָרדן הויז, ווי צו ווערן אַ מיטגליד אינם היגן אידישן שריי־בער פאַראיין...

דער נייער שרייבער פאַראיין זיפּט זיינע מיטגלידער דורך אַ געדיכ־טער זיפּ און לאָזט דורך נאָר די אמתע סולת, הוילע זעמל־מעל... דין, קלאָר געביטלט מעל אויף שבתדיקע חלות... קוקט אויף יעדן שרייבער דורך אַ געשליפענעם שפּאַקטיוו, ווי מען קוקט אויף אַ טייערן, קאָסטבאַרן ברי־ליאַנט ער זאָל חס וחלילה נישט האָבן קיין שום פּגם...

יעדער שרייבער מוז זיין אַ טלית שכולו תכלת, פּערוועס סאָרט, בלויז טאַלאַנט...

די פירער פון די אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיך נישט שרעקן. דער שריי־בער פאַראיין וועט ביי זיי חלילה ניט צונעמען קיין איינציקן מיטגליד...

דער שרייבער פאַראיין דאַרף ניט קיין סך מיטגלידער, דאַרף נישט קיין פינאַנסן, דאַרף נישט קיין גרויסן לאָקאַל און דאַרף נישט צאָלן קיין דירה געלט...

אַ טייערער, אַ גאָלדענער פאַראיין!

הלוואי, רבונו של עולם, אויף אַלע אידישע פאַראיינען געזאָגט!...

אַ פאָלק אָן אַ לשון...

איר האָט שוין אַמאָל געהערט פון אַ פאָלק אָן אַ לשון?

— ניין!

— איך אויך נישט!

אַ פאָלק אָן באַנק־ביכלעך, קאָן נאָך ווי ס'איז עקזיסטירן...

אַ פאָלק אָן אייגענע הייזער, אָן אייגענע קאַטשעס, איז נאָך אויך אַ האַלבע צרה. אָבער אַ פאָלק אָן אָן אייגענער שפּראַך, אָן אָן אייגן לשון, אָן אַ צונג, מוז נעבעך אויסהויכן די גייסטיקע נשמה, און — ס'גייט אַוועק שלאָפן אין מוזעאום אַריין...

אַ פאָלק, וואָס הערט אויף צו רעדן זיין אייגן לשון, מוז אָנהייבן שטאַמ־לען אויף פרעמדע לשונות, און שפּעטער הערט דאָס אויף צו רעדן מיט אָן אייגן קול און ווערט ביסלעכווייז, רחמנא לצלן, אינגאַנצן שטום אויף אײ־ביק, לעולם ועד...

האָבן מיר, אידן, אָן אייגן לשון?

מיר, אידן, האָבן, ברוך השם, צוויי אייגענע לשונות... מיר זיינען גע־בענטשט מיט צוויי שפּראַכן:

העברעאיש און אידיש, אידיש און העברעאיש.

איין שפּראַך איז ביי אונז אַ הייליקע, אַ לשון־קודשדיקע, שבת־יום־טובדיקע, וואָס מ'האָט זי געהאַלטן אין אַ זילבערנע פושקע מיט וואַטע, וואו מ'האַלט אַ טייערן אתרוג, אַ מהודר, אַ צאַצקע, דער פּיטום זאָל זיך חלילה נישט אָפּברעכן...

לשון־קודש האָט מען גענוצט צום דאַוונען, שרייבן שאלות און תשו־בות און אָפּצושפּרעכן אַן עין־הרע.

איצט איז שוין העברעאיש אויך געוואָרן אַ וואָכעדיקע שפּראַך נעבעך. אין ארץ ישראל האַקט מען שטיינער און מ'פּוצט די שיך — אויף העברעאיש.

די צווייטע שפּראַך אונזערע — אידיש, איז געווען אַמאָל אַ וואָכעדי־קע, אַן אָרימע, צו פּאַרטייטשן דעם עם־הארץ אַ פּרשה חומש מיט רש"י, אַ שטיקל עין יעקב. אַ לשון פאַרן בדחן, פאַרן מאַרשאַלעק צו באַזינגען התן־כלה אויף אַ חתונה.

איז אָבער מסתמא באַשערט געווען, אַז אונזער מאַמע־לשון, זאָל זיך

געוואַקסן, קיין עין הרע, אין דער לענג און אין דער ברייט, (אין דער טיף אויך...) און איז געוואָרן אַ מאָדערנע קולטור־שפּראַך, אַ ליטעראַרישע שפּראַך — אַ הייליק לשון...

דאָס לשון פון בעל־שם טוב, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, מענדעלע מוכר ספרים, יצחק לייבוש פּרץ און שלום עליכם.

איז דאָך דאָכט זיך גוט? אַזעלכע טייערע, גאָלדענע לשונות?

וואָס זשע טוט מען, האַ? ס׳איז פינסטער און ביטער! אונזער יוגנט, זאָל געזונט זיין, וויל נישט נעמען קיין אידיש וואָרט אין מויל אַריין... (קיין העברעאיש אויך נישט).

ס׳האָט עמיצער פאַרשאָלטן אונזער אידישער יוגנט מיט אַ שרעקלע־כער קללה: — עס זאָל איר אָפּגענומען ווערן דאָס לשון! און אונזער יוגנט איז נעבעך שטום געוואָרן, די יוגנט האָט אויפגעהערט צו רעדן — אידיש...

און כ׳לעבן, פאַר וואָס זאָל די יוגנט דרך־ארץ האָבן פאַר אַן אייגן לשון, ליב האָבן די אייגענע שפּראַך, אַז זייערע עלטערן באַלעבאַטשען, ברע־כען זיך די צונג אויף פרעמדע שפּראַכן...

אונזערע באָבעס און מאַמעס האָבן פאַרזעצט די קישנס מיט די שבת־לייכטער, פאַר אונזער קולטור, פאַר תורה־לערנען, פאַר אידישקייט. און אַ סך מאָדערנע, אויסגעפּוצטע, צוגעפאַרבטע אידישע מאַמעס, פאַררייסן די אָנגעפּודערטע נעזלעך, פאַרשנירלען די רויטע ליפּעלעך און מאַכן אַ זויע־רע מינע, ווי גוואַלדיק גרויסע אינטעליגענטקעס:

— וואָס קאָן די אידישע שפּראַך און קולטור געבן מיינע קינדער?

אַ סך עלטערן מאַכן אַ גאַנצע טראַגעדיע פון דער צוויי־שפּראַכיקייט — אידיש און שפּאַניש... און אַליין האַקט מען און בראַקט מען אויף עטלע־כע שפּראַכן, און די קינדער זייערע פאַרהאַקט מען די יונגע קעפּלעך מיט ענגליש און פראַנצויזיש.

— ווייִ איז מיר — באַקלאָגט זיך אַ אידישע באַלעבאַטישע מאַמע — מיינע קינדער האָבן נעבעך אַזויפיל אַרבעט. זיי דאַרפן מאַכן די לעקציעס פון דער ענגלישער שולע, און איצט האָבן זיי נאָך אַן אַרבעט — אידיש, העברעאיש, אידישע געשיכטע, דאַוונען. ס׳איז אַ ביטערער רחמנות אויף די קינדער מיינע, זיי האָבן דאָך נישט קיין פרייע מינוט...

און איינע אַ מאַמע, פון יענע מאַמעלעך, וואָס מיינט, אַז זי איז באַ־שאַפן געוואָרן, נאָר צו לעבן אַ גוטן טאָג, פּוצן זיך די נעגל, שפּילן אין פּאָקער און פאָרן אויף דאַטשעס, האָט אַ טענה צו איר מאַן, און צעשרייט זיך אויף אים מיט איר קוויטשעדיק שטימעלע:

— יאָסל דוד, וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו די קינדער מיט דיין אידיש, העברעאיש, וואָס מוטשעסטו די קינדער נעבעך מיט דיין אידישער געשיכטע און ליטעראַטור? וואָס וועלן זיי האָבן פון דעם?

נישקשה, נישקשה, ס'וועט זיין גענוג פאר זיי, ווען זיי וועלן ווערן באלמיצווע (בר מצווה), וועלן זיי גיין אין שול אריין, זאגן א דרשה, מ'וועט זיי מאכן א שיינעם באנקעט און פטור אן עסק...

א סך היגע אידישע סאציאליסטן (ציוניסטן אויך), זיך יאגנדיק גאך לאפ נאך גרויסע געשעפטן און פאבריקן, האבן זיי דערוויל פארלוירן זייערע קינדער — פאר זייער שפראך און קולטור.

א סך עלטערן האבן אויסגעביטן זייערע קינדערס אידיש־קולטורעלן באגאזש, אויף אן אוניווערזיטעט־דיפלאם...

און א סך עלטערן, וואלטן שוין וועלן איצט, צוריק אויסטוישן עטלעכע פעטע טשעקעלעך פאר א ביסל אידישע קולטור, פאר זייערע בחורים און כלה־מיידלעך. נאר זיי האבן זיך אביסל צו שפעט מיישב געווען...

ווי זאגט מען עפעס:

אז מ'גרייט זיך נישט אן ערב שבת, האט מען נישט אויף שבת...

אז מ'לייגט נישט אריין טאקע, נעמט מען ארויס א מכה...

און אז מ'זייעט ווינט, שניידט מען שטורם...

אין גאר א סך אידישע הייזער, איז אן אמתער דור הפלגה... א מיש־מאש, א צעמישעניש פון שפראכן.

דער טאטע מיט דער מאמען רעדן רוסיש אדער פויליש, דער זיידע מיט דער באבען רעדן אידיש, און די אייניקלעך רעדן בלויז שפאניש...

א פאלק, וואס רעדט נישט זיין אייגן לשון, וואס קאן נישט זיין אייגענע ליטעראטור, איז געגליכן, צו וואס איז טאקע אזא אויס־טערליש פאלק געגליכן? יא, עס איז געגליכן צו א שטרויס־פויגל, וואס מ'פליקט אים אויס די פעדערן...

דער שטרויס גייט נעבעך ארום נאקעט, אבער מיט זיינע שטרויס־פעדערן האנדלען אלע פעלקער.

עפעס א קלייניקייט א שטרויס־פעדער!

א סך גרויסע פעלקער, האבן פון אונז אויסגעפליקט גרויסע, שיינע פעדערן און מיט זיי באפוצט זייערע ליטעראטורן, זייער קונסט.

די גויים מאכן נאך היינט די בעסטע געשעפטן מיט אונזערע שרייבער און קינסטלער. זיי האנדלען נאך אלץ מיט אונזער ביבל... אונזער תורה, איז נאך אלץ א גאנגבארע סחורה...

פאראן א סך, שוין גאר א סך אידן, וואס גייען נעבעך ארום אדם־נאקעט. זיי טראגן אויפן פעטן, אויסגעפאשעטן גוף נישט מער, ווי א צוויי־דריי רעליגיעזע פעדערן, אדער א צוויי־דריי נאציאנאלע פעדערן...

זיי דרייען זיך, נעבעך, ארום, ווי אויפן עולם־התוהו, אזוי ווי די נאקע־טע, גייסטיקע־אויסגעפליקטע און ארומגעפליקטע שטרויס־פייגל, אן אן אייגענע קולטור און שפראך.

אַמאָל, אַמאָל, אין די אַלטע צייטן, נאָך פאַרן „מבול"... זיינען געווען אידישע „אינטעליגענטן", וואָס האָבן אַרויסגעוויזן זייער „אינטעליגענץ" מיט — נישט רעדן קיין אידיש...

אַזעלכע שמענדריק־אינטעליגענטן, האָבן זיך נאָר באַנוצט מיט אַ אי־דישער קללה, געשאָלטן האָבן די „אינטעליגענטן" דווקא אויף אידיש.

גייט זאָגט אויף פּויליש צי אויף רוסיש: געשוואָלן זאָל ער ווערן ווי אַ באַרג! זאָל ער גיין אין דר'ערד אַריין! צעברעכן זאָל ער הענט און פיס! אָדער: אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין!

אידישע קללות זענען אַ סך באַטעמטער ווי גויאישע, אפילו פאַרן „אינטעליגענט".

רעדן, רעדט אַזאַ מין אַלט־געבאַקענער אינטעליגענט אויף אַלע שפּראַ־כען: טערקיש, ציגיינעריש, טאַטעריש, נאָר בשום אופן נישט קיין אידיש.

זיינען אָבער איצט אָנגעקומען נייע צייטן. צייטן פון עראָפּלאַנען, טאַנ־קען און ראַדיאָס. צייטן, ווען מ'קאָן זיך שוין מער נישט פאַרשטעלן מיט פרעמדע מאַסקעס...

די נייע צייט האָט נעבעך אַראָפּגעריסן די „שליפּעס" פון די „אינ־טעליגענטן", וואָס שעמען זיך מיט זייער פאָלק און מיט זייער אידיש לשון.

וואָס אַמאָל איז געווען פאַרדרייט, איז היינט פאַרקערט.

היינט רעדן אידישע אינטעליגענטן — אידיש! היינט שעמען זיך נישט מער די אידישע פאָלקס־אינטעליגענץ, מיט דער שפּראַך פון פאָלק.

געבילדעטע, אינטעליגענטע אידן רעדן אידיש. אַ געבילדעטער איד, אַז ער רעדט אידיש, איז אַ סימן אַז ער איז אַן אינטעליגענט...

רעדט מיט אייערע קינדער אידיש, וועלן זיי זיך קאָנען באַרימען, פאַר זייערע גויאישע חברים, אַז זיי האָבן אינטעליגענטע טאַטע־מאַמע, וואָס רעדן אויף אַן אייגן לשון...

ס'וואָלט באמת געווען אַ יושר, אַז די אידישע יוגנט, זאָל אָנהייבן רעדן אידיש, וועט מען זיי זיכער האַלטן פאַר גרויסע אינטעליגענטן.

רעדט שפּאַניש וויפיל איר ווילט, און וויפיל איר דאַרפט. נאָר דער־באַרעמט זיך, האָט אויף זיך אַליין אַביסעלע רחמנות, מיר זיינען דאָך אַליין אויך שטיקעלעך מענטשן מיט לייטן גלייך.

פאַרגעסט נישט, אַז אַ חוץ פעאיקע סוחרים, גוטע פאַבריקאַנטן, ערשט־קלאַסיקע קאַטשע־טרייבער און געניאַלע באַנקעטן־מאַכער, האָבן מיר אויך אַן אייגענע קולטור מיט אַן אייגן לשון.

מיט אידן — רעדט אידיש!

די אינטעליגענץ פון יעדן פאָלק, היט קודם־כל אָפּ איר קולטור, און מער פון אַלץ — איר לשון.

רעדט אידיש, וועט איר זיין אַן אינטעליגענט!

יאָ געשמדט, נישט געשמדט

דער שטורם האָט זיך שוין איינגעשטילט, די דונערן און בליצן האָבן אויפגעהערט, דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט און די זון וואָרימט ווידער, שיינט און בלענדט מיט איר ליכטיקייט.

ס'איז שוין, ברוך השם, ביי אונז צוריק שטיל און רואיק נאָכן גרויסן שטורם פון — יאָ געשמדט, נישט געשמדט...

מיר קאָנען שוין ווייטער רואיק און שטיל פירן אונזערע געשעפטן, פאָרן אויף דאַטשע, מאַכן אַ קערטל, בייטן די קאַטשעס און מאַכן פאַרזאַמלונגען.

די אידישע יוגנט קאָן ווייטער מאַכן „באַילעס", טאַנצן און הוליען און לאָזן זיך וואוילגיין, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן.

די עלטערן מעגן ווידער פאַרגעסן, אַז אַ חוץ שיקן זייערע קינדער אין די גויאישע שולן, האָבן זיי אויך אַ חוב צו דערציען זייערע קינדער אין אידישן גייסט און קולטור.

זיי מעגן פאַרגעסן, אַז ביי זייערע טירן קאָן אויך אַמאָל קלאַפּן די האַרבע פראַגע:

יאָ געשמדט, נישט געשמדט!

ווייסיך וואָס, אָפּגעשטורמט אָפּגעקאָכט און פאַרגעסן. צוגעשניטן און אָוועקגעלייגט.

די געמיטער האָבן זיך באַרואיקט, און די ברענענדיקע, דרינגענדע פראַגע פון — יאָ געשמדט, נישט געשמדט, איז אַראָפּ פון טאָג־אָרדנונג, ווי נאָך אַ גרויסן שטורעמדיקן באַנקראָט...

די שטורם מאַכער האָבן אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער, שאַ, שטיל!

און דווקא איצט, ווען אין שטעטל איז געוואָרן שטיל, שלום ושלווה. איז טאַקע אַ שעת הכושר צו שרייבן אַ געשמדטן פעליעטאָן וועגן גייסטיקע משומדים...

מה רעש? פאַרוואָס איז עפּעס פלוצים אין מיטנדרינען געוואָרן אַזאַ מין בהלה, אַזאַ טומל און גערודער? פאַרוואָס איז עפּעס מיטאַמאָל דער גאַנ־צער אידישער ישוב געגאַנגען אויף רעדלעך.

פאַרוואָס איז עפּעס געוואָרן אַזאַ גרויסער ליאַרם, אַז קינד און קייט האָבן גענומען רעדן און דיסקוטירן, היצן זיך און פילדערן וועגן דער גרוי־סער, וויכטיקער געשעעניש?

מ'האָט שוין אזש אַפילו אָנגעהויבן שרייבן וועגן דעם אויסטערלישן צופאַל בריוו אין רעדאַקציע...

דאָס פינטעלע איד האָט זיך צעפלאַקערט אַפילו ביי אַזעלכע אידן, וואָס רעדן מיט זייערע קינדער רוסיש, פויליש, שפּאַניש. רופן זיך רוסאָס, פּאָלאַקאָס, און האָבן מורא אַרויף צו ברענגען אויף זייערע ליפּן דאָס וואָרט „כודיאָ" אָדער „איזראַעליטאַ", און לאָבן זיך אויס פון דער אידישער קולטור...

וואָס האָט פּאַסירט? וואָס האָט זיך דאָס אַזוינס פאַרלאָפן? וואָס איז ראפּטום געשען?

אָ אידישער יונגערמאַן, האָט עפּעס צוליב אָ ביסעלע עולם הזה זיך געלאָזט איינרעדן און פאַרנאַרן פון יצר־הרע, רחמנא־לצלן, און ער האָט חתונה געהאַט אין קלויסטער, אין סאַמע קאַטעדראַל. וואו ס'האָבן חתונה אַלע וואזשנע אַריסטאָקראַטן.

איז אין שטעטל געוואָרן אָ לעבעדיקע וועלט!

ס'איז פּשוט געווען אָ מחיה, דאָס האַרץ איז ממש געוואַקסן פון גרויס שמחה, צוזעענדיק ווי אידן רעאַגירן, זיינען זיך מוסר־נפש, שטעלן זיך איין פאַרן פאַרשוועכטן אידישן מנהג, חתונה צו האָבן גלייכער אין שול, איידער אין קלויסטער...

אידן האָבן זיך אָנגענומען גאָטס קריוודע.

סטייטש, היתכן: וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ מעשה?

אוי, רבונו של עולם! זע נאָר, וואָס פאַראַ טייערע אידעלעך דו פאַרמאָגסט אין מעקסיקע! זע נאָר, טאַטע האַרציקער אין הימל, וואָס פאַראַ געטרייע ערלעכע אידן עס וואוינען אינם לאַנד פון די אַצטעקן! זע נאָר ווי דיינע מעקסיקאַנער אידן נעמען זיך אָן אַזוי שטאַרק פאַר דיין פאַרשוועכטן נאָמען!...

אייגנטלעך, האָבן די פרומע אָרטאָדאָקסישע אידן, געדאַרפט זיך בייזערן און זיין אין כעס אויף דער גאַנצער געשיכטע פון — יאָ געשמדט, נישט געשמדט.

נאָר איינגעשטעלט האָבן זיך דווקא די פּראָסטע חי־וקימס, עמך, וואָס פאַרפעלן אַלע טאָג מנחה־מעריב און היטן נישט אָפּ די תרי"ג מצוות...

נאָר געררעכט זיינען טאַקע די פרומע רעליגיעזע אידן. זיי מאַכן זיך אָ קנאַפּן צימעס פון איינעם וואָס האָט חתונה אין אָ קלויסטער אָדער פון אָ משומד.

נאָך אָ משומד זיצט מען שבעה, ווי נאָך אָ טויטן און פּטור אָן עסק...

דער משומד איז פאַרן אידישן פאָלק, נישט חס וחלילה טויט קערפּערלעך, ניין. דער גוף לעבט (אפשר טאַקע גוט אויך), אָבער גייסטיק איז אָ משומד טויט פאַר אידן.

און דאָ פרעגט זיך טאַקע אָ קלאָץ קשיא: וואָס האָבן זיך עפּעס אידן

פון אַ גאַנץ יאָר, די נישט פרומע אידן אַזוי צעיאַכמערט, צעבייזערט און צע־קאָכט מיטן — יאָ געשמדט, נישט געשמדט!

און אַז דער גלח באַשפּריצט נישט מיטן הייליקן וואַסער, קאָן מען דען נישט זיין קיין גייסטיקער משומד?....

יאָ, יאָ, ליבע פריינט. מיר האָבן, ברוך השם, גענוג גייסטיקע משומדים — נישט קיין געשמדטע...

אַמאָל, אַז איינער האָט געוואָלט רויכערן אַ פּאַפּיראָס אין שבת, אָדער עסן אַ שטיקל בשר־קוויטש, האָט ער זיך באַהאַלטן בחדרי־חדרים.

היינט, רויכערט מען שבת בפרהסיא, און „כאַמאַן" עסט מען אויף אַ סך אידישע שמחות און באַנקעטן...

אַמאָל, אַז איינער האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ שיקסע, האָט ער זיך געמוזט שמדן, היינט וואוינען אַ סך אידן מיט קריסטלעכע פרויען, און נישט צו פאַרזינדיקן. די אידן זיינען גאַנץ גוטע אידן און די גויעס גאַנץ גוטע גויעס, וואָס גיבן דווקא זייערע קינדער אַ אידישע דערציאונג... בעסער ווי אַ סך אמתע אידישע מאַמעס, וואָס עסן געפילטע פיש און גייען הערן שופר בלאָזן...

אַ רחמנות איז נאָר אויף די קינדער, ווען זיי וואַקסן אויף. די קינ־דערלעך פון די געמישטע חתונות, ווייסן נעבעך נישט, וועלכע קולטור איז פאַר זיי בעסער, די אידישע אָדער די מעקסיקאַנישע?

ס'איז דער אמתער ויתרוצצו, ווי ביי דער מאַמע רבקה אין בויך...

אַז די מאַמע רבקה, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קלויסטער, האָט עשוו גע־וואָלט אַרויס, און ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען אַ בית־מדרש, האָט נעבעך יעקב געוואָלט אַרויס...

און כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד. ביי אַ סך אידן, פון די וואָס זיי־נען נישט צופרידן, וואָס אַ יונגערמאַן האָט חתונה געהאָט אין קלויסטער, וואַקסן דען נישט אויף ביי זיי אין שטוב קיין גייסטיקע משומדים?

ביי צענדליקער אידישע פאַמיליעס, וואַקסן אויף גאַנץ גוטע, שיינע און געזונטע גויים און גויעס.

פאַראַן אַזעלכע אידישע קינדער, וואָס שעמען זיך צו האַלטן אַ אידי־שע צייטונג אין טראַמוויי. זיי וויקלען זי איין אין אַ שפּאַנישער צייטונג, כדי מ'זאָל חלילה נישט אַרויסזען די אידישע אותיות...

פאַראַן קינדער, וואָס פרעגן זייערע עלטערן, אויב ס'איז אמת, וואָס זייערע גויאישע חברים זאָגן, אַז די אידן האָבן דערהרגעט „כעסוסן"...

נישקשה, לאָמיר טאַקע ביי דער געלעגנהייט, אויפשטעכן דעם בלאָטער...

ממה־נפשך, נישט זאָגן קיין שמע ישראל, נישט אָפּהיטן קיין מצוות.

נישט קענען קיין אידיש, נישט קיין העברעאיש און נישט האָבן קיין מגע ומשא מיט דער וועלטלעכער אידישער קולטור.

איז מיט וואָס־זשע איז מען פאָרט אַ איד, האַ?

ס׳וואַקסן, בחרפתנו, ביי אונז אויף בלויז „ביאָלאָגישע״ אידן... וואָס ביים לעבן זיינען זיי פאַר אונז רעליגיעז און גייסטיק טויט.

גייסטיק טויטע אידן, וועלכע ווערן ערשט „לעבעדיקע״ אידן נאָכן טויט... ווען מ׳דאַרף זיי, לאחר מאה שנה, באַגראָבן אויפן אידישן בית עולם...

לאָמיר זיך נישט שרעקן, רעליגיעזע און וועלטלעכע קולטור אידן.

לאָמיר אָנרופן דאָס קינד מיטן ריכטיקן נאָמען:

ס׳וואַקסן אויף ביי אונז אַ סך אידיש־גייסטיקע סריסים, אידיש־קול־טורעלע יעוונוכן... אָדער פראָסט פשוט:

גייסטיקע משומדים!

אַמאָל האָט מען געזאָגט אויף אַ גרויסן פרעסער, אַ נאַשער: געשמדטער האַלז, געשמדטע קישקע.

אויף אַ אינגל אַ שטיפער, אַ לאָבוס, האָט מען געזאָגט, אַז ער מאַכט שמד־שטיק... און מ׳האָט אים טאַקע גערופן: שמדעלניק, משומד להכעיס, אַ שלעכט מיידל האָט מען גערופן שמדעלניצע.

היינט מעג מען רופן אַ סך אידישע יונגעלייט און מיידלעך בלויז מיטן נאָמען:

גייסטיקע משומדים!

צו וואָס די שקלאָ־זטריא: יאָ געשמדט, נישט געשמדט. נישקשה, נישקשה, גייסטיקע משומדים האָבן מיר גענוג, די־והותר!

צו וואָס וואַרפן אויף יענעם שטיינער, ווען מען וואוינט אַליין אין אַ גלעזערן הויז...

קאָכט זיך נישט ליבע אידן, ערגערט זיך נישט און רעגט זיך נישט אויף, ס׳איז נישט געזונט פאַרן האַרץ.

די שטאָט מעקסיקע שטייט אויף זייער אַ הויך אָרט, איז צוליבן קלי־מאַט דאַרפן מיר זיך נישט שטאַרק אויפרעגן, נאָר רואיק באַטראַכטן און גלייכער אויסגעפינען, ווער ס׳איז שולדיק: איר אָדער אייערע קינדער?

זעט גלייכער, מיר זאָלן אויפהאָדעווען וואָס ווינציקער גייסטיקע משומדים!

לאָמיר בעסער מגייר זיין אונזערע גייסטיקע משומדים....

אין חדר־אַריין!

— אין חדר אַריין שקצים!

אַזוי פלעגן שרייען אונזערע טאַטעס צו אונז קליינע אינגלעך.

ווען אַ אינגל האָט נישט געגלוסט אַמאָל צו גיין אין חשוכדיקן, דושנעם חדר מיטן שטענדיק אָנגעכמורעטן בייזן רבין מיט דער צעפלאָשעטער באָרד, וואָס סטראַשעט כסדר מיטן קאַנטשיק מיט די לעדערנע לאָקשן... האָט ער, דער שטענדיק גוטער, רחמנותדיקער מאַמען ווי ס'איז געקענט איינרעדן, אַז דער קאָפּ טוט ווי, אַז מ'האָט בויך ווייטיק, אַז אַ צאָן רייסט אָן...

אָבער דעם טאַטן האָט מען בשום אופן נישט געקענט אָפּנאַרן.

אין חדר אַריין פּוילאַק! דו גויעץ איינער, דו וועסט ביי מיר נישט אויסוואַקסן קיין גוי, דו וועסט מיך נישט פאַרשעמען פאַר לייטן.

און אַז דאָס אינגל האָט זיך געוואָלט ראַטעווען אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, האָט דער טאַטע זיך נאָך מער צעבייזערט, אויפגעקנעפּלט די קאַ־פּאָטע און גענומען אַראָפּנעמען דעם לעדערנעם פּאַסיק פון די הויזן. דע־מאָלט האָט שוין נישט געהאָלפן דער מאַמעס געבעט מיט די ווייכע רייד, אַז דאָס קינד איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. דאָס אינגל האָט געמוזט גיין אין חדר אַריין.

און אויסער דעם שטרענגן טאַטן און בייזן רבין, האָט דאָס אינגל אי־בער זיך געהאַט דעם אויסגעפּאַשעטן, פון „טעג" עסן ביי די פרומע באַ־לעבאַטעס, דעם שטרענגן „באַהעלפער", און אַז דער „באַהעלפער" מיט די פאַרלאָפענע, קעלבערנע אויגן מיטן פאַררוקטן טוכענעם היטל איבערן שטערן, האָט זיך באַוויזן אין דער טיר מיט דער גלאַנציקער פאַרלאַטעטער וואַטאָווער קאַפּאָטע, מיט זיינע גראָבע אומגעלומפּערטע הענט צו נעמען דאָס אינגל אין חדר אַריין, האָט שוין ניט געהאָלפן קיין שרייען, קיין וויינען. דער באַהעלפער האָט פלינק אַ כאַפּ געטאָן דאָס בלאַסע, אײדעלע אינגל אונטערן אָרעם און — דאָס אינגל האָט געמוזט גיין אין חדר אַריין.

היינט ציט עס דעם אינגל אַליין צו גיין אין שולע אַריין, וואָרום וואָס פעלט אים דען אין דער שולע? פיינע, גערוימע צימערן באַהאָנגען מיט שיינע בילדער, אַ גרויסער גאָרטן מיט בלומען, בוימער מיט גרין גראָז, מען שפּילט זיך, מען זינגט, מען מאַכט גימנאַסטיק און לערנען לערנט מען אויך אַ ביסל...

האָט מען אָבער דאָ איבערגעדרייט די יוצרות.

דאָס קינד וואָלט מיט פאַרגעניגן געגאַנגען אין דער אידישער שול, נאָר די עלטערן שיקן נישט...

אָנגעהויבן האָט זיך די אידישע שולע מיט אַ חדר, מיט אַ מאָדערנעם הדר פון אָרטאָדאָקסישע אידן מיט אַ פרשה חומש מיט רש"י, און ביסלעכ־ווייז האָט זיך דאָס חדר אַרויסגעגליטשט פון די פרומע אידנס הענט און זיך אַריינגעגליטשט אין אַ פרייער נאַציאָנאַלער וועלטלעכער שולע...

דער אָנהויב, ווייזט אויס, געהערט אַלע מאָל צו דער אָרטאָדאָקסיע. אפשר זענען זיי טאַקע פאַראינטערעסירט אין אידישער דערציאונג מער ווי די אַזוי גערופענע ראַדיקאַלן און נאַציאָנאַליסטן...

אַמאָל האָבן אידישע עלטערן זיך געלייגט אין דער לענג און ברייט, פאַרזעצט אַ חפץ פון שטוב אבי צו באַצאָלן דעם רבין שכר־למוד, און היינט זענען דאָ אַ סך עלטערן וואָס מען מוז זיי אַלע מאָל מונטערן, דערמאָנען, אַז מען דאַרף צאָלן שכר־למוד, טאָמער נישט, וועט די שולע זיך צומאַכן. מען דאַרף צאָלן דירה־געלט און די לערער דאַרפן אויך עסן...

און זאָלן מיר די עלטערן מוחל זיין. עס איז דאָ אַ סך עלטערן וואָס גייט זיי אַוועק אין איין חודש, אויף גיין אין סינע און אויף לימאָנאַדע, מער וויפל זיי צאָלן שכר־למוד פאַר זייערע קינדער...

אַ טייל עלטערן האָבן זיך מיישב געווען און זענען געוואָרן מיטאַמאָל קאַרג, איינבערענגערס און גיבן אַוועק זייערע יאָסעלאך און יאַנקעלאך אין די אומזיסטע רעגירונגס שולן, צוליב עטלעכע פעזאָס זיינען זיי מקריב זייערע קינדערס עלעמענטאַרע, אידישע דערציאונג...

וואָס איז געוואָרן מיט אונזערע אידן, מיטן עם הספר?..

זאָל עס טאַקע אמת זיין דער פסוק — וישמן ישורון ויבעט — און די אידן זענען געוואָרן פעטער, האָבן זיי אָנגעהויבן צו בריקען מיט ביסל אידישקייט...

און אַז די שול־טויער זענען די אייז־קאַלטע באַציאונג מצד די עלטערן קלערן זיי, מילא, אַז די עלטערן איז ניחא אַז זייערע קינדער זאָלן אויפ־וואַקסן גויים, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך צערייסן... לאָזן זיך ביי אַ סך שול־טויער אַראָפּ די הענט, ווערן אַפּהענטיק און קאַלט. ראַנגלט זיך די שולע שוין צען יאָר פאַר איר קיום און נישט פון אָרט. דער שול־קריזיס איז שוין גע־וואָרן אַ כראָנישער.

עד כאן די אידן פון אַ גאַנץ יאָר.

מיט אונזערע רייכע, גבירישע אידן איז נאָך ערגער.

זייליידן, נישט פאַר אייך געדאַכט, פון אַ נייער מחלה, פון דער באַ־ריהמטער ענגלישער קרענק...

ענגליש, הימל און ערד און ענגליש!

אַ נייער מין סנאָביזם האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן די היגע רייכע

און אויפגעקומענע גבירים. אַ סך אידישע עלטערן, וואָס גאָט האָט זיי גע־שטראָפט מיט גבירישקייט און עשירות, מיט אַ ביסל איבריק געלט, ווילן דוקא, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען רעדן אַ גוטן ענגליש און וויסן ווער ס׳איז געווען העברי דער אַכטער און טשאַרלס דיקנס. קענען אַרויסזאָגן דעם „האַו דו יו דו״ און „גוד ביי״ ווי אַן עכטער ענגלענדער...

די געטרייע ציטערדיקע עלטערן האָבן נעבעך מורא צו שיקן זייערע קינדער אין דער אידישער שול, ס׳זאָלן זיי חלילה נישט זיין קיין שטער צו קריגן שפּעטער דעם דאָקטאָר טיטול... די אידישע שולע און די אידישע דערציאונג צווישן אידישע קינדער אין אַ אידישער אַטמאָספּערע, אין אַ אידישער סביבה, זאָל נאָך, חס־וחלילה, נישט שאַדן זייער כאָסען צו דער גרויסער קאַריערע זייערער...

אַמאָל האָבן אידן געשטופּט זייערע קינדער אין גויאישע גימנאַזיעס צוליב די „פּראַוועס״, האָט אָבער די אידישע שולע אַלע „פּראַוועס״, אַלע רעכטן ווי די רעגירונגס שולן, טויג ווייטער נישט! די עלטערן ווערן פון דעם קנאַפּ וואָס נתפּעל. מחמת די עלטערן ווילן, ס׳גייט זיי ממש אין לעבן, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען ספּיקן ענגליש, שטופּן זיי זייערע קינדער אין די ענגלישע שולן אַריין. די תורה וואָס מען לערנט דאָרט בעסער ווי אין דער אידישער שולע, ווייסט איין גאָט אין הימל... ס׳איז אָבער אַריין אין דער מאָדע — ענגליש!

אנומעלט קום איך אַריין אין אַ רייכער אידישער שטוב, טרעף איך דאָרט אַ דערוואַקסענעם, היוכן, געזונטן בחור וואָס פאַרשטייט זיך גוט אין ענין באָקס, פוט־באָל, בעיז־באָל. הויב איך אָן צו ריידן צו אים אידיש, דער בחור פאַררויטלט זיך, הויבט אָן פינטלען מיט די אויגן, ווי נישט קיין הי־גער... זאָגט מיר די מוטער זיינע מיט אַ באַהאַלטענעם שטאָלץ און מיט אַ מינע פון אַ פאַרצערטלטער אַריסטאָקראַטקע: — מיין אינגל קאָן דאָך נישט רעדן קיין אידיש! ער רעדט דאָך קיינמאָל קיין אידיש וואָרט נישט אויס. ער פאַרשטייט אַ ביסל נאָר רעדן קאָן ער נישט. דערפאַר רעדט ענגליש פּונקט ווי אַן אמתער אַמעריקאַניעץ... א נו, גרישאַ, גיב נאָר אַ רעד אַ ביסל ענגליש!

אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן!

די פאַרמעגלעכע אידישע „סנאָבס״, די אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטן, ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן ספּיקן ענגליש און אין דער אידישער שולע רעדט מען גאָר אידיש, אויך מיר אַ שפּראַך אידיש!..

פאַראַן אויפגעקומענע, רייכע אידן וואָס דערכאַפּן זיך נאָך דאָס האַרץ מיט אַ פעטן קוגל, מיט אַ ראָסל־פליישׂ און מיט אַ טעלער ציבעלע מיט שמאַלץ, און מיט נאָך אַזעלכע עכט־ענגלישע מאכלים... ווילן זיי דורכאויס אַז זייערע קינדער זאָלן דוקא קענען רעדן ענגליש מיט אַן עכטן לאָנדאָנער אַקצענט. נישט זאָגן ווי אין אַמעריקאַנער ענגליש: פעסט (גיך) נאָר פאַסט...

מען צאָלט אין די ענגלישע שולן צו 50 פּעזעס אַ חודש שכר־למוד, אבי דאָס קינד זאָל זי דאָויסלערנען נאָך פּלאַפּלען אַ ביסל עכטן ענגליש.

פאַראַן אויך אַ סך עלטערן, וועמען עס פּלאָגט נאָך דער אידישער געוויסן, פאַרוואָס זיי פאַרפרעמדן אַליין זייערע קינדער פון אידישקייט, פון דער אידישער קולטור. — זענען זיי יוצא מיטן צונעמען אַ אידישן לערער אין שטוב אַריין אויף דריי שעה אַ וואָך, אויסצולערנען זייערע קינדער לייענען און שרייבן אַ ביסל אידיש אָדער נאָכזאָגן די ברכות פון תפילין לייגן, ווען דער „קדיש" זייערער ווערט בר־מצווה... ער פאַרגעסט אָבער די ברכות באַלד צו מאָרגנס נאָך דער בר־מצווה, ווען ער געזעגנט זיך מיט די תפילין זיינע אויף אייביק...

ס'איז נעבעך אַ גאָטס רחמנות אויףביידע, אי אויפן תלמיד אי אויפן אידישן לערער.

דאָס אינגל וואָס איז לחלוטין נישט צוגעגרייט פאַר אידישע לימודים, קוקט אויפן לערער ווי אויף אַ פאַרשלעפּטע קרענק, ווי אויף אַן אַנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען... זיין קאָפּ איז פאַרנומען מיט די למודים פון דער ענג־לישער אָדער שפּאַנישער שולע, מיט פאַרשידענע ספּאָרטס און דאָ קומט עפּעס „אַ מאַעסטראָ" און דרייט אים אַ ספּאָדיק מיט פרעמדע פיר־קעסטל־דיקע אותיות. צו וועלכן גוטן יאָר דאַרף ער דעם העברעאָ מיטן אידיש!...

אויפן אידישן לערער איז אויך אַ רחמנות. ער אַקערט אויף אַ פרעמד פעלד, ער זייעט אויף טרוקענעם זאַמד, ער גיט אַוועק אַ שטיק הארץ, אָ־בער ער זעט באַשיימפּערלעך, אַז זיין אַרבעט און מי איז אומזיסט און אומ־נישט. דער ווינט וועט אַלץ איינס די פאַרזייטע קערנדלעך אַוועקיאָגן...

עצתי, מיין עצה איז, אַז די אידישע שולע זאָל אויפן נייעם יאָר אָנ־שטעלן עטלעכע ענגלישע לערער, איינעם פון אָקספאָרד אוניווערזיטעט פון ענגלאַנד, און איינעם פון האַרוואַרד אוניווערזיטעט פון די שטאַטן...

זאָל מען אויך אָנהויבן לערנען ענגליש, דאָס וועט זיין אַ גוט מיטל פאַר ביידע צדדים.

ראשית, וועלן די אַלע פופציקער פעזעס פון די רייכע תלמידים אַריינ־פאַלן אין דער אידישער שולע, וועט די שולע אויפהערן אונטערהלשן, דער־פאַר וואָס עס פעלט איר אויס זויער־שטאָף... און מען וועט אויפהערן אָפּצו־שרייען דעם גוסס מיטן מאַכן פרישע אַקציעס.

צווייטנס, וועט מען זיך פשוט פאַרדינען אַ גרויסע מצוה. מען וועט אָפּראַטעווען צענדליקער אידישע קינדער פון דער פאַרקריפּלטער, אַנגלאָ־זירטער אַסימילאַציע...

אדרבה, זאָל מען לערנען ענגליש. נישקשה, ענגליש איז אויך אַ שפּראַך... אָבער צווישן אידן אין דער אידישער שולע.

לאָמיר זיך דערמאָנען אין דער אַלטער לאָזונג פון אונזערע טאַטעס:

— אין חדר אַריין שקצים!!!

אויפן מאָדערנעם לשון הייסט עס:

— אַלע אידישע קינדער אין אידישע שולן אַריין!..

קוואַנטום און קוואַליטעט אידן

ס׳זיינען נישטאָ מער אויף דער גאַנצער קיילעכדיקער וועלט, אין אַלע פינף און זיבעציק לענדער, ווי בלויז צוויי סאָרטן אידן:

קוואַליטעט אידן און קוואַנטיטעט אידן.

אָט דעם ווילסנשאַפטלעכן סך־הכל, האָט אונז געמאַכט דער חשובער גאַסט, דער טאַלאַנטפולער פּאָעט מלך ראַוויטש, אין זיין היסטאָרישן רעפעראַט: — איין אידיש פאָלק אָדער פינף און זיבעציק אידישע פעלקער.

ביז איצט האָבן מיר געוואוסט פון אַלערליי סאָרטן אידן, פון זייער אַ סך סאָרטן אידן. וויפל סאָרטן לענדער, אַזויפיל סאָרטן אידן. וויפל שטערן אין הימל, וויפל זאַמד ביים ברעג ים — אַזויפיל סאָרטן אידן.

פּוילישע אידן, וואַרשעווער אידן, גאַליציאַנער אידן, בעלזער אידן, קירישע אידן, ליטווישע הערינג אידן, רוסישע אידן, אַדעסער אידן, דייטשע יאַהודים, אונגאַרשע גוליאַש־אידן, אַמעריקאַנער אַלרייט אידן, מעקסיקאַנער כאַפּ־לאַפּ אידן, בונדיסטישע אידן, ציוניסטישע אידן, אינטערנאַציאָנאַלע אידן, אידישע אידן, העברעאישע אידן, שמע ישראל אידן, סתם אידן, אויך מיר אידן, פון אַ גאַנץ יאָר אידן און גלאַט אידן.

נאָר איצט זיינען מיר מיטאַמאָל געוואויר געוואָרן, אַז ס׳איז נישטאָ מער און נישט ווייניקער, ווי צוויי סאָרטן אידן — און אַ סוף, גייט שרייט חי וקים!

אַ וואָזשנעם סך הכל אַ טשיקאַווע דעפיניציע האָט פון אונז געמאַכט דער חשובער רעפערענט.

ער האָט גענומען אַזאַ טייער פיל פאַרביק און פאַרשידנאַרטיק פאָלק ישראל, און דאָס אַריינגעקוועטשט, רחמנא לצלן, אין אַן ענג סדום־בעטל, וואו מ׳קאָן זיך נישט קערן און ווענדן, נישט אַהין און נישט אַהער, נישט רעכטס און נישט לינקס.

יעדער איד אָדער אידענע, געהערט צו איינעם פון די צוויי סאָרטן אידן: אַ קוואַנטום איד אָדער אַ קוואַליטעט איד...

גוואַלד, פּאַניע ראַוויטש! ווי קאָן מען אַזוי קאַלטבלוטיק, אַזוי רואיק, אַזוי מיר־נישט דיר־נישט, אַזוי לעבלעך שטעלן אַזאַ מין אויסטערלישן, וויסנשאַפטלעכן דיאַגנאָז: נישטאָ מער ווי צוויי סאָרטן אידן!

ווי אַזוי קאָן מען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, פון פינף און זיבעציק

לענדער, פינף און זיבעציק שבטים מיט פינף און זיבעציק לשונות, איינ־טיילן אין בלויז צוויי סאָרטן אידן?

קוואַנטום און קוואַליטעט אידן.

גרויסע וויסנשאַפטסלייט, טיפע דענקער האָבן שוין אָנגעשריבן אַ סך ווערק, דיקע ביכער וועגן דעם פאַרשידענעם כאַראַקטער און אייגנטימ־לעכקייט, פון די פאַרשידענע סאָרטן אידן אין יעדן לאַנד באַזונדער. קומט סעניאָר ראַוויטש און מאַכט אין איין שמע ישראל, אין איין רעפעראַט אַ קורצע דעפיניציע פון גאַנץ כלל ישראל:

נישטאָ מער ווי צוויי סאָרטן אידן: קוואַנטיטעט אידן און קוואַליטעט אידן!

דאָס איז דאָך ממש אַ רעוואָלוציע אין דער אידישער וויסנשאַפט, אַ גאַנצע איבערקערעניש אין אַ סך אידישע מוחות.

נאָכן ענדיקן דעם רעפעראַט, זיינען די צוהערער געבליבן זיצן, ווי פריטשמעליטע, צעטומלט און צעמישט. איינער האָט געקוקט אויפן אַנ־דערן מיט אַ פראַגע אין די אויגן:

ס׳טייטש, וואָס איז דאָס? האָסטו געהערט אַ מעשה!

נישטאָ מער ווי צוויי סאָרטן אידן — און באַסטאַ!

ביי יעדן איינעם האָט זיך געפלאָנטערט אין קאָפּ אַ נייע פראַגע:

— צו וועלכן סאָרט אידן געהער איך? צו די קוואַנטום אידן, אָדער צו די קוואַליטעט אידן?

ס׳איז שוין אַריבער עטלעכע וואָכן, זינט דער חשובער גאַסט האָט געהאַלטן זיין וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט, און די הונדערטער צוהערער, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו הערן די געוואַגטע דעפיניציע, וויסן נאָך אַלץ נישט און קאָנען נאָך אַלץ נישט באַשליסן, צו וועלכער קאַטעגאָריע אידן זיי געהערן:

צו די קוואַנטום אידן, אָדער צו קוואַליטעט אידן...

אַ קיילעכיקע אויסגעפּאַשעטע אידענע פון אַ הונדערט קילאָ, מיט צוויי פּוקסן אויף די אַטלעטישע אַקסלען, האָט טענות צו איר איינגעדאַרטן מאָגערן מאַן:

— יאָסל דוד, צו וואָס פאַר אַ סאָרט אידענעס געהער איך? צו די קוואַנטום אידענעס, אָדער צו די קוואַליטעט אידענעס?

און אַז איך ווייס נישט, צי דוד המלך האָט גערעדט אידיש אָדער שפּאַניש, בין איך שוין דערפאַר אַ קוואַנטום אידענע, און אַז מיין שוויגער גייט אַלע שבת אין שול אַריין דאַוונען און זי וואַרט, אַז אַ ליאַדע טאָג זאָל משיח קומען צורייטן אויפן ווייסן פערד, איז זי שוין דעריבער אַ קוואַליטעט אידענע?

וואו איז יושר, האַ?

אדרבא, זאָל מיך אָקאָרשט אָנקוקן דער סעניאָר ראַוויטש, און אויך אָנקוקן מיין איינגעדאַרטע פרומע שוויגער. אַ דרויבע, הויט און ביינער בעבעך, און זאָל ער מיר פאַרטייטשן זיין נייע אויסטערלישע טעאָריע, זאָל ער מיר זאָגן אין דער אמתן, צי איך בין נישט מער קוואַליטעט אי־דענע ווי מיין דאַרע פרומע שוויגער...

אַ פיפיקער יונגערמאַן מיט צוויי ברענענדיקע שוואַרצע אויגן רעדט היציק צו אַ רעדל יונגע מיידלעך:

— וואָס וויל ער דאָרט, דער סעניאָר ראַוויטש מיט זיין קוואַנטום און קוואַליטעט טעאָריע, און אַז מ׳קאָן נישט די אידישע געשיכטע, די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור, איז מען שוין דעריבער אַ קוואַנטום איד?

אָט למשל, האָט אַ היגע אידישע אָרגאַניזאַציע פּאַראַיאָרן אויסגע־קליבן אויף אַ שמחת־תּורה באַל, די שענסטע אידישע מיידל פאַר אַן אסתר המלכה...

די שמחת־תורהדיקע אסתר המלכה, איז געווען אויסגעסטראַיעט, אָפּ־געפּאַרבט און אויסגעפּוצט ווי אַ גלעזערנע ליאַלקע, אַן אמתע יפת תואר, אַ קראַסאַוויצע איינע אין גאַנץ מעקסיקע.

נאָר אַז מ׳האָט איר אַ פרעג געטאָן, ווער איז געווען אסתר המלכה? האָט זי זיך אַביסל פאַרויטלט, אויפגעמאַכט די קליינע אָפּגעפּאַרבטע לי־פּעלעך און שטיל געענטפערט:

— אסתר איז געווען אַ אידישע „רעינאַ", נאָר זי געדענקט נישט געננוי וואו, אין פּאַלעסטינע אָדער אין פוילן...

נו, אדרבא, זאָל דער סעניאָר ראַוויטש פּסקענען, צו וועלכן סאָרט אידישע מיידלעך געהערט די שמחת תורהדיקע שיינהייט? צו די קוואַנ־טום אידישע מיידלעך, וואָס גייען צוועלף אויף אַ טוץ, אָדער צו די קוואַ־ליטעט מיידלעך, וואָס מ׳כאַפּט זיי אויס ווי זיי שטייען און גייען, אפילו אָן אַ פּעטן נדן, און כאָטש זיי קאָנען נישט די אידישע געשיכטע...

אַ היגער אויפגעקומענער גביר, אַ איד אַ באַלייבטער, אַן אמתער בעל־גוף און אַ נישקשהדיקער עם־הארץ, טשעפּעט זיך נאָך איצט צו זיין אָנגעשטעלטן, אַ יונגערמאַן אַ קבצן, נאָר אַן אײדעלער, אַ יודע ספר, מלא וגדוש, אָנגעשטאָפּט מיט תורה ווי אַ מילגרוים, מיט אידישער געשיכטע און ליטעראַטור, זיין באַלעבאָס פרעגט אים אַזאַ מין קלאָץ־קשיא:

—וואָס האָט ער געמיינט, דער סעניאָר ראַוויטש, מיט זיין רעפע־ראַט, ווי אַזוי רופט ער דאָס, עפּעס אַ מאָדנער שווערער נאָמען: קוואַנטום און קוואַליטעט אידן!

זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, צו וואָס פאַראַ סאָרט אידן, כדומה־למשל, געהער איך? איך, אַ איד אַ גביר, אַן עושר, אַ באַלעבאָס, וואָס גיט טאַקע די גרויסע שיינע נדבות פאַר אַלע צוועקן, גיט גרויסעביישטייערונגען

פאַר אַלע אַקציעס, נאָר וואָס זשע דען? כ׳קאָן נישט די אידישע געשיכ־טע, כ׳וואַרט נישט אויף משיחן און נישט אויף דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע... און גלויב אויך נישט, אַז מיר אידן האָבן צו דערפילן אַ מיסיע אויף דער וועלט.

מיין מיסיע, פאַרשטייט איר מיך, איז צו מאַכן געלט און טאַקע וואָס מער איז בעסער, כ׳וויל האָבן נחת פון קינדער און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר ליגן אויפן אידישן בית־עולם.

איז דעריבער געהער איך צו די קוואַנטום אידן, צו די נומערירטע אידן, וואָס גייען אַריין אין צאָל פון די מיליאָנען געציילטע אידן.

און איר, וואָס אַרבעט ביי מיר, כ׳בעט איבער אייער כבוד, איר קאָנט דאָך אַ קאָץ דעם עק נישט פאַרבונדן, אַ לא־יצלח, אַ שלימזל, איר געהערט צו די קוואַליטעט אידן, צו די אויבערשטע פון שטייסל, צו די אויסדער־ווילטע אידן, צו דעם בעסערן סאָרט אידן.

אַזוי האָט געפּסקנט דער סעניאָר ראַוויטש אויף זיין רעפּעראַט.

אדרבא, זאָגט איר אַליין, איר זענט דאָך אַן ערלעכער יונגערמאַן, זאָגט מיר, כ׳בעט איך, וואו איז יושר, האַ?

נאָר עט, ווייסיך וואָס, גיי זוך יושר אין היינטיקע צייטן, נאָך דער־צו ביי אידישע שרייבער און רעפערענטן...

דער קוואַליטעט איד בין איך און נישט איר, וועלכע ציילן זיך אין די מיליאָנען, אָרעמע קבצנים — קוואַנטיטעט אידן!

אדרבא, פרעגט אומישנע אַן דעם סעניאָר ראַוויטש, זאָל ער פּסקענען, ווער ס׳איז אַ קוואַנטום איד אָדער אַ קוואַליטעט איד... כ׳בין זיכער, אַז ער וועט רעווידירן זיין שפּאָגל־נייע טעאָריע, זי איז נישט וויסנשאַפטלעך אויסגעהאַלטן.

ס׳איז דאָ מער, אַ סך מער ווי צוויי סאָרטן אידן.

נו, בלייבט טאַקע אַ קשיא:

ווער זיינען אין דער אמתן, די קוואַנטום און קוואַליטעט אידן?

אַ ביכער־אַקציע

זאָגט איך וואָס איר ווילט, קריטיקירט אונז וויפיל איר ווילט, רעדט אויס אויף אונז כל דבר אסור, וואָס אייער האַרץ גלוסט... מיר זיינען אָבער פּאָרט געוווען און טאַקע אויך געבליבן — אַן עם הספר, דאָס פאָלק פון בוך.

און נישט בלויז פון באַנק־ביכלעך, טשעק־ביכלעך, וואָס יעדער איי־נער טראָגט היינט ביי זיך אין בוזעם קעשענע... נאָר פון ביכער ממש, אמתע ביכער. נישט קיין ביכער מיט ציפערן, מיט חשבונות, נאָר טאַקע ביכער צום לייענען.

ביכער, ספרים וואָס מאַכן רייך דעם קאָפּ, וואָס מאַכן ווייך דאָס האַרץ און נשמה און נישט בלויז די קעשענע... גוטע ספרים, ביכער, ליטע־ראַטור: פּאָעזיע, דערציילונגען, נאָוועלן, ראָמאַנען און געשיכטע.

יאָ, אַפילו אונזערע אידישע פרויען און מיידלעך, ווען זיי האָבן נאָר אַביסל פרייע צייט און זיינען נישט שטאַרק פאַרנומען מיטן פּאָקער, אָדער מיטן פאָרן אויף דאַטשעס, האָבן שוין אויך אויפגעהערט לייענען די קאָך־ביכער, ווי אַזוי צו מאַכן בעסערע און שענערע „פּאַסטעלן" פאַר די „פּיעס־טאָס" און „קומפּלעאַניאָס"... און זיך שוין אויך גענומען צו דער אידישער ליטעראַטור, צו ביכער.

איר שפּילט זיך מיטן עם הספר!

און ווער ווייסט דאָס נישט, אַז די מעקסיקאַנער אידן זיינען די בעסטע קונים אויף פוטערנע מאַנטלען, פּערסישע טעפּיכער, גלאַנציקע קאַטשעס און — אידישע ביכער...

יאָ, אידישע ביכער!

אַז אַ אידישער שרייבער קומט צו אונז פון אויסלאַנד מיט ביכער, פאָרט ער נישט צוריק מיט ליידיקע הענט. די אידישע ביכער ווערן צע־כאַפּט ווי מצה־וואַסער.

אַז אַ היגער אידישער שרייבער גיט אַרויס אַ בוך, נו, נו, ווערן זיינע ביכער מניה וביה צעכאַפּט, פאַרצוקערט, ווי „כאַמאַן"־סענדוויטשעס אויף אַ כשרער בר־מצוה...

עס איז טאַקע אַ סברה, אַז אַ סך ביכער קויפער לייענען נישט די גע־קויפטע סחורה. אָבער מ'קאָן דאָך נישט אַרויפלייגן אויף אַ איד אַ טאָפּלטע שטראָף: אי קויפן ביכער, אי לייענען, דאָס איז שוין אַביסעלע צופיל פאַרלאַנגט...

מ׳דערציילט אַ ליטעראַרישן וויץ: אַמאָל האָט אַ ביכער פאַרקויפער צוגעטראָגן אַ בוך צו פאַרקויפן אַ אידישן שרייבער. האָט דער שרייבער גע־ענטפערט מיט שטאָלץ: יעך קויף נישט קאַ ביכער, יעך שראַב ביכער!

און אַ היגער באַקאַנטער איד, אַ שטענדיקער, גוטער ביכער קויפער, האָט זיך באַרימט אַז ער קויפט ביכער, נאָר ער לייענט נישט קיין ביכער... ער איז נעבעך ,פאַרנומען מיט בילכערע זאַכן.

צו אַ היגן אידישן סוחר, איז מען געגאַנגען פאַרקויפן אַ בוך, האָט ער גאַנץ שיין געענטפערט, אַז ער האָט טאַקע ליב אידישע ביכער, נאָר ער האָט נישט קיין צייט צו לייענען. האָט מען אים געמוזט פאַרקויפן שוין אַן אויסגעלייענט בוך...

דאָס פאָלק פון בוך קויפט ביכער. ווי זאָגט מען: אל תסתכל בקנקן, מען קוקט נישט אָן די סחורה, מ׳קויפט!

ביי וועלכן איד געפינט זיך דאָס נישט אַ אידיש ספר: אַן אַלטער סידור, אַ גאַנג אָפּגעבלאַקעוועטע מחזורים, אַ ירושה פון טאַטן. עטלעכע אַלטע הומשים מיט אויסגעריבענע רוקנס און — ביכער, אָנגעקויפטע און פאַר־קויפטע אידישע ביכער.

ביי אַ סך פרויען פאַרוואַלגערט זיך נאָך אַן אַלטער קרבן־מנחה סידור, אָדער אַ פאַרגעלטע, צוקנייטשטע צאינה וראינה, אַ טייטש חומש, אַ ירושה פון אַ באָבען, וואָס האָט זיך נאָכגישט געפאַרבט די ליפּן, נישט מאַניקירט די נעגל און נישט געטאַנצט קיין קאָנגאַ...

ביים עם הספר, ביים פאָלק פון בוך, איז נישטאָ און ס׳קאָן נישט זיין קיין אַנאַלפאַבעטן... אַ אידיש אינגל מוז דאָך כאָטש קאָנען מאַכן קידוש, זאָגן קדיש און אָפּקנאַקן די בר־מצוה ברכות צוליב די „רעגאַלאָס״...

אָבער נישקשה, לא אלמן ישראל! מיר האָבן שוין, ברוך השם, ביי אונז אַן אָנהייב פון אידישע אַנאַלפאַבעטן... ס׳איז דאָ אינגלעך, וואָס קאָנען נישט לייענען די העברעאישע אותיות, קאָנען נישט קיין שייטל עברי, נישט קיין העברעאיש און נישט קיין אידיש.

איך קאָן אַ ספרדישן בחור, וואָס איז שטומפּיק אויף דער עברי, ער קאָן נישט קיין צלם פון קיין אלף... און אַן אונזעריקן בחור, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט די ברכות פון זיין בר־מצוה מיט לאַטיינישע שריפט...

ווי געפעלן אייך עפּעס די נייע מיטגלידער פון עם־הספר?

אַמאָל האָבן אידן, (אַלע אידן) געלייענט קריאת שמע (קרישמע), דריי מאָל אַ טאָג. נישט געלעזן קריאת שמע, נאָר געלייענט. איר האָט שוין אַ־מאָל געהערט זאָגן: בענטשן הלל און זאָגן גשם? זאָגט מען טאַקע בענטשן גשם און זאָגן הלל, לייענען די תורה און לייענען קרישמע...

האָבן אָבער אַ סך אידן אויפגעהערט צו לייענען „קרישמע״ און אָנ־געהויבן צו לייענען — ביכער, אידישע ביכער, (העברעאישע אויך).

די אידישע ביכור־לייענער האָבן געפונען אין אַ סך אידישע ביכער, די אייגענע אידישע אידייען און אידעאַלן פון אונזער תורה און פון קרישמע לייענען...

די עם־הספר מאַסע האָט זיך מיט אימפעט אַ וואָרף געטאָן צו דער אי־דישער ליטעראַטור, ווי דורשטיקע נאָך אַ פרישן טרונק קוואַל־וואַסער. מ'האָט נישט דערעסן און געלייענט ביכער, מ'איז נישט דערשלאָפן און געלייענט ביכער. מ'האָט נישט געהאַט קיין „פאַסטעלן", „פאַוואַ קאַן מאַלע" נישט קיין „פיעסטאַס" אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק און געלייענט אידי־שע ביכער.

מ'האָט נישט געהאַט קיין באַנק־ביכלעך, נאָר געלייענט אידישע ביכער...

די אָרימע אידישע מאַסן, האָבן נישט געקאָנט קויפן קיין ביכער... נאָר מ'האָט געלייענט ביכער!

אין דער ליי־ביבליאָטעק האָט מען געוואַרט אויף אַ בוך, פונקט ווי אַ סך היגע אידן וואַרטן אויף אַ פלאַץ אין אַ רייכן האָטעל אין קואַוטלאַ אָדער אין סאַן כאָסע פורואַ...

יאָ, אַמאָל האָבן אידן געלייענט ביכער, און איצט קאָנען אידן קויפן ביכער און מ'קויפט ביכער, נאָר מ'לייענט נישט קיין ביכער און מ'לייענט נישט קיין קרישמע...

אין די שטאָטן זיינען די אידישע און העברעאישע ביכער געוואָרן אַ פראָבלעם פאַר אַ סך פאַמיליעס.

דאָס פאָלק פון בוך האָט נעבעך, אַ שווערן ביכער פראָבלעם, וויי איז מיר!

גוואַלד, וואו באַשטאָט מען, וואו באַהאַלט מען ערגעץ די אידישע בי־כער, וואָס דער זיידע אָדער דער טאַטע האָט זיי איבערגעלאָזט?

מוזן נעבעך די קינדער פון די געוועזענע אידישע בעל מלאכות, באַ־האַלטן די אידישע ביכער, די גייסטיקע ירושה זייערע, אין די גאַראַזשן, קלאָזעטן און קעלערס...

נו, יאָ, שוין איינמאָל אַן עם הספר!

דערפאַר אָבער, האָט אונזער מעקסיקאַנער, אידישע יוגנט, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, פשוט געראַטעוועט דעם פרעסטיזש, דעם כבוד פון די מעקסיקאַנער אידן.

די אידישע יוגנט האָט באַוויזן, אַז די מעקסיקאַנער אידן געהערן נאָך אַלץ צום פאָלקס פון בוך.

די אידישע יוגנט פון „קדימה" קלוב האָט זיך מיט אַ חסידישן ברען, מיט התלהבות, מיט היץ, און מיט גרויס ענטוזיאַזם אַריינגעוואָרפן אין דער ביכער־אַקציע, צו זאַמלען ביכער פאַר אונזערע אומגליקלעכע, איבערגע־בליבענע אידן אין אייראָפע.

ווער וועט איצט זיך דערוועגן צו רעדן אַ שלעכט וואָרט קעגן אונזער אידישער יוגנט?

ווער וועט וואַגן צו זאָגן, אַז אונזער אידישע יוגנט געהערן נישט צום עם הספר? אַז זיי אינטערעסירן זיך נישט מיט דער אידישער ליטעראַטור, מיט אידישע ביכער?

וואָלט טאַקע געווען אַ פּלאַן, אַז אונזער חשובע יוגנט פון דער ביכער אַקציע, זאָלן פאַרלייגן אַלע אידן, וואָס האָבן אויסגעפוצטע, פאַרמאַכטע שויבן־שענקלעך מיט אידישע ביכער, וואָס שטייען זיך אַזוי איינזאַם, עלנט, פאַרלאָזט יאָר נאָך יאָר און קיינער רירט זיי נישט אָן חלילה מיט קיין האַנט...

אַז זיי זאָלן די ביכער אַוועקגעבן פאַר דער ביכער אַקציע.

און אויב נישט? זאָל אונזער בראַווע יוגנט פשוט קאָנפיסקירן, רעקוויזירן, צונעמען די אַלע נישט געלייענטע ביכער און זיי אַוועקשיקן צו די, וואָס ווילן לייענען אידישע ביכער — נאָר זיי האָבן נישט...

און ס'איז טאַקע אַ סברה, אַז אַ סך ביכער קויפער וועלן אַוועקגעבן זייערע ביכער מיט אַ גרויסן שפּאַנישן „גראַסיאַס"... ס'וועט ביי זיי ווערן אַביסל געראַומער אין צימער. ס'וועט לײדיק ווערן אַ וואַנט צו שטעלן אַ שענקל מיט קלעזערנע צאַצקעס און זילבערוואַרג.

אַנומעלט האָבן עטלעכע יוגנטלעכע געגומען אַ ביישטייערונג 200 פּעזעס ביי אַ באַקאַנטן איד, פאַר דער ביכער אַקציע. ווען זיין ווייב (פון יענע ווייבלעך), האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט זי דעם מאַן אירן געמאַכט אַ שטיקל סקאַנדאַל:

— וואָס האָסטו געגעבן געלט אויף ביכער? האָסט זיי נישט געקאָנט אַוועקגעבן די אידישע ביכער, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אין שטוב? ווער דאַרף דיינע אידישע ביכער, ווער? דו לייענסט אַ סך ביכער? די קינדער נעמען דען אַ אידיש בוך אין האַנט? שטייט אין שטוב אַ שאַפע מיט ביכער, אַ פאַפּירענער מאָנומענט, אַ ביכער־מצבה... גיב זיי אַוועק די ביכער דיינע!

נאָט אייך אַ מאָדערנע עם הספרניצע!

דער פּלאַן מיינער, ווי איר זעט, איז אַגיל ואשמח, גוט פאַר ביידע צדדים. דאָס וועט זיין ווי מ'זאָגט: זה נהנה וזה לא חסר, איין צד וויל פּטור ווערן פון די ביכער, און דער אַנדערער צד וועט הנאה האָבן צו לייענען די ביכער.

איצט האָב איך נאָך אַ בעסערן און אַ שענערן פּלאַן. אַ וויכטיקן, טייערן, גרויסאַרטיקן, ברילִיאַנטענעם, גאָלדענעם פּלאַן פאַר אונזער גאָלדענער יוגנט אַליין.

אַזוי ווי אייערע עלטערן האָבן געהאָלפן די אידן אין איראָפּע מיט

זייערע ביישטייערונגען מאַטעריעל, מיט אַ שטיקל ברויט צו שטאַרקן דעם גוף, און איצט מאַכט איר, טייערע יוגנטלעכע, אַ הייליקע ביכער־אַקציע פאַר די אומגליקלעכע אידן, צו שטאַרקן זייער נשמה, זייער גייסט.

דאַרפט איר אויך מאַכן אַ „הייליקע" לייען־אַקציע פאַר זיך אַליין...

אַז אידישע ביכער זיינען גוט צו לייענען פאַר יענעם, דאַרף דאָס אויך גוט זיין פאַר זיך אַליין...

איר זענט דאָך עפּעס, חשובע יוגנט, „קאַוואַיעראָס", דזשענטללייט, ווייסט איר דאָך אוודאי, אַז ווען מען איז יענעם מכבד מיט גייסטיקע שפּייז, דאַרף מען אַליין די שפּייז פריער פאַרזוכן, וואָס פאַר אַ טעם זי האָט...

יאָ, איר מעגט און איר דאַרפט אַליין פאַרזוכן דעם גייסטיקן טעם פון לייענען אַ אידיש בוך. ס'וועט אייך חלילה גאָרנישט שאַדטן.

האָט רחמנות אויף אייערע טאַטנס אידישע ביכער, איר דאַרפט זיי אַביסל אָפּשטויבן, אויסלופטערן און לייענען.

מאַכט דאָס פּיפּטי־פּיפּטי, לאָ מיטאַד, לחצאין, האַלב אויף האַלב: לייענט צוויי שפּאַנישע ביכער מיט צוויי אידישע ביכער...

ביז איצט האָבן אַ סך אידישע יוגנטלעכע געמאַכט טאַנץ־אַקציעס, שפּיל־אַקציעס, פּיעסטאַס אַקציעס.

איצט האָט איר, ליבע, טייערע יוגנט פון „קדימה", לעצטע האָפנונג אונזערע, געמאַכט אַ ביכער אַקציע פאַר יענעם, דערבאַרמט זיך אויך אויף זיך אַליין און אויף די אידישע ביכער...

מאַכט אויך אַ לייען־אַקציע פאַר זיך אַליין!...

אַנאַנסן מיט גראַטולאַציעס . . .

די מעקסיקאַנער אידישע צייטונגען און זשורנאַלן האַלטן זיך אויס פון די אַנאַנסן מיט די גראַטולאַציעס.

פון די בלויזע אַבאָנענטן, וואָלט קיין שום צייטונג נישט מאריך ימים געווען, זי וואָלט עקזיסטירט פון אסתר־תענית ביז פורים... זי וואָלט פאַר־דינט וואסער אויף קאַשע.

די צייטונג וואָלט אויסגעהויכט איר פאַפירענע נשמה, נאָך איידער זי וואָלט זיך רעכט אַוועקגעשטעלט אויף אירע שורותדיקע, לאַנגע קאָלומס און אַוועק אַ גאַנג. זי וואָלט זיך באַלד געמוזט אָפּשטעלן, אָפּכאַפּן דעם אָטעם און ביסלעכווייז אויסגיין פון די כוחות, פון אויסצערונג און אָנשרייבן אַ צוואה...

די אַבאָנענטן פון אַ אידישער צייטונג, זיינען דאָס טרוקענע שטיקל ברויט. די אַנאַנסן מיט די גראַטולאַציעס — דאָס שטיקל פוטער מיטן פיצל פלייש...

אַ מענטש קאָן בלויז מיטן טרוקן שטיקל ברויט לאַנג נישט אויסהאַלטן, ער ווערט איינגעדאַרט, איינגעשרומפּן. אַ צייטונג אָן אַנאַנסן, אָן גראַטו־לאַציעס מוז איינדאַרן, ווערן טרוקן, בלייך און פאַרמאַכן די שרייב־מאַשין און אַוועקלייגן די שער... אונטערגיין און עליה השלום!

די אַבאָנענטן זיינען דער פאַרשפּייז, די אַנאַנסן — זופּ מיט פלייש, און די גראַטולאַציעס — דער קאָמפּאָט...

זיינען טאַקע די אידישע צייטונגען, זשורנאַלן, פאַרטיי־אָרגאַנען און ראש־השנה אויסגאַבעס זייער מזלדיק, גליקלעך, וואָס זיי איז באַשערט געבוירן צו ווערן און אָנהייבן גיין אין מעקסיקע.

די מעקסיקאַנער אידן זיינען די אמתע רחמנים בני רחמנים, גרויסע מכניסי אורחים. זיי עסן אַליין, נישט צו פאַרזינדיקן, געבראָטענעם אינדיק מיט קאָמפּאָט, ווילן זיי, אַז די אידישע שרייבער, זעצערס און אפילו דער רעדאַקטאָר זאָלן אויך ווייסן פון אַ לעבן...

די מעקסיקאַנער אידן האָבן ליב צו לעבן און לאָזן לעבן!

אַ מעקסיקאַנער איד איז בטבע אַ ווייכהאַרציקער, צוגעלאָזענער מענטש. ער טראָגט יעדן אָקעגן אַ גוט וואָרט, אַ ברכה, אַ וואונטש אויף

די ליפּן. ער האָט זייער ליב צו באַגריסן, גראַטולירן, ווינטשן יעדן איינעם דאָס בעסטע און שענסטע, דאָס אייביקע לעבן.

ראש־השנה קאָנט איר געפינען איןביידע אידישע צייטונגען, אין די פיר ספּעציעלע ראש־השנה זשורנאַלן, זעקס באַזונדערע אַנאָנסן און לשנה־טובהס פון דעם זעלבן איד, וואָס ווינטשט זיינע פריינט זעקס מאָל אַ גליק־לעך יאָר...

אַ מעקסיקאַנער איד וועט פריער נישט גיין הערן שופר בלאָזן, אָדער עסן די המוציא מיט האָניק, ביז ער וועט נישט האָבן דערפילט זיין הייליקן חוב צו דער היגער אידישער פּרעסע, מיט אַ ראש־השנה אַנאָנס אָדער מיט אַ לשנה־טובה...

די מעקסיקאַנער אידן זיינען נאָכנישט געוואָרן ענג־פּאַרטייאיש. מען גיט אַ באַגריסונג אין אַ רעכטן, לינקן, רעליגיעזן, בונדישן, ציוניסטישן אָדער פּאַרעוון זשורנאַל, מיטן זעלבן שמייכל און מיט דער זעלבער מטבע, מען דאַרף נאָר קומען און נעמען...

די גרינגסטע זאַך אין דער וועלט, איז אַרויסצוגעבן אַ אידישן זשור־נאַל אין מעקסיקע... מעג ער זיין פון אַ שולע, תלמיד־תורה, אַ פּאַרטיי, אַן אָרגאַניזאַציע אָדער גאָר פון אַ פּריוואַטן מענטש, וואָס בענקט נאָך אַביסע־לע אומשטערבלעכקייט...

מען מאַכט קודם כל אַזאַ מין שניידערשן (שרייבערשן) חשבון. פּאַפּיר, זעצן און דרוקן אַ זשורנאַל פון זעכציק זייטן דאַרף קאָסטן אַזוי גרויס, ווי אַ טויזנט פּעזעס, פּאָסט־מאַרקעס מיט הוצאות קטנות, נאָך אַ הונדערטער. האָבן מיר אַ קימא־לן פון עלף הונדערט פּעזעס און — שוין...

דערנאָך דאַרף מען תיכף נעמען אַ גרויסן פּאַרטפּעל מיט אַ ליסטע פון אַדרעסן, אַ קבלה־ביכל, אַ שטעמפּל מיטן נאָמען פונם זשורנאַל און מען גייט, מען גייט שאַפן אַנאָנסן מיט באַגריסונגען...

און וועלכער איד, וואָס וויל, חלשט, גייט ממש אויס נאָכן געדרוקטן אידישן וואָרט אין מעקסיקע, וועט וואַגן אָפּזאָגן צו געבן אַן אַנאָנס, אַ באַ־גריסונג? ווער וועט אויף זיך וועלן נעמען אַזאַ גרויסע, האַרבע עבירה, אַז צוליב זיין באַגריסונג זאָל, חלילה וחס, נישט קאָנען דערשיינען אַ אידישע אויסגאַבע?

גייט איינער, גייען דריי, גייט אַ גאַנצער מנין אידן נאָך אַנאָנסן און דער זשורנאַל גייט מיט מזל אַרויס.

און אַז גאָט העלפט און די „גייערס" גייען פלייסיק, בלייבן עטלעכע טויזנט פּעזעס רווח...

נישטאָ קיין אַנאָנסן, איז נישטאָ קיין זשורנאַל!

די גאַנצע אויסגאַבע האַלט זיך אויף די אַנאָנסן, באַגריסונגען און גראַ־טולאַציעס. דער טעקסט, די אַרטיקלען, דער לייען־שטאָף, זיינען אַ

צושמעלץ, אַ ביילאַגע צו די אַנאָנסן. וואָס וויניקער לייען־מאַטעריאַל און וואָס מער אַנאָנסן...

מיר האָבן, ברוך השם, אויך גענוג רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער, די והותר, איבערגענוג קיין עין הרע, מיר קאָנען נאָך אפילו אויסלייען אַ גרע־סערן אידישן ישוב, עטלעכע ערשטקלאַסיקע רעדאַקטוירים, טאַלאַנטירטע מיטאַרבעטער מיט דער שענסטער האַנטשריפט...

מיר האָבן אין מעקסיקע גענוג אידישע שרייבער, איבערשרייבער, איינשרייבער, אויסשרייבער און אונטערשרייבער...

וואָס עס פעלט ביי אונז, איז פעאיקע אַנאָנסן און גראַטולאַציע נעמער.

דער וואָס איז פעאיק, האָט טאַלאַנט און איז א געבוירענער אַנאָנסן נעמער, איז שוין געזיכערט מיט אַן אייגענעם זשורנאַל, מיט עולם הזה און מיט עולם הבא...

אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר האָבן אונזערע אידישע סוחרים און פאַברי־קאַנטן, נישט איבעריק ליב צו געבן קיין אַנאָנסן אין אַ אידישער צייטונג. אַ סוחר פרעגט באַלד אַזאַ קלאָץ־קשיא: וואָס וועל איך האָבן פון אַנאָנס? וויפל קונים וועט מיר ברענגען דער אַנאָנס?

דערפאַר אָבער, זשאַלעווען נישט די מעקסיקאַנער אידן זייערע אַ־נאָנסן, ווען עס קומט ראש־השנה, ניי־יאָר אָדער אין אַ ספּעציעלער אויס־גאַבע. מען האַלט דעמאָלט פאַר אַ גרויסע מצווה צו געבן וואָס אַ גרעסערן אַנאָנס. עס ווערט ממש אַ געדעטעניש, אַ פאַרפלייצונג מיט אַנאָנסן, מען רייסט פון די הענט. עס איז די אמתע „קאָסעטשאַ"...

אַ גאַנץ יאָר מוז זיך אַ אידישע צייטונג אויסהאַלטן בלויז פון די גראַטולאַציעס.

די שבתדיקע צייטונג איז אויסגעפוצט, באַשיינט און באַחנט מיט אַ צוויי־דריי זייטן גראַטולאַציעס, און אַמאָל, די שעה זאָל נישט זיין, מיט שוואַרצע ראַמלעך, מיט נעקראָלאָגן.

דעם גרעסטן פלאַץ אינם שבתדיקן נומער, פאַרנעמען די חתונה־גראַ־טולאַציעס מיט די גרויסע בילדער פון חתן־כלה. דערנאָך פון די מחותנים מיט די געסט. און וועלכער גאַסט אויף אַ חתונה, וועט זיך אָפּזאָגן צו געבן אַ גראַטולאַציע?

עס איז אַן אָפּגעגעבענע זאַך: היינט ביי מיר, מאָרגן, אם ירצה השם, ביי אייך...

דעם צווייטן פלאַץ אין צייטונג פאַרנעמען די בר מצווה גראַטולאַציעס מיט די „פיקטשעס" פון די בר־מצווה בחורימלעך. און דעם דריטן פלאַץ פאַרנעמען בריתן, מזל טובס, און נישט פאַר קיינעם געדאַכט, לוויות.

די נעקראָלאָגן זיינען פאַר דער צייטונג אַ גאַנץ קנאַפּער פאַרדינסט,

אדרבא, עס איז אַ גרויסער פאַרלוסט נעבעך. עס איז געשטאָרבן אַ לייענער, אַן אַבאָנענט פון דער צייטונג און קיין נייער קומט דערוויל נישט צו...

אַז אַ לייענער מאַכט אויף אַ שבתדיקע צייטונג, כאַפּט ער צום ערשט אַ קוק אויף די גראַטולאַציעס, צי איז נישט חלילה אַריינגעפאַלן אַ גרייז אין זיין גראַטולאַציע...

עס טרעפט אַמאָל, אַז מען פאַרבייט די יוצרות: איינער גיט אַ גראַטולאַציע אויף אַ ברית, שטעלט מען אַריין זיין נאָמען צו אַ גאָלדענער חתונה... איינער גיט אַ גראַטולאַציע אויף אַ געבורטס־טאָג, שטעלט מען אַריין זיין נאָמען צו אַ נעקראָלאָג... איינער גיט אַ באַגריסונג אויף אַ בר־מצווה, שטעלט מען גאָר צו זיין נאָמען, צו איינעמס אַ שוויגער וואָס איז געזונט געוואָרן...

די ערגסטע צייט פאַר אידישער צייטונג, איז ספירה צייט...

פון פסח ביז שבועות ווערן מיטאַמאָל אויסגעטריקנט די גראַטולאַציעס. אויס חתונות!

דעמאָלט מוזן נעבעך די זעצערס שווער אַרבעטן. זיי מוזן זעצן מער לייען־מאַטעריאַל פאַר די ליידיקגעבליבענע זייטן... די רעדאַקציע שער נעמט נעבעך אַרבעטן איבערשטונדן... און די חשובע לייענער מוזן נעבעך לייענען ווייניקער גראַטולאַציעס.

וואָס טוט מען אָן גראַטולאַציעס?

די גראַטולאַציע פראַגע איז זייער אַן ערנסטע און אַ וויכטיקע פאַר דער עקזיסטענץ פון ד'ער צייטונג.

פאַפּיר ווערט טייערער, טינט ווערט נישט ביליקער, די שרייבער האָבען גענומען שרייבן גרעסערע אַרטיקלען און קיין נייע גראַטולאַציעס קומען נישט צו...

וואָסזשע טוט מען? וואו נעמט מען אַ פרישע, אַ נייע הכנסה פאַר דער צייטונג?

אָט האָט איר אַ פאַרטיקן פלאַן:

לאָמיר אָנהייבן געבן שפּאָגל נייע גראַטולאַציעס און באַגריסונגען אויף אַלע היימישע, שטילע שמחות און געשעענישן.

דאָס גראַטולאַציע־פעלד איז נאָך פריש און איז נאָכנישט באַאַרבעט געוואָרן ווי געהעריק.

אָט האָט איר אַ נייעם סאָרט גראַטולאַציעס און באַגריסונגען, וואָס קאָנען גיין אַ גאַנץ פעליק יאָר, אַפילו אין די טרויעריקע ספירה־טעג:

— איך באַגריס די פאַמיליע גימפּעל גימפּעלעוויטש מיט זייער נייעם פלאַץ און ווינטש זיי, אַז זיי זאָלן מערטשעם דערלעבן אויפצובויען אַ גרויסען פּאַלאַץ.

— פיל גליק ווינטש איך מיין פריינט גרויינעם גרויניעווסקי מיט דער

נייער קאטשע. האט פון איר א סך נחת. איר זאלט זיין באהיט און באשירמט פון „טשאקעס" און פון אפפירן אהיים באקאנטע...

— איך באגריס די פרוי יענטע און ווינטש איר, זי זאל טראגן געזונ־טערהייט דאס נייע פוטערן מאנטל ביז הונדערט און צוואנציק יאר.

— א הארציקן מזל טוב ווינטש איך מיין פריינט פאנטאפלמאן, וואס האט נאך עטלעכע חדשים צרות און ליידן, ארויסגעקראגן א גט פון זיין געליבטער פרוי אן א סענט געלט, און איז פטור געווארן פון א געטרייער שוויגער...

— איך באגריס פריינט פעדרא פעדראוויטש צו זיין אפלאזן דעם שי־דוך מיט סעניאריטא קאנטשא קאנטשאווסקי און ווינטש אים בעסערע געשעפטן...

— איך באגריס מיין פריינט יאנטל פייפער צו דער געלעגנהייט, וואס ער איז אויסגעקליבן געווארן פרעזידענט פון דער נייער ארגאניזאציע „יקום פורקן".

— איך באגריס סעניאר געמבלער צום גרויסן גליק, וואס ער האט געהאט דעם לעצטן זונטיק אין פאקער און ווינטש אים, אז ער זאל צוריק אפגעווינען, וואס ער האט פארשפילט אין די לעצטע דריי חדשים...

מען קאן אויך געבן קלענערע גראטולאציעס, ווי למשל: ביים קויפן א נייעם אייזקאסטן, ביים בייטן דאס מעבל, ביים איבערבעטן זיך מיטן מאן.

ווי איר זעט, קאנען די נייע גראטולאציעס זיין אן אמתע שמאלץ־גרוב פאר א אידישער צייטונג, און וועט זיכער ראטעווען דאס אידישע געדרוקטע ווארט אין מעקסיקע.

מיט א מאדערנעם וויסנשאפטלעכן אנאנסן און גראטולאציע סיסטעם, וועט די אידישע פרעסע און די אידישע ליטעראטור זיכער האבן א גרויסע צוקונפט אין מעקסיקע...

אונזער אידיש לשון, נעבעך . . .

אין מזל לישראל!

אידן האָבן נישט קיין מזל צו זייער אייגענער שפּראַך.

פון גלות בבל ביזן היינטיקן טאָג, האָבן אידן געשאַפן גייסטיקע אוצ־רות אין פרעמדע שפּראַכן.

פון עם הספר איז געוואָרן אַן עם הלשון, פון פאָלק פון בוך איז גע־וואָרן אַ פאָלק פון שפּראַכן.

אַמאָל האָט געהייסן אַ געלערנטער איד, דער וואָס האָט געקענט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, אַ קאַפּיטל תנ"ך אָדער אַ פּרשה חומש מיט רש"י.

היינט רופט מען אַ געלערנטן איד, דער וואָס קאָן אַ סך שפּראַכן!

איי, איז סעניאָר גימפּעלעוויטש אַ געלערנטער מענטש! ער רעדט דאָך פראַנצויזיש, ווי אַן אמתער פראַנצויז...

און אַ מאַמע באַרימט זיך מיט איר זון:

— מיין מיגעל האָט אַ פייערדיקן קאָפּ צום לערנען. ער רעדט שוין ענגליש ווי אַן אמתער ענגלענדער.

וועלכער איד קאָן דאָס נישט אַ חוץ די לאַנדס שפּראַך, נאָך אַ צוויי שפּראַכן?

איז טאַקע העברעאיש געראַטעוועט געוואָרן דורך אידיש...

דאַוונען דאָך אַלע אידן אויף לשון קודש, הונדערטער יאָרן האָט מען אין חדר פאַרטייטשט דאָס דאַוונען אויף אידיש, און אַ פּרשה חומש מיט רש"י, אַ בלאַט גמרא, איז וואָרט ביי וואָרט פאַרטייטשט געוואָרן מיט אַ שיינעם קלינגענדיקן ניגון — אויף אידיש:

— שיר איין געזאַנג, השירים איבער אַלע געזאַנגען — — —

איז טאַקע העברעאיש איינגעזאַפּט געוואָרן אין אידיש, ווי גוטער פאַרפיום און איז געוואָרן צוזאַמענגעוואַקסן מיט אידיש ווי אַ סיאַמער צווילינג...

לאָמיר, אדרבא הערן עטלעכע אידישע זאַצן:

—חרטה האָבן, איז נישט מעשה סוחר.

— ערב שבת איז געווען אַ גבירישע חתונה, די חתן־כלה זיינען גע־שטאַנען אונטער דער חופּה און דער רבי זאָל לעבן, איז געווען דער מסדר

קידושין, אַלע מחותנים האָבן געוואונטשן מזל טוב און די שמחה איז געווען אין לשער...

קאָן מען טאָקע זאָגן פּראָסט פּשוט (נישט קיין פּאַראַדאָקס):

אַ איד וואָס קאָן נישט קיין אידיש, איז אַ האַלבער איד.

אַ איד וואָס קאָן נישט קיין העברעאיש (כאָטש אַביסל), איז אויך אַ האַלבער איד.

און דער וואָס קאָן נישט קיין אידיש און נישט קיין העברעאיש, איז אַ גאַנצער גוי...

און אדרבא, גייט זייט מוחל און פרעגט דאָס אָפּ.

הונדערטער יאָרן האָבן זיך געלעבט בשלום ושלווה די שפחה מיט דער גברת, אידיש מיט העברעאיש האָבן זיך געלעבט, ווי ביים טאַטן אין ווייג־גאָרטן. אידיש האָט זיך איינגעלעבט אין העברעאיש, און העברעאיש האָט זיך איינגעקלאַמערט אין אידיש, און דער שידוך איז עולה יפה געווען, אַ זיווג מין השמים. העברעאיש האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אידיש, און אידיש האָט געקראָגן אַ תיקון דורך העברעאיש...

איין מעסער שאַרפט דאָס צווייטע, אידיש מיט העברעאיש האָבן טאַקע אויסגעשאַרפט גאַנצע דורות שאַרפע אידישע קעפּ... שאַרפע גמרא־קעפּ און שאַרף־געשליפענע קעפּ פאַר דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור.

שאַט, וואָס דאַרפט איר בעסער, אַפילו אין דער פאַרדאַלאַרטער, פּראַקטישער אַמעריקע, אין די שטאַטן, לעבן זיך ביידע שפּראַכן, אידיש און העברעאיש, זייער דעמאָקראַטיש, ליבעראַל, טאָלעראַנט און האַרמאָניש.

אמת, מ׳גיט זיך פון ווייטנס אַ שטעכעלע, אַזוי אידל, צירלעך־מאַנירלעך, ווי ס׳פירט זיך ביי אייפּערזיכטיקע דאַמען... מיט אַ דינע־שפּיציקע שפּילקע.

דער עולם לייענער, די קריטיקער, האָבן געשעפּט נחת:

— זעט נאָר זעט, ווי די שפחה, די דינסט (אידיש), שפּאַצירט זיך אַזוי געמיטלעך, געאָרעמט, האַנט ביי האַנט מיט דער גברת, מיט דער האַרינטע, דער יחסנטע (העברעאיש) אמתע דעמאָקראַטיע!

דער שלום־בית פון ביידע פאַרצערטלטע, קאַפּריזנע דאַמען, האָט אַפילו געפונען חן און לייטזעליקייט ביי אַ אידישן מעצענאַט און ער האָט זיי ביידע מזכה געווען מיט פּרעמיעס, ווי ס׳פירט זיך ביי לייטן. אַלע יאָר פּרעמיעס פאַר גוטע ביכער אין ביידע לשונות — און שלום על ישראל!

איז דאָך אָבער אין מזל בישראל, נישטאָ דאָס שטיקעלע מזל, כאָטש שריי חי וקים.

האָט מען דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים אונזער מאַמע־לשון, אַזש פון ארץ ישראל, און דער הילך פונם פּאַטש האָט אָפּגעקלונגען, ווי אַן עכאָ, בכל תפוצות ישראל...

אַז אונזער מאַמע־לשון איז (אָפיציעל) אין גלות אין ארץ ישראל. ווייסט שוין קינד און קייט.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון דער אידישער שטאָט תל־אביב, האָט עס געמאַכט קורץ און שאַרף מיט אונזער אידיש לשון.

מיט עטלעכע חדשים צוריק, האָט זי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די אידישע אַרטיסטן איז פאַרבאָטן צו זינגען אידישע לידער אין די תל־אביבער רעסטאָראַנען... זיי מעגן זינגען אויף ענגליש, פראַנצויזיש, רוסיש, פויליש, אַראַביש, טערקיש, כינעזיש, נאָר ניט קיין אידיש... מילא, נו, אַ סוף, אַן עק, אַ גזרה איז אַ גזרה און פּטור אַן עסק; אויסגעהאַלטן און לאַגיש, שוין איינמאָל לאָגיש!...

האָט אָבער די קאָנפערענץ פון דער הסתדרות יאָ דערלויבט, אַז די אידישע פאַרטיזאַנקע פון פוילן, רוזשקע, פון „השומר הצעיר", זאָל רעדן אויף איר מאַמע לשון — אידיש, און זי האָט דערציילט פון גרויסן אידישן חורבן, פון די העלדישע אידישע קעמפער, וואָס האָבן מיט אַ ביקס אין האַנט געקעמפט קעגן די נאַצי־רוצחים.

און שפּעטער האָט בן גוריון ביים רעדן אויסגעשריען: אָט האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דער פרעמדער און גרילצנדער שפּראַך! (שפה זרה וצורמת).

נו, נו, איז געוואָרן ליהודים, לעבעדיק אין שטעטל! שומו שמים: שרעקלעך! אַ נאַציאָנאַלער סקאַנדאַל... דער פירער פון הסתדרות בן גוריון, האָט באַליידיקט די אידישע שפּראַך, דאָס לשון פון מיליאָנען אידן.

אין גן עדן איז צווישן די טויזנטער נשמות פון די פאַרפייניקטע, אומגעקומענע אידישע מאַמעס דורך די נאַצי־מערדער, געוואָרן אַ שטיל שעפּטשען, און מיט פאַרדרוס האָט איין מאַמע געפרעגט דער אַנדערער:

— איר הערט פייגע רחל? אונזער מאַמע לשון, די שפּראַך פון מיליאָנען קדושים, רופט מען אין אונזער הייליק לאַנד — אַ פרעמדע, גרילצענדיקע אידישע שפּראַך, מ'לעסטערט אונזער אידיש!

— יאָ, יאָ, כ'הער, כ'הער שרהלע, ווי צו די אויערן וואָס הערן דאָס! דאָס לשון פון אונזערע תחינות, פון אונזערע תפילות ביים ליכט בענטשן, פון אונזערע געוויינען און געשרייען, איז גאָר אין אַ נאָווינע געוואָרן אַ פרעמדע, גרילצנדיקע שפּראַך.

און אין „אידיש־לאַנד", האָט געגומען דונערן און בליצן מיט — פּראָטעסטן קעגן דער באַליידיקונג און מביש זיין בפרהסיא אונזער טייער, ליב מאַמע לשון.

פּראָטעסטן פון אידישע שרייבער־פאַראיינען, פּראָטעסטן פון אידישע קולטור־צענטערס, קלובן, פון קולטור־טוער און פון דער גאַנצער אידישער פּרעסע.

מילא, פּראָטעסטירן איז פּראָטעסטירן, וועט זיך אוודאי יעדער ליב־האָבער פון אונזער שפּראַך און ליטעראַטור זיכער אָנשליסן אין די פּראָטעסטן...

פּראָטעסטן העלפן, פּראָטעסטן ווירקן. מיט פּראָטעסטן קאָן מען אַלץ אויספירן...

אָט האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג מיט דריי יאָר צוריק דיפּלאָמאַטיש פּראָטעסטירט קעגן די ווילדע נאַצי־רציחות פון די אומשולדיקע אידן, און די ענגלישע רעגירונג האָט אויך דזשענטלמעניש פּראָטעסטירט און — איר זעט דאָך אונזער גרויסן בראָך און אומגליק...

אידן און גויים האַלטן אין איין פּראָטעסטירן קעגן ענגלישן „ווייסן פּאַפּיר", און — איר זעט דאָך...

און אַזוי ווי איך האַלט אויך אייזן שטאַרק פון פּראָטעסטן, וויל איך דאָ פאָרשלאָגן אַ שפּאָגל נייעם פּראָטעסט. ממה נפשך, אַז פּראָטעסטירן זאָל זיין געפּראָטעסטירט אויפן גאַנצן אידישן פּראָנט...

איך פּראָטעסטיר בקול רם, קעגן דער גרויסער כוואַליע פּראָטעסטן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אויף איין אַדרעס: קיין ארץ ישראל, קעגן איין מענטש, וואָס האָט באַליידיקט אונזער אידישע שפּראַך, קעגן דעם השובן הסתדרות־פירער בן גוריון.

איך לייג פאָר מ'זאָל אויסדרייען דעם דישעל פון דעם פולן וואָגן פּראָ־טעסטן, צוריק אין אַלע גלות לענדער, וואו מ'שרייבט, מ'רעדט און מ'ליי־ענט אידיש. בלויז צען פּראָצענט פּראָטעסטן זאָל גיין אויפן ארץ ישראל־דיקן אַדרעס, און ניינציק פּראָצענט פּראָטעסטן, מוזן מיר, דאַרפן מיר נעמען אויף אונזער אייגענעם „אידישן" חשבון...

דער גאַנצער הכצעקתה, מיט אַלע קולות וברקים, מיט די פּראָטעסטן, דאַרפן גיין, עס זאָל אונז צו קיין גנאַי נישט זיין, אויף גאָר אַ גרויסע צאָל אידישע שרייבער, וואָרטזאָגער און קולטור־טוער...

אדרבא, לאָמיר מאַכן אַ שטיקל שניידערשן חשבון: וויפיל אידישע שרייבער און קולטור־טוער קעמפן פאַר זייער אייגן לשון, ביי זיך אין הויז? וויפל אידישע שרייבער, וואָס האָבן פּראָטעסטירט מיט אַזאַ גרימצאָרן, קאָ־נען זאָגן אויף זייער אייגענעם אידישן ווייגאָרטן: כרמי שלי נטרתי, מיין אייגענעם ווייגאָרטן האָב איך אָפּגעהיטן...

— מיינע קינדער רעדן אַ שיינעם, פּליסיקן אידיש. מיינע קינדער ליי־ענען אידישע צייטונגען, מיינע קינדער זינגען אידישע לידער.

טשאַריטי בעגינס עט האָם, זאָגט אַן ענגליש גלייכוואָרט, חשובע פּראָ־טעסטירער, אפשר נישט?

יאָ, וואָדען, בן גוריון האָט געזאָגט, אַז אידיש איז אַ פרעמדע שפּראַך.

און מיר דאַרפֿן, בעוונותינו הרבים זאָגן בציבור: אונזער אידיש לשון, איז פרעמד צו הונדערטער טויזנטער אידישע יוגנטלעכע אין די שטאַטן, און אין אַנדערע לענדער...

און פּראָטעסטירן לאָמיר טאַקע, אָבער קעגן וועמען? יאָ, קעגן וועמען? קעגן די, וואָס פאַרקויפן די אידישע בכורה פאַר אַ טאָפּ לינזן...

בן גוריון האָט געדברט דיבורים, וואָס ער האָט נישט געטאָרט דברן, אַז אידיש איז אַ גרילצנדיקע שפּראַך.

און מיר האָט אַנומלט געזאָגט אַ יונגער בחור, אַ טאַטנס אַ קינד... דער פאָטער זיינער, איז אַ אידישיסט מיט אַ אידישער ביבליאָטעק אין דער היים, ווען איך האָב צום בחור גערעדט אידיש, האָט ער מיר געענט־פערט בייז, מיט איראָניע:

— סעניאָר, פאַר פאַוואָר, נאָ מע האַבלע ען טשינאָ. רעדט נישט צו מיר קיין כינעזיש...

יאָ, מהיכא תיתי, לאָמיר טאַקע פּראָטעסטירן, וואָס אונזער מאַמע לשון, איז פרעמד און גרילצט אין די אַסימילירטע אויערן פון אונזערע קינדער, און פון אַ גרויסן טייל אידישע יוגנטלעכע.

יאָ, איר ווייסט דאָך, אַז פּראָטעסטן העלפן...

און דער שר פון אידיש, וועט זיכער באַשטראָפן בן גוריונען, פאַר דער האַרבער עבירה, פאַרן גרויסן חטא, וואָס ער האָט במזיד באַליידיקט און פאַרשוועבט די אידישע שפּראַך:

אַז ער זאָל נאָך דערלעבן אַ גרויסע אידישע ארץ ישראל, אַ אידישע מלוכה. און זאָל נאָך הערן מיט זיינע אייגענע, מוזיקאַלישע אויערן, ווי מ׳רעדט אין ארץ ישראל, צוזאַמען מיטן שיינעם, קלינגענדיקן העברעאיש, אויך אַ זיס, זאַפטיקן, האַרציק, פאָלקסטימלעכן אידיש...

בײ אונז בליט און װאַקסט די אידישע קולטור . . .

קריטיק איז אַ גוטע, אַ טײערע זאַך, קריטיק, קאָנסטרוקטיװע קריטיק, איז ממש אַ ברכה פון גאָט.

איר שפּילט זיך מיט דער קריטיק!

דער רבונו של עולם אַלײן, האָט נאָכן באַשאַפן זײן װעלטל מיטן ביסל מענטשן אויף דער זינדיקער ערד, אָנגעהויבן צו קריטיקירן זײן אײגענע מלאכה, זײנע אײגענע באַשעפעגישן... און שפּעטער טאַקע געבּרענגט אַ מבול, אָפּגעטובלט זײן װעלטל מיט װאַסער און פּטור אַן עסק, אויס װעלט!

האָט גאָט אָבער געװאָלט האָבן װעמען צו קריטיקירן, האָט ער געלאָזט לעבן אײן משפּחה, נחן מיט די דרײ בנים, אפשר װעלן זיך די מענטשן פאָרט אַביסל אויסמענטשלעכן...

זעט מען טאַקע, אַז זינט דער מענטש איז אַרויסגעקראָכן פון די הײלן, אויפגעהערט צו גײן אויף אַלע פיר... און גײט אַלץ פאָראויס, ביז באַמבאַרדיר עעראָפּלאַנען, אַטאָמישע באָמבעס, זילבערנע לײכטער מיט גאָלדענע בראָנ־זעליעטן, שרײבן אַרטיקלען און דרוקן צײטונגען, איז דאָס אַלץ, נאָר אַדאַנק דער — קריטיק...

די קריטיק װײזט אונז אָן אַלע אונזערע פעלערן, װײזט אונז בעסערע װעגן, בעסערע האָטעלן, שענערע קאָטשעס, בעסערע טעפּיכער און שענערע מעבל.

די קריטיק היט אונז אָפּ אויף טריט און שריט. װען נישט די קריטיק, װאָלט אונזער גאַנצע ציװיליזאַציע, געװען אין אַ קריטישער לאַגע.

די קריטיק איז פאַר אונז, פּונקט װי אַ שטעקן פאַר אַ בלינדן...

די קריטיק איז דאָס ביסל זאַלץ און שמאַלץ פאַר אונזער װאָסערדיק, מאָנאָטאָן לעבן...

יאָ, קריטיק איז אַ באַלזאַם, אַ רפואה, אַ בויטיקע מעדיצין פאַר די װעמען מען קאָן נאָך און זײנען טאַקע װערט מען זאָל זײ קריטיקירן.

אונזער חשובער חבר סאַלאָמאָן קאַהאַן האָט אָנגעשריבן אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג װעגן מעקסיקאַנער אידישן ישוב, אין ניויאָרקער זשורנאַל „גע־דאַנק און לעבן".

נו, נו, איז געוואָרן לעבעדיק אין שטעטל. ס׳טוט זיך חושך, אַ ויצעקו, אַ געשריי, אַ ליאַרם, אַ געפּילדער, מ׳שרייבט אַרטיקלען, מען מאַכט סימ־פּאָזיומס, מ׳קריטיקירט קאַהאַנס קריטיק...

מ׳שרייבט, מ׳רעדט און מ׳דיסקוטירט צי איז טאַקע ביי אונז דאָ אַ גייסטיקע ירידה, אַ קולטורעלער באַרג אַראָפּ פון היגן אידישן ישוב...

איז טאַקע מה־רעש? וואָס איז דער טומל? וואָס איז דער געשריי? אדרבה, יעדער געזונטער, אידישער ישוב דאַרף אויך האָבן אַ ביסעלע קריטיק פאַר אַ רפואה... ס׳וועט דעם ישוב חלילה גאָרנישט שאַטן.

שרייען אָבער די קריטיקער, וואָס קריטיקירן קאַהאַנס „קריטיק”, אַז ביי אונז איז נישטאָ קיין „קולטורעלע ירידה, אַז ס׳הייבט זיך נישט אָן און עס לאָזט זיך נישט אויס! לא דובים ולא יער, נישט קיין בערן און נישט קיין וואַלד. קאַהאַנס קריטיק איז נישט ריכטיק. אָ, ניין!

סאיז ביי אונז חלילה וחס, נישטאָ קיין שום באַרג אַראָפּ אין אונזער אידישן קולטור לעבן... נישטאָ ביי אונז קיין שום ירידה אין אידיש גייסטיקן לעבן, זאָל גאָט שומר און מציל זיין! אַזאַ מעשה גאָר!

דאָס וואָס קאַהאַן האָט געשריבן וועגן אונזער ישוב, איז נישט מער, ווי אַ בילבול, רחמנא ליצלן...

מוזן מיר אָבער מודה זיין, אַז די קריטיקער קעגן קאַהאַנס קריטיק, זיינען אינגאַנצן גערעכט... זיי ווייסן וואָס זיי רעדן און וואָס זיי שרייבן, זיי האָבן נישט קיין טשייניק, אָ, ניין! זיי נעמען זיך אָן דעם פאַרשוועכטן און באַליידיקטן כבוד פון אונזער מעקסיקאַנער אידישן ישוב... און באַווייזן באַ־שיינפּערלעך, אַז ביי אונז בליט און וואַקסט די אידישע קולטור, דאָס אידישע לשון.

ווען חבר קאַהאַן האָט געשריבן זיין באַרימטע קריטיק, האָט ער אוודאי געקוקט אויף אונזער קולטור לעבן, דורך טונקעלע, פּעסימיסטישע ברילן און האָט נעבעך אינגאַנצן פאַרזען, די גרויסע קולטורעלע דערגרייכונגען פון אונזער ישוב אין די לעצטע עטלעכע יאָר...

אדרבה, חבר קאַהאַן, נעמט זייט מוחל אַראָפּ אויף אַ ווײַלע אייערע טונקעלע ברילן און לאָמיר אומישנע מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר, און כאַפּן אַ קוק אַריין אין די אידישע היימען, שולן, אָרגאַניזאַציעס, וועט איר זיכער באַלד בייטן אייער מיינונג וועגן אונזער ישוב.

איר וועט מוזן צוגעבן, אַז אייערע קריטיקער האָבן געמעגט קריטיקירן אייער קריטיק.

לאָמיר גיין כסדר:

יאָ, די אידישע היים אין מעקסיקע, איז אַן אמתע פעסטונג פון אידיש־קייט. אַלע אידישע עלטערן רעדן מיט זייערע קינדער אין אַ ריינעם, גע־שמאַקן, פליסיקן אידיש...

אין אַלע אידישע היימען, (אין ציוניסטישע אויך) ווערן געפייערט אַלע אידישע יום־טובים, אמת, אַביסל אויף אַ מאָדערנעם שטייגער, אָבער דאָך פילן די אידישע קינדער די הייליקייט, דעם תענוג פון אידישן שבת אָדער יום טוב...

אין אַלע אידישע היימען זיינען דאָ ביבליאָטעקן מיט אידישע ביכער. אַ נײ אידיש בוך ווערט באַלד צעכאַפּט, ווי מצה־וואַסער. מ׳רייסט זיך איבער אַ אידיש בוך, פּונקט ווי צו אַ פּיפּנטע האָנט אין פּאַקער...

אין אַלע אידישע היימען ווערן געזונגען אידישע פאָלקס־לידער, אַז ס׳איז פּשוט אַ מחיה צו הערן.

די אידישע יוגנט רעדט אַ שיינעם, פליסיקן אידיש און לייענט די אי־דישע ליטעראַטור (העברעאיש אויך). אונזער אידישע יוגנט איז אַ מוסטער אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט מיט איר אָפּהיטן אונזערע טראַדיציעס און אידיש לשון...

די היגע אידישע שולן זיינען דאָך שוין באַרימט בכלל תפוצות ישראל. זיי האָבן אַ שם אַלס די בעסטע אידישע שולן און האָבן זיך טאַקע כשר פאַר־דינט דעם גוטן נאָמען זייערן.

די תלמידים זיינען מער פאַראינטערעסירט אין די אידישע לימודים, ווי אין די שפּאַנישע... לערנען מיט גרויס חשק אַ פּרשה חומש מיט רש״י און רעדן צווישן זיך נאָר אידיש...

נו, וואָס הערט זיך אין אידישע אָרגאַניזאַציעס?

אין די אידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס קלאַפּט דער פּולס פון אידיש־קייט נאָך שטאַרקער...

אַלע וואָך קומט פאָר אַ ליטעראַרישער אָוונט, אַ רעפעראַט, אַ דיס־קוסיע אינעם אידישן קולטור צענטער, אָדער אין דער ליגע פאַר סאָוויעטן פאַרבאַנד, די זאַלן זיינען שטענדיק איבערפולט, ס׳פעלן אויס בענקלעך פאַרן גרויסן עולם.

אַלע חודש קומען צו אונז אַראָפּ פון די שטאַטן רעפערענטן, שרייבערס, רבנים, מגידים און פאַרשפּרייטן דאָס אידישע וואָרט צווישן די לעכצענדע אידישע מאַסן נאָך אַביסל אידישע קולטור.

אין דער ביבליאָטעק פונעם אידישן קולטור צענטער פעלן פּשוט אויס אידישע ביכער פאַר די הונדערטער לייענער.

אַפילו די צוויניסטישע קאַרפּן־קעפּ, וואָס אין זייערע היימען ווערט נישט גערעדט קיין אידיש וואָרט (העברעאיש וועלן זיי רעדן אין ארץ ישראל) נאָר רוסיש, שפּאַניש אָדער ענגליש, האָבן זיך אויך אַרומגעזען, אַז אין גלות האָט אידיש אַ גרויסע נאַציאָנאַלע באַדייטונג, און די חשיבות פון אידיש לשון וואַקסט ביי זיי פון טאָג צו טאָג.

און אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער ציוניסטישער יוגנט, ווערט גע־רעדט נאָר אין אַ שיינעם, ליטעראַרישן אידיש, רק אידיש.

אין אַ סך אידישע הייזער רעדן שוין אויך די גויאישע דינסטן אידיש און צינדן אָן פרייטיק פאַרנאַכט די שבת ליכט, ווען די באַלעבאָסטע איז שטאַרק פאַרנומען...

אונזער רעליגיעזע אידישקייט, איז דאָך אַן אמתער, לעבעדיקער, שפּרודלדיקער קוואַל פון עכטער פרומקייט.

אונזערע רבנים, זאָלן מאַריך ימים זיין, זיינען פאַרנומען טעג און נעכט מיט שאלות און תשובות. די בית־דין שטיבלעך (בעזן שטיבלעך) זיינען תמיד פאַרנומען מיט דין־תורות.

די שולן זיינען, קיין עין הרע, געפּאַקט מיט מתפּללים. אידן קומען אין שול אַריין דאַווגען דריי מאָל אַ טאָג. אידן לאָזן איבער די געשעפטן און לויפן אין שול אַריין אַריינכאַפּן אַ מנחה־מעריב, אַ קדישה, אַ ברכו.

צווישן מנחה־מעריב לערנט מען אַ שטיקל עין־יעקב, אַ פּרק משניות, אַ בלאַט גמרא.

שבת איז די שול געפּאַקט מיט אידן ביי ביידע מנינים און מ׳רייסט זיך איבער אַן עליה, פּונקט ווי איבער אַ „טערענאַ" אין אַ רייכער קאָלאָניע. די קאָמיטעט מיטגלידער פון די שולן האַלטן פאַרמאַכט זייערע געשעפטן און פאַברקן, און זיינען חלילה נישט מחלל שבת בפרהסיא...

אנשטאט אַ חברה שומרי־זונטיק, האָבן מיר אַ חברה שומרי־שבת.

אידן היטן שטרענג אָפּ כשרות און טהרת המשפחה, פּונקט ווי מ׳היט שטרענג אָפּ די „קומפּלעאַניאָס" מיט די וואַקאַציעס.

דאָס אידישע טעאַטער בליט אויך און וואַקסט ביי אונז.

אַלע דריי חדשים קומען צו אונז פון די שטאַטן נייע אדישע אַקטיאָרן און שפּילן צוזאַמען מיט אונזערע היגע אידישע אַקטיאָרן צוויי מאָל אַ וואָך אידיש טעאַטער.

איין מאָל אַ וואָך שפּילן זיי פאַר „עמך", און איין מאָל אַ וואָך ווערט געשפּילט אַ ליטעראַרישע פּיעסע פאַר די היגע פיינשמעקער, וואָס חלשן נעבעך, גייען אויס נאָך אידיש ליטעראַריש טעאַטער...

דאָס טעאַטער איז שטענדיק געפּאַקט און די היגע אידישע אַקטיאָרן שאַרן ממש גאָלד, פון שפּילן אידיש טעאַטער.

און זאָל מען חס וחלילה אין אויסלאַנד נישט אויסטייטשן פון חבר סאַ־לאָמאָן קאַהאַנס קריטיק, אַז די מעקסיקאַנער אידן, זיינען בלויז ברייטהאַר־ציקע אידן מיט אָפענע קעשענעס פאַר אַלע אַקציעס, וואָס קומען פאַר ביי אונז יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, אַז מיר זיינען בלויז ביישטייעריקע אידן.

אָ, נייןן! מיר זיינען אויך קולטורעלע אידן. דער מעקסיקאַנער אידי־שער ישוב, איז אויך אַן אמתער, גייסטיקער צענטער פון דער אידישער קולטור.

אַפילוביים פּאָקער שפּילן, רעדט מען אויך אידיש. מ׳זאָגט זיך אַריין חכמות, וויצן, שטעכווערטלעך צו די פּאָקער־קאַליקעס, נאָר אין אידיש. ביי אונז שפּילט מען אַ אידישן קולטור־פּאָקער...

און אַז צוויי אידישע פרויען צעקריגן זיך, שעלטן זיי זיך חלילה נישט אויף שפּאַניש, אָ, ניין! נאָר אין אַ שיינעם ליטעראַרישן אידיש...

אומעטום קלינגט און זינגט דאָס לעבעדיקע אידישע וואָרט. ס׳שפּרו־דעלט מיט אידישער גייסטיקייט, מיט אידישער קולטור, אין אידישן לשון. ביי אונז איז נישטאָ חלילה, קיין שום באַרג אַראָפּ.

אדרבה, פּונקט פאַרקערט. ביי אונז איז דאָ אַ באַרג אַרויף, אַן עליה נישט קיין ירידה.

אַנשטאָט הייזער פון איין שטאָק, בויען מיר איצט „עדיפיסיאָס" צו צען שטאָק אין דער הויך, אויב נישט נאָך העכער.

מיר גייען באַרג אַרויף, אַזש ביז „לאָמאָס דע טשאַפּולטעפּעק".

ביי אונז איז אַן אויפשטייג, אַ רענעסאַנס אין דער אידישער קולטור. אַן אמתע „גאָלדענע עפּאָכע"... כאָטש די גאָלדענע מטבעות, זיינען שוין לאַנג איבערגעביטן געוואָרן אויף פּאַפּיר־געלט...

יאָ, דער היגער אידישער ישוב איז אָנגעשטאָפּט, אָנגעפּיקעוועט מיט אידישקייט מיט אידישע קולטור, פּונקט ווי אַ מילגרוים מיט קערעלעך.

ביי אונז בליט און וואַקסט די אידישע קולטור...

וואוהין גייט די אידישע יוגנט?

איי, די יוגנט, די יוגנט!

ווער בענקט דאָס נישט, נאָך דער אַמאָליקער יוגנט?

און ווער געדענקט דען נישט, די אידישע יוגנט פון אַמאָל?

מיר האָבן איצט אויך אַ טייערע, אַ בריליאַנטענע, אַן אויסגעפוצטע, אידישע גאָלדענע יוגנט...

מיר האָבן, קיין עין הרע, אַ שיינע אידישע יוגנט אין מעקסיקע:

די מיידלעך זיינען ביי אונז פשוטע ליאַלקעס, אמתע „קראַסאַוויצעס", עכטע ברונעטקעס, אמתע בלאָנדינקעס, נישט קיין געמאַכטע אין „סאַלאָן דע בעיעסאַ"... נו, און רויט האָריקע, ווי אַ פלאָם פייער, שאַטינקעס און עט־לעכע געל־האָריקע אויך.

און אויגן? יאָ, מיידלשע אויגן מיט אמת אידישן חן, וואָס כישופן, בליצן און שפריצן מיט פייער פון רייפער, צייטיקער יוגנט...

און קני? אָפּגעטאָקטע, שיינע, קיילעכדיקע, צניעותדיקע, אידישע קני... שלאַנקע פיס מיט אָנגעצויגענע, דורכזיכטיקע, דינע, זיידענע זאָקן. דאָס איז שוין לאַנג נישט קיין נאָווינע, אַפילו עלטערע פרויען און באָבעס באַ־ווייזן זיך אומעטום מיט זיידענע, דינע זאָקן... נאָר אונזערע יונגע מיידלעך, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין, האָבן זיך גענומען באַווייזן מיט זייערע שיינע, איידעלע קני, אַן אויסשטעלונג פון מיידלשע קני: אין קאַמיאָן — קני, אין רעסטאָראַן — קני, אין קינאָ — קני און אויף אַ פאַרזאַמלונג — ווידער קני. פאַרניילאָנטע קני מיט ניילאָן זאָקן...

איז דאָך דאַכט זיך גוט, האָ? אונזער יוגנט, איז דאָך אונזער צוקונפט, אונזער לעצטע האָפנונג.

זיינען מיר אָבער נישט גאַנץ זיכער מיט אונזער טייערער יוגנט, מיר ווייסן דערווייל נישט, וואָס מיט דער היגער אידישער יוגנט וועט זיין.

מיר ווייסן נישט, צי די אידישע יוגנט וועט גיין מיט אונז, צי זי וועט קומען צו אונז, אָדער אַוועקגיין פון אונז, אָדער גאָר אַנטלויפן פון אונז...

דער פּראָבלעם פון אונזער יוגנט, איז אַזוי גרויס און שאַרף, פונקט, ווי עס זיינען גרויס און וויכטיק די פּראָבלעמען פון אַ סך עלטערן:

וואו נעמט מען אַ גרויסן, רייכן סאַלאָן, וואו עס זאָלן קענען אַריין אַ טויזנט געסט, אויף דער חתונה פון זייער טאָכטער...

— אין וועלכער קאָלאָניע, זאָל מען קויפן אַ נייע „טערענאָ"?

— וויפל שטאָק זאָל האָלטן די נייע „עדיפיסיאָ"?

— ווען וועלן שוין אָנקומען די נייע קאַטשעס פון 1947?

— וואו פאַרט מען איצט אויף דאַטשע?

— און וואו נעמט מען אַ פינפטע האַנט צום פּאַקער?

יאָ, אַ סך עלטערן האָבן זייער וויכטיקע און גרויסע פּראָבלעמען צו לייזן, אַ חוץ צו לייזן געלט...

מיר האָבן אָבער אויך נאָך אַ פּראָבלעם צו לייזן, דער פּראָבלעם פון אונזער יוגנט.

וואוהין גייט די אידישע יוגנט?

קודם כל, דאַרף דער פּראָבלעם פון אונזער יוגנט, אַוועקגעשטעלט ווערן אַביסל אַנדערש:

נישט וואוהין גייט אונזער יוגנט, נאָר — וואוהין פאָרט אונזער יוגנט? אונזער יוגנט גייט נישט, נאָר פאָרט...

אַז אַ אידיש קינד, האָט זיך נאָר וואָס אויסגעלערנט גיין, הייבט ער שוין אָן צו פאָרן...

דאָס ערשטע, נעמט ער פאָרן אויף אַ קליין וועגעלע מיט דריי רעדלעך. שפּעטער אַביסל, אויף אַ ביציקלעט מיט צוויי רעדלעך, און ווען ער איז שוין אַ „כאָוועך" פון אַ יאָר 17-18, נעמט ער פאָרן אין אַ קאַטשע אויף פיר רעדער...

די גאַנצע צרה מיט אונזער אידישער יוגנט איז, וואָס זי האָט אויפגע־הערט צו גיין און — אָנגעהויבן צו פאָרן...

אַמאָל, אין דער אלטער היים, איז די אידישע יוגנט געגאַנגען מיט בײדע פיס אויף דער סאָלידער, האַרטער ערד. מ'האָט געפילט אַ טעם, אַ פאַרגעניגן אין גיין שפּאַצירן אין גאָרטן, אין פּאַרק, אויף די פעלדער הינטערן שטאָט, מיט די שפּאַציר־שטעקעלעך אין די הענט...

אין דעם שמעקנדיקן חודש מאַי, איז מען געגאַנגען אויף „מאַיאָווקע". אַריינגעצויגן די פרישע פרילינגס לופט, געזונגען אידישע לידער, דיסקו־טירט, געלאַכט און געשטיפט. און די יונגע „קאַוואַליערן" האָבן ראָמאַנ־סירט מיט די מיידלעך שפּאַצירנדיק.

אַפילו ווינטער, איז מען געגאַנגען שפּאַצירן אויפן ווייסן, סקריפּנדיקן שניי, אין אַ בייסנדיקן פראָסט.

גיין שפּאַצירן, איז אַ גרויסע קונסט, און גיין צו זיך, צו דער אייגענער שפּראַך און קולטור, איז אויך אַ גרויסע קונסט...

אַמאָל, האָט דעם אידישן קינד געלערנט גיין זיין מאַמע. און שפּעטער, איז דאָס אינגל מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן, אויפן טאַטנס אויסגעטראָטענע וועגן...

היינט, לערנט דעם אידישן קינד גיין — די גויאישע דינסט... די מאַ־מע האָט נעבעך נישט קיין צייט... וועלכע מאָדערנע מאַמע, האָט דאָס צייט צו לערנען איר קינד גיין? וואָס איז, ס'פעלט דינסטן?

לערנען טאַקע די גויאישע דינסטן, די אידישע קינדער גיין און אַוועקגיין...

און אַז די דינסט, איז אַ שטאַרק פרומע, נעמט זי מיט די קינדער אין קלויסטער אַריין אויף אַ „מיסאַ"... די פרומע דינסט, האָט נעבעך רחמנות צו לאָזן אַליין די אידישע קינדער אין הויז, ווייזט זי זיי דערוויל, ווי שיין ס'איז אין איר „איגלעסיאַ"...

אַז אַ יוגנטלעכער, האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט, האָט ער געזוכט דעם וועג צוריק און אים געפונען...

היינט, ווייסן גאָרנישט די יוגנטלעכע, אַז זיי בלאָנדזשען אויף פרעמדע וועגן, ווייל די עלטערן זייערע האָבן זיי דעם אידישן וועג נישט געוויזן, מען האָט זיי נישט געלערנט גיין — נאָר פאָרן...

ווען מ'גייט מיט יעדע פיס אויף דער ערד, קאָן מען נאָך עפּעס קלערן, טראַכטן און זיך אַמאָל טאַקע פאַרטראַכטן און דערטראַכטן, אַז עס זיינען אויך דאָ אידישע, שיינע, אויסגעפּלאַסטערטע, גלייכע וועגן...

אָבער, אַז מ'פאָרט, מ'יאָגט זיך גיך־גיך אין אַ שנעל לויפנדיקער קאַטשע, איז טאַקע שווער צו טראַכטן, וואָס שפּעטער וועט זיין...

די פאָרנדיקע אידישע יוגנט, מוז נעבעך טראַכטן, עס זאָל זיין געננוג גאַזאָלין, ניט אַריבערפאָרן קיין רויטן סעמאַפאָר, און וויפל קילאָמעטער מען קאָן אָניאָגן אין אַ שעה.

איז טאַקע דער פּראָבלעם, וואוהין פאָרט אונזער יוגנט?

יאָ, די גאַנצע יוגנט פון אונזערע יוגנטלעכע, גייט אַוועק אויף פאָרן: מ'פאָרט אין שולע, מ'פאָרט אַהיים, מ'פאָרט אויף וואַקאַציע, מ'פאָרט אויף פּיעסטאַס.

מ'פאָרט וואו מ'דאַרף און מ'פאָרט וואו מ'דאַרף נישט...

מיר האָבן זייער אַ פיינע, גוט דערצויגענע יוגנט, מיר האָבן זיך גאָר־נישט וואָס צו שעמען מיט אונזער אידישער יוגנט.

אונזער אידישע יוגנט, טראָגט מיט שטאָלץ זייערע גויאישע נעמען, ווי למשל: פּעדראָ, מיגעל, סאַלוואַדאָר אָדער נאַטשאָ. זיי טראָגן אָבער אויך מיט שטאָלץ זייער אידישן יחוס — איזראַעליטאַ (ישראל), אָדער כודיאָ (יהודי).

אויב אונזערע אידישע יוגנטלעכע, זיינען נישט קיין גרויסע למדנים, זיינען זיי אָבער דערפאַר גרויסע ביישנים, שעמעוודיקע, און בושה איז טאַקע איינע פון די שיינע אידישע מידות.

אונזערע יוגנטלעכע שעמען זיך נעבעך, צו רעדן צווישן זיך אַ וואָרט אידיש... אַפילו די וואָס קאָנען רעדן אידיש און הייבן אָן צו רעדן אידיש צו אַ חבר אָדער צו אַ באַקאַנט מיידל, ווערן זיי ביידע רויט, פאַרשעמען זיך און גייען באַלד איבער אויף — שפּאַניש...

אונזער יוגנט איז זייער אימפּולסיוו, זי איז באַלד גרייט צו האַנדלען. ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַ פּעטן נדן מיט אַ שיינער כלה...

אונזערע יוגנטלעכע זאָלן געזונט און שטאַרק זיין, זינגען נישט. זיי

האָבן ליב דאָס געזאַנג פון מאַטאַר, דעם ריטם פון די רעדער און דעם קלאַנג פון קלאַקסאָן...

די מעקסיקאַנער יוגנט זינגט צוזאַמען אויף זייערע פיעסטאַס, די שיינע מעקסיקאַנער פאָלקס־לידער און שפּילן צו מיט גיטאַרעס.

די אידישע יוגנט זינגט נישט. איר האָט שוין געהערט, אַז אידישע יוגנטלעכע זאָלן זינגען אויף זייערע פיעסטאַס, אידישע לידער? (קיין שפּאַנישע אויך נישט...)

אונזער סטאַטעטשנע יוגנט זינגט נישט, נאָר פייפט!

אַז איינער וויל רופן דעם צווייטן, רעדט ער נישט און רופט נישט ביים נאָמען, נאָר פייפט... יעדער איינער האָט זיך זיין ספּעציעלן פייף. אַפילו מיידלעך פייפן שוין אויך...

איר האָט עפּעס ליב צו הערן, ווי מיידלעך פייפן?

מ'פייפט וואו מ'דאַרף און וואו מ'דאַרף נישט: מ'פייפט אין קינאָ, מ'פייפט אין טעאַטער, מ'פייפט אויף די עלטערן, מ'פייפט אויף די לערערס און מען פייפט אויף אַלץ און אַלעמען...

מיר האָבן אַ פייפנדיקע און פאַרנדיקע אידישע יוגנט.

זיינען געבעך אונזערע פּעדאַגאָגן, דערציער, לערערס און קולטור־טוער שטארק פאַרזאָרגט וועגן דעם גורל פון דער אידישער יוגנט.

מ'זוכט, מ'נישטערט, מען מאַכט סטאַטיסטיקעס, חשבונות, מ'וויל אויסגעפינען אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן: וואוהין גייט אונזער יוגנט?

— אונזער יוגנט גייט דאָרט, וואו מ'דאַרף זי נישט...

— אונזער יוגנט גייט דאָרט אַהין, וואו מ'זעט זי נישט גערן...

— אונזער יוגנט גייט צו דער חופּה.

— אונזער יוגנט גייט אויף פרעמדע וועגן און בלאָנדזשעט אויף געפערלעכע טראַקטן...

און דער עיקר איז — אונזער יוגנט איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען פון אונז, אַוועקגעגאַנגען נאָך קליינערהייט, ווען זי האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו גיין אין די גויאישע שולן... און אָנשטאָפּן די יונגע קעפּלעך מיט גויאישע לימודים...

און ווען אונזערע יוגנטלעכע האָבן אויפגעהערט צו גיין און אָנגעהויבן צו פאָרן, זיינען זיי טאַקע פון אונז אַוועקגעפאָרן.

אַוועקגעפאָרן אין זייערע טאַטנס נייע קאַטשעס, אין דער פרעמד, אין אַ פרעמדער וועלט אַריין...

אדרבה, זייט אַ חכם און פאַרענטפערט די שווערע, האַרבע קשיא:

וואוהין גייט די אידישע יוגנט?

אָדער:

וואוהין פאָרט די אידישע יוגנט?

היט זיך אידן, די אַסימילאַציע גייט!

היט זיך אידן, היט זיך פון דער אַנשטעקנדיקער קראַנקהייט — אַסי־מילאַציע...

די קלעפּיקע חלאת, האַלט זיך אין איין פאַרשפּרייטן גיך־גיך, זי דרינגט אַריין דורך טיר און טויער, דורכן קוימען און פענסטער.

שווער, זייער שווער זיך אויסצוהיטן פון דער געפערלעכער קראַנקהייט. זי מיידט נישט אויס יונג און אַלט, פרויען און מענער, שוואַכע און שטאַרקע.

אומעטום איז זי דאָ, די פאַסקודנע, קלעפּיקע אַסימילאַציע חלאת... זי אַטאַקירט אַפילו די שטאַרקסטע, די אויסגעהאַלטענע און אָפּגעהיטנסטע...

זי אַטאַקירט יחידים, פאַמיליעס, גרופּעס און גאַנצע פעלקער. זי פאַר־טיליקט, פאַרצערט, פרעסט אויף, אַסימילירט יעדן איינעם, וואָס היט זיך נישט און ווערט זיך נישט קעגן איר געננוג.

די אַסימילאַציע מיקראָבן זיינען זייער קליינינקע, וואָס מ׳קאָן זיי קוים דערזען דורכן מיקראָסקאָפּ. די פּיטשינקע, געפערלעכע באַצילן, גנבענען זיך אַריין אינם מענטשלעכן אָרגאַניזם, (איבערהויפּט אין קאָפּ...) שטיל, רואיק, אָן טומל, אָן געשריי.

די אַסימילאַציע־מיקראָבן קריכן אַריין אין מוח דורכן רעדן, דורך דער שפּראַך, דורך מנהגים און דורכן עסן אַפילו...

איי, איז דאָס אַ געפערלעכע מחלה!

פּונקט ווי די אינפלוענציע, די גריפּע, אַזוי איז אויך די אַסימילאַציע־קראַנקהייט אַנשטעקנד, מ׳זאַראַזשעט זיך, מ׳שטעקט זיך אָן פון אַנדערע... און מ׳שלעפּט מיט זיך מיט די געפערלעכע אַסימילאַציע באַצילן אַהיים פאַר דער אייגענער פאַמיליע...

מ׳דאַרף האָבן אַ גוואַלדיק שטאַרקן, „גייסטיקן" כוח צו באַקעמפן די גרויסע סכנה, אַז די מיאוסע, קלעפּיקע אַסימילאַציע־מיקראָבן, זאָלן נישט אַריינדרינגען צו זיך אין הויז...

די גרעסטע סכנה פון דער אַסימילאַציע חלאת, באַשטייט אין דעם, וואָס דער אָנגעגריפענער, ד׳ער קראַנקער נעבעך, ווייסט נישט און פילט לחלוטין גאָרנישט, אַז ער איז קראַנק...

די אַסימילאַציע באַקטעריעס, כאַפּן זיך אַריין אינם מענטשלעכן מוח (איבערהויפּט ביי אידן...), אַזוי קונציק, אַזוי ממזריש, איידל, דעליקאַט, לאַק־

ריק־זיס, אַז דער חולה פילט גאָרנישט, אַז ס'האָט זיך ביי אים אין מוח עפּעס איבערגעדרייט.

עפּעס האָט ער אָנגעהויבן אַנדערש רעדן, אַנדערש טראַכטן און אַנדערש קוקן אויף זיין אייגן לשון, אויף זיין אייגענער קולטור...

ער איז נישט דער אייגענער וואָס פריער, ער איז נישט מער — ער...

און אַז איר דערקלערט אַזאַ מין אַסימילאַציע־קראַנקן, אַז ער איז נעבעך אַ חולה מסוכן, אַז ער זאָל זיך נעמען באַצייטנס אַרומקוקן און זיך נעמען קורירן, נישט לאָזן, אַז די אַסימילאַציע־באַצילן זאָלן זיך טיפער אריינכאַפּן אין זיין אידישער נשמה, אין זיין גייסטיק לעבן, און דאָרט אָנמאַכן דעם אמתן חורבן, צעגריזשן און אויפרעסן זיין ביסל אידישקייט...

צעלאַכט ער זיך גאָר, דער אַסימילאַציע־חולה: — וואָס, איך בין קראַנק? כאַ, כאַ, כאַ! גייט שוין גייט! איך בין קראַנק? כ'בין געזונט ווי אייזן, ס'פעלט מיר גאָרנישט.

אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. אָט דאָס איז די גאַנצע צרה, דאָ איז די גרויסע סכנה.

דער קראַנקער פילט נישט און ווייסט נישט, אַז ער גייט אונטער ביס־לעכווייס, טריט נאָך טריט, טאָג נאָך טאָג.

אפשר מיינט איר חלילה, אַז מען ווייסט נאָך נישט פון וואַנען ס'נעמט זיך די געפערלעכע קראַנקהייט, מען ווייסט נאָך נישט די סימפּטאָמען פון דער אַנשטעקנדיקער חלאת? אַ, ניין! אדרבה, פונקט פאַרקערט. מ'ווייסט שוין פון לאַנג פון וואַנען, און ווער עס איז שולדיק אין פאַרשפּרייטן די אַסימילאַ־ציע־קראַנקהייט צווישן אידן.

נאָך לאַנגע יאָרן פון חוקר ודורש זיין, פון זוכן, בישטערן און מאַכן עקספּערימענטן אין די אידישע, גייסטיקע לאַבאָראַטאָריעס, האָט מען אויס־געפונען פון וואַנען דער אַסימילאַציע מיקראָב נעמט זיך...

מ'האָט שוין אַפילו פעסטגעשטעלט, דעם דיאַגנאָז פון דער קלעפּיקער קראַנקהייט צווישן אידן.

אָט האָט איר עטלעכע דייטלעכע סימנים פון דער געפערלעכער אַסימי־לאַציע־חלאת:

ווען אַ אידישער כלל־טוער, אַ גאַנצער כל־ולך, אַ מאַכער און אַ קנאַ־קער אין אידישע געזעלשאַפטן, פייערט נישט ביי זיך אין הויז קיין שום אי־דישן יום טוב, נישט קיין רעליגיעזן און נישט קיין טראַדיציאָנעלן יום־טוב. נאָר ער דערלויבט זיינע קינדער, זיי זאָלן „נאַווידאַד" אריינשטעלן אין סאַלע אַ יאָלקע, אַן „אַרבאָל דע נאַווידאַד", מיט צאַצקעס און ליכטלעך, און פייערן יעזוס געבורטסטאָג מיטן גאַנצן גויאישן טראַסק...

מעגט איר זיכער זיין, אַז אין דער פאַמיליע, האָט זיך שוין אַריינגעכאַפּט דער געפערלעכער, שעדלעכער מיקראָב — אַסימילאַציע!

ווען אַ אידישער רעדנער אַ פּלאַסקעדריגע, דערקלערט (אויף שפּאַניש), דער אידישער יוגנט, אַז זיי קאָנען זיין גאַנץ גוטע אידן, ווען זיי וועלן דאַווענען אין אַ שפּאַנישן סידור... און לייענען אויף שפּאַניש „מאָטקע לאַדראָן" פון שלום אַש, מעג מען שוין זיכער זיין, אַז זייערע קינדער וועלן שוין אינגאַנצן נישט דאַווענען און פאַרגעסן, אַז עס זיינען דאָ אידישע שרייבער מיט אַ אידישער ליטעראַטור...

אָט דער רעדנער פאַרזייעט און פאַרפלאַנצט די שעדלעכע באַצילן פון דער — אַסימילאַציע!

ווען אין אַ אידישער אינסטיטוציע קומען 18 אידישע דעלעגאַטן צו באַטראַכטן אַ געוויסע פּראַגע, און אויף דער אַסיפה קומען אויך דריי ספרדישע אידן, איז אַנשטאַט איבערצוזעצן פאַר זיי אין קורצן די וויכטיקסטע דערקלערונגען פון די דעלעגאַטן, הויבן אַלע אָן צו רעדן שפּאַניש... מען הערט נעבעך נישט קיין אידיש וואָרט אויף אַ אידישער אסיפה. מ'פאַרלירט דאָס ביסל דרך ארץ פאַר זיך אַליין און פאַרן אייגענעם לשון, בלויז דערפאַר, ווייל אויף דער אסיפה שוועבן אַרום די אַנשטעקנדיקע באַצילן פון דער — אַסימילאַציע!

ווען אַ פרוי, וואָס קאָן רעדן אַ גוטן, שיינעם אידיש, האָט פּלוצים אויפגעהערט צו רעדן — אידיש, און אָנגעהויבן צו קרייען נאָר אויף שפּאַניש... האַלט עס זייער שלעכט מיט איר.

זי איז שוין מער נישט קיין הון און נישט קיין האָן...

ביאַלאָגיש — אַ אידענע, נאָר גייסטיק — אַ אידישע הון, וואָס קרייט קוקוריקו אויף אַ פרעמדער שפּראַך אין אַ פרעמדער קולטור...

אונטער דער פרעמדער פאַרב און שמינקע, איז שוין נישטאָ גאָרנישט קיין אייגנס... זי ווערט נעבעך פאַרצערט, אויפגעגעסן פון דער פרעמדער, ווייבערשער אַסימילאַציע.

ווען אַ אידישער רעדאַקטאָר, וואָס עסט נאָך דערוייל ברויט פון אידיש געדרוקטן וואָרט. אָבער ווען ס'קומט אויס צו פאַרטיידיקן, איינשטעלן זיך פאַרן כבוד פון מאַמע־לשון, וואָס ווערט באַליידיקט אין אַ סך אידישע אָרגאַניזאַציעס, קריגט ער קאַלטע פיס... ער האָט נעבעך מורא פאַר עטלעכע אַסימילאַטאָרישע — „גבירהאָקראַטן"...

זעט מען שוין באַשיינפּערלעך, אַז ערליידט נעבעך פון דער פאַרשפּרייטער קרענק — אַסימילאַציע!

ווען אַ אידיש אינגל וויקלט איין אַ אידישע צייטונג אין אַ שפּאַנישער, כדי זיינע גויאישע חברים זאָלן נישט זען, אַז ער האַלט אַ אידישע צייטונג.

האָט שוין דאָס קליינע אינגל אָנגעהויבן צו ליידן (אַזוי יונג נעבעך), אויף דער קלעפּיקער קרענק, וואָס ער האָט זיך זיכער אָנגעשטעקט, זאַראַזשעט פון די גרויסע, מיט זייער — אַסימילאַציע!

ווען אַ אידישער באַקאַנטער שרייבער, דערקלערט גאַנץ אָפן, אַז ער וויל נישט שרייבן קיין אידיש, און אַז ער האָט נישט פאַר וועמען צו שרייבן אויף אידיש, ס'איז נישטאָ קיין סך לייענערס אויף אידיש, אַז ער האָט שוין פאַרלוירן די האָפנונג פון אידישן לשון מיט דער אידישער ליטעראַטור, און וועט איבערגיין אויף ענגליש אָדער שפּאַניש...

איז ער שוין אַ פּאַרטיקער, ער איז שוין נעבעך געכאַפּט אין דער מעשה — אַסימילאַציע!

ווען געטרייע עלטערן, וואָס רייסן איין די וועלט, לייגן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, צו געבן זייערע קינדער אַ אידישע דערציאונג. נאָר ביי זיך אין שטוב רעדן זיי נישט מיט זייערע קינדער קיין אידיש וואָרט.

איז נעבעך אויף די קינדער און אויף דער אידישער דערציאונג, און טאַקע אויך אויף די עלטערן, אַ גרויס רחמנות.

זיי ליידן שוין נעבעך פון דער פאַרשפּרייטער מחלה — אַסימילאַציע!

ווען עטלעכע אידישע פרויען רעדן צווישן זיך אידיש, נאָר ווען זיי דערזען אַ גוי, פאַרשעמען זיי זיך נעבעך מיט זייער מאַמע־לשון, און הייבן אָן צו קרייען — אויף אַ שלעכטן, גרילצעדיקן שפּאַניש.

דאַרף מען זיי שטאַרק באַדויערן, זיי הייבן שוין אויך אָן צו ליידן אויף דער — אַסימילאַציע!

ווען אידישע מיידלעך קומען זיך צוזאַמען, און ווילן בשום אופן נישט רעדן קיין אידיש. איז אויף זיי נעבעך גאָטס רחמנות, ווייל זייער גאַנץ ביסל אידישקייט, וואָס האַלט זיך ביי זיי אויף הינערשע פיסלעך מיט הויכע אָפּ־צאַסן, מיט זייערע פּיעסטאַס און „קומפּלעאַניאָס", איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי...

זייערע מאַמעס לערנען זיי נישט זאָגן קיין תחינות, נישט קיין ליכט בענטשן און נישט מאַכן קיין לאָקשן־קוגל און נישט רעדן קיין אידיש, נישט לייענען קיין אידיש בוך.

אדרבה, לאָמיר זען, וואָס פאַר אַ אידישקייט לערנען זיי יאָ? אַ חוץ „פּיעסטאַס", „באַילעס" און גיין אונטער דער חופּה...

האָט זיך נעבעך אַריינגעכאַפּט אין די שיינע, טייערע אידישע מיידלעך, די אַסימילאַציע מיקראָבן, און ערגער פון אַלץ, איז — וואָס זיי וויסן נעבעך נישט די „קראַסאַוויצעס" אונזערע, די איידעלע אידישע טעכטערלעך, אַז זיי ליידן פון דער פּאָפּולערער מחלה — אַסימילאַציע!

ווען אַ באַקאַנטער אידישער שרייבער, וואָס שרייבט פלאַם פייערדיקע אַרטיקלען, און שטעלט איין זיין פעדער מיט טינט פאַר דער אידישער שפּראַך און קולטור. אָבער אַליין רעדט ער נישט מיט זיינע קינדער קיין אידיש וואָרט, האַלט נישט פון דער אידישער טראַדיציע, נישט פון קיין אידישן יום טוב.

נאָר ער האָלט דערפאַר שיינע רעדעס (מויל מלאכה), פאַר דער אידישער דערציאונג.

און אומעטום וויל ער דווקא זיין, דאָס אויבערשטע פון שטויסל... ווי זאָגט מען עפעס: עושה מעשה זמרי ורוצה שכר כפינחס...

איז ער טאַקע אַ גרויסע סכנה פאַר זיך אַליין און נאָך מער פאַר אַנ־דערע... ער איז שוין נעבעך אַ פאַרפאַלענער. ער איז שוין גוט אָנגעשטעקט געוואָרן פון די געפערלעכער באקטעריעס, פון דער באַקאַנטער מחלה — אַסימילאַציע!

ווען פאָקער שפּילערס, האָבן ביים פאָקער־טיש אויפגעהערט צו וויצלען זיך און אַריינזאָגן איינער דעם אַנדערן אידישע שטעכווערטלעך ביים שפּילן, און האָבן איבערגעביטן דאָס אידישע פאָקער־לשון, אויף ענגליש אָדער שפּאַניש.

איז דער בעסטער סימן, אַז זיי ליידן שוין נעבעך אויך פון אַ פאָקער־אַסימילאַציע!

ווען די קינדער פון די אידישע שולן, אַז זיי גייען נאָר אַרויס פון די קלאַס־צימערן, רעדן זיי שוין נישט אויס צווישן זיך קיין איין וואָרט אידיש...

איז דאָס אַ טרויעריקער סימן, אַז נאָך אין זייערע היימען, ביי זייערע אייגענע טאַטע מאַמע, האָבן זיי זיך אָנגעזאָפּט און זאַראַזשעט, פון דער גע־פערלעכער קראַנקהייט -- אַסימילאַציע!

היט זיך אידן, ראַטעוועט זיך באַצייטנס פון דער גרויסער סכנה, פון דער געפערלעכער חלאת — אַסימילאַציע!!!

IV

אונזערע יום טובים

אונזער יום־טוב פון פרייהייט

לאָמיר זיך, ברידער אידן, אָנטאָן די יום־טובדיקע מלבושים און זיך זעצן פראַווען דעם סדר כדבעי, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. טאַקע לויטן גאַנצן פראָגראַם, ווי ס'איז אויסגערעכנט אין דער אַלטער הגדה של פסח.

לאָמיר אַלע פייערן דעם גרויסן, דעם גרעסטן אידישן יום טוב פון פריי־הייט, להכעיס אונזערע שונאים, וואָס ווילן אונז צוריק מאַכן פאַר שקלאַפן...

פסח מעגן פייערן, לכל הדעות, אַפילו אידישע ראַדיקאַלן, פריידענקער און סאָציאַליסטן.

בלויז די אידישע אַסימילאַטאָרן, זיי, זעט איר, זיינען אינגאַנצן פטור פון פרייהייט יום־טוב. זיי דאַרפן אַפילו נישט מקיים זיין די גרויסע מצווה פון די אַרבע כוסות, זיי דאַרפן אַפילו נישט טרינקען די פיר כוסות וויין.

אדרבה, פונקט פאַרקערט, די אַסימילאַטאָרן דאַרפן קיינמאָל נישט מוחל זיין, דעם גרויסן חטא, וואָס משה רבינו איז באַגאַנגען, נאָך מיט דריי טויזנט צוויי הונדערט יאָר צוריק, מיטן באַפרייען די אידן פון מצרים און מאַכן זיי פאַר אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק.

וואָס אייגנטלעך, האָט משה, נעבעך, געוואָלט האָבן פון זיי, פון די איבערגעשראָקענע, אַסימילאַטאָרישע אידעלעך, פאַרוואָס האָט ער זיי באַפ־רייט פון קנעכטשאַפט? פאַרוואָס האָט ער זיי נישט געלאָזט זיך אויסמישן מיט די מצריים, און די אידן־פראַגע וואָלט געלייזט געוואָרן מניה־וביה, גלייך אויפן אָרט, מיט איין קלאַפּ.

די אידישע אַסימילאַטאָרן, וואָלטן זיכער נישט באַפרייט געוואָרן פון

מצרים. ווי דער מדרש דערציילט אונז, זיינען די אידן אין מצרים באַפרייט געוואָרן צוליב פיר טעמים, און די צוויי גאָר וויכטיקע טעמים זיינען:

די אידן אין מצרים האָבן נישט געביטן זייערע נעמען.

די אידן אין מצרים האָבן נישט געביטן זייער לשון.

און צו וואָס דאַרפן אידישע אַסימילאַטאָרן אידישע נעמען מיט אַ אי־דיש לשון?

ווען משה רבינו איז געקומען אויסלייזן די אידן פון מצרים, האָט ער געפונען אידן מיט אידישע נעמען מיט אַ אידיש לשון. ווען עס זאָל זיך היינט פלוצים באַווייזן אַ נייער משה, אַן אויסלייזער, אַ באַפרייער, וואָלט ער זיכער געבליבן אַביסל צעמיטש און פאַרוואונדערט:

וועלכע זיינען טאָקע די אמתע אידן? און וועלכע נישט?

אַ העלפט פון אידישן פאָלק, וואָלט ער זיכער נישט געקאָנט אויסלייזן פון גלות. ער וואָלט זיי פשוט נישט דערקענט, אַז זיי זיינען אידן...

גייט לייזט אויס פון גלות אַ פאָלק, מיט אַזעלכע אידישע נעמען, ווי: גרישאַ, מישאַ, סאָניאַ, יוליאַ, דזשעק, דזשאָן, לעאָן, אַשע, סאַשע, מאַשע, קאַשע, יאַשע, פעליפע, כאַסע, פעפע, מיגעל און סאַלוואַדאָר...

גייט רעדט צו אַן אייגן פאָלק אויף אַלע שבעים לשונות, נאָר נישט אויף זיין אייגן לשון...

משה רבינו איז געווען דער ערשטער אידישער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט דערקלערט, נאָך פאַר די בונדיסטן און ציוניסטן, אַז פאַר פרייהייט דאַרף מען קעמפן און ליידן...

נישקשה, נישקשה, די אידישע ראַדיקאַלן, וואָלטן בכלל געמעגט דער־קלערן משה רבינו פאַרן ערשטן באַפרייער פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, און פאַרן ערשטן קעמפער פאַר מינאָריטעטן רעכט, און נאַציאָנאַל־קולטו־רעלע אויטאָנאָמיע...

משה רבינו, איז אָן שום ספק, געווען דער ערשטער היסטאָרישער מאַ־טעריאַליסט, נאָך פאַר מאַרקסן... ער איז געווען דער ערשטער איד, וואָס האָט דערזען, אַז אין יעדער סאָציאַלער באַוועגונג, איז דאָ אַן עקאָנאָמישער הינטערגרונט...

משה האָט פאַרשטאַנען, אַז די פרעה'ס מיט דער מצרישער בורזשואַ־זיע, וועלן בשום אופן נישט באַפרייען די אידן פון שקלאַפעריי אָן אַ קאַמף: ווען זיי האָבן געצוואונגענע, ביליקע, אידישע שקלאַפן־אַרבעט, עבודת־פרך.

משה רבינו, איז געווען דער ערשטער סאָציאַליסט, וואָס האָט אָנגעהויבן קעמפן פאַר אַ זעקס־טאָגיקער אַרבעטס־וואָך, ווען ס'איז נאָך נישט געווען קיין סינדיקאַטן, אַרבעטער־פאַריינען מיטן צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל, וואָס קאָנען דערקלערן אַן אַלגעמיינעם שטרייק די מצרישע עקספּלואַטאַטאָרס, און פאָדערן אַן אַכט שעהנדיקן אַרבעטס־טאָג...

דערפאַר אָבער, איז משה געווען אַן ערשטקלאַסיקער דיפּלאָמאַט.

ער האָט טאַקע גענוצט די אַמאַליקע, פאַרצייטיקע, פּרימיטיווע מיט־לען פון קאַמף: געפירט פּראָפּאַגאַנדע, געטעראָשעט, געגעבן צען מכות, מיט אותות ומופתים. אָבער אַ חוץ דעם, האָט ער אויך אָנגעווענדט דיפּלאָמאַטישע חכמה.

ער האָט געטענהט צו פרעהן, לאמר, אַזוי צו זאָגן:

הער פרעה, דו ווילסט דאָך אַוודאי, אַז די אידישע שקלאַפן זאָלן מאַכן וואָס מער אַרבעט. ווי זשע קאָנסטו פאַרלאַנגען פון מידע, שוואַכע האַרעפּאַשניקעס, וואָס אַרבעטן זיבן טעג אין וואָך, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן אַ סך און גוטע אַרבעט דערצו? אַמער, לאָז זיי בעסער איין טאָג אין וואָך אויס־רוען, וועלן זיי אין זעקס טעג אַרויסגעבן אַ סך מער אַרבעט, ווי איצט אין זיבן טעג.

דאָס איז אַ לאָגישער אַרגומענט, וואָס אַפּעלירט צו אַלע עקספּלואַטאַ־טאָרס ביזן היינטיקן טאָג...

און די אידישע שקלאַפן זיינען טאַקע באַפרייט געוואָרן איין טאָג אין וואָך, פון זייער שווערער פּראַצע.

דאָס איז געווען דער ערשטער אידיש־סאָציאַליסטישער שבת...

ווייזט אויס, אַז דער אַלטער בעל־הגדה, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז געווען אַ שטיקל רעאַקציאָנער מיט קאָנסערוואַטיווע אידייען...

הערט אַ מעשה! משה רבינו האָט געקעמפט און געליטן פאַר דער באַ־פרייאונג פון אונזער פאָלק אין מצרים, און האָט טאַקע געזיגט אויך, דאַרף דאָך דאַכט זיך, משה זיין דער גאַנצער מחותן אויף אונזער פרייהייטס יום טוב — פסח? נעמט דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער בעל הגדה, און דער־מאָנט אַפילו נישט דעם נאָמען פון גרויסן באַפרייער, פון דעם גרעסטן העלד פון יציאת מצרים!

דאַכט זיך, אַז צוליב אים טאַקע, צוליב משהן, עסן מיר פסח די גע־שמאַקע פסחדיקע מאַכלים: די קרוכלע אויסגעבאַקענע מצה, מיטן באַטעמטן זאַלץ־וואַסער מיט אייער, און טאַקע די פיר כוסות וויין מיט די קניידלעך, כרעמזלעך, מיטן הסיבעט, מיט די שאר ירקות.

נעמט דער בעל הגדה און דערמאָנט אין דער הגדה בלויז איינמאָל, צופעליק, משה רבינוס נאָמעןביים גאַנצן סדר...

אַזוי דאַנקען מיר אָפּ אויף אונזער גרויסן יום־טוב, דעם גרויסן העלד פון אונזער באַפרייאונג!

אַן עוולה, באמת, אַ גרויסע עוולה!

איך מאַך דעריבער אַ פאָרשלאָג, אַז מ'זאָל מאַכן אַ רעוויזיע אין דער אַלטער קאָנסערוואַטיווער הגדה, און די רעוויזיע זאָלן דווקא מאַכן די אידישע ראַדיקאַלן און סאָציאַליסטן...

אַזוי ווי די אידישע ראַדיקאַלן, קלייבן זיך צוריק אַריינברענגען די אי־דישע ימים טובים אין זייער היים, טאָ, זאָלן זיי טאַקע אָנהויבן מיט אונזער גרויסן פרייהייטס יום־טוב — פסח...

קודם כל, זאָלן זיי רעפאָרמירן די אַלטע הגדה, די באַטעמטע פסחדיקע מאכלים קאָנען בלייבן ווי פריער... די פיר קשיות קאָנען אויך בלייבן מיטן אַלטן נוסח און ניגון, נאָר מיט אַן אַנדערן טעקסט, ווי למשל: — טאַטע איך וועל דיך פרעגן פיר קשיות. די ערשטע קשיא וועל איך דיך פרעגן: מה נשתנה, פאַרוואָס זיינען די אידישע ראַדיקאַלן אַנדערש פון די ראַדיקאַלן פון אַלע פעלקער. אַלע ראַדיקאַלן פייערן זייערע נאַציאָנאַלע און פאָלקס יום־טובים, און די אידישע ראַדיקאַלן פייערן נישט קיין שום אידישן יום טוב, אַפילו פסח אויך נישט...

דער תירוץ קאָן אַפילו אויך בלייבן דער אַלטער — עבדים היינו, קנעכט זיינען מיר געווען ביי פרעהן אין מצרים — — — מיר האָבן געקעמפט און מיר זיינען דאָך באַפרייט געוואָרן פון דער מצרישער בורזשואַזיע, קאַפּיטאַ־ליסטן און עקספּלואַטאַטאָרס...

מיר זעען דאָך באַשיינפערלעך, ווי די געשיכטע חזרט זיך איבער.

משה רבינו האָט באַפרייט די אידן פון שקלאַפעריי ביי פרעהן אין מצרים, און דער נייער פרעה, דער באַנדיט היטלער, ימח שמו, האָט געמאַכט אַלע אידן אין די געוועזענע נאַצי־לענדער, צוריק פאַר שקלאַפן...

די אידן אין די געוועזענע נאַצי־לענדער, וועלן דאָס יאָר זיכער זאָגן ביים כהא לחמא עניא: — השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין, איצט זיינען מיר נאָך אַלץ קנעכט, איבער אַ יאָר, וועלן מיר זיין פרייע מענטשן...

איבערהויפּט דאַרפן די אידישע ראַדיקאַלן, צוריק רעסטאַווירן ביים ראַדיקאַלן סדר, דעם נאָמען פון העלד פון דער באַפרייאונג — משה רבינו!

און טאַקע פאַרוואָס זאָל שטיין אויפן ליכטיקן, שיין־געדעקטן סדר־טיש, בלויז אַן ערן־כוס מיט וויין, פאַר דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער און קעמפער מיט די פאַלשע נביאים — אליהו הנביא, און פאַרוואָס זאָל מען טאַקע אויך נישט אַוועקשטעלן אויפן סדר־טיש אַ גרויסן, שיין־באַפּוצטן ערן־כוס מיט וויין, פאַרן גרעסטן אידישן קעמפער און באַפרייער — משה רבינו?

כ׳מיין, אַז משה דער קעמפער, דער באַפרייער, האָט זיך כשר פאַרדינט, אַז די אידישע ראַדיקאַלן זאָלן אים אָפּגעבן כבוד פסח ביים סדר, ביים מאָ־דערנעם, וועלטלעכן, ראַדיקאַלן אידישן סדר... און טאַקע טרינקען, אַ חוץ די ארבע כוסות, אַ ספּעציעל געשליפענעם באָקאַל, פינקלדיקן, פסחדיקן וויין, לכבוד אונזער באַפרייער — משה רבינו!

די היגע אידישע ראַדיקאַלן און אידישיסטן (אַ סך רעליגיעזע אידן אויך), דאַרפֿן זאָגן די הגדה אויף אידיש, וועלן זייערע קינדער, כאָטש וויסן, פֿאַרוואָס זיי עסן קניידלעך, טרינקען פיר „קאָפּאַס" וויין, און פֿאַרוואָס זייערע טאַטעס זיינען אידן...

און פֿאַרענדיקן דעם סדר, מעגן זיי אַלע מיטן פסחדיקן ניגון:

לשנה הבאה — וועלן מיר זיין דאָ!...

ווען אידן ציילן ספירה

ווען אידן נעמען ציילן, ווען אידן נעמען רעכענען, ווען אידן נעמען מאַכן טאָג־איין, טאָג־אויס, אַ שטיקל חשבון, ווערט אַ ביסל טרויעריק אויפן האַרץ.

ווען אידן נעמען ציילן ספירה, ווערט דאָס גאַנצע לעבן מיטאַמאָל מאָנאָטאָן, אומעטיק און מרה־שחורהדיק.

אויס שמחות, אויס טאַנצן און אויס חתונות.

ווען אידן נעמען שוין יאָ אַמאָל רעכענען און ציילן בייננאַכט — די טעג... קומט אויס אַקוראַט, פּונקט, ווען רבי עקיבאס טויזנטער תלמידים האָבן אָנגעהויבן אויסשטאַרבן, ווען עס איז אַ מנהג צו האַלטן די טעג פון פסח ביז שבועות, פאַר טרויער־טעג.

און ווען דאַרפן אידן זיין טרויעריק? ווען דאַרפן אידן אויפהערן צו שפּילן, (נישט אין קאָרטן), צו טאַנצן, צו מאַכן חתונות און נישט שערן זיך די האָר? נישט חלילה אין די קאַלטע, פאַרחושכטע, פאַרוואָלקנטע ווינטער־טעג, ניין, נאָר דוקא אין די שענסטע טעג פונם יאָר — פרילינג.

דווקא אין די פרילינגס־טעג, ווען די גאַנצע נאַטור שטייט אויף תחית־המתים, ווען אַלץ שפּראָצט און בליט, ווען אומעטום הערשט די פרייד פון יצירה, ווען אין מענטשלעכע הערצער וועקט זיך און רעגט זיך אַ נייע האָפנונג צום לעבן, ווען דאָס בלוט אין די אָדערן נעמט שטאַרקער פּולסירן, ווען די אידישע ווייבלעך ווילן זיך אויספּוצן אין עסיק און אין האָניג, און אַריינכאַפּן אַ פרילינגס־פלירט...

פּונקט דעמאָלט נעמען אידן ציילן ספירה, און מען מוז זיך אויפהערן צו פרייען גאַנצע זעקס וואָכן.

ווען ס'איז נישטאָ קיין מזל, ווערן פון פרילינגס־טעג — טרויער־טעג...

דעם ערשטן קלאַפּ קריגט, נעבעך, די חתונה־אינדוסטריע.

אויס חתונות!

ווי זאָגט עפּעס אַ פאָלקס־ווערטל:

— אַז מ'נעמט ציילן ספירה, קומט אויף די קלעזמאָרים אַ פּגירה:

און אַזוי ווי ביי אונז אין מעקסיקע, מאַכן מיר מיט אַלע שמחות אַ „נדחה" אויף זונטיק, וועלן מיר איצט האָבן גאַנצע זעקס ליידיקע זונטיק, אָן חתונות, אָן בר־מצוות און אָן טענץ.

אַמאָל, האָט מען אַלע חתונות אָפּגעלייגט אויף שבת נאָך שבועות, היינט, לייגט מען אָפּ אַלע חתונות אויף זונטיק נאָך שבועות...

אַ מזל פון אַ זונטיק!

וואָס וועלן טאָקע טאָן די אידישע סאַרווערס, די גויאישע רעסטאָראַנען אָן באַנקעטן, אָן בר־מצוות און אָן חתונות?

אַ היגן אידישן כלל־טוער, האָט מיט אַ צוויי וואָכן צוריק געטראָפן דער גויאישער באַלעבאָס פון אַן אַריסטאָקראַטישן רעסטאָראַן, און אים געפרעגט אַ קלאָץ־קשיא:

— סטייטש, וואָס איז געוואָרן מיט אייער אידישער קאָלאָניע?, וואו זיי־נען אַהינגעקומען מיינע אידישע קליענטן? וואָסזשע, זיי באָיקאָטירן מיך, האָ? וואָס־זשע, שלעכט באַהאַנדלט אפשר?

כ'האָב דאָך געסערווירט אויף די אידישע חתונות און שמחות, די בעס־טע געבראָטענע „לעטשאָנעס" (יונגע חזירימלעך). אויף זייערע בר־מצוות און באַנקעטן, האָב איך דאָך זיי מכבד געווען, מיט די בעסטע חזירישע „טשו־לעטאָס" (שניצלעך)...

טאָ, וואו זיינען מיטאַמאָל פאַרפאַלן געוואָרן מיינע אידישע קליענטן?

דער כלל־טוער האָט דעם גויאישן רעסטאָראטאָר באַרואיקט און אים דערקלערט, אַז ער זאָל זיך חלילה נישט שרעקן. די אידישע קליענטן זיינען פון אים חלילה נישט אַוועק.

אדרבה, זיינע אידישע קליענטן ליגט נאָך דער טעם אין מויל, פון זיינע געשמאַקע געבראָטענע חזירימלעך. זיינע חזירישע שניצלעך גיבן צו דעם זיבעטן חן אויף אַ אידישע שמחה אָדער באַנקעט...

נאָר, ס'איז אַזאַ מנהג ביי אידן, פון פסח ביז שבועות נישט צו מאַכן קיין שמחות און קיין חתונות. ס'איז טרויער־טעג, אידן ציילן ספירה.

דער גוי האָט זיך פאַרטראַכט אַביסל, געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ניין, ער פאַרשטייט דאָס נישט:

— ס'טייטש, אידן זיינען דאָך אַ קלוג פאָלק, עפּעס אַן עם חכם ונבון, אידן זיינען דאָך גרויסע מבינים אויף אַ גוט שטיקל „שינקע", אויף אַ גוט שטיקל אויסלענדישן „כאַמאָן". ווי קומט דאָס, זיי זאָלן דוקא אויסקלייבן די שענסטע, צעבליטע פרילינגס־טעג, און זיי גאָר מאַכן פאַר טרויער־טעג?

נאָר גייט, גיט צו פאַרשטיין אַ גוי דעם טייטש פון: מה שפגמתי בספירה.

די מסדר־קידושין גייען אויך אַרום אין די ספירה־טעג אָן אַ שטאָך אַרבעט...

מילא, די התן־כלה וועלן נישט אנטלויפן. פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי בלית־ברירה, מוזן אָנקומען צו די מסדר־קידושין.

אָבער וואָס טוט מען מיט דער עברי? גאַנצע זעקס זונטיקן נישט אי־

בערחזרן דעם — משמח חתן עם הכלה, און דערנאָך ווידער דאַרפן זיך נע־מען צו דער מלאכה, און טאַקע ווידער פון אויסנווייניק...

טרויעריקע ספירה־טעג!

און טאַקע דאָס וויכטיקסטע פון וויכטיקסטן אויף אַ חתונה, כ׳מיין דאָ די חופה מיט די פיר חופה־שטאַנגען, זיי ווערן אויך גאַנץ נישקשהדיק פאַר־שוואַרצט אין די ספירה־טעג.

די זיידענע, אויסגעהאַפטענע חופה מיטן קול חתן וקול כלה, וואָס איז שוין געוואוינט געוואָרן, אַז אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, זאָל מען זי אַלע זונטיק אויסשפרייטן אין אַ העל באַלויכטענעם זאַל, איבער די קעפּ פון די צעשראָ־קענע, בלאַסע חתן־כלה, ליגט, נעבעך, איצט צוזאַמענגעלייגט ערגעץ אין אַ שופלאָד איינזאַם אין שול.

און די פיר זיילן, וואָס אויף זיי האַלט זיך דאָס פאַמיליע־לעבן, איך מיין, וואָס אויף זיי האַלט זיך די חופה... די פיר חופה־שטאַנגען שטייען איצט אין אַ ווינקל פון שול־הויף פאַריתומט, פאַרטרויערט. זיי בענקען און האָפן, אַז אָט־אָט, קומט דער שמש זיי נעמען.

און זאָלן אַלע זען, אַז אָן די פיר אויסגעטרוקנטע, קיילעכדיקע שטעקנס, קאָן קיין חתונה נישט זיין.

אויף זיי האַלט זיך דאָס, דער בנין עדי עד...

נאָר וואָס זאָל מען טאָן, פראַלעטאַרישע הילצערנע שטעקנס? מ׳מוז האָבן געדולט.

אידן ציילן ספירה.

און טאַקע אויף זיי, כ׳מיין אויף די חתן־כלה, איז דען נישט גאָטס רחמ־נות? ס׳איז פשוט אַ צער בעלי חיים...

פונקט אין סאַמע פרילינג, ווען דער צעבליטער גאָרטן, פאַרשיכורט מיט זיינע ריחות, ווען די שטערן ציטערן און פינקלען אין טיפן בלויען הימל און די זילבערנע לבנה פאַרכישופט, נעבעך, אין אַ זיסן חלום די פאַרליבטע פאָרלעך, וואָס האַלטן זיך פעסט ביי די הענט מיט פאַרקלאַמערטע פינגער... און קלאַפּנדיקע הערצער.

די חתן־כלה, נעבעך, קוקן זיך ביידע גלייך אין די אויגן אַריין, ווי זיי וואָלטן דאָרט געזוכט אַן ענטפער אויף זייער ליבע: ווען? ווען?

שבת נאָך שבועות, טייערע חתן־כלה! כ׳מיין, זונטיק נאָך שבועות, האַר־ציקע פאַרליבטע!

האָט געדולט, אידן ציילן ספירה!

די אידישע פריזירער, דערפילן אויך דעם טעם פון די טרויעריקע ספירה־טעג.

אידן שערן זיך נישט די האָר אין די ספירה טעג ביז ערב שבועות. מילא, דאָ אין מעקסיקע איז דאָס נאָך אַ האַלבע צרה.

אויב די אידישע פריזירער, ווערן נישט שערן קיין אידישע קעפּ גאַנצע זעקס וואָכן, וועלן זיי דערוויל בלויז ראַזירן אידישע פּנימער...

די אידישע צייטונגען, מוזן אויך אַסיבל צולײדן אין די ספירה־טעג. זיי מוזן, נעבעך, גאַנצע זעקס שבתים אויספּילן די ליידיקע זייטן פון די חתונה־פאָטאָגראַפיעס, מיט אַביסל טעקסט, מיט אַביסל מער לייען־מאַטעריאַל.

זאָל דערווייל דער עולם זיך מוטשן און לייענען אַ ביסל מער...

ס'איז דאָך עפּעס טרויעריקע ספירה־טעג.

ס'איז נאָך באמת אַ שטיקל גליק, וואָס ל"ג בעומר איז דאָס יאָר אויס־געפאַלן אין אַ זונטיק. וועלן דאָס אַ סך חתן־כלה אויסנוצן און אַריינכאַפּן אויף גיך־גיך, אַ ל"ג בעומרדיקע חתונה...

טאָמער חלילה נישט, וועלן זיי נעבעך מוזן וואַרטן ביז מען וועט, אם ירצה השם, אויפהערן צו ציילן ספירה, אזש ביז שבת נאָך שבועות, איך מיין, ביז זונטיק נאָך שבועות.

דערווייל ציילן אידן ספירה.

און, אַז מ'האָלט שוין יאָ ביים ציילן, וואָלט אוודאי געווען אַ יושר, אַז אַ סך היגע אידן זאָלן ביי זיך מאַכן אַ שטיקל חשבון, און לעבן מיט רעכנונג.

ס'וואָלט זיי אָסור געשאַדט, ווען זיי ציילן ספירה אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר...

זיי מעגן ציילן, נאָכציילן און איבערציילן, וואו זיי האַלטן מיטן באַנק־ביכל...

און נישט בלויז ציילן און דערציילן נישט געשטויגענע באָבע־מעשיות פון — שלי שלי, ושלך שלי, נאָר טאַקע ציילן און צאָלן!

דערבאַרמט זיך אידן, העלפט ציילן ספירה!

מתן־תורה

שבועות, איז אַ גרינער און אַ מילכיקער יום־טום. אין שבועות, עסט מען מילכיקע קרעפּלעך, ברייטע לאָקשן מיט קעז, און פּוטער קוכן מיט קאַווע. מ׳צירט אויס די שטוב מיט אַ ביסל גרינס, וואָס איז אָנגעוואַקסן צווישן פּסח און שבועות.

נאָר דאָס איז אַלץ בלאָטע, גאַרנישט מיט גאַרנישט. דער עיקר יום־טוב, די גאַנצע שבועות־שמחה, איז דער יום־טוב פון מתן־תורה. אין שבועות זיינען מיר געוואָרן אַ פאָלק מיט אַן אייגענער קאָנסטיטוציע — מיט אַ וועלט קאָנסטיטוציע... אין שבועות, האָבן מיר אידן מקבל געווען די תורה אויפן באַרג סיני. עפּעס אַ קלייניקייט די תורה! מיר האָבן מיט אונזער תורה אָנ־געמאַכט די גרעסטע וועלט־רעוואָלוציע, נאָך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. די תורה־רעוואָלוציע איז נאָך אַלץ נישט געענדיקט, זי האַלט נאָך אָן ביזן היינטיקן טאָג...

— די תורה, איז די בעסטע סחורה.

אַזוי האָט מען אונז, אידישע קינדער, איינגעוויגט קליינערהייט, און אַזוי ווילן אונז איינרעדן איצטער אַ סך גייסטיקע בטלנים: אַז די תורה איז נאָך אַלץ די בעסטע סחורה...

אין מדרש איז פאַראַן אַ שיינע לעגענדע:

— איידער דער רבונו של עולם, האָט געגעבן די אידן די תורה, איז ער אַרומגעגאַנגען מיט איר צו אַלע פעלקער און זי פאַרגעלייגט, אַז זיי זאָלן די תורה ביי אים צונעמען. נו, האָבן זיך די פעלקער גוט דערשראָקן, און איינציגווייז זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען, אָט די שיינע, האַרבע, שווערע תורה.

— וואָס? לא תגנוב! לא תרצח! — האָט זיך איין פאָלק דערשראָקן — מען טאָר נישט גנבענען, מ׳טאָר נישט מאָרדן! ניין, דאָס איז נישט קיין געשעפט פאַר אונז. פאָלג מיך אַ גאַנג! הער אויף מיט אַמאָל צוראַבעווען צו באַגזלענען און צו הרגענען...

— וואָס? מ׳טאָר נישט צונעמען דעם חברס ווייב? מען דאַרף גוט באַ־האַנדלען דעם אַרבעטער, מ׳דאַרף העלפן דעם מיטמענטש. מ׳דאַרף זיין הייליק און ריין. ניין! דאָס איז נישט פאַר אונז קיין עסק — האָבן זיך די רעשט פעלקער אָפּגעשאָקלט פון גאָטס תורה. — דאָס איז אַ „ביזנעס" פאַר מלאכים, נישט פאַר האַלב־ווילדע מענטשן. דאָס איז אַ געשעפט פאַר אויס־

דערוויילטע, פאַר איבער־מענטשן... זוך דיר גאָטעניו, אַ בעסערן קונה פאַר דיין תורה!

האָט גאָט, ברוך־הוא, פאָרגעלייגט זיין תורה די אידן, האָבן זיי זיך באַלד אָן איר אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי... ס'איז אַ סברא, אַז די אידן וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן באַרג סיני און האָבן מקבל געווען די תורה, האָבן בשעת־מעשה נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ משא־ומתן, זיי גייען דאָ מאַכן, וואָס פאַר אַ גרויסע מציאה זיי כאַפּן, וואָס פאַר אַ טייערע סחורה זיי גייען זיך איינהאַנדלען...

גאָט, ברוך הוא, האָט געטענהט צו די אידן: — נעמט איר אָן מיין תורה, איז מה טוב. אלא, טאָמער נישט, וועט אייך דער אייגענער באַרג סיני צודעקן און אויס אידן! — וואָס פאַר אַ נוצן וועל איך האָבן פון אייך? צו וואָס באַשאַפן אַ ניי פאָלק אויף מיין וועלט. כ'האָב זיי געגנוג די ווילדע פעלקער. זעט איר, אויב איר וועט אָננעמען מיין תורה, זי פאַרשפּרייטן צווישן די אומות העולם. אויסשטיין צוליב מיין תורה געברענטע צרות, וועט איר ביי מיר זיין — דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון גאָט אַליין, דאָס אויבערשטע פון שטייסל... האָבן זיך די אידן אוודאי דערשראָקן, אָנגעהויבן ציטערן און פלאַטערן, און געענטפערט בחפזון, אַלע אין איין קול — נעשה ונשמע!!! מיר וועלן טאָן און הערן! אַ ברירה האָבן זיי געהאַט, דער רבונו של עולם האָט זיינס אויסגעפירט...

טראָגן מיר זיך אַרום מיט דער טייערער סחורה שוין אַ קימאַ־לן פון אַ דריי טויזנט יאָר. ווי זאָגט מען: חרטה האָבן איז נישט מעשה סוחר... קנעלן מיר מיט דער וועלט ווי גוטע מלמדים, און נישט פון אָרט! די וועלט האָט אַ גראָבן קאָפּ און וויל בשום אופן אונזער תורה נישט פאַרנעמען, כאָטש האַק און בראָק! גאַנץ פשוט: ס'לוינט זיך איר נישט!

צי לוינט זיך די היטלעריסטן צו האַלטן פון דער אידישער עטיק און מאָראַל?

צי לוינט זיך באַהאַנדלען די אַרבעטער ווי גלייכע מענטשן, צוליב די רייד פון די אידישע נביאים?

טראָגן מיר דאָס פעקעלע סחורה איבער דער וועלט, און ס'געפינט זיך נישט קיין אנשטענדיקער, לייטישער קונה. אָט, אַ פּנים, נישט קיין גאנגבאַרע סחורה, אונזער תורה...

אָט, האָט זיך אונז אויסגעוויזן, אַז דאָס געבילדעטע קולטורעלע דייטשלאַנד, ווערט עפּעס פּאַני־בראַט מיט אונזערע עטישע פּרינציפּן, מיט אונזער תורה. האָט זיך אָבער אינם קולטורעלן דייטש, אויפגעכאַפּט די דרימלענדע בלוטדורשטיקע חיה, זיך צעבריקעט און איבערגעקערט דאָס גאַנצע ביסעלע מענטשלעכע קולטור, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף...

— גייט אייך מיטן קריסטנסטום! ס'איז אַן אימיטאַציע פון אידנטום...

— גייט אייך מיט אייער ביבל מיט אייער תורה!, דאָס ריין־ראַסיקע דייטשלאַנד, האָט אַן אַלטע אַרישע תורה, וואָס ווייסט נישט פון אידישן רחמנות, פון אידישן פעלקער־פאַרברידערונג, פון נביאישן — וועלט שלום... איר האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ תורה, האַלט זיך מיט איר!

מילא, נו, טראָגן מיר דאָס פעקעלע. ווי זינגט מען עפּעס אין אַ אידישער אָפּערעטע:

טראָג, טראָג, דאָס פעקעלע, אידעלע,
טראָג און ווער נישט מיד.

און ביי אונז אַליין, די אייגנטימער פון דער תורה, איז זי שוין באַלד אויך געוואָרן אַ פאַרלעגענע סחורה. אדרבה, לאָמיר אומישנע זען וואָס פאַר אַ תכלית מיר האָבן געמאַכט פון איר.

די משומדים און בוגדים זיינען שוין לאַנג אַנטלאָפן פון דער תורה. און די אַסימילאַטאָרן, האָבן זיך געשעמט צו רופן אידן. נאָר דייטשן אָדער פּאָלאַקן פון משהס גלויבן, אָבער נישט פון משה פאָלק. געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון די פּלייצעס, דאָס שווערע אידישע „פּעקל". יאָגט מען זיי איצט צוריק צו אונז... און ביי די פרומע, אָרטאָדאָקסישע אידן, האָט נעבעך אויך די תורה נישט קיין גוטע מערכה. כ'בעט אייך, וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו מתן־תורה אַ פרומער אידישער פאַבריקאַנט, וואָס טראָגט אויפן קאָפּ אַ יאַרמולקע מיט אַ שטריימל, און לאָזט נישט אַרויף אויף זיין שוועל קיין אידישן אַרבעטער? וואָס־זשע, מיטן, בלויזן טראָגן באָרד און פאות מיט אַ יאַרמולקע, איז מען מקיים תורת־משה? וואָס געהערן זיך אַן געוויסע רייכע, אידישע געלד־זעק, מיט די עטיש־מאָראַלישע פּרינציפּן פון תנ"ך...

אַן אויפגעקומענער אַל־רייטניק, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פערד־שמייסער, קוקט מיט ביטול ,פון אויבן אַראָפּ, אויפן גרעסטן תלמיד־חכם. אַ געוועזענער באַד־יונג, וואָס האָט געמאַכט געלד. דער קלענסטער סוחרל, אַ נישטיקער קרעמערל, קוקט אויף שרייבער, פּאָעטן און קינסטלער, ווי אויף פאַרשלעפּטע קרענק, טויגניכטסן און לא־יצלחס. ווער מיר געלערנטקייט, וואָס מיר תורה! ווער ס'האָט די מאה, דער האָט די דעה...

אַמאָל, האָט אַ וואויל־לערנער, אַ גוטער קאָפּ, אַ תורה קענער, געקענט קריגן דעם בעסטן שידוך. די שענסטע טאָכטער פון גרעסטן שטאָט גביר, מיט אַ פעטן נדן און אייביקע קעסט. היינט באַציט מען זיך צו אַזאַ איינעם מיט חוזק און מען רופט אים באַנק־קוועטשער, און פאַרן גרעסטן גמרא־קאָפּ, פאַרן גרעסטן דאָקטאָר־פילאָזאָף, גיט מען נישט קיין צעבראָכענעם סענט... אַפילו אַ פאַרזעסענע מויד — אַ בוגרת, האָט אויך מורא חתונה צו האָבן מיט אַ געלערנטן בטלן. — נישט אַזאַ טייערע סחורה די תורה...

נאָר די תלמידי חכמים און, להבדיל, דיכטער, שרייבער און קינסטלער, דאַרפן ביי זיך נישט זיין געפאַלן. עט! ווייסיך וואָס! אונזער וועלטל וועט

זיך אַזוי לאַנג דרייען און דרייען, ביז זי וועט זיך אריינדרייען צום — והיה באחרית הימים... און, אַז די מענטשן־קינדער וועלן אויפהערן מורא צו האָבן איינער פאַרן צווייטן. זיך אויפהערן קעגנזייטיק אויסצושעכטן, מיט אַ נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישער ברכה אויף די ליפּן... ווען אַלע מענטשן וועלן אַרומגיין מיט אַ זאַטן מאָגן, וועט אפשר מקוים ווערן דעם נביאס רייד:

— כי מלאה הארץ דעה — — — ס'וועט פול ווערן די וועלט מיט וויסן...

יעדער מענטש וועט קענען, לכל־הפּחות: שפּילן פידל, שרייבן סאָנעטן, זיין אַ רעדאַקטאָר, מאָלן בילדער, פאַרשטיין איינשטיינס רעלאַטיוויטעט טעאָריע, און קענען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" אויף דער עספּעראַנטאָ שפּראַך...

דעמאָלט, וועט מען אונז זיכער נישט שלאָגן, פאַר געבן די וועלט אַ אַ תורה...

אַ טאָג פון געדענקען

ראש השנה איז אַ יום הזכרון.

אונזער ניי־יאָר איז אַ טאָג פון געדענקען.

ראש השנה, האַלטן מיר אין איין דערמאָנען דעם רבונו של עולם, ער זאָל געדענקען בלויז די גוטע זייטן אונזערע און נישט בלויז אונזערע שלעכטע מעשים, וואָס מיר האָבן אָפּגעטאָן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

מיר דערמאָנען דעם אייבערשטן, פונקט ווי אַ גוטן בעל־חוב, ער זאָל זיך חלילה, נישט צוהערן צום שטן המקטרג, צום שוואַרצן פּראָקוראָר, וואָס מסרט אויף אונז, פונקט ווי אַ גוטער נאַצי־אַגיטאַטאָר, דערציילט אונזערע קליינע זינד און גרויסע הטאים, וואָס מיר זיינען באַגאַנגען אינם לעצטן יאָר, סיי בשוגג און סיי במזיד...

און אויב מיר האָבן טאַקע אַ נישקשהדיק פּעקל זינד אָנגעזאַמלט אויף די פּלייצעס אינם פאַרגאַנגענעם יאָר, זאָל ער, דער רבונו של עולם, מוחל זיין און כאַפּן אַ קוק אויך אויף אונזערע מצוות און מעשים טובים, וואָס מיר האָבן געטאָן פאַראַיאָרן, אָדער מיט אַ צוויי יאָר צוריק.

אפשר וועלן מיר זיך אויסגלייכן...

און אויב אונזער באַלאַנס איז אַלץ אַ שלעכטער און הינקט אונטער אַביסעלע, זאָל ער זיך דערמאָנען און אַריינגעמען אין חשבון אונזערע גרויסע פאַרדינסטן פון אַמאָל, אַמאָל!...

זאָלן די גוטע, באַרמהערציקע ווייסע מלאכים אַרויפליגן אויף דער וואָגשאָל די מעשים טובים פון אונזערע אָבות, פון אונזערע ערשטע גרויסע פאָטערס.

זאָל זיך גאָט דערמאָנען אין די ערשטע טריט פון אונזערע גרויסע פירער, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט, פאַרעקשנט, אַז ס'מוז דווקא זיין אַ אידיש פאָלק אויף דער וועלט...

מיר מוזן דווקא גלויבן אין איין גאָט, און היטן די שווערע צען געבאָט, די תרי"ג מצוות...

אדרבה, זאָל זיך דער רבונו של עולם דערמאָנען (ער האָט אַ גוטן זכרון), אין די פּעקלעך צרות אונזערע, אַלץ דערפאַר, וואָס מיר ווילן איוואָן פּאָפּערילע, אַביסל אויסמענטשלען מיט אונזער אַלטער תורה און נייע אידייען...

וועלן מיר דעמאָלט זען, ווער, וועמען איז שולדיק ?

אדרבה, זאָל ער אומישנע כאַפּן אַ קוק אין אונזערע אַמאָליקע זכרונות. ראש השנה איז אַ יום הזכרון, אַ טאָג פון געדענקען.

און דווקא מיר אידן האָבן, ווייזט אויס, אַלע מאָל געהאַט אַ קורצן זכרון...

נישט בחינם האָט משה רבנו אָנגעזאָגט די אידן, זיי זאָלן געדענקען און געדענקען און נישט פאַרגעסן, חלילה, וואָס זיי דאַרפן געדענקען...

אַ פרומער איד זאָגט טאָקע אַלע טאָג ביים דאַוונען די זעקס זכירות, די זעקס וויכטיקע זכרונות, וואָס אידן מוזן און דאַרפן געדענקען.

איי, ווען מיר, אידן, זאָל טאָקע האַלטן פון — למען תזכור, ווען מיר זאָלן טאָקע האָבן אַ גוטן זכרון און אין דער אמתן געדענקען, וואָס מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, וואָלטן מיר אפשר איצט נישט באַדאַרפט אַזוי פיל ליידן אויף דער וועלט...

מיר דאַרפן, קודם־כל, געדענקען, אַז עס זיינען נישטאָ קיין דייטשן אָדער פּאָליאקן פון משהס גלויבן... נאָר אידן וואָס מעגן זיין פון משהס גלויבן, פון ישעיה הנביאס האָפנונגען, מוזן זיי אָבער זיין אידן — מיט אידישער קולטור...

מיר דאַרפן אַריינהאָמערן אין אונזער זכרון, אַז אַ חוץ פאַבריקן און געשעפטן, דאַרפן מיר אויך האָבן אַ אידישע שול, אַ אידישע ביבליאָטעק און אַ אידיש טעאַטער.

מיר מעגן געדענקען, אַז דער עם הספר, דאָס פאָלק פון בוך, דאַרף אַ חוץ טשעק־ביכלעך און פעקלעך קאָרטן, אויך נעמען אין האַנט אַריין אַ אידיש בוך מיט אַ אידישער צייטונג...

מיר וואָלטן אויך געדאַרפט געדענקען די גילדענע בערג, וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט אונזערע פרויען, איידער זיי האָבן מיט מזל חתונה געהאַט מיט אונז.

אין יום הזכרון, מעגן מיר אויך געדענקען, ווען מיר דאַרפן צאָלן די טובה־וועקסעלעך, מ׳זאָל זיי, חלילה, נישט לאָזן פּראָטעסטירן, אָדער גאָר זאָגן דעם צווייטן פסוק פון שיר השירים — ישקני...

די אידישע פרויען, (מענער אויך), וואָלטן געמעגט געדענקען, אַז כאָטש גאָט האָט זיי געהאָלפן, און זיי וואוינען אַזש לעבן היפּאָדראָמאָ־פּאַרק, דאַרפן זיי פונדעסטוועגן זיך נישט צעשרייען אין פּאַרק, ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן. מ׳וואָלט געמעגט אַביסל ווייניקער פילדערן און טומלען אויף אַלע זיבעציק לשונות.

דערבאַרימט זיך און געדענקט אויפן נייעם יאָר, אַז אַ חוץ אידן, זיצן אין פּאַרק אויך עטלעכע גויים...

די היגע דאַטשע־פּאַרער דאַרפן אויך געדענקען, אַז באַלד, באַלד וועלן

אויפהערן די נודנע רעגנס און ס'וועט אָנקומען דער „אינדיאַנער זומער" מיט אַ מילדער וואַרימקייט. די זון וועט שיינען אַ גאַנצע טאָג, אַלע נאַכט — אַן אויסגעשטערנטער בלויער הימל. און דער עולם וועט זיך אַ לאָז טאָן מיט אימפעט אין — קוואָטלאַ, זיך טובל זיין אין שמעקעדיקן וואַסער, וואָס מאַכט פון פעט — מאָגער און פון מאָגער — פעט...

געדענקט זשע ליבע, טייערע דאַטשניקעס, אַז איר דאַרפט נישט און איר זענט נישט מחויב מיט גוואלד אויפצועסן אַלץ, וואָס מ'גיט אייך, און וואָס מ'גיט אייך נישט...

האָט גאָט אין האַרץ און אַ טראָפּעלע רחמנות אויפן רעסטאָראַטאָרס קעשענע, און אויף אייער איבערגעפּאַקטן מאָגן...

און אַז איר גייט צו טבילה, אין קוואָטלאַ, צום וואַסער, דערבאַרימט אייך, מאַכט נישט אַזעלכע גוואַלדן, ווי מ'טרייבט אַ סטאַדע גענז.

צו וואָס דאָס קוויטשען און ליאַרמען, האַ? מ'לאָזט אייך דען נישט רואיק ווייקן זיך אין וואַסער, ווי די פעטע קאַטשקעס, און בראָטן זיך אונ־טער דער שרפהדיקער זון, ווי אַ ברוינער פורים־קויליטש?...

די אידישע עלטערן, וועמענס קינדער ס'גייען אין דער אידישער שול, מעגן זיך אויך דערמאָנען אין היינטיקן יום הזכרון, אַז זיי דאַרפן געדענקען נישט צו פאַרגעסן צו צאָלן שכר־לימוד אין דער צייט, ווייל טאָמער צאָלט מען נישט די לערער אין דער צייט, סטראַשען זיי מיט אַ שטרייק...

אַז מ'צאָלט נישט די אַרבעטער, קאָנען זיי צונעמען די פאַבריק מיט דער סחורה. איז טאַקע דאָ אַ גרויס געפאַר, אַז אויב מ'זאָל נישט צאָלן די לערער, וועלן זיי נאָך צונעמען די שול מיט די קינדער...

אַ סך פרויען און מיידלעך מעגן אויך געדענקען, ווען זיי גייען אויף אַ חתונה, אויף אַ באַנקעט, אָדער אויף טאַנץ־אָוונטן, אויף אַ „באַילע", הייסט עס, דאַרפן זיי, למען־השם, נישט פאַרגעסן זיך אָנצוטאָן...

צו וואָס זאָלן זיי מאַכן אַן אומזיסטע אויסשטעלונג פון נאַקעטע, ביי־נערדיקע פלייצעס, מיט קיילעכיקע פליישיקע אָרעמס?...

און ס'איז טאַקע פשוט אַ גרויסע סכנה, זיי זאָלן זיך, חלילה, נישט צוקילן די דאַרע פלייצעס, נעבעך. ווייל אַ סך באַל־קליידער זענען גיכער אויס, כ'בעט איבער אייער כבוד, ווי באַד־קאָסטיומען... מיטן אונטערשייד, וואָס דאָס באַל־קלייד איז אונטן לענגער און אויבן קירצער.

און האַלטן, האַלט זיך דאָס דאַזיקע האַלבע קלייד, אויף משקלות, אויף צוויי דינע, שמאָלע זיידענע בענדלעך, און טאָמער, חס וחלילה, די שעה זאָל נישט זיין, רייסן זיך איבער די צוויי סטענגעס אויף די אַקסלען, קאָן דער עולם האָבן אַ בחינמדיק קאַבאַרעט־ספּעקטאַקל...

די היגע אידישע כלה־מיידלעך דאַרפן אויך געדענקען, אַז נישט אַלע חתנים מוזן דווקא זיין רייכע פאַבריקאַנטן, אָדער סוחרים מיט אייגענע קאָ־

טשעס. אַלע בחורים קאָנען דאָך נישט זיין קיין כעמיקער, אינזשינירן אָ־ דער דאָקטוירים...

נישקשה, מען מעג אויך נעמען אַ חתן אָן אַ טיטל, און אָן אַן אייגענער קאָטשע, איידער צו וואַרטן ביז זיי מעגן שוין הערן שופר־בלאָזן...

די היגע אידישע זשורנאַליסטן, וואָלטן אויך געמעגט געדענקען, אַז ווען זיי צעקריגן זיך און נעמען זיך זידלען, זאָלן זיי כאָטש נוצן אַביסעלע שענערע פּאָעטישע ווערטער...

און זיך מכבד זיין מיט מער געהויבענע און צאַצקעדיקע טיטלען... וואָס אפילו „סעם דער שיכור” קאָן פון זיי רויט ווערן...

לאָמיר טאַקע אַליין אויך עדענקען, און נישט פאַרגעסן אייך צו ווינטשן:

— אַ גוטן זכרון און אַ שנה טובה!

געסט...

כ'מיין נישט די געסט, וועלכע איר לאדט איין צו זיך אויף אַ שמחה, אויף אַ גלעזל טיי, אָדער אויך צו נעמען אַ האַנט־קאָרטן...

ניין, נישט די געסט מיין איך.

כ'מיין אויך נישט די אומגעבעטענע געסט, וועלכע פאַלן אַריין צו אייך אומגעריכט, ווי אַ יוון אין סוכה...

פאַראַן אומגעבעטענע געסט, וועלכע קומען דעמאָלט צו אייך, פונקט ווען איר ווילט זיין מיט זיך אַליין...

זיי קומען דאַן, ווען איר ווילט זיך אַביסל אָפּרוען, ווען איר ווילט זיין, וואָס ווייטער פון די טייערע פריינט אייערע, פון דעם גאַנצן אויסדערוויילטן מענטשלעכן מין...

די אומגעבעטענע געסט, וועלכע קומען אייך אָפּשטאַטן אַ וויזיט, פונקט דעמאָלט, ווען אייך גלוסט זיך אַביסל אדורכריידן מיט אייער טייער ליב ווייבל, מכוח אַן ערנסטער פראַגע...

און פונקט, ווען איר הויבט אָן צו נעמען אַ העכערן טאָן און ווערט אויף אַן אמת אין כעס, מוזט איר גיך בייטן אייער טאַקטיק, מאַכן אַ פריי־לעכע מינע, און ווייזן אייערע אומגעבעטענע געסט, אַז איר לעבט זיך, ווי צוויי טייבעלעך...

פאַראַן אומגעבעטענע געסט, וואָס פאַלן אַריין צו אייך אין מיטן עסן, אָדער ווען איר קלייבט זיך לייגן שלאָפן...

אָדער אייער שכן קומט צו אייך צו גאַסט, און וויל דערוויייל באָרגן אַ גמילת חסד, פונקט דעמאָלט, ווען איר דאַרפט צאָלן דירה־געלט, אָדער ווען איר קריגט זיך פונקט מיט אייער שותף...

כ'מיין אויך נישט, ווען אייער געטרייער פריינט קומט צו אייך אומ־געריכט צו גאַסט, און פרעגט זיך שטאַרק נאָך אויף אייער יונג, שיין ווייבל...

און נישט די אומגעבעטענע געסט, וועלכע קומען צו אייך אַלע וואָך בעטן נדבות, און דרייען אייך אַ קאָפּ מיט ביישטייערונגען פאַר אַן אָפּגע־ברענטער מקווה, אָדער פאַר אַ נייער אידישער טעריטאָריע...

אויך נישט די אומגעבעטענע געסט, וואָס מ'טרעפט תמיד אויף אידישע חתונות און פאַרזאַמלונגען... אָדער ווען דריי מענטשן פירן אַ שמועס, קומען

באַלד צו עטלעכע זייטיקע „געסט", לייגן צו אַן אויער און הערן זיך צו וואָס איר רעדט...

כ'מיין אויך נישט, ווען די שוויגער אייערע, קומט אייך מאַכן אַ וויזיט און אין איינוועגס געוואָר ווערן, ווי אַזוי איר באַהאַנדלט די טאָכטער אירע...

כ'מיין דאָ, אַ נייעם סאָרט געסט. הייליקע געסט, וואָס קומען צו גאַסט בלויז אין די הייליקע טעג פון יאָר...

כ'מיין די ימים נוראימדיקע געסט... די ראש השנה און יום־כפור געסט...

כ'מיין נישט חלילה די פרומע אידן, וואָס קויפן זיך אַ „שטאָט" אין שול צי אין אַ מנין פאַר מזומנים, פאַר גוטע געלט, צו פינף, צען און פופצן פעזעס אַ בילעט, להבדיל, אלף הבדלות, פונקט ווי מ'קויפט בילעטן אין דער גראַנד־אָפּערע, אָדער אין אידישן טעאַטער...

כ'מיין, די יום כיפור־געסט, וואָס פּאַקן אַן די שולן און מנינים אַזוי זיך: אַן געלט, אַן בילעטן און אָן אַ סענט...

זיי זיינען נישט מער ווי געסט. זיי קומען, נעבעך, נישט מער, ווי קוקן ווי אידן דאַווענען... און, אַז מ'שטייט צו צו אַזאַ יום־כיפור־גאַסט, קויפט ער אויך אַמאָל אַ בילעט...

ראש השנה, זיינען די געסט יוצא בלויז מיטן שופר בלאָזן...

ווען מ'האַלט ביי שופר בלאָזן, ווערט מיט אַמאָל אָנגעפּאַקט די שול מיט אומבאַקאַנטע מאָדנע געסט... אין שול ווערט אַן ענגשאַפט, אַ שפּאַ־רעניש. אַלע געסט ווילן בעסער הערן דעם קול השופר, דאָס שופר בלאָזן...

און נאָכן שופר בלאָזן, ווערט ווידער אַ ביסל שיטערלעך אין שול. די ימים נוראימדיקע געסט, ווערן מיטאַמאָל אויסגעטרוקנט, פאַרפאַלן, ווערן נעלם פון שול...

די שופר־בלאָזן געסט, באַשטייען די מערסטע פון פרויען און מייד־לעך... דערפאַר אָבער זיינען די יום כיפור געסט אַ סך מער. זיי פילן אָן די שולן און מנינים צו כל נדרי און צו נעילה...

די מערסטע יום־כיפור געסט מאַכן קורצע וויזיטן אין שול. קומען צו גיין, כאַפּן אַ שמועס אויף אַ האַלבע שעה, גייען אַוועק און קומען ווידער...

פאַראַן אין די שולן און אין די ימים נוראימדיקע מנינים, אמתע דאַוו־נער, פרומע אידן, וועלכע קומען זיך מתוודה זיין אויף זייערע זינד און בעטן ביי גאָט אַ מחילה פאַר די אַלע עבירות, וואָס זיי זיינען אפשר באַ־גאַנגען דורכן אַלטן יאָר...

און פאַראַן אידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס גייען דאַווענען גלאַט אַזוי זיך. פרומע אידן גייען אין שול אַריין, גייען זיי אויך... פונקט ווי מ'גייט צו גאַסט.

אַ סך אידן, ציט עפּעס ביי דער נשמה אין די דאָזיקע פאַרכטיקע טעג. עפּעס ציט זיי צו זיין מיט אידן אין שול. זיי פילן זיך צופרידן און באַרו־

איקן זייער געוויסן, ווען זיי קענען זיך אויסמישן מיט די אמתע שול דאַווּ־נער, כאָטש בלויז דריי טעג אין יאָר, ראש השנה און יום כיפור...

אַ סך גייען אין שול אַריין צוליב באַקאַנטע, פריינט, משפּחה. מ׳שעמט זיך אַביסל. מילא, וואָס קען מען דאָ אָנווערן... שטייט מען אַביסל אין שול, מ׳הערט ווי מ׳דאַווּנט און מ׳איז יוצא פאַר אַלע. שאָדן צו פּרנסה קען עס זיכער נישט...

מ׳איז נישט מער ווי אַ גאַסט!

די ימים נוראימדיקע געסט, הויבן אָן צו ווערן אַ פּראָבלעם פאַר די אמתע דאַווּנער.

די יום־כיפור געסט, ווערן וואָס אַ יאָר מער און מער. ס׳האַלט שוין דערביי, אַז די יום כיפור געסט זאָלן ווערן די מערהייט אין אַלע שולן און מנינים...

ס׳איז דאָ אַ געפאַר, אַז עס זאָלן בלייבן בלויז אַ קליינע צאָל אמתע דאַווּנער, און אַ פול געפּאַקטע שול מיט בלויז געסט...

פאַראַן אויך וואַנדערנדיקע יום־כיפור־געסט, וואָס וואַנדערן אַרום פון איין שול אין דער צווייטער...

אין איין שול הערן זיי, ווי מען פאַרקויפט די עליות פאַר הויכע, אַרויפ־געשרויפטע פּרייזן... אין אַ צווייטער שול, זען זיי ווי דער חזן פאַלט כורעים ביי דער „עבודה". אין אַ דריטער שול הערן זיי אָבינו מלכנו... און אין דער פערטער שול, הערן זיי בלאָזן שופר נאָך נעילה און גייען אַהיים עסן, אויב זיי זיינען הונגעריק...

אַ סך מעקסיקאַנער ווייסן שוין ווען ס׳איז יום כיפור, ווען זיי זען די יום־כיפור־געסט אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, גייען אַריין און אַ־רויס פון די שולן און מנינים, און די קינדערלעך שפּילן זיך און טומלען אויפן הויף אַ גאַנצן טאָג...

די „פּאָרטעראָס" פון די שולן ווייסן בעסער, ווען ס׳איז יום־כיפור, ווי אַ סך היגע אידן...

ווען די „פּאָרטעראָס" זעען די יום־כיפור־געסט זיך אַרומדרייען אויפן הויף פון שול, שטייען אין די קאָרעדאָרן פון שול און כאַפּן אַ געשמאַקן יום־כיפורדיקן שמועס, זיינען זיי זיכער, אַז היינט איז יום־כיפור... ווען זיי זעען אַזוי פיל אויסגעפּוצטע פרויען, זיצן אויף די שטולן אין מיטן טאָג... און די אויסגעפּוצטע מיידלעך מיט די יונגע לייט שטייען ביי דער טיר, און רעדן און רעדן פאַר פייער און וואַסער... זיינען זיי זיכער, אַז היינט איז יום־כיפור...

אין דער „יוגנט געזעלשאַפט", איז אַמאָל געווען אַ גרויסער מאַסן־מי־טינג, די זאַלן זיינען געווען געפּאַקט און מ׳האָט נישט געשריגן, נישט גע־טומלט און זיך נישט געקריגט, איז דער פּאָרטעראָ פון קלוב צוגעגאַנגען

צו איינעם און נאַאיוו געפרעגט: צי ס׳איז הייגט נישט אַמאָל יום־כיפּור כיינאַכט...

די יום־כיפּור־געסט זיינען שוין ביי אונז געוואָרן, אַן אינסטיטוציע א גאַנצע...

מ׳ווייסט שוין ווער ס׳גייט באמת דאַווגען און ווער ס׳גייט בלויז מאַכן אַ וויזיט... ווער ס׳גייט זיך אויסבעטן ביים רבונו של עולם אַ גוט קוויטל, און ווער ס׳איז נישט מער בלויז, ווי אַ יום־כיפּור־גאַסט...

די היגע יום־כיפּור־געסט, דערמאָנען אַן די אַמאָליקע יום־כיפּור־געסט אין וואַרשע...

מ׳דערציילט, אַז אין איינעם פון די גרעסטע גויאישע רעסטאָראַנען אין וואַרשע, האָט שוין דער בעל הבית פון רעסטאָראַן, געוואוסט, ווען עס איז יום־כיפּור, כאָטש ער האָט נישט אַריינגעקוקט אינם אידישן לוח...

ווען דער רעסטאָראַן איז געווען פול מיט אידן, האָט דער גויאישער רעסטאָראַטאָר געוואוסט, אַז הייגט איז זיכער יום־כיפּור...

דער רעסטאָראַטער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעות אין חשבון. די אידישע יום־כיפּור־געסט, האָבן אים דערמאָנט, אַז הייגט איז יום־כיפּור...

ס׳איז אויך פאַראַן שמחת־תורה־געסט...

אמת, נישט אַזוי פיל ווי די יום־כיפּור־געסט, אָבער ס׳איז אויך דאָ אַ סך שמחת־תורה געסט...

די שול ווערט פול מיט פרויען, מיידלעך, קינדער און מיט שמחת־תורהדיקע געסט...

די שיינע בעלי בתים נעמען די תורות אין די הענט, און דער חזן זאָגט מיטן שמחת־תורה ניגון דעם, עוזר דלים הושיעה נאָ...

אַלע שול־אידן זינגען, טאַנצן, פרייען זיך מיט דער תורה. נאָר די שמחת־תורה געסט שטייען עפּעס אין אַ זייט, ווי אויף אַ פרעמדער שמחה.

די שמחת־תורה געסט האָבן אַזאַ שייכות צו דער תורה, פונקט ווי איך האָב אַ שייכות צו דער כינעזישער קולטור...

דער שמחת־תורה גאַסט, לערנט אַזוי משהס תורה, פונקט, ווי איך לערן דעם מאַכמעדאַנישן קאָראַן...

די שמחת־תורה פרויען געסט מיט די שמחת־תורה קינדער געסט, ווייסן אַזוי וואָס ס׳שטייט געשריבן אין משהס תורה, פונקט ווי איך ווייס וואָס ס׳שטייט אָנגעשריבן אויף די אַלטע עגיפּטישע מאָנומענטן מיט די העראָגליפן...

נאָר גאָרנישט, אידן פרייען זיך מיט דער תורה, פרייען זיך אויך מיט, די שמחת־תורה־געסט...

אַ סך מענטשן לויפן, האַוון, פליען, יאָגן זיך אַרויס די נשמה. רייסן איין אַ וועלט... זיי פאַרגעסן אינגאַנצן, אַז זיי זיינען אויף אונזער זינדיק וועלטל, נישט מער ווי געסט... און אַ סך מאָל אומגעבעטענע געסט...

פאַראַן אומגעבעטענע געסט, יום־כיפור־געסט, שמחת־תורה־געסט, און גלאַט פרעמדע געסט...

לאָמיר שלאָגן כפּרות!...

זינט יעקב אבינו האָט זיך געראַנגלט, געשלאָגן מיט אַ מלאך, האַלטן מיר זיך אין איין שלאָגן און ראַנגלען פאַר אונזער עקזיסטענץ...

ס'הייסט, שלאָגן, שלאָגט מען אונז, מיר כאַפּן די קלעפּ. מיר האָבן זייער זעלטן אַ מעגלעכקייט צוריק צושלאָגן אונזערע שונאים. מיר זיינען תמיד די צעקלאַפּטע, געשלאָגענע און דערשלאָגענע.

אין אונזער אידיש לשון, איז שוין דאָס וואָרט „שלאָגן" לאַנג געוואָרן איינגעבירגערט, היימיש, אייגן און נאָענט.

מיר וויצלען זיך, מאַכן חוזק און לאַכן פון דעם שיינעם, אײדל און צערטלעך וואָרט — שלאָגן.

מ'האָט אונז שוין אַזוי פיל געשלאָגן, אַז דאָס וואָרט שלאָגן, איז ביי אונז געוואָרן אַן אמתדיק שלאָג־וואָרט:

— אַ איד שלאָגט זיך מיט דער דעה, ער שלאָגט מיר אַן אַ געשעפט, ער שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט, מען שלאָגט זיך דורך מיטן שטיקל פּרנסה, מ'שלאָגט אים אָן אַ שידוך, ער האָט אָנגעשלאָגן אַ גוטן טאָן, ער שלאָגט אָפּ אַלע טענות, זי פאַרשלאָגט אַ באָרשטש, אויסשלאָגן פוטער, ער שלאָגט דער־פון קאַפּיטאַל, ער איז, נעבעך, אַ דערשלאָגענער, ער שלאָגט אָפּ אַלע שוועלן, ער שלאָגט פאָר אַ פאָרשלאָג.

ס'איז אויך דאָ אַ סך גלייכווערטלעך מיט אַ רעליגיעזער מאַרקע:

— אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא.

— זיי שלאָגן זיך על חטא.

— מ'דאַרף אים שלאָגן מלקות.

— מ'גייט שלאָגן כפּרות.

דאָס וואָרט כפּרה איז שוין לאַנג אַריין אין אונזער פאָלקלאָר, און עס איז געוואָרן אַ סינאָנים פון קריטיק, שטעכווערטלעך, און אָנצוהערעניש.

אַז אַ איד וויל עפּעס מבטל זיין, גיט ער מאַך מיט דער האַנט און זאָגט:

— מיין כפּרה איז עס!

אָדער:

— ס'טויג אויף כפּרות.

דאָס וואָרט כפּרות, איז שוין אפילו געוואָרן אַריינגענומען אין אונזע־רע קללות.

צעבייזערט זיך אַ אידענע און שעלט אויפן הויכן קול:

— אַ שיינע, ריינע כפּרה אויף איר קאָפּ!

אָדער אַזאַ אויסגעצויגענע קללה:

— ער זאָל מיר זיין די כפּרה פאַר מיר, פאַר דיר און פאַר כל ישראל, אָמן!

ס'איז אויך דאָ קורצע קללות:

— זיין מיין כפּרה!

— שלאָגט מיט איר די כפּרה!

— זע נאָר די כפּרה!

— ווי געפעלט דיר די כפּרה?

ס'איז אויך דאָ באַלעבאַטישע קללות:

— באַצאָל אים כּפּרה געלט!

— וואָס איז דאָס פאַראַ כפּרה?

— דו ביסט דאָס כפּרה־הינדל!

— ער נעמט איין פאַר איר די כפּרה!

— זיי מעגן ביידע איינמעמען די כפּרה!

דער גאַנצער מנהג ישן, דער אַלטער מנהג פון כפּרות שלאָגן, איז אַ מנהג שטות, אַ נאַרישער מנהג, אָבער אויך זייער אַ פּראַקטישער מנהג...

די חכמים אונזער'ע זיינען געווען גרויסע פּסיכאָלאָגן, טיפע מענטשן־קענער. זיי האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז אַ מענטש, סיי אַ געבילדעטער, אַ געלערנטער, אָדער אַ פּראָסטער חי־וקים, דאַרף נויטיק האָבן אויף וועמען אויסצולאָזן זיין כעס, ווען ער פאַלט אַריין אין גרימצאָרן און זוכט עפּעס אַ פּריטשעפּע, אַ פּרעטענזיע צו וועמען. ער קריכט אויף די גלייכע ווענט און זוכט אויף וועמען אויסצולאָזן זיין ביטער האַרץ.

יעדער איינער זוכט זיך אַ כפּרה־הינדל...

יעדער איינער זוכט אַרויפצולייגן די „בייגל" אויף יענעם...

מ'זוכט זיך אַ שעיר לעזאזל, און מען שלאָגט כפּרות מיט אַן אומשול־דיק עוף פאַר די אייגענע חטאים...

איז אָבער דאָס היינטיקע יאָר גרויסע צרות מיט די כפּרות.

מיט וועמען שלאָגט מען כפּרה?

נישטאָ געגנוג כפּרות, עס פעלט אויס ביי אונז הינער מיט הענער.

אויפן מאַרק „מעריסעד" האָט זיך דעם היינטיקן ערב יום כיפור געטאָן חושך. אַ מהומה, אַ טומל, אַ גוואַלד, אַ לויפעניש און אַ רייסעניש.

נישטאָ קיין כפּרות!

פונקט ווען אידן דאַרפן שלאָגן כפרות, זיינען ראַפּטום אויסגעטרוקנט געוואָרן אַלע הינער מיט די הענער.

עטלעכע טעג פאַר יום כיפור, איז פונקט דאָס יאָר, אויסגעפאַלן דער מעקסיקאַנער נאַציאָנאַלער יום טוב, דער זעכצנטער סעפּטעמבער. זיינען די עופות צעכאַפּט געוואָרן, ווי מצה־וואַסער.

נישטאָ קיין עופות! אַלע הינער און הענער זיינען מיטאַמאָל נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין.

נישטאָ געגנוג הינער און הענער אויף כפרות.

און דאָס רעשט ביסל עופות, וואָס זיינען געבליבן, רייסט מען פאַר זיי אַ פּאַס...

10 פּעזאָס פאַר אַ פּיצל הינדל, הויט און ביינער (פעדערן אויך).

פאַר אַ באַלעבאַטישן האָן מיט אַ רויטן קאַם און מיט אַ פאַררייסענעם ווידל, שעמט מען זיך נישט צו בעטן 15 פּעזאָס און מער.

די מעקסיקאַנער עופות־הענדלער קאָנען בשום אופן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס איז פלוצים געוואָרן אַזאַ געלאַף דווקא נאָך הינער מיט הענער. פריער האָט מען אויף די דאָרע הענער אפילו נישט געוואָלט קוקן.

וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנשיקעניש מיט די ווייבער, וואָס פאַר אַ גראַטש־קע איז געוואָרן אינמיטנדרינען מיט די סעניאָראַס, מיט די „רוסאָס" און „פּאַלאַקאָס"?

גיט זיי נאָר הינער מיט הענער! קיין אַנדער עוף ווילן זיי אין האַנט נישט נעמען: קע פּאַסאָ? וואָס איז געשען? גיט זיי נאָר ווייסע הינער מיט הענער...

גייט דערציילט די גויאישע עופות הענדלער, אַז אידן דאַרפן און מוזן האָבן כפרות נאָר הינער מיט הענער.

די גרויסע אינדיקעס, די בייזע גענז און די פעטע קאַטשקעס טויגן ערב יום כיפור אויף תשעה ניינציק כפרות — אָבער נישט צו שלאָגן מיט זיי כפרות...

וואָס זשע טוט מען, מיט וועמען שלאָגט מען כפרות?

ווי אַזוי גייט מען עפּעס צו כל נדרי נישט שלאָגנדיק פריער קיין כפרות? מילא, צום פאַרפאַסטן קאָן מען אפשר יוצא זיין מיט אַ קאַלט שטיקל אינדיק, אָדער מיט אַ געבראָטענע קאַטשקע. אָבער כפרות, וואָס טוט מען אָן כפרות?

מ'האָט שוין פּראָבירט צו זיין עקאָנאָמיש און שלאָגן כפרות קאָלעק־טיוו, אינאיינעם. אַ זון זאָל שלאָגן כפרות מיטן טאַטן, אַ מאַמע מיט איר טאָכטער. איין ברודער זאָל שלאָגן כפרות מיטן צווייטן, גאַנצע משפּחות זאָלן צוזאַמען שלאָגן כפרות.

— אָבער ס'העלפט נישט! ס'פעלט נאָך אַלץ אויס כפרות.

מיט ווען מען שלאָגט מען כפרות, האַ?

אַמאָל האָבן זיך די אידישע פּאַרטייען געקריגט, געריסן, געאַמפּערט, און איין פּאַרטיי האָט געדאַרפט אויף כפרות די צווייטע פּאַרטיי.

אַ חבר האָט שטילערהייט געזאָגט, אַז ער דאַרף זיין בעסטן, געטרייסטן חבר אויף ערב יום כיפור... (איר ווייסט שוין צו וואָס).

די היגע אידישע רעדנער האָבן אָפּגעלאַכט פון אַנדערן רעדנערס רעדע:

— ווייסיך וואָס, אויך מיר אַ רעדנער! די גאַנצע רעדע טויג אויף כפרות.

די אידישע שרייבער און פּאָעטן, האָבן זיך שטאַרק ליב — צו יאָדן, איינער היגטערן אַנדערנס פּלייצעס האָט געמאַכט אַש און רויך פון צוויי־טענס שרייבן אַרטיקלען, דערציילונגען און לידער. מען האָט געמורמלט מיט אַ זויערער מינע, מיט אַ חוזק־שמייכעלע, אַז יענער איז אַ ווייסטע קאַ־ליקע, זיין שרייבן טויג אויף אַ כפרה...

אָבער איצט אין סאַמע ערב יום־כיפור, האָבן זיך אַלע איבערגעבעטן, עס איז געוואָרן שלום־ושלווה, און מען איז צוריק גוטע פריינט. (עס רעדט זיך נאָר אַזוי).

וואָס־זשע טוט מען פאַרט? וואו נעמט מען אַן אמתע כפרה? ווי אַזוי גיט מען זיך אַן עצה מיטן כפרות שלאָגן?

אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, מיר זאָלן צורו לאָזן די אומשולדיקע עו־פות, פאַרגעסן אין די הינער מיט די הענער, און זיך גלייכער געבן אַ נעם צו די — נאַציס און פאַשיסטן?

יאָ, איך מיין, אַז דאָס איז אַ גוטער, אַן אויסגעצייכנטער פּלאַן.

לאָמיר נעמען שלאָגן כפרות מיט די נאַצי־פאַשיסטן. זיי וועלן זיכער זיין ערשטקלאַסיקע כפּרות...

מיט אַ נאַצי מעג יעדער איינער, לכל הדעות, שלאָגן כפרה.

אוי, וואָלט דאָס געווען אַ שיינע כפרה!

אדרבה, ס'איז אַ סך אַ גרעסערע מצוה צו שלאָגן כפרות מיט אַ נאַצי־פאַשיסט, ווי מיט די אָרימע, שוצלאָזע עופות...

וואָס האָט איר למשל, צו די שטומע באַשעפענישן. וואָס האָט איר צו די שטילע, רואיקע הון, וואָס לייגט פאַר אונז אייער און באַשיינט אונז אַלע אידישע שמחות און באַנקעטן...

און אפילו דער בייזער האָן, וואָס פאַראַ שלעכטס טוט ער אונז? אמת, די יויך פון אַן אַלטן האָן דאַרף זיך קאָכן און קאָכן, און דאָס פלייש בלייבט האַרט ווי אַ שטיין. אָבער ווער, איך בעט אייך, וועט אונז אויפוועקן צו סלי־חות, אַז נישט דער האָן?

וואָס האָט איר זיך פאַרלייגט אויפן הון מיטן האָן, אַז נאָר זיי דאַרפן זיין פאַר אונז די כפרה?

פאַרוואָס בעסער נישט שלאָגן כפרות מיט אַ נאַצי־גענגסטער, אָדער מיט אַ פאַשיסטישן מערדער?

אויף די עופות איז פשוט אַ צער בעלי חיים, אָבער אויף די נאַצי־פאַשיסטן, איז אסור לרחם. מען דאַרף זיי אויסהרגענען, אומברענגען און פאַרטיליקן פון גאָטס וועלט, אָן רחמנות.

וואָס מער הינער מיט הענער, און וואָס ווייניקער נאַציס און פאַשיסטן.

איר קאָנט זיך אויסקלויבן וואָס פאַראַ כפרה איר ווילט. עס איז דאָ גענוג נאַציס און פאַשיסטן ביי אונז אין מעקסיקע...

איר קאָנט זיך אפילו אויסקלויבן דערוויל אַ סימבאָלישע כפרה, דעם ערשטן און בעסטן נאַצי, (די לעבן געבליבענע...) און אָפּזאָגן איבער זיי דעם גאַנצן בני אָדם...

— זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי, זה הנאַצי ילך למיתה.

די נאַציס זאָלן איינגעמען אַ מיתה משונה, און מיר אידן וועלן האָבן אַ גוט און אַ לאַנג לעבן און שלום.

און אפילו די, וואָס האָבן שוין יאָ געקראָגן אַ הון מיט אַ האָן, פאַר גרויסע און פעטע פרייזן, דערבאַרימט זיך און פאַרגעסט נישט צו דערמאַנען ביי כפרות שלאָגן, די גרעסטע כפרות אונזערע — די נאַצי־פאַשיסטן.

ווינטשט זיי מיטן גאַנצן האַרץ: זיי זאָלן זיין פאַר אייך אַ שיינע, ריינע כפרה!

לאָמיר שלאָגן כפרות מיט אונזערע שונאים.
זאָלן זיי פאַר אונז זיין די כפרה!

שמחת תורה

ברידער, מיר האָבן היינט שמחת־תורה,
שמחת־תורה אויף דער וועלט,
תורה איז די בעסטע סחורה,
ווייל אויף תורה איז די וועלט געשטעלט.
(פון וואַרשאַוסקיס אַ פאָלקס־ליד).

שמחת־תורה דאַרף מען זיך פרייען מיט אונזער תורה, און פון גרויס שמחה, מעג מען נעמען אַן איבעריק גלעזל משקה; פון גרויס פרייד, דאַרף מען טרינקען אַ גלעזל שמחת־תורה'דיקן מעד. פאַרלייגן אַן אָרעם אויף אַן אָרעם און פאַרפלעכטן זיך אין אַ פלאַם פייערדיקן טאַנץ, אַוועקלאָזן זיך מיט אַ קנאַקעדיק זמרל און אַ חסידיש התלהבותדיק ריקודל — לכבוד התורה.

קיין שום פאָלק, קיין שום אומה ולשון, האָט נישט קיין ספעציעלן טאָג צו פרייען זיך מיט זייער תורה, מיט זייער לערנען, בילדונג און גייסטיקן אויפטו.

מיר אידן, אָ, מיר האָבן יאָ אַזאַ טאָג — שמחת־תורה!

אידן האָבן איין טאָג אין יאָר, ווען אָרים און רייך, געלערנטער און פּראָסטער מענטש, תלמיד־חכם און עם־הארץ. אַלע, אַלע דאַרפן זיך און מעגן זיך פרייען מיט דער תורה.

וואָס איז די שמחה?

אידן האָבן געענדיקט לייענען תורת משה, משה רבינוס פינף ביכער, געענדיקט לייענען וזאת הברכה, און גלייך אָנגעהויבן נאָכאַמאָל צו לייענען בראשית.

וואָס איז אַזוי די גדולה, וואָס איז אַזוי די פרייד?

וואָס פאַראַ מציאה האָבן אידן געכאַפּט מיט אַ דריי טויזנט צוויי הונ־דערט יאָר צוריק אויפן באַרג סיני?

נעמען און בינדן זיך אַליין הענט און פיס. דאָס מעג מען יאָ און דאָס טאָר מען נישט...

דאָס מעגסטו יאָ עסן און דאָס נישט...

און דווקא אַלע געשמאַקע עבירהלעך, וואָס דער יצר־הרע קען אַזוי גרינג צורעדן צו טאָן, זאָגט די תורה — לא מיט אַן אלף, ניין!

ניין, ס'גלויבט זיך עפּעס נישט, אַז אַזאַ פּראַקטיש קלוג פאָלק ווי אידן זיינען, זאָלן מאַכן אַזאַ שלעכטן משא־ומתן, אַזאַ מקח־טעות...

ס'איז אַ סברה, אַז אידן האָבן טאַקע נישט קיין גרויסן חשק געהאַט צו דער תורה. זיי זיינען צו די עשרת הדברות נישט אַזוי גיך צוגעפאַלן, און נישט מיט אַזאַ אימפּעט.

משה רבינו האָט די אידן געוואָלט מאַכן פאַר אַ הייליק פאָלק, פאַר איבערמענטשן, האָט ער זיי פּשוט פאַרנאַרט צום באַרג סיני און זיי געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט: — נעמט איר אָן די תורה איז גוט, טאָמער נישט?

טאָמער נישט? ס'איז אַ שיינע מעשה כ'לעבן. אַז מ'סטראַשעט, איז דאָך נישט שייך...

יאָ אָננעמען, נישט אָננעמען? מען מוז אָננעמען! אַ ברירה האָט מען...

אַז מ'האָט נישט קיין ברירה, זאָגט מען גיך: נעשה ונשמע און מ'איז מקבל די תורה...

ערשט העט־העט, שפּעטער, ווען די אידן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז משה רבינו האָט זיי געוואָלט מאַכן פאַר אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש; אַז די תורה האָט זיי אַביסל אויסגעאיידלט, אויסגעמענטשלט, האָבן זיי ערשט די תורה ליב געקראָגן.

ערשט שפּעטער, ווען מ'האָט איינגעטיילט די תורה אין פיר און פופ־ציק סדרות, האָבן אידן דערזען, אַז די תורה איז נישט קיין שלעכט געשעפט, אַז מ'וועט צום עסק נישט דערלייגן...

און מ'האָט אָנגעהויבן זינגען: — שישו ושמחו בשמחת תורה ותנו כבוד לתורה, כי טוב סחרה מכל סחורה. תורה איז די בעסטע סחורה!

און ביזן היינטיקן טאָג, זיינען די פעטע עליות פון דער תורה — די בעסטע סחורה, אַן אמתער שמאַלץ־גרוב.

ווען נישט די תורה, וואָלטן נישט געווען קיין עליות צו פאַרקויפן.

פון די פעטע עליות, האַלטן זיך אויס אַ סך שולן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

ראש השנה און יום־כיפור זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז אונזער היי־ליקע תורה, איז פאָרט די בעסטע סחורה...

אידן שלאָגן זיך אין געלט אַריין ביי די עליות. מ'דינגט זיך, מ'אַמ־פּערט זיך, מ'טרייבט אַרויף די פּרייזן פון די עליות פונקט, להבדיל, ווי די אָקציעס אויף דער בערזע... מען יאָגט אַרויף דעם פּרייז ביז — ביז די עליה בלייבט ביי יענעם, וואָס קען געבן דעם גרעסטן פּרייז.

די היגע אידישע שול, האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט אַ היפּשע הכנסה פון אונזער תורה, ס'הייסט, פון די פעטע עליות פון דער תורה... אַן עליה איז געלאָפן אין די שווערע הונדערטער אַריין.

יאָ, יאָ, די תורה איז די בעסטע סחורה.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט אַ היגער באַקאַנטער נדבן און מעצע־נאַט פון דער אידישער שול, אַרויפגעטריבן דעם פּרייז פון מפטיר יונה, אַז ביי אַ סך מתפּללים האָט אָנגעהייבן שווינדלען פאַר די אויגן, און מ׳האָט זיי געמוזט געבן צו שמעקן יום־כּיפּורדיקע חלשות־טראָפּנס...

און ווען דער חשובער מעצענאַט האָט זיך אַוועקגעצויגן אין די שטאַ־טען, האָט ער יום־כּיפּור געקלאַפּט אַן עקסטרע טעלעגראַמע:

— קויפט פאַר מיר מפטיר יונה. כ׳גיב פינף הונדערט פּעזעס...

איר שפּילט זיך מיט מפטיר יונה!

פּונקט ווי די תוכחה איז אַ קנאַפּע יחסנדיקע עליה, וואָס מ׳פּלעגט איר מכבּד זיין אַ בעל עגלה אָדער אַ וואַסער־טרעגער, איז מפטיר יונה די סמע־טענע פון די עליות, די סאַמע יחסנדיקע און טייערסטע עליה...

אַ מזל פון אַן עליה!

אַ סך אידן האָבן אַ חזקה אויף מפטיר יונה, און זיינען גרייט דורס צו זיין יעדן איינעם, וואָס וויל ביי זיי אויסדינגען די געהויבענע, פּעטע עליה.

און נאָך מפטיר יונה, צאָלט מען דעם העכסטן פּרייז פאַר חתן־בראשית, דווקא אין שמחת־תורה, מען מאַכט אַ שלל מיט געלט פון אונזער תורה.

אַ טייער גאָלדן אַרטיקל אונזער תורה! מ׳צאָלט, אידן צאָלן, פאַר אַ שטיקל, פאַר אַ ברעקעלע תורה.

תורה איז די בעסטע סחורה!

ווען נישט די תורה, וואָלטן אידן נישט געהאַט וואָס צו לייענען שבת ביים דאַווענען.

ווען נישט די תורה, וואָלט נישט געווען קיין הונגעריקער בעל־קורא, וואָס גיט אַ קלאַפּ אָפּ דעם ואתם הדבקים — — — ווי אַ קייסערלעכן מאַניפעסט...

ווען נישט די תורה, וואָלטן נישט געווען קיין מי שבּרכם מיט בעבור שנדרס...

ווען נישט אונזער תורה, וואָלט דער סופר נישט געהאַט וואָס צו שרייבן.

ווען נישט די הייליקע תורה, וואָלט דער בייזער מלמד, דער כּעסן, נישט געהאַט פאַרוואָס אויסצודרייען די אויערן און דערלאַנגען מיטן קאַנ־טשיק די תלמידים ביי׳ דער פּרשה חומש...

און ווען נישט אונזער תורה, וואָלטן אידן זיך נישט באַדאַרפט קריגן שבת ביים לייענען, און זיך דערלאַנגען פייערדיקע פּעטש, צוליב דער אַ־ריסטאָקראַטישער עליה — שישי...

ווען נישט די הייליקע תורה, וואָלט נישט געווען קיין שמחת־תורה!

וואָלטן אידן נישט געהאַט מיט וואָס אַרומצוגיין אַרום באַלעמער ביי די הקפות. גיי מאַך הקפות און דריי זיך אַרום מיט ליידיקע הענט...

ווען נישט שמחת־תורה, וואָלט זיך דער אָרימאַן קיינמאָל נישט דער־שלאָגן צו אַ שטיקל עליה...

און ווען נישט די עוזר דלים הקפה, וואָלט מען די אָרימע נישט מכבד געווען מיט הקפות...

שמחת־תורה, דאַרפן זיך אידן דערמאָנען אין דעם וואונדער־שיינעם, פּערלדיקן, תלמודישן געדאַנק:

— הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה. גיט אַכטונג אויף די אָרימע, ווייל פון זיי קומען אַרויס די גוטע תורה־לערנער...

צוליב אונזער הייליקער תורה, קענען די איידעלע, צניעותדיקע אידי־שע טעכטער, באַווייזן זייער קונסט אין אויסהעפטן מיט זייערע ווייסע, צאַרטע, דינע פינגער, דעם גילדענעם מגן־דוד אויפן סאַמעטענעם פּרוכת.

ווען נישט די תורה, וואָלטן די אפיקורסים נישט געהאַט אויף וואָס עובר צו זיין. זיי וואָלטן נישט געדאַרפט עסן קיין חזיר־שניצלעך מיט פּו־טער, דווקא אין יום־כיפור....

און ווען נישט אונזער תורה, וואָלטן די גבירים, די גראָבע יונגען, צופיל פאַרריסן די קעפּ... צוליב דער תורה, האָט אַ גביר אַן עם הארץ, כאָטש אַביסל דרך ארץ פאַרן אָרימען תלמיד־חכם און תורה־לערנער...

שמחת־תורה, מעגן זיך די היגע אידישע עלטערן פרייען מיט דער תורה. זיי האָבן דאָס יאָר געלערנט אַ סך תורה, און זייערע קינדער האָבן אויך געלערנט אַ סך, זייער אַ סך תורה...

שישו ושמחו בשמחת תורה!

לאָמיר אידן, כאָטש איינמאָל אין יאָר — שמחת־תורה, זיך פרייען מיט אונזער תורה!

אַ פסחדיקע מלוכה מיט חמצדיקע קשיות

לאָמיר זיך זעצן אָפּריכטן דעם סדר מיט דער אָרימער, בירנער, דאַ־רער מצה, וואָס האָט נישט קיין טעם און קיין ריח, אָן זאַלץ, אָן שמאַלץ, מיטן ביטערן מרור, מיטן זאַלץ־וואַסער.

לאָמיר טרינקען לכבוד אונזער באַפרייאונג פון לאַנד מצרים פיר כוסות וויין, יין צמוקים, אמתער ראָזשינקע וויין פון דער היימישער אינ־דוסטריע, וואָס דאָס אייגענע ווייב האָט אַליין געמאַכט.

דער היימיש־געמאַכטער וויין פון ראָזשינקעס אָדער פון וויינטרויבן, איז דער אמתער, כשרער וויין, וואָס מען מעג לכל הדעות און אפילו אָן אַ הכשר, אַרויפקלעפן אַן עטיקעט אויף דער פלאַש: כשר לפסח...

און אויב אייער ווייב האָט נישט אַרויפגעקלעפט קיין קוויטל כשר לפסח, מעגט איר זיין זיכער, אַז אייער ווייבס מלאכה, איר פסחדיקער וויין, איז אַ סך מער פסחדיק, ווי אַ סך חמצדיקע וויינען מיט די שיינע, אויס־געצאַצקעטע עטיקעטן: כשר לפסח...

לאָמיר זיך זעצן צום סדר אויפן הסיב־בעט, אויף אַ ווייך אויסגעבעט־טער, ברייטער שטול, דער אידישער פסחדיקער טראָן מיט די שניי־ווייסע קישנס, און נעמען פירן די מלוכה, די פסחדיקע מלוכה.

אַ סך אידן, וואָס ווילן נישט און קאָנען נישט וואַרטן אויף משיחן, שרייען געוואַלד, אַז זיי ווילן צוריק פירן אַן אייגענע מלוכה אין ארץ ישראל. זיי זיינען מרעיש עולם, זיי ווילן ווייזן דער וועלט, אַז די גרויסע חכמה, ווי צופירן אַן אייגענע מלוכה אין אַן אייגענער מדינה, קאָנען זיי אויך באַ־ווייזן. די גרויסע קונץ צו רעגירן, צו קאָמאַנדעווען, האָבן מיר זיך שוין לאַנג אויסגעלערנט...

פרעגט אומישנע, די פרעזידענטן, די פירער פון די אידישע אָרגאַני־זאַציעס, וועלן זיי אייך באַלד זאָגן, אַז ווי אַזוי צו פירן אַ קאָמיטעט, אַן אָרגאַניזאַציע, אַ ישוב, אַ פאָלק, ווייסן זיי בעסער, ווי די גרעסטע מלוכה־קעפ. זיי קאָנען פאַרשטעקן אין גאַרטל די גרעסטע געניטע דיפלאָמאַטן.

איר זעט דאָך!...

אונזערע, היימישע אידישע פירער, זיינען דאָך שוין באַוואוסט אויפן גאַנצן קאָנטינענט, מיט זייער קלוגע פירערשאַפט, דיפלאָמאַטישע חכמה, אמתע מיניסטאָרן־קעפ!

ביי אונז פירט זיך אַ פרעזידענט פון אַן אָרגאַניזאַציע, ווי אַן אמתער

מלך... אַ מלך דאַרף נאָר האָבן עטלעכע נאָענטע מענטשן, קרובים למלכות און פּאַרטיק, ס׳רעגירט זיך שוין אַליין...

מ׳דאַרף האָבן עטלעכע באַקאַנטע קאַרפּן־קעפּ, גרויסע דעה זאָגער מיט רייכע טשעק־ביכלעך, גרינגע קעפּ מיט שווערע בייטלען און די אָרגאַניזאַציע, די מלוכה, פירט זיך שוין אַליין...

די גאַנצע צרה איז נאָר, וואָס די דעמאָקראַטישע ענגלאַנד, וואָס האָט אַזוי שטאַרק ליב די „ביבל" מיטן „פּיפּל אָף די בוק", דאָס פאָלק פון בוך, דעם עם הספר, וויל בשום אופן נישט געבן די אידן אַ געלעגנהייט צו ווייזן דער וועלט, אַז זיי קאָנען אויך פירן אַן אייגענע מלוכה.

די ענגלענדער ווייסן דווקא יאָ, אַז אידן קאָנען פירן, אידן קאָנען פירן געשעפטן, פירן קינדער צו דער חופה, פירן אַמאָל יענעם אין באָד אַריין, צונויפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, און טאַקע פירן אַ מלוכה אויך.

צווישן די גרויסע ענגלישע אימפּעריע בויער און מלוכה פירער, זיינען געווען אַ סך אידן, וואָס האָבן געפירט און דערפירט ענגלאַנד צו איר גרויסקייט...

די קאַלטע ענגלענדער האָבן, ווייזט אויס, מורא פאַר די היציקע אידן, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט און ווילן דווקא אויספירן און דערפירן, צו קאָנען פירן אַן אייגענע מלוכה.

אָבער איינמאָל אין יאָר — פּסח, מעגן די אידן פירן אַן אייגענע מלוכה, אפילו אָן ענגלאַנדס דערלויבעניש, אפילו אין ארץ ישראל — ביי זיך אין שטוב...

נאָר איין מאָל אין יאָר שרעקט זיך נישט ענגלאַנד פאַר דער אידישער מלוכה — פּסח!

איינמאָל אין יאָר עסט דער איד די יום־טובדיקע וועטשערע מיט אַ סדר, מיט אַ שטיקל אָרדנונג. איינמאָל אין יאָר ווייזט דער מאַן זיין ווייב און קינדער, אַז ער קאָן איינפירן אַביסל אָרדנונג, אַ סדר ביי זיך אין הויז... און טאַקע רעגירן ווי אַן אמתער מלך.

און אפילו אַ מאַן, וואָס איז נעבעך געשטראָפט מיט אַ ווייב אַן „אשת חיל", אַ פרוי וואָס האָט תמיד ליב צו שפּילן די ערשטע פידל ביי זיך אין שטוב... פון יענע באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן ליב צו קאָמאַנדעווען און באַפעלן: דאָ זעץ זיך נישט! דאָ לייג זיך נישט! דאָ שטעל זיך נישט! און דער בידנער מאַן קאָן, נעבעך, קיינמאָל נישט קומען צום וואָרט...

אַז ס׳קומט אָבער, דער ליבער טייערער יום טוב פּסח, ווערט ער גאָר אַן אַנדערער מענטש. אויס לעמעשקע, אויס פּאַנטאָפל, אויס שמאַטע!

אַ מלך ווערט ער גאָר, דער מוראדיקער, דערשראָקענער מאַן, אַ קעניג מיט אַן אייגענע מלוכה. אמת, אַ מלך בלויז אויף צוויי נעכט, ביי ביידע סדרים, אָבער פאָרט אַ מלך!

און אַז דער מלך זאָגט: מ׳זאָל ברענגען וואַסער צו וואַשן זיך די הענט, ברענגט מען באַלד, תיכף ומיד, וואַסער. דער מלך באַפעלט: גיסט אָן די כוסות, ווערן באַלד די כוסות פול מיט ווייַן. דער מלך קאָמאַנדעוועט: צע־שנייד די האַרטע אייער אין זאַלץ־וואַסער אַריין, ווערט באַלד דאָס זאַלץ־וואַסער געל... דער מלך הייסט עפענען די טיר צו שפוך חמתך, מוז מען פאָלגן און באַלד עפענען די טיר.

היינט, ביים סדר, רעגירט דער מלך, דער אידישער מלך מיט דער אידישער מלוכה...

היינט איז אַ ליל שמורים, היינט קאָן דעם מלך גאָרנישט געשען, היינט, האָט דער קעניג נישט קיין מורא, אפילו פאַר זיין בייזער שוויגער... און פאַר זיין אַנגעצויגענער שטורענגער פרוי, די אויסגעפּוצטע מלכה.

ביים סדר טרינקט מען ארבע כוסות, פיר כוסות ווייַן, מ׳פרעגט פיר קשיות און ס׳איז דאָ אין דער הגדה די באַרימטע ארבעה בנים, די פיר זין.

ס׳איז אויך פאַראַן פירערליי קשיא־פרעגערס: אינגלעך, וואָס פרעגן די קשיות אויף העברעאיש און אידיש, די וואָס פרעגן בלויז אויף העברע־איש, די וואָס פרעגן בלויז אויף אידיש, און די „מוטשאַטשאָס" וואָס פרעגן די קשיות אויף מעקסיקאַנער אידיש, אָדער אויף אַ אידישן שפּאַניש...

דער פאָטער פון אַזאַ אינגל, וואָס גייט נישט אין קיין אידישער שול און לערנט אויך נישט אין דער היים, גיט ראַפּטום אַ באַפעל זיין קדיש ביים סדר: מיגעל, פאַראַטע אי די לאָס קשיות!

דאָס אינגל שטעלט זיך גיך אויף אַ דערשראָקענער, און גיט שנעל אַ שיס אויס אין איין אָטעם:

— טאַטע איך דיר פרעגן פיר קאַטשעס. פאָרקע, אַלע עס פסח מצה? פאָרקע, איך, דו, אַלע עס ראַיס פוערטע?

פאַרוואָס, נאָסאָטראָס, אַלע טונק סאַלוואַסער אי קאַרויסע? פאָרקע, טאָדאָס, אַלע עס רעקאַרגאַדאָס? יאַ פּאַפּאַ, איך דיר פרעג פיר קאַטשעס, דו מיר גיב טערעס.

מ׳דאַרף אויך פרעגן פיר געזעלשאַפטלעכע קשיות:

פאַרוואָס מאַכט נישט דער צענטראַל־קאָמיטעט קיין דעמאָקראַטישע וואַלן?

פאַרוואָס קאָסט אַ כשרער מיטאָג מיט אַ הכשר פון אַ רב, טייערער ווי אַ מיטאָג אין אַ טריפהנעם רעסטאָראַן?

פאַרוואָס גיבן נישט אַ סך שול־טוער (פון אַלע אידישע שולן), זייערע אייגענע קינדער קיין אידישע דערציאונג?

פאַרוואָס וויל נדחי ישראל באַצאָלן אַ חזן פופציק טויזנט פעזעס פאַר דריי מאָל דאַוונען, ראש השנה און יום־כיפור, ווען מ׳קאָן האָבן אַ חזן פאַר די זעלבע פופציק טויזנט פעזעס אַ גאַנץ יאָר אויף אַלע שבת?

פאַר טויזנט פּעזעס אַ וואָך, וואָלט אַ חזן געהאַט פּרנסה, און ער דאַרף אפילו נישט קאָנען זינגען קיין אריעס פון אָפּערעס, נישט קיין טעאַטער קופּלעטן, און נישט וועלן געפעלן אַלע נשים צדקניות, ס׳מעג זיין אַ חזן, נישט קיין אַרטיסט.

נאָר דער תירוץ איז, דער אַלטער — עבדים אנחנו... מיר, מיר זיי־נען, נעבעך, פאַרשקלאַפּט געוואָרן, צו אונזערע גבירישע קאַפּריזן...

אַז מיר פאָרן אויף דאַטשע, מוז דאָס זיין דער טייערסטער האָטעל. מיר מוזן האָבן די טייערסטע מעבל, די טייערסטע טעפּיכער, די טייערסטע ברילִיאַנטן, אַלץ וואָס עס איז טייער, אפילו אַ חזן!

שווער זיך צו באַפרייען פון די איבערגעטריבענע, צעלאָזטער, נגידי־שער, לוקסוס־שקלאַפעריי...

און אַז אייער אייגענע מלכה, וועט אייך וועלן פרעגן קשיות, זענט איר איגגאַנצן נישט מחויב צו ענטפערן די ווייבערשע, חמצדיקע קשיות, מיט אַ פּסחדיקן תירוץ! איך מיין, אַז עס איז געננג, ווען דער מאַן מוז ענטפערן און פאַרענטפערן זיין ווייבס קשיות, אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר...

אדרבה, פונקט פאַרקערט, ס׳וואָלט נישט געשאַדט, אַז דער מאַן, דער פּסחדיקער מלך, זאָל דעם יום טובדיקן הייב זיינעם, מעגן פרעגן עטלעכע המצדיקע קשיות...

— מה נשתנה, פאַר וואָס ווילסטו מיין טייערע מלכה, אַז דיין סאַלאָ זאָל זיין אויסגעפּוצט אַנדערש, שענער און בעסער, ווי אַלע אַנדערע סאַ־לאָנס פון אַ גאַנץ יאָר?

— פאַרוואָס ווילסטו בייטן דאָס מעבל, דיינע קליידער און קאָפּעליושן, אַלע מאַנטיק און דאַנערשטיק?

— שבכל הלילות, אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, שפּילסטו בלויז אַ פּאָ־קער און איצט ווילסטו שוין שפּילן ברידזש אויך?

שבכל הלילות, אַלע נעכט פּליסטו אַרום, ווי אַ זומער־פייגעלע, די נאַכט פון פּסח מוזטו נעבעך זיצן ביים סדר, ווי אַ שטיל קעצעלע אַנגעלענטערהייט.

מ׳קאָן אויך פרעגן די פינפטע קשיא צו מה נשתנה:

— פאַרוואָס מיין טייער שפּיל־פייגעלע, האָסטו באַשטעלט דריי פּעק־לעך מצה מיט צוויי פּעקלעך חמצדיקע קאָרטן, ווי אַזוי מאַכט מען עפּעס אַ פּסחדיקן פּאָקער, מיט המצדיקע קאָרטן?...

האָט מיר אַ כשרן פּסח!

שוין ווידער אַ ניי־יאָר . . .

לאָמיר זיך פרייען אידן, אַ גליק האָט אונז געטראָפן, אַ גדולה אויפן פאָלק ישראל...

אָט, האָט מען ערשט מיט דריי חדשים צוריק געפייערט אַ ניי־יאָר, אונזער אידישן ניי־יאָר, ראש השנה און מיר האָבן שוין ווידער אַ ניי־יאָר...

נישקשה, מיר אידן קענען זיך פאַרגינען צו האָבן צוויי ניי־יאָרס...

מיר אידן זיינען שוין צוגעוואוינט צו טאָפּלטקייט...

מיר האָבן יעדער צו צוויי לענדער, דאָס לאַנד וואו מ'איז געבוירן געוואָרן און נאָך אַ לאַנד... און אַמאָל נאָך עטלעכע לענדער...

און וועלכער איד ווייסט נישט פון אידישן לאַנד פון ארץ ישראל?

איינער איז פאַר ארץ ישראל, איינער קעגן, אָבער ארץ ישראל, בלייבט פאָרט ארץ ישראל...

יעדער איד האָט לכל הפחות צוויי שפּראַכן. די אייגענע שפּראַך און די שפּראַך פון לאַנד וואו מ'איז געבוירן. אַ סך אידן שלעפּן נאָך מיט אויף די פּלייצעס צוזאַמען מיט זייער באַגאַזש, די שפּראַכן פון זייערע לענדער... אַ סך אידן קענען זיך, נעבעך, נישט צעשיידן מיט זייערע אַמאָליקע שפּראַכן אינם נייעם לאַנד, פּונקט ווי ס'איז שווער זיך צעשיידן מיט אַן אַלטן אָפּגעשאָסענעם קאַפּעלוש, אָדער פון אַ באַליבטן צעריסענעם קראַוואַט...

ס'הייסט קיין נוצן ברענגען זיי נישט די אימיגראַנטישע שפּראַכן, נישט פּויליש, נישט רוסיש, נישט די אַלטע קאַפּעלושן, נישט די צעפּאַלענע קראַוואַטן... ס'איז אָבער פאָרט אַ שאָד זיי אַרויסצוואַרפן...

אַ איד האָט אַ חוץ איין גאָט, איין שוויגער, איין ווייב... (ס'רעדט זיך נאָר אַזוי...) אויך צוויי שפּראַכן, צוויי לענדער און צוויי ניי־יאָרס...

דער ערשטער ניי־יאָר איז אַ ריין אידישער, אַ רעליגיעזער, אַ נאַציאָנאַלער. דער צווייטער ניי־יאָר, איז אַ וועלטלעכער, אַן אינטערנאַציאָנאַלער.

דערפאַר האָבן די אידישע ראַדיקאַלן, פריידענקער, אפּיקורסים, אינטערנאַציאָנאַליסטן מורא צו פייערן דעם אידישן ניי־יאָר, ראש השנה... און זיי פייערן דעם גויאישן, דעם וועלטלעכן ניי יאָר מיטן גאַנצן קנאַק, מיטן גאַנצן טאַראַראַם, מיטן גאַנצן אידישן ברען און התלהבות...

דער וועלטלעכער גויאישער ניי יאָר, איז עפּעס אַ מין קאָמפּענסאַציע צום אידישן ראש השנה... עפּעס קען מען אין ראש השנה, ווען מ'דאַרף מאַכן

אַ שטיקל השבון הנפש, נישט צעפירן די הענט... לויז מאַכן די צונג און באַ־געצן דעם גומען... הוליען, שיכורן, טאנצן, שרייען, טומלען.

אָבער אויף אַ וועלטלעך אינטערנאַציאָנאַלן יום טוב, אויף אַ גויאישער הגא, מעג מען זיך משמח זיין, ווי פרומע אידן, פורים צו דער סעודה...

דעם באַפרייאונגס יום טוב פסח, דעם רעוואָלוציאָנערן יום טוב חנוכה, האָבן אונזערע ראַדיקאַלן און להכעיס אַפּיקורסים מורא צו פייערן, ס'זאָל אויף זיי חלילה וחס נישט פאַלן קיין חשד, אַז זיי זיינען געכאַפּט אין אידישן נאַציאָנאַליזם, רחמנא לצלן...

דערפאַר אָבער, נעמען זיי זיך שוין אָפּ כפל־כפלים אויף די גויאישע ימים טובים, און אויפן וועלטלעכן ניי־יאָר...

מ'פייערט דעם וועלטלעכן ניי־יאָר בתופים ובמחולות, מיט פויקן און טענץ, מיט שאמפאניער און געזאַנג, מיט אמתער חסידישער שמחה, ווי עס פאַסט פאַר אמתע וועלט מענטשן, פאַר אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־בירגער...

מ'פייערט דאָס נייע יאָר לויט דער קריסטלעכער צייט רעכנונג, לויטן רעכנונג פונם „וועלט דערלייזער", לויטן דאטוס פון יעזוס געבורט...

מיט 8 טעג צוריק איז געווען די געבורט, די חבלי לידה פון גאָטס זון... פון דערלייזער פון מענטשלעכע זינד, פון דעם שלום ברענגער אויף דער וועלט.

איר זעט דאָך וואָס פאַר אַ שלום ס'הערשט אויף דער וועלט... און ווי גרויס ס'איז די קריסטלעכע ליבע.

אַז איין קריסט גיט דעם אַנדערן אַ פּאַטש, גיט אים דער אַנדערער נישט צוריק — איין פּאַטש, נאָר צוויי... און אַמאָל מיט אַ קריסטלעכן פּיסטאָלעט...

יאָ, מיר אידן פילן טיף, זייער טיף, די קריסטלעכע ליבע...

שאַט, זאָל זיין שטיל, יעזוס איז געבוירן געוואָרן!

פרידן הערשט אויף דער ערד!

זאָלן קלינגען די גלאָקן, זאָל מען זינגען רעליגיעזע הימנעס צום דער־לייזער פון דער ליידנדער מענטשהייט... זאָלן פליען די קאָרקעס פון די שוימענדע פלעשער שאמפּאַניער, יעזוס איז געבוירן געוואָרן!

פרייט אייך אידן, פילט אָן די רעסטאָראַנען, די קאַבאַרעטן, זייט זיך משמח אויף וואָס די וועלט שטייט!

אַמאָל האָבן אידן „ניטל" ביינאַכט אויפגעהערט צו לערנען, און גליי־כער געשפּילט אין „קוויטלעך", אָדער געמאַכט אַן אָקע... היינט לערנען אויך נישט די אידן „ניטל" ביינאַכט, (אַ גאַנץ יאָר אויך נישט), נאָר מאַכן בעלער מיט שמחות...

און טאָמער ווילן אייערע קינדער צעברעכן אַ „פּיניאַטאַ" אַ באַפּוצטן ערדענעם טאָפּ מיט פרוכט און קאָנפעקטן, — דערבאַרעמט זיך, שטערט זיי נישט! דאָס איז אַלץ לכבוד דעם דערלייזער, לכבוד יעזוס געבורט...

אידישע קינדער האָבן נישט קיין אידישע ימים טובים... מעגן זיי פייערן „גאַווידאַד", ווייגאַכט, קריסטמעס, באָזשע נאַראָדזעניע מיטן גרינעם נאָדל־ביימל, מיטן גאַנצן קלאַפּער געצייג פון הייליקן קריסטלעכן יום־טוב...

עפּעס אַ קלייניקייט דאָס וועלטלעכע ניי־יאָר?...

ווי קומט עפּעס אונזער באשיידענער, שטילער, גייסטיקער ראש השנה, צום גראנדיעזן שרייענדן, טומלדיקן און עולם־הזהדיקן קריסטלעכן ניי־יאָר...

וויפל אידן מ'שטיינס געזאָגט פירן זייערע געשעפטן, רעכענען לויטן אידישן חשבון?

אַמאָל האָבן אידן געפירט זייערע חשבונות לויטן אַלטן אידישן לוח — יום ג' פרשת לך לך, שנת תש"ו.

אָדער — יום ב" לחודש אדר פרשת ויקהל פקודי, שנת תש"ה.

וויפל אידן האָבן מיר היינט, וואָס פירן זייערע געשעפטן אָדער שרייבן זייערע בריוו לויטן אידישן לוח?

איר טרעפט אַפילו רבנים, ראבייס און מאָדערנע ראַבינער, וואָס שרייבן זייערע בריוו, לויטן קריסטלעך וועלטלעכן קאַלענדאַר...

פרעגט אומישנע אונזערע מעקסיקאַנער אידן, וועלכע סדרה ס'גייט די וואָך אָדער וויפיל טאָג ס'איז היינט אין חודש טבת, וועלן אייך אַכציק פּראָצענט אָנקוקן ווי אַ נעכטיקן... זיי וועלן אייך האַלטן פאַר אַן אויסטער־לישן איד, עפּעס ווי אַ רויט אידעלע פון די בני משה, וואָס וואוינען ערגעץ אויף יענער זייט סמבטיון.

און אפשר איז טאַקע נישט קיין עוולה וואָס מיר ווערן געבוירן, האָבן התונה און שטאַרבן לויטן וועלטלעכן קאַלענדאַר. אַפילו אויפן היגן בית־עולם האָב איך געזען מצבות מיטן בלויזן דאַטום פון דעם וועלטלעכן קאַלענדאַר...

נאָכאַלעמען האָבן מיר דאָך אויך אַ שטיקל שייכות צום קריסטלעכן, כ'מיין וועלטלעכן ניי־יאָר...

ווארום דער גאַנצער וועלטלעכער השבון פון ניי־יאָר, גייט אויפן נאָמען פון אונזערס גאָר אַ נאָענטן קרוב, פון אונזער לאַנדסמאַן, פון אַן אונזעריקן, פון דעם איד יעזוס...

איר זעט נישט, ווי גליקלעך אונזער לאַנדסמאַן — יעזוס האָט אונז געמאַכט צווישן די קריסטן?

איידער מ'האָט יעזוסן פאַרמשפט צום קרייץ, איז ער געווען און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גוטן אמתן איד... ערשט נאָכן טויט האָבן אים די אידן, די חסידים זיינע, די ערשטע קריסטן אים געמאַכט פאַר אַ גוי...

אַ כלל זאָלט איר האָבן, אַז די אמתע גויים ווילן נישט די אידן מאַכן פאַר קיין גויים... דאָס האָבן אים די אידישע אַפּאָסטאָלן, די אַסימילאַטאָרן,

די פובליסיטי אַגענטן, געמאַכט דעם איד יעזוס פאַר אַ גוי...

און די גאַנצע מעשה מיטן דערלייזערס געבורט מיטן וועלטלעכן ניי־יאָר, איז נישט מער ווי אַ אידישע מאַכערייקע... פאַר די געצנדינערישע גויים...

ווי האָט געזאָגט דער באַרימטער איריש־ענגלישער שטאַטסמאַן דיזראַעלי:

— קריסטנטום איז דאָס אידנטום פאַר די פּראָסטע מאַסן...

טאָ, וואו איז דאָ די עוולה, ווען אידן פרייען זיך, טאַנצן, הוליען, טרינ־קען, טומלען גלייך ווי די גויים ביים באַגעגענען דאָס ניי־יאָר?

די שמחה איז אין דער אמתן מער אַ אידישע, ווי אַ גויאישע...

אַפילו די אידישע קאָמוניסטן מעגן לכל הדעות, מאַכן ניי־יאָר בעלער, און זיך לאָזן וואוילגיין, ווי גאָט אין אָדעס, נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלו־ציע... און באַגריסן דאָס נייע יאָר לויטן בורזשואזנעם, קריסטלעך וועלט־לעכן קאַלענדאַר...

דער דערלייזער, דער סטאַליאַר פון נצרת, איז געווען אַן אמתער האָרע־פּאַשניק און רעוואָלוציאָנער. מ'קען אים אַפילו ארייננעמען אין דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי...

ס'איז טאַקע אַ גרויסע שאלה, צי די אַנטיסעמיטן מיט די עכטע אַריער, מעגן פייערן דאָס איריש־קריסטלעכע ניי־יאָר...

ווי קומען עפּעס ריין־ראַסיקע אַנטיסעמיטן, צו פייערן אַ געבורטס־טאָג פון אַן ארץ־ישראל איד... און זיך פרייען אויפן ניי־יאָר עפּעס צוליב אַ איד...

פע, נישט שיין בנאמנות!

די אַנטיסעמיטן דאַרפן איינפירן אַ נייעם קאַלענדאַר, לויטן חשבון פון זייערע אייגענע הייליקע...

דערפאַר אָבער, האָבן מיר אידן, ראַדיקאַלן, אַנטיפאַשיסטן, אינטערנאַ־ציאָנאַליסטן, קאָמוניסטן אַ רעכט צו פייערן דאָס נייע יאָר, מיר מעגן, מיר האָבן אַ היתר...

אַ גרויסער אידישער שרייבער האָט געפּסקנט, אַז מיר מעגן!

טאָ לאָמיר פאַרגעסן די צרות וואָס דאָס „יוזל" האָט געברענגט אויף אונז אידן... אויף די קנאה־שנאה וואָס דער „דערלייזער" האָט געברענגט אויף דער וועלט... די בלוט פאַרגיסונגען מיטן פינצטערניש און פאַנאַטיזם, וואָס דאָס קריסטנטום האָט מיטגעברענגט... און לאָמיר באַגעגענען דאָס נייע יאָר, ווי ס'פּאַסט פאַר פרייע גייסטער, פאַר וועלט־מענטשן...

פאַר מענטשן וואָס האָבן ליב צו טאַנצן אויף פרעמדע חתונות, אויף פרעמדע שמחות, מער ווי אויף אייגענע...

לאָמיר זיך משמח זיין אויף די „טראַדיציאָנעלע" ניי־יאָר בעלער, וואָס מיר אידן אָרדנען איין אַלע יאָר.

יאָ, מיר אידן, האָבן אַ קורצן זכרון... און אַ גרויסער אידישער שריי־

בער, האָט, נעבעך, אין גאַנצן זיין זכרון פאַרלוירן.

דער גרויסער, חשובער שרייבער, ליידט, נעבעך, פון „אמנעזיע". ער האָט פאַרלוירן דעם זכרון פון דער גרויסער קריסטלעכער ליבע, וואָס ער שילדערט אַזוי קינסטלעריש אין זיין בוך „קידוש השם":

דער רוסישער פּאָפּ (גלח) מיטן צלם, הייסט די קאָזאַקן אויסהרגענען די 14 הונדערט אידן, וואָס מ'האָט צוזאַמענגעטריבן אין אַ סאָד פון טולטשין.

דער גלח רעדט אָלץ אינם נאָמען פון הייליקן „רבין" ר' „יוזל"... יאָ, דער „מאַן פון נצרת" האָט זייער שיין דערלייזט די וועלט... און אונז אידן, האָט ער נאָך בעסער דערלייזט...

אַזאַ מזל אויף אונזערע שונאים, אויפן נייעם יאָר!...

V

די פאַמיליע טיניפּאַצקי

יענטע טיניפּאַצקי
(מאָנאָלאָג)

— ניין, ס'איז נישט גוט צו זיין רייך. ס'איז נישט גוט צו זיין קיין גביר־טע, נאָך דערצו אַ גבירטע אין מעקסיקע.

איר הערט? ס'טויג נישט!

ווען מ'רעדט מיט מיר, איז אדרבה, מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ חניפהלע: סעניאָראַ טיניפּאַצקי אַהין, סעניאָראַ טיניפּאַצקי אַהער.

אָבער אונטער די אויגן? ווי איז מיר! אַלע ווייבער זייגען דאָך מיך מקנא, באַרעדן מיך פון אַלע זייטן. מ'פאַרגינט דאָך מיר נישט דאָס שטיקל ברויט!

נו, לוינט זיך צו זיין אַ נגידתטע?

וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין רייך? און וואָס האָב איך פון מיין גאַנץ עשירות, אומשטיינס געזאָגט!

איך וואוין זיך טאַקע אין דער אַריסטאָקראַטישער קאָלאָניע „פּאָלאַנקאָ״, אַ גרויס שיין הויז, אַ פּאַלאַץ, זאָג איך אייך. צוועלף צימערן, מיט אַ „האָל״ און מיט אַ, אַ, ווי הייסט דאָס דאָרטן? מיט אַ, אַ טעראַסע, סי. און וואָס מיינט איר האָב איך פון דעם? קאָפּ־דרייעניש, מער גאָרנישט!

איך בלאָנדזשע אַרום ווי אַ פרעמדע, פון איין צימער אינם אַנדערן. אַז כ'גיב אַ קלונג נאָך אַ דינסט, לויפן אַרום די פיר דינסטן אין אַלע צימערן, ביז זיי געפינען מיך.

אַרום טיש אין עס־צימער קאָנען זיצן זעכציק מענטשן. זיץ איך אין איין זייט טיש, מיין מאַן קעגנאיבער מיר, די טאָכטער מיינע אין דערמיט טיש, און קעגנאיבער איר דאָס אינגל מיינס, סי, מיין סאַלוואַדאָרעלע.

די דינסט הייבט אָן דערלאַנגען דאָס עסן, דאַרף זי, נעבעך, גיין אַרום און אַרום טיש. און די שטולן? ווי איז מיר! צו וואָס דאַרף מען אַזעלכע הויכע, שווערע שטולן? מען זעט דאָך קיינעם נישט אַרויס...

אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, ווען כ'האָב אַליין אָפּגעקאָכט דאָס טעפּל מיטן איינגעדעמפּטן שטיקל פליש, מיט אַ פּערל־גרויפּן זופּ, אַ קרופּניק, אַ קלאָפּס. אַליין צעשניטן דאָס ברויט, אַליין געמאַכט דעם הערינג מיט ציבעלע, מיט עסיק. האָט דאָס עסן געהאַט טויזנט טעם, און היינט? כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, רבונו של עולם, דאָס עסן האָט דאָך נישט קיין אידישן טעם! פּאַלאַבראַ קע נאָ!

נו, וואָס האָב איך פון מיין רייכקייט, פון מיין לוקסוס, פון „פּאַלאַקאַ"?

וואָס זענט איר מיך מקנא, וואָס? מיט מיינע קאָטשעס, מיט מיינע ברי־ליאַנטן, וואָס האָב איך פון דעם?

אַ שטיקל גליק, הערט איר, וואָס ס'איז נאָך דאָ מיט וועמען צו מאַכן אַ פּאָקער. מ'דאַרף דאָך פּטרן די צייט. מ'קאָן משוגע ווערן אַרומדרייען זיך ליידיק אַ גאַנצע טאָג...

און ביים פּאָקער מיינט איר איז בעסער? ס'הייבט זיך נישט אָן!

וועלכע שלעפּערקע שפּילט דען נישט היינט אין פּאָקער? מ'ווייסט דען מיט וועמען מ'גייט צום טיש, מיט וועמען מ'שפּילט?

שטעלט מיר אַ פּאָקערניצע אַ לאַנגע „פּיטשאַ" פון 25 פּעזעס, לייג איך איר אַוועק אַן איי, אַ קיילעכדיקע „פּיטשאַ" פון אַ פופציקער. נו, וואָס מיינט איר? הייבן אָן פליען פופציקערס, וויל איך דאָך ווייזן, אַז איך בין עפּעס יענטע, יענטע טיניפּאַצקי, שטעל איך אַ הונדערטער, כ'זאָל אַזוי האָבן נחת פון מיינע קינדער, ווי אַ גאַנצן הונדערטער, סי, אַ הונדערטער...

נו, וואָס קלערט איר? ענטפערט מען מיר אַ הונדערטער! און ווער מיינט איר? עפּעס אַ שלעפּערקע, אַ קבצנטע, אַ שלומפּערקע, וואָס פאַרמאָגט נישט מיין מיסט... וואָס וועט באַלד גיין אויפן דראַנדזשיק...

זאָג איך צו איר: סעניאָראַ, וואָס דאַרפט איר פאַרשפּילן דעם לעצטן הונדערטער, איר וועט דאָך נישט האָבן מיט וואָס צו גיין מאָרגן אין מאַרק אַריין... וואָס קריכט איר אויף קבר אבות?

ענטפערט זי מיר בייז: נישט אייער באָבעס דאגה! ווייזט וואָס איר האָט, סעניאָראַ טיניפּאַצקי.

אַזאַ חוצפּה! אַזאַ שנאָרערקע גלייכט זיך צו מיר, אַזאַ הם!!! הונדערטערס! איך מעג, איך קאָן, איך בין יענטע טיניפּאַצקי!

נו, קאָן מען נישט צעזעצט און צעשפּרונגען ווערן פאַר פאַרדראָס? מ'קאָן דאָך שוין באַלד קיין לייטישן פּאָקער נישט מאַכן!

שאַט, וואָס דאַרפט איר בעסער, די ווייבער ווילן דאָך מיך דעריאָגן און איבעריאָגן.

אַנומלט קויף איך זיך אַ קאַראַקולן מאַנטל פאַר פיר טויזנט פעזעס. אַהאַ! אין עטלעכע טעג אַרום, זע איך שוין מיינע באַקאַנטע טראָגן קאַראַקולענע מאַנטלען.

קויף איך מיר אַ קאַפּאַ פון זעקס פוקסן, אַהאַ! מ׳טראָגט שוין די זעלבע קאַפּאַס, סי, קאַפּאַס!

מיט עטלעכע חדשים צוריק, איז דער שלימזל מיינער געפאָרן אין די שטאַטן, האָט ער מיר געקויפט אַ סאַלע, אַ צאַצקע זאָג איך אייך! פופצן טויזנט פעזעס אַ סאַלע! איינע אין מעקסיקע!

און וואָס מיינט איר? אין עטלעכע וואָכן אַרום, אַהאַ! טרעף איך ביי מיינער אַ באַקאַנטער די זעלבע סאַלע.

נו, קאָן מען אויסהאַלטן, האַ?

קויף איך אַ „טאַפּעטע״, אַ טעפּיך פאַר אַכט טויזנט פעזעס. ביי אונז אין שטעטל איז אַפילו דער גרעסטער שררה, נישט געגאַנגען אויף אַזאַ טייערן טעפּיך. ס׳גייט זיך עפּעס אַזוי שטיל, ווייך, ווי אויף אַ פוכן איבערבעט, ווי אויף אַ פערינע. איר זענט עפּעס אַ מבין אויף טעפּיכער?

אַ כינעזישער טעפּיך איז פוכקע, דיקלעך, ווייך ווי אַ קניידל, און אַ פערסישער טעפּיך איז שטייף ווי אַן אויסגעבאַקן פסחדיק כרעמזל...

ביי אונז אין שטעטל, האָט מען אַלע פרייטיק גענומען אַ לאָפּעטע, אַ רידעל און אַראָפּגענומען די בלאָטע פון דער פּאַדלאָגע און אויסגעשיט מיט זאַמד, און דאָ גייט מען אויף „טאַפּעטעס״, אַזאַ מחיה!

נו, וואָס מיינט איר? לויפט מיין שכנה און קויפט צוויי טעפּיכער, אַ כינעזישן און אַ פערסישן פאַר צען טויזנט פעזעס...

קויף איך מיר אַ הענג־לאָמפּ אין דער סאַלע פאַר זעקס טויזנט פעזעס. זע איך באַלד דעם זעלבן לאָמפּ אין אַן אַנדערער סאַלע.

נו, קאָן מען נישט קראַנק ווערן פון פאַרדראָס?

דערפאַר אָבער, גיי איך זיך לאָזן מאַכן אַזאַ לאָמפּ פאַר דער סאַלע, אַז קיינער וועט מיר נישט קאָנען נאָכמאַכן, אָ, נאָ!

איר זעט? אַזאַ גרויסן קיילעכדיקן זשיראַנדל, וואָס זאָל פאַרנעמען אַ האַלבן סופיט. אָט אַזוי! פון ריינעם קרישטאָל, מיט אַ סך געשליפענע גלעזע־לעך הענגען אַרום און אַרום.

יענטע טיניפּאַצקי קאָן זיך פאַרגינען! סי, סי!

איי, האָב איך ליב בריליאַנטן!

איר זענט עפּעס אַ מבין אויף בריליאַנטן?

ס׳איז פאַראַן בלוילעכע בריליאַנטן, ווייסע בריליאַנטן, און בלוי־ווייסע בריליאַנטן. די ווייס־בלויע בריליאַנטן זיינען די בעסטע און טייערסטע. וואָס גרעסער דער בריליאַנט איז, ווערט ער אַלץ טייערער...

אַמאָל, אין דער אַלטער היים, נישט היינט געדאַכט, האָט מיר מיין חתן

געקויפט אַ דימענטן פינגערל פאַר גאַנצע דרייסיק קערבלעך... היינט טראָג איך פינגערלעך מיט גרויסע בריליאַנטן אויף אַלע פינגער, און אויף עט־לעכע פינגער צו צוויי בריליאַנטן.

אַ שאָד וואָס מ׳טראָגט נישט קיין בריליאַנטן אויפן גראָבן פינגער...

אַז כ׳גיב אַ ציי אויס מיינע הענט, גיב אַ מאַך מיט די פינגער מיינע אַרויף און אַראָפּ, פינקלען און בלישטשען מיינע בריליאַנטן אַזוי שיין, אַזוי רייך און אַזוי אַריסטאָקראַטיש, ס׳איז אַ מחיה צו קוקן!

האָב איך אָבער אַ פעטער, אַ פרומער אַלט־מאָדישער איד. האַלט ער אין איין זאָגן מיר מוסר: יענטע רייס נישט אויף ביי קיינעם די אויגן מיט דיינע בריליאַנטן...

יענטעלע, צו וואָס דאַרפסטו אָנטאָן די בריליאַנטן, ווען דו גייסט אין מאַרק אַריין קויפן עטלעכע הינער?

צו וואָס דאַרפן אַלע אין מאַרק קוקן אויף דיינע בריליאַנטן? אויף דיינע „טשוועקעס"...

זאָג איך אים געלאַסן: פעטער טייערער, וואָס אַרט דאָס אייך, אַז איך גיי אין מיינע בריליאַנטן ווען איך וויל און וואו איך וויל? וואָס אַרט דאָס מיך, אַז יעדער איז מיך מקנא? האָסטו געהערט אַ ביסל? כ׳האָב זיי ביי קיינעם נישט געגנבעט, די טשוועקעס מיינע...

כ׳קאָן זיך פאַרגינען, טראָג איך בריליאַנטן!...

און פון מיין אייגענעם שלימזל, דעם מאַן מיינעם, מיינט איר האָב איך נישט קיין צרות מיט האַרץ ווייטיק?

אָט פאַלט אים איין אַ נייער שמע קולנו אין קאָפּ אַריין. ער וויל זיך קויפן אַ גרויסע אידישע ביבליאָטעק, די גרעסטע אידישע ביבליאָטעק אין מעקסיקע. אַזאַ איינפאַל גאָר!

בייטל איך אויס צו אים אַלע מיינע בייזע חלומות. משוגע צי חסד דעה? אַ ביבליאָטעק אין מיטן דערינען! ווער מיר ביבליאָטעק? וואָס מיר ביבליאָ־טעק! דו לייענסט עפּעס אַ סך אידישע ביכער? האָסט צייט אַריינצוקוקן אין אַ אידיש בוך? ביסט דאָך שטענדיק פאַרנומען.

אַ גאַנצן טאָג ביסטו אין געשעפט, ביינאַכט כאַפּסטו אַריין אַ פּאָקערל, זונטיק פאָרסטו אויף דאַטשע, און די קינדער נעמען דאָך נישט אין דער האַנט אַריין קיין אידיש בוך...

וואָס זשע דאַרפסטו אַ פּאַפּירענע מצבה אין שטוב אַריין?

זעט איר, אַנשטאָט אַ ביבליאָטעק קויף איך מיר גלייכער אַ ביסל זיל־בער אין שטוב אַריין.

יענטע טיניפּאַצקי האָט שכל, קאָפּ! וואָדען? קאָפּ! סי, קאָפּ!

אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, אין דעם קליינעם, חושכדיק, בלאָטיקן

שטעטל, איז ביי אונז אין שטוב געווען פיר מעשענע לייכטער מיט אַ קו־פּערנעם ראַנדל, אַ פֿאַן צו קאַכן פיש.

האָב איך אַלע פּרייטיק געדאַרפט שייערן, רייבן, און פוצן די לייכטער לכבוד שבת. אוי, כ'האָב אַזוי שטארק מקנא געווען די וואָס האָבן געהאַט זיל־בערנע לייכטער...

היינט האָב איך אַלץ פון זילבער. איי, האָב איך ליב זילבערנע זאַכן!

כ'האָב אַ זילבערנע טאַץ אַ גראָבע, אַט אַזוי די גרעב, איר זעט? זי וועגט אַכט קילאָ. אַ זילבערנעם טשייניק, קריגלעך, טעפּלעך, לעפל, מעסער, גאָפּל. אַלץ פון זילבער, פון ריינעם זילבער! סי, דע פּורא פּלאַטאַ.

אויף אַלע שענקלעך, אויפן בופעט, קרעדענץ, אויף דער קאָמאָדע שטייט אָנגעשטעלט זילבערוואַרג, זילבערנע סערוויזן...

ס'איז אַזאַ מחיה צו קוקן אויף אַזוי פיל זילבערנע זאַכן. ס'בלישטשעט, ס'שיינט, ס'לייכט פון אַלע זייטן.

אַ ביבליאָטעק וויל ער גאָר? זילבער! זילבער! וואָס מער זילבער! פּלאַטאַ!

כ'וויל אייך אויסזאָגן אַ סוד, ס'זאָל דערווייל בלייבן צווישן אונז.

מ'קאָן דאָך שוין באַלד אין דער קאָלאָניע „פּאָלאַנקאָ" אויך נישט וואוינען.

הערט אומישנע אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע.

כ'פּאָר מיר אַזוי אין דער קאַטשע מיינער, דערזע איך עפּעס אַ באַקאַנטע פּרוי, שטעל איך זיך אָפּ און גיי צו איר צו מיט אַ ברייטן האַלאָ! בוענאָס טאַרדעס! וואָס מאַכט איר סעניאָראַ? איר דערקענט מיך נישט?

קוקט זי מיך אָן אַביסל, באַטראַכט מיך פון אַלע זייטן און גיט אַ פּאַטש מיטביידע הענט: אוי וויי איז מיר! איר זענט דאָך, דאַכט זיך מיר, סעניאָראַ טי, טי, טיני־פּאַצקי? פּאַצקי, העלף איך איר אַרויס, טיניפּאַצקי. איך בין סעניאָראַ טיניפּאַצקי.

זאָגט זי מיר, אַז זי דערמאַנט זיך, ווען מיר האָבן געוואוינט מיט צוועלף יאָר צוריק אין איין הויף, אויף כעסוס מאַריאַ...

פרעג איך איר שוין, וואָס זי טוט אין „פּאָלאַנקאָ". ענטפערט זי מיר, אַז זי וואוינט דאָ. קאָן איך זיך שוין נישט איינהאַלטן און פרעג איר: ווי קומט איר עפּעס צו וואוינען אין „פּאָלאַנקאָ"? ענטפערט זי מיר שוין בייז־לעך: וואָס וואונדערט איר אייך אַזוי? פריער האָב איך געוואוינט אין כעסוס מאַריאַ, דערנאָך אין תל־אביב־היפּאָדראָמאַ, און איצט וואוין איך אין פּאָ־לאַנקאָ. אייך שטייט אָן צו וואוינען אין פּאָלאַנקאָ און מיר נישט? ווי לאַנג איז, אַז איר האָט געוואוינט אין כעסוס מאַריאַ אין דריי ענגע, קליינע צימער־לעך? שטייט נישט אַזוי גרויס! מ'קאָן אייך, סעניאָראַ טיניפּאַצקי! אַ גאַנצע גרעפין געוואָרן!

זע איך דאָך, אַז כ'האָב דאָ צו טאָן מיט אַ פּראָסטער אידענע, זאָג איך איר אַ קאַלטן אַדיאָס און גיי מיר אַוועק צוריק צו מיין קאַטשע.

קום איך באַלד אַהיים בייז, אַ באַליידיקטע, אַנגעדרודלט און זעץ מיך אוועק אַ ברוגזע אין דער סאַלע.

דער מאַן מיינער זיצט אין אַ ווייכן פאָטעל און איז פאַרטיפט אין אַ צייטונג. איך זיץ אויפגערעגט און באַטראַכט מיר דערווייל די שיינע מאַניקירטע נעגל מיינע: אוי, רבונו של עולם! זע נאָר וואָס ס'איז געוואָרן פון דער אַמאָליקער יענטע. אַמאָל האָבן די הענט מיט די מאַניקירטע, אָפּגעפּאַרבטע נעגל געהאָרעוועט; געוואַשן וועש, געוואַשן פּאָדלאָגעס, ווי איז מיר! געריבן טעפּ, פאַרברענט זיך די פינגער ביים אויוון מיט די פּייערקעס, ווי איז מיר! און היינט, היינט? פינגער ווי ביי אַ פּריצטע, ווי ביי אַ גרעפין! איר זעט פינגער? שיין ווי גאָלד! יענטע טיניפּאַצקי מיט אָפּגעפּאַרבטע נעגל!

כאַקאַבאַ, כאַקאַביטאַ, זאָג איך שטיל צום מאַן מיינעם, קום נאָר אַהער, כ'וויל דיר עפּעס זאָגן. מאַכט ער זיך נישט הערן, דער שלימזל מיינער, און לייענט ווייטער. גיב איך שוין אַ געשריי הויך: יאַנקל, יאַנקל פייפער! קום אַהער! דערשרעקט ער זיך און לויפט גיך צו מיר צו, נעמט מיך צערטלעך אַרום, קוקט מיר אין די אויגן אַריין מיט אַ זיס שמייכעלע, מיט ליבשאַפט, פונקט ווי ער וואָלט מיט מיר, ערשט נעכטן געשטאַנען אונטער דער חופּה...

וואָס איז דיר יענטעלע? עפּעס ביסטו מיר ברוגז, ווייבעלע מיינס, וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, נשמה מיינע? טייבעלע מיינס, וואָס איז דיר?

כ'וויל דו זאָלסט מיר עפּעס קויפן, זאָג איך אים שטיל, געלאַסן, קויף מיר עפּעס, טייערער.

וואונדערט ער זיך: קויפן? וואָס זאָל איך דיר קויפן? ס'פעלט דיר עפּעס? האָסט אַ שיין הויז, אַ קאָטשע, ברילִיאַנטן, דינסטן, צוויי קליינע הינטעלעך, אַ קאָלטן בופעט מיט אַ רולעטקע. וואָס זשע זאָל איך דיר קויפן, טייערע מיינע?

זאָג איך אים שוין צערטלעך מיט אַ ווייך קול: כ'וויל יאַנקל, כ'וויל זאָלסט מיר קויפן אַ זאַך, וואָס קיינער האָט נאָך נישט. קויף מיר, מיין ליבער טייערער מאַן, אַ, אַ, קאַלאַניע!

גיט ער ראַפּטום אַ שפּרינג אויף, ווי אַן אָפּגעבריטער און צעלאַכט זיך הויך: כאַ, כאַ כאַ, כי, כי כי, כאַ, כאַ, כאַ! אַ קאַלאַניע? אַ קאַלאַניע זאָל איך דיר קויפן? כאַ, כאַ, כאַ! גיטס איר אַ קאַלאַניע, גיטס איר! כאַ, כאַ, כאַ!

גיב איך זיך אויך אַ שטעל אויף און צעשריי זיך הויך: וואָס איז דאָס פאַראַ געלעכטער? יאַנקל פייפער! וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאַכט? פייפערוק!

און כ'זאָג אים באַלד אין אַ וויינענדיק קול אַנגעזאָפּט מיט טרערן: האָסט נישט קיין פיצל רחמנות אויף מיר, דו שאַנעוועסט מיך נישט. כ'קאָן שוין נישט אויסהאַלטן. כ'קאָן שוין מער נישט וואוינען אין דער קאַלאַניע „פּאַלאַנקאַ". כ'קאָן נישט!

דאָ וואוינען שוין אַלע שלעפּערס, אַלע שנאָרערס. ווער ס'האָט נאָר עט-

לעבע פּעזעס, קויפט זיך אַ „טערענאָ", אַ פּלאַץ, אַ הויז אין „פּאָלאַנקאָ" אָדער אין „לאָמאַס"...

כ׳וויל אַנטלויפן פון דאַנען. קויף מיר אַ קאָלאָניע! דו הערסט? כ׳וויל וואוינען איינע אַליין אין אַן אייגענער קאָלאָניע... כ׳וויל אַ קאָלאָניע!

יאָ, כ׳גיי זיך שוין קויפן אַ קאָלאָניע. איר וועט זען, יענטע טיניפּאָצקי וועט נאָך האָבן אַן אייגענע קאָלאָניע! אַדיאָס, אַדיאָס!

יאַנקל פּייפער
(מאָנאָלאָג)

— מ׳קאָן לעבן, נאָר מ׳לאָזט נישט!

איר הערט? מ׳לאָזט נישט!

מ׳פאַרגינט מיר נישט, וואָס כ׳בין אַ גביר, רייך, אַן עושר, אָנגעשטאָפּט מיט געלט.

מ׳פאַרגינט מיר נישט, וואָס איך לעב אַ גוטן טאָג!

די אינטעליגענטן, די, די, ווי אַזוי רופט מען זיי? די כלל־טוער, קהלישע פאַרזאָרגער, די אידעאַליסטן, די שרייבער מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג, האַלטן מיך אין איין קריטיקירן, יאַדן מיך, זאָגן מיר מוסר, כ׳זאָל אויפהערן ברענען אַ וועלט, כ׳זאָל נישט אויפרייסן די אויגן ביי אונזערע שכנים מיט מיין לוקסוס, מיט מיינע הוליאַנקעס, כ׳זאָל האָבן אַביסל מער טאַקט... נישט לעבן אַזוי פאַרשווענדעריש.

וואָס אַרט דאָס זיי, אַז איך צעלאָז זיך אַביסל, צעפיר זיך אַביסל די הענט און לעב, ווי גאָט אין אַדעס... וואָס אַרט דאָס זיי, אַז יאַנקל פּייפער ברענט? כ׳האָב געלט, ברען איך! כ׳קאָן זיך פאַרגינען, הוליע איך אויף וואָס די וועלט שטייט!

זאָגט מיר, כ׳בעט איך, וואָס אַרט דאָס די אינטעליגענטן, אַז סעניאָר כאַקאַבאַ טיניפאַצקי לעבט זיך אַביסל ברייטער, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ גביר? ווי שטייט דאָרט אין הייליקן דאַווענען: כל זמן שהנשמה בקירבי — רייב מאָטיע! כ׳מיין, רייב, יאַנקל פּייער!

מ׳קאָן לעבן, נאָר מ׳לאָזט נישט!

גלויבט מיר, אַז איך וויל גיב איך אויף זיי אַלע אַ גרויסן פייף: פּ־פּ־פּ־ש־ש־ש, און אַ סוף! אַז כ׳וויל פייף איך אויף דער גאַנצער וועלט. אוי. קאָן איך פייפן!

אַמאָל האָב איך געכאַפּט פייערדיקע פעטש פון טאַטן מיינעם, פאַרן פייפן. אַ שייגעץ, האָט ער מיר געזאָגט, פייפט. אַ איד זינגט אָדער שרייט. אַ גוי פייפט אָדער שלאָגט...

אָבער נישקשה, כ׳קאָן נאָך איצט אויך געבן אַ גוטן פייף, נאָר כ׳וויל נישט, נאָ סעניאָר!

וואָס מיינט איר, האָב איך פון מיין גאַנץ רייכקייט? גאָרנישט מיט גאָרנישט! כ׳האָב דעם הנאה פון אַביסל היימיש עסן, פון אַ לעפל געקעכץ? ס׳הייבט זיך גאָרנישט אָן! אַ נעכטיקער טאָג!

איר האָט מיר גאָרנישט, וואָס מקנא צו זיין מיט מיין עשירות, מיט מיין וואוילטאָג.

אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, האָב איך געהאָרעוועט, געפּראַצעוועט, שווער און ביטער. געשלעפּט אויף זיך אַ פּעקל זאַקן מיט קראַוואַטן איבער די גאַסן און געזוכט „מאַרטשאַנטעס". געפאָרן אויף די מערק מיט אַ שווערן קאַסטן שטאָלוואַרג, אָדער געקלאַפּט אין די טירן נאָך אַן „אַבאַנאָ".

אָבער, ווען כ'בין געקומען אַהיים נאָך דער אַרבעט, האָב איך זיך אָפּ־רומגעוואַשן, געזעצט זיך צום טיש און מיין יענטעלע, זאָל געזונט זיין, האָט מיר דערלאַנגט דעם געשמאַקן באָרשטש מיט אַ גרויסן ביין, געהאַקטע לע־בער מיט ציבעלע, אַ קרופּניק מיט אַ קוגעלע, אַ געפּילט העלזל, אַ פלוימען צימעס, האָב איך טאַקע געהאַט הנאה פון עסן. כ'האָב זיך דאָך מחיה געווען מיט מיין יענטעס מאכלים.

איי, קאָן זי קאָכן! נאָר זי וויל נישט. זי וויל נישט קאָכן!

טענה איך צו מיין אידענע: יענטע קרוין, דערבאַרעם זיך, האָב רח־מנות און קאָך מיר אַליין אָפּ אַביסל אידיש עסן ווי אַמאָל. צעלאַכט זי זיך און ענטפערט מיר בייז: איך זאָל שטיין אין קיך? נונקאַ! קיינמאָל נישט, סעניאָר! גענוג געקאָכט! גענוג פאַרשוואַרצט געוואָרן אין קיך, גענוג! כ'האָב דינסטן, זאָלן זיי קאָכן, פרעגלען און באַקן, סי סעניאָר!

שטאָפּן זיי מיך, די דינסטן, מיט „פּאַיאַ", מיט „מאָליע", מיט רויע ביפשטיקן און מיט „פּאַסטעלן". ס'קריכן מיר שוין פון האַלז די ביפשטיקן מיט די פּאַסטעלן.

געוואַלד, גיט מיר גלייכער אַ הייסן באָרשטש! אַ ביסל גריץ, גע־האַקטן הערינג, אַ ביסל מייערן־צימעס, אַביסל וואַרעניע, מאַלינעס־סאָק!

נו, דאַרפט איר מיך מקנא זיין, האַ?

כ'בין רייך, כ'לעב אין ראַסקאַש, וואָס האָב איך פון מיין לעבן? גלויבט מיר, אַז די קבצנים לעבן אַ סך בעסער ווי איך.

דערפאַר אָבער, ווען איך כאַפּ זיך אַריין מיט מיינע „אַמיגאָס" אין אַ רייכן קאַבאַרעט, גיב איך שוין אַ הוליע און לאָז זיך וואויל גיין, ווי ס'באַ־דאַרף צו זיין!

כ'עס די אמתע וועטשערע, כ'דערכאַפּ זיך דאָס האַרץ מיטן אמתן ביסל קאָניאַק. נאָך אַ „קאָפּאַ" און טאַקע נאָך אַ גלעזל. דער אָרקעסטער שפּילט, די אויסגעפּוצטע סעניאָריטאַס גלאַנצן מיט די פייערדיקע אויגעלעך. ס'ווערט מיר עפּעס אַזוי וואַרעם אויפן האַרץ, סאַראַ מחיה!

אוי, האָב איך חשק צו נעמען אַזאַ איידל, שיין סעניאָריטאַלע אין מיי־נע אָרעמס און כאַפּן אַ טענצל. נאָר עפּעס בין איך שווער אויפן טריט, כ'הייב די פלייצעס ביים טאַנצן. זיץ איך גלייכער און קוק, ווי אַ הייסע, קאָכעדיקע, שפּאַנישע טענצערין, פליט, פלאַטערט, טאַנצט און שוועבט מיט די שלאַנקע,

געטאָקטע, דינע פּיסלעך. זי פּלאָטערט, ברענט ביים טאַנצן. איך ברען אויך... כ׳וואַרף זיך מיט הונדערטערס!

אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, האָב איך געגעסן ביים „טשינאַ“ אַ גאַנצן מיטאָג פאַר פופציק סענט, און היינט? היינט פליען די הונדערטערס. נאָך אַ הונדערטער! נאָך אַ הונדערטער! ס׳פעלט מיר געלט, פעלט מיר? יאַנקל פייפער קאָן זיך פאַרגינען! וואָס אַרט דאָס די אידעאַליסטן, די אינטעליגענטן, אַז איך פאַרווענד און פאַרשווענד מיין געלט ווי איך וויל?

יעדער אינטעליגענט, יעדער פּלאַסקעדריגע, יעדער שלעפּער זאָגט מיר אַ דעה, ווי אַזוי כ׳זאָל לעבן.

ווער ס׳האָט די מאה, דער האָט די דעה! כ׳האָב געלט, מאַך איך הוליאַנקעס!

וואָס בין איך שולדיק, אַז איך האָב דאָס ביסעלע מזל, כ׳האָב זיך אַרויפגעאַרבעט, כ׳בין רייך, און זיי, די אינטעליגענטן, די דעה־זאָגערס, זיינען געבליבן שלימזלס, לא יצלח׳ס, קבצנים אין זיבן פּאָלעס. וואָס בין איך שולדיק, וואָס?

האָסטו געזען אַביסל? אַזעלכע אינטעליגענטן!

איר מיינט, אַז כ׳בין, חלילה, אַ שלעכטער מענטש, אַ קאַרגער, אַן איינברענגער? ס׳הייבט זיך נישט אָן! אדרבה, כ׳האָב אַן אָפענע האַנט. מ׳קומט אַריין צו מיר נאָך אַ נדבה, אַ ביישטייערונג, איז מיטן גרעסטן כבוד!

כ׳האָב זיך נאָר ליב אויסצופּרעגן, צו וואָס דאַרף מען אַזוי פיל געלט, און וויפיל ס׳האָט געגעבן מיין שכן. כ׳הייס די נעמערס וואַרטן אַביסל, וואָס־זשע, זיי האָבן נישט קיין צייט? און דערלאַנג זיי אַ הונדערטער, איר הערט? אַ גאַנצן הונדערטער, ווי כ׳בין אַ איד!

כ׳בעט נאָר די נעמערס, זיי זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן אַריין צו שטעלן מיין נאָמען אין צייטונג: סעניאָר כאַקאָבאָ טיניפּאָצקי און אָן גרייזן... איר פאַרשטייט, ס׳קאָסט געלט!

בין איך גערעכט, צי נישט?

מ׳קומט מיר פאַרקויפן אַ בוך פון אַ אידישן שרייבער, קויף איך דריי ביכער. כ׳וועל גיין זשאַלעווען די פּעזע? אַ בוך איז אַ נוצלעכע זאַך. איך אַליין האָב נישט קיין צייט צו לייענען ביכער, ווער האָט דאָס געדולד צו לייענען ביכער? כ׳קויף באַלד אויסגעלייענטע ביכער... זיי קומען צונוץ!

איר פאַרשטייט, אַז כ׳גיי אויף אַ בר־מצוה, אויף אַ „קומפּלעאַניאָס“, שענק איך אַ „רעגאַלאָ“ די געקויפטע ביכער. אַ בוך קומט צונוץ!...

נו, וואָס האָט מען צו מיר? וואָס־זשע טשעפּען זיי מיך, די אינטעליגענטן? וואָס־זשע איז מען מיך אַזוי מקנא מיט מיין גבירישקייט, מיט מיין פּאַלאַץ אין „פּאַלאַנקאַ“?

שאַט, וואָס דאַרפט איר בעסער, איך קאָן דאָך נישט איינזיצן אפילו אין מיין רייך הויז! ס׳יאָגט מיך אַרויס פון מיין שיין, אויסגעפוצטע שטוב. כ׳האָב דאָך נישט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן!

מיין אידענע גייט אַלע נאַכט ערגעץ אַוועק מאַכן אַ פּאָקער, די טאָכ־טער מיינע גייט אין „סינע", און דאָס אינגל גייט שלאָפן. נו, מ׳איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש, גיי איך אויך מאַכן אַ פּאָקער.

און ביים פּאָקער מיינט איר איז בעסער? ווייסיך וואָס! ס׳איז היינט אַ ריזיקע זיך צו זעצן צום טיש מיט אַ פּעשל קאָרטן. ווער שפּילט דען היינט נישט אין פּאָקער? אַלע קבצנים, אַלע שנאָרערס, מ׳איז דאָך אפילו נישט זיכער מיט די טשעקן...

ווען איך שפּיל, וויל איך זען מזומנים. איר פאַרשטייט? דגים איז פיש — און געלט אויפן טיש!

זיצט לעבן מיר עפּעס אַ אידל, אַ נערוועזער, אַ דערשלאָגענער, די הענט ציטערן ביי אים, ווען ער שטעלט נעבעך איין דעם לעצטן הונדערטער...

זאָג איך אים שטילערהייט: רעב איד, צו וואָס זאָלט איר פאַרשפּילן דעם לעצטן הונדערטער? איר דאַרפט דאָך מאָרגן צאָלן אַ לעטראַ...

רופט ער זיך אָן צו מיר מיט כעס: סעניאָר טיניפּאָצקי, נישט אייער עסק! מישט זיך נישט אין פרעמדע געשעפטן, שטייט נישט אַזוי גרויס! מ׳האָט שוין געזען גרעסערע גבירים, ווערן בעטלער. אידיש עשירות איז ווי פורימדיקער שניי — עס צעגייט זיך... זייט נישט אַזאַ פלאָקנשיסער, יאַנקל פייפער, גיט קאָרטן!

ווער איך שוין טאַקע גוט בייז און מאַך אים אַ מי־שברך, איך טאַטנס טאַטן אַריין! איר זעט אַ חוצפּה פון אַ שנאָרער? ער גלייכט זיך צו מיר. איך קאָן זיך פאַרגינען צו פאַרשפּילן אין איין נאַכט אַ טויזנטער, און טאַקע אַ צען טויזנט אויך. איך האָב געגנוג געלט, האָב איך! סי סעניאָר!

כ׳וויל אייך דאָ אויסזאָגן אַ סוד, מיין אידענע זאָל חלילה זיך נישט דער־וויסן, מיין יענטעלע, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, איז דאָך ביי מיר אָן איי־פּערזיכטיקע, אַ „סעלאָסאַ"!

אוי, איז זי אייפערזיכטיק! זי היט דאָך מיך אויף טריט און שריט, זי לאָזט דאָך מיך נישט רעדן קיין וואָרט מיט אַ שיין, יונג ווייבל...

ווען מיר שפּילן צוזאַמען אין פּאָקער, האָב איך ליב צו זיצן לעבן אַ שיין, יונג ווייבל, זי איז אונזערס אַ באַקאַנטע, אַ ליאַלקע, אַ פיגורל, בלוט און מילך. איר פאַרשטייט? ס׳איז אַ מזלדיק אָרט...

כ׳באָרג איר אַמאָל אַ פופציקער, אַ הונדערטער, ס׳ווערט גישט פאַר־פאַלן, זי גיט אָפּ, זי ברענט און צאַפּלט ביים שפּילן. זי ברענט און איך ברען! כ׳שרפע, כ׳מאַך זיך אַמאָל אַ שפּאַס מיט איר, אַז מיין אידענע זעט? נו, נו,

בין איך שוין אַ פּאַרטיקער... ווען כ'קום אַהיים האָב איך שוין פון איר גע־ברענטע צרות.

זי הייבט באַלד אָן שרייען און גוואַלדעווען: כאַקאַבאַ, האָסט דיך שוין ווידער געגומען צו דיינע אַלטע שטיק? דו מיינסט, אַז כ'זע נישט? דו לאָזט דאָך נישט אַראָפּ קיין אויג פון ווייבל! דו זיצסט צו נאָענט לעבן איר, דו האַלסט עפּעס צו לאַנג איר הענטל. כ'זע אַלץ פּייפער, כ'טשאַטעווע גוט נאָך. דו ווערסט דאָך פאַרכאַפּט, ווען דו זעסט אַ שיין ווייבל!

דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, ווי דו מאַכסט קאָמפּלימענטן דער שיינער סעקרעטאַרשע דיינער? היט דיר די ביינער, פּייפערוקל! לאָז געמאַך די שיקסע. קריך נישט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין קראַנקן בעט אַריין!

זי הייבט באַלד אָן צו וויינען מיט ביטערע טרערן: דו פאַרקירצט מיר מיינע טעג און יאָרן; כ'ווער דאָך גרוי און אַלט איבער דיר. ווער ווייסט וואָס דו טוסט אָפּ הינטער מיינע פּלייצעס? דו האָסט מיך מער נישט ליב!

איר קאָנט זען, ווי אַ פרוי וויינט? איך נישט! כ'האָב אַ ווייך האַרץ. נעם איך זי באַרויקן, לאַשטשען און איינרעדן: יענטעלע, יענטעלע, דו ביסט אייפערזיכטיק? הער אויף נאַרעלע צו ריטשען. וואָס כליפּעסטו, ווי אין דער ווייבערשער שול צום ונתנה תוקף? כ'האָב דיך ליב, ווי מיין אייגן לעבן, אוצר מיינער! כ'שווער דיר, אַז דו ביסט ביי מיר די איין און איינציקע פרוי אויף דער גאַנצער וועלט. נשמה מיינע! איך זאָל אַזוי דערלעבן צו זען היטלערס מפּלה, ווי — — — נאָר גיי טענה זיך אויס מיט אַן אייפערזיכטיק ווייב!

נו, וואָס האָב איך פון מיין רייכקייט?

מ'קאָן לעבן, נאָר מ'לאָזט נישט!

הערט איר, ס'איז נאָך אַ שטיקל גליק, וואָס כ'האָב אַ ביסל פאַרגעניגן פון מיין קאַטשע.

איי, האָב איך אַ כלי! איי, האָב איך אַ קאַטשע! שוין איינמאָל אַ קאַטשע! אַ צאַצקע, זאָג איך אייך! אַ פּאַקאַרד, אַ דריי און פערציקער פּאַקאַרד!

איר זענט עפּעס אַ מבין אויף קאַטשעס?

אַמאָל בין איך געווען אַ גרויסער מבין אויף סוסים, אויף פערד. פון וווייטנס האָב איך זיי דערקענט, די לאַשאַקעס, די פערדלעך: אַ קאָבילע, אַ קאַשטאַן, אַ שימל, אַ זשערעבעץ אָדער אַ פייערדיקן אַגער.

היינט בין איך אַ גרויסער מבין אויף קאַטשעס. פון אַ ביליק פערדל, ביז אַ טייערן קאַדיליאַק אָדער אַ פּאַקאַרד.

איך אַליין פאָר מיר אין מיין שיינעם פּאַקאַרד. מיין יענטע, זאָל לעבן, „מאַנעבירט" אַן אַריסטאָקראַטישן „לינקאָלן". וואָס־זשע וואָלט איר געוואָלט, כ'זאָל לאָזן מיין אידענע זיך שטופּן און טרייסלען אין אַן ענגן, געפּאַקטן „קאַמיאָן" אָדער טראַמוויי? פע, ס'פּאַסט נישט!

דאָס טעכטערל מײנס, איז פֿריער געפֿאָרן אין אַ שיברי־לב (שעווראָלעט), אין אַ „באַש" אין אַ הופּמאָביל. איצט טרײַבט זי אַ ביואיק. אַ פּאַקאַרד פֿרעסט אַ סך גאַזאָלין און אַ ביואיק, איז שטאַרק ווי אײַזן.

דאָס אינגל מײנס, האָט שוין אויך חשק צו פֿירן אַ קאָטשע, נאָר ער טאָר נאָך נישט. ער האָט נאָר וואָס געפּטרט זײַן בר מצוה.

בײַ אונז אין בלאָטיקן שטעטל, איז דער פֿריץ געפֿאָרן אין אַ קאָטש מיט פֿיר פֿערד נאַ־שפּיץ, און איך האָב געבראָדזשעט אין דער שיטערער בלאָטע. אָדער געטאָפּטשעט אינם נאַסן שניי, און הײַנט פֿאָר איך מיר אין מײַן רײַכן פּאַקאַרד...

אײַ, איז אַ מחיה צו פֿאָרן אויף דער גלאַטיקער „קאַרעטעראַ"! מײַן פּאַקאַרד יאָגט איבער אַלע קאָטשעס. איך זע אַ באַקאַנטן, גיב איך אַ פֿײַף מיטן „קלאַקסאָן": טרו־טראָ־טרו, טרו־טרו־טראָ! כ׳גיב אַ מאַך מיט דער האַנט און הײדאַ ווײַטער, ווײַטער, אַכציק קילאָמעטער אַ שעה!

איך זאָג, איך שוועב, איך פֿלי! קומען אָבער די אינטעליגענטן, די אידעאַליסטן און מאַכן אַ גוואַלד: אידן, ס׳טויג נישט! ס׳איז אַ געפֿאַר! יאַנקל פֿײַפֿער וויל איבעריאָגן די גאַנצע וועלט!

מ׳קאָן לעבן, נאָר מ׳לאָזט נישט!

הערט אומישנע אַ טשיקאַווע געשיכטע, וואָס אַזאַ קאָפּ־מענטש ווי איך, קאָן אײַנפֿאַלן.

כ׳פֿאָר מיר אַזוי אַהײם אין מײַן קאָטשע און טראַכט מיר, אַז ס׳איז שוין צײַט פּטור צו ווערן פֿון מײַן געשעפֿט, פֿון מײַן פֿאַבריק און פֿון מײַן דעפּאַרטאַמענט־הויז. מ׳דאַרף זיך נעמען צו בעסערע געשעפֿטן. מ׳דאַרף זיך נעמען צו אַזאַ מין געשעפֿט, וואָס האָט נאָך נישט קײן קאָנקורענטן.

איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ געניאַלער פּלאַן, אַ גאָלדענער, אַ בריליאַנטענער פּלאַן.

כ׳קום אַרײַן אין שטוב, טרעף איך מײַן אידענע זיך פּוצן, שמירן און פֿאַרבן. פֿרעג איך איר: יענטעלע, צום פּאָקער באַדאַרפֿסטו זיך אַזוי אויספּוצן? ענטפֿערט זי מיר אונטער דער נאָז: כ׳שפּיל נישט הײַנט. כ׳גײ אין סינע. מ׳ווײַזט הײַנט אַ שײן בילד מיט דער באַרימטער, האָליוואודער אַרטיסטין בעטי גראַבלע...

זאָג איך איר, אַז כ׳מוז מיט איר רעדן וועגן זײער אַ וויכטיקער זאַך. ווערט זי בײגעריק און פֿרעגט מיך, צי כ׳גײ קויפֿן אַ נײַ הויז. זאָג איך איר געלאַסן: נײן, פֿאַרקערט. כ׳גײ, פֿאַרקויפֿן מײַן דעפּאַרטאַמענט־הויז. כ׳האָב דערפֿון אַלע טאָג אַנדערע צרות. דאָ פֿעלט וואַסער, דאָ ווערט עפּעס צובראָכן. צו וואָס טויג מיר אַ הויז פֿון פֿיר שטאָק? אַז אַנדערע יאָגן מיך שוין איבער מיט הײַזער פֿון 5 שטאָק פֿון 6 און אַפֿילו פֿון 10 שטאָק.

אויס געשעפֿט, אויס פֿאַבריק און אויס הײַזער!

פרעגט זי מיך איראָניש, מיט אַ שמייכעלע: וואָס זשע וועסטו טאָן מיין טייערער מאַן? וועסט שרייבן תפילין?

ענטפער איך איר רואיק: ניין, מיין טייערע. כ'האָב אַ בעסער געשעפט, אַ גאָלדן געשעפט, זאָג איך דיר! כ'גיי, כ'גיי ווערן אַ באַנקיר!

גיט זי גיך אַ שפרונג אויף, ציט אויס די הענט אין דער הויך, און שרייט אויס מיט איר קוויטשיק שטימעלע:

גוואַלד, אידישע קינדער! דער מאַן מיינער איז אַראָפּ פון זינען, משוגע! כ'גיי רופן אַ דאָקטאָר. וואָס ווילסטו ווערן? אַ באַנקיר? כאַ—כאַ—כאַ! כי—כי—כי! יאַנקל פייפער אַ באַנקיר!

זי גייט צו מיר צו, טאַפּט מיר אָן דעם שטערן און זאָגט מיר גלייך אין פּנים אריין מיט כעס:

דו רעדסט פון היץ כאַקאָביטאָ, שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ דיין באַנק. כ'וועל דיך נישט לאָזן צעטרענצלען, פטרן אונזער געלט אויף בענק, דו הערסט? דיין זיידע איז נישט געווען קיין באַנקיר און נישט דיין טאַטע, און דו וועסט אויך נישט זיין קיין באַנקיר, נונקאָ פייפערוק, נונקאָ!

יאַנקעלע פייפערוקעלע אַ באַנקיר! גיטס אים אַ באַנק. גיטס אים! ס'איז דאָ געגוג בענק אין מעקסיקע.

ווער איך שוין טאַקע גוט אין כעס, שטעק אַריין די גראָבע פינגער אין וועסטל ביי די אָרעמס, קלאַפּ צו נערוועז מיט אַלע פינגער אויפן וועסטל, שטופּ אַביסל אַרויס דעם בויך פאָרויס און זאָג איר פאַמעלעך:

יענטע, דיין באָבע איז נישט געווען קיין אַריסטאָקראַטקע און דיין מאַמע אויך נישט, און דו ביסט אַריין אין די פעדערן, דו ביסט געוואָרן אַ גאַנצע אַריסטאָקראַטקע. יענטע טיניפּאַצקי, אַן אַריסטאָקראַטקע!

אַז דו מעגסט זיין אַן אַריסטאָקראַטקע, מעג איך זיין אַ באַנקיר! קוק מיך נאָר אָן טיניפּאַצקעלע, ס'פּאַסט מיר נישט צו זיין קיין באַנקיר?

הייבט זי אָן אויף מיר צו שרייען, שפּריצט מיט פייער, פילדערט, שעלט. זאָג איך איר קורץ און שאַרף: יענטעניו, שריי נישט אַזוי, ליאַרעם נישט, עפן נישט דיין פּיסקעלע מיט דיין מענה־לשון. כ'האָב נישט פאַר דיר קיין מורא, כ'פייף אויף דיר! דו הערסט?

ס'געפעלט דיר נישט? קאָן איך דיר געבן די צוועלף שורות... ס'איז דאָ ביי אידן אַ גט!

אַ באַנק אָדער אַ גט!

ווערט זי שוין אַ ביסעלע ווייכער און פרעגט מיך מיט אַ נערוועז שמייכעלע: וואָס־זשע פייפערוקל, האָסט דיר שוין אַנגעגרייט עפּעס אַ שיין ווייבעלע? מ'וועט דאָך דיך באַלד אויסכאַפּן, פאַרשוין מיינער! האָסט שוין דערוואַקסענע קינדער און רעדסט וועגן אַ גט?

שעמען מעגסטו זיך!

שעמען? זאָג איך איר מיט שטאָלץ, איך זאָל זיך שעמען? נישטאָ וואָס צו שעמען זיך. ס׳איז הפקר פּעטרישקע! ס׳איז מעקסיקע, ס׳איז אַ פריי לאַנד. דו טוסט אויך וואָס דו ווילסט, סעניאָראַ טיניפּאַצקי!

דערווייל בין איך באַלעבאָס. אָדער דו ווערסט אַ באַנקירשע, אָדער אַ גרושה. דו הערסט, יענטעלע?

אָדער אַ באַנק אָדער אַ גט!

איר וועט זען, יאַנקל פּייפּער, וועט נאָך זיין אַ באַנקיר!

כ׳גיי שוין עפּענען אַ באַנק! אַדיאָס, אַדיאָס!

סעניאָריטאַ טיניפּאַצקי

(מאָנאָלאָג)

— מיינע פּאַדרעס קאָנט איר דאָך, אַפּאַקאַ נאָ?

ווער קאָן דאָס נישט מיין מאַמאַ?

מיין מאַמאַ האָט אַ קאָסטומברע צו קויפן זיך קאַדאַ סעמאַנאַ אַ נייעם סאָמברעראָ, סי, סי!

אַ סאָמברעראָ, וואָס זעט אויס, ווי אַ שיסל מיט בלומען, אַ סאָמברעראָ, ווי אַן איבערגעקערטער טאָפּ, אַ סאָמברעראָ מיט אַ גרויסער, געפאַרבטער פּלומאַ.

מיין מאַמאַ האָט ליב מ׳זאָל קוקן אויף איר.

און מיין פּאַפּאַ קאָנט איר דאָך אויך, אַפּאַקאַ נאָ?

ווער קאָן דאָס נישט מיין פּאַפּאַ?

ער איז אַ האָמברע דע קאָנפיאַנסאַ, נאָר ער האָט ליב מ׳זאָל רעדן פון אים: ער איז אַ באַרימער, און פּאָקאָ פּרעסומידאָ... ער רעדט אַביסל צו הויך. ער לויפט, שוויצט, פליט און פייפט. ווייטער איז ער אַ גאָלדענער מענטש, עקסאַקטאַמענטע, ווי מיין מאַמאַ!

מואי בוענאַ כענטע! אַ פּאָקאָ נאָ?

און אַז איר קאָנט שוין מיינע פּאַדרעס, מעגט איר מיך אויך קאָנען אַ ביסעלע, נאָ לע האָסע!

יאָ סאָי סעניאָריטאַ טיניפּאַצקי!

כ׳בין זייער אַ געלערנט מיידל, מואי עדוקאַדאַ:

כ׳קאָן פייפן פּונקט ווי אַ מוטשאַטשאָ הויך, מואי אַלטאָ — פּפּפ־ששש! כ׳קאָן שפּאַניש, ענגליש; איך שפּיל פּיאַנאָ און לייען אַלע פּאַקינעס און רע־וויסטאַס פון די סינעס... איך קאָן אויסטרינקען עטלעכע קאָפּאַס קאָניאַק, קאָקטיילס, בעסער ווי אַ מוטשאַטשאָ און נישט ווערן באָראַטשאָ! אַפּאָקאָ נאָ?

איך פאַרלייג אַ פוס אויף אַ פוס, מ׳זאָל אַרויסזען מיינע מעדיאַס דע ניילאָן איבער די ראָדיאַס... און רויכער אַמעריקאַנער סיגאַראַס לאַקי סטרייק, קע פּיאַטשאַ!

אידיש רעדט איך מואי פּאָקאָ און זייער שלעכט. שולדיק זיינען מיינע פּאַדרעס. סי, יאָ נאָ טענגאָ לאַ קולפּאַ! ען מי קאַסאַ רעדט מען נישט מיט מיר קיין איין פּאַלאַבראַ אידיש.

מיין פּאַפּאַ האָט געוואָלט איך זאָל זיך לערנען אידיש, העברעאיש, אידישע געשיכטע און קאָנען דאַווענען. נאָר מיין מאַמאַ האָט זיך איינגעשפּאַרט,

קע נאָ! מ'דאַרף נישט, האָט זי געזאָגט. עס איז אַ לאַסטימאַ אויפן קינד, כ'לערן אַזוי אויך באַסטאַנטע:

וואָס וועט זי האָבן פון די אַלע טאָנטעריאַס? זי וועט אָן אידיש, אָן העברעאיש און אָן די אידישע ליטעראַטור, אויך קריגן אַ שיינעם, געראָ־טענעם חתן. קע פּיאָטשאַ!

מיין מאַמע איז מואי אינטעליכענטע, אַ פּאָקאָ נאָ?

מיין מאַמאַ זאָגט, אַז אויב איך בין נישט אַזוי געלערנט אין אידישקייט, בין איך דערפאַר אַ שיינע, און אויב איך בין נישט אַזוי שיין, אי קע? בין איך רייך. מואי ריקאַ, סי! כ'האָב אַ גרויסן, פעטן נדן! די כאָוועגעס וועלן מיר נאָכלויפן, ווי די, יאַ סאַווע... מיין מאַמאַ ווייסט וואָס זי רעדט. יאָ טענגאָ מזל, אַ פּאָקאָ נאָ?

אַלע סעניאָריטאַס זיינען דאָך מיך מקנא, סי, ענווידיאָסאַס! זיי פאַרגינען דאָך מיר גאָרנישט, קאָמפּלעטאַמענטע נאַדאַ!

קויף איך מיר אַ ניי אַמעריקאַנער קלייד, באַקוקן זיי מיך אַרום און אַרום, די אַמיגאַס מיינע. זיי פרעגן מיך וויפל ס'קאָסט, און צו וואָס איך דאַרף איך אַזוי פיל זיידענע וועסטידאָס?

כ'קאָן זיך פאַרגינען, קויף איך זיך קאַדאַ סעמאַנאַ נייע קליידער, שיך און מעדיאַס נאַילאָן. פּאָרקע נאָ? מיין פּאַפּאַ איז זייער רייך, מואי ריקאָ! אפשר נישט?

אַ סך אָרימע מיידלעך, שלעפּערקעס, וואָס פאַרמאָגן נישט, וויפל עס קאָסטן מיינע פּערפומעס און קרעמאַס, ווילן מיר נאָכטאַנצן און זיך קליידן פונקט ווי איך. קע פּיאָטשאַ!

איך קויף זיך אַ גאַנצע דאָסענאַ מעדיאַס דע סעדאַ, פופציק פּעזעס אַ פּאָר, רעפּיאָטשאַ! און אַ מיידל וואָס פאַרדינט הונדערט פּעזעס אַ מעס, וויל אויך גיין אין זיידענע מעדיאַס. זי קאָן זיך קויפן פאַר איר סאַלאַריאָ, פונקט צוויי פאָר זיידענע מעדיאַס...

קע פּאַסאָ? זיי ווילן גיין אויסגעפּוצט עקסאַקטאַמענטע ווי איך. איך מעג, יאָ פּועדאָ! איך קאָן גאַסטירן, מיינע פּאַדרעס זיינען רייך, מאוי ריקאָס! אַפּאָקאָ נאָ?

ווען איך מאַך אַ וואועלטע אין מיין נייער קאָטשע אין לאָמאַס, אויפן מיראַדאָר, ווען איך זע באַקאַנטע מיידלעך, גיב איך אַ פייף מיטן קלאַקסאָן — טרו־טראָ־טרו! זאָלן זיי זען, ווער עס מאַנעכירט אַ קאָטשע. איך, סעניאָ־ריטאַ טיניפּאָצקי! קע פּיאָטשאַ!

כ'ווייס, כ'ווייס, אַז מיינע אַמיגאָס פאַרגינען מיר נישט, נאַדאַ, נאַדאַ! זיי רעדן צו מיר אַזוי זיס, טאַן דולסע, זיי שמייכלען צו מיר אַזוי פריינטלעך. אָבער היינטער מיינע עספּאַלדאַס? דיאָס מיאָ! זיי לאַכן און פאַרקרומען זיך

און רעדן אויף מיר אַלץ, וואָס — — — איר ווייסט שוין וואָס זיי רעדן די מענטיראָסאָס...

זיי זאָגן, אַז איך זוך אַ נאָוויאַ מיט אַ טיטול... אי קע? מיינע פּאַדרעס קאָנען געבן מיין נאָוויאַ הונדערט טויזנט פּעזעס נדן, דאָטע, אי מאָס! אַפּאָקאָ נאָ?

נאָר איך וויל נישט, נאָ קיערא, איך וויל נישט קיין חתן דורך נדן, נאָ! איך וויל חתונה האָבן, סאָלאַמענטע פּאָר אַמאָר!

איר מעגט הערן, פּאָר פּאַוואָר, וואָס מיינע טייערע אַמיגאָס האָבן מיר געטאָן. זיי האָבן מיך פאַרמסרט פּאָר מיין מאַמאַ, אַז איך גיי אַרום מיט אַ שייגעץ... אי קע? אַז אַ שייגעץ, איז וואָס?

די מאַמאַ האָט אָנגעהויבן צו וויינען, צו שרייען: אַ שייגעץ גאָר? ווי איז מיר! קינד מיינס, ס'פּעלט דיר אידישע אינגלעך? עס זיינען דאָך דאָ אַזעלכע שיינע, גאָלדענע אידישע בחורים, וואָס טויג דיר אַ שייגעץ? איכאַ מיאַ! דו קאָנסט דאָך דיר אויסקלויבן דעם שענסטן און בעסטן, אַריסטאָקראַ־טישן חתן, אוצר מיינער! דו ווייסט וואָס די שקצים ווילן? ווי איז מיר! יאָ כאָוועס איכאַ!

האָב איך מיין מאַמאַ באַרואיקט און איר געזאָגט, אַז ס'איז ווערדאַד. סי מאַמאַ, כ'גיי אַרום מיט אַ שייגעץ אַביסל שפּאַצירן, ער איז אונזערס אַ וועסינאָ. אי קע? כ'קלער נישט און טראַכט נישט מיט אים חתונה האָבן. נונ־קאַ מאַמאַ, נונקאַ! מיר זיינען בלויז אַמיגאָס אי נאַדאַ מאָס! קעכאַ זיך נישט מאַמאַ!

איי מאַמאַ, איז ער אַ שיינער דער שייגעץ, טאַן סימפּאַטיקאָ! אַ הויכער, אַ מאָרענאָ. ער האַלט מיר בײדע הענט און קוקט אויף מיר מיט זיינע שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן, און רעדן רעדט ער אַזעלכע שיינע, זיסע ווערטער, טאַן ראָמאַנטיקאָס: — מי קערידאַ, מי באָניטאַ, מי לינדאַ, מי טשולאַ, גואַפּאַ, מי ווידאַ, מי אַמאָר, מי רעינאַ, מי דולסע, מי קאָמפּאַטאַ, איי, קע פּיאַטשאַ!

ער פרעגט מיך קיינמאָל נישט, צי איך בין רייך, וויפל נדן איך האָב. אַ שייגעץ רעדט נישט אַזעלכע טאָנטעריאָס — קאָטשעס, נדן! סאָלאַמענטע פּון אַמאָר...

איר מיינט, אַז איך ווייס נישט, די אידישע אַמיגאָס מיינע ווילן מיט מיר חתונה האָבן, נאָר צוליב מיין גראַנדע אי גאָרדאָ נדן, אַפּאָקאָ נאָ?

זיי דרייען זיך אַרום מיר, די כאָווענעס, אויסגעפּוצטע, ווי די האַליוואַר־דער אַרטיסטאָס, מיט גלאַנציק פאַרקעמטע האָר, מיט שמאָלע צוגעשוירענע וואָנסעלעך. זיי טאַנצן טאַנגאָס און קאָנגאַ, רויכערן סיגאַראָס, טרינקען קאָק־טיילס און וואַרטן אויף אַ רייכע נאָוויאַ. אַפּאָקאָ נאָ?

אַז אַזאַ כאָוועןנעמט זיך מיר דערקלערן אין ליבע, הויבט אָן קריכן מיט די הענט, וויל מיך אַרומנעמען און מיר געבן אַ בעסאָ... זאָג איך אים

קאַלט, קאָן קאַלמאַ: פּאַר פאַוואָר סעניאָר, קאָן לאַס מאַנאָס נאָ! אָן הענט כאַ־ווען. איך לאָז זיך נישט פאַרדרייען מיין קאַוועסאַ. כ'ווייס, אַז ער מיינט מיין נדן, אַפּאַקאַ נאָ?

כ'בין סעניאָריטאַ טיניפּאַצקי!

מיינע אַמיגאַס זיינען ענאַכאַדאַס אויף מיר, זיי זיינען סעלאַסאַס, וואָס בין איך שולדיק, אַז די כאַוועגעס לויפן מיר נאָך?

מיינע אַ באַקאַנטע סעניאָריטאַ, האָט מיך שוין אינסולטירט און געשריגן אויף מיר: דו ווייסט, אַז כאַרכע איז מיין מעכאָר אַמיגאָ? איך גיי שוין מיט אים אַרום אַ יאָר, און דו ווילסט אים ביי מיר צונעמען! סי, סעניאָריטאַ טי־ניפּאַצקי, סי! ס'פעלט דיר מוטשאַטשאָס?

צעלאַך איך זיך: כאַ, כאַ, כאַ, כי, כי, כי! ווער דאַרף דיין אַמיגאָ, איך? כאַ, כאַ, כאַ! קאַנסט זיך האַלטן מיט דיין כאַרכען, מיט פעפען, קאָן טאַדאַס!

איר הערט, כ'האָב אַפילו נישט קיין גאַנאַס צו שפּילן אין פּאָקער מיט מיינע אַמיגאַס. איי, האָב איך ליב פּאָקער, מע גוסטאַ טאַנטאַ על פּאָקער! אַ פּאָקער איז טאַן עמאָסיאָנאַנטע, פיאַטשאַ! נאָר די ערגסטע זאַך איז צו שפּילן מיט מיינע אָרימע אַמיגאַס. זיי ציטערן אַזוי איבער דער פּעזע. זיי ווילן שפּילן און נישט פאַרלירן, פּעראָ יאָ נאָ! איך קאָן פאַרשפּילן האַסטאַ טיען פּעסאָס אי מאַס, אַ פּאָקאַ נאָ?

איי, האָב איך ליב צו לעבן, צו האָבן פּלאַסער. מע גוסטאַ דיווערטירמע. כ'קאָן זיך פאַרגינען, מיינע פּאַדרעס סאָן מואי, מואי ריקאָס!

האָב איך אָבער אַ פעטער, מאַכט ער מיך שטענדיק טריסטע. ער זאָגט מיר מוסר, און רעגאַניעט מיך. איי, איז דאָס אַ טיאָ! ער רעדט צו מיר סיעמ־פּרע מיט זיין טרויעריקער שטימע:

גוואַלד, ווי קאָן אַ אידיש מיידל אַזוי אַרומהוליען, לעבן אין לוקסוס, גיין אויסגעפּוצט ווי אַ פּרינצעסין, גיין אַלע נאַכט אין סינע, אָדער עסן אין די רייכסטע רעסטאָראַנען און טאַנצן ביז פאַרטאָג... אין אַזאַ צייט, ווען טויזנ־טער אידישע סעניאָריטאַס אין די נאַצי־לענדער, גייען אַרום אין שמאַטעס, אָפּגעריסן, פאַרפייניקטע און גייען אויס פון הונגער און נויט. איי, סעניאָ־ריטאַ, שעמען מעגסטו זיך!

נו, וואָס זאָגט איר צו מיין טיאָ? איך זאָל זיך שעמען! אַפּאַקאַ יאָ טענגאָ לאָ קולפּאַ? וואָס בין איך שולדיק, אַז די אידישע סעניאָריטאַס אין איראָפּע האָבן נישט קיין געבראָטענע פּאַיאָס מיט פּאַסטעלן, שאָקאָלאַד, כאַמאָן מיט קאָקטיילס...

וואָס בין איך שולדיק, אַז די אידישע סעניאָריטאַס דאָרט, האָבן נישט קיין אַמעריקאַנער וועסטידאָס. פּיעלעס מיט מעדיאַס דע סעדאַ?

קע פּאַסאַ? ווי אַזוי דען זאָל איך לעבן, ווי אַ שנאָרערקע? ווי אַ שלע־פּערקע? נאָ סעניאָר! אַ פּאָקאַ בין איך פּאָורע?

כ׳קאָן זיך פֿאַרגינען, לעב איך אין לוכאַ, אי קע! לאַ ווידאַ איז אַזוי טאָן הערמאָסאַ, אַזוי שיין, אַ פּאָקאָ נאָ? מיינע פּאַדרעס זיינען רייך, מואי ריקאָס, טיענע מוטשאָ דינעראָ, סי, יאָ סע טאָדאָ.

אין דער היים האָב איך נישט קיין אַפּעטיטאָ צום עסן, קאָמפּלעטאַ־מענטע נאַדאַ. אין רייכן, עלעגאַנטן רעסטאָראַן עס איך קאָן טאַנטאָ אַפּעטיטאָ, מ׳טרינקט אַ קאָקטייל, מען עסט אַלגאָ, די מוזיק שפּילט, מ׳טאַנצט אַביסל, דעספּועס עסט מען אַלגאָ, אי לועגאָ אַ באַילאַר. קע פּיאַטשאַ! אַ פּאָקאָ נאָ?

איך מוז עסן מיט מוזיק, מיט אַן אָרקעסטער. איך מוז גיין כאָטש פיר מאָל קאַדאַ סעמאַנאַ אין סינע, אויף אַלע עסטרענאָס. איך וואָלט אַלע נאַכט געוואָלט זען שפּילן דיאַנאַ דורבין מיט בעטי גראַבלע, קע פּיאַטשאָס!

כ׳וויל אייך אויסזאָגן אַ סעקרעטאָ. כ׳גיי בעטן מיין פּאַפּאַ, ער זאָל מיר קויפן צו מיין קומפּלע־אַניאָס אַ רעגאַלאָ: — אַ סינע מיט אַ דזשעס־אָרקעסטער...

דע וועראַס, ביי מיין קערידאָ פּאַפּאַסיטאָ קאָן איך אַלץ אויספּירן, טאָדאָ, טאָדאָ!

איך בין סעניאָריטאַ טיניפּאַצקי!

אַדיאָס, אַדיאָסיטאָ!

סאַלוואַדאָר טיניפּאַצקי . . .

(מאָנאָלאָג)

— טרעס קאָסאַס איי ען לאַ ווידאַ, סאַלוד, דינעראָ אי אַמאָר — — — פששש — פשו — פששש — פשש —

— קע פּאַסאַ, סעניאָר מיאָ? וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? איר דער־קאָנט מיך נישט? סי סעניאָר, דאָס בין איך דער קליינינקער מוטשאַטשאַ סימ־כעלע (שמחהלע), איצט בין איך שוין אַ כאָוועז, כ'בין זיך צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, מואי גראַנדע!

יאָ סאַי על כאָוועז סאַלוואַדאָר, סאַלוואַדאָר טיניפּאַצקי אַ סוס אָרדענעס! איר וואונדערט זיך, וואָס איך שטיי מיר אַזוי רואיק, זאָרגלאָז, די הענט אין די הויזן־קעשענעס, די פּיס אַביסל צעשפּרייט, און פּייף מיר צו אַ שפּאַניש לידל? נאָ לע האַסע סעניאָר, עס איז מיר גוט, ס'איז מיר פריילעך, מואי אַלעגרע, זינג איך מיר און פּייף! פּאַלאַבראַ קע סי!

קע מע פּאַלטאַ? נאַדאַ! ס'פּעלט מיר אַבסאָלוטאַמענטע גאָרנישט. אַל קאָנטראַריאָ, כ'האָב נאָך מער ווי איך דאַרף, מוטשאַ מאַס, וואָס אַ כאָוועז דאַרף. נו, טאַנץ איך, זינג און פּייף!

מיין פּאַדרע הייסט, קאָמאָ סע יאַמאַ, יאַנקל פייפער, נו, אַז מיין פּאַפּאַ פייפט, פּאַרוואָס זאָל איך נישט פייפן? פּאָרקע נאָ?

מיין מאַדרע הייסט, קאָמאָ סע יאַמאַ, יענטע, נאָר מ'רופט זי כוליאַנאַ, אויף שפּאַניש, כוליאַנאַ טיניפּאַצקי, און איך בין על כאָוועז טיניפּאַצקי, אַ סוס אָרדענעס.

זאָגט מיר, פּאָר פּאַוואָר, פּאַרוואָס רופט מען די אידישע מוטשאַטשאָס מיט אַזעלכע מאַדנע נעמען, פּאַלאַבראַ מואי טשיסטאָסאָס נאָמברעס: יאַנ־קעלע, אַברהמעלע, משהלע, הערשעלע, יצחקל און סימכעלע. וואָס בין איך שולדיק, אַז מיין זיידע האָט געהייסן שמחה? מיר האָט מען אויך אַ נאָמען געגעבן שמחה, נאָר מיינע פּאַדרעס האָבן מיך פאַרשריבן סאַלוואַדאָר, סאַל־וואַדאָר טיניפּאַצקי, אַ סוס אָרדענעס.

נאָר מיין קערידאַ טיאַ, דער פעטער מייגער, רופט מיך נאָך אַלץ סימכע־לע, סימכעלע! ווען כ'בין געווען אַ קליינער מוטשאַטשאַ, האָב איך זיך צע־וויינט און געשריגן אויף מיין פעטער, ער זאָל מיך נישט רופן מיט אַזאַ פעאַ נאָמברע — סימכעלע. איך שעם זיך מיט מיין אידישן נאָמען — סימכעלע! סאַלוואַדאָר איז אַ סך שענער, אַ פּאָקאָ נאָ?

און אפשר מיינט איר, אַז דער אַפּעידאָ, דער פאַמיליע נאָמען מיינער, געפעלט מיר שטאַרק? זאָג איך אייך, אַז נישט, נאָ סעניאָר! נאָ מע גוסטאַ, פּאַלאַבראַ!

ווען מיין פּאַפּאַ איז געוואָרן אַ סיאוּדאַדאַנאָ, אַ בירגער, האָט ער גע־וואָלט בייטן זיין פאַמיליע נאָמען. ער האָט געוואָלט פאַרקירצן, אָפּשניידן אַ האַלבן נאָמען. האָט זיך די מאַמע איינגעשפּאַרט, אַז איר געפעלט בעסער דער ערשטער האַלבער נאָמען פון טיניפּאַצקי, ס'וועט קלינגען, אַ סך אַריס־טאָקראַטישער: כוליאַנאַ טיניפּי... האָט דער טאַטע דווקא געוואָלט דעם אַנ־דערן האַלבן נאָמען — פּאַצקי, כאַקאַבאַ פּאַצקי איז שענער, פּאַלאַבראַ.

האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג געשפּאַרט, ביז ס'איז געבליבן — טיניפּאַצקי.

מיינע פּאַדרעס האָבן מיך זייער ליב, מוטשאָ, מוטשאָ! זיי גיבן מיר נאָך אַלץ וואָס איך וויל, טאַדאָ, טאַדאָ!

איי, האָבן זיי מיר געמאַכט אַ שיינע, קאַמאַ סע יאַמאַ, באַר מיצווע (בר מצוה), על מעכאַר באַר מיצווע דע טאַדאָס לאָס באַר מיצוועס, פּאַלאַבראַ...

דער מאַעסטראָ האָט מיט מיר געלערנט די בענדיסיאָנעס (ברכות) אין העברעאיש, איז דאָס מיר נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין, אַזוי פיל ברכות! האָט ער מיר אויפגעשריבן מיט שפּאַנישע לעטראַס, אי סעאַקאַבאַ על אַסונטאָ! פּאַלאַבראַ!

ביים זאָגן אין שול די בענדיסיאָנעס מיט אַ דיסקורסאָ (דרשה), האָב איך געציטערט, זיך געשראָקן, כ'זאָל נישט מאַכן קיין פּאַלטאַ. פּעראָ וואָלע לאַ פּענאַ! סי סעניאָר. כ'האָב געקראָגן אַזויפיל רעגאַלאָס, פון אַלע זייטן רע־גאַלאָס, פּעראָ רעגאַלאָס!

מ'האָט מיר געמאַכט אַ באַנקעט פּונקט ווי אויף אַ חתונה: מיט מוזיק, זינגערס און באַילאַרינאַס... פּאַלאַבראַ!

נאָך דער בר מצוה, זאָגט מיר דער פּאַדרע מיינער, כ'זאָל לייגן די קאַמאַ סע יאַמאַ, די תפילין און דאַוונען. זאָג איך אים, נאָ סעניאָר! יאָ סע אַקאַבאַ על אַסונטאָ. דו לייגסט נישט די קאַמאַ סע יאַמאַ, די תפילין, דו דאַוונסט נישט, פּאַרוואָס זשע זאָל איך דאַוונען? איך האָב שוין אָפּגעדאַוונט...

מירע סעניאָר, ווען מ'זאָל מיר מאַכן נאָך אַזאַ ריקאַ בר מצוה, מיט אַזוי פיל רעגאַלאָס, מיט אַזאַ גראַן באַנקעטע, וואָלט איך געהאַט גאַנאַס צו לייגן נאָכאַמאָל די קאַמאַ סע יאַמאַ, די תפילין, און זאָגן די בענדיסיאָנעס, דעוועראַס סעניאָר, פּאַלאַבראַ.

דער פּעטער מיינער האָט געוואָלט, אַז כ'זאָל לייענען ווייניקער פּאַקי־נעס און מ'זאָל מיך גלייכער לערנען אידיש, העברעאיש, אידישע געשיכטע. נאָר מיין פּאַדרע האָט געזאָגט, אַז איך וועל שוין קיין רב נישט זיין, און די מאַמע האָט געזאָגט, קע נאָ! כ'האָב באַסטאַנטע אַרבעט אין קאָלעכיאָ: שפּאַ־ניש, ענגליש, באַסטאַנטע טאַרעאַס, און מ'זאָל מיר נישט דרייען דעם קאַ־

וועסאַ מיינעם מיט די טאַנטעריאַס; אידיש, העברעאיש אי אַטראַס, קאַמאָ סע יאַמאַן. וואָס וועל איך האָבן פון דעם, וואָס? נאַדאַ!

וואָס בין איך שולדיק, אַז איך קאָן נישט רעדן און נישט לייענען קיין אידיש? יאָ נאָ טענגאָ לאַ קולפּאַ, נאָ.

מיין טאַטע וויל כ׳זאָל ווערן אַ סוחר אָדער אַן אינזשיניער, און די מאַמע וויל דווקא איך זאָל ווערן אַ דאָקטאָר. זי וויל האָבן, זאָגט זי, כאָטש איין דאָק־טאָר אין דער פאַמיליע: דאָקטאָר סאַלוואַדאָר טיניפּאַצקי!

פּעראָ יאָ נאָ סע, וואָס ווילן פון מיר מיינע פּאַדרעס. עסטודיאַר, לערנען, טאַרעאַס אי מאַס טאַרעאַס!

צו וואָס דאַרף איך זיך אַזוי ברעכן דעם קאָפּ מיט די ליבראָס? ביכער, ביכער! אַז מיין טאַטע איז אַזוי רייך, מואי ריקאָ, און קיין נאָוויאַ מיט נדן זוך איך אויך נישט, פּאַלאַבראַ. די אַנדערע כאַווענעס, וואַרטן אויף אַ כלה מיט אַ פעטן נדן, יאָ נאָ! צו וואָס דאַרף איך אַזוי פיל שטודירן, צו וואָס?

מע גוסטאַ מעכאַר דיוועָרטירסע, פלאַסער, פאַרגעניגן אי נאַדאַ מאַס!

מיין פּאַפּאַ איז רייך, מואי ריקאָ, פאַרוואָס זאָל איך זיך זאָרגן, דיגאַמע פּאַרקע? קע מע פאַלטאַ? גאָרנישט, קאָמפּלעטאַמענטע נאַדאַ!

סי, סעניאָר, כ׳האָב ליב צו לעבן אַ גוטן טאָג, מע גוסטאַ לאַ בוענאַ ווידאַ.

די זון שיינט אַזוי שיין, די קאַרעטעראַס זיינען אַזוי גלאַטיק, זעץ איך זיך אַריין אין מיין שיינער קאַטשע, אַ פּאַקאַרד, און פלי מיר אין קוערנאַוואַקאַ, קוֹאַוטלאַ, טעהואַקאַן, סאַן כאָסע פּורואַ. ס׳איז דאַ וואו צו פאָרן אין מעקסיקע, ס׳איז דאַ! מיין פּאַדרע מעג פאָרן אַלע וואָך האָבן פלאַסער, פאַרברענגען אַ ביסל מעג איך אויך, קאָמאָ נאָ!

דער פעטער מיינער זאָגט מיר מוסר, רעגאַנירט מיך, כ׳זאָל רעדן אי־דיש, לייענען אַ אידיש בוך. אַ יוגנט זאָגט ער, וואָס רעדט נישט די שפּראַך פון איר פאָלק, לייענט נישט די אידישע ליטעראַטור, קאָן נישט די אידישע געשיכטע און אינטערעסירט זיך נישט מיט אידישע פּראָבלעמען, אַזעלכע כאַווענעס טויגן אויף כּפּרות, אי נאַדאַ מאַס...

קע טשיסטאָסאָ איז מיין טיאָ! פּאַלאַבראַ. וואָס וועל איך האָבן פון דעם, קאָמאָ סע יאַמאַ? לייענען אידישע ביכער! כ׳האָב דען צייט צו לייענען אַ בוך?

דריי מאָל אַ וואָך גיי איך אין סינע, צוויי מאָל אַ וואָך גיי איך אויף אַ באַילע, אַ כאַוועץ דאַרף טאַנצן, ווערדאַד! און לערנען דאַרף מען אויך און פּאָקיטאַ, אי קע? און אַ פּאָקער דאַרף מען אויך שפּילן, ווערדאַד? מיינע פּאַד־רעס מעגן שפּילן און איך נישט?

איך און מיין שוועסטער כאָסעפינאַ שפּילן מיט די אָפּגעשפּילטע קאָרטן. מיינע פּאַדרעס מיט די געסט שפּילן מיט נייע קאָרטן, און מיר שפּילן מיט די אַלטע קאָרטן, די קאָרטן גייען איבער פון די עלטערן צו די קינדער...

וואָס מיין טאַטע פאַרשפּילט איין נאַכט אין פּאָקער, קאָן איך האָבן פלאַסער מיט מיינע אַמיגאָס אַ גאַנצן מעס... פּאַלאַבראַ!

איי, קע מע גוסטאַ דיווערטירסע! כ׳גיי אויסגעפּוצט ווי אַ פּרינץ, אַלע מעס אַ נייע טראַכט. כ׳האָב צוויי פולע קעשענעס מיט געלט. מוטשאַ דינעראָ. אינוויטיר איך מיינע אידישע אַמיגאָס: כאָסע, מיגעל, פּעדראָ, נאַטשאָ און טאַטשאָ אין אַ רייכן רעסטאָראַן, מ׳טרינקט אַ קאָפּאַ, קאָקטייל, אַ קאָניאַק, אַ קובאַ־ליברע, איי, האָב איך ליב אַ קובאַ ליברע! כ׳קאָן אויסטרינקען דריי קובאַ־ליברעס און נישט ווערן באָראַטשאָ. איי, קע מוטשאַטשאָ!

צאָלן, צאָל איך, יאָ פּאַגאָ פּאַראַ טאָדאָס, פּאַלאַבראַ, יאָ סאָי סאַלוואַדאָר טיניפּאַצקי!

דעספּועס, פאַרדיכבער איך אַ סיגאַראַ אַ לאַקי סטרייק און טאַנצן, אַ באַילאַר! וואַמאָס אַ באַילאַר כאָוועגעס: טאַנגאַ, פּאָקסטראָט און קאָנגאַ.

ווען איך טאַנץ מיט אַ אידישע סעניאָריטאַ, מיינט זי באַלד, אַז כ׳בין אין איר פאַרליבט... האָב איך בעסער ליב צו טאַנצן מיט אַ שיקסע, יאָ סאַווע אוסטעד, אַ שיקסע זוכט נישט קיין תכלית... פּאַלאַבראַ.

אַז כ׳זע, ווען אַ אידישע סעניאָריטאַ ווערט צו שטאַרק צוגעלאָזן צו מיר און בעט מיך, כ׳זאָל זי איינלאַדן אַהיים, זי וויל זיך באַקענען מיט מיינע פּאַדרעס, טראַכט איך מיר, אַהאַ, אַקי עסטאַ על פּעליגראָ, שלעכט!

זאָג איך איר באַלד: סעניאָריטאַ, כ׳האַלט נאָך נישט דערביי, כ׳גיי נאָך נישט חתונה האָבן, טאָדאַוויאַ נאָ!

אַלע כאָוועגעס זיינען מיך מקנא, זיי פאַרגינען מיר נישט, וואָס אַלע מיידלעך פאַרליבן זיך אין מיר, טאָדאָס!

קוקט מיך גוט אָן, וועט איר זען, אַז מ׳קאָן זיך פאַרליבן אין מיר... פּאַלאַבראַ. מיינע פּאַדרעס זיינען רייך, מואי ריקאָס, און איך בין על כאָווען טיניפּאַצקי.

אויגאָ סעניאָר מיינע צרות: די אַמיגאָס מיינע האָבן מיך איינמאָל צו־גערעדט, כ׳זאָל ווערן אַ מיעמבראָ אין אַ קאַמאַ סע יאַמאַ, אין אַ קלוב פון אידישע כאָוועגעס. בין איך געגאַנגען עטלעכע מאָל, אי קע? קאָנפערענציאָס, מיטינגס, דיסקוסיאָנעס, געשיכטע, ליטעראַטור אי אָטראָס קאָסאָס: די נאַציס הרגענען אויס די אידישע כאָוועגעס אין איירָאָפּע, העלפט, אידישע כאָוועגעס פון מעקסיקע העלפט! טאַנצט ווייניקער און מאַכט ווייניקער הוליאַנקעס...

מ׳רעדט, האַבלאַן, האַבלאַן אי נאַדאַ מאַס, און אַזוי טרויעריק, טאַן טריסטע.

נאָ מע אינטערעסאַן עסטאַס קאָסאַס, נאָ, וואָס בין איך שולדיק? יאָ נאָ טענגאָ לאַ קולפּאַ. פאַרוואָס זאָל איך זיין טריסטע, פּאָרקע?

מיין טאַטע איז רייך, מואי ריקאָ, איך וויל לעבן אַ גוטן טאָג. מיינע פּאַד־רעס מעגן מאַכן אַלע וואָך פיעסטאַס מיט פּיעסטאַס, און איך נישט? פּאָרקע נאָ!

כ׳גיי שוין נישט מער אין דעם קאָמאָ סע יאַמאַ, אין דעם אידישן קלוב הערן די קאָנפערענציאַס, ליטעראַטור, געשיכטע אי אָטראַס קאָסאַס. נאָ מע גוסטאָ, נאָ סעניאָר.

נאָ מע אימפּאָרטאָ נאַדאַ, פּאַלאַבראַ, מיך אַרט גאָרנישט. מע גוסטאָ דיווערטירסע, כ׳וויל האָבן פאַרגעניגן, פלאַסער. וואָס פעלט מיר? מיין פּאַדרע איז רייך, פּאַלאַבראַ, מואי ריקאָ.

יאָ סאָי סאַלוואַדאָר טיניפּאָצקי!

טרעס קאָסאַס איי ען לאַ ווידאַ, סאַלוד, דינעראָ אי אַמאָר — — — — פּושש — שש — פּושש — — — —

אַדיאָס, אַדיאָסיטאָ!

יאנקל פייפער מאכט חתונה...
(מאָנאָלאָג)

— אידן, ס'קומט מיר אַ מזל טוב, אָבער אַזוי, דעם אמתן מזל טוב! סי סעניאָר!

וואָס איז, איר וואונדערט זיך? איר מיינט אַז כ'האָב געוואונען די פּרע־מיע מאַיאָר אויף דער לאָטעריע? עס הייבט זיך נישט אָן, נאָ סעניאָר! ווער דאַרף די פּרעמיעס, געלט איז ביי מיר בלאָטע! די טיניפּאַצקיס האָבן גענוג געלט, סי סעניאָר.

כ'האָב געוואונען אַ בעסערע און טאַקע אַ גרעסערע פּרעמיע, די אמתע פּרעמיע!

כ'האָב חתונה געמאַכט מיין טאָכטער!

נו, האַ, קומט מיר אַ מזל טוב צי נישט?

איר ווייסט דאָך, ווי שווער און ביטער עס איז חתונה צו מאַכן אַ טאָכ־טער אין מעקסיקע, איי ווי שווער! עס איז גרינגער צו קויפן אַן אַכט שטאָ־קיקע „עדיפיסיאָ", איידער חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער, איר ווייסט דאָך!

מיין טייער טעכטערל כאָספינאַ קאָנט איר דאָך? שיין ווי די וועלט, קלוג ווי דער טאָג, געראָטן אין איר טאַטן, סי סעניאָר. טאַנצט ווי אַן אמתע באַי־לערינע, לייענט ענגליש ווי אַ וואַסער און וויל בשום אופן נישט רעדן קיין אידיש וואָרט... אַ שאַרף קעפּל ביים פּאָקער, און מאַנעכירט אַ קאָטשע בע־טער ווי דער טאַטע אירער. וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן: אַ געראָטן קינד, אַ ליאַלקע, אַ צאַצקע!

איז דאָך דאַכט זיך גוט, האַ? טויג דאָס ערשט נישט. נאָ סעניאָר, עס טויג נישט!

ס'טעכטערל מיינס, כאָספינאַ טיניפּאַצקילע, האָט זיך איינגעשפּאַרט, פאַרעקשנט, אַז זי מוז נעמען דעם בעסטן, דעם שענסטן, דעם געלערנסטן חתן אין מעקסיקע. וואָס איז, זי קאָן זיך נישט פאַרגינען?

מילא ,נו, האָט זי גענומען קלויבן די חתנים, פונקט ווי מ'קלויבט ווע־רעמדיקע אַרבעס... דער איז צו הויך, דער איז צו דאַר, דער איז נישט גענוג געלערנט, דער אַזוי און דער אַזוי...

בוענאָ, וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן, ס'איז גרויסע צרות, סי סעניאָרעס. כאָטש האַק און בראָק, מיין כאָספינאַלע גיט זיך נישט אונטער, נישטאָ פאַר איר קיין חתן!

מיין יענטע גייט נעבעך אַרום אָן אַ קאָפּ, פאַרזאָרגט, מואי טריסטע. זי וויל האָבן אַ ביסעלע נחת פון איר פרינצעסין...

אפשר מיינט איר, אַז עס גייט אָן נדן? אָ, ניין, סעניאָר. ביי מיר איז געלט בלאָטע. פופציק טויזנט, איז פופציק טויזנט. הונדערט טויזנט, איז הונדערט טויזנט, און טאַקע מיט אַ שמיצל אויך.. וויפיל מ׳וויל. צווייי ביינע קאָטשעס מיט אַ גאַנצע „עדיפיסיאָ״ פאַר אַ חתן...

איר ווייסט דאָך, אַ מיידל ווערט נישט אינגער, און פאַרלעגענע סחורה וויל קיינער נישט... און נישטאָ קיין חתן!

אָבער אַז עס איז באשערט, הערט איר, קומט דאָס אַליין אין שטוב אַריין.

מיין טעכטערל קומט איינמאָל צו פאָרן מיט איר קאָטשע, אָבער נישט אַליין. זי קומט אַריין אין סאַלע אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע און פירט ביי דער האַנט עפּעס אַ „כאַוועון״ מיט אַ פאַררויטלט פנים. זי שטעלט אונז פאָר איר „אַמיגאָ״ כאַרכע גאַרגעלעוויטש.

מיין יענטע האָט פאַר גרויס פרייד געוואָלט געבן דעם בחור אַן „אַבראַ־סאָ״ און זיך צוקושן מיט אים, האָב איך איר שטילערהייט געזאָגט: יענטע לעבן כאַפּ נישט, ס׳איז נישט קיין הייסע לאָקשן, האָב צייט, קאָן קאַלמאַ יענטע, קאָן קאַלמאַ.

אָבער מיין יענטעלע האָט געטראָפן, ס׳איז געווען די פרעמיע מאַיאָר, סי סעניאָר, אַ חתן! מזל טוב! געקליבן, געקליבן און זיך אויסגעקליבן אַ דאָקטאָר.

בוענאָ, טראַכט איך מיר, זאָל זיין אַ דאָקטאָר, אַבי אַ חתן. אמת, דער דאָקטאָר איז נאָכנישט קיין געענדיקטער, ס׳הייסט, אַ נישט דערשאָכטענער... בוענאָ, זאָל זיין אַ נישט געענדיקטער, אַבי אַ חתן. נאָך דער חתונה, זאָגט ער, וועט ער קריגן דעם דיפּלאָם זיינעם. נאָר מיין יענטעלע זאָגט, אַז עס איז בעסער צו האָבן דריי „עדיפיסיאָס״, איידער איין דאָקטאָר־דיפּלאָם... כ׳מיין אַז זי איז גערעכט...

פאַר דער חתונה, גיי איך מיר אַוועק צום רב און לאַד אים איין, ער זאָל זיין מסדר קידושין אויף מיין טאָכטערס חתונה. גיט ער מיר אָפּ אַ ברייטן מזל טוב. מיט מזל זאָלט איר לעבן רבי, ענטפער איך אים. פרעגט ער מיך וואו די חתונה וועט זיין, זאָג איך אים, וואָס הייסט רבי וואו? אין גרעסטן, שענסטן אַריסטאָקראַטישן סאַלאָן אין שטאָט. ענטפערט ער מיר געלאַסן, אַז ער איז נאָר מסדר קידושין אין אַ אידישן זאַל, וואו ס׳איז דאָ אַ כשרע קיך.

ווער איך שוין אַביסל בייז און רעד שוין אַביסל העכער: רבי, מאַכט נישט קיין רבנישע שטיק! איר ווייסט ווער איך בין? איך בין סעניאָר טיני־פאָצקי, מיך רופט מען יאַנקל פייפער, איך קאָן פייפן אויף אַלעמען. איך בין רייך, איר פאַרשטייט רבי, כ׳בין אַ גביר. ביי מיר וועט זיין אַן אַריסטאָ־קראַטישע חתונה מיט מעקסיקאַנער געסט: ליסענסיאַדאָס, דאָקטוירים, אינזשיניערן מיט באַנקירן.

ענטפערט מיר דער רב קאַלטבלוטיק, אַז קיינער וועט נישט מסדר קידושין זיין אויף אַ טריפהנער חתונה, און אַז מ'טאָר אויך נישט סערווירן קיין מילכיקע „העלאַדאָס"...

וואָס, וואָס האָט איר געזאָגט רבי? קיין העלאַדאָס אויך נישט? ווי אַזוי קאָן דאָס זיין אַן אַריסטאָקראַטישע חתונה אָן „העלאַדאָס"? איר פאַרשטערט מיר די שמחה רבי, איר מאַכט מיך אומגליקלעך, ווייַ איז מיר!

ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די חתונה האָט געמוזט זיין אין אַ אידישן סאַלאָן, אָן העלאַדאָס און אָן אַ „לעטשאָן", אָן אַ געבראָטן יונג חזרל...

מ'קאָן לעבן נאָר מ'לאָזט נישט. די שרייבער, די דעה זאָגערס, און איצט דער רב.

ס'איז אָבער געווען שוין איינמאָל אַ חתונה. די גרעסטע, רייכסטע, אַריסטאָקראַטישע חתונה פון אַלע אידישע חתונות, סי סעניאָר!

דריי פאָטאָגראַפירער האָבן געשוויצט, זיי האָבן פאָטאָגראַפירט די געסט. און בלומען? אַזוי פיל בלומען האָט מען נאָך אויף קיין אידישע חתונה נישט געזען. אַ גאַנצער גאָרטן מיט בלומען.

די שלעפע, די „קאָלאַ" פון חופה־קלייד, איז געווען זעקס מעטער די לענג. זעקס קליינע קינדער האָבן געמוזט אונטערהאַלטן די שלעפע. איך קאָן זיך אפילו פאַרגינען אַ זיידענע שלעפע פון 20 מעטער, עס זאָל זיך שלעפן איבערן גאַנצן זאַל, נאָר מען לאָזט נישט, נאָ סעניאָר.

איר האָט געמעגט אָנקוקן דעם פאַסטעל, וואָס איז געשטאַנען לעבן די חתן־כלה. איר זעט, אָ! אַ האַלבן טיש האָט ער פאַרנומען, אַ גאַנצע „עדי־פיסיאָ". זעקס גרויסע זיילן, קאָלומנעס פון שאָקאָלאַד און אויבן אויפן צווייטן שטאָק, זיינען געווען אויסגעגאָסן פון שאָקאָלאַד, ווי די חתן־כלה האַלטן זיך ביי די הענט. ס'איז געווען אַ מחיה צו קוקן אויפן פאַסטעל.

ביי אונז אין בלאָטיקן שטעטל, האָט מען אויף דער גרעסטער גבירי־שער חתונה, אָקעגנגעטאַנצט חתן־כלה נאָך דער חופה מיט אַ געפלאָכטענעם קוילישט, פאַר אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס... און דער חתונה־פאַסטעל קאָסט גאַנצע 600 פעזעס.

פאַר דעם געלט האָט מען אַמאָל געקאָנט חתונה מאַכן צוויי טעכטער...

דעם פעטער אונזערן, איז דער פאַסטעל אינגאַנצן נישט געפעלן. ער האָט געקוקט אויפן פאַסטעל מיט אַ זויערע מינע און זיך שטיל געבייזערט: פע, פע, מענטשעלעך פון שאָקאָלאַד, געטשקעס, עבודה זרה, אַ גויאישער מנהג, פע, פע, אַ כשרע חתונה מיט אַ טרפהנעם פאַסטעל, פע, פע...

דערלאַנג איך דעם פעטער אַ „קאָפּאַ" קאָניאַק און מאַך מיט אים אַ לחיים: טרינקט פעטער, סאַלוד, לחיים, לחיים! נאָך אַ „קאָפּאַ" פעטער, עס איז כשרער קאָניאַק, כאַ־כאַ־כאַ, סאַלוד פעטער, דאָ איז מעקסיקע נישט קאַבצאַנסק. ס'איז דאָ אַ פאַסטעל פאַר אַכט הונדערט פעזעס. ווען מען צע־

שניידט דעם פּאַסטעל, הייבט אונטן אָן צושפּילן אַ חתונה־מאַרש: טאַ־טאַם־טע־טאַם, טאַ־טאַ־טאַטאַם, און אויבן הויבן אָן די שאַקאַלאַד חתן־כלה צו טאַנצן, צו דרייען זיך, ס'איז אַ מחיה פּעטער, לחיים, סאַלוד!

איי, איז ביי מיר געווען אַן אַריסטאָקראַטישע חתונה. ביים עסן זיינען די „מעסעראָס" געשטאַנען אויסגעשטעלט, שטייפע, אָנגעצויגענע מיט געפּרעסטע סערוועטלעך אין די הענט. די בעסטע מעסעראָס פון דעם רייכסטן רעסטאָראַן מיט אַ צערעמאָניע מייסטער, וואָס האָט זיי געוויזן, ווי אַזוי אויסצולייגן די מעסער־גאָפּל, ווי אָנצוגיסן דעם שאַמפּאַניער. אמת אַריסטאָקראַטיש, סי סעניאָר.

עסן איז געווען, אָט, ביז אַהער, נישקשה, יאַנקל פּייפער קאָן זיך פאַרגינען, סי סעניאָר!

פּירערליי פיש: געפילטע פיש, געפּרעגלטע פיש, מאַרינאַט, זיס און זויערע פיש. קאַוויאַר, הערינג, סאַרדינען, געהאַקטע לעבער, בוליאָן, רויטער באַרשטש, פּאַיאַ, געבראָטענע קאַטשקעס, קאַלב־פלייש, קאָטלעטן, צונגען, רינדערן פלייש, געפילטע קישקע מיט געבראָטענע טייבעלעך. ענסאַלאַדאס מיט פאַרשידענע שלימויזן, פּרוכטן, טאָרטן, שאָקאָלאַדעס, און ווייַן מיט קאָניאַק האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער...

בוענאַ, דאָס וואָס איז איבערגעבליבן נאָכן עסן, האָט מען פון דעם געקאָנט מאַכן נאָך דריי אָרימע חתונות, סי סעניאָר.

נאָך דער חופּה, גיי איך צו צום אידישן פּיאַניסט, איר קאָנט אים אַלע, דער וואָס פירט דעם אָרקעסטער אויף אידישע חתונות, און זאָג אים, אַז ער קאָן שוין נעמען זיין אָרקעסטער און גיין געזונטערהייט. איך האָב פאַר די טענץ באַשטעלט דעם טייערסטן אָרקעסטער אין מעקסיקע.

שטעלט ער אויס אויף מיר אַ פּאָר אויגן און וואונדערט זיך: ס'טייטש, כעניאָר טיניפּאָצקי, איך האָב אָנגעגרייט שיינע אידישע מוזיק צו שפּילן ביים עסן. אידישע לידער, פאָלקס־מוזיק, אַ פּאָפּורי פון אידישע ניגונים.

זאָג איך אים קורץ און שאַרף. איך בין אייך מוחל אייער אידישע מוזיק, גראַסיאַס, גראַסיאַס. ביי מיר איז אַן אַריסטאָקראַטישע חתונה, עס זיינען דאָ מעקסיקאַנער געסט: ליסענסיאַדאָס, דאָקטוירים, באַנקירן...

צעקאָכט ער זיך, דער פּיאַניסט, און רעדט שוין אַביסל בייז: ס'טייטש, סעניאָר טיניפּאָצקי, אדרבה, זאָלן די גויים זען, אַז מיר האָבן אַזעלכע שיינע אידישע מאָטיוון, זיסע אידישע פאָלקס־מוזיק. אויף אַלע חתונות קוועלן אָן די מעקסיקאַנער געסט פון אונזערע אידישע לידער, זיי האָבן גרויס פאַרגעניגן פון אידישע מוזיק, וואָס רעדט איר סעניאָר טיניפּאָ — — —

אָבער כ'האָב אים נישט געלאָזט מער רעדן, באַצאָלט און — אַדיאָס.

דערפאַר אָבער, האָב איך איינגעלאַדן דריי מעקסיקאַנער קאָמיקער, „עקס־לעקס". איי, האָבן זיי געזונגען פריילעכע שפּאַנישע לידלעך און צו־

געשפּילט אויף די גיטאַרעס. די מיידלעך זיינען אַזש רויט געוואָרן פון די פּעפּערדיקע וויצן...

בוענאָ, און אַ זינגערין האָט געזונגען שפּאַנישע ראָמאַנסן, איז געווען וואָס צו הערן און וואָס צו זען...

די מעשה האָט מיך געקאָסט אַ גאַנצן טויזנטער, ס׳איז אָבער ווערט געווען, סי סעניאָר. יאַנקל פּייפּער קאָן זיך פאַרגינען.

ווען די אַרטיסטן זיינען אַוועקגעגאַנגען, קומט צו מיר צו דער פעטער מיינער מיט אַ גאַנצע פּרעטענזיע: וואָס האָסטו געטאָן יאַנקל? ס׳איז דאָך אַ חרפּה און אַ שאַנד. אויף אַ אידישער, כשרער חתונה, גויאישע קאָמע־דיאַנטן מיט שמוציקע לידלעך. פּע, אַ בזיון, אַ סקאַנדאַל! ס׳איז דאָך אַ שול, אויבן שטייען דאָך ספר תורות, מען דאַוונט דאָך אויבן אין שול. ס׳איז דאָך אַ חילול השם!

האָב איך געלאָזן באַרואיקט מיין פעטער: ס׳איז מעקסיקע פעטער, דאָ מעג מען אַלץ, דאָ פייף איך אויף אַלעמען. כ׳בין רייך, כ׳קאָן זיך פאַרגינען.

יאָ, פעטער, ס׳איז אַ שאַד, וואָס ביי אידן איז נישטאָ קיין גלאָקן אין שול. ווען ביי אונז וואָלטן געווען גלאָקן, וואָלט איך געהייסן קלינגען אויף אַלע גלאָקן: גלין־גלאָן, גלין־גלאָן! קלינגט הויך גלעקער, גלין־גלאָן! גלין־גלאָן! העכער, העכער!

זאָל קלינגען איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז ביי די טיניפּאָצקיס, איז געווען די גרעסטע, שענסטע און רייכסטע אַריסטאָקראַטישע חתונה פון אַלע אידישע חתונות...

זאָל מען פּויקן אויף די פּויקן, זאָלן טרומייטערן די טראָמבאָנען, זאָל מען קלאַפּן מיט די טאַצן, זאָל מען שרייען אין די גאַסן:

יאַנקל פּייפּער מאַכט חתונה!

יאַנקל פּייפער ווערט אַן אַריסטאָקראַט . . .

(מאָנאָלאָג)

— איר מיינט, אַז כ'וויל ווערן אַן אַריסטאָקראַט? נאָ סעניאָר! ס'הייבט זיך נישט אָן. ווער מיר אַריסטאָקראַט, וואָס מיר אַריסטאָקראַט, ווייס איך וואָס!

אַ האַלב לעבן שוין אָפּגעלעבט און כ'בין ביז אַהער נישט געוואָרן קיין אַריסטאָקראַט, גיי מאַך זיך איצטער נאַריש און נעם שפּילן די ראָלע פון אַ ניי־געבאַקענעם אַריסטאָקראַט, אַ יחסן...

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ פּראָסטער חי־וקים, אַ איד פון אַ גאַנץ יאָר. אמת, כ'בין טאַקע רייך, מיט אַלץ וואָס מ'דאַרף: אַ פאַבריק, אַ דעספּאַטשאַ, „עדיפיסיאָס״, אַזוי, נו, איר ווייסט דאָך... כ'האָב ליב אַ לעב צו טאָן, אַ נאַש־בראַט, אַ צוגעלאָזטער מענטש, אַ גוטער ברודער!

וואָס בין איך שולדיק, אַז כ'בין געוואָרן אַ גביר, מוז איך נאָך ווערן אַן אַריסטאָקראַט אויך?

נאָר זי, מיין יענטעלע, זאָל געזונט זיין, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז איך מוז ווערן אַן אַריסטאָקראַט. און אַז מיינע שפּאַרט זיך איין, איז שלעכט! טאַקע נישט גוט, נאָ סעניאָר!

מיין יענטע האָט אַ קאָפּ, סי סעניאָר, זי האָט גיך געכאַפּט דעם שניט... זי איז שוין אַ פאַלנע אַריסטאָקראַטקע. איר וועט זי נישט דערקענען, זאָג איך אייך, נאָ סעניאָר! אַ גאַנצע יחסנטע!

שטענדיק גייט זי אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, פון בעסטן און פון שענסטן. היינט דאָס געגנגעלע אירס? זי גייט ווי אַן אמתע פּאַווע, ווי אַ געבוירענע פּריצה, אַ יחסנטע...

נעמט נישט אַראָפּ די הענטשקעס פון די הענט, רעדט מיט אַ שטאָלצע מינע, ווי אַ גרעפין, פאַרציט די ליפּעלעך און וויל נישט רעדן קיין אידיש וואָרט, אַן אמתע געבוירענע אַריסטאָקראַטקע.

אַנומעלט קומט זי אַהיים מיט עפּעס אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, ווי אַ קליין קאָמפּאָט־טעלערל, אָט, אָט פליט עס אַראָפּ פון שפּיץ קאָפּ... פרעגט זי מיך: כאַקאָבאַלע, עס געפעלט דיר מיין נייער סאָמברערא? זאָג איך קאַלט: וואָס פאַראַ הוט? ס'איז דאָך אַ יאַרמולקע פאַר אַ קליין אינגל. האָט זי זיך צעבייזערט: יאַנקל פּייפער, אַ יאַרמולקע איז דאָס? אַ הוט איז דאָס! דאָס איז די לעצטע מאָדע, אַלע אַריסטאָקראַטקעס טראָגן איצט אַזעלכע סאָמ־

ברעראָס. דו ווייסט דאָך פּייפּערוקל, אַז כ'בין שוין אַן אַריסטאָקראַטקע, אַ יחסנטע...

מילא, נו, וואָלט איך שוין אפשר פאַרשוויגן, וואָס אַרט מיך, אַז כ'האָב אַ ווייב אַן אַריסטאָקראַטקע? איז אָבער די צרה, וואָס מיין אידענע וויל מיך אויך מאַכן פאַר אַן אַריסטאָקראַט, פאַר אַ יחסן...

איר זענט שוין אַמאָל געווען אַן אַריסטאָקראַט? ווי אַזוי ווערט מען איינס און צוויי אַן אַריסטאָקראַט, אַ מיוחס?

מיין יענטעלע זאָל לעבן, וויל מיר איינרעדן, אַז איך שטאַם פון בלויז אַריסטאָקראַטן, רבנים, פּראָפעסאָרן, יחסנים און שיינע אידן. זי לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו באַווייזן מיין יחוס, מיין גרויסקייט, מיין געלערנטקייט און מיין חכמה...

ווען ס'קומען אַריין צו אונז באַקאַנטע מעקסיקאַנער טרינקען טיי, עסן אַ „סענגאַ" אָדער נעמען אַ „קאַפּאַ", נעמט זיך מיין יענטע באַרימען פאַר די געסט, אַז איך האָב געלערנט אין דריי אוניווערזיטעטן און קום אַרויס פון בלויז מיליאָנערן, אַריסטאָקראַטן, און רעד זעקס שפּראַכן...

זיץ איך און שווייג, כ'ווער בלאַס און רויט. כ'וויל עפּעס זאָגן, נאָר זי לאָזט מיך נישט קומען צום וואָרט... כ'בעט זיך ביי איר שטילערהייט: יענטעלע, טייערע מיינע, זיס ווייבעלע מיינס, לאָז אַראָפּ אַביסעלע פון אונזער יחוס, מאַך ווייניקער מיט אַן אוניווערזיטעט; לאָז אָפּ די רבנים, זאָל זיין ווייניקער מיט אַ שפּראַך. דאָס פּנים פלאַמט דאָך מיר פאַר בושה, דערבאַרעם זיך, האַלט איין אַביסל, צעלאָז זיך נישט מיט דיין אַריסטאָקראַטיע, מיט דיינע יחסנים...

כאַפּ איך אָבער פון איר דערפאַר שפּעטער די אמתע פּאַרציע. זי וויינט און שרייט, גוואַלדעוועט אויף מיר מיט איר קוויטשיק שטימעלע: כאַקאָבאַ, דו ווייסט ווער דו ביסט? כאַקאָבאַ, דו ווייסט וואָס דו רעדסט? דו מיינסט, אַז דו ביסט נאָך דאָר'ט אין דיין בלאָטיק שטעטל? יאַנקל פּייפער, דו ביסט רייך, יאַנקל דו האָסט געלט, קומסט צווישן מענטשן, ביסט נישט מער דער יאַנקל פּייפער פון אַמאָל, דו הערסט? פּייפּערוק! דו ביסט סעניאָר טיניפּאַצקי, וואָס לעבט ווי אַ גראַף, ווי אַ מיליאָנער. פּייפּערוק, ווער אַ מענטש, זאָג איך דיר, לערן זיך אויס, ווער אַ שטיקל אַריסטאָקראַט!

נו, צעלאַך איך מיך פון מיין ווייבס געשרייען: כאַ, כאַ, כאַ! קוקט זי נאָר אָן די אַריסטאָקראַטקע מיינע, כי, כי, כי! יענטעלע מ'קען דיך, דיינע לאַנדסלייט קענען דיך פון דער היים. ביסט טאַקע אַ וואַזשנע אַריסטאָקראַטקע, כאַ, כאַ, כאַ! קוק זיך נאָר אָן יענטע, כאַ, כאַ, כאַ! אוי, רבונו של עולם, וואָס געלט קען אַלץ מאַכן... מיין יענטע אַ יחסנטע! כאַ, כאַ, כאַ!

יאָ, איך לאַך, ס'איז מיר אָבער פינסטער און ביטער. ס'איז שוין גאָר נישט קיין געלעכטער. מיין יענטע דערגייט מיר די יאָרן, פאַרמוטשעט מיך

מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, זי לערנט מיך ווי אַזוי צו ווערן אַן אַריסטאָקראַט.

זיץ איך אויף אַ באַנקעט, דערלאַנגט מען מיר אַ שטיקל געפּרעגלטע פיש. נעם איך אַ מעסער און הייב אָן צו שניידן די פיש, גיט זי מיך אַ צי ביים אַרבל: כאַקאַבאַ לייג אַוועק דאָס מעסער, פיש עסט מען אָן אַ מעסער, ס'איז נישט אַריסטאָקראַטיש... זאָג איך איר שטילערהייט: דריי מיר נישט דעם קאָפּ מיט דיין אַריסטאָקראַטיע, ס'איז נישט קיין געפילטע פיש, ס'איז האַרט ווי אַ שטיין, לאָז מיך עסן.

נעמט זי ביי מיר צו דאָס מעסער און איך עס שוין נישט קיין פיש.

גיי איך אויף אַ חתונה, מוז איך זיך אויספּוצן ווי אַ גראַף, אין אַן ענגן „סמאָקינג" מיט אַ געפּרעסטן שטייפן קאָלנער, וואָס רייבט מיר אָפּ דעם האַלז, שטיקט מיך, אַז כ'גיי אַזש אָפּ מיט שוויס...

אָבער ווען איך מאַך אַ כוסה, טרינק איך אַ „קאָפּאַ" און טאָקע נאָך אַ קאָפּאַ, פליי איך אויף דער וועלט. ווען איך דערוואַרעם זיך אַביסל, כ'בין שוין רעכט אונטערן גלעזל, פאַרגעס איך, אַז כ'בין אַ גביר, מיט אַ פאַבריק, אַ „דעספּאַטשאָ", „עדיפיסיאָס", און אַז כ'האָב אַ ווייב אַן אַריסטאָקראַטקע...

כ'קנעפּל אויף דאָס ענגע רעקל, מאַך מיר לויז דעם קאָלנער און לאָז זיך אַוועק מיט מיינע לאַנדסלייט אין אַ קאַזאַצקע, אַז די פּאָדלאָגע ציטערט, און אַלע פּאַטשן צו מיט די הענט: לעבעדיק! לעבעדיק! איך טאַנץ, איך פלי... נאָר מיין יענטעלע הייבט שוין אָן די אַריסטאָקראַטישע שטיק: כאַקאַבאַ זאָל שוין זיין גענוג, פאַרגעס נישט וואו דו ביסט, און ווער דו ביסט, באַס־טאַנטע כאַקאַבאַ, באַסטאַנטע!

נעם איך שוין אויך רעדן אַביסל העכער: יענטעלע קאָמאַנדעווע נישט, לאָז געמאַך דיין מענה־לשון, שטעל אַ פּוס קראַסאַוויצע מיינע, טאַנץ, ס'איז אַ חתונה, נאַ לע האַסע, ס'איז אַ מצוה, טשעפּע זיך אָפּ אַריסטאָקראַטקע מיינע, ס'איז אַ מצוה. מוזיקאַ, מוזיקאַ! אַטראַ „קאַזאַצקעלע", אַטראַ, מוזיקאַ, לעבעדיק, לעבעדיק!

וואָס מיין אַריסטאָקראַטקע דערלאַנגט מיר שפּעטער אין דער היים, איז גלייכער נישט צו דערציילן... סי סעניאָר.

ס'איז זייער שווער צו זיין אַן אַריסטאָקראַט!

אַמאָל האָב איך כאַטש הנאה געהאַט פון אַ גלעזל טיי. מ'האָט דער־לאַנגט צום טיש אַ פינקלדיק, לויטער גלאָז קאָכעדיקע טיי, לימאָנע, אַ שטיקל האַרטן צוקער מיט וואַרעניע.

היינט אָבער, טרינק איך אַריסטאָקראַטישע טיי, טיי מיט יחוס...

מיין יענטעלע האָט ליב צו מאַכן אַ פייף־אָקלאָק טיי, נו, קריג איך אַ פייף נישט קיין טיי. מיין ווייב וויל ווייזן די געסט איר נייעם פּאַרצעלייענעם סערוויז... דערלאַנגט די דינסט אַ טאַץ מיט דינע שעלעכלעך טיי, „טאַסאַס", איידער מ'שטעלט אויס די שיינע „טאַסאַס", איז די טיי שוין קאַלט.

הייס איך די דינסט זאָל מיר געבן אַ גלאָז טיי. זאָגט מיין אַריסטאָ־קראַטקע, אַז ס'איז נישט שיין צו טרינקען טיי אין אַ גלאָז... ס'איז נישט אַריסטאָקראַטיש... און קאַלטע טיי האָט אַזאַ טעם, ווי קאַלט, איבערגע־שטאַנען טשאַלנט...

איר האָט עפּעס ליב צו טרינקען טיי אין אַ שאָל, אַ קאַלט טעפּל טיי? איך נישט, נאָ סעניאָר! אַריסטאָקראַטישע טיי!

שווער צו זיין אַן אַריסטאָקראַט!

צוויי סאַלעס האָב איך, אָבער סאַלעס! שטייט אין דער שיינער, רייכער סאַלע אַ פיינע ווייכע קאַנאַפּע, אַ מחיה זיך צו צולייגן אַביסל אויף אַזאַ סאָפע. לייג איך מיר צוקאָפּנס אַלע קליינע זיידענע קישעלעך און כאַפּ אַ געשמאַקן, זיסן דרימל.

מיטאַמאָל דערהער איך אַ קוויטשיק שטימעלע: ווײ איז מיר, וואָס האָסטו געטאָן כאַקאָבאָ? די סאָפע, די נייע סאָפע! האָסט דאָך מיר צעוואַליעט די גאַנצע סאָפע! די קישעלעך, ער האָט מיר צעמאַרשט, צעקנייטשט די זיידענע קישעלעך, ווײ איז מיר, זע נאָר וואָס ער האָט געמאַכט פון דער סאַלע, פון דער נייער סאַלע, ווײ איז מיר! פייפערוק, האָסט שוין נישט וואו צו שלאָפן, נאָר אין דער נייער סאַלע? גוואַלד, גוואַלד, ווען וועסטו שוין ווערן אַ שטיקל אַריסטאָקראַט?

שווער צו ווערן אַן אַריסטאָקראַט!

כאַקאָבאָ, מיר פאָרן אויף וואַקאַציע, זאָגט מיר אַן מיין ווייב אַ גוטע בשורה, כ'האָב שוין באַשטעלט אַ צימער אין אַ רייכן האָטעל.

דאַנק איך איר זייער פיין פאַר דער גוטער בשורה, און פרעג איר שוין אַביסל איבערגעשראָקן: יענטעלע, טייבעלע מיינס, וואָס איז, ביסט מיד? פילסט זיך אפשר נישט געזונט?

צעלאַכט זי זיך און ענטפערט מיר איראָניש: פאַרוואָס זאָל איך זיין מיד? כ'בין חלילה נישט קראַנק. מיינע שונאים זאָלן פאָרן אויף וואַקאַציע קראַנקערהייט, איך פאָר געזונטערהייט אויף וואַקאַציע.

זאָג איך איר שוין געלאַסן: יענטעניו, ביסט דאָך ערשט מיט אַ חודש צוריק געווען אַ גאַנצע וואָך אויף וואַקאַציע, וואָס פאַר אַ נייער שמע קולנו איז דיר איינגעפאַלן, און וואו פאַרסטו? אין וועראַקרוז, אַקאַפּולקאָ?

ענטפערט זי מיר מיט אַ שטאָלצער מינע, אַז זי פאָרט נישט וואוהין אַלע שלעפּער פאָרן, זי פאָרט אין רייכסטן, אַריסטאָקראַטישן האָטעל. דאָרט קומען אַמעריקאַנער טוריסטן, מיליאָנערן, סינע־אַרטיסטן, ס'קאָסט זעכציק פּעזאָס אַ טאָג...

מילא, נו, אַז מיין יענטע זאָגט וואַקאַציע, איז וואַקאַציע!

עסן גיט מען טאַקע, ווי אין אַן אמתן אַריסטאָקראַטישן האָטעל. דער „מעסעראָ" דערלאַנגט מיר אַלע מאָל אַ קליין זעמעלע, אַ „באַליאָ", מיט אַ זילבערן צוואַנגל... מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט מיר אָוועקגעלייגט אַ ברי־

ליאַנט. איך בין טויט הונגעריק און ער גיט מיר אַלע מאָל אַ פּיל... האָב איך שוין רחמנות אויפן קעלנער און הייס אים דערלאַנגען אַ טעלער מיט זעמל. זאָגט מיר מיין ווייב, אַז ס׳איז נישט שיין צו בעטן אַזוי פיל ברויט, ס׳איז נישט אַריסטאָקראַטיש... אַריסטאָקראַטן עסן נישט קיין סך ברויט.

שווער צו זיין אַן אַריסטאָקראַט!

אַ גאַנצן טאָג פאַרמוטשעט מיך מיין יענטע מיט אירע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן: יאַנקל, פאַרקנעפּל דאָס העמד ביים האַלז, מ׳זעט דיר אַרויס דיין באַוואַקסענעם בוזעם מיט האָר, ווי ביי אַ בער... יאַנקל, פאַרקאַטשע נישט די אַרבל אַזוי הויך, כאַקאָבאָ, פאַרשפּילע דעם פּאַסעק...

זיץ איך אַזוי איינמאָל אין האָטעל אומעטיק, פאַרטראַכט און דערפיל אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע: האָלאַ כאַקאָבאָ! קאַמאָ לע וואַ אַמיגאָ? כ׳דריי זיך אויס און דערזע עטלעכע באַקאַנטע פון מעקסיקע. כ׳האָב זיך זייער דערפרייט און באַלד באַשטעלט עטלעכע „קאַפּאַס״, קאָניאַק, ביר, „רעפרעסקאָס״.

מ׳זעצט זיך אין עסצימער ביי אַ טישל און מען צערעדט זיך אַביסל פון „נעגאָסיאָס״, פּאָליטיק, לעטראַס, „עדיפיסיאָס״. מ׳דערציילט זיך „טשיסטעס״, געפעפערטע אידישע וויצן, ס׳איז אַ מחיה, ס׳איז געוואָרן אַביסל פריילעכער. ס׳וועט זיין מיט וועמען צו מאַכן אַ היימישן פּאַקער; ס׳וועט כאָטש זיין מיט וועמען צו רעדן אַ אידיש וואָרט, נישט אַרומגיין ווי אַ שטומער אויף אַ פרעמדער חתונה...

קומט אָבער באַלד אָן מיין יענטע מיט פאַרביסענע ליפּן פאַר כעס, און זאָגט מיר שטילערהייט: כאַקאָבאָ, וואָס טוסטו? הער אויף צו רעדן אידיש... קע פּאַסאָ, וואָס איז מיט דיר? דו ווייסט וואו דו ביסט? ווי איז מיר! רעדט נישט אַזוי הויך קיין אידיש, פאַרשעם מיך נישט, מ׳וועט נאָך דערהערן, אַז מיר רעדן אידיש. ס׳איז דאָך אַן אַריסטאָקראַטישער האָטעל, נאַדיר גאָר אידיש אין מיטנדערינען! דאָ זיינען דאָך דאָ בלויז אַריסטאָקראַטן, ווי איז מיר! דאָ רעדט מען בלויז שפּאַניש מיט ענגליש, קומען זיי צוגיין מיט זייער אידיש, ווי איז מיר! ששש, דערבאַרעמט זיך, הערט אויף צו רעדן אידיש, ס׳איז דאָך אַ חרפּה און אַ שאַנד, ווי איז מיר! ששש, שאַט, ששששש!

נו, לוינט זיך צו זיין רייך? נאַט אייך אַ סענט פאַרן גאַנצן גבירישקייט.

מיין ווייב לערנט מיך ווי צו זיצן, ווי צו שטיין, ווי צו עסן, ווי צו רעדן און ווי צו ווערן אַן אַריסטאָקראַט.

און מיין יענטעס אַריסטאָקראַטישקייט, פּאַסט זיך אַזוי צו איר גבירישקייט, ווי אַ פּאַטש צו אַ גוט שבת...

ביי מיר איז דאָס קערבל, דער גרעסטער יחסן, ממתקים, קלינגערס. כ׳פייף אויף אַלע יחסנים, אַריסטאָקראַטן!

הערט אידן, אויב איר האָט געלט, גאָט האָט אייך געהאָלפן, איר האָט געמאַכט אַ פּעזע, איר זענט געוואָרן רייך. דערבאַרמט אייך, לאָזט זיך נישט מאַכן פאַר קיין אַריסטאָקראַט...

ס'איז זייער שווער צו ווערן אַן אַריסטאָקראַט!

VI

אַלערליי

פרילינג

אַט האָבן מיר שוין פרילינג!

דער מעקסיקאַנער ווינטער, איז אַ קורצער, אַ גיכער. אַ צוויי קאַלטע חדשים מיט אַ ביסל אונטערהוסטן און אונטערניסן, און שוין — אויס ווינטער!

דער פרילינג קומט דאָ אָן, נישט מיט קיין ציטערדיקער דערוואַרטונג. דער מעקסיקאַנער פרילינג קומט צו שפּאַצירן לייכט, גרינג, אָן איבער־ראַשונג...

די גערטנער קערן נאָר אויס די אַראָפּגעפאַלענע, פאַרדאַרטע בלעטער אין „אַלאַמעדאַ" און פונם רחבותדיקן טשאַפּולטאַפּעק־פאַרק, און אַט־אַט, ט'איז שוין פרילינג!

דאָס גראָז איז שוין ווידער גרין, די בוימער דערפרישן זיך, לעבן אויף און ציען זיך אויס מיט זייערע צווייגן צום הימל, צו דער וואַרימדיקער זון.

די אייביק־גרינע פּאַלמעס שטרעקן אויס פון אַלע זייטן די לאַנגע, דינע הענט, מיט די פאַרשפּיצטע גרינע פינגער נאָך ליכט, נאָך שטראַלן, נאָך וואַרימקייט .

און די בלומען? יאָ, די בלומען וואָס זיינען געוואַקסן אין אַ ווינקל פון גרויסן, שאָטנדיקן גאָרטן, ווי פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע, פאַרחלשטע קעפּלעך, קומען צוריק צו זיך, גלייכן אויס צו ביסלעך, פּאַמעלעך, זייערע סאַמעטענע, צאַרטע גופים. נעמען אָן צו ביסלעך זאַפּט אין זייערע קאָלירטע ווייכע בעכערלעך און ציען אין זיך אַריין די וואַרימע, ליכטיקע שטראַלן פון דער פרילינגס־זון, פון דער וואַרים־צעשטראַלטער מעקסיקאַנער פרילינג־זון.

ס'איז פרילינג!

און ס'פרילינגט זיך עפּעס אויך ביים מענטש!

ס'הערן זיך שוין דורך די פענסטער די זיסע פרילינג־מאָטיוון פון שיר השירים, וואָס די מעקסיקאַנער אידישע קינדער זינגען פאַר פּסח (איי, זינ־גען זיי שפּאַנישע לידלעך...)

— הנצנים נראו בארץ, עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו.

און אַ חברטע פון אידישן יוגנט־צענטער רוימט איין אין אויער איר שיינעם חבר:

— ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים דודיך מיין...

דאָס בלוט ווערט וואַרימער, הייסער, פונקט ווי אויף אַ מאַסן־מיטינג פון דער אידישער באַנק... דאָס בלוט צעשפּרייט זיך האַסטיקער אין די אָדערן, פונקט ווי אויף אַ דיסקוסיע־אָוונט... פּליסט גיכער, גיכער צום מענטשלעכן האַרץ און וועקט דאָרט, וועקט דאָרט (אוי דער וועקער! דער וועקער! נישט קיין וועק־זייגער...) פרילינג־פאַרלאַנגען...

זייט פאַרזיכטיק!

די מעקסיקאַנער פרילינג־זון צעוואַרימט די בלוטן, צעהיצט און פאַר־דרייט דעם קאָפּ, פונקט ווי אַלטער שטאַרקער ווייַן, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אברים, און פונקט ווי די פּאָעטישע, באַגייסטערטע רעדעס פון די היגע אידישע שרייבער...

און אַז מ'איז אַביסעלע פאַרשיכורט פון דער צעשטראַלטער פרילינג זון, און אַז די לונגען אָטעמען איין די מחיהדיקע ריחות, וואָס די פרילינג־ווינטלעך ברענגען פון די אַרומיקע בערג, וועלדער און פעלדער, דעמאָלט קען יעדער בשר ודם באַגיין אַ נאַרישקייט, אַ פרילינג־נאַרישקייט...

זייט פאַרזיכטיק!

ווי איר זעט, בין איך אויך אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה — פרילינג...

אונזער וועלטעלע איז זיכער באַשאַפן געוואָרן אין פרילינג...

ווען אונזער זינדיק וועלטל וואָלט באַשאַפן געוואָרן אין ווינטער, וואָלטן אַלע מענטשן געהאַט בלאַסע פּנימער, געווען קאַלטע דענקער, אויסגעטרוקנ־טע וויסנשאַפטסלייט, טיפּע אינטעלעקטואַלן אָדער אוניווערזיטעט־פּראָפע־סאָרן מיט גרויסע פּליכעס...

ס'וואָלטן קיינמאָל נישט פאַרגעקומען קיין גטן, מאַן און ווייב וואָלטן אויסגעלעבט זייערע יאָרן אָן קריגערייען צוליבן בידנעם ביסל ליבע... יעדער איינער וואָלט זיך אויסגעקליבן זיין זיווג, זיין באַשערטע רואיק, געלאַסן מיט ווינטערדיקן ישוב־הדעת...

ווען די וועלט וואָלט חלילה באַשאַפן געוואָרן אין זומער, וואָלטן אַלע מאַנטיק און דאַנערשטיק אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן מיט רעוואָלוציעס...

ס'וואָלטן געווען בלויז היץ־קעפּ מיט אַ הויכער זומערדיקער טעמפּעראַ־

טור... ס׳וואָלטן זיכער נישט פאַרגעקומען קיין אומרעכטן פון מענטש צו מענטש. מענטשן וואָלטן קיין עוולות נישט געקענט פאַרטראַגן...

די זומערדיקע מענטשן וואָלטן געוועזן צו היציק צו פאַרליידן אַן עוולה... מ׳וואָלט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן פאַרן ביסל אמת און יושר. מ׳וואָלט געהאַלטן אין איין צושטערן און בויען...

מיר וואָלטן זיכער שוין לאַנג געהאַלטן העט־העט נאָכן — והיה באח־רית הימים, משיח וואָלט שוין לאַנג געקומען...

ווען אונזער וועלטל וואָלט באַשאַפן געוואָרן אין האַרבסט, וואָלטן אַלע מענטשן אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט, מעלאַנכאָליש און מרה־שחורהדיק.

ס׳וואָלט זיך פון די מענטשן תמיד געהערט אַ שאָרכן פון געלע, אויסגעטרוקנטע, האַרבסטיקע בלעטער...

יעדער איינער וואָלט אַרומגעגאַנגען אין אַ האַמלעטישער פּאָזע מיט אַ קהלת־שמייכל אויף די ליפּן, און מיט אַ הבל־הבלים בליק אין די אויגן...

די וועלט איז זיכער באשאפן געוואָרן נאָר אין פרילינג...

און נישט בלויז צוליב די פּאָעטן און דיכטער, זיי זאָלן האָבן וועגן צו שאַפן פרילינגס־לידער...

פאַראַן פּאָעטן וואָס פונקט אין סאַמע פרילינג ווערן זיי עקרות... און קענען אין אויפגעוואַכטן, בליענדן פרילינג קיין איין פרילינגס־ליד נישט שאַפן... פונקט אין פרילינג ווילט זיך זיי גאָר שאַפן האַרבסטיקע עלעגיעס און ווינטער־לידער...

אַ סך באַרימטע פרילינגס־לידער, וואו די גרויסע פּאָעטן באַזינגען דאָס פרישע פרילינג־ווינטל וואָס גלעט און צערטלט, די לופט וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט שמעקנדיקע פּאַרפום־ריחות פון די צעבליטע אַקאַציעס, די זיסע ריחות פון צעבליטן בעז, וואָס פאַרשיכורן און רופן אַרויס אַ בענקשאַפט אין האַרץ, נאָך אַ שלאַנק־פאַרחלומט מיידל מיט הימל־בלויע אויגן...

אַ סך פון אָט די פרילינגס־לידער, זיינען געשאַפן געוואָרן דווקא אין קאַלטן ווינטער... ווען אין דרויסן האָט געהערשט אַ ברענענדיקער פראָסט, ס׳האָט געבושעוועט אַ שניי־שטורם. דער פּאָעט איז געזעסן לעבן הייסן אויוון און זיך געלאָזט פליען אויף די פליגלען פון זיין פּאָעטישער פאַנטאַזיע און געשאַפן די שענסטע פרילינגס־לידער...

פּאָעטן און שרייבער האָבן אַ רעכט נישט צו קוקן אויפן קאַלענדאַר, און זיין פּינקטלעך אין קאַלענדאַר־דאַטומס...

אַן עלעגיש־האַרבסט־ליד, קען געשאַפן ווערן אין סאַמע בליענדן פרי־לינג. אַ זומער־ליד קען געשאַפן ווערן ערגעץ לעבן נאָרד־פּאָל... און אַ ווינ־טער־ליד קען געשאַפן ווערן לעבן הייסן עקוואַדאָר...

וואָס פּאָעטן און דיכטער קען איינפאַלן!

זאָל אַ פּשוטער בשר־ודם, אַן איינפאַכער סוחר, פּראָבירן פאַרקויפן אינמיטן הייסן זומער — פוטערנע מאַנטלען מיט קאַלאָשן און וואָלענע סווע־

טערס... אָדער אין אַ קאַלטן, פּראַסטיקן ווינטער־טאָג, פאַרקויפן „אייז־קרעם" מיט באַד־קאָסטיומען...

אַזאַ מין פאַרקערטער סוחר, אָדער קאַפּויער־פאַבריקאַנט, וואָלט געוואָרן אויסגעלאַכט, און קיינער וואָלט די קאַפּויער־סחורה נישט גענומען אין האַנט...

ניין, די וועלט איז זיכער נישט באַשאַפן געוואָרן אין פרילינג צוליב דיכטער און פּאָעטן.

אונזער וועלטל איז באַשאַפן געוואָרן אין פרילינג צוליב די פּראָסטע הי־וקיִמס, צוליב דער געטלעכער ליבע... און כדי די קלוגע יונגעלייט מיט די ראָמאַנטישע מיידלעך זאָלן זיך באַנאַרישן...

אין פרילינג כאַפּט אַרום דער גאַנצער נאַטור עפּעס אַן אומרואיקייט, און אין די הערצער פון די יונגעלייט און רייפע מיידלעך, כאַפּט זיך אַריין אַ פרילינגס־פיבער...

די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין פרילינג, כדי די מענטשן־קינדער זאָלן אין זיך דערפילן דעם דראַנג זיך צו באַנייען גלייך מיט דער גאַנצער אויפגעוואַכטער און בליענדער נאַטור...

די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין פרילינג, כדי די מענטשן־קינדער זאָלן פאַרדרייען די פרויען זייערע קעפּ...

כדי אין די מענטשלעכע הערצער זאָל זיך די „ליבע" צעזינגען און צעשאַלן, און כדי דער מענטשלעכער מין זאָל, חס־וחלילה, נישט אונטער־גיין...

אינעם אומרואיקן פרילינגס־פיבער, קען זיך אַ בחור אויסווייזן, אַז אַ פּראָסטע, רויע קאַרטאָפל, איז אַ רויטער, ווייניקער עפּל...

אַז זיין נאַר וואָס באַקאַנטע מיידל, אַ בייזע אַ נערוועזע, מיט אַ פּנים, ווי אַן אויסגעקוועטשטע זויערע ציטרין, איז אַן אמתער מלאך...

אַז די יונגע פרוי מיטן גרילצנדיקן קול, ווי אַ צעבראָכענער שופר... מיט אירע קאָקעטישע, נאַרישע חנדלעך; איז תמיד געווען זיין אייציקער לעבנס־חלום...

אַז די נאַרישע אויסגעפּאַשעטע גאַנז, איז די קלוגסטע פרוי אין דער וועלט...

אַז זיין פריינטס פרוי, וועלכע האַלט זיך אין איין אַרומקריגן מיטן מאַן אירן, און פאַרפּינסטערט אים די יאָרן, איז די איידלסטע, צערטלעכסטע פרוי אין דער וועלט...

און אַז זיין מיאוסע פאַרוועלקטע פריינדין, האָט זיך מיטאַמאָל צעבליט ווי אַ דופּטיקע רויז...

מאַלע וואָס איינעם קען זיך אַלץ אויסדאַכטן, ווען ער איז, נעבעך, אונ־טער דער ווירקונג פון פרילינגס־פיבער...

אַ שיינער מיידל קען זיך אינעם צעבליטן פרילינג אויסווייזן, אַז דער

באַקאַנטער בחור אירער, אַ צעקראַכענע לעמעשקע, איז גאָר אַ גרויסער העלד... און אַז דער מיאוסער, אומגעלומפּערטער בחור, וואָס זי האָט אויף אים אַ גאַנצן ווינטער נישט געוואָלט קוקן, איז איצט, אין פרילינג, אין אירע אויגן — אַ שיינער אַפּאָלאָ...

ס'איז נאָך אַ שטיקל גליק, וואָס ביי אונז אידן, טאָר מען נישט חתונה האָבן אין די ספירה־טעג... און מען לייגט אָפּ די אַלע פרילינג־ליבעס אויף נאָך שבועות...

אַ סך פרילינגס־פאַרליבטע, וואָס כאַפּן זיך באַצייטנס און דערזען זייער בראָך, נעבעך... קענען נאָך פאַר דער חתונה חרטה האָבן אויפן עסק...

פרילינגס־פאַרליבטע בחורים דאַרפן נישט קיין נדן און נישט קיין רייכן שווער...

יונגעלייט, וועלכע זיינען, נעבעך, געכאַפּט געוואָרן פון פרילינגס־פיבער, רעדן צו זייערע פרילינגס־מיידלעך פאַר פייער און וואַסער... פון גאָלדענע גליקן, פון מירמלשטיינערנע פאַלאַצן און פון העלדישע מעשים...

ראָמאַנטישע פרילינגס־מיידלעך, וועלכע האָבן איינגעאָטעמט די פרישע פרילינגס־לופט, פאַרגעסן אינגאַנצן צו פרעגן זייערע פרילינגס־חתנים, צי זיי קענען כאָטש פאַרדינען אויף פרנסה, און צי זיי וועלן האַלטן נאָך דער חתונה, כאָטש אַ צענטל פון די ציטערדיקע פרילינגס־צוזאָגן...

דער פרילינגס־פיבער איז גובר דעם אויסגערעכנטן, פאַרזיכטיקן פרויען אינסטינקט...

אין אַ סך צעשטערטע פאַמיליע־לעבנס, און אין דער גרעסטער צאָל גטן, איז שולדיק דער פרילינגס־פיבער און די פרילינגס־פאַרשפּרעכונגען און צוזאָגעכצן...

ווען מ'קען כאָטש אָפּהאַלטן די פרילינגס־פאַרליבטע ביזן רואיקן, רייפן האַרבסט...

ווען די פרילינגס־פאַרליבטע זאָלן זיך קענען גוט אָנקוקן און באַטראַכטן אין ניכטערן, קילן האַרבסט... וואָלטן אַ סך פאַמיליע־טראַגעדיעס אויסגע־מיטן געוואָרן, און אויך אַ סך חתונות מיט גטן...

מיינער אַ פריינט, וואָס האָט, נעבעך, נישט פאַר אייך געדאַכט, קיין שלום־בית מיט זיין בעסערער העלפט, וואָס גריזשן און טאָטשן זיך איינס דאָס אנדערע, ווי צוויי שלעכטע שותפים... און געפינען אויס יעדן טאָג, אַלץ נייע חסרונות איינס אויפן אַנדערן...

ווען ער צעקריגט זיך מיט זיין באַשערטער, לאָזט ער זיין גאַנצן כעס אויס צום פרילינג...

— אוי, ווען נישט דער פרילינג, וואָלט איך נאָך איצט געווען אַ בחור, אַ פרייער פויגל!...

— ווען נישט דער פרילינג, וואָלט איך איצט נישט באַדאַרפט אויסשטיין אַלע ווייבערשע קאַפּריזן...

— ווען נישט דער פרילינג, וואָלט איך שוין איצט געוואוסט, וועלכע פון הוהס טעכטער צו מאַכן פאַר מיין לעבנס־באַגלייטערין...

אוי, דער פרילינג, דער פרילינג!!!

טעריטאָריעס

אַן מזל, זאָל מען גלייכער נישט געבוירן ווערן.

אַז דאָס שטיקעלע מזל טוט זיך, נישט פאַר אייך געדאַכט, פון איינעם אָפּ, וועט אים שוין נישט העלפן קיין רופא און קיין טאָקטער, נישט קיין אָפּשפּרעכער און נישט די קלוגע עצות פון גוטע פריינט. דער שלי־מזל וועט זיך אים שוין, געבעך, אומעטום נאָכשלעפּן.

אַז איינעם הויבט אָבער אָן גיין גוט, נו, נו, גייט עס פון טיר און טויער. דאָס גליק לויפט אים נאָך וואו ער גייט. אַזאַ מזלדיקער מענטש, ווערט מיטאַמאָל אַ גרויסער חכם, אַ גאַנצער קנאַקער. מענטשן זיינען אים מקנא, מען קומט צו אים פרעגן עצות, יעדער איינער וויל זיך ביי אים אָנוואַרעמען...

איי, דאָס שטיקעלע בידנע מזל!

פון אונז אידן האָט זיך דאָס מזל די לעצטע יאָרן אינגאַנצן אָפּגעטאָן. ס׳גייט אונז נישט און אַ סוף! כאַטש האַק און בראַק, שריי חי־וקים פון היינט ביז מאָרגן.

הונדערטער טויזנטער אידן גייען אויס פון הונגער, זוכן צו פאַרקויפן זייערע אַרבעטס כוחות פאַר אַ שטיקל ברויט. צענדליקער טויזנטער אידן אין פּוילן זוכן אַן אָרט וואו אויסצואוואַנדערן, זיי ווערן דערשטיקט אויפן אָרט, האָבן נישט מיט וואָס צו אָטעמען, גייען ביסלעכווייז אויס פון גויט און דחקות.

די וועלט האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו אונזערע געשרייען און פאַרלאַנגען. אַלע לענדער האָבן פאַרהאַקט זייערע טויערן, זיי פאַרריגלט אויף זיבן שלעסער קעגן נייע אימיגראַנטן. אַמעריקע לאָזט שוין אַפילו נישט אַריין די חתנים צו זייערע רייכע, פאַרזעסענע כלות...

די לעצטע פּאָר חדשים, האָט זיך אָבער, ווייזט אויס, אונזער ביטער מזל מיטאַמאָל אין גאַנצן געענדערט. די וועלט האָט פּאַרט דערהערט אונזערע קולות, אונזערע געריכטע טענות און איז אונז גרייט צו העלפן מיט — אַ טעריטאָריע...

אַז דאָס מזל הויבט אָן צו שיינען, איז דאָך נישט שייך, גייט עס פון אַלע זייטן. גיבן זיך אַ לאָז ישועות ונחמות אויפן געפּלאָגטן און גערודפטן פאָלק ישראל, פון אַלע עקן וועלט...

— אידן, איר ווילט אַ טעריטאָריע? באַט אייך מיטן גרעסטן כבוד! —

קומט אידן באַזעצט אייך ביי אונז, בעט זיך די רעפּובליק פון עקוואַדאָר, מיר גיבן אייך אַוועק אַ טעריטאָריע גרעסער, ווי גאַנץ פּוילן.

פּאָרט בעסער אין „אַנגאָלאַ", לייגט אונז פאָר די פּאָרטוגעזישע רעגי־רונג. — קומט אידן באַזעצט דאָס לאַנד, וועט איר האָבן אַ טעריטאָריע. אמת, אין אַפריקע איז אַביסעלע הייס, דערפאַר וועט אייך אַפילו נישט פעלן ביי אונז פון קיין פויגל־מילך...

קומט די סאָוויעטן־רעגירונג אין ווייטן בירא־בידזשאַן, מיט אַן אויפ־שריפט: אידישע רעפּובליק. — נאָט אייך אַ פּאַרטיקע רעפּובליק און לעבט זיך ווי איר ווילט: אַרבעט אייך, שאַפט. איר מעגט רעדן אידיש, און אַפילו אויפמאַכן תלמוד־תורות, חסידים־שטיבלעך און אַ כשרע מקוה...

אַט האָבן מיר דריי טעריטאָריעס מיט איין קלאַפּ!

אַט איז אַ טעריטאָריאַליסטישע אידייע אויפגעשטאַנען תחית המתים. אַ שאָד באמת, וואָס דער פירער פון די אַמאָליקע טעריטאָריאַליסטן, דער גרויסער שריפטשטעלער ישראל זאנגוויל, איז צו פרי געשטאָרבן. ער וואָלט איצט כאָטש געהאַט אַ ביסעלע נחת פון זיין אויסגעחלומטער אידייע. די וועלט האָט אונז מיטאַמאָל מזכה געווען נישט בלויז מיט טעריטאָריעס, נאָר טאַקע מיט אַ פּאַרטיקע רעפּובליק, אַזש ביים כינעזישן גרענעץ...

נאָר ביי די טעריטאָריעס וועט עס אַוודאי נישט בלייבן, אַז אַ פאָלק הויבט אָן צו גיין גוט, האָט עס נישט קיין שיעור...

איי, דאָס שטיקעלע מזל!

אַלע לענדער וועלן זיך דערשרעקן, אַז די נייע טעריטאָריעס זאָלן, חליי־יה, נישט אויסכאַפּן פאַר זיך אַלע אידן, און זיי וועלן זיך אַ לאָז טאָן צום אידישן פאָלק מיט תחנונים: דערבאַרעמט זיך אידן, פאַרגעסט נישט אין אונז! מיר וועלן נאָך אונטערגיין. אונזערע לענדער וועלן אָן אידן נישט קענען פּראָגרעסירן...

מיין פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך, אַרבעט מעשים.

איך שטעל זיך פאָר:

אַז אויסטראַליע האָט מיטאַמאָל געביטן איר אימיגראַציע פּאָליטיק און העט זיך, אַז עס זאָלן אַהינקומען עטלעכע מיליאָן אידן, העלפן מאַכן אויס־טראַליע פאַר אַ וועלט־מאַכט. דאָס לאַנד איז גרויס און ליידיק. קומט אידן, קומט!

קאַנאַדע, האָט פלוצלונג זיך געכאַפּט, אַז ווען זי זאָל אריינלאָזן כאָטש אַ מיליאָן אידן אין לאַנד, און באַזעצן די גרויסע שטחים פּוסטע, ליידיקע ערד, וועט זי זיכער ווערן אַזוי רייך, ווי איר שכנטע די פאַראייניקטע שטאַטן. די קאַנאַדישע רעגירונג בעט די אידן זיי זאָלן זיך, למען השם, נישט ארי־נ־לאָזן אין קיין שום טעריטאָריעס, און קומען אין מאַסן אין דער פרייער קאַנאַדע...

די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן צוריק אויפגעפראַלט די טויערן פאַר פרישע אימיגראַנטן, און אַלע אימיגראַציע־גזירות זענען מיטאַמאָל בטל געוואָרן. דער פרעזידענט האָט איינגעלאַדן אַלע אומגליקלעכע אידן, זיי זאָלן זיך קומען באַזעצן אין די פרייע, דעמאָקראַטישע פאַראייניקטע שטאַטן...

די רעוואָלוציאָנערע מעקסיקאַנער רעגירונג האָט זיך אויך מיישב געווען, אַז מ׳דאַרף באַצייטנס פאַרכאַפּן פאַרן לאַנד אַ ביסל אידן... די רעגירונג בעט די אידן, זיי זאָלן קיין מורא נישט האָבן פאַר די „גאָלדענע העמדלעך" און קומען אין מאַסן אין דער פרייער, רעוואָלוציאָנערער מעקסיקע, און העלפן אויפבויען די נאַציאָנאַלע אינדוסטריע, אַזוי ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין אַנדערע לענדער. וואָס איז מעקסיקע ערגער ווי פוילן אָדער דייטשלאַנד? די רעגירונג בעט זיך פשוט רחמים: מאַס כודיאָס! מאַס כודיאָס! וואָס מער אידן!...

אַלע זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן האָבן זיך דערשראָקן, אַז זייערע לענדער זאָלן, חלילה, נישט בלייבן הינטערשטעליק. בעטן זיי די אידן, אַז זיי זאָלן קומען אין מאַסן, זיי וועלן קריגן ביי זיי די גרעסטע פּריווילעגיעס...

און אַז די ענגלישע רעגירונג וועט דערזען אַז ס׳וועט שוין באַלד נישט איבערבלייבן קיין אידן פאַרן ארץ־ישראל אויפבוי, אַז די אידן מיינען אין דער אמתן זיך צו באַזעצן אויף די נייע טעריטאָריעס, וועט אויף איר אָנפאַלן אַן אימה. זי וועט זיך דערשרעקן און מורא האָבן, אַז ס׳וועט נישט זיין ווער ס׳זאָל איר אָנשטאָפּן די רעגירונגס קאַסע אין ארץ־ישראל, ווער עס זאָל איר אויסהאַלטן די אויסגעפּאַשעטע ענגלישע פּאָליציי און סאָלדאַטן אין ארץ ישראל... וועט דער קאָלאָניאַל־אָפיס אין לאָנדאָן, באַפעלן דעם הויך־קאָמיּ־סאַר פון ארץ־ישראל, אַז ער זאָל זיך ווענדן מיט אַן אויפרוף צום אידישן פאָלק בזה הלשון:

צו די פאַרשטויסענע און פאַרטריבענע קינדער פון פאָלק ישראל!

אַזוי ווי מיר האָבן געהערט, ווענדן זיך צו אייך אַ סך לענדער און לייגן אייך פאָר טעריטאָריעס, זאָגן אייך צו גאָלדענע בערג מיט אידישע רעפּובּ־ליקן, לכן, זאָלט איר וויסן זיין, אַז דאָס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, ווינט מיט רויך. די אַלע צוגעזאָגטע טעריטאָריעס זיינען נישט מער ווי פּוסטע הבטחות, אַריינצונאַרן אַהין אַביסל אידן, כדי זייערע לענדער זאָלן ווערן אַ ביסל אויפגערעכט, און דערנאָך וועט זיין ווי ס׳פירט זיך שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר: איר וועט באַטראַכט ווערן ווי פרעמדע...

איר זענט דאָך עפּעס אַן עם חכם ונבון, אַ קלוג אויסגעפרואווט פאָלק. גלויבט איר טאַקע, אַז מ׳וועט אייך נישט מיר, נישט דיר, אַוועקשענקען טעריטאָריעס?

ס׳הויבט זיך נישט אָן, מען שענקט נישט קיין טעריטאָריעס!

צו וואָס זאָלט איר זיך לייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין....

דערבאַרעמט זיך אידן, פאַרגעסט נישט אייער אייגענע אַלטע טערי־טאָריע, וואָס וואַרט אויף אייך מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס...

צו וואָס טויג אייך זוכן פרעמדע טעריטאָריעס, אַז איר האָט אַן אייגענע טעריטאָריע, פון וועלכער איר האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט, און מיר די בריטישע רעגירונג מיטן הסכם פון דער גאַנצער וועלט, האָבן מיט אייך געשלאָסן אַ קאָנטראַקט, אַז איר זאָלט אונטער דער השגחה פון זיין מאַיעס־טעטס רעגירונג, צוריק אויפבויען אייער טעריטאָריע, דאָס הייליקע לאַנד פּאַלעסטינע, אידן דאַרפן האַלטן וואָרט, נישט ברעכן מיט אונז דעם קאָנטראַקט...

געדענקט אידן; מיר די ענגלענדער ,דאָס ביבל פאָלק און דאָס הייליקע לאַנד, וואַרטן אויף אייך!...

דאָס מזל פון אונזער פאָלק וועט צוריק אָנהויבן שיינען, מען וועט זיך איבער אונז רייסן פון אַלע זייטן:

דער „בונד״ וועט הייסן בלייבן אויף די ערטער וואו מ׳איז...

די טעריטאָריאַליסטן, וועלן הייסן פאָרן אויף די נייע טעריטאָריעס.

די ארץ־ישראל רעגירונג וועט יעדן איד געבן אויף הוצאות, און אַן אייגן הויז מיט אַ פּאַרטיקן פרדס. אַבי ער זאָל גלייכער קומען אין ארץ־ישראל...

די רעוויזיאָניסטן, וועלן זיך באַזעצן אין עבר הירדן...

די ציוניסטן וועלן נישט האָבן מער וואָס צו טאָן, וועלן זיי זיך אָנהויבן לערנען העברעאיש...

ענדלעך, ענדלעך נאָך אַזוי פיל יאָגעניש און מאַטערניש, נאָך אַזוי פיל צרות און ליידן, וועט דאָס אידישע פאָלק קענען אָפּכאַפּן אַ ביסל דעם אָטעם, ווערן אַ ביסל אויפגעריכט און — — — —

אפשר ווייסט איר עפּעס פון אַ נייער טעריטאָריע? ווייל פון די אַלע טעריטאָריעס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם...

ניין, מיר האָבן נישט קיין מזל צו טעריטאָריעס...

אוי דער דאָלאַר

— דער דאָלאַר הייבט זיך!

— דער דאָלאַר פאַלט!

— דער דאָלאַר שטייגט העכער!

— דער דאָלאַר גייט באַרג אַראָפּ!

וואו מ׳גייט און וואו מ׳שטייט, האַלט מען אין איין רעדן פונם דאָלאַר. וואָס פאַראַ בייזע, פינסטערע גבורה פאַרמאָגט דער דאָלאַר! וואָס פאַרא אומבאַגרענעצטע מאַכט ליגט אינם דאָלאַר!

דער דאָלאַר הערשט איבער אַלץ און אַלעמען.

דער דאָלאַר הערשט איבער קליין און גרויס, איבער אָרים און רייך, איבער הערשער און באַהערשטע...

דער דאָלאַר האָט פאַרכאַפּט גאַנצע קאָנטינענטן, שאַפט אַ פּאַניק אין גרויסע מדינות, רעגולירט דאָס לעבן אין אַ סך לענדער.

אַ סך מענטשן האָבן פיינט און האַסן די ריזיקע מאַכט פון דאָלאַר, אַ סך לענדער פאַרגינען נישט און קריצן מיט די ציין אויף דעם גוואַלדיקן כח, וואָס דער דאָלאַר פאַרמאָגט.

אָבער אַלע ציטערן און האָבן מורא פאַר די קאַפּריזן פונם דאָלאַר, אַלע האָבן דרך־ארץ פאַרן דאָלאַר.

דער דאָלאַר איז ביי יעדן איינעם אַן אַנגעלייגטער, חשובער גאַסט.

וואָס פאַר אַ פאַרכישופטער, מאַגנעטישער כח ס׳ליגט אינם דאָלאַר!

אַפילו אינם לאַנד וואו דער דאָלאַר איז געבוירן געוואָרן, וואו ער וואַקסט און געדייעט, דאַרט הערשט ער אויך ביד חזקה, מיט אַ שטאַרקער, מעכטיקער האַנט.

ביי זיך אין לאַנד — אין די שטאַטן, זיצט זיך דער דאָלאַר ברייט צעלייגט אויפן גאָלדענעם טראָן, ווי אַ בייזער טיראַנישער מאָנאַרך, ווי אַן אכזורדיקער זעלבסטהערשער, און טוט מיט יעדן איינעם וואָס ער וויל.

אין די שטאַטן מעסט מען דעם מענטש, לויט די דאָלאַרן וואָס ער פאַרמאָגט.

— וויפיל איז ער ווערט? (אין דאָלאַרן) — פרעגט מען אויף איינעם.

— ער איז נישט ווערט מער ווי אַ צוויי טויזנט דאָלאַר — ענטפערט מען מיט ביטול, אין אַ טאָן פון באַדוירן...

און איינער וואָס פאַרמאָגט גאָר נישט קיין דאָלאַרן, וויפיל איז ווערט?...

אַלץ ווערט דאָרט אָפּגעשאַצט, געוואויגן און געמאָסטן — לויטן דאָלאַר.

אין אייראָפּע קוקט מען אויפן דאָלאַר, ווי אויף אַ העכער, געטלעכער מטבע; ווי אויף סטאַביל, זיכער געלט, וואָס קיין שום שטורם, קיין שום מלחמה, רעוואָלוציע און איבערקערעניש, קען דאָס נישט אומברענגען אָדער אָפּשאַפן.

דער דאָלאַר קאָן קיינמאָל נישט אַרויס פון טיראַזש!

וואָס פאַר אַ כישוף ס'ליגט אין בלויזן וואָרט:

— דאָ—ל ל ל ל ל—אַ ר ר ר !

— ער צאָלט מיט דאָלאַרן!

— ער קויפט סחורה מיט דאָלאַרן!

— ער האָט זיין קאַפּיטאַל אין דאָלאַרן!

ווען מ'זאָגט אין אייראָפּע: אָט גייען די אַמעריקאַנער! מיינט מען: אָט גייען די דאָלאַרן...

ווען מ'גיט אָפּ גרויס כבוד די אַמעריקאַנער אין די אייראָפּעאישע האָ־טעלן, ווי די גרעסטע נאָבללייט, גראַפן און באַראָנען, מיינט מען נישט, חס וחלילה, אָפּצוגעבן כבוד די פּראָסטע, אומגעלומפּערטע אַמעריקאַנער חיי־וקימס, וואָס זיינען גאַנץ קנאַפּע אַריסטאָקראַטן.

נאָר דאָס גיט מען אָפּ כבוד מיט אַ ברייטן ברוך הבא, די אַמעריקאַנער — דאָלאַרן...

ווען די פּאָרטערן, שווייצערס און קעלנער, שטייען אויסגעצויגן פאַר די אַמעריקאַנער, ווי שטייפע שטעקנס, שטייען זיי דאָס אַזוי אויסגעצויגן, פאַר די לאַנגע, פּאַפּירענע דאָלאַרן.

מ'רעכנט זיך נישט מיטן אַמעריקאַנער מענטש, נאָר מיטן אַמעריקאַנער דאָלאַר...

אין דער אָרימער, אידישער פּוילן, איז דאָס וואָרט — דאָלאַר, אַ צויבער וואָרט, אַ כישוף־מטבע.

טויזנטער אידישע משפּחות לעבן בלויז פון די צוגעשיקטע דאָלאַרן פון אויסלאַנד.

דער דאָלאַר בּרענגט אַריין אין זייערע אָרימע, חושכדיקע און פאַר־דאגהטע היימען — האָפנונג און נחמה.

די לאַנגע, פּאַפּירענע לאָקשן — דאָלאַרן, מאַכן פרייען טויזנטער אידישע פאַריאושדיקטע הערצער.

אין טויזנטער אידישע הייזער, איז די פריילעכסטע בשורה:

— אוי, ס'זיינען געקומען דאָלאַרן!

— כ'האָב דערהאַלטן אַ בריוו מיט דאָלאַרן!

אין פּוילן, איז די גאַנצע נדן־אינסטיטוציע געוואָרן פאַרדאָלאַרט...

אַז מ׳רעדט איינעם אַ שידוך, פרעגט ער נישט, צי די כלה איז אַ שיינע, אַ געבילדעטע, נאָר צי די כלה האָט אַ נדן אין דאָלאַרן...

דאָס כלה־מיידל מעג זיין אַ געשטופלטע, מעג האָבן אַ הויקער אויף די פּלייצעס, מעג זיין בלינד אויף אַן אויג, קוים פאַרמאָגט זי דאָלאַרן, אָדער אַ פעטער אין אַמעריקע מיט דאָלאַרן, וועט זי זיכער קריגן דעם שענסטן און בעסטן חתן...

די יונגעלייט יאָגן זיך נישט מער נאָך די שיינע, עלעגאַנטע מיידלעך, נאָר נאָך די לאַנגע לאָקשן — דאָלאַרן.

דער אָרימסטער, לאַ־יצלחדיקער בחור, הייסט זיך געבן אַ כלה מיט אַ דירה, און כאָטש אַ פינף הונדערט דאָלאַר נדן.

די כלה מיידלעך האָבן אויפגעהערט צו חלומען פון ראָמאַנטישע קאַוואַליערן, פון שיינע, שלאַנקע און העלדישע חתנים. די צאַרטע מיידלשע הלומות זיינען פאַרנומען בלויז מיט איין זאַך — דאָלאַרן!

אַז ס׳וועלן זיין דאָלאַרן וועט שוין זיין אַ חתן...

דער דאָלאַר איז שוין געוואָרן כמעט אַן אינטערנאַציאָנאַלע מטבע, אַן עובר־לסוחרדיקער באַנקנאָט, אַ זיכער, קוראַנט וועקסל אויפן גאַנצן ערד־פּלאַד.

ביי אונז אין מעקסיקע טוט זיך איצט חושך מיטן דאָלאַר.

הימל און ערד און דאָלאַרן!

צומאַרגנס, באַלד נאָך דער פּעטראָלעאום עקספּראָפּיאַציע, האָט זיך ראַפּ־טום דער דאָלאַר צעבריקעט ווי אַ ווילד פערד: אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף.

דער דאָלאַר האָט אָנגעהויבן מאַכן משונהדיקע קאַפּריזן, פונקט ווי אַ פאַרצערטלטע, קאַפּריזנע געליבטע. אָט קומט זי, אָט גייט זי אוועק. אָט ווערט זי שטיל ווי אַ טייבעלע און אָט ווערט זי בייז און ברוגז ווי אַן אַלטע, פאַר־זויערטע מויד...

מען מעסט דעם קורס פון דאָלאַר, פונקט ווי מען מעסט די היץ ביי אַ געפערלעכן חולה.

דער דאָלאַר וואַרפט זיך ווי אין קדחת: אינדערפרי — אַרויף, ביינאַכט — אַראָפּ... און דער עולם האַלט אין איין טאַפּן דעם דופק:

— ווי האַלט עס, האַ?

אַלע גייען אַרום פאַרדאגהט, פאַרזאָרגט. אַלע זיינען פאַרנומען מיטן דאָלאַר, אַלע רעדן פון דאָלאַר.

אַז צוויי מענטשן טרעפן זיך, איז דער ערשטער שמועס וועגן דאָלאַר:

— בוענאָס דיאַס, ווי האַלט דער דאָלאַר?

— שלעכט, 4.75.

— בוענאָס טאַרדעס, ווי שטייט דער דאָלאַר?

— נישקשה, 4.10.

— בוענאָס נאָטשעס, נו, וואָס הערט זיך, האָ, וואָס הערט זיך מיטן דאָלאַר?

— ביטער, 4.50

אין רעסטאָראַן האָט זיך געהויבן דער פּרייז פון מיטאָג. וואָס איז? דער דאָלאַר האָט זיך געהויבן.

די פּרויען פאָדערן מער געלט אויף שטוב הוצאות — דער דאָלאַר האָט זיך געהויבן.

די שפּאַנישע צייטונגען האָבן געהעכערט דעם פּרייז פון פינף סענט אויף זיבן — דער דאָלאַר האָט זיך געהויבן, פּאַפּיר איז טייער געוואָרן.

די וואָס שיקן דאָלאַרן זייערע פאַמיליעס אין איראָפּע, גייען אַרום פאַר־טראַכט, פאַרקלערט. זיי גייען אַרום ווי געניטע בערזע־סוחרים און האַלטן אין איין פרעגן:

— נו, ווי האַלט דער דאָלאַר?

גייט מען עפּעס קויפן, לאָזט מען פריער וויסן דעם קונה: איר ווייסט דאָך, אַז דער דאָלאַר האָט זיך געהויבן...

בעט מען ביי איינעם אַ ביישטייערונג פאַר אַן אינסטיטוציע, ענטפערט ער:

— כ׳קען נישט געבן קיין סך, איר ווייסט דאָך, דער דאָלאַר האָט זיך געהויבן.

אַפילו די פּאָקער־שפּילער האָבן אויך געהויבן דעם פּרייז אויף די קאָרטן. אַז איינער גיט פינף פּעזאָס, גיט דער צווייטער: די פינף מיט נאָך פופצן! דער דאָלאַר האָט זיך געהויבן.

אַ באַקאַנטער חתן־בחור האָט אָפּגעשיקט דער כלה זיינער די תנאים, באשר בכן, דער דאָלאַר האָט זיך געהויבן, איז דער נדן זיינער אין פּעזאָס — געפאַלן. ער וויל דעם נדן לויטן קורס פון דאָלאַר...

מיין פריינט האַלט אין איין טרייסטן זיין יונג, שיין ווייבל, וואָס וויל פאָרן אויף אַ לוסט־רייזע אין די שטאַטן. ער טרייסט זי שוין עטלעכע וואָכן מיטן זעלבן נוסח:

— מעטשע־מאָרגן וועט זיכער פאַלן דער דאָלאַר! וועסט זען טייערע, מעטשע־מאַרגן!

אייגנטלעך, איז דאָך אונזער זילבערנע פּעזאָ נישט געפאַלן, נאָר דער דאָלאַר איז דערהויבן געוואָרן.

דער דאָלאַר האָט געקראָגן אַן „עליה"... די גרעסטע עליה...
אומעטום הערשט די דאָלאַר־בהלה, אַלע שרעקן זיך פאַרן דאָלאַר.
דער דאָלאַר איז אונז גוט אַריין אין די ביינער.
אַלע קרעכצן און זיפצן:
— אוי, דער דאָלאַר, דער דאָלאַר!

באַנקעטן מיט רעדעס . . .

פאַראַן רעדעס אָן באַנקעטן, אָבער ס'איז נישטאָ קיין באַנקעטן אָן רעדעס...

דער גאַנצער באַנקעט האַלט זיך נאָר אויף די רעדעס... ווען נישט די רע־דעס, וואָלטן קיין באַנקעטן נישט געווען. נעמט אַוועק די רעדעס פון די באַנקעטן און ס'וועט בלייבן אָן איינפּאַכע וועטשערע, אַ פּשוטער מאָלצייט, אַ מאָסן וועטשערע וואָס אידן עסן בציבור לויט אַ געוויסן סדר שפּעט ביינאַכט...

דער וואָס האָט אויסגעקלערט דעם באַנקעט, דער דערפינדער פון דער באַנקעט־אינסטיטוציע, איז אַוודאי געווען אַ שלעכטער רעדנער און אַ גרוי־סער נודניק...

ער האָט אומישנע זיך דערטראַכט צום באַנקעט, כדי ער זאָל קענען אויסליידיקן זיינע געדאַנקען, כדי ער און אַנדערע נישט דערעדטע רעד־נער, זאָלן קענען אויסליפערן זייערע טיפע געדאַנקען און שאַרפזיניקע דרשות...

— באַט אייך אַ גוטע וועטשערע און זיצט רואיק, הערט אויס די גייסט־רייכע באַנקעט רעדעס...

דער דערפינדער פון די באַנקעטן־רעדעס האָט פאַרשטאַנען, אַז צו די רעדעס מוז מען אויך צוגעבן אַ געשמאַקע וועטשערע... (נישט אַלע מאָל געשמאַק).

די איינלאַדונג צום באַנקעט איז אויך אַ דיפּלאָמאַטישע... מ'לאַדט אייך נישט איין, חס ושלום, צו הערן רעדעס און צו האַלטן רעדעס, נאָר מ'האָט דעם כבוד אייך איינצולאַדן (פאַר דריי פּעזעס, פאַרשטייט זיך), צו פאַר־ברענגען מיטן חשובן גאַסט, צו אַ סעודהלע מיט אַ באַרימטן רעדנער, צו מאַכן אַ לחיים מיט אַ גרויסן כלל־טוער, צו עסן צוזאַמען געפילטע פיש מיטן גרעסטן רעפּערענט און וואָרט קינסטלער...

מ'לאַדט אייך איין הנאה צו האָבן פון אַ פערטל עוף מיטן גרעסטן דענ־קער פון אידישן פאָלק, עסן פלוימען צימעס מיטן גרעסטן אידעאַליסט און רעוואָלוציאָנער, וואָס די אידישע פאַרטייען האָבן אַרויסגעגעבן...

די רעדעס דערלאַנגט מען אייך אויסערן פּראָגראַם...

ערשט ווען איר זיצט שוין איינגעקוועטשט ערגעץ אויף אַ שטול לעבן

אַ פעטע אָנגעפּודערטע פרוי און האָט שוין פאַרזוכט די ערשטע כוסה קאָניאַק, קומט דאָס וויכטיקסטע פונם באַנקעט — די רעדעס...

דער באַנקעט ווערט באַלד אַ געוויינלעכער מאַס־מיטינג, אַ פאַרזאַמלונג מיט אַ פאַרזיצער, ס'הייסט אַ טאָוסט מייסטער...

די באַנקעט רעדעס ווערן איינגעטיילט אין סעריעס: פאַר די פיש און נאָך די פיש, און אַז דער עולם האָט זיך שוין דערכאַפּט אַ ביסל דאָס האַרץ, ווערט געגעבן אַ וואָרט צו די בעסטע און גרעסטע רעדנער און באַגריסער. דאָס איז די גענעראַל דעבאַטע...

די רעשט רעדעס ווערן פאַרטיילט צווישן די מאַנדעלעך מיט יויך, אין מיטן פלייש עסן, אין מיטן קאָמפּאָט און נאָכן זינגען: — לאָמיר אַלע אינאיינעם, אינאיינעם, דעם גאַסט מקבל פנים זיין, לאָמיר אַלע...

איר האָט נאָך אַ מעגלעכקייט צו קריגן אַ וואָרט אין דער דעבאַטע ביז דער הויפּט־רעדנער, ס'הייסט דער ערן־גאַסט פון באַנקעט ענטפערט אַלע רעדנער פונם מאַסן־מיטינג, איך מיין פון באַנקעט...

דעם פאַרזיצער פון מיטינג, כ'מיין דעם טאָוסט־מייסטער פון באַנקעט, איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. ער דאַרף לאַווירן מיט די רעדנער פונקט ווי אַ שיפס קאַפּיטאַן מיט זיין שיף...

ער דאַרף וויסן וועמען צו געבן דאָס ערשטע וואָרט, ווער ס'איז אַ בעסערער רעדנער און ווער עס האָט מורא אויפצומאַכן דאָס מויל...

און אַז ער זעט, אַז דער עולם איז שוין מיד און פאַרמאַטערט פון די באַנקעט רעדעס, דאַרף ער אויפמונטערן דעם פאַרמוטשעטן עולם מיט אַן אַלטן וויץ וואָס האָט שוין אַ גרויע באָרד, אָדער מיט אַ מעשהלע וואָס איז שוין אַלט ווי די בערג...

אַז אַ באַנקעט־רעדנער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן ווען אויפצוהערן רעדן, דאַרף אים דער טאָוסט מייסטער דערמאָנען:

חשובער רעדנער, ס'איז שוין איינס אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט און כ'האָבן ערשט גערעדט אַכצן רעדנער, ס'דאַרפן נאָך רעדן צוויי און פערציק רעדנער, ס'הייסט אַלע חשובע פאַרזאַמלטע אויפן באַנקעט... אויסער די חשובע פרויען און מיידלעך, וועלכע שוויגן ווי די פיש, אַפילו אויף אַ באַנקעט...

איינער אַן איבערגעשראָקענער רעדנער אויף אַ באַנקעט, וועלכן דער פאַרזיצער האָט מיט געוואַלט געצוואונגען צו נעמען אַ וואָרט אין דער באַנקעט־דעבאַטע, האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט, אַוועקגעלייגט מעסער־גאָפּל אויף דער נישט דערעסענער פאַרציע עוף, זיך גלייך געמאַכט דעם קראַוואַט, אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, קוים אַראָפּגעשלונגען דאָס לעצטע שטיקל פלייש און אָנגעהויבן שטאַמלען מיט אַ ציטערדיק איבערגעשראָקן קול:

— השובער פּאַרזיצער, ערן־גאַסט און פּאַרזאַמלטע פרײַנט, כ׳־כ־כ׳בין נישט קיין גרדרויסער רעדנער, נאָר אַזױװי אויף אַ באַנקעט מוז מען אויך ררר־עדן, דערקלער איך, אַז דער חשובער גאַסט איז אַ גרויסער און גוטער מענטש, די װעטשערע איז אויך אַ גוטע, כ׳ווינטש אייך אַלע, אם ירצה השם, ביי אייך אַזעלכע גוטע באַנקעטן...

איינער אַ שיין־רעדנער איז אַריין אין עקסטאַז און אָנגעהויבן לויבן און רימען און דערציילן די גרויסע מעשים טובים פון דעם גרויסן גאַסט:

— ווייסט איר וועמען מיר מאַכן היינט אַ באַנקעט? דאָס איז דער גרעס־טער איד פונם היינטיקן דור, דאָס איז דער גרעסטער דענקער פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט, דאָס איז דער גרעסטער און שענסטער רעדנער פון —

דאָ האָט דער פּאַטאַגראַפיסט אויסגעשאָסן דאָס ווייסע ליכט, אָנגעמאַכט אַ דינעם לייכטן רויך, פאַרבלענדט די אויגן און דער רעדנער איז געבליבן שטיין דערשראָקן מיט אַן אָפן מויל...

אַ באַקאַנטער יונגערמאַן, אַ וועגעטעריאַנער, וואָס עסט נישט קיין טוי־טע און קיין לעבעדיקע זאַכן... האָט געקראָגן דאָס וואָרט צו באַגריסן אַן ערן־גאַסט אויף אַ באַנקעט. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט רעדן און האָט דער־זען אויפן טיש די טעלער מיט די איבערגעבליבענע ביינער, פליגעלעך, גער־געלעך, ביט דערעסענע פולקעס, צעביסענע פופיקלעך און שטיקלעך לעבער־לעך... האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער דאַרף באַגריסן דעם גרויסן חשובן גאַסט און האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ הספד די אומגעקומענע פיש און עופות...

— אומשולדיקע הינער, אומפּאַרטייאישע אינדיקעס, גרויסע צניעות־דיקע קאַטשקעס, אומשטערבלעכע גענז, און שטומע, שטילע פיש.

מ׳האָט היינט אָוונט געוואָלט ערן אַ גרויסן קינסטלער, אַ חשובן גאַסט און צום סוף האָט מען געמאַכט אויף אייך, אומגליקלעכע, שוצלאָזע באַשע־פענישן אַן אמתן פּאַגראָם... אַ נייע וועלט מלחמה, אַ בלוטיקע שחיטה... איר זענט די מאַרטירער, די קרבנות פון באַנקעט און איך בין אויך אַ מאַרטי־רער אַן אומשולדיקער באַנקעט־קרבן... ס׳קאָסט מיך דריי פּעזעס, כ׳האָב נישט וואָס צו עסן און מוז נאָך הערן די באַנקעט־רעדעס... דעריבער — — —

דאָ האָט אים דער פּאַרזיצער פון דער פּאַרזאַמלונג, ס׳הייסט פונם באַנקעט, אָפּגעשטעלט און אים געבעטן נישט צו רעדן וועגן די אויפגעגע־סענע הינער און הענער, נאָר רעדן וועגן ערן־גאַסט...

די שענסטע, גרעסטע און בעסטע רעדעס ווערן געהאַלטן אויף באַנקעטן און דער עולם מוז נעבעך זיצן רואיק, סטאַטעטשנע, מעשה דזשענטלייט, מ׳זיצט אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניג, אינם שבתדיקן אָנצוג מיט אַ ווייסן שטייפן קאָלנער, מ׳וואָגט נישט צו מאַכן קיין צווישן־רוף, מ׳הערט אויס יעדן רעדנער ביזן סוף און מען מוז נאָך פּאַטשן, אַפּלאָדירן נאָך יעדער רעדע. אַזוי פאָדערט די עטיקעט פון באַנקעט רעדעס...

אַז אַ היגע אָרגאַניזאַציע רופט אַ פאַרזאַמלונג, קומען אַ צוואַנציק — דרייסיק מענטשן, און אַז ס'נעמען דאָס וואָרט אַ צען רעדנער, צעגייט זיך דער עולם ביסלעכווייז אַהיים, מ'וויל נישט הערן קיין צען רעדנער...

כ'מאַך אַ פאָרשלאָג צו אַלע אָרגאַניזאַציעס: אַנשטאָט אַ מאַס־מיטינג מיט רעדעס, מאַכט גלייכער אַ באַנקעט מיט רעדעס...

אַנשטאָט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג מיט רעדעס ביז פאַרטאָג, מאַכט גלייכער אַן אַלגעמיינע באַנקעט פאַרזאַמלונג מיט די אייגענע רעדעס...

הייסט אייערע מיטגלידער זיך אויספּוצן, מיטברענגען דאָס ווייב מיט די קינדער (דריי פּעזעס אויך) אויף אַ באַנקעט פאַרזאַמלונג און אויפן באַנ־קעט, וועט מען שוין קענען רעדן וויפיל מ'וויל...

אַן ערן־גאַסט, ס'הייסט, אַ קרבן פאַר אַ באַנקעט, איז אויך נישט שווער צו קריגן...

דער ערשטער־באַנקעט קרבן, דאַרף זיין דער פּרעזידענט פון דער אָר־גאַניזאַציע. דערנאָך אַ באַנקעט פאַר זיין פרוי, אַ באַנקעט פאַר זיין שוויגער... א באַנקעט פאַרן גאַנצן קאָמיטעט...

די נייע באַנקעטן־פאַרזאַמלונגען וועלן זיכער זיין אַ גרויסער דערפאָלג. דער עיקר, דער עולם וועט מוזן אויסהערן אַלע רעדעס...

די נייע באַנקעטן־אינסטיטוציע, וועט דעראַטעווען אַ סך היגע אָרגאַ־ניזאַציעס.

מאַכט וואָס מער באַנקעטן־פאַרזאַמלונגען און באַנקעטן מיט רעדעס...

שטרייקן

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט אויסגעבראָכן אַ שאָפערן־שטרייק.

מיטאָמאָל האָבן זיך אויפגעהערט באַווייזן אויף די גאַסן פון דער הויפּט־שטאָט, די גלאַנציק־אויסגעפּוצטע אויטאָמאָבילן מיט די אויפשריפטן „ליברע" (פריי צו פאָרדינגען) פון פאָרנט.

די „קאָטשעס", וועלכע פלעגן אַרומפליען איבער די געפּאַקטע גאַסן, ווי דערשראָקענע מייז, פלעגן רוישן, טרומייטערן און רופן די דורכגייער צו כאַפּן אַ פאָר... זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין.

נישטאָ מער קיין אויטאָמאָבילן צו פאָרדינגען. די שאָפערן שטרייקן.

מילא, זאָלן זיי שטרייקן געזונטערהייט. כ'וועל זיך קנאָפּ־וואָס נעמען צום האַרץ...

איך אַליין פאָר זעלטן אין אַ „קאָטשע", בלויז אין צוויי פאַלן: ווען כ'דאַרף אָפּפירן אַהיים אַ באַקאַנטע מיידל, אָדער, ווען ס'איז מיר עפּעס יום־טובדיק אויפן האַרץ, נעם איך און פאָר זיך דורך אַביסל אין אַן אויטאָמאָביל...

און אַזוי ווי ס'טרעפט זיך זעלטן כ'זאָל זיך פילן יום־טובדיק... און די מיידלעך ווילן גלייכער מ'זאָל זיי אָפּפירן אַהיים אין אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, נישט אין אַ געדונגענעם... פאָר איך טאַקע גאַנץ ווייניק אין אויטאָמאָבילן...

אַרט מיך טאַקע דער שאָפערן־שטרייק פונקט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, האָט אויסגעבראָכן אַ טראַמוויי־שטרייק.

אויף די גאַסן איז געוואָרן שטיל, ווי אין אַ דאָרף... אויס רוישן, פייפן, קלאַפּן און בריאַזגען פון די שטאָלענע רעדער אויף די גלאַנציקע שינעס. ס'איז שטיל, אַ מחיה!...

אַרט מיך דאָס אויך גאָנצווייניק. אַז מ'שטרייקט, מסתמא דאַרף מען שטרייקן...

אמת, כ'בין און מוז טאַקע זיין, גאָר אַ גרויסער אַנהענגער פונם דעמאָקראַטישן טראַמוויי. ראשית, קאָסט דאָס פאָרן טאַקע אַ סך ביליקער און מ'קען פאָרן וואו מ'וויל, קיינער פרעגט דיך נישט וואו און ווען... אבי מ'ווייזט נאָר דעם קאָנדוקטאָר די „אַבאָנאָ", צוויי פּעזעס מיט פופציק סענט אַ וואָך און פאָר דיר וויפיל דו ווילסט...

והשנית, איז דער טראַמוויי פאַר אַ נאַש־בראַט ווי געוואונטשן...

ס׳טרעפט אַמאָל, אַז די איינזאַמקייט טרייבט דיך אַרויס פון דיין צימער, די פיר ווענט פון דיין בחורשן צימער הייבן דיך אָן שרעקן, אין האַרץ הייבט אָן וואַקסן דער אומעט... כאַפּט מען אַ טראַמוויי און מ׳לאָזט זיך פאָרן מיט דער „אַבאַנאַ״ אין קעשענע אויף גאַטס־באַראַט, וואו דער טראַמוויי גייט, דאָרט פאָרט מען...

דער טראַמוויי האָט נאָך אַ מעלה, ס׳טרייסלט נישט אַרויס די נשמה, ווי דער קרעכצנדיקער „קאַמיאָן״ מיטן שמעקנדיקן ריח פון גאַזאָלין, און מ׳דאַרף זיך נישט אויפשטעלן, ווען ס׳קומט אַרויף אַ יונג אָנגעפּאַרבט מיידל, אָדער אַ דיקע פרוי מיט עטלעכע קוישן אין די הענט...

נאָר גאָרנישט, אַז מ׳שטרייקט, שטרייקט מען!

כ׳קען דאָך נישט פאַרלאַנגען, אַז צוליב מיר, זאָלן די טראַמוויי־אַרבעטער ברעכן דעם שטרייק...

דאַרף מען זיך טאַקע אָנהייבן צוגעוויינען צו גיין, מוז מען נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און הולכן, אַ ברירה האָט מען... און ס׳איז טאַקע געזונטער אַביסל זיך אַדורכצוגיין. מיר האָבן דאָך שוין באַלד פאַרגעסן ווי אַזוי מ׳גייט מיט די אייגענע פיס...

מיט אַ טאָג שפּעטער, קום איך אַהיים עסן מיטאָג, זע איך ווי דער באַלעבאָס קוקט עפּעס אַרויס פון פענסטער און די באַלעבאָסטע זיצט אָנגע־כמורעט, בייז, פאַרלייגטביידע הענט איבערן בוזים. זי דערקלערט מיר קורץ און שאַרף: זי קאָכט נישט מער!

זי שטרייקט!...

דער מאַן אירער קען גיין אין קיך אַריין און זי וועט גלייכער גיין אין פאַבריק אַרבעטן... דער מאַן האָט איר צוגעזאָגט קויפן נייע מעבל, אַ ניי פוטערן מאַנטל, ער האַלט נישט קיין וואָרט וויל זי מער נישט זיין קיין קעכין, זי שטרייקט!

פאַרפאַלן, מוז מען גיין עסן אין רעסטאָראַן. די פרוי וועט דאָך נישט גיין ברעכן איר גערעכטן שטרייק, צוליב אָנפילן מיין זינדיקן מאָגן...

גיי איך עסן אין רעסטאָראַן, זע איך אַז ס׳איז עפּעס צו שטיל. מ׳זעט נישט די שלאַנקע, פלינקע קעלנערקעס מיט די ווייסע געפּרעסטע פאַר־טוכער, וועלכע טראָגן אייך אקעגן אַ ברייטן שמייכל מיט אַ פולן טעלער זופּ...

דערקלערט מיר דער רעסטאָראַטאָר, אַז ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ קעל־נער־שטרייק און אַלע מוזן זיך אַליין דערלאַנגען דאָס עסן...

נו, גיי פאַרלאַנג, אַז צוליב מיין באַקוועמלעכקייט, זאָלן די אָרימע, בלייכע קעלנערקעס ברעכן דעם שטרייק...

עס איך עטלעכע טעג אין רעסטאָראַן, קריג איך פלוצים אַ שטאַרקן

בויך־ווייטיק אויפן ריכטיקן אָרט, וואו ס'ליגט דער אַפּענדיקס... לויף איך גיך אַרויף צום דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר דערקלערט מיר, אַז מ'דאַרף שניידן און טאַקע באַלד... נאָר אַזוי ווי ס'איז אַצינד אַ דאָקטוירים־שטרייק, קען ער מיר די אָפּעראַציע נישט מאַכן...

גיי איך אַרום מיט אַ קראַנקן אַפּענדיקס. כ'בין נישט קיין עגאָאיסט און קען נישט פאַרלאַנגען, אַז צוליב מיין געזונט זאָל מען ברעכן דעם דאָקטוירים־שטרייק...

עטלעכע טעג שפּעטער, האָב איך דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין אַ צאָן. דער צאָן ציט און צוקט און רייסט מיר דעם גאַנצן מוח... גיי איך אַוועק צו מיין באַקאַנטן דענטיסט, ער זאָל מיר אַרויסנעמען דעם קראַנקן צאָן און פטור ווערן פון שאַרפן, נאָגנדיקן צאָן־ווייטיק.

כ'קום אַריין אין וואַרט־צימער, דערזע איך אַרום די ווענט זיצן פּאַציענטן מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט אַ פאַרטויבטן ווייטיק אין די אויגן. איינער אַרומגעבונדן די באַק מיט אַ ווייס טיכל, אַנדערע האַלטן זיך צו די באַק מיט די הענט און קרעכצן אין דער שטיל...

דער דענטיסט זיצט זיך רואיק אין קאַבינעט און לייענט די צייטונג...

כ'גיי אַריין גלייך צום דענטיסט און פרעג אים מיט פאַרטרוקנטע, אויסגעקרומטע ליפּן פון ציין־ווייטיק: — ס'טייטש, וואָס לאָזט ער אַזוי לאַנג וואַרטן זיינע פּאַציענטן? דער דענטיסט ענטפערט מיר מיט אַ גלייכגילטיקער מינע:

— מ'שטרייקט!

די דאָקטוירים שטרייקן, האָבן די דענטיסטן געמאַכט אַ סאָלידאַרישן שטרייק...

נו, גיי ברעך אַ סימפּאַטיע־שטרייק צוליב ציין־ווייטיק...

גיי איך אַ דערשלאָגענער, אַ קראַנקער אַרויף צו מיר אין צימער און פאַרטיף זיך אין אַ בוך, פּלוצים ווערט מיטאַמאָל פינצטער. מיין איך, ס'וועט באַלד ליכטיק ווערן, זיץ איך אין דער פינצטער און וואַרט דאָס עלעקטרישע לעמפּל זאָל זיך ווידער אָנצונדן. ס'גייט אַוועק אַ האַלבע שעה, דערמאָן איך מיך, אַז היינט האָט באַדאַרפט אויסברעכן דער עלעקטריע־שטרייק...

זיץ איך און לייען ביי אַ ליכט שוין עטלעכע נעכט, די אויגן זיינען מיר שוין קאַליע... נאָר גיי פאַרלאַנג, אַז צוליב מיינע אויגן זאָל מען ברעכן דעם עלעקטריע־שטרייק...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, האָט אויסגעבראָכן אַ סטודענטן־שטרייק...

זיי האָבן מיט שטיינער אויסגעבראָכן די שויבן אין די שול־געביידעס. זיי פאַרלאַנגען גרעסערע וואַקאַציעס, זיי לערנען זיך, נעבעך, איבער די סטודענטן...

אַ גערעכטע טענה!

דערנאָך האָבן פאַרשטרייקט די שול־קינדער... זיי ווילן ווייניקער שול־ארבעט אַהיים...

קלוג ווי די וועלט!

וואָס ווייניקער מ׳לערנט איז אַלץ געזונטער...

ס׳האָט אויך אויסגעבראָכן אַ באַן־שטרייק.

דאָס איז פּשוט אַ גליק! וועט זיין ווייניקער באַן־צוזאַמענשטויסן, וועלן ווייניקער מענטשן געהרגעט ווערן...

באַלד האָט אויסגעבראָכן אַ בעקער־שטרייק...

אויך נישט קיין גרויס אומגליק!

וועלכע פרוי קען דען נישט אָפּבאַקן אַ היימיש־געבעקס? וועלן מיר דערווייל עסן קיכלעך מיט לעקעך...

שפּעטער איז דערקלערט געוואָרן אַ וואַסער־שטרייק...

ווייסיך־וואָס! אַ וואַסער־שטרייק, איז אוודאי גאָרנישט מיט גאָרנישט!

וועלן מיר דערווייל טרינקען ביר, מילך וואָס איז געמישט מיט אַ העלפט וואַסער... און רוסישע, וואַסערדיקע וואָדקאַ...

ס׳האָבן אויך פאַרשטרייקט די גאַסן־קערער...

דאָס איז דאָך גאָר קיין שטרייק נישט! אַלצאיינס זיינען די גאַסן אַביסל שמוציק...

צום סוף האָבן אויך דערקלערט אַ שטרייק, די זעצערס מיט די דרוקערס...

אויס ציימונגן! אויס געדרוקט וואָרט!

אַלס סאָלידאַריטעט צו די זעצערס און דרוקער, האָבן אויך אָנגעהויבן שטרייקן די שרייבער... (אַז די זעצערס שטרייקן, מעגן סיי ווי די שרייבער צוברעכן זייערע פעדערס...).

שלעכט! די זאַך הייבט אָן צו ווערן ערנסט...

אַ מענטש קען זיין קראַנק, קען זיך באַגיין אָן ברויט, אָן וואַסער, אָן אויטאָמאָבילן, אָן טראַמווייען, אָן ליכט, אָן שיינע קעלנערקעס און אָן בייזע באַלעבאָסטעס... אָבער אָן אַ ציימונג קען זיך אַ ציוויליזירטער מענטש נישט באַגיין. ער מוז אין זיך אַריינזאַפּן אַלע טאָג מיט די אויגן, אַ פאָרציע נייעסן און ליגנס...

דאָס לעבן הייבט אָן ווערן מאָנאָטאָן, מיאוס און אַפּאַטיש. אין האַרץ הייבט אָן פרעסן אַ שטילער אומעט. נישטאָ וואו זיך אַהינצוטאָן, וואו צו אַנטלויפן. דער פעסימיזם הייבט אָן צו טאַטשען און נאָגן...

דערמאָן איך זיך אָן מיין פריינדין...

גאָט האָט מיר באַשערט אַ פריינדין, אַ טייער מיידל, אַ גאָלדענע נשמה, אַן אמתער מלאך: אַ בלאַס פּנים, פעך־שוואַרצע האָר מיט גרויסע, שוואַרצע

פאַרחלומטע אויגן. אַ הויכע, אַן איבערגעוואַקסענע, נישט קיין איבעריק־שיינע... דערפאַר אָבער, אַ גרויסע אידעאַליסטקע... אַ געלערנטע, אַלץ ווייסט זי, אַלץ קען זי. איר מיידלשער קאָפּ איז פול מיט דער וועלט־ליטע־ראַטור. זי איז שטאַרק באַגייסטערט פון דער אידישער פּאָעזיע. געדענקט פון אויסווייניק אַלע בעטהאָווענס און טשייקאָווסקיס סימפאָניעס. באַך, בראַמס און וואַגנער, זיינען אירע באַליבטסטע קאָמפּאָזיטאָרן.

זי איז קלאָר אין דער מאָדערנער מאַלעריי, פּונקט ווי אַ פרומער איד אין אשרי... איר געפעלן בלויז די קוביסטן, אימפּרעסיאָניסטן און פוטו־ריסטן... זי האָט פיינט די אַלטע אַקאַדעמיקער...

אַ מאָדערנע מיידל, וואָס האָט נאָך קיין איינמאָל נישט דערמאָנט דאָס וואָרט חתונה־האָבן...

און ווען כ׳פיל זיך אין אַ געדריקטער, פּעסימיסטישער שטימונג, גיי איך צו מיין פריינדין. מיר פאַרברענגען אין אַן אינטערעסאַנטן וואַרימען שמועס, וועגן קונסט און וועלט־שמערץ...

כ׳פאַרגעס דעמאָלט אין אונזער נאַריש וועלטעלע, אין דעם יאָמער־טאָל... מיין שוואַרצער פּעסימיזם צעפליט זיך, ווי אַ לייכט, גרינג וואָלקנדל אין אַ שיינעם זומער־טאָג...

קום איך אַריין צו מיין פריינדין, זאָג איר גוט־אָוונט, ענטפערט זי מיר עפּעס ברוגזלעך, אונטער דער נאָז... כ׳פרעג איר, וואָס מאַכט עפּעס, מיין טייערע, איינציקע פריינדין. גיט זי זיך ראַפּטום אַ שטעל אויף און זאָגט מיר מיט כעס גלייך אין פּנים אַריין. קרומט מיר נאָך מיט אָפּגעהאַקטע, קורצע ווערטער:

— וואָס מאַכט איר מיין טייערע פריינדין? מוחל, מוחל אייער פריינט־שאַפט! גענוג געווען פריינט!... אָדער מיר שטעלן אַ חופּה, מיר האָבן חתונה, אָדער מיר ווערן אויס פריינט!

מיר שטרייקן!

איר אידעאַליסטן, פאַרדרייט אונז מיידלעך צופיל די קעפּ מיט אייער פריינטשאַפט!...

מיר שטרייקן!

מיר ווילן חתנים, נישט קיין פריינט! אויס פריינט!...

אַצינד האָב איך אויך דערפילט דעם טעם פון שטרייקן...

אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן די שטרייקן!!!

וואַסער

שרעקט אייך נישט, ס׳איז נישט קיין שרפה, ס׳ברענט נישט, און מ׳דאַרף נישט קיין וואַסער צום לעשן...

ס׳איז אויך, חס־ושלום, קיינער נישט אָוועקגעפאַלן חלשות, און מ׳דאַרף נישט קיין וואַסער צו מינטערן.

ס׳איז אויך נישט קיין פאַרפלייצונג, די טייכן זיינען נישט אַרויס פון די ברעגעס.

ס׳איז נישט מער ווי אַ פשוטע לעקציע, אַ וואַסערדיקער רעפעראַט, ס׳הייסט, אַ רעפעראַט וועגן וואַסער...

כ׳גיב דאָ איבער נישט מער, ווי אַ וואַסערדיקן פאַרטראַג, וואָס כ׳האָב געהערט וועגן דער נוצלעכקייט און נויטווענדיקייט פון וואַסער בכלל און די וואַסער־פראַגע אין ארץ ישראל בפרט...

דער פאָרזיצער, מיט אַ ברייטן צופרידענעם שמייכל אויפן פנים, גיט גלייך איבער דאָס וואָרט דעם חשובן רעפערענט, וועלכער הויבט באַלד אָן זיין רעפעראַט, אין אַ זיכערן, איבערצייגנדן טאָן...

קודם־כל, פריינט און חברים, ברידער און שוועסטער, וויל איך איר זאָלט וויסן, אַז וואַסער באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: הידראָזשען און אָקסידזשען, וואַסער־שטאָף און זויער־שטאָף. אַ טראָפּן וואַסער האָט צוויי חלקים וואַסער־שטאָף און איין חלק זויער־שטאָף.

אין אַ סך צייטונגס־אַרטיקלען זיינען דאָ גאַנצע ניינציק פּראָצענט וואַסער־שטאָף און צען פּראָצענט לייען־שטאָף...

און אַ סך רעדנער מוזן כסדר טרינקען וואַסער ביים רעדן, ווייל ס׳פעלט זיי אויס וואַסער־שטאָף אין זייערע זויער־שטאָף רעדעס...

איצט וועלן מיר, ברידער און שוועסטער, באַטראַכטן אַביסל הידראָ־גראַפיע...

וואַסער, חשובע פריינט, האָט אַן אַלטע, זייער אַן אַלטע געשיכטע.

שוין ביים וועלט־באַשאַף האָט וואַסער געשפּילט אַ געוואַלדיקע ראָל. די הייליקע תורה דערציילט, אַז איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָט דער גייסט פון גאָט אַרומגעשוועבט אויפן וואַסער: ורוח אלהים מרחפת על פני המים.

ווען נישט דאָס וואַסער פון מבול, וואָלט נחס תבה נישט געהאַט אויף וואָס צו שווימען...

אברהם אָבינו האָט געהאַט דעם ערשטן וואַסער־סכסוך מיט אבימלכן צוליב אַ ברונעם וואַסער, וואָס אבימלכס קנעכט האָבן ביי אים צוגעגזלט.
און יצחקס פאַסטוכער האָבן געהאַט אַ מחלוקה צוליב די ברונעמס וואַסער.

אונזער פאָטער יעקב, האָט געפונען זיין באַשערטע ביי אַ ברונעם וואַסער.

משה רבינו האָט אַרויסגעוויזן זיין דזשענטלמענישקייט ביי אַ ברונעם. ער האָט אַוועקגעטריבן די פאַסטוכער און געהאָלפן יתרוס זיבן טעכטער אָנטרינקען זייערע שעפּסעלעך. און פאַר זיין העלדישקייט, האָט ער געקראָגן איינע פון יתרוס טעכטער פאַר אַ ווייב...

ווען נישט דאָס וואַסר פון ים־סוף, פון רויטן ים, וואָלט משה רבינו נישט געהאַט וואָס צו שפּאַלטן און די אידן וואָלטן נישט געהאַט וואו אַריבערצוגיין...

ווען די אידן זיינען נאָך געגאַנגען אין דער מדבר, האָט זיך שוין אָנ־געהויבן די וואַסער־פראַגע און ס'האָט שיעור נישט אויסגעבראָכן די ערשטע וואַסער־רעוואָלוציע...

אונזערע חכמים האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע באַדייטונג פון וואַסער.

דעריבער בענטשט מען שמיני עצרת גשם מיט אַזאַ טרויעריק־זיסן ניגון, ווען מ'בעט ס'זאָל אָנהויבן צורעגענען.

אפילו הושענא רבה רופט מען אויס הויך ביים זאָגן הושענות: — קול מבשר מבשר ואומר!...

ווען נישט דאָס וואַסער, וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין יויך און נישט קיין זויערן באָרשטש...

כ'זע, אַז דער חשובער עולם האַלט זיך זייער רואיק, דאָס איז דערפאַר ווייל די וואַסער־טעמע איז זייער אַן אינטערעסאַנטע און וויכטיקע, נאָך וויכטיקער ווי די פאַריזער וועלט־אויסשטעלונג און דער שיינהייטס־קאָנטעסט...

וואַסער בכלל, באַרואיקט די צעשרויפטע נערוון. אַ קאַלטן שפּריץ, אַ קאַלטע וואַנע, דערפרישט דעם מענטשלעכן גוף, און אַ וואַסערדיקער רעפּעראַט דערפרישט דעם גייסט...

אַ וואַסער־רעפעראַט צעהיצט נישט די געמיטער און שאַפט נישט קיין בייז־בלוט.

אַלע פּאַרטייען קענען זיך פאַראייניקן ביי דער וואַסער־פראַגע...

אין ארץ ישראל, שוועסטער און ברידער, האָבן מיר אַלץ: פּאָמעראַנצן, די בעסטע אין דער וועלט, מאַנדלען, ראָזשינקעס, וויינטרויבן, באָקסער, טייטלען און פייגן, רעוויזיאָניסטן מיט לינקע פּועלי־ציוניסטן...

הכלל, מיר האָבן אַלץ וואָס מיר דאַרפן. נאָר איין זאַך האָבן מיר נישט גענוג — וואַסער!

און אויב מיר ווילן האָבן אַ מערהייט אין ארץ־ישראל און טאַקע גאָר איינגיכן, דאַרפן מיר נישט בלויז אַ סך סערטיפיקאַטן, נאָר אויך אַ סך וואַסער...

און אַ מערהייט קענען מיר האָבן, נישט דורך דער ענגלישער פּאָליטיק, נישט דורך אַראַבישע פּאָגראָמען — נאָר דורך וואַסער!

די הידראָגראַפיע לערנט אונז, אַז פון וואַסער ווערט פּאַרע און פון פּאַרע ווערן וואָלקנס.

און אַז די בלייענע וואָלקנס פאַרדעקן דעם בלויען הימל, הויבן די פּאָעטן אָן צו וויינען, צו קלאָגן און שאַפן דעמאָלט זייערע טרויעריקע פּאָעמעס...

ווערן די וואָלקנס מיד פון אַרומוואַנדערן אויפן הימל, הויבן זיי זיך אָן אַראָפּצוגיסן אין לאַנגע וואַסער־שנירלעך, אין טראָפּנס וואַסער — ס'רעגנט!

און די טראָפּנס וואַסער טאָרן נישט פאַרלוירן גיין.

דאָס זיינען נישט קיין וואַסער־טראָפּנס, ניין! דאָס זיינען גאָלדענע טראָפּנס, בריליאַנטן!

פון די וואַסער־טראָפּנס הענגט אָפּ אונזער צוקונפט אין ארץ־ישראל...

מיר מוזן דעם רעגן איינזאַמלען אין גרויסע באַסיינען, רעזערוואוואַרן און דאַמבעס. אין ארץ־ישראל פאַלט פערציק פּראָצענט מער רעגן ווי אין קאַליפאָרניע.

מיין געניאַלער וואַסער־פּראָיעקט מוז ווערן דורכגעפירט, טאָמער נישט, איז דאָ אַ גרויסע סכנה, אַז די ארץ־ישראל קאָלאָניסטן זאָלן אין אַ שיינעם העלן טאָג זיך גלייכער אַריבערציען אין קאַליפאָרניע, וואו ס'זיינען דאָ ריזיקע וואַסער־באַסיינען, און ס'איז טאַקע אויך נישט ווייט פון ניו־יאָרק...

און אַז די קאָלאָניסטן פון ארץ ישראל וועלן האָבן גענוג וואַסער, וועט באַלד ביליקער ווערן סאָדע־וואַסער (גזוז), מילך, אייער און קאַטשקעס... ווייל קאַטשקעס האָבן ליב צו שווימען און צו פּליושקען זיך אין וואַסער, אַז מיר וועלן האָבן גענוג וואַסער, וועלן אונזערע העלדישע חלוצים קענען עסן געבראָטענע קאַטשקעס...

ווי מיר ווייסן, שוועסטער און ברידער, האָט יעדע אידייע, יעדער אידעאַל אַביסל וואַסער...

מיין וואַסער־אידייע איז פּראַקטיש און זייער גרינג אויסצופירן. רופט אָן מיין וואַסער־פּלאַן ווי אַזוי איר ווילט: הידראָמאַניע, וואַסער־משוגעת. ס'איז אָבער פאָרט די שענסטע אידייע, דער בעסטער פּלאַן פאַר ארץ־ישראל...

איי, וועט איר דאָך פרעגן, חשובע פריינט, די אַלטע קשיא — און געלט? וואו נעמט מען געלט צו בויען די וואַסער־באַסיינען?

געלט איז בלאָטע!

מיר ווילן מאַכן אַ וואַסער־געזעלשאַפט מיט וואַסערדיקע אַקציעס, איר פאַרשטייט, וואַסער־אַקציעס!...

צו די אַלע אידישע לופט־געזעלשאַפטן, וועט אויך צוקומען — אַ וואַסער־געזעלשאַפט...

לויט מיין מיינונג, וועט דאָס זיין די בעסטע און זיכערסטע געזעל־שאַפט, וואו איר וועט קענען אינוועסטירן אייער געלט. ווייל זינט די וועלט שטייט, האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו רעגענען...

און אַז ס'רעגנט, איז דאָ וואַסער, און דאָס וואַסער וועט, במחילה, אַריינפליסן אין די וואַסער־באַסיינען.

די אַקציעס פון דער נאַסער וואַסער־געזעלאַשפט, וועלן זיין אַ סך שטאַרקער פון די טרוקענע פּאַפּירענע אַקציעס, פון די גרויסע לופט־געזעלשאַפטן...

דער וואַסערדיקער רעזערוו־קאַפּיטאַל, וועט אַזוי גיך נישט אויסרינען...

אַט האָט איר מיין וואַסער־פּלאַן, מיין וואַסער־שטאַנדפּונקט.

מיר ווילן צום ערשט אַנטרינקען די פעלדער מיט רעגן־וואַסער פון אונזערע באַסיינען. דערנאָך וועלן קומען צו לויפן, ווי נאָך מצה־וואַסער, אַלע פּאַרטייען, מיר זאָלן זיי פאַרקויפן וואַסער צו לעשן זייערע היציקע אַנהענגער...

שפּעטער, וועלן מיר אויך פאַרקויפן ארץ ישראל וואַסער דעם גלות... פונקט ווי מ'פאַרקויפט ארץ־ישראל ערד...

די וואַסערדיקע טעמע, ברידער און שוועסטער, איז זייער אַ טיפע, אַ ברייטע, און זי ציט זיך אַזוי לאַנג, ווי דער טייך — וואָלגאַ, אָדער ווי דער מיסיסיפּי טייך אין די שטאַטן...

נאָר אַזוי ווי ס'איז שוין שפּעט, דענק איך, אַז ס'וועט שוין זיין גענוג געשטויסן וואַסער...

ס'קען זיין, אַז אַ סך חשובע צוהערער, האָבן שוין אַ וואַסער אין אויער פון מיין וואַסער־רעפעראַט. וועל איך מאַכן אַ דאַמבע און אָפּשטעלן מיין פליסנדיקן, גיסנדיקן וואַסער־פאַל, כ'מיין, וואַסער־רעפעראַט...

כ'האָב דעם כבוד אייך צו מעלדן, שוועסטער און ברידער, אַז מיין וואַסערדיקער רעפעראַט איז — אויסגעשעפּט!...

פאַשיסטן

וואָס ליגט אין אַ נאָמען? וואָס געפינט זיך אונטער אַ שיינעם, קליינ־געענדיקן, צאַצקעדיקן, פּאַעטישן נאָמען?

אָדער אונטער אַ מיאוסן, פּראָזאַאישן, נישט עסטעטישן נאָמען? גאָרנישט מיט גאָרנישט!...

דער נאָמען שפּילט דאָ אַ גאַנץ קנאַפּע ראָל, דער עיקר איז, ווער און וואָס ס׳באַהאַלט זיך אונטערן נאָמען...

פאַראַן אַ איד וואָס הייסט ראָטשילד און איז גראַד אַן אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס... און איינער וואָס הייסט אויפן פאַמיליע־נאָמען קאַבצאַנסקי, איז ער דוקא אַ גרויסער גביר.

איינער רופט זיך שוואַרצמאַן און איז דוקא ווייס ווי אַ פריש געפּאַלענער שניי, און איינער — ווייסמאַן, קען ער פונקט זיין שוואַרץ און פינסטער ווי די נאַכט...

איינער וואָס הייסט קליינמאַן — איז הויך ווי עוג מלך הבשן... און אַ קליינער, אַ נידעריקער קאַרליק — רופט זיך הויכמאַן.

אַ פרוי וואָס וועגט אַריבער הונדערט קילאָ, אַ שפּאַרעוודיקע, רופט מען חיהלע... און אַ קליין דאַר ווייבעלע ווי אַ דרויבעלע — רופט מען דוקא יענטע־ביילע.

אַ פרוי קען הייסן זיסל — און גראַד זיין ביטער ווי גאַל...

פאַראַן אידישע פאַבריקאַנטן, סוחרים, עקספּלואַטאַטאָרס, מיט פעטע באַנק־ביכלעך פון פרעמדער פּראַצע, רופן זיי זיך דוקא — סאָציאַליסטן, ראַדיקאַלן...

אַ נאָמען זאָגט גאָרנישט!

ביי אידן רופט מען אַ בלינדן — סגי נהור, דער וואָס זעט אַ סך...

מיר האָבן אַ סך צונעמען וואָס זיינען פונקט דער היפוך פון דעם, וועמען מיר גיבן זיי...

פריער האָבן מיר געהאַט אַ גאַנצן באַרג מיט צונעמען, זידל־ווערטער מיט עפּיטעטן, וואָס יעדער איינער האָט באַנוצט לויט די אומשטענדן און דעם גוסט...

איצט האָבן מיר איין זידל־וואָרט, איין צונאָמען — פאַשיסט!

אַ ניי זידל־וואָרט איז אַריין אין אונזער ווערטער־בוך — פאַשיסט!

ס׳איז אַ סברא, אַז די ווערטער: פאַשיזם, פאַשיסט און פאַשיסטן, זיינען איצט די גאַנגבאַרסטע ווערטער אויף דער גאָרער וועלט...

ביי אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער איז איצט דאָס פּאָפּולערסטע וואָרט — פאַשיזם. דאָס גרינגסטע וואָרט אַרויסצורײדן, איז איצט — פאַשיסט! מ׳דאַרף זיך גאָרנישט אָנשטרענגען, מ׳דאַרף גאָרנישט קלערן, ס׳גליטשט זיך אַזוי לייכט אַרויס פון מויל:

— פאַשיסט!

אַ מזל פון אַ וואָרט!

פאַראַן ווערטער וואָס מ׳דאַרף זיי גוט איבערחזרן, אַריינהאַמערן אין קאָפּ ביז מ׳געדענקט זיי גוט, און פאַראַן מזלדיקע ווערטער, וועלכע איר הערט נאָר איין מאָל און זיי ווערן באַלד איינגעקריצט אין אייער מאָרך, באַהאַלטן זיך אויף תמיד אין אייער זכרון.

פאַראַן מזלדיקע ווערטער און פאַראַן שלים־מזלדיקע ווערטער...

נעמט, למשל, אַזעלכע הייליקע טייערע ווערטער: כ׳האָב דיך ליב! מיין טייערע! מיין מלאך! מיין אוצר! מיין איינציקע!...

ווי לאַנג געדענקט מען, מ׳שטיינס געזאָגט, די ליבע, הייסע אַרויס־געפליסטערטע ווערטער פון דער מענטשלעכער נשמה?

זיי ווערן גיך אַלט און אָפּגעבליאַקעוועט, ווי אַלטע קופערנע מטבעות, זיי ווערן גיך פאַרגעסן, פונקט ווי אַ היציקע רעדע אָדער אַ וויסנשאַפטלע־כער רעפעראַט...

ווען מ׳זאָל טאַקע געדענקען די אַלע געטאָקטע, פּאָעטישע ווערטער, די אַלע הימלישע ליבע־דערקלערונגען, וואָלטן מער נישט עקזיסטירט קיין אייפערזיכטיקע פּרויען. ס׳וואָלטן מער נישט פאָרגעקומען קיין מחלוקות צווישן מאַן און ווייב...

און ס׳וואָלט מער נישט געווען קיין פאַרזעסענע מיידלעך מיט אַלטע בחורים...

ווערטער האָבן אַזאַ מזל ווי נומערן: אַ סך מענטשן האָבן מורא פאַרן וואָרט טויט און רויט אָדער פאַרן נומער דרייצן...

אַמאָל איז געווען אַ זידל־וואָרט — קאַפּיטאַליסט, בורזשוק, עקספּלואַ־טאַטאָר, קליינבירגער, בלוט־זויגער, דעמאַגאָג, פאַראַזיט, פראַזן־שיסער.

היינט זיינען די אַלע זידל־ווערטער, טיטולן און עפּיטעטן געוואָרן אָפּגעשלאָגענע הושענות... זיי זיינען געוואָרן אַביסל פאַרטונקלט און פאַר־לוירן זייער באַדייט און רייץ.

וואָס פאַר אַ טעם האָט עס, ווען למשל, אַ היגער סאָציאַליסטישער פאַבריקאַנט רופט אָן אַ פּשוטן פאַבריקאַנט — בורזשוי, עקספּלואַטאַטאָר...

אָדער ווען אַ קאָמוניסטישער סוחר רופט אָן אַ ציוניסטישן סוחר — קליינבירגער, פאַראַזיט...

ס'איז פונקט ווי צוויי קאַליקעס קריגן זיך און איינער שרייט אויפן צווייטן: — דו ביסט אַ גרעסערער קאַליקע, דו ביסט אַ גרעסערער פאַרד!

זעט איר, מיטן נייעם וואָרט — פאַשיסט — איז עפּעס אַנדערש...

דאָס וואָרט איז עלאַסטיש, בויגיק, מ'קען דאָס צופּאַסן צו וועמען מען וויל...

מיטן טיטול — פאַשיסט, קענען זיך באַנוצן די רעכטע, לינקע און אויסגעלינקטע.

דאָס וואָרט פאַשיסט, איז געוואָרן אַ הפקר וואָרט... ווער ס'וויל קען זיך מיט דעם באַנוצן...

ווערט איין אָרגאַניזאַציע בייז אויף דער אַנדערער, גיט מען באַלד אַרויס אַן אַטעסטאַט: ס'איז אַ פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע!...

מאַכט איינער אַ פאָרשלאַג און ס'געפעלט נישט די רעדלפירער, ווערט באַלד דער פאָרשלאַג — אַ פאַשיסטישער...

וויל אַ פאַרזיצער נישט געבן מער קיין וואָרט עפּעס אַ נודניק, שרייט ער אויס הויך: איר זענט אַ פאַשיסטישער פאַרזיצער!

וויל אַ רעדאַקטאָר נישט אָפּדרוקן עפּעס אַ נאַרישן בריוו אין רע־דאַקציע, איז ער שוין אַ פאַשיסטישער רעדאַקטאָר...

וויל מען איינעם נישט לייען קיין סך געלט, איז שוין די אינסטיטוציע אַ פאַשיסטישע...

צעקריגן זיך צוויי פריינט, באַטיטלט איינער דעם אַנדערן מיטן נאָמען — פאַשיסט!

אַ סך מענטשן האָבן מורא צו נעמען אַ וואָרט אין אַ דיסקוסיע, טאָמער חלילה, זענט איר נישט איינשטימיק מיט אייער קעגנער, איז ער אייך באַלד מכבד מיטן נאָמען — פאַשיסט! און אויס דיסקוסיע...

דאָס פּאָפּולערסטע זידל־וואָרט, איז איצט — פאַשיסט!

אַמאָל האָט מען געזאָגט: ער זידלט זיך ווי אַ שיכורער קאָזאַק... היינט זאָגט מען: ער זידלט זיך ווי אַ פאַשיסט.

אַמאָל האָט מען געזאָגט: ער איז ערגער פון אַ משומד... היינט זאָגט מען: ער איז ערגער פון אַ פאַשיסט!

קינד און קייט נוצן שוין דאָס נייע זידל־וואָרט — פאַשיסט!

אַז אַ מיידל צעקריגט זיך מיט איר פריינט, האָט זי באַלד אַ פאַרטיקן תירוץ: — ער איז פאַשיסטיש געשטימט דער פריינט מיינער... ווייל איך גיין שפּאַצירן, וויל ער דוקא גיין אין קינאָ... וויל איך גיין אין קינאָ, וויל ער פונקט גיין אויף אַ וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט; היינט גיי קום אויס מיט אַ פאַשיסט!

מיינער אַ באַקאַנטער האָט זיך צעקריגט מיטן ווייב, שרייט אויף אים

זיין פרוי, אַז ער באַהאַנדלט איר ערגער ווי אַ פאַשיסט... און דער מאַן באַקלאָגט זיך, אַז זיין אידענע קאָכט אים פאַשיסטישע מאכלים...

די זופּ איז פאַרזאַלצן, דאָס פלייש רוי, און דער קאָמפּאָט איז צוגע־ברענט...

אַז אַ פאָטער צעבייזערט זיך אויפן אינגל זיינעם, שרייט ער אויף אים: — פון דיר וועט שוין קיין גוטס נישט אַרויסוואַקסן, דו וואַקסט אַ פאַשיסט!...

אַנשטאָט זאָגן יענעם: איר זענט אַ שלעכטער מענטש, זאָגט מען אים: איר זענט אַ גוטער פאַשיסט!...

דער נאָמען — פאַשיסט, איז אונז גוט אַריין אין די ביינער.

ס׳איז געוואָרן אַ מאָדע־וואָרט, פונקט ווי אַלע אַנדערע נייע מאָדעס.

ס׳איז טאַקע אַ גרויסע סכנה, אַז דאָס נייע זידל־וואָרט — פאַשיסט, זאָל אַרויסשטופן אַלע אַנדערע, עלטערע זידל־ווערטער פון אונזער זידל־לעקסיקאָן, ווי למשל:

גנב, גזלן, רוצח, ראַזבויניק, באַנדיט, מערדער, שווינדלער, ליגנער, מזיק, שייגעץ, לאָבוס, הפקר־יונג, ליידאַק, בויאַן און כוליגאַן...

פאַר די אַלע טיטולן, עפּיטעטן און צונעמען, וועט בלויז בלייבן איין זידל־וואָרט:

— פאַשיסט!

ס׳איז נאָר דאָ איין מיטל, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פונם נייעם, פאַר־שפּרייטן, פּאָפּולערן זידל־וואָרט — פאַשיסט!

אַז מיר וועלן, אם ירצה השם, פּטור ווערן פון דער מגפה, פונם אַנשי־קעניש — פאַשיזם, וועלן מיר אויך באַלד פאַרגעסן דאָס נייע זידל־וואָרט:

— פאַשיסט!

די מענער, נעבעך

אַ נייער אומגליק, אַ וויסנשאַפטלעכע צרה, רוקט זיך אָן אויף דער מע־נער־וועלט, וואָס סטראַשעט אונז מענער, נעבעך, צו מאַכן אינגאַנצן איבריק, פּאַר נוצלאָזע באַשעפענישן אויף גאָטס וועלטל...

אַט זיינען די דאָקטוירים אין די שטאַטן אַרויסגעקומען מיט אַ גוואַל־דיקע נייעס: אַז די אַלטע דערפינדונג — אַ פרוי זאָל קענען האָבן אַ קינד דורך קינסטלעכער באַפרוכפּערונג, האָט איצט מיט אַ נייער אַגווענדונג, דורך אַ נייער וויסנשאַפטלעכער מעטאָדע, געבראַכט וואונדערבאַרע רעזולטאַטן. די קינדער וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אָן טאַטעס, וואַקסן, קיין עין־הרע, ווי אויף הייוון... פרויען וועלן קענען שוואַנגער ווערן, דורך אַ קינסטלעך, כעמישער איינשפריצונג.

גאַנץ פּשוט: אַז אַ פרוי, פאַרדאַן, איך מיין, אַז אַ מיידל וועט וועלן האָבן אַ קינד, וועט זי בלויז דאַרפן אַריין גיין צום דאָקטאָר אין דער לאַבאָראַ־טאָריע, און זיך אויסקלויבן אַ נומערירט גלעזערן רערל, אַ טרובקע מיט אַ כעמישן קינדער־סובסטאַנץ... און פאַרטיק! אין ניין חדשים אַרום וועט זי געבוירן אַ קינד...

זי וועט זיך קענען אין דער לאַבאָראַטאָריע אויסקלויבן, פון וואָס איר האַרץ גלוסט: אַ אינגל אָדער אַ מיידל, צי דאָס קינד זאָל זיין הויך אָדער קליין, בלאָנד אָדער ברונעט, אַ געלס אָדער אַ שאָטין.

יעדע פרוי וועט זיך קענען אנייהאָנדלען אַזאַ כעמיש קינדער־רערל, לויט איר געשמאַק און פאַרלאַנג: פון אַ פּראָפעסאָר ביז אַ דאַמען־שניידער, פון אַ מוזיקער ביז אַ בלעכער, פון אַ פּאָעט ביז אַ קוימענקערער... אַ פרוי מיט אַ פרומער נשמה, וועט קענען באַשטעלן אין דער לאַבאָראַטאָריע אַ קינד פון אַ בעלזער חסיד, אָדער פון אַ גערער חסיד. פון אַ פּרעזידענט פון אַ קלוב, ביז אַ גבאי פון אַ שול. אַ סאָציאַליסטיש געשטימט מיידל, וועט זיך קענען האָבן אַ קינד, לויט איר אייגענעם אויסוואַל און איבערצייגונג... אויס קאָפּ־דרייעניש, אויס זאָרג: וואו נעמט מען אַ חתן?

די נייע מעטאָדע פון קינדער האָבן, וועט אָנמאַכן אַ גאַנצע איבערקע־רעניש אויף דער קינדער־וועלט. דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם, וועט מוזן ווערן ראַדיקאַל אומגעביטן. אַ סך אינדוסטריעס וועלן מוזן אינגאַנצן אונטערגיין.

די ערשטע **כפרה**, וועט אוודאי זיין די חתונה־אינדוסטריע מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג: אויס חתן, אויס נדן, אויס פּאַרזעסענע מיידלעך, אויס חו־פּות מיט מסדר־קדושין, אויס חתונה־וועטשערע מיט דער „גילדענער יויך"... אויס מחותנים מיטן בדחן און כלי־זמרים, אויס גט'ן זיך צוליב אַ פּאַרזאַלצע־נער זופּ... צוליב אייפערזוכט...

אויס אייפערזוכט. די מיידלאך וועלן זיך ווערן אויס שונאים, צוליב אָפּרעדן איינער פון דער אַנדערער דעם חתן. די פאַרהייראַטע פרויען, וועלן אויפהערן זיך אָפּעסן דאָס האַרץ צוליב אייפערזוכט; ווען איר מאַן שענקט צופיל אויפמערקזאַמקייט אַן אַנדערער פרוי... אַ פרוי וועט אויפהערן מאַכן סקאַנדאַלן צוליב דעם, וואָס איר טייערער מאַן זינדיקט אונטער אַ ביסל מיט אַ צווייטער פרוי — אַ קאָנקורענטן. אַ יונגערמאַנטשיק וועט מער ניט קענען זיין אייפערזיכטיק, טאָמער כאַפּט זיין שיין, יונג ווייבעלע אַ זייטיקן קוק אויף אַ פרעמדן, שיינעם קאַוואַליער...

אויס שיסערייען, אויס פראַצעסן צוליב אַ געגנבעטער ליבע. אויס אַלי־מאַניע פאַר פוילע ווייבלאך, וואָס זוכן אַלטע, רייכע מענער...

די נייע מעטאָדע פון קינדער האָבן, סטראַשעט אַוועקצוהרגענען דאָס גאַנצע ביסעלע „ליבע" מיטן פאַרליבעניש, מיט אַלע זיבן זאַכן... ווייל די גאַנצע „ליבע", אומשטיינס געזאָגט, איז דאָך נישט מער ווי אַ „שפּיצל" פון דער נאַטור... כדי דער מענטשלעכער מין זאָל זיך מערן און פרוכפּערן אויף גאָטס ערד... דער גאַנצער „יצר־הרע", איז נישט מער ווי אַ פאַר־שווערונג קעגן אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, אַז זיי זאָלן וואָס מער קינד־לען... אַז אויס טאַטע, איז אויס ליבע! אויס מאַן! די פאַטער־פּראָפעסיע, וועט ווערן אַן איבעריקע אָפּגעלעבטע זאַך. דער קינדערלאָזער טאַטע, וועט זיך אַרומדרייען ביי דער פרוי אין שטוב, מיט די פאַטערלאָזע קינדער — ווי אַ נעכטיקער, ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן... אויף וועלכע גוטע יאָר, וועט מען דאַרפן דעם מאַן? נישקשה, די פרויען האָבן שוין באַלד סיי ווי, אַרויסגעשטופּט די מענער פון אַלע פאַכן און אַרבעט...

ס'וועלן זיך אינגאַנצן איבערדרייען די יוצרות. קיין מאַן וועט נישט וואָגן אָפּשמייסן אַ פרעמד „רערל־קינד"; קיין מאַן וועט נישט האָבן קיין חשק צו דערציען דער פרויס לאַבאָראַטאָריע־קינד. אַזאַ קינסטלעך טאַטע־לאָז קינד, וועט נישט קענען אַנווייזן ווער ס'איז זיין פאַטער, נאָר וואָס פאַר אַ נומער זיין גלעזערן רערל האָט געהאַט אין דער לאַבאָראַטאָריע.. אַזאַ לאַ־באָראַטאָריע־קינד, וועט מען אַפילו נישט קענען געבן אַ לייטישע קללה, ווי למשל: אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין! אָדער: דאָס מזל אויפן טאַטן! נאָר: אַ רוח אין דיין טרובקע אַריין!... אָדער: דאָס מזל אויף דער לאַבאָראַטאָריע!...

ס'איז דער אָנהויב פון סוף, פון דער מענער הערשאַפט!

דער שטאַרקער מאַן, דער הערשער פון דער פאַמיליע, דער פרנסה־

געבער, דער מלחמה־פירער, דער גאַנצער קנאַקער, קייקלט זיך באַרג אַראָפּ. די מענער ממשלה הייבט זיך אָן צו וואַקלען, און די צאַרטע, אײדעלע פרויען, וואָס זיינען געבעך אויסגעשטאַנען געברענטע צרות, אַזויפיל טויזנטער יאָרן פון זייערע ברויט געבער; פון די ברוטאַלע, קאַפּריזנע מענער, יועלן פאַר־נעמען דעם מענערישן טראָן!...

די פּאַטריאַכאַלע עפּאָכע, וועט באַלד אינגאַנצן אונטערגיין.

דער מאַן וועט, נעבעך, אַרומבלאָנדזשען אין דער פרויען געזעלשאַפט, ווי אַ נעבעכל, ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא, ווי אַן אויסגעשפּילטער, ווי אַ צוטשעפּעניש פאַר דער ווייבערישער וועלט... די פרויען וועלן אונז אפשר דאַרפן אויף ערב יום־כפור... אויס מאַנס־פאַרשוין! ס'וועט בלויז געוועלטיקן דער ווייבס־פאַרשוין! דער „ער" וועט אויפהערן צו פילדערן, צו ברענען אַ וועלט. דער „זכר" וועט ווערן שטיל ווי אַ לעמעלע; ער וועט זיך, נעבעך, פּלאָנטערן אונטער די פיס אין דער ווייבערישער וועלט, ווי אַ פאַרחלומטער...

אַ מאַן מיט שטאַרקע הענט, מיט אַנטוויקלטע מוסקולן, וועט נאָך אפשר ברענגען דער פרוי אין שטוב אַ שטיקל נוצן: טראָגן אַ שווערע משא, ברענגען וואַסער, האַקן האָלץ, אויסקערן די שטוב און העלפן דער מוטער האָדעווען, די פאַטערלאָזע קינסטלעכע לאַבאָראַטאָריע־קינדער. דערפאַר וועט ער אפשר קריגן אַ טעלער זופּ, אַ ריין געלעגער, און עטלעכע פּעזעס אַ חודש געהאַלט...

ס'וועט זיך אָנהויבן די מאַטריאַרכאַלישע עפּאָכע, די הערשאַפט פון דער מוטער, פון דער „זי", פון דער פרוי וואָס וועט האָבן די קינדער. די פרוי וועט ווערן מיט אַמאָל אין גאַנצן זעלבסטשטענדיק. זי וועט מער נישט דאַרפן דעם שטאַרקן באַשיצער — דעם מאַן! די פרוי וועט ווערן די הערשערין; די טאָן געבערין פון דער נייער פרויען געזעלשאַפט; די פּאָליטיק־פירערין; די מלחמה־מאַכערין און די גאַנצע דעה־זאָגערין. די שטאַרקע מענער, וועלן די פרויען דינגען פאַר סאָלדאַטן, די געלערנטע — צו האַלטן רעפּעראַטן, און די שיינע מענער (אָן אַ פליך אויפן קאָפּ) — זיי צו מאַכן קאָפּלימענטן...

און אַלץ צוליב דער וויסנשאַפט, צוליב אַ גלעזערן רערל, צוליב אַ קליינער טרובקע מיט אַ כעמישן קינדער־סובסטאַנץ. די וויסנשאַפט האָט אונז, מענער, אָפּגעטאָן אויף טערקיש. די מענער־דאָקטוירים האָבן זיך אַליין פאַרראַטן!

ווער ווייסט, וואו די וויסנשאַפט וועט אונז נאָך פאַרפירן, ווער ווייסט, צו וואָס די וויסנשאַפט וועט זיך נאָך דערטראַכטן!...

לאָמיר זיך איבערשיכטן

לאָמיר זיך, ברידער אידן, באַצייטנס אַליין פּראָדוקטיוויזירן און אי־בערשיכטן, איידער מ׳וועט אונז צווינגען מיט געוואַלד זיך איבערשיכטן, איי־דער די נויט און הונגער וועט אונז איבערשיכטן, אין אַ מאַסע אָרעמע לייט און בעטלער...

דער חשובער שליח פון „אָרט״ ד״ר ב. אייסוראָוויטש, האָט אונז אַ רעכט ביסל איבערגעשראָקן אין זיין רעפעראַט וועגן איבערשיכטונג פון די אידישע מאַסן אין אייראָפּע.

דער חשובער דעלעגאַט פון „אָרט״, איז גראַד געווען אויפן אָרט, מיט זיינע ציפערן און סטאַטיסטיק. דער עולם איז געזעסן אויף די ערטער, ממש געפּלעפט, הערנדיק וועגן דער שרעקלעכער אידישער לאַגע פון די אַרויס־געשטויסענע אידישע מאַסן וואָס מוזן זיך איבערשיכטן.

קיינער האָט זיך נישט גערירט פונם אָרט, ווען דער פאָרשטייער פון „אָרט״ האָט דערוויזן באַשיינפּערלעך, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז אידן מוזן זיך איבערשיכטן אויפן אָרט וואו זיי וואוינען, און זיך נעמען צו אַנדערע מער פּראָדוקטיווערע פּרנסות...

— אידן פאַרנעמען אַ צו גרויסן פּראָצענט אינם האַנדל.

— אידן פאַרנעמען אַ צו גרויסן פּראָצענט אין די פרייע, ליבעראַלע פּראָפעסיעס...

די אַנטיסעמיטן שרייען און ליאַרמען: צופיל אידישע סוחרים, צופיל אידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און דענטיסטן.

די פאַשיסטן גוואַלדעווען: צופיל אידן אין זייערע לענדער...

אייגנטלעך, זיינען די גוים אַליין שולדיק, וואָס מיר זיינען אַ פאָלק פון הענדלער און איידעלע פּראָפעסיעס.

די גוים אַליין האָבן אונז אָפּגעוואוינט פון מלאכות און ערד־אַרבעט.

די גוים האָבן אונז נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, געצוואונגען צו האַנדלען מיט אַלטע שמאַטעס און מיט בייע אידייען...

געוואוינט אין געטאָ; אָן אייגענער ערד, אָן מענטשלעכער רעכט, האָבן מיר זיך געכאַפּט צום האַנדל, צו מסחר און צום גרויסן, מיט אייזן באַ־שלאָגענעם קופערט אויף פיר רעדלעך, כדי צו קענען גיך אַנטלויפן בשעת אַ סכנה...

די גוים האָבן אַ גרויסע שולד, גאָר אַ גרויסע שולד, וואָס מיר זיינען

געוואָרן האַנדל־וואַנדל מענטשן, וואָס מיר זיינען געוואָרן אַ פּעאיק שאַכער־מאַכער פאָלק...

משה רבינו האָט אונז געוואָלט מאַכן פאַר אַן עם קדוש, פאַר אַ הייליק אויסדערוויילט פאָלק, און די גויים האָבן אונז געמאַכט פאַר אַ הענדלער פאָלק...

איצט בריקען זיי זיך און וואַרפן זיך מיט אונז: — איר דאַרפט זיך איבערשיכטן...

און נאָך אַ בילבול האָבן די גויים אויף אונז אויסגעטראַכט: אַז אידן האָבן פיינט מלאכות...

אדרבה פונקט פאַרקערט, אידן האָבן תמיד ליב געהאַט צו אַרבעטן. וועלכער איד האָט דאָס נישט ליב עפּעס אַ שטיקל מלאכה?

אַ איד קען אַ סך מלאכות: פסח ווערט ער אַ מצה־בעקער, שבועות איז ער אַ גערטנער, סוכות איז ער אַ סטאָליער, חנוכה גיסט ער צינערנע דריידלעך...

זומער, נאָכן שבתדיקן דרימל, זאָגט יעדער פרומער איד אין הייליקן פּרק: אהב את המלאכה ושנא את הרבנות. ס'הייסט מ'דאַרף פשוט ליב האָבן די מלאכה.

ביי אידן איז דאָ אַ סך גלייכע ווערטלעך וועגן בעל־מלאכות:

— די שווערסטע מלאכה איז צו גיין ליידיק.

— לערן פלייסיק דיין מלאכה, וועט שוין קומען די מזל ברכה.

— אַ מלאכה איז — אַ מלוכה.

און נאָר ביי אידן איז דאָ אַזאַ טייער פאָלקס־ווערטל: — ניין רבנים קענען קיין מנין נישט מאַכן און צען שוסטערס יאָ...

נאָר די צרה איז, וואָס מיר האָבן זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט מיט דער מלאכה...

ווען מיר טאַקע דאַרפן אויפהערן אַביסל צו האַנדלען און זיך נעמען גלייכער צום האַמער. מיר מוזן אויפהערן צו האַנדלען מיט לופט און מיט נעכטיקע טעג, און זיך נעמען צום אַקער...

לאָמיר געבן די גויים אַ שאַנס, ס'איז אויך זיי גאָטס רחמנות. זאָלן זיי אויך ווערן הענדלער און שטעקל־דרייער...

מיר מוזן געבן אַ געלעגנהייט (אַ ברירה האָבן מיר) די אָפּגעקומענע פּריצים, זייערע קינדער זאָלן ווערן דאָקטוירים, אינזשיניערן און אַדוואָקאַטן.

מיר מוזן געבן אַ געלעגנהייט די פּויערישע בנים, זיי זאָלן זיך אויפ־מאַכן קרעמלעך מיט נאָפּט און הערינג...

לאָמיר זיך איבערשיכטן!

לאָמיר זיך גלייכער בייטן מיט די גויים: מיר וועלן זיי געבן אונזערע

מנחם־מענדל שטעקלעך און זיך נעמען צו די מאַשינען, זאָלן זיי דרייען מיט די שטעקעלעך אין דער לופט און מיר וועלן אַרבעטן...

זאָלן זיי ווערן די מעקלער, הענדלער און שאַכער־מאַכערס, און מיר וועלן ווערן די פאַבריק־אַרבעטער...

זאָלן זיי אויך פאַרזוכן דעם טעם פון אונזערע טייערע פרנסות, מ׳שטיינס געזאָגט...

זאָל זיי אויך דאַרן דער קאָפּ, וואו מ׳נעמט אַ קערבל אויף שבת, און ווי אַזוי מאַכט מען חתונה די עלטערע טאָכטער...

זאָלן זיי זיך נעמען צו די אידישע, וויסטע און פינסטערע פרנסות און מיר וועלן זיך נעמען צו די גויאישע מאַשינען און פעלדער.

לאָמיר זיך ברידער אידן, איבערשיכטן!

מיר דאָ, אין מעקסיקע, האָבן זיך שוין אויך עטלעכע מאָל געמוזט איבערשיכטן...

מיר האָבן שוין געלייענט עטלעכע מאָל די סדרה — איבערשיכטן...

געקומען אַהער זיינען אַ סך ערלעכע האַרעפּאַשניקעס, אמתע יגיע כפּימניקעס, גוטע פּראָלעטאַריער. זיי האָבן זיך אָבער גיך געמוזט איבער־שיכטן און ווערן ערלעכע סוחרים, אמתע פאַבריקאַנטן און גוטע עקס־פּלואַטאַטאָרס...

בראשית, אין אָנהויב האָבן דאָ זיך די אידישע אימיגראַנטן גענומען צום גאַסן־האַנדל, ווי אין פּסוק שטייט:

גענומען אַ פּעקל זאַקן מיט קראַוואַטן אויפן אָרעם, אַרויס אויף די גאַסן זוכן „מאַרטשאַנטעס״, קונים.

דערנאָך זיך איבערגעשיכט:

אָנגעהויבן האַנדלען אין „אַבאָנאָס״, געקלאַפּט אין די טירן און פאַר־קויפט אויף אויסצוצאָלן...

פאַרקויפט גרויסע און קליינע געטער, בילדער פון „יויזל״, גאָטס זון, פון דער הייליקער בתולה מאַריאַ, גאָטס מאַמע...

שפּעטער האָט די רעגירונג אַליין די אידן איבערגעשיכט...

מ׳האָט די אידישע הענדלער גענומען טרייבן פון די גאַסן, פון די מערק ביד חזקה... צוגענומען ביי זיי די „פּויסטעס״ פון זאַקן און שטאָל־וואַרג.

און אידן האָבן זיך נעבעך געמוזט מיטגוואַלד איבערשיכטן...

מ׳האָט זיך גענומען צו אמתע געשעפטן, צו אינדוסטריע, צו פאַבריקלעך.

דערוויל נישט צו פאַרזינדיקן. מען מאַכט חתונה קינדער, מ׳קויפט זיך אַ קאַטשע, מ׳בויט זיך אַ הויז, מ׳פאַרט אויף דאַטשע, ווי גאָט האָט געבאָטן, און מ׳מאַכט אַ קערטל...

אַמאָל האָט מען געגעבן צען סענט אויף אַ קאָרט אין פּאָקער, און פופציק סענט אויף אַלע קאָרטן.

היינט גיבן שוין אַ סך פּאָקערנקיעס פופציק סענט אויף איין קאָרט און פינף פּעזעס אויף אַלע.

און דאָס איז שוין נאָכן איבערשיכטן זיך.

חבר אייסוראָוויטש האָט אין זיין איבערשיכטונג־רעפּעראַט, געשיל־דערט מיט העלע, ליכטיקע פאַרבן, ווי די „בנות־יעקב", די פרומע אי־דישע טכעטער אין פוילן נעמען זיך פּראָדוקטיוויזירן, איבערשיכטן.

זיי ווילן מער נישט מאַכן קיין לאָקשן־קוגל, שיילן קאַרטאָפליעס און וואַרטן ביז די מאַמעשי וועט איר געבן אַ חתן... ניין! די פרומע אידישע מיידלעך ווילן אַרבעטן, אַרבעטן און אַרבעטן!

הלוואי, רבונו של עולם! אויף אונזערע מעקסיקאַנער אידישע פרויען און טעכטער געזאָגט...

זאָלן די היגע אידישע מיידלעך זיך אויך נעמען איבערשיכטן...

דער חשובער פאַרשטייער פון „אַרט", וואָלט געטאָן אַ גרויסע מצוה, ווען ער זאָל טאַקע דאָ אויפן אָרט אונז העלפן איבערשיכטן עטלעכע פּרע־זידענטן פון היגע אידישע אָרגאַניזאַציעס, אויפן ריכטיקן אָרט...

מ'דאַרף אויך איבערשיכטן דעם קרעדיט פון עטלעכע היגע אידישע סוחרים...

ס'וואָלט אויך געווען אַ יושר, איבערשיכטן די קינדער פון די היגע אידישע „ראַדיקאַלן" — אין דער אידישער שול...

און זאָל חבר אייסוראָוויטש וויסן, אַז אפילו אינם היגן אידישן ישוב, וועט מען אויך דאַרפן אַ סך שיכטן — איבערשיכטן...

נאָר דערווייל, איידער מיר וועלן זיך דאָ מוזן איבערשיכטן, לאָמיר ברידער אידן, איבערשיכטן אַביסל געלט פון אונזערע קעשענעס, פון אונ־זערע באַנק־ביכלעך, פאַר די וואָס מוזן זיך שוין, טאַקע באַלד איבערשיכטן...

אומפּאַרטייאיש

די בעסטע און באַקוועמסטע זאַך, איז צו זיין — אומפּאַרטייאיש.

דער זיכערסטער מענטש, איז היינט — דער אומפּאַרטייאישער...

אויב איינער וויל אויסלעבן זיינע אָנגעצייכנטע זיבעציק יאָר, וואָס ער האָט צו לעבן אויף אונזער זינדיק וועלטל, — זאָל ער גלייכער זיין אַן אומפּאַרטייאישער...

נישט מילכיק, נישט פליישיק — נאָר פּאַרעווע...

נישט ווייס, נישט שוואַרץ, נישט ברוין און נישט רויט — נאָר אומפּאַרטייאיש.

און דוקא סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס האָט שוין געגעבן דער וועלט אַ סך גוטע לעקציעס: לעקציעס, ווי אַזוי אַ לאַנד קען זיך באַגיין אָן קאַפּיטאַליסטן (אָבער נישט אָן קאַפּיטאַל...). ווי אַזוי אַ לאַנד קען עקזיסטירן אָן אַנטיסעמיטיזם...

אָט די זעלבע סאָוועט־רוסלאַנד, האָט אונז געגעבן אַ גוטע לעקציע, אַז ס'איז בעסער און טאַקע אַ סך געזונטער, צו זיין אַן אומפּאַרטייאישער...

אַ פּאַרטיי־חבר האָט שטענדיק אַ זאָרג, אַ מורא, אַז מ'זאָל אים, חלילה, נישט אויסשליסן פון דער פּאַרטיי...

אַן „אויסגערייניקטער" פּאַרטיי־מענטש, איז אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא, אַן אויסגעשפּילטער, א גברא קטלא...

ער ווערט שוין אַ שעדלעכער עלעמענט, אַ שעדיקער, וועלכן מ'קען שוין מער נישט געטרויען...

נו, לוינט זיך צו זיין אַ פּאַרטייאישער?

זעט איר, דער אומפּאַרטייאישער קען זיך אויסלעבן זיינע יאָרן רואיק, אָן מורא, אָן שרעק און אָן זאָרג.

וואָס ס'זאָל זיך נישט מאַכן, וואָס ס'זאָל נישט געשען: אַ רעכטער אָפּ־נויג, אַ לינקער אָפּנויג, מיטן פּנים צום דאָרף, מיטן פּנים צו דער פאַמיליע, האָט ער שטענדיק אַ פּאַרטיקן תירוץ — כ'בין אַן אומפּאַרטייאישער!

דער אומפּאַרטייאישער, איז דער גליקלעכסטער מענטש אין סאָוועט־רוסלאַנד.

און נישט דוקא אין סאָוועט־רוסלאַנד, אומעטום, אין אַלע לענדער, איז די בעסטע, באַקוועמסטע און טאַקע אויך געזונטסטע זאַך, צו זיין אַן אומפּאַרטייאישער.

אַ פּאַרטיי־מענטש קען קיין סך פריינט נישט האָבן, אַ פּאַרטייאישער קויפט זיך אומזיסט און אומנישט אַ וועלט מיט שונאים...

איין פּאַרטיי קוקט אויף דער צווייטער, ווי אויף אַ קאָנקורענט, איין פּאַרטיי־מאַן קוקט אויפן צווייטן מיט בייזע אויגן, אַנגעכמורעט, מיט אַ ברוגזע מינע, גלייך ווי דער צווייטער וואָלט אים געקוילעט די קאַפּאָטע...

ביי די קאָמוניסטן, איז אַ בונדיסט טריף ווי חזיר...

די בונדיסטן האָבן נישט איבעריק ליב די ציוניסטן...

די פּועלי־ציוניסטן זיינען בייז אויף די רעוויזיאָניסטן.

די רעוויזיאָניסטן ווילן זיך נישט משדך זיין מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן...

די לינקע פּועלי־ציוניסטן, זיינען עפּעס נישט שווה־בשווה מיט די רעכטע פּועלי־ציוניסטן, אין דער שפּראַכן־פראַגע — אידיש אָדער העברעאיש...

די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן זיינען נישט איינשטימיק מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אין דער אגראר־פראַגע...

היינט דערגייט אַ טאָלק, ווער פון זיי איז גערעכט, (אפשר זיינען אַלע גערעכט?...)

גייט, זייט מוחל, שטעלט צופרידן אַזוי פיל פּאַרטייען, גייט זייט יוצא פאַר אַלע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך.

זענט איר אָבער אַן אומפּאַרטייאישער, האָט מען צו אייך גאָרנישט. אדרבא, יעדער פּאַרטיי־פירער, יעדער פּאַרטיי־פאַנאַטיקער קוקט אויף אייך, ווי אויף אַ קאַנדידאַט פאַר זיין פּאַרטיי... יעדע פּאַרטיי האַלט אייך פאַר אירער אַ סימפּאַטיקער...

מ׳קוקט אויף אייך מיט אַ ליבן שמייכל, מ׳רעדט צו אייך ווייכע רייד, דורך אַ זיידן טיכל, מ׳סטאַרעט זיך צו געווינען אייער סימפּאַטיע...

פון פּאַרטיי־מענטש פאַדערט מען מיטן האַרבן וואָרט, צום אומפּאַרטייאישן — אַפּעלירט מען...

אַ געשוואוירענער פּאַרטיי־מאַן, דאַרף וואַרטן ביז זיין פּאַרטיי מאַכט עפּעס אַ שטיקל פּאַרטיי־שמחה...

אַן אומפּאַרטייאישן אָבער, איז וואויל ווי דער וועלט:

ער קען גיין אויף אַלע פּאַרטיי־שמחות, אויף אַלע פּאַרטיי־באַנקעטן.

ער קען טאַנצן אויף אַלע פּאַרטיי־פאַדלאַגעס...

קיינער זאָגט אים נישט קיין דעה.

אַן אומפּאַרטייאישן איז גרינגער צו קריגן אַ גמילת־חסד... און אַ שידוך צו טאָן מיט די קינדער...

אַן אומפּאַרטייאישער מעג געבן אַנאָנסן אין אַלע פּאַרטיי־צייטונגען...

אַן אומפּאַרטייאישער דאַרף זיך נישט קריגן מיט די שכנים און נישט דיסקוטירן מיטן ווייב...

אַן אומפּאַרטייאישער בחור, מעג „אוכאַזשעווען" און פלירטעווען מיט אַלע פּאַרטיי־מיידלעך...

אַן אומפּאַרטייאישער האָט אַ וועלט מיט פריינט און באַקאַנטע.

צום אומפּאַרטייאישן קומען אַלע דעלעגאַטן נאָך ביישטייערונגען, פאַר אַלע פּאַרטיי־אַקציעס...

דער אומפּאַרטייאישער, איז דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער פּאַרטייאישער וועלט...

ווען די פּאַרטיי־מענטשן, וועלן מיד און מאַט ווערן, פון אַרומרייסן זיך, פון אַרומקריגן, פון אַרומשלאָגן זיך, וועלן דעמאָלט די אומפּאַרטייאישע איבערנעמען די מאַכט...

ס'איז אַ סברא, אַז דעמאָלט וועט די גרעסטע פּאַרטיי פון אַלע פּאַר־טייאישע פּאַרטייען זיין — די אומפּאַרטייאישע פּאַרטיי...

די צוקונפט געהערט — די אומפּאַרטייאישע!

אוי די ראַדיאָס!

יעדע נייע דערפינדונג, האָט טאַקע אַ סך מעלות, אָבער אויך נישט קיין קליין ביסעלע חסרונות — פונקט, להבדיל, ווי אַ זינדיקער מענטש...

ווער האָט זיך דאָס נישט געוואונדערט און אָנגעשטעלט מויל און אויערן, ווען מ'האָט דאָס ערשטע מאָל דערהערט אַ קול, די מענטשלעכע שטימע, פון אַן אייזערן אָדער הילצערן קעסטל אַרויס — די ראַדיאָ?

עפּעס אַ קלייניקייט אַ ראַדיאָ!

יעדער איינער קאָן ביי זיך אין שטוב הערן, ווען ער וויל, די בעסטע רעדנער האַלטן זייערע דרשות, מען קאָן הערן זינגען די גרעסטע אַרטיסטן, באַרימטע קינסטלער, סימפאָניעס און קאָנצערטן פון די וויטסטע שטעט און לענדער.

יעדער איינער קאָן הערן די לעצטע נייעס ביי זיך אין שלאָפצימער, ליגנדיק רואיק אויסגעצויגן אופן ווייכן בעט אין די פּידזשאַמעס... מען ז'אַרף נאָר געבן אַ דריי אויף אַ ביינערן קנעפּל אין דער ראַדיאָ, אָנשטעלן דעם ווייזער אויף אַ נומער — און מ'הערט באַלד פון כל טוב, וואָס איינעמס האַרץ גלוסט...

אַ גליק, אַ ברכה, אַ דערלייזונג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט!

איז דאָך טאַקע גוט, די ראַדיאָ איז דאָך אַ נוצלעכע כלי, אַ נויטווענדיקייט אין יעדן הויז, להבדיל, ווי אַ וואַנע, אַ קיך אָדער אַ וועק־זייגער.

ווער קאָן זיך דאָס היינט באַגיין אָן אַ ראַדיאָ?

אָבער יעדע דערפינדונג האָט אויך אַ דעפעקט, ליכט האָט אויך אַ שאָטן זייט. יעדע מעלה האָט אויך אַ שטיקל חסרון, און דער חסרון פון דער ראַדיאָ איז — וואָס די כלה איז צו שיין...

יאָ, די ראַדיאָ איז צו גוט, צו נוצלעך, און יעדער איינער באַנוצט זיך מיט דער ראַדיאָ צו יעדער צייט, אומעטום, ווען ער וויל און וואו ער וויל: פאַרטאָג, אין מיטן טאָג, אין מיטן דער נאַכט, ביים עסן, ביים טאַנצן, ביים שרייען אויף די קינדער און ביים קריגן זיך מיטן וויב...

שטענדיק, אָנאויפהער, שפּילט, זינגט, רעדט, טראַסקעט און שרייט די ראַדיאָ.

אויב נישט ביי אייך, איז ביים שכן אייערן, אויב נישט אין שטוב, איז אויפן גאַס. אומעטום וואו איר גייט און שטייט, הערט איר די גרילצנדיקע קולות פון דער ראַדיאָ.

יאָ, די ראַדיאָ איז אַביסעלע צו פריי, צו הפקרדיק, אָן קאָנטראָל, אָן דיסציפּלין, אָן שום איינזעעניש, אָן שום רחמנות אויף אַנדערע מענטשן...

איינער רעכנט זיך נישט מיטן צווייטן, צי ער וויל יאָ הערן די ראַדיאָ אָדער נישט. ס'איז גענוג, אַז ער האָט חשק צו הערן און — אויפגעדרייט אַ קנעפּל און ס'הוזשעט שויך, ס'שרייט און ס'שפּילט.

אויב אייך געפעלט נישט, קאָנט איר בשום אופן נישט זאָגן אייער שכן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף אייערע אויערן, אויף אייער בינטל נערוון און פאַרמאַכן זיין ראַדיאָ, אָ, ניין!

מיר לעבן אין אַן אויסגעצייכנטער עפּאָכע; פון עראָפּלאַנען, טאַנקען, אַטאָמישע באָמבעס, דעמאָקראַטיע און ראַדיאָס...

פרייהייט פאַר די ראַדיאָס!

איר קאָנט זיך דעמאָקראַטיש פאַרשטאָפּן די אויערן מיט וואַטע, פאַר־מאַכן די פענסטער, פאַרהאַקן טיר און טויער, און אויב די גרילצנדיקע ראַ־דיאָ קולות רייסן זיך פאַרט אַריין אין אייער שלאָפצימער, איז וואָס? איז טאַקע גרויסע צרות!

ווילט איר שלאָפן, וויל יענער הערן זינגען. ווילט איר רוען, וויל יענער טאַנצן; ווילט איר לייענען, וויל יענער הערן נייעס; איז אייך טרויעריק אויפן האַרץ, וויל יענער הערן לאַכן. איז ביי אייך קראַנק אַ קינד, וויל יענער דווקא הערן פריילעכע, רוישנדיקע מוזיק, און גייט טוט אים עפּעס!

אוי, די ראַדיאָס!

האָט איר ליב קלאַסישע מוזיק, צעלאָזט זיך דווקא איצט אייער שכנס ראַדיאָ, מיט שרייענדיקע טענער פון אַ דזשאַס אָרקעסטער, וואָס רייסט די אויערן און גרילצט אויף דער נשמה, כאַטש נעם און אַנטלויף פון דיין שטוב, פון דיין אייגענער היים...

און אַז איר קומט שוין אַרויס אויפן גאַס — איז פון פייער אין וואַסער...

פון אַ סך געשעפטן הערן זיך משונהדיקע, שרייענדיקע קולות פון ראַ־דיאָס, איין ראַדיאָ שרייט איבער די אַנדערע.

אַלע האַלבע שעה האָט איר אַ פרישן ראַדיאָ־פּראָגראַם, מ'איז אייך מכבד מיט שובערטס ראָמאַנטישע מוזיק, און באַלד דערהערט זיך דער באַרימטער אַנאָנס:

— די בעסטע אונטערוועש, העמדער און גאַטקעס, שקאַרפּעטקעס מיט באָז־טיכלעך...

פון אַ צווייטן ראַדיאָ־פּראָגראַם, הערט איר שפּילן מאָצאַרטס אַ זיסן, ריטמישן מינועט, אָבער אין מיטן הערט איר אַנאָנסירן:

— פעטע שמאַלץ־הערינג, פרישע ציבעלעס, לאַקס, זויערע אוגערקעס קריגט איר נאָר אין געשעפטן פון — און מ'פאַרענדיקט ווידער מיט מאָצאַרטן.

פון אַ דריטער ראַדיאָ סטאַנציע, הערט מען זינגען אַ שיינע ליטורגישע

תפילה פון אַ באַרימטן חזן. די האַרציקע ניגונים דערוואַרימען דאָס האַרץ און דערוועקן טיפע געפילן. נאָר באַלד דערהערן זיך, די שנעלע איינגעחזרטע געציילטע ווערטער פון אַנאָנסירער:

— פריש קעלבערנס, לונג און לעבער, אַ גראַטשיצע, כשרן וואורשט, געבראָטענע צונג, געדרויכערטע פעטע ברוסט, קישקעלעך און סאָסיסקעס קריגט איר צו קויפן, נאָר אין דער באַרימטער יאַטקע פון — — — און דער חזן פאַרענדיקט מיט אַ הויכן אויסגעצויגענעם שמע ישראל, אוי, אוי, אוי, א א אח ח ח ד ד ד !...

איר דאַרפט דרייען דעם ראַדיאָ־וויזער, ווי אַ געניטער אינזשיניער, כדי פּטור צו ווערן פון דעם מבול נודנע אַנאָנסן, וואָס קריכן אייך נישט אין דער לינקער פאה...

אין שטוב ביי מיר זיינען שוין, ברוך השם, דאָ אַכט ראַדיאָס: אין עס־צימער אַ ראַדיאָ, אין סאַלע — אַ ראַדיאָ, אין שלאָפצימער — אַ ראַדיאָ, לעבן בעט, אין ביבליאָטעק צימער — אַ ראַדיאָ, אין „האָל" — אַ ראַדיאָ. דאָס טעכטערל מיינס, האָט ביי זיך אין צימער אַ ראַדיאָ. ווען מיין אינגל איז געוואָרן בר־מצוה, האָט מען אים געשאָנקען צוויי קליינע ראַדיאָס.

זונטיק זעץ איך זיך אָפּרוען אַ ביסל, לייענען אַ בוך, אַ זשורנאַל, ווערט מיטאַמאָל אַ שפּילעריי, אַ זינגעריי, אַ געשרייעריי פון עטלעכע ראַדיאָס מיט אַמאָל:

די פרוי מיינע מאַכט זיך שיין ביים שפּיגל, שמירט זיך, פּודערט זיך, „פּיקסט" זיך צו אַ ביסל, שפּילט ביי איר דערוויל די ראַדיאָ.

די טאָכטער מיינע טאַנצט מיט אַ חברטע אין דער סאַלע און די ראַדיאָ שפּילט, דער בר־מצוה בחור מיינער, האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט זיין קלענערן ברודער ביי ביידע ראַדיאָס און הערן זיך צו, ווי מ'שפּילט בעיז־באָל... די ראַדיאָס שרייען און זיי שרייען נאָך העכער, וואַרפן מיט די הענט־לעך אויף אַלע זייטן און שרייען: ראַפּידאָ! קאָרע, קאָרע! האָם־ראַון, קאָרע, קאָרע! אָ, אָ, אָ!

באַלד ווערן ביי אַלע שכנים מיינע אָנגעשטעלט די ראַדיאָס. פון אַלע פענסטער הערן זיך אַרויס די ראַדיאָ קולות, אַ משונה, מאָדנע געפילדעריי פון שפּילן, אַנאָנסן, זינגען, אַלץ צוזאַמענגעמישט אינאיינעם.

זע איך דאָך, אַז כ'וועל שוין היינט נישט קאָנען לייענען, נעם איך און שטעל אויך אָן מיין ראַדיאָ, וואו מען שפּילט איצט בעטהאָווענס פינפטע סימ־פאָניע. אַז שפּילן, זאָל שוין זיין געשפּילט...

דערהערט זיך אָבער פון מיינע שכנימס אויפגעפראַלטע פענסטער, אַ קלאַפּעריי, אַ בריאַזגעריי פון אַ טומלדיקן דזשאַס־אָרקעסטער, וואָס פאַר־טויבט, פאַרהילעכט מיין באַשיידענע' שטילע ראַדיאָ...

ביי איין שכן איז גאָר זיין ראַדיאָ קאַליע געוואָרן, הויבט זי מיט אַמאָל

אָן צו שיסן, ווי מיט מאַשין־ביקסן: טור־טור טוררר, טיק־טיק, קירררר, זיזזזז באַח, באָם, זיזזז טאָם, רררר־באָם!

ביי אַ צווייטן שכן איז די ראַדיאָ געוואָרן הייזעריק, גענמט ער זי צע־רעכטמאַכן, הויבט זי גאָר אָן צו שרייען מיט ווילדע, הייזעריקע קולות, פונקט ווי מ׳קוילעט חזרים, כאַרכלט און סקריפּעט און קוויטשעט.

ווער איך שוין גוט בייז און פאַרמאַך מיינע פענסטער. לייענען קאָן איך נישט, שפּילן קאָן איך נישט, זעץ איך זיך אַוועק און נעם טראַכטן, קלערן, כ׳זוך אַן עצה, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון דעם שרעקלעכן ראַדיאָ אומגליק...

דערהערן זיך פּלוצים גוואַלדיקע געשרייען, אַ שפּילעריי, מ׳פּויקט, מען טרומייטערט, ווי ביי די ווענט פון יריחו... מ׳קאָן אַזש טויב ווערן, און אַ טויבער קאָן אַנהויבן הערן...

דאָס האָט זיך צערעוועט, ווי אַ ווילדע חיה די פאַרגרעסערטע ראַדיאָ מיט אַ ריזיקן מעגאַפאָן, וואָס הילכט און שרייט אַרויס פון אַ ביר־סאַלאָן אויף דער אַנדערער זייט גאַס. עס קנאַקט, ס׳טרומייטערט, ס׳פּויקט און עס זעצט, ווי ס׳וואָלטן געשפּילט צען מיליטערישע אָרקעסטערס...

שלעכט! ס׳איז פינסטער און ביטער, אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק! כ׳מוז אנטלויפן אויף עטלעכע שעה פון דער היים, פון דעם שרעקלעכן טומל און געפילדער. אַז נישט וועט נאָך חלילה, דער קאָפּ צעזעצט און צעשפּרונגען ווערן.

וואו לויפט מען, האַ? אַדרבה, וואו לויפט מען?

אין טשאַפּולטעפּעק? יאָ, אין טשאַפּולטעפּעק איז איצט שטיל און רו־איק. מענטשן שפּאַצירן אַרום אין גרויסן פּאַרק, ליגן אויפן שמעקנדיקן, גרינעם גראָז.

לויף איך גיך אַוועק אין טשאַפּולטעפּעק, אבי פּטור ווערן פון די טו־מעלדיקע זונטיק־ראַדיאָס.

כ׳זעץ זיך אויף אַ באַנק, עפן דאָס בוך און נעם געשמאַק לייענען — —

אַהאַ, דאַכט זיך אַ ראַדיאָ? יאָ, כ׳זאָל אַזוי לעבן, אַ ראַדיאָ, ס׳שפּילט אַ ראַדיאָ!...

פון די אויסגעפּוצטע קאַטשעס, וואָס גליטשן זיך אַזוי פּאַמעלעך, גע־מיטלעך אויפן גלאַנציקן אַספאַלט, הערן זיך אַרויס די אויטאָ־ראַדיאָס. שוין ווידער ראַדיאָס!

פון די קיאָסקן, וואו מ׳פאַרקויפט וואַסער, אייזקרעם, סענדוויטשעס, דערטראָגן זיך צו מיר די גרילצנדיקע ראַדיאָ קולות, וואָס אַמאָל העכער און העכער...

שלעכט, ווידער שלעכט, ווידער ראַדיאָס!

וואָס טוט מען? אַנטלויפן, יאָ אַנטלויפן! לויפן ווייטער, ווייטער, הינטער

דער שטאָט, ווייט אַוועק, אויפן פרייען פעלד. אויס ציוויליזאַציע, אויס טומל, אויס ראַדיאָס! אַ מחיה!

ליג איך מיר אַזוי אויפן פרייען פעלד, ווי מ׳זאָגט, אויפן שויס פון דער נאַטור. אַ, אַ מחיה, אַ פאַרגעניגן: שטיל, רואיק, פרישע, שמעקנדיקע ריחות פון פעלד־בלומען.

כ׳נעם זיך נאָכאַמאָל צום בוך, פאַרטיף זיך אין לייענען — — — מיט־אַמאָל, ששש, שאַ! דאַכט זיך, אַז איך הער עפּעס שפּילן? ניין, ניין, ס׳קאָן נישט זיין! דאָ, אויפן פרייען פעלד אַ ראַד — —? ניין, ניין! אָבער יאָ, יאָ, כ׳הער וואָס אַמאָל העכער און העכער — אַ ראַדדדיאָ!

כ׳דריי זיך אויס פּאַוואָלינקע און דערזע נישט ווייט פון מיר אונטער אַ בוים, זיצן עטלעכע מענטשן, און לעבן זיי שטייט עפּעס אַ גרויס פּירקאַנטיק קעסטעלע — אַ ראַדיאָ!

אַ ראַדיאָ אויף באַטעריעס, אָן דראָטן און ס׳שפּילט. ס׳שפּילט שוין ווי־דער, ס׳שרייט שוין ווידער, ס׳ליאַרעמט שוין ווידער!

וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? שלעכט, שוין ווידער שלעכט! אַזאַ אומ־גליק, אַזאַ צרה, ראַדיאָס!

כ׳שפּרינג ראַפּטום אויף און לאָז זיך לויפן מיטן בוך אין האַנט. וואוהין לויפט מען? וואו באַהאַלט מען זיך אויס פון די ראַדיאָס?

ניין, נישטאָ קיין אָרט מער וואו זיך צו באַהאַלטן פון די ראַדיאָס, נישטאָ, נישטאָ!

וואו מ׳גייט, וואו מ׳שטייט הערט מען די ראַדיאָס: אין שטוב ראַדיאָס אין גאַס — ראַדיאָס, אין די קאָטשעס — ראַדיאָס, אין גאָרטן — ראַדיאָס, אין רעסטאָראַן — ראַדיאָס, און אויפן פרייען פעלד — אויך ראַדיאָס!

ווער האָט זיך דאָס געקאָנט רעכטן, אַז פון אַזאַ טייערע, נוצלעכע דער־פינדונג, וועט אַרויסקומען אַזאַ אָנשיקעניש, אַזאַ אומגליק, אַזאַ צרה, אַזאַ פּורעניות:

הימל און ערד און ראַדיאָס!
די ראַדיאָ איז אונז גוט אַריין אין די ביינער.
אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, די ראַדיאָס!
אוי, די ראַדיאָס! די ראַדיאָס!

לאָמיר ווערן אַרבעטער

די בעסטע און גרינגסטע זאַך איז היינט צו זיין אַן אַרבעטער.
עפּעס אַ קליינינקייט היינטיקע צייטן אַן אַרבעטער!

איר ווערט באַלד אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער אַרבעטער־משפּחה, איר שליסט זיך אַן אינם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

אַמאָל האָט מען זיך ביי אַ סך אידן באַרימט: — אין אונזער משפּחה איז נישטאָ קיין בעל־מלאכה... (אַ סך אידישע סאָציאַליסטן ווילן נאָך איצטער אויך נישט מאַכן זייערע קינדער פאַר בעלי־מלאכות...).

היינט איז אַ בעל־מלאכה אַזאַ יחסן ווי דער שיינער־איד, ווי דער גרויסער געלט־אַריסטאָקראַט; און ווי דער פאַרצערטלטער, איידעלער אינטעליגענט...

ס'איז היינט אַ כבוד צו זיין אַ האַרעפּאַשניק און — מ'קען טאַקע אַלס אַרבעטער היינט מאַכן אַ גאַנץ פיין, נישקשהדיק לעבן...

אַמאָל איז טאַקע דער אַרבעטער, דער בעל־מלאכה, דער האַרעפּאַשניק געוואָרן אויסגעריסן, געאַרבעט פערצן שעה אַ טאָג, אָדער ביז ס'איז אויסגעגאַנגען דער נאַפט אין לאָמפּ... און האָט פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע, קוים דעם טאָג איבערצולעבן.

זעליק דער שניידער־געזעל אין א. רייזענס דערציילונג „דער קראַנקער פינגער"), האָט געאַרבעט פאַר פופציק רובל אַ יאָר מיט קעסט, ס'הייסט פאַר אַ רובל אַ וואָך מיט עסן...

אַז ס'האָט אים אָנגעצויגן אַ פינגער און ער האָט נישט געקאָנט נייען, האָט ער זיך געשעמט צו גיין צום טיש עסן דעם קרופּניק מיט די קאַרטאָפליעס מיט אוגערקעס. ער האָט מורא געהאַט דער באַלעבאָס זאָל נישט זאָגן, אַז ער מאַכט זיך אַ יום־טוב אין דער וואָכן, אַז ער איז אַן אומזיסטער פרעסער...

היינט איז אַ שניידער־אַרבעטער אַ גאַנצער מיוחס, שניידעריי איז פון די בעסט־באַצאָלטע מלאכות.

אַמאָל האָבן די אַרבעטער געציטערט, מורא געהאַט, דער באַלעבאָס זאָל אויף זיי נישט ווערן אין כעס און זיי אָפּזאָגן פון דער אַרבעט.

היינט ציטערט און פלאַטערט נעבעך — דער באַלעבאָס, אַז זיינע אַר־

בעטער זאָלן נישט אויף אים אין כעס ווערן און איבערלאָזן זיין פאַבריק און אַרויס אין — שטרייק...

אין די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער האָבן היינט די אַרבעטער דעם גרעסטן כוח.

ס'ציטערן פאַר זיי די גרעסטע אינדוסטריע־קאַפּיטאַנען, ס'האָבן פאַר זיי מורא די שטאַרקסטע רעגירונגען, מ'חנפעט זיך צו די אַרבעטער, מען זאָגט זיי צו דאָס טעלערל פון הימל, אַבי זיי זאָלן נישט שטרייקן...

אין סאָוועט־רוסלאַנד איז שוין לאַנג איינגעפירט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור.

אפילו אין דער רייכער דאָלאַרדיקער אַמעריקע, האָבן די אַרבעטער געוואָגט אויפצושטיין קעגן זייערע באַלעבאַטים מיט — אַ זיץ־שטרייק...

זיי זיינען אַזוי לאַנג געזעסן אין די פאַבריקן — ביז זיי זיינען אויפגעשטאַנען און געוואונען דעם שטרייק.

נו, איז אַצינד נישט גוט און וואויל צו זיין אַן אַרבעטער, אַ פּראָלעטאַריער?

ס'איז אַ סברא, אַז די אַרבעטער וועלן אַזוי לאַנג שטרייקן — ביז די באַלעבאַטים וועלן זיך ביי זיי בעטן רחמים: — דערבאַרמט זיך, נעמט ביי אונז צו די פאַבריקן און שטרייקט ביי זיך אַליין...

ביי אונז אין מעקסיקע האָבן מיר נאָך נישט קיין פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור און נישט קיין זיץ־שטרייקן.

ביי אונז מעגן די שטרייקנדיקע אַרבעטער אויך זיצן — נאָר אין דרויסן, לעבן דער פאַבריק, וואָס ווערט באַלד דעקאָרירט מיט אַ גרויסער רויט־שוואַרצער פאָן, אַ סימן אַז דאָ שטרייקט מען...

אָבער נישקשה, דערפאַר האָבן מיר דאָ די ערשטע איינגעפירט אַן עקספּראָפּריאַציע־געזעץ.

מעקסיקע האָט געגעבן דער דעמאָקראַטישער וועלט אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מ'קען מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע דורך געזעצן, אָן בלוט פאַרגיסונג...

אַצינד האָבן די מעקסיקאַנער פּעטראָלעאום־אַרבעטער געגעבן אַ ביישפּיל די אונטערדריקטע אַרבעטער־מאַסן, די נויטליידנדע האַרעפּאַשניקעס פון דער גאַנצער וועלט, אַ מ'דאַרף אין דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אויך לעבן ווי מענטשן...

נישקשה, די וועלט איז אויך אַ וועלט, נאָך פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע...

די מעקסיקאַנער פּעטראָלעאום־אַרבעטער זיינען אַרויס אין שטרייק, זיי פאָדערן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי — אַכציק פּעזעס אַ טאָג פאַר זיבן שעה אַרבעט...

אָט דאָס הייסט באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, אָט דאָס הייסט רעוואָלוציאָנערער מוט און קוראַזש!

אן אַרבעטער דאַרף האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרדינען ביז — אַכ־ציק פעזעס אַ טאָג...

די אַרבעטער אין די פאַרייניקטע שטאַטן, די בעסט־באַצאָלטע אַר־בעטער, האָבן אַפילו אין חלום זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַן אַרבעטער זאָל פאַרדינען אַכציק פעזעס אַ טאָג!

אַן איינפאַל פון מעקסיקאַנער אַרבעטער, אַכציק פעזעס אַ טאָג!

ווען האָט אַ פראָלעטאַריער געהאַט אַן השגה צו פאָדערן אַכציק פעזעס אַ טאָג?

אַכציק פעזעס איז אַ היפשע סומע געלט. מיט אַכציק פעזעס אַ טאָג קען מען ווי ס'איז אַדורכקומען מיט פרנסה...

מיט אַכציק פעזעס, קען מען זיך פאַרגינען צו עסן אַ לייטישע ווע־טשערע מיט אַ קאָניאַק פאַר די פיש, אין מיטן די פיש און נאָך די פיש...

מיט אַכציק פעזעס אַ טאָג, קען אַ האַרעפּאַשניק גיין אָנגעטאָן אַ ליי־טישן אנצוג לויט דער לעצטער מאָדע, מיט אַ פּאָר לאַקירטע שיך. רויכערן אַ גוטן האַוואַנער ציגאַר, האָבן אַן אויטאָ און טאַקע הנאה האָבן פון קאַפּי־טאַליסטישן וועלטל...

איך קען בשום אופן נישט משיג זיין, ווי אַזוי מ'קען פטרן אַכציק פעזעס אַ טאָג...

אַכציק פעזעס אַ טאָג, האָבן מיר אַ קימאַ־לן פון עלף פעזעס אַ שעה. איך, למשל, וואָלט מער נישט געאַרבעט ווי איין שעה אַ טאָג... (פון צוועלף ביז איינס כדי צו קריגן אַפּעטיט צום מיטאָג...), דערנאָך וואָלט איך שפּאַ־צירט אין פּאַרק, געכאַפּט פיש און געלייענט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען...

ווען די פּעטראָלעאום־אַרבעטער זאָלן טאַקע פאַרדינען אַכציק פעזעס אַ טאָג, וואָלט באַלד געוואָרן אַ געלאַף צו די פּעטראָלעאום־קוואַלן.

אַ סך פאַבריקאַנטן און סוחרים וואָלטן פאַרמאַכט זייערע פאַבריקן און געשעפטן און גלייכער געוואָרן פּעטראָלעאום־אַרבעטער...

דאָקטוירים, דענטיסטן, פּראָפעסאָרן, לערער, שרייבער און פּאָעטן, וואָלטן געוואָרן פּעטראָלעאום־אַרבעטער...

אויך מיר אַ קונץ צו זיין אַ פּעטראָלעאום־אַרבעטער!

אַ גרויסע חכמה צו צאַפּן אויל און גאַזאָלין פון דער ערד!

ס'איז אַ סך שווערער צו האַלטן אַ נאָדל־פאָדים אין האַנט, אָדער צו האַנדלען מיט אַלטוואַרג, ווי צו זיין אַ פּעטראָלעאום־אַרבעטער...

די היגע אידישע סאָציאַליסטישע פאַבריקאַנטן און קאָמוניסטישע סוח־רים, וואָלטן צוריק (צוליב די אומשטענדן) געוואָרן אַרבעטער... (זיי זיי־נען צוליב די אומשטענדן, נעבעך, געוואָרן עקספּלואַטאַטאָרס...). אַצינד וואָלטן זיי פאַרדינט אַכציק פעזעס אַ טאָג און געוואָרן אמתע פּראָלעטאַריער...

ווען די פּעטראָלעאום־אַרבעטער זאָלן טאַקע פאַרדינען אַזאַ שלל מיט

געלט, וואָלט באַלד אויסגעבראָכן אַ מבול פון שטרייקן איבערן גאַנצן לאַנד, איבער דער גאָרער וועלט.

נישקשה, אויף גוטע זאַכן זיינען דאָ אַ סך מבינים...

פאַרוואָס זאָל טאַקע יעדער האַרעפּאַשניק נישט פאַרדינען אַכציק פּעזעס אַ טאָג...

מיט וואָס, למשל, איז אַ זעצער ערגער פון אַ פּעטראָלעאום־אַרבעטער?

פאַרוואָס זאָל אַ זעצער נישט פאַרדינען אַכציק פּעזעס אַ טאָג!

אַ זעצער דאַרף אַרבעטן ביי דער זעץ־מאַשין, אַכטונג געבן דער בליי זאָל זיין הייס, און דאַרף נאָך דערצו קענען לייענען די אויסטערלישע כתב־ידן פון אידישע שרייבער...

און פאַרוואָס זאָלן טאַקע די לערער נישט פאַרדינען צו אַכציק פּעזעס אַ טאָג?

לערעריי איז דען גרינגער, ווי צו צאַפּן גאַזאָלין פון דער ערד?...

אַז אַלע אַרבעטער וועלן פאַרדינען צו אַכציק פּעזעס אַ טאָג, וועלן זיי באַלד אויפהערן צו בענקען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע...

צו וואָס וועלן די אַרבעטער דאַרפן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, אַז זיי קענען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אויך מאַכן אַ פיין לעבן — פאַר אַכציק אַ פּעזעס אַ טאָג...

ס'וועט באַלד געשאַפן ווערן אַ נייע לאָזונג:

— פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, אַכציק פּעזעס אַ טאָג!!!

לאָמיר אַלע ווערן אַרבעטער!

געפרוירן געלט

איר האָט שוין אַמאָל געהערט פון געפרוירן געלט?

ווי אַזוי קאָן געלט געפרוירן ווערן?

ווי אַזוי קאָנען די מעטאַלענע מטבעות פון גאָלד, זילבער, קופער און ניקל געפרוירן ווערן?

און אַפילו דאָס פּאַפּיר־געלט, קאָן צוריסן ווערן, אָבער נישט פאַר־פרוירן ווערן.

איצט האָבן מיר שוין אויך — געפרוירן געלט!

ס'הייסט, דאָס געלט איז ווייטער געלט, נאָר עס ווערט ראַפּטום גע־פרוירן, אייז־קאַלט, ווי אין אַ גרויסן ברענענדיקן פראָסט. מ'קאָן אַזש דאָס געלט נישט נעמען אין דער האַנט אַריין...

ס'הייסט, נעמען קאָן מען דאָס געפרוירענע געלט, אפשר יאָ, נאָר — מ'גיט נישט!

מען וויל נישט אַרויסגעבן דאָס געלט די שונאים פון לאַנד... כדי זיי זאָלן זיך ניט צופיל דערמיט צעהיצן און ברענען אַ וועלט... מיט זייער געלט.

און כדי די נאַצי־פאַשיסטן זאָלן נישט קאָנען מער אונטערצינדן די וועלט און אָנמאַכן נאָך גרעסערע שריפות, מאַכט מען זייער געלט געפרוירן, ווי אייז, ווי פאַרגליווערטע פיש־יויך, ווי די קאַלטע פיס פון אַ פאַרזעסן מיידל אָדער פון אַן אַלטן בחור...

אַמאָל איז געווען בלויז געפרוירנס, אייזקרעם, ליאַדעס, מאַראָזשאַנע, „העלאַדאָס". איצט האָבן מיר שוין אויך געפרוירן געלט.

אַמאָל האָט מען געזאָגט: פאַרדינט געלט, קישקע־געלט, פאַרלוירן געלט, געוואונען געלט, פאַרפאַלן געלט, פאַרשפּילט געלט, קאַרטן־געלט, רבי־געלט, ירושה־געלט, נדן־געלט און לא יחרץ געלט... איצט איז ביי אונז צוגעקומען אַ ניי געלט:

— געפרוירן געלט!

דאָס געלט ליגט זיך פאַרמאַכט און פאַרהאַקט אויף זיבן שלעסער אין דער באַנק, ווי אין אַן אייז־קאַסטן און פרירט, נעבעך, ווי דער שניי אויפן „פּאָפּאָ" באַרג. דער מענטש האָט צום געלט מער קיין שליטה נישט. ער קאָן דאָס נישט דערוואַרעמען...

פאַראַן אויך געפרוירענע מענטשן, וואָס אויפן קוק זען זיי אויס, ווי

גאַנץ געוויינטלעכע בשר ודמס, וואָס עסן, טרינקען און — לעבן. נאָר זיי פאַרמאָגן פאַרגליווערטע נשמות, אין זייערע אָדערן פליסט קאַלט, בלאַס בלוט פון פיש, און אין האַרץ טראָגן זיי אַ קליין אייז־קעסטל...

אַזעלכע געפרוירענע מענטשן, זיינען אַ סך ערגער, ווי געפרוירן געלט. געפרוירן געלט קאָן מען נאָך צוריק אויספרירן, אָנוואַרעמען. די געפרוירענע נשמות אָבער, זיינען נעבעך, פאַרפאַלן לעולם ועד. מען קאָן זיי שוין קיינמאָל ניט דערוואַרעמען; צעהיצן, באַגייסטערן, אָנצינדן, צעפלאַקערן מיט מענטשלעכע ווערטער, מיט גרויסע אידייען, קונסט, שיינקייט, און מיטן געבנוס פון גרויסע קונסט־ווערק פון מענטשלעכן שאַפן...

אַזאַ קאַלטער, אויסגערעכנטער, געפרוירענער מענטש, איז געגליכן צו אַ קאַלטן „מתנגד", וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט ש"ס ופוסקים, מיט הלכות און האַר־שפּאַלטנדיקע פּשטלעך; ער איז אָבער טרוקן ווי אַ פאַראַיאָריקער לולב, אויסגעדאַרט און פאַסנע, ווי אַ געריידלטע מצה, אָן טעם און אָן אַ ריח, ווי אַ רויע קאַרטאָפל.

ער בלייבט, נעבעך, קאַלט צום קאָכעדיקן לעבן, צו מוזיק, צו די פייערדיקע פּאָעמעס, צו די לירישע, סענטימענטאַלע, האַרציקע געזאַנגען פון די גרויסע פּאָעטן און קינסטלער פון אַלע צייטן.

מיט געפרוירן געלט און מיט געפרוירענע מענטשן האָט נאָך קיינער גאָרנישט געשאַפן...

פאַראַן געפרוירענע באַשעפענישן, קאַלטע ברואים, וואָס באַגייסטערן זיך נישט פאַר קיין שום זאַך, נאָר ווען זיי הערן דעם קלאַנג פון דער מטבע..., ווען זיי דערזען דעם „עגל" הזהב, אַ פעטן טשעק און קנאַקנדיקע אַסיגנאַציעס מיט פיר ציפערן... דעמאָלט לויכטן ביי זיי אויף די אויגן, פּונקט ווי זיי וואָלטן דערהערט שפּילן אַ סימפאָניע, אָדער דערזען אַ שיינע זון־אונטערגאַנג, אָדער אַ שיין קונסט־ווערק. פאַר אַלע אַנדערע זאַכן, אַ חוץ געלט, זיינען זיי נעבעך, טויב און בלינד...

פאַראַן קאַלטע מענטשן, וואָס טראָגן מיט זיך אַרום שווערע, געפרוירענע בייטלען. די בייטלען זיינען אָנגעשטאָפּט מיט געלט, נאָר דאָס געלט זייערס, איז, לא עלינו, געפרוירן, אַרומגענומען מיט אַ דיקן שיכט אייז. זיי האָבן נעבעך צו זייער אייגן געלט קיין שום שליטה נישט, זיי קאָנען זיך צום געלט נישט צורירן.

אַזעלכע געפרוירענע שטיקער אייז אויף צוויי פיס, קאָנען נעבעך, פון זייער געלט קיין הנאה נישט האָבן, און אַנדערע — אוודאי און אוודאי נישט...

זיי קויפן די ביליקסטע מאכלים צום עסן, קליידן זיך אין די געמיינסטע סחורות. זיי פאַרגינען זיך נישט דעם פאַרגעניגן פון לעבן, נישט חלילה דערפאַר, וואָס בעסערע, געשמאַקערע, שענערע זאַכן קאָסטן טייער, ביין!

נאָר צוליב איין זאַך: ווייל עס קאָסט געלט! און דאָס געלט זייערס, איז נעבעך געפּרווירן...

ווען זיי רירן זיך צו צום געלט, קריגן זיי קאַלטע פינגער, און דאָס פאַרגליווערטע האַרץ מאַכט אָן אַ פראָסט אין זייערע מוחות, און זיי קאָנען נישט אויפטייען, דערוואַרעמען זייער געפּרווירן געלט...

ס'איז דאָ קאַלטע מענטשן, פאַרפרווירענע נשמות, וואָס נעמען זיך ווייניק וואָס צום האַרץ מענטשלעכע צרות און ליידן. איר וועט ביי זיי קיינמאָל נישט אַרויסרופן קיין רחמנות, קיין מיטלייד, קיין פייכט אויג אָדער אַ מענטשלעכע טרער.

אַזעלכע קאַלטע נשמות, וועלן אויסהערן גאַנץ רואיק, ווען מען רעדט צו זיי וועגן די יסורים, וועגן דער נויט, וואָס מיליאָנען אידן ליידן איצט. זיי הערן אייך אויס מיט אַ קאַלטן, פאַרגליווערטן שמייכל אויף די פאַר־פרווירענע ליפּן, און זיי ציטערן, האָבן מורא זיך צונעמען צום טשעק־ביכל אָדער צום געלט־זאַק.

קאַלטע מענטשן, פאַרגליווערטע הערצער מיט געפּרווירן געלט!

אַזאַ געפּרווירענעם מענטש, נעמט אפילו נישט קיין האַרמאַט... ס'מעג דונערן און בליצן, ס'מעג אַרום אים שטורמען און ברענען, אים אַרט דאָס גאַנץ קנאַפּ.

ער זיצט זיך גאַנץ רואיק מיט ביידע הענט אַרום דער פולער שיסל און רייבט די סעודה. ער קוקט מיט אויפגעריסענע זשעדנע אויגן, און ציטערט עס זאָל חלילה פון דער שיסל געקעכץ, נישט געמינערט ווערן קיין טראָפּן — פאַר אַנדערע...

פאַראַן קאַלטע מענער, וואָס די פרויען האָבן פון זיי אויסצושטיין קאַלט און הייס...

אַזאַ אָפּגעקילטער מאַן, איז בטבע נישט קיין שלעכטער, נאָר פון זיין גוטסקייט, קאָן פּלאַצן די גאַל...

אַזאַ מין קאַלטער לונג און לעבער, בייזערט זיך נישט, קריגט זיך קיינמאָל נישט מיטן ווייב, איז מיט איר אַלעמאָל מרוצה, תמיד איז ער מיט איר איינשטימיק. ער זיצט ביים טיש, ווי אַ קאַלטער, פאַרקלערטער „בודא", און רעדט נישט קיין סך, אַ רענדל — אַ וואָרט!

עס אינטערעסירט אים נישט, מיט וואָס פאַראַ קאַליר מאַניקור זיין ווייב האָט זיך אויסגעפּוצט די נעגל, וואָס פאַראַ פּערמאַנענטע זי גייט פאַר־קעמט, צי זי גייט אין אַמעריקאַנער קליידער, אָדער זי גייט פאַרשמאַדערט אין אַלטן שלומפּער, צי זי גייט אין זיידענע זאָקן אָדער אין באַוולנע, צי זי בייט דאָס מעבל אָדער נישט.

אַזאַ קאַלטן מחותן, אינטערעסירט אַפילו נישט, וועלכע קאַוואַליערן אוכאַזשעווען זיין ווייבל, און וואָס פאַר אַ שיינע און זיסע קאָמפּלימענטן זיי מאַכן זיין קראַסאַוויצע...

אַזאַ געפרוירענער מאַן, איז גאַרנישט קיין וואַזשנע מציאה פּאַר אַ יונג, קאַכעדיק ווייבל, וואָס וויל דווקא ברענען אַ וועלט. פון אַזאַ קאַלטן באַרשטש, איז זייער שווער זיך אָנצוואַרעמען.

מיט אַזאַ פלאַכט אייז, איז פּאַר אַ פרוי שווער אָפּצופינסטערן אירע יונגע יאָרן. אַזאַ קאַלטער גוט־שבת, איז אַ סך ערגער, ווי אַ גרויער מיידלשער צאָפּ...

ס'איז אָבער אויך דאָ געפרוירענע פרויען, אייז־קאַלטע אויסגעסטראָ־צעלטע ליאַלקעס, פון וועלכע ס'יאָגט אַ פּראַסטיק ווינטל...

אַזאַ שיינע, קאַלטע פּרינצעסין, האָט נאָך מיידלוויז געטריבן פון זיך די בחורים. די יונגעלייט האָבן געציטערט (נישט פון קעלט), פאַר איר קאַלטן שטאָלצן בליק, מיט אַ שטייפער, געפרוירענער מינע, וואָס זאָגט שטרענג: קוקט מיך אָן, אָבער רירט מיך נישט אָן!...

איז געשען אַ נס, ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ וואַרעם ווינטל, און זי האָט אַרויסגעזאָגט אַ קאַלטן „יאָ" צו אַ הייסן גליקלעכן בחור... און ביז איצט שרייט דער מאַן, אַז ס'איז אים קאַלט אין דער היים, ער ווערט פשוט געפרוירן... און ער לויפט, נעבעך, אַרום, זיך אָנוואַרעמען ביי פרעמדע אויוונס...

ביי אַזאַ געפרוירענער דאַמע שפּיגלט אַלץ אין שטוב. די סאַלע איז אויסגעפּוצט, ווי אויף אַן אויסשטעלונג, אַלץ שטייט אויפן אָרט. נאָר דער מאַן טאָר זיך נישט זעצן אויף אַ געבעטער שטול, ער קאָן זי נאָך חלילה צעקנייטשן...

צום פאַרבעטן בעט, טאָר ער זיך בייטאָג נישט דערוועגן צו צערירן, ער קאָן נאָך, חלילה, צעקנייטשן די אויסגעפּרעסטע קישנס... אין דער סאַלע מעג ער אַריינגיין, נאָר ווען עס קומען געסט, מע זאָל דעם טעפּיך צופיל נישט צעטרעטן...

דאָ גיי נישט, און דאָ שטיי נישט!

און אַזוי ווי די קאַלטע באַלעבאָסטע נעמט אויף נאָך קעלטער אירע געסט, מוז דער מאַן גיין מיט זיינע פריינט אין אַ קאַפע טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס... אין אַלע צימערן איז דעריבער תמיד צוגערוימט, שטיל, רואיק. פון די ווינקלען ווייעט אַרויס אַ קעלט, אַן אמתער פראָסט. און די קאַלטע מחותנסטע זיצט זיך רואיק, מיט פאַרלייגטע הענט אויפן בוזעם, ווי אַ געפרוירענע מאַדאָנע...

און ביינאַכט מוז, נעבעך, דער מאַן אַריינלייגן צופוסנס פון בעט אַ גומענעם בייטל מיט קאָכעדיק וואַסער, ער זאָל חלילה זיך נישט פאַרקילן פון זיין ווייבס קאַלטע פיס...

פון אַזאַ קאַלטער מאַדאַם, קאָן שוין דער הייסער מאַן קיין האָניק נישט לעקן...

פון אַזאַ געפּרווירענער פּריצטע, קאָן דער שטאַרקסטער מאַן קראַנק ווערן אויף קדחת, און ציטערן פון קעלט אין סאַמע הייסן חודש תמוז...

געפּרווירן געלט מיט געפּרווירענע מענטשן.

פון ביידע קאָן מען קיין סך נישט דערוואַרטן. פון געפּרווירן געלט קאָן מען איצט קיין שום נוצן נישט האָבן. פון געפּרווירענע מענטשן, האָט מען קיינמאָל קיין נוצן נישט געהאַט.

פון געפּרווירענע מענטשן, קאָן מען כאַפּן אַ גייסטיקע פּאַרקילונג און אַליין ווערן לעבלעך, פּאַרעווע, צעקראָכן, פלעגמאַטיש, גלייכגילטיק, מהיכא־תיתידיק און אַפּאַטיש צום לעבעדיקן לעבן...

היט זיך פאַר געפּרווירן געלט!

אָבער נאָך מער דאַרף מען זיך היטן פאַר קאַלטע הערצער, פאַרגליווערטע נשמות און געפּרווירענע מענטשן!...

געזעצן

געזעצן, זיינען באַלד באַשאַפן געוואָרן מען זאָל אויף זיי עובר זיין, נישט האַלטן פון די געשאַפענע געזעצן... אָדער אויפן בעסטן פאַל, אַרומגיין אַרום געזעץ, אַז ס׳זאָל הייסן אַז איר זענט מקיים דאָס געזעץ און איר טוט וואָס אייער האַרץ גלוסט, ווי אייך געפעלט.

זאָל איינער עובר זיין אויפן שטאַרקסטן, האַרבסטן געזעץ, אַ געזעץ וואָס איז אַרומגעצוימט מיט שטעכיקער דראָט, אַז קיינער זאָל דורכן געזעץ נישט קאָנען אַדורכקריכן. זאָל אַזאַ פאַרברעכער איבערגעבן זיין „משפט" צו אַ כיטרן, פיפיקן אַדוואָקאַט, וועט ער ריין־געוואַשן ווערן ווי אַ ווייסע טויב, און דערקלערט ווערן אומשולדיק ווי אַ מלאך...

ווייזט מיר כאָטש איין מאַן וואָס היט אָפּ די געזעצן קעגן ביגאַמיע... וועל איך אים, אָדער אַריינשטעלן אין אַ מוזעאום, אַלס דער גרעסטער וואונדער — אָדער דער גרעסטער שוטה פון היינטיקן יאָרהונדערט... איך וואָלט פון אים געמאַכט אַן אויסשטעלונג און פאַרדינט מיט אים אַן אוצר מיט געלט...

אָט, למשל, נעמט די געזעצן וואָס פאַרבאָטן צו מאַכן רעוואָלוציעס. ווען מיר זאָלן טאַקע אין אמתן אָפּהיטן די געזעצן קעגן רעוואָלוציעס, וואָלטן מיר נאָך ביז איצט נישט געגעסן מיט קיין גאָפּל־מעסער, און נישט געפלויגן מיט שטאָלענע עראָפּלאַנען. מיר וואָלטן נאָך אַלע געגאַנגען אין כפול־שמונהדיקע ציצית, און מורא געהאַט איבערצוברעכן אַ שטרוי אין שבת...

די אַכט מיליאָן דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטן האָבן געוואַרט, אַז דאָס געזעץ זאָל זיי דערלויבן צו מאַכן אַ רויטע רעוואָלוציע. האָט היטלער מיט זיין באַנדע דערווייל געבראָכן דאָס געזעץ און געמאַכט אַ שוואַרצע רעוואָלוציע...

כ׳הויב אָן צו ווערן אַ סקעפּטיקער, כ׳הויב אָן צו צווייפלען אין דעם עטיש־מאָראַלישן אינהאַלט פון די געזעצן, כ׳וועל באַלד אָנהויבן צו גלויבן אין דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־איינשטעלונג, אַז אַלע געזעצן האָבן מיט הומאַניזם, מיט מענטשן ליבע, ווייניק וואָס צו טאָן; אַז אַלע געזעצן זיינען געמאַכט געוואָרן מיט אַן עגאָאיסטיש־מאַטעריאַליסטישן אויסרעכ־ נונג, גאַנץ פשוט: דו טשעפּע מיך נישט, וועל איך דיך נישט טשעפּען, דו

גנבֿע מיר נישט אַרויס מיין גאָלדענעם זייגער פֿון קעשענע, וועל איך דיר נישט אויפֿברעכן דיין אייזערנע קאַסע מיט די גאָלדענע רענדלעך... דו רעד מיר נישט אָפּ מיין ווייב, וועל איך דיר נישט צונעמען דיין געליבטע... אַלע געזעצן זיינען געמאַכט געוואָרן צו פֿאַרהיטן די אייגענע פֿעל און די אייגענע פּריווילעגיעס, און באַסטאַ!

פֿאַראַן לעכערלעכע, נאַרישע געזעצן, אין ענגלאַנד איז דאָ אַן אַלט געזעץ, ווען איינער בייסט אָפּ ביים צווייטן די נאָז, ווערט ער באַשטראָפֿט מיט גאַנצע זיבן שילינג... און אין די שטאַטן איז פֿאַראַן אַ געזעץ, אַז איינער נעמט צו ביים צווייטן זיין ווייב (אַ שיינע, פֿאַרשטייט זיך), ווערט ער באַשטראָפֿט מיט אַ הונדערט טויזנט דאָלאַר און אַמאָל מיט נאָך מער. ס׳ווענדט זיך לויט די יאָרן און אויסזען פֿון דער פֿרוי...

אין אַזיע, האַקט מען אָפּ די רעכטע האַנט ביים גנבֿ. נאַאיווע מענטשן, זיי מיינען אוודאי, אַז מיט דער לינקער האַנט קען מען נישט אַזוי גוט גנבֿע־נען, ווי מיט דער רעכטער האַנט. נישקשה, ס׳זיינען דאָ אַ היבש ביסל געלינקטע גנבֿים...

ביי געוויסע האַלב־ווילדע שבֿטים, איז פֿאַראַן אַ געזעץ, אַז ווען מ׳כאַפּט אַ פֿאַרהייראַטע פֿרוי פֿירן אַ ליבע מיט אַ פֿרעמדן מאַן, שענקט דער מאַן אַוועק זיין ווייב דעם געליבטן און ער מוז מיט איר וואוינען... דאָס איז דאַכט זיך מיר די בעסטע נקמה, די גרעסטע שטראָף פֿאַרן געליבטן... צו אַזאַ מין שטראָף האָבן זיך די ציוויליזירטע אייראָפּייער נאָך נישט דערטראַכט...

ס׳איז אָבער אויך פֿאַראַן גוטע, יושרדיקע געזעצן, אמת, די געזעצן זיינען געמאַכט געוואָרן מיט בייזע, שלעכטע כוונות. אָבער זיי האָבן זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן צו זיין אמתע, וואוילטעטיקע געזעצן פֿאַר אַ סך מענטשן.

אָט, למשל, נעמט די היגע נייע אימיגראַציע געזעצן. לויט אַרטיקל 777 פּאַראַגראַף 999, ווערן די טויערן פֿון לאַנד פֿאַרמאַכט פֿאַר אַלע אי־מיגראַנטן. ס׳ווערן נאָר אַריינגעלאָזט אימיגראַנטן, וואָס פֿאַרמאָגן 20 טוי־זענט פּעזעס (אָרעמע אימיגראַנטן, נעבעך)... דער אימיגראַנט טאָר אָבער מיט דעם געלט נישט מאַכן קיין שום געשעפֿט, נאָר ער מוז מיט די 20 טויזנט פּעזעס אויפֿמאַכן אַ פֿאַבריק, און טאָמער חס־ושלום, די שעה זאָל נישט זיין, פֿאַרדינט נישט דער נייער פֿאַבריקאַנט אין ערשטן יאָר קיין געלט, פֿאַרקערט, ס׳וויזט זיך גאָר אַרויס אַז די פֿאַבריק האָט גאָר פֿאַרלוירן אַ ביסל געלט (ס׳אַל זיך אַזוי נישט טרעפֿן ווי ס׳טרעפֿט זיך...). דאַרף דער נייער פֿאַבריקאַנט לויטן נייעם געזעץ, צוגעבן פֿריש געלט צו דער פֿאַבריק, אָדער ער דאַרף באַלד פֿאַרלאָזן דאָס נייע לאַנד...

ווי געפֿעלט אייך אַזאַ אמת מענטשלעך, הומאַניטאַריש געזעץ? פּשוט אַ צוקער־לעקעכל!

אַט, למשל, קומט צופאָרן אַ יונגער מאַן פון אייראָפּע ערשט נאָך דער חתונה, מיט אַ פרישן נדן... יעדער איינער ווייסט דאָך, אַז נדן־געלט קען נישט האָבן קיין קיום, אַז נדן־געלט איז שלים־מזלדיק, פריער אָדער שפּע־טער מוז מען דעם נדן פטרן... דער יונגער בעל־הביתל, מאַכט זיך דאָ מיטן נדן אַ פאַבריק (אַ ברירה האָט ער), און נאָכן יאָר, איז איינס פון די ביידע, אָדער דער יונגערמאַן דאַרף שרייבן צום שווער, ער אָל אים שיקן אַ פרישן נדן, אָדער ער וועט דאַרפן איינפּאַקן זיין יונג ווייבל מיט די וואַליזקעס און צוריקפאָרן צו זיין שווער אין אייראָפּע...

אָדער נעמט אַזאַ פאַל. ס'קומט צופאָרן אַ איד, אַ ליטוואַק מיט 20 טויזנט פּעזעס און מיט אַ מאָדערנער נייער דערפינדונג: ווי צו מאַכן פיר־קאַנטיקע בייגל און אָן לעכער... יעדער בר־דעת פאַרשטייט, אַז ביי אַ נייע דערפינ־דונג, דאַרף דויערן אַ שטיקל צייט, ביז דער עולם געוואוינט זיך צו צו דער נייער דערפינדונג. איבערהויפּט, ווען מען איז פריער געווען צוגעוואוינט צו עסן קיילעכדיקע בייגל און דוקא מיט לעכער... אַזאַ מין געניאַלער דער־פינדער, וועט נאָכן יאָר מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אויב ער וועט מיט זיין דערפינדונג נישט מאַכן קיין באַלדיקע פּראָפיטן. גאַנץ פשוט, יעדער פאַב־ריקאַנט, יעדער דערפינדער, וועט מוזן זען אין ערשטן יאָר צו מאַכן פּראָ־פיט, און טאָמער נישט — איז השיבנו נאַזאַד!...

אָ־וואָ! דאָס הייסט אַ געזעץ אַ צאַצקע!

דאָס נייע געזעץ האָט אויך אַ סך מעלות. ס'וועט פּשוט זיין אַ ישועה פאַר די היגע כלה־מיידלעך. ווי זאָגט מען: גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה... לויטן נייעם געזעץ וועט מען מער נישט קענען אַריינבריינגען אין לאַנד קיין אימפּאָרטירטע כלות... אויס פרעמדע כלות! נישקשה, ס'איז דאָ אין לאַנד, קיין עין־הרע, גענוג אידישע מיידלעך, וואָס ווילן און דאַרפן ווערן כלות. און אַז מ'וועט נישט קאָנען מער אימפּאָרטירן קיין אויסלענ־דישע כלות, וועלן די היגע בחורים, נישט מער וועלן קיין גרויסע נדנס... זיי וועלן נאָך דאַנקען גאָט וואָס זיי קריגן אַ כלה, פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע...

אָדער נעמט, למשל, דעם פּאַראַגראַף 888 פון נייעם אימיגראַציע גע־זעץ. אַ מאַן (אַ בירגער), מעג אַריבערנעמען זיין פרוי, זיינע קינדער און אויך זיין שוויגער (אויב זי איז נישט קיין בייזע...) און כדי צו פאַרזאָרגן די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, זיי זאָלן זיך נאָך, חס־וחלילה, דאָ נישט אי־בעראַרבעטן, זאָגט דאָס נייע געזעץ בפירוש, אַז די פאַמיליע־אימיגראַנטן, טאָרן זיך דאָ מיט קיין שום זאַך נישט באַשעפטיקן... אַ ווייב טאָר דעם מאַן גאָרנישט העלפן. אָפּקאָכן דעם מאַן אַ וואַרימעס, קען אַמאָל זיין אַ פאַר־ברעך קעגן נייעם אימיגראַציע־געזץ, ווייל דאָ איז דאָ גענוג קעכינס... פאַר־בעטן דאָס בעט, אויסקערן די שטוב, אויך נישט. ווייל אין לאַנד איז דאָ

גענוג דינסטן... אַ נאָר וואָס אַריבערגעקומענע פרוי, וועט לויטן נייעם געזעץ, אפילו קיין קינדער אויך נישט טאָרן האָבן.... ווייל די „קונץ" קענען די היגע האַרעפּאַשנע פרויען אויך באַוויזן, און מען דאַרף נישט צו דעם קיין אויסלענדישע עקספּערטינס...

בלייבט איין זאַך: נעמען דאָס ווייב מיט די שוויגער און זיי אַוועקשיקן אין „קואַוטלאַ", זיך באָדן אויף דער פרישער לופט... נאָר וועלכער מאַן (אפילו דער בעסטער), וועט דאָס דערלאָזן, אַז זיין אייגענע פרוי מיט אַ שוויגער, זאָלן אַרומגיין ליידיק און גאָרנישט טאָן... און וועלכער פאַבריקאַנט, וועט וועלן אַריינלייגן זיינע 20 טויזנט פּעזעס אין אַ פאַבריק, און מורא האָבן, אַז טאָמער מאַכט ער נישט אין דעם ערשטן יאָר קיין פּראָפיט, וועט ער דאַרפן פאַרלאָזן דאָס לאַנד?

ווי געפעלט אייך דאָס נייע אימיגראַציע געזעץ? אַ גאָלדן געזעץ! אַן אמת מענטשלעך, הומאַניטאַריש, יושרדיק געזעץ!

אַן אמת דעמאָקראַטיש געזעץ...

מיר זיינען אַ גליקלעכער פאָלק!

צו אַלץ דאַרף מען האָבן מזל — אפילו צום שלימזל...

אפילו צום אומגליק, דאַרף מען אויך האָבן גליק.

וואָס וואָלטן מיר איצטער געטאָן, ווען מיר וואָלטן, חלילה וחס, נישט געהאַט אַזעלכע באַרימטע, גרויסע און אויסדערוויילטע אידן, ווי למשל: אברהם אבינו, משה רבינו, ישעיה הנביא, דער רמב"ם, ברוך שפּינאָזאַ און קאַרל מאַרקס, ווען מיר וואָלטן נישט געווען פון אַזאַ וואַזשנעם יחוס?

ווי אַזוי וואָלטן מיר אויסגעזען אין די אויגן פון די מעקסיקאַנער מאַסן, ווען מיר וואָלטן, חלילה, נישט פאַרמאָגט היינריך היינע, אַלבערט איינשטיין, יאָשע חפץ, פאָול מוני, יהודה מנוחין, דיאַנאַ דורבין און טשאַרלי טשאַפּלין...

מיט וואָס וואָלט אַ שטייגער, כדומה למשל, געקומען צו די מעקסיקאַנער מאַסן, דער באַרימטער אַרבעטער פירער, אַדוואָקאַט וויסענטע לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ, אויפן גרויסן פּראָטעסט־מיטינג, קעגן די נאַצי־מערדער, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט די גרויסע זכיה, צו האָבן גרויסע באַנקירן און אונזער לאַנדסמאַן „כעסוס"?...

וואָס פאַרא מליץ יושר, וואָלט דער חשובער אַרבעטער־פירער געקאָנט זיין פאַרן אידישן פאָלק, ווען מיר וואָלטן, חלילה, נישט געהאַט אַזעלכע גרויסע זכות־אבות, ווען מיר וואָלטן נישט פאַרמאָגט אַ משה רבינו מיט אַ טשאַרלי טשאַפּלין, דעם רמב"ם מיט אַ דיאַנאַ דורבין...

אונזער פאָלק איז באַשערט צו האָבן דעם באַגרינדער פון אַרבעטער קלאַס, דעם פאָטער פונם סאָציאַליזם, דעם מחבר פון „קאַפּיטאַל" — קאַרל מאַרקס.

און דער באַרימטער אַרבעטער־פירער טאָלעדאַנאָ, האָט דאָס אַלץ צוגערעכנט אויפן קרעדיט פון אידישן פאָלק...

דער חשובער רעוואָלוציאָנער, האָט אפילו נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם ריזיקן עולם, אויפן פּראָטעסט־מיטינג, אַז דער „כודיאָ" קאַרל מאַרקס אַליין, בכבודו ובעצמו, האָט אויך באַוויזן, אַז די „כודיאָס" זיינען גרויסע באַנקירן, געלט־זעק און אויפהאַלטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג...

נישט קיין שלעכטער קאָמפּלימענט!...

דאָס איז אַ גרויס גליק, אַן אמת אידישע הצלחה!

הערנדיק זינגען אַזעלכע שירות ותשבחות אויפן אידישן פאָלק, האָ־בען זיך די אידישע צוהערער שטום אָנגעקוקט און צוגעשאָקלט צופרידן מיטן קאָפּ, און ביי די אידישע אינטעליגענטן האָבן זיך אַזש באַוויזן טרערן אין די אויגן פאַר גרויס שמחה...

אַן אַסימילירטע, אויסגעפּאַשעטע אידענע, פון די אמתע פּרות הבשן, וואָס האָט מורא צו רעדן אַ אידיש וואָרט, שעמט זיך צו האַלטן אַ אידישע צייטונג און ציטערט, אַז איר דינסט זאָל זיך חלילה נישט דערוויסן, אַז זי איז אַ „כודיאָ"... האָט זיך אויפן מיטינג געפּרעגלט פאַר נחת' געשמאָלצן פון פרייד, ווען זי האָט געהערט, ווי אַזוי אַ גוי, אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער שיט אַזעלכע טייערע, קאָמפּלימענטן, לאַקריץ־זיסע ווערטער אויפן אידישן פאָלק...

זי האָט זיך געהאַלטן אין איין שושקען מיט אַ צווייטער פרוי, אַ בּלאָנקע, אַ דאַרע, הויט און ביינער, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, ווי אויף אַן אָפּערע...

— איר הערט? איר הערט כאָטש? הערט אומישנע, וואָס מ'רעדט וועגן אונז! באַנקירן, פילאָזאָפן און אַרטיסטן! מיר זיינען אַן אויסדערוויילט פאָלק...

הינטער מיר האָבן זיך צוויי מעקסיקאַנער געסודעט מיט אָפּגעהאַקטע, שטילע ווערטער, און פאַרענדיקט מיט אַ שפּיציקן „קאַראַמבאַ":

— דו הערסט פּאַנטשאָ, וואָס דער קאָמפּאַניעראָ טאָלעדאַנאָ זאָגט? כעסוס איז אַ כודיאָ! אַזוי גאָר? און ביי אונז אין דאָרף זאָגט מען, אַז די כודיאָס האָבן הערנער אויפן קאָפּ... קאַראַמבאַ!

לעבן מיר איז געשטאַנען אַ באַקאַנטער מעקסיקאַנער לערער. ער קאָן זייער גוט אידן, ער האָט געלערנט דריי יאָר אין ניויאָרק. ער קאָן דאָס אָרעמע, אידישע אַרבעטער לעבן, ער קאָן אויך אַ סך אידישע אַרבעטער־פירער.

ער רוימט מיר איין שטילערהייט אין אויער, אַז איך זאָל זיך נישט וואונדערן, וואָס דער קאַמאַראַדאַ טאָלעדאַנאָ רעדט דערווייל בלויז וועגן די אידישע קאַפּיטאַליסטן און פידל־שפּילער. אָט, אָט באַלד, וועט ער נעמען רעדן וועגן די אידישע רעוואָלוציאָנערן, וועגן די אידישע אַרבעטער מאַסן און וועגן דער אידישער נויט און אָרעמקייט.

אָבער...

אָבער איין קליינע, גאָר אַ קליינע עוולה, איז דער חשובער חבר טאָלע־דאַנאָ באַגאַנגען מיט זיין פּאַרטיידיקן אונז, מיט זיין אויסרעכענען די מעלות טובות אונזערע, אונזערע גדולים, נביאים, באַנקירן... און גרויסע יחסנים.

ער האָט, נעבעך, פאַרגעסן אין די פאַרגעסענע אידישע מאַסן, אין דעם רעשט ביסל אידן, וואָס זיינען נאָך דערווייל נישט קיין פילאָזאָפן, שרייבער און קינאָ־אַקטיאָרן...

און אַזוי ווי איך בין פון די מענטשן, וואָס קאָנען בשום אופן נישט פאַרליידן קיין עוולה, האָב איך תיכף ומיד אָוועקגעשריבן צום גרויסן און חשובן אַרבעטער־פירער אַ קליין ידידי־בריוועלע בזה הלשון:

זייער חשובער פריינט.

קודם כל, קומט אייך אַ גרויסן יישר כוח און אַן אמתן דאַנק, פאַר אייער שיינער און פיינער רעדע, וואָס איר האָט געהאַלטן אויפן פראָטעסט־מיטינג קעגן די נאַצי־גענגסטערס.

נאָר מיך וואונדערט זייער שטאַרק אויף אייך, ווען איר האָט אויסגע־רעכנט אונזערע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און איר האָט דערמאָנט אונזערע גרויסע דעמבעס, און דערווייל פאַרגעסן אינם וואַלד אַליין... אין דעם וואַלד מיט די מיליאָנען אידישע בוימער, וואָס די נאַצי־פאַשיסטן ווילן זיי איינגאַנצן אויסהאַקן...

דערלויבט מיר צו מאַכן אַ קליינע באַמערקונג, אַז ס'וואָלט אסור געַ־ווען, ווען די מעקסיקאַנער מאַסן זאָלן אויך וויסן, אַז אַ חוץ גרויסע באַנ־קירן, סוחרים און נביאים, האָבן די כודיאָס אויך אַ גרויסע אַרבעטער מאַסע, הונדערט פראָצענטיקע האַרעפּאַשניקעס, אמתע יגיע כפּימניקעס, וואָס לעבן פון זייער פראָצע און האַרעוואַניע, וואָס פאַרדינען זייער שטיקל ברויט מיטן שווייס אויפן פנים און מאַזאָליעס אויף די הענט...

מיר האָבן, קיין עין הרע, ערשטקלאַסיקע שניידערס, וואָס קאָנען האַלטן, גאָט צו דאַנקען, אַ נאַדל־פאַדים אין האַנט, פּרעסן, שניידן און נייען: עמך — שער און אייזן...

שניידעריי איז שוין באַלד געוואָרן אַ אידיש־נאַציאָנאַלע מלאכה: אי־דישע געפילטע פיש, קרעפּלעך, לאָקשן־קוגל, מייערן־צימעס, אידישע צרות... און שניידעריי.

הייַנט, האָבן מיר בעקערס, גאָלדענע הענט!

די אידישע געפלאָכטענע, ברוינע חלות און קוליטשן, זיינען שוין אַ שם־דבר, באַרימט אויף דער גאַנצער וועלט, (אין מעקסיקע אויך)...

איר וואָלט געמעגט פאַרזוכן אַ שטיקל געבעקס, טעם גן־עדן! פון אַ אידיש שטיקל לעקעך, קעז־קוכן און שטרודל, לעקן די גוים די פינגער...

די אידישע שוסטערס אין פוילן, זיינען גרויסע קינסטלער אין זייער פאַך. זיי נייען אויף אַ פאָר שטיוול, איז דאָ אויף וואָס צו קוקן. זיי פאַרטיקן אויס אַ פּאָר קאַמאַשן, איז פּשוט אַ מחיה צו שפּאַצירן. זיי מאַכן אַ פּאָר שטיבילעטן אָדער לאַטשן, מעג אין זיי גיין אַ גרעפין.

די דריי מיליאָן פּוילישע אידן זיינען נישט געווען קיין באַנקירן און נישט קיין גבירים. זייער עשירות, אויף אַלע אידישע שונאים געזאָגט...

די עטלעכע אידישע באַנקירן, זיינען שוין לאַנג געוואָרן אויס אידן... אָדער אויס באַנקירן.

און ניינציק פּראָצענט פון די פּוילישע אידן, די אַרבעטער, בעלי מלאָ־כות, קליינהענדלער, באַלעגאָלעס און טרעגערס, זיינען געווען צופרידן, ווען זיי האָבן געהאַט אַ זאַטן מיטאָג... און געהאַט זייער ווייניק נחת פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג...

די אידישע אַרבעטער אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און אין בעלגיע, האָבן נאָך דערוויל נישט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע באַנקירן, נאָר גרויסע אָרימע־לייט און אַ סך שווינדזיכטיקע און האַרץ־קראַנקע...

יאָ, און די סאָוועטישע אידן, זיינען שוין לאַנג געוואָרן אויס באַנקירן סוחרים און נגידים...

זיי זיינען גוטע, טייערע און שווערע אַרבעטער, קאָלאָניסטן און אָנגעשטעלטע.

די גאַנצע וועלט קלינגט שוין וועגן דער העלדישקייט פון די אידיש־סאָוועטישע סאָלדאַטן, אָפיצירן און גענעראַלן, וואָס האָבן געגעבן פּילוער צו שמעקן די נאַצי־פאַשיסטישע האָרדעס אין סאָוועט־רוסלאַנד.

און ווער האָט דאָס נישט געהערט פון די גרויסע אידישע רעוואָלו־ציאָנערן, וואָס האָבן מקריב געווען זייער לעבן קעמפנדיק קעגן צאַריזם, נישט מיטן סמיטשיק פון אַ פידל און נישט מיט אַ באַנקירסקע בלייטעדער, נאָר מיטן רעוואָלווער און ביקס אין האַנט...

יאָ, חשובער פריינט, מיר האָבן גרויסע אַרטיסטן מיט גרויסע רעוואָ־לוציאָנערן. אַ יאָשע חפץ מיט אַ גערשוני, אַ ברוך שפּינאָזאַ מיט אַ ברוך שולמאַן, אַ הירש לעקערט מיט אַ היינריך היינע...

אידישע פינאַנסיסטן מיט אידישע אַרבעטער פּאַרטייען: בונד, פּועלי־ציון און קאָמוניסטן.

אידישע חלוצים, וואָס האָבן אויסגעטוישט זייערע דיפּלאָמען אויפן אַקער און האַמער... אין ארץ ישראל.

פּוילישע אידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט באָרד און פּאות, האָבן גע־קעמפט פאַר פּוילנס פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט...

און טאַקע אויף דער אַנדערער זייט פון „ריאָ גראַנדע", האָבן אַ סך אידן גענומען אַן אַנטייל אין דער באַפרייאונגס־מלחמה פאַר דער זעלבסט־שטענדיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

נישקשה, נישטאָ מיט וואָס צו שעמען זיך, נישטאָ וואָס צו באַהאַלטן. די גויאישע וועלט ווייסט שוין פון דעם, אַז מיר האָבן אויך רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן און אָרימע־לייט...

ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד!

מיט דרך ארץ: אַ איד, (וואָס איז נישט קיין קאַפּיטאַליסט און נישט קיין אַרטיסט): א. וו.

און ביז איך וועל קריגן אַן ענטפער אויף מיין בריוול, מאַך איך דער־

ווייל אַ פֿאָרשלאָג צו די אידישע ראַדיקאַלן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און פֿריידענקער. זיי זאָלן מאַכן אַ גרויסן פֿאָלקס־באַנקעט לכבוד אברהם אבינו, משה רבינו, ישעיה הנביא, דעם רמב״ם און, להבדיל, כעסוס... וואָס האָבן געראַטעוועט דעם פּרעסטיזש פֿון גאַנצן אידישן פֿאָלק, אויפֿן פּראָטעסט־מיטינג אין „בעיאָס אַרעס״.

גיט אָפּ אַ לויב און אַ שבח דעם רבונו של עולם, פֿאַר זיין גרויסן חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט זיין פֿאָלק ישראל און אונז מזכה געווען מיט נביאים און קאַפּיטאַליסטן, פֿילאָזאָפֿן און פּיאַניסטן...

יאָ, מיר זיינען אַן אויסדערוויילט און גליקלעך פֿאָלק.

מען דאַרף אונז לאָזן לעבן אויף דער וועלט, צוליב אברהם אבינו און טשאַרלי טשאַפּלין, צוליב משה רבינו און פּאָול מוני, צוליב רמב״ם און קאַרל מאַרקס, און צוליב כעסוסן און דיאַנאַ דורבין...

מיר זיינען גליקלעך, זייער אַ גליקלעך פֿאָלק!

פּועבלאַ חלומט

(בילדער)

שוין דער וועג אַליין וואָס פירט קיין פּועבלאַ, איז אַן אויסגעחלומטער, אַ לעגענדאַרישער, אַרויסגענומען פון עפּעס אַ שיין פאַנטאַסטיש קינדער מעשהלע...

דער אַספאַלטירטער, גלאַטיקער שאָסיי זעט אויס פון וויטנס, ווי אַן אויסגעלייגטע טונקל־בלויע לענטע אויף די שמאָלע ראַנדן פון די ריזיקע, משופּעדיקע בערג.

דער וועג שלענגלט זיך אַלץ העכער און העכער אין שמאָלע זיגזאַגן, ווי אַ משונהדיק ריזיקער עגבער, וואָס מענטשלעכע הענט האָבן אויסגע־מייסטערט פון די אור־אַלטע בערג.

דער „קאַמיאָן" דראַפּעט זיך ווי אַ פלינקע קאַץ, אַלץ העכער און הע־כער אויף דעם שמאָלן אויסגעהאַקטן וועג, אויף די אַלטע באַוואַלדטע בערג, וואָס שפּרייטן געדיכטע שאָטנס אויפן גאַנצן אַרום, אַלץ איז איינגעהילט אין אַ העל בלויען נעפּל.

פון פענסטער זעען זיך די משפּועריקע רוקנס פון די בייכיקע בערג, באַוואַקסן מיט קליינע גרינע נאָדל־ביימלעך, וואָס ציען זיך העט־העט אַרויף ביז צו די קעפּ פון די בערג, און פאַרענדיקן זיך מיט אַ געדיכטער, שאָטנדיקער בוימער־גריוווע...

דאָס אויג כאַפּט אויף די טיפע אָפּגרונטן, וואָס ווערן ערגעץ פאַר־פאַלן אין פאַרהוילענע, פאַרדעקטע טאָלן.

דאָס האַרץ קלאַפּט, דער טויט לויערט און שרעקט, אַ שלעכטער אויס־דריי פון „קאַמיאָן", איין קליינער טעות פון שאָפער, און דער „קאַמיאָן" מיט אַלע פּאַסאַזשירן קייקלט זיך אַראָפּ אין טיפן תהום אַריין, און ווערט צע־פּיצלט אויף שטיק־שטיקלעך...

דאָס האַרץ צאַפּלט און שרעקט זיך, אינסטינקטיוו כאַפּט אַן די האַנט דעם הילצערנעם אַנלען פון באַנק... אָבער דאָס אויג, דאָס מענטשלעכע אויג, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו באַוואונדערן די פּראַכטפולע שיינקייט פון גאָטס וועלט, דאָס אויג זעטיקט זיך מיט די וואונדערשיינע, לעגענדאַ־רישע נאַטור־בילדער, הערלעכע פּייזאַזשן און מיט פאַנטאַסטישע, אויס־געחלומטע לאַנדשאַפטן.

עס שמעקט מיט געזונטע, ריינע באַרג־לופט, מיט וואַלד־ריחות פון סאָסנעס און נאָדל־בוימער, פון אויסגעטרוקנטע גראָזן און ווילדע וואַלד־בלומען.

די שטראַלן פון דער זון רייסן זיך דורך די געדיכטע בוימער, דרינגען דורך די צווייגן און בלעטער און פאַלן אויף די אָפּגרונטן... ליכט און שאָטן ראַנגלען זיך, קאָלירן מיניען זיך: פיאָלעט, טונקל־בלוי און מאַט־גאָלד באַפאַרבן די גאַנצע אַרומיקע נאַטור־סימפאָניע, פון באַרג און טאָל, פון הימל און וואַלד.

אין האַרץ וועקט זיך אַ פאַרלאַנג, אַז דער „קאַמיאָן" זאָל מיטאַמאָל בלייבן שטיין און זיך צוזאַמענגיסן מיט די אָפּגעהאַקטע בערג־סקאַלעס, ווערן איינס מיט דער גאַנצער רויער ווילדקייט.

און איך זאָל אייביק, אייביק קענען באַוואונדערן די שיינקייט, די הער־לעכקייט, די מאַיעסטעטישקייט פון דער נאַטור.

דאָס האַרץ זינגט אַ לויב־געזאַנג און די ליפּן פליסטערן שטיל:

אָ, געבענטשט און געלויבט זאָל זיין דער בורא העולם, דער באַשעפער פונם גאַנצן אוניווערז!

די שטאָט

דער „קאַמיאָן" האָט זיך פּאַמעלעך, שטיל, אָן גערויש, אַריינגעגליטשט אין שטאָט אַריין.

די גאַסן זיינען אויסגעלייגט אין סימעטרישער גלייכקייט, די קליינע, אין אַלטן קאָלאָניאַלן סטיל געבויטע הייזער, שטייען אויסגעשטעלט מיט די באַלקאָנען אויף דער גאַס אַרויס, ווי אויסגעשטעלטע פיגורן אויף אַ שאַך־ברעט.

שוין ביים אַנבליק אַליין פון דער שטילער, אידילישער, פאַרחלומטער שטאָט, הויבט דאָס האַרץ אָן צו קלאַפּן לאַנגזאַמער, פּאַמעלעכער.

דער אומרו פון גרויס־שטאָטישן, נערוועזן מענטש שטעלט זיך איין, באַרואיקט זיך. דער מוח לייטערט זיך אויס, אין די אויגן ווערט ליכטיקער, העלער.

אויף אַ סך ראָגן, שפּאַרן זיך צום הימל אַלטע קלויסטער־טורעמס מיט בייכיקע קופּאָלן. די קלויסטער־ווענט זיינען הויכע, מאַסיווע, אויסגעבויטע פון טונקעלע לאַווע־שטיינער, ווי אַ פעסטונג...

עפּעס וואַרפן זיי אָן אַ מורא אויף די דורכגייער:

ווער ווייסט, וואָס דאָרטן אינווייניק, הינטער די אַלטע דיקע ווענט, איז אַמאָל פאָרגעקומען, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע סודות זיי באַהאַלטן...

איצט שטייען אַ סך אַלטע קלויסטערס פאַרמאַכט, ליידיק און פוסט,

די שטיינערנע געדרייטע טרעפּ באַוואַקסן מיט גראָזן און מאָך. די הויכע הילצערנע, שיין־געשניצטע טירן שרעקן שוין נישט מער...

איצט שרעקן זיך די קלויסטער־דינער פאַר דער אָפענער גאַס, פאַר די מאַניפעסטאַציעס מיט שוואַרץ־רויטע פענער, אפילו אין דער פאַרחלום־טער, קאַטוילישער פּועבלאַ...

די איינוואוינער שלייכן זיך איבער די לאַנגע ציכטיק־ריינע גאַסן, שטיל, באַזאָכט, בהדרגהדיק, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען תפילה טאָן...

נישטאָ זיך וואָס צו איילן. פּועבלאַ האָט צייט. די פאַרחלומטע פּועב־לער איינוואוינער יאָגן זיך נישט.

זעט אויס די שטאָט, ווי אַן אייביקער רו־טאָג, אַ פאַרבענקטע נאָך פרעמדע געסט, נאָך טוריסטן, וואָס זאָלן אַריינברענגען אַביסל מער לעבן, מער שוואונג, מער רירעוודיקייט.

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן ציט זיך מאַנאָטאָן, אומעטיק און לאַנגווייליק, כאָטש צעגענעץ זיך אינמיטן דער שענסטער, פאַראַדנער גאַס — לאַ רעפאָרמאַ...

די גאַסן פון דער ראָמאַנטישער פּועבלאַ זיינען אויסגעלייגט ווי אויף אַ שאָך־ברעט. אין פּועבלאַ קען מען נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן...

אין פּועבלאַ קלאַפּן נישט און בריאַזגען נישט קיין טראַמווייען. די קאַמיאָנען מיט די קאַטשעס פאָרן פאַמעלעך, פונקט ווי אויף אַ פּאַראַד... און אַז מ׳וויל נעמט מען אַ קאַטש מיט גומענע רעדער איינגעשפּאַנט מיט צווייַ פערד פאַר פּופּציק סענטאַוואָס... מ׳פאָרט זיך דורך אַביסל, די פערד קלאַפּן צו מיט די קאָפּיטעס און מ׳פילט זיך אין אַ ראָמאַנטישער שטימונג, פונקט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן...

בייטאָג דרימלט די שטאָט. פרויען אין שוואַרצע שאַלן פאַרהילטע, שאַרן זיך ערנסט און שטיל אין קלויסטער אַריין. בייטאָג קלאַפּט דער דופּק פון שטאָט פאַמעלעך, לאַנגזאַם, ווי ביי אַ חולה, וואָס ליידט פון אַ נידעריקן בלוט־דרוק...

ביינאַכט אָבער, צינדן זיך אָן די שטערן אין הימל און די עלעקטרישע לאָמפּן אין „סאָקאַלאָ״. די פאַרחלומטע איינוואוינער שפּאַצירן נאָך דער וועטשערע אין גאָרטן. די פראָמענאַדע ציט זיך אין אָרדנונג, אין רייען לינקס און רעכטס, אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ קלאַסישער טאַנץ...

די מוזיק שפּילט. שלאַנקע, רייפע „סעניאָריטאַס״ מיט צאַרטע טאַליעס און דין געטאָקטע פּיסלעך, וואַרפן פלאַם־פייערדיקע בליקן פון זייערע גרויסע, שוואַרצע אויגן, כאַפּן אויף די תאוהדיקע בליקן פון הייס־בלוטיקע „קאַוואַיעראָס״ און ענטפערן מיט אַ זיס באַהנטן שמייכל...

די בלעטער אויף די אַלטע געדיכטע בוימער באַוועגן זיך קוים־קוים.

די לופט שמעקט מיט אַ מחיהדיקער פרישקייט, מיט ריחות פון שלאָפנדיקע בלומען און פון פאַרפומירטע, רייצנדיקע פרויען־לייבער...

זיצן פאַרליבטע פּאָרלעך אַרומגענומען אין פינסטערע אַלייען, קוקן זיך צערטלעך אין די אויגן אַריין...

דער אַלטער גרויער קאַטעדראַל, וואָס שטייט האַרט ביים גאָרטן, היט און יואַכט, ווי אַן אַלטע פרומע גבאיטע, די פאַרליבטע זאָלן זיך באַנוגענען בלויז מיט שטילע לאַסקעס, מיטן האַלטן זיך ביי די הענט...

נאָר ערשט פאַרטאָג גיסט אויס אַ פאַרליבטער „קאַוואַיעראָ" זיינע ליבע־ווייען אונטער די פענסטער פון זיין אויסדערוויילטער. זינגט לירישע „מאַניאַניטאַס", באַגלייט פון טרויעריק־זיסע גיטאַרע אַקאָרדן.

ביינאַכט האָט מיך פּלוצים אויפגעוועקט אַ שיין, זיס ראָמאַנטיש געזאַנג. דאָס האָבן צוויי זינגער באַגלייט מיט גיטאַרעס, געזונגען „מאַניאַניטאַס" אונטערן פענסטער פון מיין מעקסיקאַנער שכנה.

דאָס האָט דער חתן פון דער עלטסטער טאָכטער געשיקט זינגער צו זיין געליבטער כלה, זיי זאָלן אויסזינגען זיינע ראָמאַנטישע ליבע־ווייען אונטערן פענסטער פון זיין כלה, פינף אַזייגער פאַרטאָג, איידער די זון גייט אויף...

כ'האָב שוין מער נישט געקענט שלאָפן, דערפאַר האָב איך געהאַט אַן אמתן תענוג, פון די שיינע ראָמאַנסן מיט די זיסע גיטאַרע־אַקאָרדן, מיט פּועבלאַנער ראָמאַנטישקייט...

ס'איז אַ סברא, אַז די פּועבלאַנער אידישע כלות, פאָדערן שוין פון זייערע חתנים, זיי זאָלן זיי שיקן זינגער מיט גיטאַרעס אונטערן פענסטער. זיי האָבן נאָר מורא, אַז זייערע עלטערן זאָלן די ראָמאַנטישע זינגער נישט אָפּגיסן מיט אַ טאָפּ קאַלט וואַסער, פאַר שטערן זיי אין בעסטן שלאָף, פאַרטאָג...

אידן אין פּועבלאַ

זיינען עפּעס די אידן אין דער פאַרחלומטער שטאָט, ווי געפּענטעט, פילן זיך די רירעוודיקע, קוועקזילבערדיקע פּועבלאַנער אידן, ווי געהאַמעוועט...

שטייען זיי אין די געשעפטן פאַרטראַכטע, פאַרקלערטע; מ'לעבט אָפּגעריסן פון אידן, די קינדער ווערן פאַרגויאישט... לאָזט מען איבער דאָס געשעפט און מ'גייט כאַפּן אַ שמועס מיטן שכן, דעם אומעט צו פאַרטרייבן...

אידן ווילן זיך צעפירן די הענט, אויסלאָדן זייער ענערגיע, אָבער דער ריטם פון שטאָט איז אַ לאַנגזאַמער, די באַוועגונג — אַ פאַמעלעכע.

די פאַרחלומטע פּועבלער איינוואוינער שפּילן — אַנדאַנטע... און אידן ווילן דווקא — אַ מאַרש, פאָראויס!...

זיינען טאַקע די צוואַנציק אידישע פאַמיליעס רואיקע, געלאַסענע מענטשן, פאַרמאָגן שוין נישט דעם שטאַטישן אימפעט.

די פועבלאַנער אידן האָבן זיך אויך אויסגעלערנט גיין שפּאַצירן.

מיר, די גרויסשטעטישע האָבן שוין באַלד פאַרגעסן די קונסט פון זיך דורכגיין אַביסל, פון כאַפּן אַ שפּאַציר.

ביי אונז אין מעקסיקע איז דער שטאָט־גאָרטן „אַלאַמעדאַ", אין אָוונט איינגאַנצן ליידיק און פּוסט. מ'קען בלויז זען ווי איינער לויפט שנעל אַדורך דעם גאָרטן, אָדער אַ היימלאָזער זיצט איינגעקאָרטשעט אין דרייען אויף דער קאַלטער אייזערנער באַנק...

אין פועבלאַ ווערט דער שטאָט־גאָרטן אין „סאָקאַלאָ" לעבן דער גרויסער קאַטעדראַל, אויפגעלעבט ערשט אין אָוונט. נאָך דער וועטשערע גייען די ראָמאַנטישע פועבלאַנער שפּאַצירן אין גאָרטן, זעצן זיך אויס אויף בענק און פירן אַ פריינטלעכן שמועס.

אַז אַ איד וויל טרעפן זיין פריינט, באַשטעלן זיי זיך אין אָוונט אין גאָרטן. די גאַנצע פועבלאַנער אידישע פּאָליטיק, ווערט געמאַכט אין גאָרטן, הינטער די ווענט פון דעם גרויסן אַלטן קלויסטער... די גרעסטע געשעפטן ווערן געשלאָסן אין גאָרטן...

אין גאָרטן ווערט דערציילט, ווער ס'מאַכט גוטע געשעפטן, ווער עס קריגט זיך מיטן ווייב און וויפיל איינער האָט פאַרשפּילט אין פּאָקער. אַלע פּלאָטקעס דערוויסט מען זיך אין גאָרטן...

די פועבלאַנער אידן זיינען ראָמאַנטיש, זיי האָבן ליב צו פאַרברענגען אין גאָרטן אויף גאָטס פרייער נאַטור...

נאָך דער וועטשערע גייען זיי אין „סאָקאַלאָ" אין שטאָט־גאָרטן, זעצן זיך געמיטלעך אויף אַ באַנק און רעכענען גענוי אויס, וויפיל איינער פאַרדינט אַ חודש, וויפיל יענער פאַרמאָגט... און וווייבער ווייזן אָן אויף אַנדערע, אין וויפלטן חודש יענע פרוי איז שוין... און די „גרינע" קליידט זיך, ווי אַן אַרטיסטין אין האָליוואוד...

פועבלאַנער אידן קריגן זיך נישט, באַריידן זיך נישט און זיינען נישט מקנא איינער דעם אַנדערן... גייען אַרום פאַרחלומט, פאַרבענקט און קוקן אויס, ווי אַ פרומער איד אויף משיחן, אַ נייעם דעלעגאַט, וואָס זאָל קומען ביי זיי נעמען אַ ביישטייערונג...

זיינען אויך דאָ פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן עטלעכע אידישע אינטעליגענטן. דרייען זיי זיך אַרום מיט אַ שטילן צער אין די פאַרבענקטע אויגן, האָבן נישט פאַר וועמען זייערע אידייען צו פּרעדיקן, זייער בענקשאַפט אויסצוגיסן...

אַ שטיל־פאַרחלומטער, צוריקגעצויגענער יונגערמאַן, אַ באַברילטער, זעט אויס ווי אַ ישיבה־בחור — האַנדלט אין „אַבאַנאָס"...

אַ היציקער בחור מיט אַ רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט — פֿאַר־קויפֿט הויזן מיט אונטער־וועש...

אַ יונגער בחור מיט אַ חסידישן ברען, אַ כּלל־טוער, מוז נעבעך, פֿאַר־טאַכלעווען זיין געזעלשאַפֿטלעכקייט מיט — טאָפּלט זעקס, טאָפּלט בלאַנק אין דאָמינאָ... אינם אידישן קלוב.

האָפֿן די פּועבלאַנער אידן און חלומען, זיך אַריבערצוציען אין דער גרויסער, טומלדיקער שטאָט מעקסיקע...

אַדיאָס פּועבלאַ!

זעקס אַ זייגער פֿאַרטאָג. אין מזרח זייט בלייכט זיך שוין דער הימל, ס'קוקט שוין אַרויס דאָס רויט־גאָלדיק אויג פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון, באַגריסנדיק דער נאָך־שלאָפֿנדיקע פּועבלאַ מיט אַ פֿרישן — גוט מאָרגן!

די שטילע גאָסן זיינען נאָך איינגעהילט אין נאַכטיקע שאָטנס. כ'גיי פֿאַרלאָזן די פֿאַרשלאָפֿענע, פֿאַרחלומטע שטאָט מיטן ערשטן „קאַמיאָן".

די גאָסן זיינען ליידיק, טיר און טויער פֿאַרקלאָפּט. די איינוואוינער חלומען אויס זייערע לעצטע נאַכט־חלומות, די שלאַנקע סעניאָריטאַס פּילן נאָך אויף זייערע ליפּן די נאַכטיקע הייסע קושן...

פֿון די אַרומיקע, אָפֿענע פֿעלדער, וויעט אַ קילע מאָרגן־פֿרישקייט.

הינטער דער שטאָט קומען שוין אָן די קליינע אייזעלעך אָנגעלאָדן מיט גרינצייג. די באָרוויסע אינדיאַנער לויפֿן פֿון הינטן, שפּרינגען אונטער פֿון קעלט.

און די פֿאַרשלאָפֿענע, פֿאַרוויגטע פּאַסאַזשירן קענען דערוויל רואיק באַטראַכטן די „מאַגעי"־פֿלאַנצן, פֿון וועלכע מ'ציט אַרויס די „פּולקע". די גרויע „מאַגעי" געוויקסן, וועלכע זעען אויס, ווי אַ בינטל גראָבע אויסגע־קרומטע שופֿרות, פֿאַרדעקן די פֿעלדער פֿון פּועבלאַ ביז מעקסיקע, אַנשטאָט ווייץ און קאָרן...

פֿון בײדע זייטן שאָסיי, שיילן זיך אויס די איינזאַמע בוימער און קליינע ליימיקע הייזלעך. דער „קאַמיאָן" גליטשט זיך גיך־גיך און פֿאַרלאָזט די שלאָפֿנדיקע שטאָט, מיט די פֿאַרחלומטע איינוואוינער.

אַדיאָס פּועבלאַ!